STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09733

DOS YIDISHE GEMIT

Isaac Kanter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר. קאַנטער (א)

דאָס יידישע געמיט

חיים גראָס

פּסיכאָלאָגישע עסייען

DOS YIDISHE GEMIT

by

Dr. Isaac Kanter

שער געצייכנט
פון סקולפטאָר חיים גראָס

◈

PRINTED BY SHALOM TYPO, INC.
U. S. A. 1980

דאָס בוך איז געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון
מיין פאָטער ישראל קאַנטער, ז״ל
מיין מוטער, חיה-שרה קאַנטער, ז״ל
מיין ברודער, ד״ר שמעון קאַנטער, זיין ווייב און זון, ז״ל
מיין שוועסטער, פריידע ערסטער, איר מאַן און צוויי זין, ז״ל
מיין ברודער, לייב קאַנטער, זיין ווייב און טעכטערל, ז״ל
וועמענס לעבנס זענען אויסגעלעשט געוואָרן
דורך די דייטשע-נאַצישע תלינים
און זייערע אוקראַינישע משרתים
אין קאָלאָמיי 1941-43.
כבוד זייער אָנדענק!

דער מחבר.



ד״ר יצחק קאַנטער

אַריינפיר

די אַרטיקלען און עסייען, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן בוך, זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין משך פון די לעצטע 40 יאָר. עס איז אַן אויסקלויב פון אַלע אַרטיקלען. איך האָב זיי אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין דעם פאַר־מלחמה־דיקן פוילן אין די יאָרן 1937־39. דערנאָך איז געקומען די סאָוועטישע אָקופּאַציע פון דעם מזרחדיקן טייל פּוילן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען מיין היימשטאָט, קאָלאָמיי. סעפּ־טעמפּער 1939 ביז יוני 1941 — אין אָט דער צייט האָב איך געאַרבעט בלויז אַלס אַ דאָקטאָר אין דער שטאָט קאָלאָמיי. דעמאָלט זענען נישט געוועזן קיין מעגלעכקייטן עפּעס צו פאַר־עפנטלעכן אויף יידיש — ספּעציעל דעם טיפּ אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבן. אין די אַלע אויטאָ־ביאָגראַפיעס, וואָס יעדער האָט געמוזט אָנשרייבן, ווען ער האָט געוואָלט קריגן אַרבעט אַזוי ווי איך, האָב איך פאַרשוויגן, אַז איך האָב אַמאָל עפּעס געשריבן און פאַרעפנטלעכט. איך האָב תמיד געשריבן, אַז איך בין געוועזן פריער אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פּסיכיאטריע און אין נעוראָלאָגיע און מער גאָרנישט. דאָס איז געוועזן די איינציק ריכטיקע זאַך, אויב מען האָט זיך ניט געזוכט קיין צרות.

ווען די דייטשן זענען אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, אין יוני 1941 האָב איך נאָך געהאַט גענוג צייט און גענוג גליק צו אַנטלויפן און זיך באַזעצן טיפער אין רוסלאַנד, אין דער שטאָט קאַזאַן (מיין גאַנצע משפחה האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, שוין האַבנדיק די דערפאַרונג מיט דעם „רוסישן גן־עדן“, אָבער ניט גלויבנדיק, אַז די דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער, די אוקראַינער, וועלן באמת אויסהרגענען אַלע יידן—קינד און קייט). אין קאַזאַן האָב איך ווייטער געאַרבעט אין אַ פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, היפּשלעך צוגעהונגערט און ווידער האָב איך נישט דערמאָנט, אַז איך האָב ווען עס איז געהאַט צו טון מיט שרייבן און זיי האָבן מיך נישט געפרעגט.

אין סעפּטעמבער 1943, ווען די סאָוועטישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן צוריקצוטרייבן די דייטשן, האָב איך זיך פרייוויליק געמאָלדן צו גיין אַרבעטן אין די באַפרייטע טיילן פון אוקראַינע. מיך האָט מען נישט מאָביליזירט צום מיליטער, ווייל איך בין געווען אַ פריערדיקער פּוילישער בירגער און צו דער פּוילישער אַרמיי, וואָס מען האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו שאַפן אונטער גענעראַל בערלינגס אָנפירונג, האָב איך זיך ניט געאײלט צו גיין (אַנדערסעס אַרמיי האָט שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד) און מען האָט מיך געשיקט קיין מאַריופּאָל, וווּ איך האָב געאַרבעט אין דער נעווראָלאָגישער קליניק. דאָ איז ווייניק־סטנס געווען צו באַקומען פיש און אויבסט, וואָס איך האָב נישט געזען פאַר מיינע אויגן די גאַנצע צייט אין קאַזאַן. איך בין דאָרטן געווען ביזן זומער 1944, ווען עס האָט זיך געעפנט דער „צווייטער פראָנט" אין אייראָפּע. דעמאָלט איז שוין פאַר אונז געווען קלאָר, אַז די דייטשן האָבן די מלחמה פאַרשפּילט. אָבער די „מלחמה" מיט דער יידישער ציוויל־באַפעלקערונג האָבן די דייטשן מיינסטנס געוואונען... אַלע יידישע ישובים אין דער אוקראַינע זענען געווען אָפּגעמעקט און מען האָט נאָר געקענט טרעפן איינצעלנע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אָדער האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער (אָדער אין דער רויטער אַרמיי).

די גאַנצע צייט אין רוסלאַנד בין איך געווען אָפּגעריסן פון יידן. איך האָב זיך זייער פאַרבענקט נאָך אונזערע פּוילישע יידן, וואָס סטאַלין האָט פאַרשיקט קיין טיף־סיביריע, כדי זיי אומצוברענגען. אָבער נאָך דעם דייטשן אָנפאַל אין 1941 האָט סטאַלין געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער סיקאָרסקי־רעגירונג אין לאָנדאָן, לויט וועלכן אַלע פּוילישע בירגער זענען באַפרייט געוואָרן פון דער פאַרשיקונג (אַרום 250,000 יידן צווישן זיי) די יידן האָבן זיך אַלע געצויגן קיין מיטל־אַזיע, פון וואַנען עס איז געווען לייכטער אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן יידישן יישוב אין ארץ ישראל און דורך זיי באַקומען הילף. איך בין נישט געווען קיין פאַרשיקטער און בין געווען אָפּגעזונדערט פון אַט

די יידן אין מיטל־אַזיע. איך האָב זיך מיט זיי ערשט געטראָפן אין פוילן, אויסנוצנדיק מיין רעכט אַלס פוילישער ייד זיך אומצוקערן קיין פוילן. די עשאלאָנען פון רוסלאַנד זענען געגאַנגען קיין שלעזיע, וואָס רוסלאַנד האָט צוגענומען ביי די דייטשן און עס „געגעבן" צו פוילן. ווען איך בין אָנגעקומען קיין שלעזיע אין 1946, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ נייער יידישער יישוב אין לאָדזש מיט יידישע פּאַרטייען, יידישע צייטונגען און אַ יידישער ליטעראַטן־פאַריין. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, האָב פאַרלאָזן שלעזיע און בין געקומען קיין לאָדזש, וו איך האָב זיך באַגעגנט מיט יידישע שרייבער, אַסך פון וועלכע איך האָב געקענט פון פאַר דער מלחמה. איך בין ווידער געוואָרן אַ מיטגליד פון נייעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָדזש. אין דער זעלבער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער נעווראָלאָגישער אוניווערסיטעט־קליניק אין לאָדזש.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין אַלע יידישע זשורנאַלן און אויסגאַבעס וואָס זענען דעמאָלט (1946) דערשינען אין לאָדזש. ווי אַ סך אַנדערע יידן, האָב איך נישט געגלויבט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ האָפענונג, אַז דאָס גאַנצע קולטור־לעבן, וואָס אַ היפּשע צאָל יידישע פריערדיקע קאָמוניסטן האָבן זיך באַמיט אויפצובויען, האָט וועלכע עס איז אויסזיכטן אויף אריכת־ימים. עס האָט מיך אָבער אויך נישט געצויגן צו די ד. פּ. לאַגערן אין דייטשלאַנד, וו די שארית־הפליטה האָט זיך צוזאַמענגעקומען, טייל פּרווּונדיק צו באַנוצן אַלע מעגלעכע נישט־לעגאַלע וועגן קיין ארץ ישראל. איך האָב אָפּגעזוכט אַ פּאָר קוזינען, וואָס זענען נאָך פאַר דער מלחמה אַרויסגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע. זיי האָבן מיר קאַטעגאָריש אָפּגעראָטן צו קומען קיין פּאַלעסטינע, ווייל עס זענען דעמאָלט געווען צו פיל דאָקטוירים און איך האָב נישט געהאַט קיין שום האָפענונג אויף פרנסה אין דעמאָלטיקן פּאַלעסטינע נישט אַלס דאָקטאָר און נישט אַלס יידישער שרייבער. דערווייל האָב איך זיך אַרויס־גענומען אַ פּאַספּאָרט און ווען איך האָב געזען, אַז די באַדינונגען

ווערן אין פוילן אַלץ מער ענגלעך צו רוסלאַנד, בין איך צוגלייך מיט אַנדערע יידישע שרייבער אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז. געבליבן זענען נאָר די געשווירענע קאָמוניסטישע שרייבער, וואָס האָבן שפּעטער־צו, ספּעציעל נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה, געמוזט פאַרלאָזן פוילן און פון דעם נייעם יידישן יישוב אין פוילן האָט זיך טאַקע גאָרנישט אויסגעלאָזט.

אין פּאַריז, ווו איך בין אָנגעקומען אין 1948 האָב איך געהאַט דעם סטאַטוס פון אַ „טראַנס־עמיגראַנט" ד. ה. איך האָב געמוזט יעדע 3 חדשים באַנייען די דערלויבעניש פון דער פּרעפעקטור, ווייטער צו זיין אין פראַנקרייך, ביז איך וועל געפונען אַ לאַנד, וווהין איך וועל קענען עמיגרירן אויף שטענדיק. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין פּוילישער בירגערשאַפט, מאַכנדיק אַ שריפטלעכע דערקלערונג און אָפּגעבנדיק מיין פּוילישן פּאַספּאָרט אין דער פּרעפעקטור (פּאָליציי קאָמאַנדע) פאַרוואָס איך האָב באַקומען אַ נאַנסען־פּאַספּאָרט. איך האָב געוואַרט אין פּאַריז צוויי און אַ האַלב יאָר ביז איך האָב באַקומען אַ וויזע צו די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1951.

זייענדיק אין פּאַריז, האָב איך זיך פאַראייניקט מיט דער קאָלאָניע פון יידישע שרייבער אויף רי־דע־גי־פּאַטען נומ. 7. די דירות דאָ זענען באַשטאַנען פון איין צימער, אָבער קיין דירה־געלט האָט מען דערווייל נישט באַדאַרפט צאָלן, ווייל דאָס הויז האָט געהערט צו דער ראָטשילד־פונדאַציע און זיי האָבן אונז אָנערקענט אַלס פּליטים פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים אין פוילן. אַלס דאָקטאָר האָב איך אין פּאַריז נישט געטאָרט אַרבעטן. מיר האָבן באַקומען אַ קליינע שטיצע פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער אויף קיין פּרנסה האָט עס נישט געקלעקט. איך האָב פלייסיק געשריבן אַרטיקלען פאַר דעם „קיום", וואָס איז געווען רעדאַקטירט דורך ישראל עפּרויקין ע״ה. עפּרויקין איז געווען איינער פון די צענטראַל־פיגורן פון דעם יידישן ישוב אין פּאַריז, אַליין אַ מחבר פון אַ פּאָר ביכער „אינטעגראַלע יידישקייט" א. א., ער איז געווען אַ גוטער מבין אויף מיינע אַרטיקלען און ער האָט זיי גערן געדרוקט און ער האָט אויך

געצאָלט אַ פיינעם האָנאָראַר פאַר יענער צייט. ער האָט אַרויסגעגעבן דעם „קיום" אויף זיין אייגענעם חשבון. איך האָב אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין די ליטעראַרישע ביילאַגעס פון די לינקע און רעכטע פועלי־ציוניסטישע צייטונגען אין פאַריז.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דאָס דאָזיקע ביכל אַן אָפּקלויב פון עסייען און אַרטיקלען, וואָס איך האָב פאַר־עפנטלעכט במשך פון די לעצטע פערציק יאָרן אין פאַרשיידענע לענדער. פאַר דער מלחמה האָב איך געדרוקט מיינע אַרבעטן אין „ליטעראַרישע בלעטער" „פאַרויס" (לעאָ פינקלשטיין ע"ה איז געווען דער רעדאַקטאָר) אַמאָל אויך אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון „היינט". איך בין געווען אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון „סאָציאַלע מעדיצין", אַ יידיש־וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „טאָז־אָזע" (נישט צו פאַרבייטן מיט „פאַלקסגעזונט", וואָס איז געוואָרן רעדאַקטירט פון צמח שאבאד און איז דערשינען אין ווילנע, וואָס איז געווען אַ פּאָפּולערער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן דורכן „טאָז" פאַר די יידישע מאַסן אין פוילן). זייענדיק אין פאַריז, האָב איך אויך פאַרעפנט־לעכט אַרום 4 עסייען און אַרטיקלען אין „דווקא" אַ דריי־חדשים־שריפט, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן י. סוסקאָוויטש אין בוענאָס־איירעס אין אַרגענטינע. דער דאָזיקער זשורנאַל איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ און האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף אַרטיקלען מיט אַ פילאָזאָפישן, פסיכאָלאָגישן און סתם־וויסנשאַפטלעכן, אַקטועלן אינהאַלט.

איידער איך פאַרענדיק מיין שרייבערישע ביאָגראַפיע, וויל איך זיך באַוואָרענען מיט איין זאַך: אין מיין בוך, געפינט זיך אַן אַרטיקל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ד"ר מ. וויינרייכס בוך „היטלערס פּראָפעסאָרן". איך קריטיקיר אים דאָרט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט צו שרייבן דאָס בוך, אין וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט ערשט אחר־המעשה, אין יאָר 1946, נאָך דעם ווי היטלער האָט באַוויזן צו פאַרטיליקן 6 מיליאָן יידן. די אַלע „יידן־קענטעניש־אינסטיטוטן" זענען שוין געווען אין דייטשלאַנד באַלד נאָך היטלערס קומען צו

דער מאַכט. מאַקס וויינרייך האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שאַפֿן אַ סעקציע אין „ייוואָ“, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אָט דער ראַסיסטישער ליטעראַטור, ווייל דאָס וואָלט כלומרשט „פּאָליטיזירט“ דעם „ייוואָ“. עס וואָלט געווען זייער פּיינלעך פֿאַר מיר, אויב דער לייענער וואָלט באַקומען דעם איינדרוק, אַז איך גיי זיך איצט אָפּרעכענען מיט אַ שוכן־אפר, וואָס קען זיך דאָך נישט פֿאַרטיידיקן... וויל איך נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די דאָזיקע קריטיק האָב איך געשריבן אין 1947, ווען איך בין נאָך געווען אין פּוילן און ד״ר מאַקס וויינרייך האָט עס דעמאָלט זיכער געלייענט און אויב ער וואָלט מיר געהאַט עפּעס צו ענטפֿערן, וואָלט ער עס דעמאָלט זיכער געטון. ער האָט מיך גוט געקענט, ווייל אין יאָר 1938 בין איך געפֿאָרן צום „ייוואָ“ אין דאָזיקן ענין מכלומרשט אַלס אַן אַספּיראַנט... ווען איך בין אָבער אָפּגעזעסן אין „ייוואָ“ (ווילנע) דריי חדשים און איך האָב גאָרנישט געקענט פּועלן (ער האָט מיר אפילו נישט דער־לויבט צו מאַכן אַ פֿאָרש־אַרבעט וועגן יידישער טיפּאָלאָגיע), האָב איך פֿאַרלאָזן ווילנע און בין צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע, וווּ איך האָב שטודירט פּסיכאָלאָגיע, שוין מער ווי 2 יאָר נאָך באַקומען מיין ד״ר־טיטל אין מעדיצין. דורך דעם פּסיכאָלאָגישן אינסטיטוט האָב איך געקענט קריגן די נייעסטע ווערק פֿון „היטלערס פּראָפֿעסאָרן“ און איך האָב וועגן זיי געשריבן אין דער „סאָציאַלער מעדיצין“.

איך האָב ספּעציעל אַריינגעגעבן אין מיין איצטיקער זאַמלונג דעם אַרטיקל וועגן ע. ר. יענש, פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1938 און דערנאָך דעם זעלבן אַרטיקל מיט די אַלע ענדערונגען, שוין „אחר המעשה“. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיין פּריוואַטע מלחמה מיט „היטלערס פּראָפֿעסאָרן“ האָט גאָרנישט געקענט ענדערן, אָבער אַזאַ מלחמה האָט געקענט און באַדאַרפֿט פֿירן דער „ייוואָ“, נעמענדיק אָט די ווערק און פּאָפּולאַריזירן זיי צווישן יידישן עולם. ווער ווייסט, צי דאָס אַליין וואָלט נישט געקענט האָבן אַ גרויסע השפּעה אין דער ווידערשטאַנד גרייטקייט פֿון די פּוילישע יידן בימי היטלער.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1951, האָט מען מיך און רייזל זשיכלינסקי, מיט וועלכער איך האָב דעמאָלט געלעבט, טאַקע זייער שיין אויפגענומען. אויסער דעם האָט מען אונדז פאַרבעטן צו ה. לייוויקן אין זיין הויז און מיר האָבן זיך דאָרט געטראָפן מיט י. אָפּאַטאָשו ע״ה, לעיעלעס ע״ה און י. י. טרונק ע״ה. עס זענען געקומען נאָך ווייטערע אויפנאַמעס מיט אברהם רייזין ע״ה. עס האָט אונדז באַזוכט ב. שעפנער ע״ה א. א. וו. אָבער צו פרנסה איז דאָס אַלץ נישט געקומען...

איך האָב אַרויסגענומען אַ הלוואה, זיך גענומען לערנען ענגליש (איך האָב געמוזט מאַכן דעם עקזאַמען אין ענגליש איידער מען האָט מיר געגעבן אַ צייטווייליקע „ליצענס" און מען האָט אָנערקענט מיין מעדיצינישן דיפּלאָם פון פּראַג פון פאַר דער מלחמה). איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין מיין פאַך־אַרבעט און נאָך 3 חדשים האָב איך שוין געהאַט אַ פּאָסטן אַלס פּסיכיאַטער אין אַ סטעיט־האָספּיטאַל לעבן פּאָולינג אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי איך האָב באַדאַרפט אַרבעטן 8 שעה אַ טאָג און דערנאָך שטודירן צו די עקזאַמינעס (State Boards), פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געבליבן קיין צייט צו שרייבן יידיש. איך האָב זיך ספּעציעל אָנגעהויבן צו ספּעציאַליזירן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די גראַטעוועטע פון היטלערס גיהנום, ספּעציעל זינט איך האָב זיך אין 1958 אַריבער־געטראָגן אין אַ פּריוואַטן פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט אין אַמי־טיווילע, לאָנג־איילאַנד. דאָרט בין איך געווען ביז 1967, ביז איך האָב באַקומען אַ פּאָסטן אַלס פּסיכיאַטער אין קאָני־איילענד שפּיטאָל (פאַרבונדן מיט מיימאָנידעס שפּיטאָל), וווּ איך אַרבעט ביז איצט. אין אָט דער גאַנצער צייט האָב איך פאַרעפנטלעכט אויף ענגליש עטלעכע אַרטיקלען. איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש ווידער אין 1976, זינט וועלכער צייט איך פאַר־עפנטלעך מיינע אַרטיקלען אין דער „צוקונפט", אין ניו־יאָרק.

עיקר שחכתי: שרייבנדיק וועגן יידישן געמיט און יידישן כאַראַקטער, האָב איך אין זינען געהאַט תמיד נאָר די אשכנזישע יידן, נישט, חלילה, ווייל איך באַטראַכט די ספרדישע יידן אַלס

נישט וויכטיק אָדער מיט עפּעס וואָס געמינערט. מיין גאַנץ וויסן וועגן יידן איז ערשטנס דאָס, וואָס איך האָב אַריינגעזאַפּט אין זיך אין מיינע קינדער־יאָרן, פון דער יידישער שטוב, פון וועלכער איך שטאַם און פון דער יידישער שטאָט קאָלאָמיי, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן. קאָלאָמיי איז נישט ווייט פון קאָסאָוו און קוטעוו אין די קאַרפּאַטן־בערג, ווו עס איז נתגלה געוואָרן דער בעל־שם, ישראל בעל־שם־טוב, דער פאָטער פון חסידות. אָט די דריי הייליקע שטעט (אַלע דריי הויבן זיך אָן מיט אַ „ק״), דאָס איז געווען די הייליקע טעריטאָריע, פון וועלכער עס קומט אַרויס דאָס העכסטע און שענסטע, וואָס דאָס אשכנזישע יידנטום האָט געשאַפן פאַר די לעצטע אַכט הונדערט יאָר — די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן אין אַלע תפוצות פון מזרח אייראָפּעישן יידנטום. דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום איז אויך געווען דער לעבעדיקער קוואַל, פון וועלכן עס זענען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַלע מאָדערנע יידישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, די מאָדערנע העברעישע און יידישע ליטעראַטורן. דער דייטשער רוצח האָט דאָס אַלץ צעשטערט, די יידן און זייער גייסטיקע שאַפונג. שפּעטער־צו האָבן די סאָוועטן פאַרענדיקט דאָס, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן: די טאָטאַלע פאַרטיליקונג פון יידישער שעפערישקייט אין מזרח אייראָפּע. מיר ריידן היינט פון דעם סוף פון דער אשכנזישער עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע פאַר די לעצטע אַכט הונדערט יאָר.

אומקערנדיק זיך צו דער יידישער שטוב, פון וועלכער איך קום אַרויס, וויל איך דערמאָנען מיין מאַמע חיה־שרה, וואָס איז געווען אַ קוואַל פון יידישן פאָלקלאָר און פאָלקס חכמה. זי האָט געשטאַמט פון טשאָרטקעוו און איז געווען אַ טשאָרט־קעווער חסידה. ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, האָב איך געהאַט מאָזלען. דער דאָקטאָר האָט געהייסן, אַז איך מוז ליגן אין בעט גאַנצע דריי חדשים. אָט די גאַנצע צייט איז מיין מאַמע מיט מיר געזעסן און האָט מיך פאַרוויילט מיט חסידישע מעשיות און פאָלק מעשיות.

מיין טאַטע איז געווען אַ קאָסאָווער חסיד, אָבער נישט קיין פאַרברענטער חסיד, ווייט ניט אַזוי ווי מיין זיידע, דעם טאַטנס פאָטער, ר׳ איטשע קאַנטער (נאָך וועלכן איך הייס). ער איז דאָס געווען דער אמת׳ער חסיד, האָט געפראַוועט טיש יעדן שבת און יום־טוב. ער איז געפאָרן רעגלמעסיק קיין קאָסעוו צום אַלטן קאָסאָווער רבין. מיין זיידע, וואָס איז געשטאָרבן צוויי יאָר איידער איך בין געבוירן געוואָרן, איז געווען אַ ייד פול מיט חכמה און הומאָר. זיינע ווערטלעך און איינפאַלן האָט מען געהאַלטן אין איין נאָכדערציילן אין אונזער היים און אין די היימען פון מיינע פעטערס, דעם טאַטנס ברודער ע״ה.

פון אַלע ברודער איז מיין טאַטע געווען דער איינציקער, וואָס האָט געשיקט זיינע קינדער אין גימנאַזיע אַריין. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַ וועלטלעכע בילדונג. דאָס געלד אויף דייטשע ביכער האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט דערפון, וואָס ער האָט זיך נישט געקויפט קיין מיטיקן בשעת ער האָט געלערנט אין בית מדרש.

איך מוז נאָך דערמאָנען איין ברודער: מיין טייערן ברודער פישל, וואָס איז אומגעקומען אויף דעם איטאַליענישן פראָנט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. כאָטש ער איז געווען אַכט יאָר עלטער פון מיר, (ער איז געגאַנגען אין איין קלאַס גימנאַזיע מיט ד״ר שלמה ביקל ע״ה, וועלכער פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט ביי אונז אין דער היים), פלעגט ער צו מיר ריידן ווי ווען איך וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסענער. ער האָט פון מיר געמאַכט אַ ציוניסט נאָך ווען איך בין אַלט געווען נישט מער ווי 5 יאָר... מיר האָבן זיך זייער ליב געהאַט און ער האָט תמיד געפונען צייט צו מיר צו ריידן און מיך אויפצוקלערן... בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער תמיד געשריבן פון דער פראָנט אַ ספּעציעלע קאַרטע צו מיר, אויסער דער קאַרטע צו די עלטערן... נאָך לאַנגע יאָר האָב איך געהאַט חלומות וועגן אים, אַז ער האָט זיך אָפּגעפונען און איז צוריקגעקומען אַהיים... ווען איך בין אַלט געווען 16 יאָר, האָב איך געפּרוווט שרייבן פּאָעזיע, פאַרשטייט זיך, אַז איינע פון מיינע טעמעס איז געווען מיין

ברודער פישל (אגב, האָב איך אין יענער צייט אויך באַוויזן אָפּצודרוקן אַ פּאָר פּאָעמעס אין די יוגנט זשורנאַלן אין פּוילן 1926־27. כ׳האָב אָבער שפּעטער באַשלאָסן, אַז פּאָעזיע איז נישט מיין געביט און אָנגעהויבן צו שרייבן אַרטיקלען. אין יענער צייט בין איך געווען פּראָ־אוקראַיניש געשטימט און רחל אויערבאַך ע״ה, די אַרויסגעבערין פון „צושטייער״ אין לעמבערג 1929־30 האָט זיי געשיקט קיין ניו־יאָרק צו בעריש וויינשטיין ע״ה און ער האָט עס געדרוקט אין זיין זשורנאַל, וואָס ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן. איך מוז נאָך דערמאָנען מיין בן־עיר נפתלי גראָס, וועלכער איז אין 1926 געקומען פון ניו־יאָרק קיין קאָלאָמיי, אויף אַ באַזוך צו זיין משפחה אויף עטלעכע חדשים. מיר, ד. ה. די יידישיסטישע יוגנט־קרייזן, האָבן אים איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן אָוונט. ער איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אין וואַרשע און ווילנע, וו די יידישע שרייבער־פאַריינען האָבן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן פאַר אים. געדרוקט זיינע לידער, א. א. וו. איך בין געווען אַן אָפטער גאַסט ביי אים אין דער היים אין 1926, אין דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי זיין משפחה אין קאָלאָמיי. ער האָט מיר אַ סך דערציילט פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישן טעאַטער, וואָס האָט דעמאָלט געבליט אין אַמעריקע. איך האָב זיך מיט אים ווידער געטראָפן, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין 1951 און מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען אַלעמאָל אַ פּאָר זייער אָנגענעמע שעהן. ער האָט מיך אַלע מאָל פאַרבעטן צו זיך אַהיים, איך האָב דאָס אָבער נישט געקענט אויספירן, ווייל איך האָב שוין נישט געווינט אין ניו־יאָרק און איך בין שוין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע מעדיצינישע „ביזנעס״. חיים גראָס, דער באַרימטער סקולפּטאָר, איז דער ברודער פון נפתלי גראָס, איך האָב זיך מיט אים אויך באַקענט, ווען ער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צו איינער פון די הזכרה־פאַרזאַמלונגען פון דער קאָלאָמייער קולטור־אָרגאַניזאַציע א. נ. פון נפתלי גראָס. צום באַדויערן איז נפתלי גראָס געשטאָרבן אין זייער אַ פריען עלטער, מיט אַ היפּשע פּאָר יאָר צוריק. ער

און ד״ר שלמה ביקל זענען דאָס געווען די רעדאַקטאָרן פון דעם „קאַלאָמייער פנקס״, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי אָבער נפתלי גראָס איז אַזוי יונג אַוועקגעשטאָרבן, האָט שוין שלמה ביקל געמוזט אַליין פאַרענדיקן די אַרבעט. איך וויל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען, אַז איינס פון ד״ר שלמה ביקלס ביכער פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט דער שטאָט קאָלאָמיי אונטערן נאָמען „אַ שטאָט מיט יידן״ (1960). עס פאַרנעמט זיך מיט פערסאָנאַזשן איין און צוויי דורות פאַר מיר. ער האָט עס מיר צוגעשיקט און איך האָב געהאַט אַ סך הנאה בשעת איך האָב עס געלייענט, כאָטש אַ סך געשטאַלטן זענען נאָך פון אַ צייט, ווען איך בין נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ד״ר שלמה ביקל איז שוין נישטאָ, אָבער די אַרבעט פאַר יידישער ליטעראַטור וועט אָנגעפירט ווערן ווייטער פון די, וואָס זענען געבליבן.

◈

די כאַראַקטעראָלאָגישע באַדייטונג פון שלום עליכמס טיפן

(אויפן ראַנד פון י. י. טרונקס „טוביה און מנחם מענדל אין יידישן וועלט-גורל". פאַרלאַג „ציקאָ", ניו-יאָרק 1944).

פאַר אַ סך יידישע לייענער זעט עס אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס: ווי קען מען דאָס אָנשרייבן אַזעלכע שווערע ביכער וועגן אַזאַ „לייכטן" שרייבער, ווי שלום-עליכם? נאָך פאַר דער לעצטער מלחמה, אין יאָר 1937 האָט י. י. טרונק אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „קולטור-ליגע" זיין בוך: שלום-עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק). שוין אין דעם דאָזיקן, איבער 300 זייטיקן בוך גיט אונז טרונק אַ פאַרטיפט-פסיכאָלאָגישן, כאָטש טיילמאָל פאַרפּלאָנטערטן אַנאַליז פון דעם וועזן פון שלום-עליכמס שאַפן. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון די תמציתדיקע מאָמענטן אין שלום-עליכמס ווערק. אמת, עס וועט שוין היינט נישט זיין קיין נייעס, ווען מיר וועלן פעסטשטעלן, אַז יידישער הומאָר, דער הומאָר פון שלום-עליכמען שפּרודלט פון גאָר טיפע קוואַלן: אונטער דער חנעוודיקער און פאַלקסטימלעך-האַרציקער איבערפלאַך געפינען זיך טיפ-קייטן, צו וועלכע מען קען דערגיין ערשט נאָך אַ פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך עס איז די סיבה פון דער הנאה, וואָס מיר האָבן ביים לייענען שלום-עליכמען. ווייל אין שלום-עליכמס ווערק איז דאָ נישט נאָר טיפקייט, נאָר טאַקע אויך יידישע גורלדיקייט — אַ דירעקטער אָנווייז אויף די עיקרדיקע יידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער זיין אַלס מענטשן און אַלס פאָלק. אויף אָט דעם לעצטן שטעלט זיך אויך טרונק געגויער אָפּ אין זיין בוך „טוביה און מנחם-מענדל אין יידישן וועלט-גורל".

▽

אין דער הקדמה צום דאָזיקן בוך זאָגט י. י. טרונק: „שלום-עליכם איז ממש אַן אַנטפּלעקונג. איידער ער איז געקומען זיינען אַלע טירן צו דעם היסטאָרישן מעכאַניזם פון דער יידישער פסיכיק געווען כמעט ווי פאַרשלאָסן. אויף די פלאַכן פון איר גאַנצער טעטיקייט איז די יידישע געמיינשאַפט סוף כל סוף פאַרבליבן פאַר אונז אַן אויסטערלישער, היסטאָרישער פענאָ-

מען, זי האָט עקזיסטירט. אָבער זי האָט עקזיסטירט און זיך מיטגעדרייט אַרום דער פּלאַנעט פון דער מענטשהייט ווי אַן אויסטערלישער טראַבאַנט, וועמען מיר האָבן נישט באַוויזן צו געבן קיין נאָמען און קיין געזעץ... דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט הערקלערן וועגן יידן און יידישער פּסיכיק און דאָך געפילט, אַז עס האָט אַ לעבעדיקן באַדייט, האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן יידנטום, צי גאָר — רוח־היהדות... שלום־עליכם האָט, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטער אויפגעדעקט דעם לעבעדיקן אַטאָם פון יידישן וועזן (הָעם גרויען יידישן מענטש) אַלס היסטאָרישער יש און אַלס היסטאָרישע באַוועגונג. דורך דעם דאָזיקן אַטאָם האָט „ער געוואָלט אַריינדרינגען אין דעם געהיימניספולן געוועב פון יידישער עקזיסטענץ״.

און ס׳איז ריכטיק: דורך דער פּסיכאָלאָגיע פון שלום־עליכמס טיפּן קענען מיר אויפדעקן די פּסיכאָלאָגיע פון דעם יידישן קאָלעקטיוו. אַזעלכע טיפּן, וואָס זיינען אַ שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן פאָלק. דאָס זיינען שלום־עליכמס אומשטערבלעכע געשטאַלטן מנחם־מענדל און טוביה דער מילכיקער. מען טאָר אָבער דערביי נישט פאַרגעסן: שלום־עליכמס פאַנטאַזיע שימערירט און בליצט מיט איינפאַלן און קאָמישע סיטואַציעס. עס זיינען דאָ אָבער נישטאָ קיין שום צופעליקייטן. זיינע טיפּן זיינען גענומען פון דערווירקלעכקייט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זיי זיינען פּשוטע קאָפּיעס פון דער ווירקלעכקייט. שלום־עליכמס טיפּן זיינען אַן עקסטראַקט פון אַ סך אמתדיקע לעבנס און כאַראַקטערן. זיינען זיי דאָך דורכגעגאַנגען דעם קינסטלערישן פּראָצעס פון געשטאַלטיקונג.

י. י. טרונקס בוך וועגן מנחם־מענדל און טוביה גייט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ געוויינטלעכער ליטעראַטור־קריטישער אַרבעט. אין אָט דעם בוך גיט דער מחבר אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון שלום־עליכמס הויפּט־טיפּן און פון אַלע זייערע האַנדלונגען. פון דער אַנדערער זייט, ווערט אַנגעוויזן אויף די שייכותן, וואָס זענען פאַראַן צווישן דעם כאַראַקטער און גורל פון די טיפּן און דעם יידישן קאָלעקטיוו (וועמען זיי רעפּרעזענטירן) און זיין געשיכטלעכן גורל.

▽

באַלד אין אָנהויב פון זיין בוך וועגן מנחם־מענדל שרייבט טרונק: „שלום־עליכם האָט זיך אַן שום אייגנטלעכע באַוואָרענישן אידענטיפיצירט מיט דער פּערזאָן פון מנחם־מענדל״. אַלס באַווייז פון זיין טעזע, ברענגט

טרונק אַ ציטאַט פון דער הקדמה פון מנחם־מענדל־בוך. אָבער פון דער דאָזיקער הקדמה זעען מיר נאָר געוויסע ענלעכקייטן אין דער ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם מיט דער לעבנסבאַשרייבונג פון מנחם־מענדל. עס וואָלט בעסער געווען, גלויבן מיר, צו נעמען טאַקע ווערטלעך דאָס, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן אין זיין הקדמה: „מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבעך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פּאַרפאָסער איז פּערזענלעך און נאָענט באַקאַנט. ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן... באַגעגנט זיך מיט אים אויף דער אָדעסער „קליינער בערזע" אינם יאָר 1892..." צו דער דאָזיקער ציטאַטע באַדאַרף מען נאָך צוגעבן אַ פּאָר פּרטים פון דעם רוסישן מנחם־מענדל־וואַריאַנט, אין וועלכן שלום־עליכם גיט אונז אַ גענויע קערפּערלעכע באַשרייבונג פון דעם פּראָטאָטיפּ מנחם־מענדל. „אונזער העלד איז געווען אַ נידריטשקער, אַ גראָביטשקער מיט אַ שטאַרק באַוועגלעך פּנים, שוין נישט קיין יונגער, אַ בחור פון אַ יאָר 40 אָדער 50 — עס איז געווענדט אין די אומשטענדן, אויב זיינע געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט, פלעגט ער ווערן אויף אַ 10 יאָר יונגער; ווען עס האָט אים אָבער נישט געגליקט, פלעגט ער שוין נישט אויסזען אַזוי יונג, כאָטש דאָס פּנים זיינס איז שטענדיק געווען לעבעדיק, און אויף זיינע ליפּן האָט שטענדיק געשפּילט אַ לעבנסלוסטיקער שמייכל"[1]. ווען י. י. טרונק וואָלט געקענט דעם דאָזיקן מנחם־מענדל־וואַריאַנט, וואָלט ער דאָך נישט געשריבן: „מיר ווייסן אייגנטלעך נישט, ווי עס קוקן אויס די דאָזיקע וויכטיקע שלום־עליכמשע פיגורן אין זייער קערפּערלעכער געשטאַלט (ז. 183) און אויך נישט: „זאָל יעדער יידישער מענטש אַליין געשטאַלטיקן אין זיין פאַנטאַזיע מנחם־מענדלס און טוביהס בילד לויט דעם אייגענעם איינזען און לויט דעם אייגענעם — יידישן שפּיגל־בילד".

צי איז אָבער דערלאָזבאַר אַזאַ „פרייהייט" צו מאָלן מנחם־מענדלען און טוביהן — ווי עמיצן עס געפעלט? זאָגט דאָך י. י. טרונק אַליין, אַז שלום־עליכם האָט „אַנטפּלעקט דעם קליינעם און ריאַלן יידישן מענטש, ד. ה. דעם

---

1) אין יאָר 1892 האָט שלום-עליכם פאַרעפנטלעכט אין דער רוסישער צייטונג „אָדעסקי ליסטאָק" (נ. 328 פון 12טן דעצעמבער) זיין ערשטן מנחם-מענדל-וואַריאַנט. די יידישע איבערזעצונג אין „פּאַרויס" נ. 6-7 1938, וואַרשע.

פרימערן און לעבעדיקן עלעמענט, וואָס שאַפט דעם קאָלעקטיוו און שאַפט דעם גייסט פון קאָלעקטיוו״ (הקדמה). אויב מיר שטעלן אַלץ אויף דעם „קליינעם רעאַלן יידישן מענטש״, איז אונז מחייב עקזאַקטקייט אין אַלע פרטים, אַפילו אַזאַ „קליינקייט״, ווי זיין אויסזען און זיינע קערפּערלעכע קאַנטורן! ווי מיר וועלן זיך נאָך איבערצייגן, איז דאָס אַ זאַך פון אומגעהויער־רער וויכטיקייט. פון דער באַשרייבונג, וועלכע עס גיט שלום־עליכם אין זיין רוסישן מנחם־מענדל־וואַריאַנט, זעען מיר, אַז מנחם־מענדל איז אַן אויסגעשפּראָכענער פּיקניקער. צו זיין פּיקנישן קערפּערבוי פּאַסט זייער גוט זיין גאַנצער כאַראַקטער און זיין קוועקזילבערדיקע פּסיכאָמאָטאָריק און באַוועגלעכקייט. ווען מיר וואָלטן אַפילו נישט געהאַט די דאָזיקע קערפּערלעכע כאַראַקטעריסטיק פון מנחם־מענדלען, וואָלטן מיר לייכט געקענט רעקאָנסטרואירן זיין אויסערלעך אויסזען, שטיצנדיק זיך אויף זיין כאַראַקטער און זיין פּסיכאָמאָטאָריק (מיט הילף פון דער טיפּאָלאָגיע פון ערנסט קרעטשמער. זע זיין הויפּט־ווערק: „קערפּערבוי און כאַראַקטער״).

▽

י. י. טרונק שרייבט: „מנחם־מענדל שטייט פּסיכיש מחוץ אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען. ער ווערט באַהערשט בלויז פון צוויי געפילן: מינדערווערטיקייט און איבערווערטיקייט. דאָס איבערווערטיקייטסגעפיל נעמט אויף זיך די גאַנצע וואָגעניש און דאָס מינדערווערטיקייטסגעפיל — די גאַנצע שולד. דער מענטש מיט דעם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס האָט נישט די העזה אויף עמיצן אַרויפצוואַרפן די גאַנצע שולד... ער גלויבט אַליין צו מוזן טראָגן די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין מינדערווערטיקייט״. (ז. 224).

לויט י. י. טרונק איז מנחם־מענדלס גאַנץ האַוונען און שמאַיען, זיינע אַלע „גילדענע געשעפטן״ און אויספאַנטאַזירטע גליקן — נאָר אַן איבער־קאָמפּענסאַציע פון אַ טיף־פאַרוואָרצלטן מינדערווערטיקייטסגעפיל. און ער פרעגט זיך: „צי איז מנחם־מענדל אין דער היים אין קאַסרילעווקע, לעבן שיינע־שיינדלס פאַרטוך אויך געווען אַזאַ ווילדער שטערן־קוקער און אַזאַ גילדענער גאָלדשפּינער?״ (ז. 192) און י. י. טרונק מאָלט מנחם־מענדלען, ווי ער האָט געמוזט אויסזען אין קאַסרילעווקע, נאָך איידער ער איז מגולגל געוואָרן קיין אָדעס: „עפּעס אַזוינס ווי אַ שטיל ווייבעריש מענטשל, וואָס גייט כסדר אַרום איבער קאַסרילעווקע פאַרחלומט פון

אייגענער מאַכטלאָזיקייט, קלערט אין דער שטיל מן־הסתם פון די רויטע יידעלעך און קייעט זיך דערביי זיין אייגן בערדל״. (ז. 193).

מען קען מסכים זיין מיט טרונקן, אַז מנחם־מענדל איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל מעטאַמאָרפאָזע, איידער ער איז געוואָרן אַזוי, ווי ער אַנטפּלעקט זיך אונז אין זיינע בריוו. שרייבט דאָך שיינע־שיינדל, אַז זי דערקענט אים גאָרנישט. צי קען מען אָבער די גאַנצע פּסיכישע דינאַמיק פון מנחם־מענדלען פאַרשפּיצן צו דער אַדלערישער פאָרמולע וועגן איבער־קאָמפּענסאַציע פון מינדערווערטיקייטסגעפילן? און מנחם־מענדלס טעמ־פעראַמענט (מיט אַלע זיינע וואַקלענישן, וואָס דערקלערן זיינע מעטאַמאָר־פאָזעס), האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

אַנווענדנדיק וויטער קאָנסעקווענט די אַדלערישע סכעמע, דערגייט י. י. טרונק דערצו, אַז ער שטעלט אונז פאָר מנחם־מענדלען אַלס אַ ניירא־טיקער: זיין „אָפּרייסן זיך פון דער ווירקלעכקייט״ דערקלערט טרונק אַלס מורא פאַר דער ווירקלעכקייט און אַנטלויפן פון איר.

▽

אויף זייט 225 לייענען מיר: „מנחם־מענדל איז אויפריכטיק בלויז אין זיינע ווונטש־פאָרשטעלונגען. די דעפּרעסיווע שטימונגען קומען נישט פון דער טיף פון זיין וועזן. ער שפּילט דעם טראַגישן זשעסט ווי אַ שלעכטער קאָמעדיאַנט, ער שפּילט אים מיט אַ יאָמערלעכער פּאָזע, אָן דער מינדסטער ווירקלעכער איבערלעבונג פון אַנטוישונג. די וועלט איז אַזוי געמאַכט פאַר מנחם־מענדלען, אַז זי קאָן און טאָר נישט אַנטוישן״. דאָ זייגען מיר ווידער אין דער היים. ווי ווייט איז אָט די כאַראַקטעריסטיק פון די פריער ציטירטע! דאָ דערקענען מיר ווידער מנחם־מענדלען. ווייסן מיר דאָך, ווי זעלטן מנחם־מענדל אַנטוישט זיך און ווי שנעל ער גייט אַריבער איבער אַלע זיינע דורכפאַלן צו דער טאָג־אָרדנונג, ד. ה. צו שפּאָגל־נייע „גילדענע געשעפטן״. וואָס ענדיקן זיך אַזוי ווי די פריערדיקע — מיט אַ דורכפאַל, וועלכער מאַכט ווידער נישט אויף אים קיין איינדרוק א. אַ. וו. בכלל קומען די דעפּרעסיע־שטימונגען דייער זעלטן פאַר ביי מנחם־מענדלען און ווען שוין יאָ — דאַן אָן וועלכן ס׳איז איינפלוס אויף דער ווייטערדיקער האַנדלונג.

צי קען מען אָבער מנחם־מענדלס נישט רעכענען זיך מיט דער גרויער ווירקלעכקייט תופס זיין אַלס לעבנסאָנמעכטיקייט? צי איז דאָס דווקא אָן אויסדרוק פון אַ ניראָטישן אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט?

מנחם־מענדלס איגנאָרירן די ווירקלעכקייט און אירע פאָדערונגען איז אַ רעזולטאַט פון אַ שטאַרקן און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, וואָס שטראָמט מיט אַלץ נייע און נייע לעבנס־כוחות — פון די טיפענישן פון דער פּערזענלעכקייט. עס שפּרודלט פון אים אַן אומצעשטערבאַרער אָפּטימיזם — אויך ביי די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען. אַט אַזאַ אָפּטימיזם און אומדערמידלעכע אַקטיוויטעט גיט דאָך די בעסטע רעזולטאַטן און זיכערן דערפאָלג — ביי אַ וויניקער געשטייגערטער פּסיכאָמאַטאָריק און ביי מער ישוב־הדעת. איז דאָך מנחם־מענדל דער צום אַבסורד דערפירטער, עקסטרעמער אויסדרוק פון אַ סך פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן. אָבער ביי דער גרויסער מאָסע מנחם־מענדלס (ביי וועלכע די קוואַנטיטעט פון פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן איז נאָך נישט אויסגעוואַקסן צו דעם מאָמענט, ווי די קוואַנטיטעט גייט אַריבער אין אַן אַנדערער קוואַליטעט) גייט דער זוניקער אָפּטימיזם צוזאַמען מיט מאַקסימאַלער איינפּילבאַרקייט, עלאַסטישקייט, צופּאַסונגספעאיקייט, האַרציקייט און אוממיטלבאַרקייט. אַט די אַלע אייגנשאַפטן וועלן מיר אין אַ היפּשער מאָס געפינען ביי דעם מער מיושבדיקן און רואיקערן מנחם־מענדל — ביי טוביה דעם מילכיקן.

אָבער ביי מנחם־מענדלען ווערן די אַלע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן דער־פירט ביז צו דעם עקסטרעם פון קומען אין קעגנזאַץ צו דער ווירקלעכקייט און אירע פאָדערונגען. דער אָפּטימיזם גייט אַריבער אין נאַאיווער לייכט־גלויביקייט, די צופּאַסונגס־פעאיקייט, עלאַסטישקייט און אוממיטלבאַרקייט — אין פּרינציפּלאָזיקייט און קריטיקלאָזיקייט. פון דער פעאיקייט לייכט צו געפינען אַ קאָנטאַקט צו מענטשן ווערט נישט־איבערקלויבערישקייט ביים מאַכן נייע באַקאַנטשאַפטן. עס איז אַלץ אָפּהענגיק פון דער דאָזירונג.

מנחם־מענדלס לייכטגלויביקייט און קריטיקלאָזער צוטרוי, דאָס איז נישט מער ווי דער באַקאַנטער יידישער אָפּטימיזם — אין אַ צו גרויסער דאָזע. מנחם־מענדלס קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט האָט זיין מקור נישט אין דעם אונטערבאַוווסטזיניקן אַנטלויפן פון דער רעאַליטעט און נישט אין לעבנסשוואַכקייט, ווי עס מיינט י. י. טרונק, נאָר אין דעם נאַאיוון, קריטיקלאָזן ווילן צו נעמען די וועלט מיט שטורעם. די טרייב־כוחות זיינען מנחם־מענדלס ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט און שטאַרק איבערדאָזירטער אָפּטימיזם און נישט קיין שום נייראָטישע איבערקאָמ־פּענסאַציע, ווי י. טרונק וויל דאָס באַווייזן. נישטאָ קיין גרעסערער טעות,

ווי צו אידענטיפיצירן מנחם־מענדלס אימפּעט מיט דאָן־קישאָטס קאַמף מיט די ווינטמילן. די ענלעכקייט איז נאָר אַ רייך־אויסערלעכע. ביי אַ ריכטיקן, ביאָ־פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג וואָלט אויך פאַר י. י. טרונק געמוזט זיין קלאָר, אַז מנחם־מענדל און דאָן־קישאָט זיינען אייגנטלעך צוויי קאָנטראַסטן, סיי לויט זייער קערפּערבוי (דער לאַנגער און דאַרער ריטער פון דער טרויעריקער געשטאַלט און — דער רונדער, קליינער, מיט קורצע הענט און פיס, גרויסן קאָפּ, קוועקזילבערדיקער מנחם־מענדל!), סיי לויט זייער כאַראַקטער[2].

די ענלעכקייטן צווישן מנחם־מענדל און דאָן־קישאָט — זייער אימפּעט. דער קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט טאָרן אונז נישט פאַרפירן און באַרעכטיקן אונז בשום אופן נישט, זיי צוזאַמענצושטעלן ווי צוויי גלייכ־ראַנגיקע, אידענטישע פּענאָמענען. איך וויל שוין דאָ נישט רעדן פון אַלע סביבהדיקע פאַרשיידנקייטן (מיליע, קולטור א. אַ. וו.), איז דאָך בייביידן די פּסיכישע דינאַמיק און דער טעמפּעראַמענט אַ גאַנץ פאַרשיידענער. אָבער דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך.

די גרויסע מאַסע מנחם־מענדלס איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון אַ היסטאָרישער סעלעקציע אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. עס איז קלאָר, אַז אין די לעבנס־באַדינגונגען פון יידישן פאָלק — אויף דעם שטח פון דער גאַנצער גלות־געשיכטע און אין אַ היפּשער מאָס אויך פאַר דעם גלות — האָט זיך געקענט דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך גיכער דער אָפּטימיסטישער, עלאַסטישער און צופּאַסונגס־פעאיקער טיפּ. דאָס לעבן אין דער פאַרפאָלגטער און אונטערדריקטער געמיינשאַפט האָט געפאָדערט אַ שטאַרק רחמנות־געפיל צו אייגענע, וואָס גייט צוזאַמען מיט אַן אויסער־געוויינלעכער פעאיקייט זיך אַריינצולעבן אין דער לאַגע פון אַנדערע מענטשן, צי דאָס זיינען אייגענע, צי שכנישע פעלקער: די טיפּן מנחם־מענדל און טוביה זענען אַ פּראָדוקט פון לאַנגע דורות און נישט קיין רעזולטאַט פון אַן איבערקאָמפּענסירטן אָדער נישט קאָמפּענסירטן מינ־

---

2) זע מיין אַרבעט: „מנחם-מענדל און דאָן-קישאָט", „פּאַרויס" 1938, נ. 15 (17), וואַרשע און אויך: „קאָנסטיטוציע און כאַראַקטער", סאָציאַלע מעדיצין (1-2), יאַנואַר 1938, וואַרשע.

דערוווערטיקייטס־קאָמפּלעקס ביי אַ יחיד אָדער ביי אַ גאַנצער רייע פון יחידים.

איינע פון די דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, איז דער זאַץ: „דער כאַראַקטער פון מענטש, דאָס איז זיין גורל״. דער דאָזיקער זאַץ, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער איינזייטיקייט, האָט אין זיך אַ סך אמת. אויב מיר וועלן געבן אַ ריכטיקן אַנאַליז פון דער פּסיכישער דינאַמיק און פון כאַראַקטער פון די טיפּן מנחם־מענדל און טוביה, וועלן מיר אויך עפּעס קענען זאָגן וועגן זייער גורל און אויך וועגן גורל פון פאָלק, וועלכעס זיי רעפּרעזענטירן. האָבן מיר דאָך אָנגענומען די טעזע, אַז „שלום־עליכם איז דער אַנטדעקער פון די אַטאָמען פון דער יידישער געשיכטע״ (טרונק). מיר מוזן אָבער קאַטעגאָריש אָפּוואַרפן טרונקס אַדלערישע, אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע אויסטייטשונג פון מנחם־מענדלס פּסיכישער דינאַמיק. עס איז באמת צו באַדויערן, וואָס טרונק האָט פאַרוואַרלאָזט די ביאָלאָגישע אויספאָרשונג פון דאָזיקן הויפּט־טיפּ, אַרי־בערשפּרייזנדיק איבער דעם אַנאַליז פון זיין קערפּערבוי, ווי איבער עפּעס נישט וועזנטלעכס. און דעריבער האָט ער נישט דערזען די קאָרעלאַציע צווישן זיין קערפּערבוי, כאַראַקטער און פּסיכאָמאָטאָריק און נישט ריכטיק פאַרשטאַנען זיין פּסיכישע דינאַמיק און אירע טרייב־כוחות. אַזוי אַרום זיינען אַ סך פון טרונקס ווייטערדיקע אויספירונגען אַבסטראַקט און נישט איבערצייגנדיק, כאָטש אַ סך פון זיי זיינען — אַליין און פאַר זיך גענומען — ריכטיק. אָבער די אַרבעט וועגן מנחם־מענדלען אַלס גאַנצע האָט אַלע חסרונות פון אַ ספּעקולאַטיווער, מיט אַ סך פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן איבער־געלאָדענער דיסערטאַציע.

II

טוביה דער מילכיקער, דער האַרעפּאַשניק און קלוגער ווערטל־זאָגער איז, קען מען מיינען, פון אַ גאַנץ אַנדערן טייג געקנעטן ווי מנחם־מענדל. אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי צוויי גאָר נאָענטע קרובים. עס זיינען אָבער אויך דאָ חילוקים אין זייער כאַראַקטער. טוביה איז אויך אַן אָפּטימיסט, אָבער פונדעסטוועגן קומט ער קיינמאָל נישט אין קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט. ער פאַרלירט אָבער אויך נישט דעם בטחון, כאָטש ער ליידט איין דורכפאַל נאָך דעם אַנדערן. טוביהס אָפּטימיזם איז אַן אַנדערער, ווי מנחם־מענדלס. טוביהס אָפּטימיזם איז אַ רואיקער, אַ

פילאָזאָפיש־געלייטערטער. צום בולטסטן קומען צום אויסדרוק די ענלעכ־קייטן און חילוקים צווישן טוביה און מנחם־מענדל אין דעם טוביה־מאָנאָלאָג „אַ בוידעם". די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע פון טוביהן מיט מנחם־מענדלען האָט לויט טרונקן פאַר אַ ציל „איבער דער גייסטיקער קרובה־שאַפט זייערער בולט אונטערצושיידן דעם גרויסן חילוק צווישן אָט די ביידע פּאָזיטיווע טרעגער פון שלום־עליכמס וועלט־געפיל" (ז. 28). מנחם־מענדל אַנטוישט זיך קיינמאָל נישט, ער קען זיך נישט קאָנטראָלירן, ווייל עס פעלט אים די עלעמענטאַרסטע זעלבסט־קריטיק. „די ליניע, צו וועלכער עס רייסט זיך דער לעבנס־אינסטינקט פון מנחם־מענדל, האָט נאָר איין ציל: די ווונטש־דערפילונג. צו דעם דאָזיקן ציל ווערט מנחם־מענדל געטריבן פון אַ ווילדן טעמפּעראַמענט" (ז. 28). מנחם־מענדל רעזיגנירט קיינמאָל נישט. נישט קוקנדיק אויף אַלע קלעפּ און מיסדער־פּאַלגן, הויבט ער אַפילו נישט אָן צו ספקן, אַז סוף כל סוף וועט ער נאָך פּאַקן דאָס גרויסע גליק. אויף זיינע מיסדערפּאָלגן קוקט ער, ווי אויף עפּעס אַ מיספּאַרשטייעניש, ווייל צום סוף פון זיינע באַמיונגען זעט ער נאָר דעם דערפּאָלג. אויך טוביה איז אַקטיוו, אָבער ווען מען באַדאַרף, זעט ער איין די גאַנצע אויסזיכטסלאָזיקייט פון זיין געראַנגל און מאַכט דערמיט שלום — ער רעזיגנירט. אָבער פונדעסטוועגן פאַרלירט ער נישט דעם בטחון, טוביהס בטחון גייט פּאַראַלעל מיט אַ טיפן סקעפּטיציזם. „טראָץ זיין סקעפּטיציזם איז טוביה פּאַרט אַ מנחם־מענדל", באַמערקט טרונק זייער ריכטיק און ווייטער לייענען מיר ביי טרונקן, אַז אויב מנחם־מענדל איז „דאָס יידישע וועלטגעפיל" אין זיין ערשטער פּאַזע, שטעלט טוביה מיט זיך פאָר אַ צווייטע, העכערע פּאַזע פון דעם יידישן וועלטגעפיל". דעם בעסטן באַווייז, אַז אויך טוביה איז — אויף זיין שטייגער — אַ מנחם־מענדל ברענגט אונז שלום־עליכם אין דעם טוביה־מאָנאָלאָג „אַ בוידעם". דאָ הערן מיר, אַז אויך טוביה לאָזט זיך אַריינציען אין דעם קרייז פון מנחם־מענדלס „גילדענע געשעפטן" און פאַרלירט דערביי זיין שווער און ביטער פאַרהאָרעוועט געלט. מיר זעען דאָ דעמזעלבן צוטרוי, סיי צו מענטשן (צו מנחם־מענדל, דעם „קרוב"), סיי צום גורל. אַזוי אַרום לאָזט זיך טוביה כאָטש איינמאָל פאַרפירן פון מנחם־מענדלס מיראַזשן, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן סקעפּטיציזם.

מנחם־מענדל איז לויט זיין טעמפּעראַמענט מאַניש־היפּאָמאַניש,

טוביה איז סינטאַניש, מיט אַ נישט צו שטאַרקער נייגונג צו דעפּרעסיווע שטימונגען. מנחם־מענדל איז דער עקסטרעמער, קינסטלעריש־מאַנומענטאַ־לער, אָבער אין דער ווירקלעכקייט זעלטן פאַרקומענדיקער טיפּ פון יידישן אָפּטימיזם. טוביה איז מיט זיין אָפּטימיזם נאָענטער צו דער ווירקלעכקייט, צו דעם ייד פון אַ גאַנץ יאָר. און אויך אַזוי — מיט זיינע גייסטיקע דיספּאָזיציעס. י. י. טרונק שרייבט: „אין טוביהן וויל אונז שלום־עליכם ווייזן דעם קאָלעקטיוון יידישן אינטעלעקט״. (ז. 29). טוביהס רעזיגנירנדי־קער, איראָנישער בטחון אַנטשפּרעכט דעם, וואָס מיר רופן אָן „יידישער בטחון״. דאָס איז דער יידישער אָפּטימיזם מיט אַ קליין ביסל סקעפּטיציזם! אָבער סיי דער טוביהשער, סיי דער מנחם־מענדלישער אָפּטימיזם איז פון אַן אינערלעכער נאַטור, ער קוואַלט אַרויס פון די טיפענישן פון דער פאָלקספּסיכיק.

אָט די גרונטיקע דערקענטעניש אונזערע ווערט אָבער אַ סך מאָל פאַרווישט ביי י. י. טרונקן דורך מער אָדער ווייניקער געלונגענע ספּעקו־לאַטיוו־אַדלערישע אינטערפּרעטאַציעס פון די געשעענישן פון דעם טוביה־עפּאָס. אין טוביהס פּסיכישער דינאַמיק פאַרנעמט אַ גאָר חשובן אָרט זיין שולד־באַוווסטזיין. דערמיט אונטערשיידט ער זיך פון מנחם־מענדלען, וועלכן עס איז פרעמד דאָס באַוווסטזיין פון אייגענער שולד — נישט רעכענענדיק אַ פּאָר פאַראיינצלטע און נישט טיף איבערגעלעבטע עפּיזאָדן. טוביה נעמט די גאַנצע שולד אויף זיך, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַריינ־שלעפּן אין מנחם־מענדלס „גילדענע געשעפטן״. אָבער דעם גאַנצן צאָרן גיסט ער אויס נישט אויף דעם אוממיטלבאַר שולדיקן, נאָר אויף זיך אַליין. „און ווער איז שולדיק, ווען נישט איך אַליין, וואָס כ׳האָב מיר געלאָזט איינרעדן גרינגע פייגעלעך, שמענדריקעס, שמאַכטעליאַקעס? געלט, ברו־דער, באַדאַרף מען, זאָג איך, פאַרהאַרעווען, פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן ווערן! פעטש, זאָג איך, ביסטו טוביה ווערט, פעטש ווי האָלץ!״ („אַ בוידעם״).

י. י. טרונק איז דאָ אינגאַנצן גערעכט, ווען ער רעדט וועגן דעם „היסטאָרישן, ראַסנהאַפטיקן יידישן שולד־באַוווסטזיין״. כאָטש איך וואָלט פאַרביטן דאָס וואָרט „ראַסנהאַפטיק״ מיט „קאָנסטיטוציאָנעל״. וויל וועגן יידישער קאָנסטיטוציע ווייסן מיר שוין זייער אַ סך און וועגן יידישער ראַסע גאָרנישט, אַחוץ פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע חקירות. עס איז אָבער

אַ שאָד, וואָס טרונק אַנטוויקלט נישט די טעזע וועגן היסטאָרישן יידישן שולדבאַוווסטזיין אַלס איינע פון די וויכטיקסטע ספּרוזשינעס פון טוביהס פּסיכישער דינאַמיק. איז דאָך דאָס דאָזיקע שולדבאַוווסטזיין אַ סימן מובהק פון דעם ציקלאָטימען יידישן כאַראַקטער. אין אַ דעפּרעסיווער שטימונג נעמט דער ציקלאָטימיקער (ציקלאָטימיקער זיינען אי טוביה, אי מנחם־מענדל מיט דעם אונטערשייד, וואָס מנחם־מענדל האָט כמעט קיינמאָל נישט קיין דעפּרעסיווע שטימונגען) תמיד די גאַנצע שולד אויף זיך. אין דעם דאָזיקן צושטאַנד דאָמינירן די פאַרשיידנסטע מינדערווערטיקייטס־געפילן, וואָס קענען דערגיין ביז צו אַליינפאַרניכטונג און אַליינהאַס (ביז צו דעם דאָזיקן עקסטרעמען צושטאַנד דערגייט עס נישט ביי טוביהן). די דאָזיקע אַליינבאַשולדיקונגען ווערן פּראָאיצירט פון דער סביבה אויף זיך אָדער אויך פון זיך צוריק — אויף דער סביבה.

מען מוז פאַרגעדענקען: דאָס עיקרדיקע אין טוביהס פּסיכישער דינאַמיק איז נישט דאָס אָדער יענץ מינדערווערטיקייטס־געפיל, נאָר דאָס שולדבאַוווסטזיין, וואָס אַנטשטייט אינערלעך אין יעדן סינטאָנישן ציקלאָטימיקער און נאָך מער — אין דעם דעפּרעסיוון ציקלאָטימיקער. ערשט אויף דעם באָדן פון שולדבאַוווסטזיין אַנטשטייען מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקסן, וואָס קענען זיין גלייכצייטיק אַן אָפּשפּיגלונג פון דער עקאָנאָמישער מינדערווערטיקייט. טוביה דער מילכיקער, דאָס איז דער סינטאָניקער מיט אַ קליינעם אָפּנויג צום דעפּרעסיוון פּאָליוס. טוביהס אָפּטימיזם גייט פּאַראַלעל מיט פאַרשיידענע מינדערווערטיקייט־געפילן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון שולד־באַוווסטזיין. מען קאָן דעם דאָזיקן אָפּטימיזם אָנרופן „איראָנישער בטחון" — ווי טרונק וויל. דאָס הייסט אָבער נאָך לגמרי נישט, אַז דער בטחון איז אַנטשטאַנען אַלס קאָמפּענסאַציע פון דעם אָדער יענעם מינדערווערטיקייטס־געפיל.

דאָס כאַראַקטעראָלאָגישע איז אין טוביה, פּונקט ווי אין מנחם־מענדל, באַדינגט פאַר אַלעמען — קאָנסטיטוציאָנעל. (לויט זייער קערפּער־בוי געהערןביידע צו דעם פּיקנישן טיפּ). ביידע זיינען ציקלאָטימיקער, וועמענס טעמפּעראַמענט עס וויגט זיך צווישן די שטימונגען פריילעך־טרויעריק. ביי מנחם־מענדל איבערוויגט די שטימונג פריילעך, ביי טוביהן — סינטאָניש (צווישן פריילעך און טרויעריק).

דעם הויפּט־טעות האָט אָבער טרונק געמאַכט אין דער פּסיכאָלאָגישער

אינטערפּרעטאַציע פון טוביה. די כאַראַקטעריסטיק פון די טעכטער איז אין אַלגעמיין אַ ריכטיקע. ריכטיק איז אויך טרונקס זאָץ: „ד יידישע פּרויעז־טיפּן אין שלום־עליכמס ווערק טראָגן נישט אויף זיך די אופגאַבע צו געשטאַלטיקן די פּאָזיטיווע עלעמענטן פון דער יידישער פּסיכיק, זיי זיינען די פּאַסיווע פּערסאָנאַזשן" (ז. 53). פאַר דעם קאָנסטיטוציאָנאַליסט איז קלאָר, פאַרוואָס: אין ערשטער רייע דערפאַר, ווייל דער ציקלאָטימער כאַראַקטער קומט אַ סך דייטלעכער און קלאָרער צום אויסדרוק אין דעם מענלעכן פּענאָ־טיפּ.

טוביהס קאָנפליקט מיט זיינע טעכטער וויל אונז טרונק פאַרשטעלן אַלס קאַמף, אין וועלכן עס פאַרשפּילט דער „נייראָטיקער" טוביה. טוביה, הייסט עס, קאַפּיטולירט צוליב זיין נייראָטישן אַנטלויפן פון דעם קאַמף־פּלאַץ, צוליב זיין אויסמיידן זיך צוזאַמענצוטרעפן פּנים אל פּנים מיט דערווירקלעכקייט. אַלע זיינע מדרשים און פּסוקים — דאָס איז נאָר די קאָמפּענסאַציע, וואָס באַדאַרף דעקן דעם ריקצוג, דאָס אָפּטרעטן... שרייבט דאָך טרונק אין אַ דעם צוזאַמענהאַנג: „קאָמפּענסירן דאָס מינדערווערטיקע מיט דעם איבערווערטיקן, דאָס איז דאָך דער הויפּט־מאָטיוו פון דעם שלום־עליכמישן, ד. ה. יידישן מענטש. דער יידישלעכער „גם זו לטובה" — דאָס איז דער קאָמפּראָמיס פון דעם נייראָטיקער, וועלכער מאַכט זיך בכיוון אַן ערגערע פאַרשטעלונג וועגן די הערוואָרטעטע שיקזאַל־קלעפּ, כדי די פּאַקטיש באַקומענע קלעפּ זאָלן אויסזען אַ סך שוואַכער. דערמיט וויל דער נייראָטיקער פאַרמאַסקירן זיין פולשטענדיקע מפּלה פאַר דעם שטאַרקערן לעבנס־נוסח, אַקטיוו זיך אַנטקעגנשטעלן דעם דאָזיקן לעבנס־נוסח — קען ער נישט". (ז. 130). עס איז נישט שווער צו באַווייזן, אַז אַט די אַדלערישע אינטערפּרעטאַציע פון אַ טייל יידישע שטריכן האָט גאָר אַ שוואַכע שייכות צו טוביהן, כאָטש מען קען — טיילמאָל — מסכים זיין מיט טרונקס סאָציאָלאָגישן אַנאַליז: „טוביהס שיקזאַל איז דער אונ־טערגייענדיקער שטערן פון אַ יידישן לעבנסשטייגער און זיין כאַראַקטער קען במילא נישט זיין שטאַנדהאַפטיקער ווי זיין שיקזאַל". (ז. 80). טוביהס טעכטער און זייערע באַשערטע, די מאָטל קאַמזוילס און די פּעפּערלעך קומען ווי רעפּרעזענטאַנטן פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן דור. זייערע באַגריפן און לעבנס־באַנעם שטייען אין קעגנזאַץ צו די באַגריפן און צו דער וועלט, מיט וועלכער און אין וועלכער עס לעבט טוביה. לויט

אַלע געזעצן פון לאָגיק וואָלט באַדאַרפט קומען צו אַ שטאַרקן צוזאַמענ־שטויס צווישן די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע לאַגערן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין טוביהס הויז. אָבער וואָס זעען מיר דאָ? נאָך אַ גענוג קליינעם ווידער־שטאַנד, וואָס האָט הויפּטזעכלעך אַ ווערבאַלן כאַראַקטער (טוביהס מדרשים), גיט טוביה אַלע מאָל נאָך און עס בלייבט אַזוי, ווי עס ווילן זיינע טעכטער און זייערע אויסדערוויילטע. וויאַזוי זאָלן מיר דאָס פאַרשטיין? צי איז דאָס טאַקע קאַפּיטולאַציע פון דעם „לעבנסשוואַכן נייראָטיקער" טוביה, ווי י. י. טרונק וויל דאָס אונז אויסטייטשן? נישטאָ קיין גרעסערער טעות, ווי אָט אַזאַ אינטערפּרעטאַציע!

טוביהס טאַקטיק לגבי זיינע טעכטער איז זייער ווייט פון „ריקצוג" און „קאַפּיטולאַציע". די אַלע אַדלערישע „סטראַטעגישע" קאַטעגאָריעס דינען גאָר נישט צוגעפּאַסט צו טוביהן. עס קומט דאָ נישט צו קיין טראַגישער צושפּיצונג פון די קאָנפליקטן און דאָס — אַ דאַנק טוביהס גאָטגעבענטשטער פעאיקייט זיך אַריינצולעבן אין יענעמס לאַגע. טוביה איז נישט נייראָטיש־פּאַסיוו, נאָר דווקא אַקטיוו באַמיט ער זיך צו געפינען אַ קאָנטאַקט אַפילו מיט דעם נייעם דור, נישט געקוקט דערויף, וואָס אָט דער דור איז אַ היפּוך פון זיין גאַנצן לעבנס־אופן. אָט די פעאיקייט טוביהס מיטצוהעלפן און זיך איינצופילן רעדט צו אונז מיט איר גאַנצער יידיש־אוניווערסאַלער האַרציקייט: „טוביה, זאָג איך צו מיר אַליין, מאַך נישט קיין פוילע תשועות און זאָג באָם". („היינטיקע קינדער"), טוביהס הסכמה אויף דעם שידוך מיט מאָטל קאַמזויל איז נישט קיין ריקצוג און נישט קיין „פאַרשפּילטע מלחמה", נאָר אַן אויסדרוק פון זיין האַרציקן, זוניקן טעמפּעראַמענט, פאַר וועמען עס איז נישטאָ קיין גרעסער גליק, ווי געפינען אַ קאָנטאַקט צו מענטשן, ווי ווייט זיי זאָלן אויך נישט זיין לויט זייערע לעבנס־אַנשויאונגען. די דאָזיקע טאַקטיק טוביהס ווערט נאָך בולטער און אויסגעשפּראָכענער אין דער טוביה־מעשה „האָדל". דאָ דערהויבט זיך טוביה אויף דער מדרגה פון קענען רעזיגנירן פון דעם טייערסטן, וואָס ער האָט, לטובת די אים פרעמדע אידעאַלן, וואָס זיינען געוואָרן דער לעבנס־אינהאַלט פון זיין טאָכטער האָדל. דער קאַמף, וועלכן עס פירט דאָ טוביה, דאָס איז אַ קאַמף מיט זיך אַליין, אַ קאַמף, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ נצחון פון די העכסטע און שענסטע געפילן. דאָ דערגרייכט טוביהס גובר זיין זיך אַליין דעם הויך־פּונקט דערמיט, וואָס

ער העלפט אַליין אַקטיוו האַדלען אויסצופירן איר פּלאַן, קעגן וועלכן ער וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט אַרויסטרעטן סיי אַלס פאָטער, סיי אַלס קליינבירגער, וועמען עס איז פרעמד און דערווידער די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע און די קרבנות־גרייטקייט צוליב איר. ווייל „טוביה איז נישט קיין יידענע, טוביה האָט צייט, קוקט און שווייגט, וואָס וועט זיין...״ (ש״ע) און כאָטש טוביה פאַרשטייט נישט זיין טאָכטער האָדל, פילט ער, אַז זי מוז טון אַזוי און נישט אַנדערש און ער העלפט איר צו. ווייל סוף כל סוף האָט דאָך טוביה דעמזעלבן טעמפּעראַמענט, ווי זיינע טעכטער און דאָס איז דאָך דעצידירנדיק. ווייל אַ וועלט־אַנשויאונג קען מען בייטן, אָבער דעם טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער — קיינמאָל נישט... בשום אופן קען מען דאָ נישט אָנווענדן די האָדלערישע סכעמע. מיר האָבן דאָ נישט קיין שום „מאַכטלאָזע רעזיגנאַציע״ און אויך נישט קיין שום קאָמפּענסירטע אָדער נישט קאָמפּענסירטע קאָמפּלעקסן.

איבעריקנס איז זיך דאָ י. י. טרונק אַליין סותר, ווען ער דיק פאַרשטעלן טוביהן אַלס דער נייראַטיקער און אַלס פאַסיוון לעבנס־שוואַכלינג, וואָס וויל פאַרדעקן זיין שוואַכקייט מיט זיינע מדרשים און פסוקים. אַנערקענט דאָך טרונק, אַז טוביהס טעכטער האָבן דעמזעלבן טעמפּעראַמענט, וואָס טוביה אַליין. איז אַ דאַנק וועלכע נסים זיינען דאָס זיינע טעכטער מיטאַמאָל אַזוי אַקטיוו? צי ענדערן דען אַן אַנדערע וועלט־אַנשויאונג, אַנדערע פּאָליטישע איבערצייגונגען עמיצנס טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער? פאַר־שטייט זיך, אַז נישט! אַפילו מיט דער דיאַלעקטיק קען מען דאָ קיין סך נישט אויפטון... נאָר לאָמיר איצט געבן דאָס וואָרט י. י. טרונקן: „טוביהס טעכטער געהערן אייגנטלעך אינגאַנצן צו טוביהס אידעאַליסטישער עקזיס־טענץ־ספערע. אינם אידעאַליסטישן וועלט־געפיל פונם יידישן קאָלעקטיוו זיינען זיי, טוביהס טעכטער, נאָר די פאַרשטייערינס פון דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג אינעווייניק און אויפן שטח פונם דאָזיקן דאַזיינס־געפיל פון יידן. טוביהס טעכטער און ספּעציעל האָדל, טראַנספאָרמירן דעם היסטאָרישן יידישן אידעאַליזם אויף מאָדערנע עקזיסטענץ־פלאַכן. האָדלס רעוואָלוציאָנערישקייט האָט אין זיך אַ סך, זייער אַ סך פון טוביהס געמיט. (ז. 134). און ווייטער: „מיט איר רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם איז האָדל — אַלס ווײַזן — אַזוי ראַסנענלעך צו טוביהן... זי פילן אין זיך זייער געמיט־ קרובהשאַפט, ווייל האָדל קוקט אויך אַרויס אויף דער וועלט דורך

דעמזעלבן לעבנסגעמיט. נאָר זי איז אַקטיוו. נישט געקוקט אויף דעם גרויסן געזעלשאַפטלעכן ווידערשפּרוך צווישן טוביהן און האָדלען, געהערן זיי אין זייער וועלט־געפיל, אַלס יידישע מענטשן צו איין און דעמזעלבן היסטאָרישן כאַראַקטער (אונטערגעשטראָכן פון מיר). דערמיט געהערן זיי אויך צו איין און דעמזעלבן היסטאָרישן שיקזאַל". (ז. 135). ווי מיר זעען, גיט טרונק אַליין צו, אַז טוביהס טעכטער און טוביה געהערן צו דעמזעלבן כאַראַקטער־טיפּ. טאָ ווי איז דאָס מעגלעך, אַז טוביה זאָל זיין אַ פּאַסיווער, לעבנסשוואַכער ניוראַטיקער און זיינע טעכטער — שטאַרקע, לעבנס־דעראָבערישע נאַטורן? עס איז טאַקע נישט מעגלעך. אָט אין דעם פּונקט איז טרונק פולשטענדיק אין סתירה צו זיך אַליין. דערמיט איז אויך מיט טרונקס אייגענע ווערטער באַוויזן די נישט־באַגרינדעטקייט פון זיין טעזע וועגן טוביהס ניוראָטישן כאַראַקטער.

▽

צי באַדאַרפן מיר נאָך באַווייזן, אַז טוביה איז אַן אַקטיווער כאַראַקטער און ווען מען באַדאַרף, קען ער אַפילו אַרויסווייזן געגנוג האַרטקייט און ווידערשטאַנד? מיר זעען דאָס אין דעם טוביה־מאָנאָלאָג „חוה". די טאָכטער חוה, וואָס אַנטלויפט מיט דעם שגץ כוועדקע און שמדט זיך, רייסט ער אַרויס פון זיין האַרץ און וויל זי מער נישט קענען. דער דאָזיקער שריט קומט אים אָן זייער שווער אָבער ער מאַכט אים דעצידירט און אָן וואַקלענישן. דאָ וואַקסט אויס טוביה צו אַ גרויסער און טראַגישער פיגור, וואָס ראַנגלט זיך מיט אַ שטאַרקערן קעגנער (דער גלח רעפּרעזענטירט דעם גויאישן אַרום) ביז צום סוף, ביז ער פּאַלט אַ באַזיגטער. אין אָט דעם טראַגישן מאָמענט דערגרייכט טוביהס כאַראַקטער דעם הויכפּונקט.

▽

צום סוף פון זיין בוך „טוביה און מנחם־מענדל" ווידמעט י. י. טרונק אַ פּאָר קאַפּיטלען פאַר היסטאָריאָזאָפישע און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, וואָס האָבן אַ שייכות פון איין זייט צו זיין אַדלערישער קאָנצעפּציע פון שלום־עליכמס הויפּט־טיפּן און פון דער אַנדערער זייט — צו זיין קוק אויף דער יידישער געשיכטע און אויף דעם גורל פון יידישן פאָלק אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער קאָנצעפּציע. מען מוז נישט מסכים זיין מיט אַלעמען, וואָס י. י. טרונק זאָגט דאָרט אַרויס. מען קען אָבער נישט לייקענען, אַז ער זאָגט דאָרט אַרויס זייער אַ סך אָריגינעלע און ריכטיקע

געדאַנקען, וואָס באַלויכטן בליצאַרטיק אַ סך פּראָבלעמען פון אונזער זייַן. למשל: מנחם־מענדל און יידן. „פּונקט ווי מנחם־מענדל אין די נויטן פון מאַטעריעלער מינדערווערטיקייט לעבט ער אין היגערפּלעט פון זייַנע אויסטערלישע וועלט־האָפנונגען, אַזוי אויך יידן אין מינדערווערטיקער ווירקלעכקייט לעבן זיי אין דער הינערפּלעט פון גרויסע וועלט־האָפנונגען״ (ז. 345), אָדער: „יידן זייַנען די וועלט־נאַראָנים פון דער געשיכטע. זיי שפּילן די קאָנטראַסטן ווי די נאַאיווע און איראָנישע פּאַיאַצן... די יידישע טיפקייטן און די גרויסע אויסלייזערישע חלומות פון יידן זייַנען נאָר די האָפנונגספּולע און טראַגיש־איראָנישע קרבנות פון דעם דאָזיקן גרויסאַרטיקן נאַרן־שפּיל, וואָס שמעקט מיט אַלע אייביקייטן פון דער וועלט״ (ז. 235). אין די אַלע באַטראַכטונגען פעלט אָבער הער פּאָזיטיווער אויסבליק: וואָס האָט אונז היינט שלום־עליכם צו זאָגן? ביי וואָסערע באַדינגונגען און וויאַזוי וועלן יידן אויפהערן צו זייַן „די וועלט־נאַראָנים פון דער געשיכטע״? וועגן אָט דעם האָט אונז אָבער י. י. טרונק גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אָבער ביי אַ נאַציאָנאַל־קאָנסטרוקטיוון צוגאַנג קענען מיר ביי שלום־עליכמען דווקא זייער אַ סך אָפּלערנען. און דאָס איז דאָך דער עיקר.

באַמערקונגען:

לויט דער טעאָריע פון פּסיכיאַטער פּראָפ. ערנסט קרעטשמער איז אַ יעדן מענטשנס כאַראַקטער אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק אויך פון זייַן קערפּערבוי. קרעטשמער האָט אויסגעטיילט 2 גרופּן קערפּערטיפּן: 1) דער פּיקניקער מיט זייַן גרויסן קאָפּ און בויך, טיפן ברוסטקאַסטן און ברייטער געשטאַלט, 2) דער לעפּטאָסאָמיקער, ביי וועלכן עס איבער־וועגן אַ שמאָלע געשטאַלט און שמאָלע גלידער.

דעם פּיקניקער אַנטשפּרעכט דער ציקלאָטימער־טעמפּעראַמענט, וואָס וויגט זיך צווישן פריילעכע און טרויעריקע שטימונגען. דער ציקלאָטימיקער איז צומייינסט אַן אָפּטימיסט, געפינט לייכט אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן, לעבט זיך לייכט אַריין אין יענעמס פּסיכישן צושטאַנד, האָט צו אַלעמען אַ סאָציאַלע איינשטעלונג.

צו דער גרופּע לעפּטאָסאָם־אַטלעטיש אַנטשפּרעכט דער סכיצאָטימער טעמפּעראַמענט, וועלכער באַוועגט זיך צווישן די עקסטרעמען: איבער־עמפּינדלעך־טעמפּ. ער איז אויטיסטיש ד. ה. ער פאַרשליסט זיך, טיילט זיך אָפּ פון דעם אַרום, געפינט שווער אַ קאָנטאַקט צו מענטשן...

.1949

יידישער כאַראַקטער און יידישער גורל

וועגן יידישן פאָלקס־כאַראַקטער זענען שוין געוואָרן אָנגעשריבן טויזנטער ביכער. עס האָבן געשריבן שונאים און פריינד, וויסנשאַפטלער און פסעוודאָ־וויסנשאַפטלער, פּאָליטיקער און ליטעראַטן... עס איז, דוכט זיך, היינט נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן קיין מיינונג וועגן יידישן פאָלק און זיין כאַראַקטער — צי דאָס איז זיין אייגענע, צי אַן אויסגעבאָרגטע...

מיר וועלן זיך דאָ פאַרשטייט זיך, נישט אָפּשטעלן אויף אַלע די מיינונגען און טעאָריעס, אומאָפּהענגיק דערפון, צי מיר האַלטען זיי פאַר ריכטיק אָדער נישט. מיר ווילן נאָר אַרויסהויבן אַ פּאָר מאָמענטן, וועלכע באַווייזן, אַז ס׳איז דאָ עפּעס אַזוינס ווי פאָלקס־כאַראַקטער — ריין וויסנשאַפטלעך גענומען. דאָס, וואָס ס׳איז דאָ אין יעדן פאָלק פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן און פאַרשיידענע כאַראַקטערן, הייסט נאָך נישט, אַז עס זענען נישט פאַראַן גאַנץ באַשטימטע אייגנשאַפטן, וואָס זענען אין אַ געוויסער מאָס כאַראַקטעריסטיש כמעט פאַר אַלע יחידים, וואָס באַלאַנגען צו דעם געשיכטלעך־און ביאָלאָגיש־באַדינגטן קאָלעקטיוו איינס, וועלכן מיר רופן פאָלק.

היינט, נאָך דעם שוידערלעכסטן פאָלקס־קאַטאַקליזם, וואָס שטייט איינציק און אַליין אין דער געשיכטע פון פעלקער, שטעלט דאָס יידישע פאָלק די גורלדיקע פראַגע: ווי בויט מען ווייטער דאָס לעבן, אַז אַזעלכעס זאָל זיך מער נישט איבערחזרן? פאַרשיידענע ריכטונגען און פאַרטייען גיבן אַ פאַרשיידענעם ענטפער. אָבער דאָ אין דער אָפּהאַנדלונג שטעלן מיר די פראַגע אַנדערש: צי איז נישט דער כאַראַקטער פון פאָלק — אין אַ געוויסער מאָס — אויך זיין גורל? מיר ווילן דאָ אַ פּריאָרי אָננעמען, אַז דער גורל פון פאָלק איז אין אַ געוויסער מאָס — אויסער אַ סך אַנדערע פאַקטאָרן — אויך אָפּהענגיק פון זיין כאַראַקטער, פּונקט ווי דער גורל פון יחיד. און אויב אַזוי, איז די פראַגע „יידישער פאָלקס־כאַראַקטער״ טאַקע אַ וויכטיק פּראָבלעם. איצט, נאָכן אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק (און דווקא זיין לעבעדיקסטער טייל!) איז כדאי צו קאָנפראָנטירן מיט דערווירקלעכקייט אַ טייל טעאָריעס וועגן יידישן כאַראַקטער.

▽

ווען מיר רעדן פון עמיצנס כאַראַקטער, מיינען מיר נישט נאָר די עלעמענטאַרע פונקציעס פון זיין טעמפעראַמענט, וואָס זענען צומיינסט ירושהדיק, נאָר דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אויף זיי אויפגעבויט און איז צוגעקומען פון דער סביבה. ריידנדיק וועגן פאָלק, מוז מען אין באַטראַכט נעמען, אויסער איינגעבוירענע פאַקטאָרן, סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, די קולטור־היסטאָרישע געשיכטע און פּאָליטישע געשיכטע און ערשט אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען זיין אַקטיווע איינשטעלונג צו די הויפּט־פּראָבלעמען פון לעבן.

אין באַגריף פאָלקס־כאַראַקטער ליגט שוין דאָס קאָמפּלעקסע. עס ליגן זיך דאָ צוזאַמען די עלעמענטן פון דעם אָפּט־פאַרקומענדיקן טעמ־פּעראַמענט און אַלע קעגנוואַרטיקע און געשיכטלעכע סביבה־פאַקטאָרן. כאַראַקטער איז עפּעס אַזוינס, וואָס אַנטשטייט און פאַרמירט זיך — אַן אויסקריסטאַליזירטער רעזולטאַט סיי פון איינגעבוירענע דיספּאָזיציעס, סיי פון סביבה און איינווירקונגען. אַ פראַגע פאַר זיך איז דאָס, אויף וויפיל די איינגעבוירענע דיספּאָזיציעס לאָזן זיך צוריקפירן אויף סביבה־איינוויר־קונגען (אין אַן אַנטוויקלונגס־געשיכטלעכן פּערספּעקטיוו).

אַ טיפּישער פּראָדוקט פון יידישער שאַפונג איז דער יידישער וויץ.

די מיינסטע באַשולדיקונגען, וואָס ווערן אין יידישן וויץ אַרויסגעבראַכט קעגן אייגענעם פאָלק, פאַסן גיכער צו די אונטערדריקער, וועלכע האָבן גורם געווען אַזאַ צושטאַנד פון שולד. אונטער דער מאַסקע פון נעמען די שולד אויף זיך (אידענטיפיצירונג) ווערט דאָ אייגנטלעך אונטערגעש־שטראָכן די שיפלות און נידערטרעכטיקייט פון דעם אונטערדריקער. אויפן יסוד פון אַנאַליז פון יידישן וויץ וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז עס געהערט צו דער מענטאַליטעט פון אונטערדריקטע, נישט צו האָבן קיין אַכטונג צו זיך אַליין. אַזעלכע טענדענצן זענען דאָ, אָבער זיי ווערן קאָמפּענסירט, ווייל קיין שום מענטש קען נישט לעבן אָן זעלבסטאַכטונג. אַזאַ אַקט פון קאָמפּענסאַציע דאָס איז דאָס נעמען אויף זיך אַלע באַשולדיקונגען, וואָס ווערן ווי אַ בומעראַנג צוריקגעוואָרפן אויף דעם, צו וועמען זיי געהערן אויף אַן אמת — צו דעם אונטערדריקער. אַ ווייטערדיקע מדרגה פון קאָמפּענסאַציע, דאָס איז דאָס געפיל פון אויסדערוויילטקייט. דער דאָזיקער פּסיכישער מעכאַניזם פון איבערקאָמפּענסירן אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל מאַניפעסטירט זיך נאָך אויף אַ סך אַנדערע געביטן פון יידישער טעטיקייט.

אין דעם דראַנג צו באַרעכטיקן די אייגענע עקזיסטענץ — זאָל עס זיין אפילו מיט די גרעסטע און שענסטע אויפטוען פאַר דער מענטשהייט — ליגט פאַרבאָרגן אַ מינדערוועדטיקייטס־געפיל. פון דאַנען נעמען זיך אויך אַלע אידעען וועגן דער „יידישער מיסיע" צווישן די פעלקער. נאָך היינט צו טאָג, נאָך די אַלע שווידערלעכע דערפאַרונגען פון דער ערשט פאַר־גאַנגענער גרויל־צייט, זוכן אַ סך דעם זינען פון דער יידישער געשיכטע אין אַזעלכע און אין ענלעכע אידעען. די אַלע אידעען האָבן זייער וואָרצל אין דעם אַזוי אָדער אַנדערש מאַסקירטן אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס, וואָס איז אַנטשטאַנען דורך אַן איבערקאָמפּענסאַציע פון דעם מינדערוועדטיקייטס־געפיל.

▽

דער אַנאַליז פון יידישן וויץ האָט אונדז געפירט אין אַ ריכטונג, אין וועלכער מיר געפינען נישט נאָר איינצלנע כאַראַקטער־שטריכן. מיר האָבן זיך דערביי אָנגעשטויסן אויף דעם מאַניש־דעפּרעסיוון וואַריאַנט, וועלכן מיר וועלן אויף ווייטער באַגעגענעןביים אַנאַליז אויך פון אַנדערע מינים יידישער גייסטיקער שאַפונג. איך וועל זיך דערלויבן אין קורצע שטריכן פאָרצושטעלן מיין טעאָריע וועגן יידישע כאַראַקטער, וועלכע איך האָב די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה באַגרינדעט אין אַ גאַנצער ריי אַרבעטן אין דער „סאָציאַלער מעדיצין" (1937־39).

וועלנדיק אויפבויען אַ וויסנשאַפטלעכע טעאָריע וועגן יידישן כאַראַק־טער, קען מען זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט אַן אַנאַליז פון יידישער גייסטיקער שאַפונג פון דער אַלטער, צי פון דער נייער צייט. די גייסטיקע שאַפונג פון יעדן פאָלק איז דאָך נישט קיין איינהייטלעכע און לאָזט צו פאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס. ערשט ווען מיר האָבן באַשטימט דעם קאָנסטיטוציאָנעלן טיפּ פון אַ פאָלק, קענען מיר אָפּשאַצן דאָס כאַראַקטער־ראָלאָגישע פון זיין גייסטיקער שאַפונג. עס איז אונדז דאָ צונויץ געקומען ערנסט קרעטשמערס לערע וועגן צוזאַמענהאַנג צווישן קערפּערבוי און כאַראַקטער. קרעטשמער האָט שפּעטער זיין לערע אויסגעבויט און אויך אָנגעוויזן אויף דעם צוזאַמענהאַנג צווישן קערפּערלעכע און כאַראַקטעראָ־לאָגישע אייגנשאַפטן ביי פאַרשיידענע פעלקער. ער האָט דערביי נעגירט די פּריאָריטעט פון דער נאָרדישער ראַסע, מיט וואָס ער האָט זיך אַרויס־געזאָגט קעגן די דייטשע ראַסיסטישע טעאָריעס פון ה. ק. גינטער און

אַנדערע.

אָנווענדנדיק אָבער קרעטשמערס טעאָריע, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס, וואָס מיר באַטראַכטן אַלס דעם מענטשנס כאַראַקטער, איז נישט מער ווי אַן אויסערלעכער פאַסאַד, וואָס באַשטייט פון אַ גאַנצער ריי כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, וועלכע ער האָט באַקומען אין קאַמף מיט די סביבה־פאַקטאָרן (א. אַדלער), אַ סך מאָל איז דער דאָזיקער כאַראַקטער נישט מער ווי אַ מאַסקע, וואָס איז צוגעקלעפּט צו דעם אייגנטלעכן קערן פון דער פערזענלעכקייט.

אויב מיר זוכן די פאַרבינדונגס־ליניעס און פאַרבינדונגס־פלאַכן צווישן דעם קערפּערלעכן אויסזען פון מענטש און זיין כאַראַקטער, וועלן מיר די דאָזיקע שייכותן נאָר דעמאָלט אויפדעקן, ווען מיר וועלן זיך אויסלערנען אויסשיילן דעם אמתדיקן קערן פון אַ כאַראַקטער. ווייל נאָר דער קערן פון אַ כאַראַקטער ווערט געירשנט. אַלץ איבעריקע געהערט צום איבערבוי פון דער פערזענלעכקייט און ווערט דערוואָרבן אַדאַנק פאַרשיידענע איינווירקונגען פון דער סביבה.

אויף אַזאַ אופן וועלן מיר צום קערן פון אַ כאַראַקטער צורעכענען נאָר די עלעמענטאַרסטע דיספּאָזיציעס און נטיות פון אַ מענטש. און נאָר די דאָזיקע דיספּאָזיציעס און אַלגעמיינע נטיות קען מען ברענגען אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסערלעכער קערפּערלעכער דערשיינונג.

צו אַזעלכע עלעמענטאַרע דיספּאָזיציעס געהערט די קאָנסטיטוציאָנעלע נטיה צו טרויעריקע און פריילעכע שטימונגען, צו נערוועישער רייצבאַרקייט און טעמפּקייט. דער גרופּע פריילעך־טרויעריק אַנטשפּרעכט דער פּיק־נישער קערפּערבוי (גרויסער קאָפּ, ברייטער טיפער ברוסט־קאַסטן און בויך, הענט און פיס עטוואָס קירצער). דער גרופּע רייצבאַר־טעמפּ אַנט־שפּרעכט דער לעפּטאָסאָמישער קערפּערבוי (קלענערער קאָפּ, שמאָלער ברוסט־קאַסטן, שמאָלע, לאַנגע הענט און פיס). די גייסטיק־קראַנקע, וואָס האָבן אַ פּיקנישן קערפּערבוי, געהערן אויך מיט זייער פּסיכאָז צו דער גרופּע פריילעך־טרויעריק (מאַניש־דעפּרעסיווער פּסיכאָז). ביי מענטשן, מיט לעפּטאָסאָמישן אָדער אַטלעטישן קערפּערבוי קומען כמעט תמיד פאָר נאָר פּסיכאָזן פון דער גרופּע רייצבאַר־טעמפּ (סכיצאָפרעניע).

דער טעמפּעראַמענט פון דעם געזונטן פּיקניקער איז אָבער שטאַרק ענלעך צו דעם טעמפּעראַמענט פון דעם קראַנקן פּיקניקער. עס בייטן זיך

פריילעכע און טרויעריקע שטימונגען. דער אונטערשיד צווישן געזונטע און קראַנק באַשטייט — צווישן אַנדערן — אין דער אינטענסיטעט פון די דאָזיקע שטימונגען. די דאָזיקע גרופּע טעמפּעראַמענטן (פון דעם פּיקניקער) האָט קרעטשמער אָנגערופן ציקלאָטימיקער. דער טעמפּעראַמענט פון לעפּטאָסאָמיקער (סכיצאָטימיקער) איז גאָר אַן אַנדערער. דער דאָזיקער טעמפּעראַמענט באַוועגט זיך צווישן די עקסטרעמען: איבערעמפּינדלעך (איבערשפּירעוודיק) און טעמפּ־נישט־עמפּינדלעך. אויך דער טעמפּעראַמענט פון לעפּטאָסאָמיקער איז גרונדזעצלעך דערזעלבער ביי געזונטע און ביי גייסטיק־קראַנקע סכיצאָפרעניקער. די אייגנשאַפטן פון דאָזיקן טעמפּעראַמענט ווערן דעריבער אָנגערופן סכיצאָטים.

די דאָזיקע צוויי טיפּן פון קערפּערבוי און טעמפּעראַמענט זענען ביי פאַרשידענע פעלקער גאַנץ פאַרשידן פאַרטיילט. פאַרשטייט זיך, אַז אין דערווירקלעכקייט קומען פאָר מער געמישטע, ווי ריינע טיפּן. דער כאַראַקטער פון אַ פאָלק און זיין טעמפּעראַמענט איז אַלזאָ אָפּהענגיק דערפון, מיט וואָס פאַר אַן אָפּטקייט עס קומט פאָר אין געגעבענעם פאָלק דער אָדער יענער טיפּ.

אַ גאַנצע רייע פאַקטן, וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלטע באַזונדערקייטן פון דער יידישער ביאָפּאַטאָלאָגיע און פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע צווינגען אונז אָנצונעמען, אַז דער פּיקנישער טיפּ און דער ציקלאָטימער טעמפּעראַמענט קומען פאָר צווישן יידן מיט אַ באַזונדערער אָפּטקייט. (זע „סאָציאַלע מעדיצין" נ. 1—2, נ. 4—3, 1938).

אָבער אויך אַן אַנאַליז פון דער יידישער גייסטיקער שאַפונג באַשטעטיקט די דאָזיקע טעזע. לאָמיר זיך אַביסל אָפּשטעלן אויף דער שאַפונג פון אונזער גרעסטן פאָלקס־שרייבער, דעם הומאָריסט שלום־עליכם. די יידישע מאַסע זעט אויס אַזוי ווי שלום־עליכמס געשטאַלטן. עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז עס זענען נישטאָ ביי שלום־עליכמען קיין דיאַלאָגן, נאָר מאָנאָלאָגן. און אפילו דאָרט, וואו שלום־עליכם פּרוווט געבן אַ דיאַלאָג, באַווייזט ער אונדז, אַז ווען איין ייד רעדט, לאָזט ער דעם אַנדערן נישט צו אַזוי גיך צום וואָרט...

און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס עס איז נישטאָ ביז צום היינטיקן טאָג קיין יידיש־דראַמאַטישע שאַפונג פון גרויסן פאָרמאַט. ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן די יידיש־העברעישע ליטעראַטור מיט די מערב־אייראָפּעישע

ליטעראַטורן, ווען מיר באַמערקן, אַז די גרויסע דראַמע אַנטשטייט ביי די פעלקער, וועלכע האָבן אַ גרויסן פּראָצענט סכיצאָטימיקער און דווקא אויף די ערטער, וווּ דער סכיצאָטימער עלעמענט קומט צום בולטסטן אויסדרוק. אַזוי געפינט זיך דאָס וויגעלע פון דער ענגלישער דראַמע אין צפון־ענגלאַנד (שעקספּיר). די דייטשע דראַמע אין איר ריינסטער געשטאַלט שטאַמט פון צפון־דייטשלאַנד (לעסינג, קלייסט, העבעל), די סקאַנדינאַווישע לענדער האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע דראַמאַטורגן ווי איבסען און סטרינדבערג. דאָס זענען אַלץ לענדער, וווּ עס איבערוועגט דער סכיצאָטימיקער מיט זיין נטיה צו טראַגיש־דראַמאַטישער ערנסטקייט. דער סכיצאָטימיקער אַנטשפּרעכט אין אַ געוויסער מאָס דער נאָרדישער ראַסע, ווייל צווישן פעלקער, וועלכע האָבן אַ גרויסן פּראָצענט נאָרדיקער, איז אויך דער סכיצאָטימיקער שטאַרק פאַרטראָטן. אָבער די נאָרדישע ראַסע איז אָן דער צומישונג פון אַנדערע ראַסן קיינמאָל נישט שעפעריש. די דראַמאַטישע שאַפונג האָט געבליט בלויז דאָרט, וווּ עס האָט זיך איבערגעקרייצט די איינגעזעסענע נאָרדישע ראַסע מיט אַנדערע ראַסן. אויף דעם דאָזיקן פאַקט האָט אַנגעוויזן קרעטשמער און איז דערפאַר אַריין ביי די דייטשן אין גרויס אומחן, ווייל פון זיין טעזע קומט אַרויס, אַז דאָרט וווּ עס געפינט זיך די „ריינע״ נאָרדישע ראַסע איז נישטאָ קיין גייסטיקע שאַפונג.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס פעלן פון דער דראַמע אין אַ גרויסער מאָס באַדינגט דורך קאָנסטיטוציאָנעלע פאַקטאָרן. מיר האָבן נישט געהאַט די גרויסע דראַמע פאַר דעם בלוטיקן מבול פון דער לעצטער מלחמה און מיר האָבן זי אויך נישט היינט. סיי אונדזער געשיכטע, אונדזער נאָענטע פאַרגאַנגענהייט און ווירקלעכקייט זענען פול מיט טראַגיש־דראַמאַטישע געשעענישן און ביי די פּאַראַנענע דראַמאַטישע שאַפונגס־דיספּאָזיציעס, וואָלט קיין שטאָף קיינמאָל נישט אויסגעפעלט; אָבער מען וואָלט היינט שוין געקאָנט אָנשרייבן אַ גרויס בוך וועגן די נישט־איינגעגעבענע פּרוּוון פון די יידישע מחברים אויף דעם געביט פון דראַמע. וועלכער באַדייטנדער יידישער דיכטער האָט נישט געפּרוּווט אָנשרייבן איינע אָדער אַ פּאָר דראַמעס ? עס איז אָבער נאָך אַלץ נישט דאָס, אויף וואָס מיר וואַרטן. אַזוי איז עס געווען פאַר דער מלחמה (דעם דאָזיקן פאַקט האָט אויך פעסטגעשטעלט לעיעלעס אין „איינזיך״ אָקטאָבער 1937) און

אַזוי איז עס אויך היינט. בשעת מיר האָבן אויף אַנדערע געביטן פון פּאָעטישער שאַפונג דערגרייכט צו ווערק, וואָס מען קען זיי דרייסט אַוועקשטעלן אין איין ריי מיט די אַנטוויקלסטע איראָפּעיִשע ליטעראַטורן (אין דער פּאָעזיע), הינקען מיר אויף דעם געביט פון דראַמע נאָך זייער שטאַרק אונטער.

דערמיט איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן, אַז עס זענען אין דער יידישער ליטעראַטור נישטאָ קיין דראַמעס אָדער, אַז אַזעלכע שאַפונגס־מעגלעכקייטן באַדאַרף מען ביי יידן פון פאָרויס אויסשליסן. האָבן מיר דאָך נישט געוואָלט באַווייזן, אַז יידן זענען דורכאויס ציקלאָטימיקער: קאָנסטיטוציאָנעל איינהייטלעכע פעלקער זענען בכלל נישט פאַראַן. מיר האָבן נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז דער ציקלאָטימער טעמפּעראַמענט האָט — צוליב זיין אָפטן פאָרקומען — אַרויפגעלייגט דעם חותם אויף דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. און דעריבער האָט אויך די דראַמע געהאַט אַ סך ערגערע אַנטשטייאונג־ און אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, ווי אַנדערע מינים ליטעראַטור.

צו ענלעכע רעזולטאַטן וועלן מיר קומען, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן דעם פאָלקלאָר פון די איינצלנע איראָפּעאישע פעלקער. דער פאָלקלאָר איז דאָך אוודאי נאָך אוממיטלבאַרער, ווי די ליטעראַטור, און כאַראַקטעריסטיש פאַר די גייסטיקע שאַפונגס־פּאָזיציעס פון אַ פאָלק. איינער פון די בעסטע קענער פון יידישן פאָלקלאָר, דער דיכטער איציק מאַנגער, האָט טאַקע שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז עס איז אין יידישן פאָלקלאָר כמעט נישטאָ די טיפּישע באַלאַדע מיט דעם דיאַלאָג. אָט די באַלאַדע מיט דעם אָנגעצויגענעם דיאַלאָג שטייגערט זיך און ווערט אויף אַ געוויסער שטופּע פון אַנטוויקלונג — דראַמע. אויב מיר געפינען נישט די דאָזיקע באַלאַדע אין יידישן פאָלקלאָר, איז זי אָבער דערפאַר כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַלע פריער־דערמאָנטע צפון־איראָפּעיִשע פעלקער, וואָס פאַרמאָגן אין זייער ליטעראַטור די גרויסע דראַמע. דער טעמפּעראַמענט פון יידישן פאָלקס־ליד האָט געפונען זיין אַדעקוואַטסטן אויסדרוק אין דעם לירישן און מאָנאָלאָגישן זשאַנר. איז דאָך דער פּיקניקער נישט דראַמאַטיש, ווי דראַמאַטיש עס זאָל נישט זיין די ווירקלעכקייט, אין וועלכער ער לעבט. דאָס יידישע פאָלקס־ליד, פּונקט ווי די גאַנצע יידישע פאָלקס־שאַפונג, איז ליריש־מעלאַנכאָליש. עס טרעט דאָ צומיינסט אַרויס נאָר איין פּערזאָן,

וועלכע קלאָגט זיך אויף אירעליידן (אַ סך אָפּטער), אָדער דערציילט פון די פריידן... אין יידישן פאָלקס־ליד קומט בולט צום אויסדרוק דער ציקלאָטימער פאָלקס־כאַראַקטער.

צו ענלעכע רעזולטאַטן וועלן מיר קומען נאָכן אַנאַליז פון יידישן הומאָר. שוין אין יידישן וויץ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דעם מאניש־דעפּרעסיוון קאָמפּלעקס פון ציקלאָטימיקער. פון איין זייט זעלבסט־באַשולדיקונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין אַ גרויסער קאַטעגאָריע יידישע וויצן, פון דער אַנדערער זייט — דאָס מאניש־געהויבענע זעלבסט־געפיל, וואָס שטרייכט אונטער די יידישע העכערקייט, אויסדערוויילקייט. אָט דער אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס איז אָבער נישט צו אידענטיפיצירן מיט דער פאָלקס־גאווה, וואָס מיר טרעפן אַזוי אָפט ביי אַנדערע פעלקער. ביי יידן האָבן מיר עס צו טון מיט אַ רעאַל־באַוווסטזיניקער קאָמפּענסאַציע פון שטאַרקן מינדערווערטיקייטס־געפיל.

דער יידישער אָפּטימיזם, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם באַרימטן „יידישן בטחון" איז קאָנסטיטוציאָנעל באַדינגט. ווייל פון וואַנען נעמט זיך אָט דער בטחון? זיכער נישט פון די דערפאַרונגען, וועלכע עס האָט אונדז געגעבן און עס גיט אונדז די ווירקלעכקייט... די געשטאַלטן מנחם־מענדל און טוביה דער מילכיקער זענען טאַקע, ווי געזאָגט, נישט סתם אַזוי העלדן, נאָר רעפּרעזענטאַנטן פון דעם יידישן מאַסן־מענטש. ביידע זענען זיי ציקלאָטימיקער: מנחם־מענדל מער אויף דער היפּאָמאַנישער זייט, ביי טוביהן איבערוויגט דער מעלאַנכאָלישער מאָמענט. ביידע זענען זיי אָבער פאַרקערפּערער פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלן יידישן אָפּטימיזם און בטחון. אין ערשטן וואַריאַנט פון „מנחם־מענדל" גיט שלום־עליכם אין דער הקדמה אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם פּראַטאָטיפּ מנחם־מענדל. דאָס איז אַ פּאַרשוין פון דער אָדעסער בערזע, און פון שלום־עליכמס באַשרייבונג ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ הונדערט־פּראָצענטיקן, קלאַסישן פּיקניקער. דער פּראָטאָטיפּ מנחם־מענדל דאָס איז אַ ברייט, רונד יידל, לעבעדיק און באַוועגלעך, ווי קוועקזילבער. עס איז דעריבער נישט ריכטיק, ווען מען שטעלט טיילמאָל פאַר מנחם־מענדלען אַלס אַ דאַרן, לאַנגן פּאַרשוין. אַז אַ יאָר צוויי פאַר דעם בלוטיקן מבול האָבן מיר זיך גענומען פאַר אַ דעוויז אַ פּסוק פון טוביה דעם מילכיקן... „משמעות, אַז זיי האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר דער נייער פּרשה

לך־לך און אפשר, ווי זאָגט איר, זענען זיי טאַקע גערעכט, ווי אין פסוק שטייט: חדש ימינו כקדם — געהאַט שוין ערגערע אַנשיקענישן, האָבן מיר אויך איבערגעטראָגן״... אונדזער, דורך דער אָביעקטיווער לאַגע נישט־באַגרינדעטער, קאָנסטיטוציאָנעלער אָפּטימיזם, האָט אונדז דאָסמאָל שוין צו טייער געקאָסט!

דער ציקאָלטימער כאַראַקטער האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער יידישער האַרציקייט, אוממיטלבאַרקייט, אין דער פעיקייט זיך אַריינצולעבן אין יענעמס לאַגע, אין דעם באַרימטן יידישן רחמנות־געפיל. דער יידישער מענטש קען נישט קיין בלוט פאַרגיסן, ער איז נישט גרויזאַם. די זעלטנקייט פון בלוט־פאַרברעכנס צווישן יידן איז נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון יידישער דערציונג און טראַדיציע, וועלכע איז אַנגעזאַפּט מיט ציקלאָטישע עלעמענטן (יידן רחמנים בני רחמנים), נאָר איז אויך באַדינגט דורך ענדאָגענע, קאָנסטיטוציאָנעלע פאַקטאָרן. נישט זייענדיק אַליין פעיק צו מאָרדן, זענען מיר נישט חושד אַנדערע פעלקער, אַז זיי זאָלן קענען אונדז מאָרדן פאַר גאָרנישט אין דער וועלט, צוליב עפּעס אַן אויסגעטראַכטער מעשה (ראַסיזם), וואָס זיי אַליין גלויבן דאָך נישט הערין. די בלוטיקע בעסטיע האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אירע מאָרד־פּלענער, און מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, ווייל נישט קוקנדיק אפילו אויף אַלע שרעקלעכע דער־פאַרונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט בשעת די שחיטה איז געווען אין פולן גאַנג, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צוצושרייבן אָט דער בעסטיע מענטשלעכע אייגנשאַפטן.

אונדזער לעצטער „שכלדיקער״ אַרגומענט איז געווען, „דער שונא באַדאַרף דאָך אונדזער אַרבעטסקראַפט, איז דאָך גלייכער פאַר אים, אונדז אויסצונוצן, איידער זינלאָז צו פאַרטיליקן אַלץ מיט אַלעמען״... און אויך דאָ האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר זענען אומפאַרבעסערלעכע אָפּטימיסטן, און עס איז ווייט פון אונדזער ווען דער מאָרד, מאָרד צוליב פאַרגעניגן, צוליב בלוטדורשטיקייט, צוליב קראַנקהאַפטע פאַראַנאָישע אידעען — דאָס איז פאַר אונדז ביז היינט אַ פרעמדע אומפאַרשטענדלעכע זאַך, כאָטש מיר זענען געווען דער קרבן דערפון.

מיר מוזן זיך אויסלערנען פאַרשטיין, אַז אַלע אונדזערע גוטע איי־גנשאַפטן: דער זוניקער טעמפּעראַמענט, די איינפילבאַרקייט, אָפּטימיזם, עלאַסטישקייט, צופּאַסונגס־פעיקייט, האָבן אויך זייערע נעגאַטיווע זייטן.

וואָס עס פאָדערט זיך איצט פון אונדז, דאָס איז וואַכזאַמקייט און רעוויזיע פון אַ סך פון אונדזערע אָפּטימיסטישע אָנשויאונגען. דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ האָט אַנטפּלעקט אייגנשאַפטן, וועלכע מיר האָבן אַמאָל פאַרמאָגט, אָבער אין לויף פון די יאָרהונדערטער זענען זיי געווען אין אַ טיפן לעטאַרג. און די דאָזיקע אויפגעוואַכטע אייגנשאַפטן, דאָס זענען די מיילן־שטיינער אויף דעם וועג צו אַ נייעם, צו אַן אַנדערן טיפּ ייד. דער אויפשטאַנד האָט זיך איבערגערופן מיט אונדזער אַלטן אַמאָל, מיט די חשמונאים און בר־כוכבא... דער פירער פון אויפשטאַנד, מרדכי אַניעלעוויטש, און זיינע קאַמף־חברים זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי שאַפן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע. און זיי האָבן זיך נישט טועה געווען.

דער אויפשטאַנד איז אַ היסטאָרישער אַקט פון גובר זיין אַ סך פון אונדזערע ציקלאָטימע אייגנשאַפטן, וועלכע קענען אין אַ באַשטימטן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע זיין אַ שטערונג צו ווערן צוריק אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער.

דער אויפשטאַנד האָט געוויזן דעם וועג: דאָס פאָלק, וואָס גייט אַקטיוו ענדערן זיין געשיכטלעכן גורל, די נאַטור, וועט אויך ענדערן זיין אייגענע נאַטור.

עס איז אמת, אַז די אַלע פריער אויסגערעכנטע יידישע אייגנשאַפטן זענען אַנטשטאַנען אין לויף פון די יאָרהונדערטער אַלס רעזולטאַט פון קאַמף מיט די קאָמפּליצירטע לעבנסבאַדינגונגען. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז אין קאַמף, וועלכן עס האָבן געפירט די יידן פאַר זייער עקזיסטענץ, האָבן זיך געמוזט אַרויסרוקן אויפן ערשטן פּלאַן די ציקלאָטימע אייגנ־שאַפטן. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן באַקומען אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין אַלע מינים פאָלקס־שאַפונגען און פאָלקס־באַוועגונגען (חסידיזם) און האָבן זיך פאַרפעסטיקט סעלעקטיוו אין דעם פאָלקס־כאַראַקטער, אין דאַרוויניסטישן זינען. אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפטן שלעפּן מיט זיך דאָס אַלץ, וואָס מען רופט — מיט אַ נישט פאַרדינטן ביטול — גלות־פּסיכאָלאָגיע.

אויף אָט דער דערשיינונג האָט דער ציוניזם שוין געגעבן זיין פּשוטן (שוין צו פּשוטן!) ענטפער: דורך באַפרייען זיך פון גלות — באַפרייען זיך פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע!

אָט דער ענטפער איז נאָר צום טייל ריכטיק, ווייל מען קען דאָך נישט אויף איינמאָל אָפּווישן און צונישט מאַכן אַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט געדויערט לאַנגע יאָרהונדערטער. אָט די טענדענץ אין ציוניזם אין זיינע אָנהויבן האָט אויך אַרויסגערופן אַ סך קעגנערשאַפט מצד די פאָלקיסטישע עלעמענטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם באָדן פון דער שוין פאַראַנענער יידישער מאַסן־קולטור. ציוניזם איז אָבער געווען נישט נאָר די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל, נאָר אַ גייסטישע שטרעמונג, וואָס האָט צום טייל שוין געבראַכט און איז עלול נאָך צו פאַרטיפן די באַנייאונג און ענדערונג פון דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער.

טעאָדאָר הערצל האָט מיט 80 יאָר צוריק שוין געגעבן זיין געניאַלן אַנאַליז און פּראָגנאָז: אין די קומענדיקע קאַמפן, וואָס וועלן זיך צעפלאַקערן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אין אייראָפּע, וועלן די יידן צעריבן ווערן. די סיבה פון אַזאַ טרויעריקער פּערספּעקטיוו, האָט הערצל געהאַלטן, איז דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער וועט אויסנוצן פאַר זיינע צילן דאָס, וואָס יידן זענען פון איין זייט עקספּאָנירט אַלס אידעאָלאָגן און פירער פון סאָציאַליזם און פון דער אַנדערער זייט — אַלס קאַפּיטאַליסטן. (הקדמה צו „יודענשטאַט").

הערצלס פּעסימיזם בנוגע דער מערכה פון יידן אין אייראָפּע האָט זיך באַשטעטיקט. עס האָט זיך אויך פולשטענדיק באַשטעטיקט זיין אָפּשאַצונג פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט נישט פאַר־געשטעלט מיט זיך קיין שום כוח און נישט געהאַט קיין גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג. איז עס דאָך נאָך געווען די צייט פון בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע, פון אַלגעמיינעם גלויבן אין נצחון פון פּראָגרעס און קולטור! אָבער הערצל האָט שוין געזען די געפאַר, ווען עס האָט זיך זיינע מיטצייטלער נישט געחלומט אפילו, אַז אַזעלכע זאַכן זענען מעגלעך.

דער ציוניזם האָט טאַקע אָנגעקניפּט אָן אַלטע יידישע טראַדיציעס. ער האָט אָבער אַריינגעבראַכט אַ נייעם עלעמענט, וואָס איז ביז דעמאָלט נישט געווען אין יידישן כאַראַקטער, אָדער שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון אים. דאָס איז געווען דאָס קאָנסעקווענטע שטרעבן צו אַן אידעאַל, נישט געקוקט אויף אַלע מניעות און שוועריקייטן, דאָס קאָנסעקווענטע גיין קעגן שטראָם צוליב אַן אידעע (דאָס זענען שוין סכיצאָטימע אייגנשאַפטן). דער ציוניזם האָט אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַזעלכע פאַר־

זענלעכקייטן ווי ד״ר נתן בירנבוים, מאַקס נאָרדוי, וואָס זענען אויסגע־שפּראָכענע סכיצאָטימיקער.

די מענטאַליטעט פון ציוניזם איז ווייט פון דעם באַרימטן יידישן אָפּטימיזם און בטחון. דער ציוניזם האָט פאַרויסגעזען די פאָלקס־קאַטאַסטראָפע און געזוכט מיטלען און וועגן זי אויסצומיידן — איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

▽

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט די אַלע אידעען פון „יידישער מיסיע״, וועלכע זענען אַ פּראָדוקט פון אונדזער ציקלאָטימען מינהערווערטיקייטס־ און אתה בחרתנו־קאָמפּלעקס. מיט אַ באַזונדערן כוח זענען די ציוניסטישע אידעען געקומען צום אויסדרוק אין דער שאַפונג פון חיים נחמן ביאַליק. אין די לידער „פון צער און צאָרן״ שטראָפט דער דיכטער נישט נאָר דעם פּאָגראָמשטשיק, נאָר אויך זיין קרבן, וועלכער האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד, וועלכער האָט נאָך דעם פּאָגראָם ווי עס איז שלום געמאַכט מיט דער געשאַפענער לאַגע און ווידער זיך צוגעפּאַסט. אַט די יידישע פעיקייט זיך צוצופּאַסן און צו פאַרגעסן... ביאַליק האָט אויפגעריסן די וווּנדן, האָט געשטורעמט קעגן גאָט, (סציכאָטים־פּראָמעטעאישער שטריך) נישט פאַרגעסן און נישט שלום מאַכן — נישט מיט דער ערד און נישט מיט דער זון, וואָס האָט זיך פרייליך צוגעקוקט צו דער שחיטה!

ביאַליקס נביאישע שטראָף־רייד זענען נישט געבליבן אָן ווירקונג. אָבער צו דעם גרעסטן טייל פון פאָלק זענען זיי דאָך נישט דערגאַנגען. ווייל פּאַקטיש זענען מיר דאָך געווען נישט פּסיכיש און נישט פּאָליטיש מאָביליזירט קעגן דער גרויסער מאַסן־שחיטה, וועלכע די דייטשן האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט אין זייערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אונדזער פּאַטאַלער, אומהיילבאַרער אָפּטימיזם האָט אונדז פאַרשטעלט די וועלט און אונדז געשלאָגן מיט בלינדקייט! עס איז דאָך נישט געווען אַזוי שווער צו וויסן און צו פאַרשטיין, וואָס די דייטשן גרייטן פאַר אונדז צו. זיי האָבן דאָך גאָרנישט געמאַכט קיין סוד הערפון! מען האָט דאָך נאָר געדאַרפט לייענען זייערע פּובליקאַציעס און הערן זייערע לידער! („ווען יודען־בלוט פאָן מעסער שפּריצט״). און פאַר דער גרויסער שחיטה האָבן זיי דאָך אויך שוין גענוג געטון! אָבער

אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך. מיר האָבן נאָך אַלץ אויסגערעכנט דערויף, אַז די וועלט וועט נישט דערלאָזן... עס איז נישט געווען קיין גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אַלאַרמירן און וועקן, אַראָפּרייסן דעם פאַלשן, אומבאַגרינדעטן אָפּטימיזם.

מיר זענען געווען נישט נאָר ווערלאָז, נאָר אויך דעזאָריענטירט. אָבער אויך דערנאָך, שוין בשעת דער אָקופּאַציע, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס", האָט דאָס יידישע קאָלעקטיווע אחריות־געפיל (אויך אַ ציקלאָטימע כאַראַקטער־אייגנשאַפט) אַ לאַנגע צייט נישט דערלאָזט צו אַקטן פון נקמה און בלוטיקער אָפּרעכנונג. דער שונא האָט דאָס אַלץ אויסגעטייטשט אויף זיין אופן — אַלס פּחדנות...

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן זיך אויסגעווירקט נאָך מער די נעגאַטיווע זייטן פון אונדזער ציקלאָטימען כאַראַקטער.

מיט אַמאָל אָבער האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס נייע, וואָס האָט זיך שוין געהאַט פאַרוואָרצלט אין אונדזער סביבה. דאָס איז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — די טאַט פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף די ווערק פון הערצל און אויף די סטראָפן פון חיים נחמן ביאַליק.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, דאָס איז די ערשטע גרויסע טראַגעדיע אונדזערע, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען טראַגעדיע אין אַ פולער מאָס. ווייל ביז איצט, אין משך פון צוויי יאָרטויזנטער, האָבן מיר געהאַט פּאָגראָמען און שחיטות, אָבער נישט קיין טראַגעדיעס. ווייל צו אַ טראַגעדיע געהערט דאָך האַנדלונג, קאַמף. און נאָר דעמאָלט קענען מיר רעדן פון אַ טראַגעדיע, ווען עס פאַלט דער העלד, וואָס האָט געקעמפט פאַר עפּעס.

פּ.ס. דעם דאָזיגן אַרטיקל האָב איך אָנגעשריבן באַלד נאָך דער מלחמה, ווען איך בין צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פּוילן (לאָדזש), נאָך איידער עס איז אַנטשטאַנען די יידישע מלוכה. אין 1948 האָב איך פאַרלאָזט פּוילן — אויף תמיד. אָבער זינט דעמאָלט האָבן די יידן אין ישראל און אַלע געראַטעוועטע יידן, וואָס האָבן מאַסנווייז אָנגעהויבן צו שטראָמען צו זייער אַלט-נייעם היימלאַנד, אַרויסגעוויזן מעשים פון אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט און גבורה. די גאַנצע יידישע וועלט איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן. אין ישראל איז פון דער הגנה כמעט

איבערנאַכט אַנטשטאַנען אַ באַפרייאונגס אַרמיי, וואָס האָט אָפּגעשטויסן די אַרמייען פון 6 אַראַבישע מלוכות, וואָס האָבן געוואָלט דערשטיקן דאָס נייגעבוירענע ישראל. די „נייע" יידן האָבן געוונען דעם סיני-קאַמפּיין אין 1956, זיי האָבן צעשמעטערט אַלע אַראַבישע אַרמייען אין דער 6-טאָגיקער מלחמה אין 1967. בשעת דעם אָנפאַל יום-כיפור 1973, האָט די יידישע אַרמיי באַוויזן צוריקצושטויסן די מצריים, און זענען שוין געווען 60 קילאָמעטער פון קאירא און האָבן אַרומגערינגלט די דריטע עגיפּטישע אַרמיי, וועלכע נאָר די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע (קיסינגער) האָט געראַטעוועט. די אומגלויבלעכע אַקציע אונטער ענטעבע (אוגאנדא) האָט געוויזן דעם נייעם טיפּ קעמפערישן ייד, וואָס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג פון דער גאַנצער וועלט.

◈

אַ באַמערקונג צו חיים ליבערמאַנס אַרטיקל

חיים ליבערמאַן, ז״ל, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען דער קאָלומניסט פון „פאָרווערטס״ און איז אויך געווען דער מחבר פון עטלעכע ביכער טיפּזיניקע עסייען, האָט געהאַט די זעלטענע אייגנשאַפט צו פּאָפּולאַריזירן יידישע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען צומאָל אַ ביסל אבסטראַקט אָדער האָבן פאַרלאַנגט וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינירטקייט פון דעם יידישן לייענער, כדי ער זאָל זיי קענען פאַרשטיין. אַזעלכע יידישע לייענער האָבן מיר קיינמאָל ניט געהאַט צופיל און נאָך אונדזער בלוטיקן חורבן איז פאַרשוואונדן דער ברייטער שיכט יידישע פאָלקסאינטעליגענץ, וואָס איז פריער געווען אַן אָפּנעמער אויף אַזעלכע אַרטיקלען. איצט אין 1978 איז עס נאָך ערגער ווי עס איז געווען אין 1948 ווען איך האָב פאַר־עפנטלעכט מיין אַרטיקל „יידישער כאַראַקטער און יידישער גורל״ אין די „יידישע שריפטן״ (לאָדזש, 1948) קורץ פאַר דעם ווי איך האָב פאַרלאָזט פוילן — אויף תמיד.

אין דער צווישנצייט איז אַ היפּשע צאָל פון די, וואָס האָבן פאַר־שטאַנען, אויסגעשטאָרבן. אונדזער יונגע יידישע אינטעליגענץ איז על פּי־רוב אַוועק אויפן וועג פון מאַסן־אַסימילאַציע און עס וועט זיין היינט שווער צו געפינען אַ יונגן יידישן ייד, וואָס וועט זיין פּעאיק צו לייענען דעם אָפּקלייב פון מיינע אַרטיקלען וואָס נעמען אַרום אַ צייטשפּאַן פון 40 יאָר. אויסנאַמען זיינען תמיד פאַראַן. פאַר דעם עלטערן לייענער, אויף וועלכן מיר מוזן רעכענען, וועט חיים ליבערמאַנס אַרטיקל זיין אַ גרויסע הילף, ווייל ער וועט העלפן אים אַריינפירן אין מיין געדאַנקען־וועלט.

איז דעריבער די כוונה פון מיין אַריינגעבן חיים ליבערמאַנס אַרטיקל נישט געמיינט ווי אַ „סמיכה״, נאָר ער האָט דעם זייער פּראַקטישן ציל פון פּאָפּולאַריזאַציע.

ד״ר יצחק קאַנטער

חיים ליבערמאַן

יידישער כאַראַקטער

ווי אַזוי האָט זיך באַוויזן דער יידישער כאַראַקטער אין די שווערע יאָרן פון דעם נאַצישן אָנגריף אויף די יידן אין אייראָפּע? ווי וויית האָט דער יידישער כאַראַקטער געהאָלפן די יידן זיך צו ראַטעווען און אַריבער־טראָגן דעם חורבן? אָדער אפשר האָט גאָר דער יידישער כאַראַקטער מיטגעהאָלפן, אַז דער שונא זאָל קענען גרינגער דורכפירן זיינע טייוולאָנישע פּלענער?

דאָס זיינען זייער אינטערעסאַנטע, און טאַקע אויך וויכטיקע, לעבנס־וויכטיקע פראַגן, וואָס שווימען אַרויף אין געדאַנק ווען מ׳לייענט אַן אָפּהאַנדלונג, מיט וועלכער איך וויל דאָ באַקענען די לעזער.

די יידישע שרייבער, וואָס זיינען לעבן געבליבן אין פוילן, גיבן אַרויס ביכער און זשורנאַלן אויף ווי ווייט עס ליגט אין זייערע כוחות. דאָס זאַמלבוך „יידישע שריפטן״ איז איינס פון יענע זשורנאַלן. אין דעם צווייטן נומער פון דעם זאַמלבוך איז געדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג פון אַ יידישן געלערנטן, ד״ר יצחק קאַנטער, מיטן נאָמען: „אידישער כאַראַקטער און ידישער גורל״. און איך וויל דאָ אַרויסברענגען אייניקע געדאַנקען פון יענער אָפּהאַנדלונג.

ד״ר יצחק קאַנטער גיט צוערשט אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון דעם כאַראַקטער פון יידישן פאָלק, און מיט וואָס ער איז אַנדערש פון די כאַראַקטערס פון אַנדערע פעלקער.

ד״ר קאַנטער ווייזט קודם אָן, אַז דער כאַראַקטער פון אַ מענטשן ווערט באַשטימט פון אַ סך זאַכן, און צווישן זיי אויך — דער בוי פון זיין קערפּער. אַ מענטש וואָס האָט אַ גרויסן קאָפּ, אַ ברייטן, טיפן ברוסט־קאַסטן און בויך, די הענט און פיס עטוואָס קירצלעך — אַזאַ מענטש איז אַנדערש אין כאַראַקטער ווי יענער, וואָס פאַרמאָגט אַ קליינע פאָרמע קאָפּ, אַ שמאָלן ברוסטקאַסטן און שמאָלע, לאַנגע הענט און פיס. דער ערשטער טיפּ מענטש מיטן גרויסן קאָפּ איז גענייגט צו פריילעך־טרויער. דער אַנדערער טיפּ מענטש, מיטן קליינעם קאָפּ, צייכנט זיך אויס מיט די אייגנשאַפטן „רייצבאַר־טעמפּ״.

דאָס זעלבע, האַלט ד״ר יצחק קאַנטער, איז אויך ביי גאַנצע פעלקער. די דערמאָנטע צוויי טיפּן פון קערפּערבוי זיינען ביי פאַרשיידענע פעלקער גאַנץ פאַרשיידן פאַרטיילט. ביי איין פאָלק באַגעגענען זיך מער די מענטשן מיט דעם גרויסן קאָפּ אאז״וו וואָס איז גורם, אַז זייערע טעמפּע־ראַמענטן, און פאַלגלעך די פאָלקס־כאַראַקטערס זאָלן זיין פאַרשיידענע.

צו וועלכן מין פאָלק געהערט דאָס יידישע פאָלק? ד״ר קאַנטער שרייבט, אַז פאַרשונגען האָבן געוויזן, אַז פאַר יידן איז כאַראַקטעריסטיש דער טיפּ מיטן גרויסן קאָפּ, וואָס זיין טעמפּעראַמענט וויגט זיך צווישן די שטימונגען פריילעך־טרויעריק. און פונדאַנען האָבן זיך אַנטוויקלט אַלע יידישע כאַראַקטער־שטריכן ווי אַ פּועל־יוצא פון דער היסטאָרישער לאַגע, אין

וועלכער מיר האָבן געלעבט.

וואָס זיינען די דאָזיקע שטריכן? ד״ר יצחק קאַנטער רעכנט אויס איניקע פון זיי: זוניקער טעמפעראַמענט, איינפילבאַרקייט, אָפּטימיזם, עלאַסטישקייט, צופּאַסונגס־פעאיקייט, די יידישע האַרציקייט, אוממיטל־באַרקייט, די פעאיקייט זיך אַריינצולעבן אין יענעמס לאַגע, דער באַרימטער יידישער רחמנות־געפיל. דער יידישער מענטש קען נישט פאַרגיסן קיין בלוט. ער איז ניט גרויזאַם. די זעלטנקייט פון בלוט־פאַרגיסונג ביי יידן, מיינט ד״ר קאַנטער, קומט ניט בלויז פון יידישער טראַדיציע און דערציאונג, נאָר אויך פון דעם יידישן קערפּער גופא.

דאָס זיינען, פאַרשטייט זיך, די גרויסע יידישע מעלות מיט וועלכע מיר זיינען שטאָלץ און וועלכע צייכענען אונדז אויס צווישן אַלע פעלקער. אָבער ווי אַזוי האָבן אונדז די דאָזיקע מעלות געדינט אין דער צייט פון דער גרויסער היטלער־קאַטאַסטראָפע? האָבן זיי אונדז געהאָלפן אָדער געשטערט?

ד״ר יצחק קאַנטער האַלט, אַז אין דער צייט פון דעם גרויסן קריזיס האָבן די דאָזיקע מעלות באַווירקט אונדזער גורל צום ערגערן, ניט צום בעסערן, וואָרים, שרייבט ד״ר קאַנטער:

„ניט זיך׳ענדיק אַליין פעאיק צו מאָרדן, זיינען מיר ניט חושד געווען אַנדערע פעלקער, אַז זיי זאָלען קענען אונדז מאָרדן פאַר גאָרניט אין דער וועלט. צוליב עפּעס אַן אויסגעטראַכטער מעשה (ראַסיזם), וואָס זיי אַליין גלויבן דאָך ניט דערין. די בלוטיקע בעסטיע האָט שוין אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן אירע מאָרד־פּלענער, און מיר האָבן נאָך אַלץ ניט געגלויבט. ווייל ניט קוקנדיק אפילו אויף אַלע שרעקלעכע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט בשעת די שחיטה איז שוין געווען אין פולן גאַנג, האָבן מיר נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צוצושרייבן אָט דער בעסטיע מענטשלעכע איינגעשאַפטן. אונדזער לעצטער „שכל׳דיקער״ אַרגומענט איז געווען, אַז דער שונא באַדאַרף דאָך אונדזער אַרבעטס־קראַפט. איז דאָך גלייכער פאַר אים אונדז אויסצונוצן, איידער זינלאָז צו פאַרטיליקן אַלץ מיט אַלעמען... און אויך דאָ האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר זיינען אומפאַרבעסערלעכע אָפּטימיסטן און עס איז ווייט פון אונדזער וועזן דער מאָרד, מאָרד צוליב פאַרגעניגן, צוליב בלוטדורשטיקייט, צוליב קראַנקהאַפטע אידעען — דאָס איז פאַר אונדז ביז היינט אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך, כאָטש מיר זיינען

געוועזן דער קרבן דערפון״...

אין אַ צווייטן אָרט ברענגט ד״ר קאַנטער נאָך אַ ביישפּיל פון אָפּטימיזם וואָס קען אונדז פאַרפירן צו גרויסן שאָדן. דער ביישפּיל איז, פאַרשטייט זיך, אויך גענומען פון אונדזערע הערפאַרונגען אין דער היטלער־עפּאָכע. ער זאָגט ווייטער:

„מיר זיינען געווען ניט פסיכיש און ניט פּאָליטיש מאָביליזירט קעגן דער גרויסער מאַסן־שחיטה, וועלכע די דייטשן האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט אין זייערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אונדזער פאַטאַלער, אומהיילבאַרער אָפּטימיזם האָט אונדז פאַרשטעלט די וועלט און אונדז געשלאָגן מיט בלינדקייט! עס איז דאָך ניט געווען אַזוי שווער צו וויסן און צו פאַרשטיין, וואָס די דייטשן גרייטן פאַר אונדז צו. זיי האָבן דאָך גאָרניט געמאַכט קיין סוד דערפון! מען האָט דאָך נאָר געדאַרפט לייענען זייערע פּובליקאַציעס און הערן זייערע לידער! („ווען יודען־בלוט פאָן מעסער שפּריצט״). און פאַר דער גרויסער שחיטה האָבן זיי דאָך אויך שוין גענוג געטאָן! אָבער אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך. מיר האָבן נאָך אַלץ אויסגערעכנט דערויף, אַז די וועלט וועט ניט דערלאָזן... עס איז ניט געווען קיין גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אַלאַרמירן און וועקן, אַראָפּרייסן דעם פאַלשן, אומבאַגרינדעטן אָפּטימיזם.

„מיר זיינען געווען ניט נאָר ווערלאָז, נאָר אויך דעזאָריענטירט. אָבער אויך דערנאָך, שוין בשעת דער אָקופּאַציע, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס״, האָט דאָס יידישע קאָלעקטיווע אחריות־געפיל (אויך אַ כאַראַקטער־אייגנשאַפט) אַ לאַנגע צייט ניט דערלאָזט צו אַקטן פון נקמה און בלוטיקער אָפּרעכענונג. דער שונא האָט דאָס אַלץ אויסגעטייטשט אויף זיין אופן — אַלס פחדנות...

„בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן זיך אויסגעווירקט נאָך מער נעגאַטיווע זייטן פון אונדזער אָפּטימיסטישן כאַראַקטער״.

די דאָזיקע רייד פון ד״ר יצחק קאַנטער זיינען געוויס ריכטיק. דאָס זיינען היסטאָרישע אמת׳ן, וואָס ליגן ניט באַהאַלטן אין קיין ביכער, נאָר יעדער איינער ווייסט זיי גוט, אויסווייניק...

פרעגט זיך אָבער די פראַגע: וואָס טוט מען כדי זיך צו שיצן קעגן,

אַזוי צו זאָגן, די „חסרונות" פון אונדזערע מעלות? וואו איז די גאַראַנטיע, אַז אין דער צוקונפט זאָלן זיך ניט איבערחזרן די זעלבע טעותן? ד״ר קאַנטער ענטפערט דערויף אַזוי:

„וואָס עס פאָדערט זיך איצט פון אונדז, דאָס איז וואַכזאַמקייט און אַ ן רעוויזיע פון אַ סך פון אונדזערע אָפּטימיסטישע אָנשויאונגען".

דאָס איז איינס. צווייטנס, הייסט אונדז ד״ר קאַנטער קוקן און געדענקען דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. „דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ — שרייבט ער — האָט אַנטפּלעקט אייגנשאַפטן, וועלכע מיר האָבן אַמאָל פאַרמאָגט, אָבער אין לויף פון יאָרהונדערטער זיינען זיי געווען אין אַ טיפן שלאָף. און די דאָזיקע אויפגעוואַכטע אייגנשאַפטן, דאָס זיינען די מיילן־שטיינער אויף דעם וועג צו אַ נייעם, צו אַן אַנדערן טיפּ ייד. דער אויפשטאַנד האָט זיך איבערגערופן מיט אונדזער אַלטן אַמאָל, מיט די חשמונאים און בר־כוכבא... דער אויפשטאַנד איז אַ היסטאָרישער אַקט פון גובר־זיין אַ סך פון אונדזערע אָפּטימיסטישע אייגנשאַפטן, וועלכע קענען אין אַ באַשטימטן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע זיין אַ שטערונג פאַר אונדז צו ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער".

און ווייטער, ד״ר יצחק קאַנטער זעט אויך אין דעם ציוניזם דעם גאַנג צו דעם נייעם טיפּ ייד, וואָס וועט זיך מער ניט לאָזן גענאַרן פון דער וועלט, ווערנדיק פאַרפירט פון זיינע אייגענע גוטע, מענטשלעכע מעלות, וואָרים דער ציוניזם איז דאָך אין זיין תוך געשטעלט אויף אומצוטרוי צו דער „גוטער וועלט" צו דער „בעסערער מענטשהייט".

ד״ר קאַנטער איז ניט אינגאַנצן מסכים מיטן ציוניזם און זיין שטעלונג צום גלות. דער שרייבער מיינט, אַז דער ציוניזם מאַכט עס שוין „צו־פּשוט", ווען ער מאַכט אינגאַנצן אַוועק מיט דער האַנט דעם גלות מיט דער „גלות־פּסיכאָלאָגיע". ער הייסט אָבער קוקן אויפן ציוניזם ניט בלויז פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיין קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ ישראל. „דער ציוניזם — שרייבט ער — איז געווען ניט נאָר די קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל, נאָר אַ גייסטיקע שטרעמונג, וואָס האָט צום טייל שוין געבראַכט, און איז עלול נאָך צו פאַרטיפן די באַנייאונג און ענדערונג פון דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער".

לויט ד״ר קאַנטער קומט אויס, אַז ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס דווקא אין דער ציוניסטישער וועלט האָט מען פאָרויסגעזען די מעגלעכקייט

פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געקומען אויף אונדז. טעאָדאָר הערצל — שרייבט ער — האָט מיט 80 יאָר צוריק שוין געגעבן זיין געניאַלן אַנאַליז און פּראָגנאָז: אין די קומענדיקע קאַמפן וואָס וועלן זיך צעפלאַקערן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אין אייראָפּע, וועלן די יידן צעריבן ווערן. די סיבה פון אַזאַ טרויעריקער פּערספּעקטיוו, האָט הערצל געהאַלטן, איז דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער וועט אויסנוצן פאַר זיינע צילן דאָס, וואָס יידן זיינען פון איין זייט עקספּאָנירט אַלס אידעאָלאָגן און פירער פון סאָציאַליזם און פון דער אַנדערער זייט — אַלס קאַפּיטאַליסטן. (הקדמה צו „יודענשטאַט״).

„הערצלס פּעסימיזם בנוגע דער מערכה פון יידן אין אייראָפּע האָט זיך באַשטעטיקט. עס האָט זיך אויך פולשטענדיק באַשטעטיקט זיין אָפּשאַצונג פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט ניט פאַר־געשטעלט מיט זיך קיין שום כוח און ניט געהאַט קיין גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג. איז עס דאָך נאָך געווען די צייט פון בירגערלעכער עמאַנסי־פּאַציע, פון אַלגעמיינעם גלויבן אין נצחון פון פּראָגרעס און קולטור! אָבער הערצל האָט שוין געזען די געפאַר, ווען עס האָט זיך זיינע צייטמענטשן אפילו ניט געחלומט, אַז אַזעלכע זאַכן זיינען מעגלעך״...

אָט דאָס זיינען די אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע געדאַנקען פון ד״ר יצחק קאַנטער, וועלכע ער ציט אַרויס פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס זיינען אַריבערגעלאָפן איבער אונדזערע קעפּ אין דעם לעצטן צענדליק יאָר...

◈

די ביאָלאָגישע און די טראַדיציאָנעלע פאַקטאָרן פון דער יידישער עטיק

פאַרברעכערישקייט ביי יידן לויט דער סטאַטיסטיק

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פּראָבלעמען, אויף וועלכע עס ווייזט אָן די סטאַטיסטיק, איז די אויסערגעוויינלעך קליינע פאַרברעכערישקייט ביי יידן. אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, אין וועלכע עס האָבן געלעבט גרעסערע מאַסן פון יידן, פלעגט יעדע פאַרגלייכנדיק־סטאַטיסטישע אַרבעט וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון פאַרברעכערישע אַקטן אָנווייזן אויף דעם דאָזיקן פענאָמען: צווישן יידן זענען שווערע פאַרברעכנס פאָרגעקומען אַ סך ווייניקער ווי צווישן זייערע נישט־יידישע שכנים. דאָס איז אַזוי געווען ביי פּוילישע און רוסישע יידן פּונקט אַזוי ווי ביי דייטשע און פראַנצויזישע. די דאָזיקע סטאַטיסטיק ווייזט טאַקע אָן אויף פּראָבלעמען, זי פאַרענטפערט זיי אָבער נישט. זי קירעוועט די אויפמערקזאַמקייט אויף געוויסע צושטאַנדן און שייכותן, וואָס זייער אייגנטלעכע סיבות זענען זייער אָפט נישט באַקאַנט. די אויפגאַבע צו פאַרענטפערן די פּראָבלעמען, אויף וועלכע עס ווייזט אָן די סטאַטיסטיק, נעמען איבער אַנדערע דיסציפּלינען: די סאָציאָלאָגיע, די ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע.

אַזאַ סטאַטיסטישע אַרבעט איז פּראָפ. ליבמאַן־הערשס „די פאַרברעכערישקייט ביי יידן אין פּוילן" (1937, אַרויסגעגעבן פון „ייוואָ"). די דאָזיקע אַרבעט און אירע רעזולטאַטן לאָזן איבער אויף צו פאַרענטפערן אַ סך וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע דעם כאַראַקטער, דער ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פון פּוילישן יידנטום. דער פאַקט, וואָס צווישן פּוילישע יידן זענען געווען 20 ביז 25 מאָל ווייניקער מערדער ווי ביי זייערע שכנים אָדער דריי ביז זעקס מאָל ווייניקער גנבים, איז פאַר אונז נאָך נישט גענוג. מיר ווילן אויך וויסן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען. פאַרענטפערנדיק אָט די פראַגע, וועלן מיר אויפדעקן די שרשים פון יידישער עטיק, וועלכע איז, ווי מיר וועלן זען, נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ דורות־לאַנגער ציוויליזאַציע און זעלבסט־דיסציפּלין, נאָר אויך אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון ביאָלאָגישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער געשטאַלטיקונג פון יידישן כאַראַקטער.

פּראָפּ. הערשס אַרבעט שטיצט זיך אויף די פּובליקאַציעס פון צענטראַלן פּויליש־מלוכהשן סטאַטיסטישן אַמט און נעמט אַרום הויפּט־זעכלעך די יאָרן 1924 און 1925. ווי מען קען זען פון אַ פאַרגלייך מיט אַנדערע יאָרן, זענען די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע צוויי יאָר כאַראַקטעריס־טיש אויך פאַר אַלע אַנדערע יאָרן. אָבער דער פעלער פון אַ סטאַטיסטיק, וואָס נעמט אַרום נאָר די קורצע צייט פון צוויי יאָר, באַשטייט דערין, וואָס מען קאָן נישט האָבן קיין איבערזיכט און פאַרגלייכן פאַרברעכנס, וועלכע קומען פאָר זעלטן. אין אַזעלכע פאַלן האָט הערש אַ סך מאָל פאַרבונדן די פּאָזיציעס פון פאַרברעכנס מיט אַן ענלעכן כאַראַקטער און אַזוי אַרום באַקומען גרעסערע צאָלן[1].

פאַרגלייכנדיק אַזעלכע צוויי פאַרשיידענע באַפעלקערונגען, ווי עס זענען געווען די יידן און נישט־יידן אין פּוילן, מוז מען קודם כל ענטפערן אויף דער פראַגע: צי איז מעגלעך צו פאַרגלייכן אַזעלכע צוויי גרופּן, וואָס האָבן גאַנץ פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטורן? איז דאָך די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן אין איר גרויסער מערהייט געווען אַ שטאָט־באַפעלקערונג (76% יידן האָבן געוווינט אין די שטעט לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1921) און די נישט־יידישע באַפעלקערונג האָט אין איר איבערוועגנדיקער מערהייט (81%) געלעבט אויפן דאָרף. און דערביי מוז באַלד אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער חילוק אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יידן און נישט־יידן פאַרענטפערט נישט דעם פענאָמען פון דער קלענער פאַרברעכערישקייט ביי יידן, נאָר פּונקט פאַרקערט, שטרייכט ערשט אונטער זיין אויסערגעוויינלעכקייט. איז עס דאָך אַן אַלגעמיין־אָנערקענטער פאַקט, אַז די שטאָט באַגינציקט פאַר־ברעכערישע טענדענצן בכלל די שטאָט־באַפעלקערונג ווייזט אויף אין אַלע לענדער אַ גרעסערע פאַרברעכערישקייט ווי די דאָרף־באַפעלקערונג. אויב די יידן אין פּוילן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קלענער פאַרברעכערישקייט

[1]) אַזוי זענען, למשל, פאַרבונדן געוואָרן די פּאָזיציעס פון געבן און נעמען שוחד. עס איז קלאָר, אַז יידן האָבן אין פּוילן נישט געקאָנט באַשטראָפט ווערן פאַר נעמען שוחד שוין צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט פאַרנומען קיין שום מלוכהשע אַמטן. דערפאַר האָבן זיי אָבער זייער אָפט פיגורירט, צוליב דער זעלבער סיבה, אין דער רובריק פון באַשראָפונגען פאַר געבן שוחד.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זענען אין רוב־בנין ורוב־מנין געווען אַ שטאָט־באַפעלקערונג, הייסט עס, אַז די סיבות פון דאָזיקן אייגנציקאַרטיקן פענאָמען מוז מען זוכן נישט אין דער סאָציאַלער סטרוקטור, נאָר ערגעץ ווו אַנדערש.

פּראָפ. הערש האַלט זיך ביי דער איינטיילונג פון דער אַמטלעכער „סטאַטיסטיקא קרימינאלנא", לויט וועלכער עס זענען דאָ דריי הויפּט־קאַטעגאָריעס פון פאַרברעכנס: 1) פאַרברעכנס קעגן די רעכטלעכע גיטער פון דער געמיינשאַפט (אין ערשטער ריי פּאָליטישע פאַרברעכנס). 2) פאַר־ברעכנס קעגן די פּערזענלעכע גיטער פון יחיד. 3) פאַרברעכנס קעגן די מאַטעריעלע גיטער פון יחיד. נאָר בנוגע די פאַרברעכנס פון דער ערשטער קאַטעגאָריע זענען די יידן נישט הינטערשטעליק און ווייזן אפילו אויף מיט אײן פינפטל מער פאַראורטיילטע. אָט די קאַטעגאָריע נעמט אָבער אַרום אין ערשטער ריי פּאָליטישע פאַרברעכנס, וואָס קאָנען דאָך — אין די באַדינגונגען פון דעם געוועזענעם האַלב־פאַשיסטישן פּוילן — קיינמאָל נישט אויפגעפאַסט ווערן אַלס אַסאָציאַלע אַקטן, נאָר פונקט פאַרקערט. ווייל יחידים, וואָס זענען צוליב געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אידעען גרייט צו נעמען אויף זיך האַרבע שטראָפן, זענען על פי רוב ריינע אידעאַליסטן און די עליטע פון דער געזעלשאַפט. דאָס, וואָס די יידן זענען אַזוי שטאַרק פאַרטרעטן צווישן די פּאָליטישע פאַרברעכער, קומט אַרויס פון דערזעלביקער סיבה, צוליב וועלכער זיי זענען געווען אַזוי שוואַך פאַרטרעטן צווישן די קרימינעלע פאַרברעכער. עס איז די אַנדערע זייט פון דער זעלבער מטבע. עס איז דיזעלבע אימאַנענטע, ביאָלאָגיש־באַדינגטע שטרעבונג צו גערעכטיקייט, וואָס מאַניפעסטירט זיך דאָ אַזוי בולט! בלייבנדיק אָבער פולשטענדיק אָביעקטיוו, מוז מען צוגעבן, אַז אין דער קאַטעגאָריע פון פּאָליטישע „פאַרברעכנס" האָט אויך די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג איר השפעה. אין דעם פאַל מוז מען אַראָפּרעכענען דעם פּאָליטיש־אַקטיוויזירנדיקן פאַקטאָר, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאָר די שטאָט. עס איז דעריבער קלאָר, אַז די יידן וואָלטן מסתמא נישט פאַרנומען אַזאַ גרויסע פּאָזיציע צווישן די פּאָליטישע „פאַרברעכנס", ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַ שטאָט־באַפעלקערונג.

אַזוי אַרום קומען נאָר אין פראַגע די צוויי קאַטעגאָריעס, וואָס נעמען אַרום די קרימינעלע פאַרברעכנס און נאָר מיט זיי וועלן מיר זיך באַ־

שעפּטיקן. דאָס זענען די „פאַרברעכנס קעגן די פּערזענלעכע גיטער און קעגן די מאַטעריעלע גיטער פון יחיד״. דאָ זענען מיר באַרעכטיקט צו זוכן ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע צוזאַמענהאַנגען צווישן די פאַרברעכנס און די פּערזאָנען, וואָס פירן זיי אויס.

לייכטע און שווערע פאַרברעכערישקייט

דער דייטשער קרימינאָלאָג, ד״ר פ. סטומפּפל, איז אויפן יסוד פון אונטערזוכונגען, וואָס ער האָט דורכגעפירט צווישן די משפחות פון פאַר־ברעכער, געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז אַן אוממיטלבאַרער צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרברעכן און כאַראַקטער איז פאַראַן קודם־כל אין די פאַלן פון רעצידיוויסטישער פאַרברעכערישקייט. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די וויכטיקסטע אינערלעכע סיבה פון פאַרברעכן איז אין אָט די פאַלן די געירשנטע אַנאָמאַליע פון כאַראַקטער. אין די אַלע פאַלן קענען מיר רעדן פון דער א. ג. שווערער פאַרברעכערישקייט. פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען ערשט נאָך דעם 25טן לעבנסיאָר צום ערשטן מאָל און פאַרברעכנס, וואָס חזרן זיך נישט איבער, געהערן צו דער לייכטער פאַרברעכערישקייט. אין אָט די פאַלן געלינגט פריער אָדער שפּעטער אַרויפצוברענגען דעם פאַרברעכער אויף דעם דרך־הישר. אַלס הויפּט־סיבה פון פאַרברעכן מוז מען דאָ באַטראַכטן אומגינציקע לעבנסבאַדינגונגען אָדער שווערע איבערלעבונגען.

דער חילוק צווישן לייכטער און שווערער פאַרברעכערישקייט ווערט נאָך בולטער אַרויסגעשיילט ביי דער אויספאָרשונג פון פאַרברעכערישע צווילינגען[2]. ד״ר סטומפּף האָט גענוי אַדורכגעשטודירט די לעבנסגעשיכטע פון אַ גאַנצער ריי פאַרברעכערישע צווילינגען פון זייער ערשטן יוגנטלעכן פאַרברעכן ביז צו דער עלטער. ער האָט זיך אין די אַלע פאַלן געשטיצט נישט נאָר אויף דעם געריכטלעכן אַקטן־מאַטעריאַל, נאָר אויך אויסגענוצט אַלע מעגלעכע ידיעות וועגן זיי, כדי פעסטצושטעלן אויף ווי ווייט דאָס פאַרברעכערישע אָדער אפילו נאָר דאָס אַנטיסאָציאַלע געהערט צו זייער לעבנססטיל. ער איז דערביי געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז שווער־

2) Dr. F. Stumpf: Die Urspruenge des Verbrechens, Leipzig 1936.

פאַרברעכערישע צווילינגען מיט אידענטישע ירושה־אייגנשאַפטן פאַרהאַלטן זיך לגבי דעם פאַרברעכן קאָנקאָרדאַנט ד. ה. זיי באַגייען מער־ווייניק די זעלבע פאַרברעכנס אפילו ווען זיי געפינען זיך אין פאַרשיידענע ערטער און באַדינגונגען. אויב עס האַנדלט זיך אָבער אין לייכטע פאַרברעכנס, זענען די ירושהדיק אידענטישע צווילינגען נישט קאָנקאָרדאַנט. דערפון איז געדרונגען, אַז נאָר די שווערע פאַרברעכערישקייט איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלער ענין ד. ה. אָפּהענגיק פון ירושה־פאַקטאָרן, כאָטש מען קען אויך דאָ נישט אינגאַנצן פאַרלייקענען די השפעה פון די סביבה־פאַקטאָרן.

פאַרברעכערישקייט און קערפּערלעכע קאָנסטיטוציע

זינט לאָמבראָזאָס עפּאָכע־מאַכנדיקע אַרבעטן וועגן דעם „געבוירענעם פאַרברעכער" איז די פראַגע וועגן דער ראָל פון ירושה־פאַקטאָרן ביים פאַרברעכער מער נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. און כאָטש מיר האַלטן עס היינט פאַר נישט מעגלעך אויפצושטעלן פּסיכאָ־פיזישע טיפּן, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דעם „מערדער" אָדער דעם „גנב", וועלכע זענען דאָך סאָציאָלאָגישע באַגריפן, פונדעסטוועגן זוכן מיר אַ ביאָלאָגישן עקוויוואַלענט פון פאַרברעכער. אין משך פון די לעצטע 20 — 30 יאָר האָט די קלינישע פּסיכיאַטריע אָנגעזאַמלט אַ סך דערפאַרונגען וועגן די נטיות צו פאַרברעכערישע מעשים ביי אַ גאַנצער ריי טיפּן פון נישט נאָרמאַלע פּערזענלעכקייטן.

אַ היפּש ביסל רעזולטאַטן האָבן אויף דעם דאָזיקן געביט צו פאַרצייכענען די טיפּן־פּסיכאָלאָגן. אַ טייל פון זיי האָבן דורכגעפירט קערפּערבויאונטערזוכונגען ביי שווערע פאַרברעכער און אויך באַשטימט זייער כאַראַקטער לויט דעם קרעטשמערישן אָדער ענלעכע מעטאָדן[3]. בנוגע דעם שווערסטן פאַרברעכן, דעם מאָרד, זענען זיי געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז דאָס רוב רויב־מערדער און סתם רוצחים געהערן צו דעם אַטלעטישן טיפּ. דער אַטלעטישער טיפּ פאַרנעמט אַ סך אַ גרעסערן פּלאַץ צווישן די רוצחים ווי עס איז זיין פּראָצענטועלער אַנטייל אין דער באַפעלקערונג. באַזונדער געפערלעך זענען די עקספּלאָסיוו־עפּילעפּטאָאידע טיפּן (אַן

---

3) Rohden: Koerperbauuntersuchungen an geisteskranken und gesunden Verbrechen (Archiv fuer Psychiatrie 77, 1926).

אונטער גרופּע, וואָס געהערט צום אַטלעטישן טיפּ), וועלכע גיבן אַרויס פון זיך די גרעסטע צאָל „פאַרברעכער קעגן די פּערזענלעכע און מאַטעריעלע גיטער פון יחיד״. די מייסטע פאַרגעוואַלדיקער, רויבער און רוצחים רעקרוטירן זיך פון צווישן די אַטלעטישע טיפּן. דאַקעגן געפינען זיך צווישן די אַטלעטיקער זייער ווייניק רמאים (באַטריגער). ווייל דערצו פאַרלאַנגט זיך געשיקטקייט, עלאַסטישקייט און שנעלע אָריענטאַציע — אַלץ אייגנשאַפטן, וואָס זענען פרעמד דעם שווערן, לאַנגזאַמען און עפּילעפּטאָאיד־עקספּלאָסיוון טעמפּעראַמענט פון אַטלעטיקער.

אין אַ מאָנאָגראַפיע וועגן 40 רוצחים קומט טעבבען[4] צו דעם רעזולטאַט אַז דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך אין מאָרד, פאַרבונדן מיט גנבה און רויב, געהערט דער פאַרברעכער צומייסט צום אַטלעטישן טיפּ. ביי אַפעקטיווע פאַרברעכערישע האַנדלונגען (אויך אַפעקט־מאָרד) זענען שוין פאַרטרעטן אַלע אַנדערע טיפּן, כאָטש אויך דאָ איבערוועגט דער אַטלעטיקער. דער גרעסערער טייל פון די באַשריבענע רוצחים איז ירושהדיק באַלאַסטעט (אַלקאָהאָליזם און גייסטיקע קראַנקהייטן. ביי 25% אַ דירעקטע קרימינעלע ירושהדיקייט). דער סאָציאַלער מצב פון די עלטערן איז נאָר אין 35% פון די רוצחים געווען אַ שלעכטער. אַזוי זעען מיר אויך דאָ, אַז ביי דער שווערער פאַרברעכערישקייט רוקט זיך דער סאָציאַלער פאַקטאָר נישט אַרויס אויף דעם ערשטן פּלאַץ. נישט ווייניק פאַרברעכער זענען אויך דאָ צווישן די סכיצאָטימישע טיפּן (אינזיכיסטישער כאַראַקטער). אָבער ביי די דאָזיקע טיפּן, וועלכע זענען אַ סך קאָמפּליצירטער, קומען אויך זעלטענער פאָר פּרימיטיווע געוואַלט־מעשים. רציחות און פאַרגוואַלטיקונגען געהערן נישט צו טיפּישע פאַרברעכנס פון סכיצאָטימיקער. דאָך זענען די סכיצאָטימיקער געניט אָפט גנבים און אָפנאַרער.

די קלענסטע פאַרברעכערישקייט געהערט צו דער גרופּע פון די פּיקניקער (דאָס איז אַ טיפּ, וואָס געפינט לייכט אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן, לעבט זיך לייכט אַריין אין יענעמס פּסיכישן צושטאַנד, פילט מיט, לעבט מיט דער סביבה. זיין טעמפּעראַמענט וויגט זיך צווישן פריילעכע און טרויעריקע שטימונגען און דערפאַר ווערט ער באַצייכנט אַלס ציקלאָטימי־

---

4) Toebben: Untersuchungsergebnisse an Totschlaegern, Berlin 1932.

קער (טימאָס — נשמה, ציקלאָס — קרייז) אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם בייטן זיך פון די פריילעכע און טרויעריקע שטימונגען בלייבט ער אין תוך אַן אָפּטימיסט. אין מיטלאייראָפּע פאַלט אויס אויף דעם חלק פון אָט דער גרופּע ניט מער ווי 10% פון אַלע מינים פאַרברעכנס בשעת 20% פון דער מיטל־אייראָפּעאישער באַפעלקערונג זענען פּיקניקער. אַ גרויסע זעלטנקייט זענען צווישן די פּיקניקער גנבים און רוצחים. אויך פאַרברעכנס קעגן דער זיטלעכקייט זענען דאָ כמעט נישטאָ. צום אָפטעסטן קומען נאָך פאַר ביים דאָזיקן טיפּ שווינדלערייען. אין דער שווערער פאַרברעכערישקייט (רוצחים, קאַסע־ברעכער, באַנדיטן, פאַרגוואַלדיקער) זענען אַלזאָ די פּיקניקער זייער שוואַך באַטייליקט: 3% שווערע פאַר־ברעכער ביי אַ פּראָצענטועלן אַנטייל אין דער באַפעלקערונג ביז 20%. די אַלע ציפערן, וואָס שטיצן זיך אויף אַ מאַטעריאַל פון עטלעכע טויזנט אונטערזוכטע פאַרברעכער[5], באַווייזן צום איבעריקן מאָל די מינימאַלע פאַרברעכערישע נטיות ביי דעם פּיקנישן קאָנסטיטוציע־טיפּ (דער דאָזיקער טיפּ האָט אויך אַ כאַראַקטעריסטישן קערפּערבוי: אַ גרויסן קאָפּ, אַ טיפן ברוסטקאַסטן און בויך, אַ ברייטע געשטאַלט, קורצע און ברייטע גלידער. ביי דעם אַסטענישן טיפּ, אָדער לעפּטאָסאָמיקער איבערוועגט אין גאַנצן קערפּערבוי, להפּוך, דאָס שמאָלע און שלאַנקע).

די קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן ביי יידן

עס זענען ביז איצט נאָך פון קיינעם נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין טיפּאָלאָגישע קערפּעראויסמעסטונגען אויף אַ רעפּרעזענטאַטיווער גרופּע פון יידן. צו אונזער טעזע וועגן דעם איבערוועגן פון פּיקנישן טיפּ צווישן יידן (אויפן חשבון פון אַטלעטישן און צום טייל אויך פון לעפּטאָסאָמען ד. ה. שלאַנקן טיפּ) זענען מיר דערגאַנגען נאָך פאַר דער לעצטער מלחמה אויפן סמך פון אַ גאַנצער ריי פאַקטן פון דער יידישער ביאָפּאַטאָלאָגיע (באַזונדערקייטן פון אַ גאַנצער ריי פּסיכישע און סאָמאַטישע קראַנקייטן צווישן יידן). אין דעמזעלבן זינען זאָגן זיך היינט אַרויס די באַדייטנדיקסטע יידישע פּסיכיאַטערס (ע. מינקאָווסקי, ה. באַרוק[6] א. א.).

5) G. Schwab: Ueber die Beziehung der koerperlichen Konstitution zum Verbrechertyp (1941).

6) Henri Baruk: Précis de Psychiatrie, Paris 1950.

ד״ר ע. מינקאָווסקי האַלט, אַז דאָס אָפטע פאַרקומען פון פּיקניקער צווישן יידן איז אויך אַ סיבה פון דעם אָפטן פלוצלונגדיקן אויפקומען פון גייסטיקע קראַנקייטן, אָבער אויך פון זייער לייכטערער היילבאַרקייט. דער ציקלאָטימיזם (ד. ה. דאָס אָפטע פאַרקומען פון ציקלאָטימען טיפּ, וואָס אַנטשפּרעכט דעם פּיקנישן קערפּערבוי). פון יידישן פאָלק איז אויך (לויט מינקאָווסקי) איינע פון די סיבות פון אַ שטאַרקן גייסטיקן ווידערשטאַנד־כוח לגבי קאַטאַסטראָפעס און חורבונות.

ווי וויכטיק און אויטאָריטאַטיוו ס׳זאָל ניט זיין די מיינונג פון די פּסיכיאַטערס און פּסיכאָלאָגן וועגן דעם אָפטן פאַרקומען פון פּיקניקער (ציקלאָטימער כאַראַקטער) צווישן יידן, וואָלט עס דאָך נאָך געווען געוווּנטשן צו מאַכן אַן אויספאָרשונג אויף אַ רעפּרעזענטאַטיווער גרופּע פון געזונטע יידן, כדי געניי צו באַשטימען דעם פּראָצענט ציקלאָטימיקער צווישן יידן און מיט וויפל זיי זענען מער ווי ביי אַנדערע פעלקער. אַזאַ אויספאָרשונג וואָלט אויף אַן עקזאַקט וויסנשאַפטלעכן אופן מסתּמא באַשטעטיקט, אַז אויסער אַנדערע פאַקטאָרן, איז דער ביאָלאָגישער פאַקטאָר איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון דער פענאָמענאַל קלענער פאַר־ברעכערישקייט ביי יידן.

קערפּערבוי, כאַראַקטער און פאַרברעכן ביי יידן

אויפן סמך פון פריער דורכגעפירטע אַרבעטן וועגן יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע, יידישער פאָלקס־ליטעראַטור (שלום־עליכמס טיפּן), יידישער פאָלקסשאַפונג (ציקלאָטימיזם פון יידישן וויץ, פעלן דער באַלאַדע אין יידישן פאָלקלאָר) זענען מיר געקומען צו דער טעזע וועגן דעם ציקלאָטימיזם פון יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. די דאָזיקע טעזע ווערט דאָ נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דורך דער פענאָמענאַל קליינער פאַרברעכערישקייט ביי יידן. עס האַנדלט זיך בכן וועגן אַ דירעקטן און פעסטן צוזאַמענהאַנג צווישן דער קליינער פאַרברעכערישקייט און דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. אָבער ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אינטערעסירט אונדז דאָ צומיינסט די שווערע פאַרברעכערישקייט, וועלכע ווערט באַדינגט דורך ביאָלאָגישע און ירושה־דיקע פאַקטאָרן. און דאָס זענען די פאַרברעכנס קעגן מענטשלעכן לעבן און די פאַרברעכנס (קעגן די מאַטעריעלע גיטער פון יחיד), וואָס ווייזן אַרויס רעצידיוויסטישע טענדענצן.

פּראָפ. הערש קומט אין זיין אַרבעט צום פאָלגנדיקן רעזולטאַט: „וואָס ערנסטער עס איז דער כאַראַקטער פון אַ געגעבענער גרופּע פאַרברעכנס, אַלץ קלענער איז דער אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרגלייך מיט דער נישט־יידישער". ביי די שווערסטע קאַטעגאָריעס פאַרברעכנס איז דער אינדעקס פון דער יידישער פאַרברעכערישקייט נאָר אַ ברוכטייל פון אינדעקס ביי נישט־יידן. אַזוי איז למשל ביי פאַרברעכנס קעגן דער סעקסואַל־מאָראַל און פאַמיליע־לעבן דער אינדעקס פאַר יידן נאָר אַ פערטל (27%) פון אינדעקס פון נישט־יידן, ביי פאַרברעכנס קעגן לעבן — קוים אַ זיבעטל (14%). ביי אַ נאָענטערן אַנאַליז פון דער גרופּע פון די שווערסטע פאַרברעכנס (קעגן לעבן) זעען מיר, אַז אויך דאָ ווערט דער יידישער אַנטייל אַלץ קלענער, וואָס שווערער עס איז דער מין פאַרברעכן. אין דער רובריק פון מאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע איז דער יידישער אינדעקס שוין נאָר אַכט פּראָצענט פון נישט־יידישן אין די צענטראַלע וואָיעוואָדשאַפטן און נאָר פיר פּראָצענט אין די דרומדיקע וואָיעוואָדשאַפטן (גאַליציע). אין די צענטראַלע און מזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפטן פון פוילן איז אַזוי אַרום צווישן יידן געווען 12 מאָל ווייניקער מערדער אין פאַרגלייך צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג און אין גאַליציע זענען יידישע מערדער געווען 25 מאָל ווייניקער!

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, זענען די דאָזיקע ציפערן נישט קיין צופעליקייט. זיי חזרן זיך איבער אין אַ פיל־ווייניק ענלעכער פּראָפּאָרץ אומעטום, ווו מען מאַכט אַ פאַרגלייך־סטאַטיסטיק פון יידישער און נישט־יידישער פאַרברעכערישקייט. דער ביאָלאָגישער פאַקטאָר, איבערהויפּט דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן שווערער פאַרברעכערישקייט, איז נישט אָפּצולייקענען. אַזאַ ביאָלאָגישער פאַקטאָר איז דער ציקלאָטימיזם פון יידישן כאַראַקטער, וועלכער איז טיף־סאָציאַל און אַדורכגעדרונגען פון הומאַניסטישע און עטישע אידעען. פאַר דעם ייד פון אַ גאַנץ יאָר זענען די עטישע פּרינציפּן נישט קיין דרויסנדיק געבאָט, נאָר אַ טייל פון אים אַליין און דער אייגנטלעכער מהות פון זיין וועזן. דער ציקלאָטימער יידישער הומאַניזם איז ירושהדיק פאַראַנקערט און באַקומט זיין טיפסטן אויסדרוק אין די קריטישע מאָמענטן פון מענטשלעכן לעבן, ווען עס קומען צום וואָרט די טיפסטע שיכטן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, ווען דער מענטש שטייט פאַר דער אַלטערנאַטיוו: יאָ באַגיין אָדער נישט באַגיין

אַ גרויס פאַרברעכן.

דאָס געהערן פון אַ מענטשן צו די ציקלאָטימע כאַראַקטערגרופּן הייסט אָבער נאָך נישט, אַז אַ פאַרברעכן איז ביי אים תמיד און אין אַלע פאַלן אויסגעשלאָסן. אויב דער ציקלאָטימיקער איז אַ פּסיכאָפּאַט, וואָס קען זיך ניט באַהערשן, קען אויך ער באַגיין אַ פאַרברעכן, כאָטש דער ציקלאָ־מיטיזם אַלס אַזעלכער איז אַ געגנוג שטאַרקער אָפּהאַלט. עס שפּילט דאָ נאָך אַ ראָלע דער אַלקאָהאָליזם און ווי ער ווירקט זיך אויס ביי די פאַרשיידענע טיפּן. בנוגע יידן שטויסט מען זיך דאָ ווידער אָן אויף אַ פענאָמענאַלער דערשיינונג: אמתע אַלקאָהאָליקער זענען צווישן יידן תמיד געווען אַ זעלטנקייט, כאָטש יידן האָבן דורך לאַנגע יאָרהונדערטער אין די מזרח־לענדער געהאַט אין זייערע הענט די פּראָדוקציע און פאַרקויף פון אַלקאָהאָל און „מאַכן אַ כוסה״ האָט נישט געהערט צו די פאַרבאָטענע זאַכן ביי יידן־חסידים. עס האָט זיי דאָ ווידער געשיצט די יידישע ציקלאָ־טימע קאָנסטיטוציע, ווייל אמתע אַלקאָהאָליקער זענען צומיינסט נאָר סכיצאָאידן און אַטלעטיקער. מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ פאַטאַלע רעזולטאַטן עס באַקומען זיך, ווען עס פאַרן זיך פאַרברעכערישע נטיות מיט אַלקאָהאָ־ליזם. ביי יידן זענען די אַלקאָהאָליקער פּונקט אַזוי זעלטן ווי זעלטן עס זענען יחידים מיט גערירשנטע פאַרברעכערישע נטיות. און נאָך זעלטענער איז ביי יידן די צוזאַמענפאָרונג פון פאַרברעכן מיט אַלקאָהאָליזם, קעגן וועלכן עס שיצט זיי ווידער דער ציקלאָטימער יידישער טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער.

די יידישע עטיק אַלס פונדאַמענט פון אַ נייער וויסנשאַפטלעכער דיסציפּלין

פאַרשיידענע פאָרשער זענען מיט גאַנץ פאַרשיידענע מעטאָדן דער־גאַנגען צו דער דערקענטעניש, אַז די שווערע פאַרברעכערישקייט איז אין אַ גרויסער מאָס ביאָלאָגיש באַדינגט. ביי אַ סינטעטישן, נישט איינזייטיקן צוגאַנג מוז מען אָבער אָנערקענען די גרויסע ראָל, וועלכע עס שפּילט ביי אַ פאָלק זיין מאָראַלישע דערציאונג און טראַדיציע אַלס פאַקטאָרן, וואָס באַגינציקן אָדער לאָזן נישט אויפקומען פאַרברעכערישע מעשים. אָבער ביי אַ טיפערן אַנאַליז פון דער פאָלקסמאָראַל און טראַדיציע שטויסט מען זיך ווידער אָן אויף די ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן, וועלכע

האָבן באַווירקט די דאָזיקע פֿאָלקס־מאָראַל.

אַרויסגייענדיק פֿון אַ בילאָגישן שטאַנדפּונקט האָט פּראָפ. ה. באַרוק געשאַפֿן זיין טעסט (אויפגאַבע) „צדק", וועלכער איז דער יסוד פֿון אַ נייער ווּיסנשאַפֿט, פֿון דער „וויסנשאַפֿט פֿון דעם מאָראַלישן באַוווּסטזיין"[7]. באַרוק קומט מיט דער טעזע, אַז די מאָראַל איז שוין היינט צו טאָג נישט בלויז אַן ענין פֿון פֿילאָזאָפֿישע אָדער רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישע באַטראַכטונגען, אָפּגעריסענע פֿון דער ווירקלעכקייט.

דער געדאַנק פֿון דער מאָראַל אַלס וויסנשאַפֿט איז היינטצוטאָג אַקטועל ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט. היינט, ווען די מענטשהייט שטייט ביים שיידוועג פֿון איר געשיכטע, האָט זי פֿאַר זיך די אַלטערנאַטיוו ווייטער צו גיין אויף דעם וועג פֿון מלחמות און שנאה ביז צו זעלבסט־פֿאַרניכטונג אָדער צו בויען, מיט דער הילף פֿון אַן אויפֿריכטיקער קאָאָפּעראַציע, גרונטיקע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעפֿאָרמען, דאָס לעבן אויף נייע און גערעכטע יסודות. עס איז אָבער נישט מעגלעך קיין נייע געזעלשאַפֿט אָן אַ גרונטיקער מאָראַלישער מעטאַמאָרפֿאָזע. באַרוק באַנוצט זיך מיט דעם אַלט־יידישן טערמין „צדק" אַלס דעם אַדעקוואַטסטן צו דעם באַגריף פֿון גערעכטיקייט, ווייל ער פֿאַרייניקט אין זיך אַלע מידות פֿון יידישער (און צוגלייך אוניווערסאַלער) גערעכטיקייט: מידת־הדין און מידת־הרחמים. דער אמתער צדיק באַנוגט זיך נישט מיט דעם שטרענגען רעספּעקטירן די געזעצן און פֿאַרשריפֿטן. מיט דעם אָפּהיטן די געזעצן פֿאַרייניקט ער נאָך אין זיך דעם סענטימענט פֿון מיטגעפֿיל און ליבע צו מענטשן, ערשט אַדאַנק דעם סינטעז פֿון די דאָזיקע צוויי עלעמענטן ווערט מעגלעך „צדק" ד. ה. די אמתדיקע גערעכטיקייט.

די אָנווענדונג פֿון פּסיכאָלאָגישן טעסט „צדק" אויף אַ גאַנצער ריי פּערזאָנען (נאָרמאַלע און פֿאַרברעכער) פֿון די פֿאַרשיידנסטע שיכטן האָט באַוויזן, אַז אַ געפֿיל פֿאַר גערעכטיקייט קאָן מען געפֿינען נאָר ביי מענטשן, וועלכע זענען פֿעאיק צו אַ סינטעז פֿון מוח און האַרץ. דאָס איז מעגלעך ביי מענטשלעכע טיפּן, וועמענס פּערזענלעכקייט איז פֿולשטענדיק אינטעגרירט. ערשט ביי אַ פֿולשטענדיקער אינטעגראַציע פֿון אַלע אַפֿעקטיווע

7) H. Baruk et M. Bachet: Le test "Tsedek". Le jugement moral et la déliquance. Paris, Presses Universitaries 1950.

און אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטן באַקומט זיך אַ האַרמאָנישע פּערזענלעכ־קייט, וועלכע וויברירט מיט דער סביבה אויך אויף אַ האַרמאָנישן אופן. דאָס זענען דיזעלבע טיפּן, וועלכע מיר האָבן לויט קרעטשמערס מער־אַלגעמיינער טערמינאָלאָגיע באַצייכנט אַלס ציקלאָטימיקער.

פון דער אַנדערער זייט זענען אָבער דאָ טיפּן, וואָס פאַרמאָגן אַלע מעגלעכע ווערטפולע אַפעקטיווע און אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטן, וועלכע זענען אָבער דיסאָציאירט (צעריסן) און ווייט פון אַ האַרמאָנישן סינטעז. (סכיצאָטימיקער). אַט די לעצטע קענען אויך נישט דערגרייכן אַ האַרמאָניש מיטוויברירן מיט זייער סביבה. אויף דעם טעסט „צדק״ גיבן זיי נאָר טייל־ענטפערן. און אַ טייל־ענטפער איז שוין אַ נישטמאָראַלישער ענטפער.

די מאָראַלישקייט פון יעדן טיפּ איז אַזוי אַרום אַ דירעקטער רעזולטאַט פון זיין פעאיקייט צו אינטעגרירן און סינטעטיזירן זיינע פּסיכישע אייגנ־שאַפטן. דאָס נאָרמאַלע פונקציאָנירן פון דעם דאָזיקן סינטעז איז צום טייל ירושהדיק באַדינגט. עס איז אָבער אויך אָפּהענגיק פון דער דער־ציאָנג און פון דער הערשנדיקער אַטמאָספער אין דער געזעלשאַפט, וועלכע קען זיך בייטן לויט דעם כאַראַקטער פון דער היסטאָרישער תקופה, אין וועלכער מיר לעבן.

דאָס יידישע פאָלק טראָגט אין זיך די איבערצייגונג פון זיין מאָראַלי־שער העכערקייט. דאָס דאָזיקע טיפע וויסן וועגן זיין עטישער הויך האָט געפונען אַן אויסדרוק אין יידישע פאָלקסווערטלעך (דער „יידישער גזלן״), וועלכע באַווייזן, אַז דער ייד איז בדרך כלל נישט פעאיק צו פאַרגיסן בלוט, כדי צו באַרויבן, אפילו ווען ער וויל זיין אַ גזלן. וועגן די טראַדיציאָנעלע פאַקטאָרן פון דער יידישער עטיק האָט מען שוין זייער אַ סך געשריבן. דער אַנאַליז פון תלמודישע טעקסטן קען אונז נאָר באַשטעטיקן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין באַוויזן: די אומפעאיקייט פון יידן צו שווערע פאַרברעכנס. אין דערזעלבער ריכטונג וועט ווייזן אַ פאַר־גלייכנדיק־סאָציאָלאָגישער אַנאַליז, וואָס וועט זיך באַלד אָנשטויסן אויף די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון הילף און צדקה, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס דער ייד און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ גראַנדיעזע פאָרמען עס קען אָננעמען די יידישע צדקה.

די טראַדיציאָנעלע ריינקייט פון יידישן משפחה־לעבן און די משפחה־געטריישאַפט איז אויך איינער פון די פאַקטאָרן פון יידישער עטיק. די

דאָזיקע משפּחה־געטריישאַפט געפינען מיר אין אַ געוויסער מאָס אפילו ביי יידן וואָס זענען שוין זייער ווייט פון יידישער טראַדיציע. אָט די משפּחה־געטריישאַפט איז אָפשר נאָך דאָס איינציקע, וואָס אונטערשיידט זיי פון זייערע נישט־יידישע שכנים.

מען קאָן נישט לייקענען, אַז די טראַדיציאָנעלע עטישע פּרינציפּן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם לעבנסשטייגער פון יידישן פאָלק, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן סיי אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש אין פּריוואַטן לעבן. ווען מען שטעלט אָבער די פראַגע, פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו יידן אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע עטישע פּרינציפּן, קומט מען צו דעם רעזולטאַט, אַז יחידים זענען עס געוועזן סיי די שעפער און סיי די טרעגער פון די עטישע ווערטן. פון דאַנען איז ווייטער געדרונגען, ווי וויכטיק עס איז אויסצופאָרשן די ביאָלאָגישע סטרוקטור פון דער פּערזענלעכקייט פון דער גאַנצער מאַסע יחידים, וואָס בילדן דאָס פאָלק.

דער פענאָמען פון דער קליינער פאַרברעכערישקייט ביי יידן איז געקניפּט און געבונדן מיט דער ספּעציפיש־יידישער עטיק. ער געהערט צו די פענאָמענען פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. וויסנשאַפטלעך אויספאָרשן און דערקלערן דעם דאָזיקן פענאָמען קען מען נאָר סינטעטיש, אַנאַליזירנדיק אַלע פאַקטאָרן: סיי די ביאָלאָגישע און סיי די סאָציאָלאָגיש־טראַדיציאָנעלע.

.1950

טיפן־פּסיכאָלאָגיע און ראַסן־פּסיכאָלאָגיע

די מעטאָדיק פון אַ קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע

אַ לאַנגע צייט האָט די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע גענומען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט די שאַפונגען פון קאָלעקטיוו, וועלכן זי האָט געוואָלט כאַראַקטעריזירן. עס זיינען אַזוי אַרום געמאַכט געוואָרן פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען איבער דער שפּראַך, פאָלקלאָר, קונסט און וועלטאַנשויאונג, טעכניק און אָרגאַני־זאַציע פון באַשטימטע פעלקער און פון דעם פאַרגלייך צווישן זיי איז מען געקומען צו געוויסע מסקנות.

דער דאָזיקער צוגאַנג האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ באַזונדערן מעטאָד זינט עס האָבן אים אָנגעהויבן אָנצווענדן ווילהעלם וונדט און זיין שול. היינט ווערט דער דאָזיקער מעטאָד ווידער אָנגעווענדט דורך אַ טייל אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן. מען גייט הערביי אַרויס פון דער הנחה, אַז שפּראַך, פאָלקלאָר, קונסט, אָרגאַניזאַציע א. אַז. וו. זיינען קאָלעקטיווע שאַפונגען און דעריבער זיינען זיי צום בעסטן מסוגל צו כאַראַקטעריזירן דעם קיבוץ, וועמענס שאַפונג זיי זיינען.

ווען מען גייט צו צו אַ נאָענטערן אַנאַליז פון די אַלע קאָלעקטיוו־שאַפונגען, באַגעגנט מען זיך באַלד מיט אַ גאַנצער ריי שוועריקייטן. ערשטנס, האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַזעלכע געביטן פון גייסטיקער שאַפונג (ליטעראַטור, קונסט, פאָלקלאָר), פאַר וועלכע מיר האָבן אַליין און פאַר זיך נישט קיין אָביעקטיווע אָפּשאַצונג־קריטעריעס. אויסער דעם לאָזן זיך די דאָזיקע געביטן פּסיכאָלאָגיש און אויך סאָציאָלאָגיש פאַרשיידן אויסטייטשן, ווייל עס איז דאָך נאָך נישט פאַרענטפערט די פראַגע, וואָס פאַר אַ חלק עס האָבן אין די קאָלעקטיווע שאַפונגען די איינצלנע שעפערישע יחידים און וואָס פאַר אַ חלק — דער כלל, וואָס צו אים געהערן די דאָזיקע יחידים. ווידער האָבן נאָך אַ השפּעה אַ גאַנצע ריי אויסערלעכע פאַקטאָרן (קלימאַט, געאָגראַפישע לאַגע א. א.) און דעריבער באַוועגן מיר זיך דאָ די גאַנצע צייט אויף אַ געביט, וואָס וועט מסתמא נים אַזוי שנעל קאָנען ווערן אָפּגעגרענעצט פון דער וווּלגאַרער פּסיכאָלאָגיע מיט אירע פאַראַלגעמיינערונגען.

ווען מיר האָבן פאַר זיך דעם אינדיוויד, די שאַפנדיקע פערזענלעכ־

קייט, דעמאָלט באַוועגט זיך די פסיכאָלאָגישע פאָרשונג אויף אַ רעאַלן באָדן. פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון פעלקער קאָנען מיר אָבער אויסנוצן די רעזולטאַטן פון דער אינדיווידועלער פסיכאָלאָגיע נאָר דעמאָלט, ווען עס איז געזיכערט די רעפּרעזענטאַטיווקייט ד. ה. ווען מיר האָבן די זיכערקייט, אַז די אייגנשאַפטן, וואָס מיר געפינען ביי איינעם אָדער ביי אַ גרופּע אינדיווידן, זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן כלל. ערשט ביי אַ געזיכערטער רעפּרעזענטאַטיווקייט קענען מיר ווייטער בויען אויף די דערגרייכטע רעזולטאַטן: מיר קענען דעמאָלט פאַרגלייכן די כאַראַק־טעראָלאָגישע און אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטן פון גאַנצע גרופּן אָן דער סכנה צו פאַרלירן דעם וויסנשאַפטלעכן באָדן אונטער די פיס.

מיר באַנוצן זיך דאָ מיט דעם א. ג. דיפערענציאַל־פסיכאָלאָגישן מעטאָד: אַ גרעסערע צאָל יחידים ווערט עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגיש אויסגעפ־פאָרשט און פאַרגליכן מיט פּונקט אַזאַ צאָל פון אַ צווייט פאָלק, וואָס געפינט זיך אויף דערזעלבער טעריטאָריע (עס קען אויך זיין אַ קלענערע צאָל אויסגעפאָרשטע אויב די רעפּרעזענטאַטיווקייט איז געזיכערט). דערביי מוז מען אויך דערויף אַכט לייגן, אַז די פאַרגליכענע יחידים אָדער גרופּעס זאָלן זיך געפינען אין, ווי ווייט מעגלעך, ענלעכע לעבנס־באַדינגונגען.

ביי דעם דאָזיקן מעטאָד ווערט פאַרגליכן דער דורכשניט, אָדער עס ווערן קאָנפראָנטירט עקסטרעמע פּלוס־און מינוס־וואַריאַנטן. ביי דער פּלוס־קאָנפראָנטאַציע ווערט פון ביידע גרופּן אויסגעטיילט אַ באַשטימטע צאָל דיכטער און געלערנטע (ד. ה. סיי די שעפער און סיי זייערע ווערק) און פאַרגליכן. דערביי שטעלט מען זיך אויך אָפּ אויף דעם פאַרהעלטניש פון דער צאָל גייסטיק־אַקטיווע צו דער גרויס פון קאָלעקטיוו, וועלכן זיי רעפּרעזענטירן. אָבער נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש זיינען די מינוס־וואַריאַנטן: דאָס איז די צאָל און דער מין פון פאַרברעכנס, פון גייסטיק קראַנקע און שוואַכזיניקע ביי ביידע פאַרגליכענע גרופּן.

אַ מאָדיפיקאַציע פון דעם דיפערענציאַל־פסיכאָלאָגישן מעטאָד (מינוס־וואַריאַנט) איז דער מעטאָד, לויט וועלכן עס ווערן פאַרגליכן נישט נאָר די גייסטיקע קראַנקהייטן פון צוויי פעלקער, נאָר אויך די פיזישע קראַנק־הייטן. מען גייט דערביי אַרויס פון דער הנחה, אַז עס איז דאָ אַ פעסטער צוזאַמענהאַנג צווישן קערפּער און כאַראַקטער, צווישן פאַרשיידענע קערפּערלעכע דיספּאָזיציעס און גייסטיקע כאַראַקטעראָלאָגישע עקוויוואַ־

לענטן פון די דאָזיקע דיספּאָזיציעס[1]. דער דאָזיקער מעטאָד איז דער קורצעסטער וועג אויסצוגעפינען די כאַראַקטעראָלאָגישע עקוויוואַלענטן פון אַ גאַנצער ריי שוין דערוויזענע (און אַלגעמיין אָנגענומענע) באַזונדער־קייטן פון דער יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע. אָננעמענדיק דעם דאָזיקן מעטאָד, שטעלן מיר זיך אויף אַ ביאָ־פּסיכאָלאָגישער פּלאַטפאָרם, וועלכע עלימינירט אָבער נישט די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע זייט פון די געשטעלטע פּראָבלעמען, כאָטש מיר באַטראַכטן זי מער נישט ווי אַ הויפּט־פאַקטאָר.

צי איז די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע אַ וויסנשאַפט ?

מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון פעלקער פאַרנעמען זיך אָבער אויך אַנטראָפּאָלאָגן און... ראַסיסטן. מוזן מיר זיך פון די לעצטע אָפּגרענעצן. דאָס וועט געשען אַמבעסטן אויף אַזאַ אופן, וואָס מיר וועלן אָנווייזן אויף זייער יחוס און אויף די מעטאָדן, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך. נאָך לאַנג פאַר די היינטצייטיקע ראַסיסטן האָבן אַ טייל געשיכטספילאָזאָפן אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון פאַרשיידענע ראַסן און אידענטיפיצירנדיק מער אָדער ווייניקער די ראַסן מיט באַשטימטע פעלקער, זייערע מיינונגען אָנגעווענדט אויך צו די דאָזיקע פעלקער. דער פאָטער פון די היינטיקע ראַסיסטן, דער פראַנצויזישער גראַף גאָבינאָ, האָט אין דער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אָנגעשריבן זיין „עסיי וועגן דער פאַרשיידנקייט פון די מענטשלעכע ראַסן"[2], אין וועלכן ער וויל באַווייזן, אַז די נאָרדישע ראַסע שטייט אין אַלע פּרטים העכער פון אַלע אַנדערע איראָפּעאישע ראַסן און זי איז די אייגנטלעכע שעפערין פון דער איראָפּעאישער קולטור. די וויסנשאַפטלעכקייט פון דאָזיקן ווערק איז אָבער זייער אַ צווייפלהאַפטע, אפילו ווען מען מעסט עס מיט דער מאָס פון יענער צייט, ווען די אַנטראָפּאָלאָגיע האָט זיך נאָר אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. עס האָט אויך אַנדערש נישט געקענט זיין, ווייל גאָבינאָ איז נישט געווען פון פאַך קיין אַנטראָפּאָלאָג. אויפן געביט פון אַנטראָ־

1) מיט דעם דאָזיקן מעטאָד האָט זיך דער שרייבער פון די שורות באַנוצט אין אַ ריי אַרבעטן וועגן דער ביאָפּאַטאָלאָגיע ביי יידן און איר צוזאַמענהאַנג מיט דעם יידישן כאַראַקטער. „סאָציאַלע מעדיצין", נ. 4—3, 2—1, 1938, וואַרשע.

2) Essai sur l'inégalitê des races humaines, Paris, 1853.

פּאָלאָגיע איז ער אויך פאַר זיינע צייטן געווען נאָר אַ דילעטאַנט. מען קען אָבער נישט לייקענען, אַז ער האָט געהאַט אַ סך אינטואיציע און אַלגעמיינע אינטעליגענץ, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן סיי אַ דאַנק זיין באַלייענטקייט, סיי אַ דאַנק זיינע דערפאַרונגען אַלס רייזנדער און דיפּלאָמאַט.

אין גאָבינאָס ווערק קומט צום אויסדרוק דער קוק אויף דער וועלט פון אַ פאַראַרעמטן אַריסטאָקראַט און קאָנסערוואַטיסט, וועלכער קען זיך נישט צופּאַסן צו די דעמאָקראַטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין פראַנקרייך. עס איז געווען די צייט פון פעלקער־פרילינג און אויפוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט: דער רעוואָלוציאָנערער אידעע וועגן דער גלייכקייט פון מענטש און ברידערלעכקייט, וואָס דאַרף הערשן אין מענטשלעכע באַציאונגען, שטעלט גאָבינאָ אַנטקעגן זיינע אַרגומענטן וועגן דער העכערקייט פון אַדל און פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועגן דעם רעכט פון „העכערן" שטאַנד צו רעגירן מיט דעם „נידעריקן" שטאַנד, וועגן דעם חוב פון „נידעריקע" פעלקער צו זיין אונטערטעניק די „העכערע"... גאָבינאָ אָנערקענט נישט קיין שום אַנדערן שטאַנד אויסער דער אַריסטאָקראַטיע. לויט גאָבינאָ איז נאָר דער אַדל פעאיק צו ריטער־לעכקייט און איידלקייט, נאָר ער קען זיך מקריב זיין און קעמפן פאַר העכערע אידעאַלן: אַלע אַנדערע שטאַנדן און געזעלשאַפטלעכע שיכטן פאַרמאָגן נישט די דאַזיקע נאָבעלע אייגנשאַפטן... אַלס אידעאַל פון אַזאַ אַריסטאָקראַטיע מיט אַלע מעלות באַטראַכט גאָבינאָ די הויכגעוואַקסענע, בלאָנדע, פרייסישע יונקערס, וועלכע האַלטן זיך פעסט ביים פּרינציפּ פון זייער העכערקייט און לאָזן זיך גאָר נישט מינערן פון זייערע פּריווילעגיעס דורך דער זיגערישער דעמאָקראַטיע, ווי ס'האָט זיך געלאָזט, למשל, די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטיע.

גאָבינאָס טעאָריעס האָבן געפונען אַ גינסטיקן באָדן אין דייטשלאַנד. אין פראַנקרייך האָבן זיי דעמאָלט כמעט נישט געהאַט קיין שום אָפּקלאַנג. מיט וואָס קען מען דערקלערן גאָבינאָס דערפאָלג דווקא אין דייטשלאַנד, בשעת אין זיין פאָטערלאַנד, פראַנקרייך, האָט זיך קיינער נישט געוואָלט ערנסט פאַרנעמען מיט זיין ווערק?

סיבות זיינען געווען פאַרשיידענע. איינע פון זיי זיינען די שטרעבונגען צו פּאָליטישער עקספּאַנסיע, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געשטאַרקט

אין דייטשלאַנד און האָבן געפּאָדערט אַן אַנטשפּרעכנדיקע אידעאָלאָגיע.

גאָבינאָס טעאָריע וועגן דער העכערקייט פון די שלאַנקע בלאָנדע נאָרדיקער איז געוואָרן פאַר די דייטשן ממש אַן אַנטפּלעקונג. די דאָזיקע „העכערקייט״, וועלכע עס פּראָפּאַגירט אין זיין ווערק אַ פראַנצויזישער אַדעלמאַן, איז פאַר די דייטשן געווען די אמתע קאָמפּענסאַציע פאַר זייער מינדערווערטיקייטגעפיל, פון וועלכן זיי האָבן תמיד געליטן צוליב זייער ביז־איצטיקער פּאָליטישער צעשפּליטערטקייט. און וואָס דאַרף מען נאָך מער, אַז די גאַנצע טעאָריע שטיצט זיך נאָך אויף אַ כלומרשט וויסנשאַפט־לעכן יסוד ?...

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס גאָבינאָס פיר־בענדיק ווערק איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש דורך זיין תלמיד לודוויק שעמאַן. שפּעטער איז אין דייטשלאַנד אפילו געגרינדעט געוואָרן אַ „גאָבינאָ־פאַריייניקונג״, אין וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די ערשטע „נביאים״ פון דייטשן ראַסיזם. גאָבינאָס תלמידים האָבן ווייטער „אַנטוויקלט״ זיין טעזע וועגן דער העכערקייט פון די גערמאַנישע נאָרדיקער אַזוי ווייט, אַז עס איז נישט געבליבן קיין איין געביט פון מענטשלעכער שאַפונג און קולטור, וואָס זאָל נישט זיין דאָס אויסשליסלעכע פאַרדינסט פון דער נאָרדישער ראַסע... זיי זיינען דערגאַנגען דערצו צו דערקלערן, אַז נישט נאָר די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור און ציוויליזאַציע זיינען נאָרדישע שאַפונגען נאָר אויך אפילו די קולטור פון אַלטערטימלעכן מזרח (מצרים, בבל, כנען א. א.) און אפילו פון כינע. אין זייער שאַפונג אויף אָט דעם געביט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ה. סט. טשעמבערלען (דער פאָטער פון „וויסנשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם״), וואָלטמאַן און ה. ק. גינטער, וועלכער האָט דאָס „פאַרדינסט״, וואָס ער האָט צוגעגעבן צו גאָבינאָס טעזע דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן אַרסענאַל פון דער מאָדערנער אַנטראָ־פּאָלאָגיע און אַזוי אַרום זיך באַמיט אונטערצופירן אַ וויסנשאַפטלעכן אונטערבוי פאַר אַן אַבסורדאַלער און פאַלשער אידעע. אויף דעם דאָזיקן וועג איז שוין די דייטשע וויסנשאַפט אַוועק אַלץ ווייטער און דערגרייכט איר הויכפּונקט אין די טויטנלאַגערס און גאַזקאַמערן, אַלס פּרעלודיע צו אַ מאַסן־אויסראָטונג פון אַלע „נישט־נאָרדישע״ מענטשן־ראַסן. דער מעטאָד פון גאָבינאָס תלמידים איז אויך ביי דער גרויסער מאַסע פון היטלערס פּראָפעסאָרן געבליבן אין תוך דערזעלביקער: באַנוצן זיך מיט

אַלע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און מיט אירע מעטאָדן, כדי צו באַרעכטיקן און צו געבן דעם אויסזען פון וויסנשאַפטלעכקייט די פרימיטיווע, מענטשנפרעסערישע אינסטינקטן פון דעם אימפּעריאַליסטישן, פון אַ טיפּן מינדערווערטיקייטגעפיל דורכגעפּרעסענעם, דייטשן פאָלק.

נאָר לאָמיר זיך געניויער באַקענען מיט דער ראַסן־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע עס האָבן אויפגעשטעלט ה. ק. גינטער, קלויס און אַנדערע היטלערס פּראָפעסאָרן.

דער נאָרדישער מענטש צייכנט זיך אַזוי אַרום אויס מיט אַ גאַנצער ריי פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן: ער איז רואיק, איבערלייגט, אינדיווידואַליסטיש, אמתדיק, גערעכט, ריטערלעך, מוטיק, שעפעריש א. אַז. וו. אָבער אפילו די דייטשע ראַסיסטן קענען נישט לייקענען, אַז צווישן די צפונדיקע דייטשן זיינען „ריינע נאָרדיקער" זייער ווייניק פאַראַנען (מאַקסימום 12 — 10 פּראָצענט) און צווישן די דרום־דייטשן זיינען „ריינע נאָרדיקער" כמעט נישט בנמצא. איז די קשיא, וואָס טוט מען מיט די אַנדערע ראַסן, וואָס זיינען די מערהייט פון דייטשן פאָלק און וועלכע זיינען, לויט די ראַסיסטן, אַזוי מינדערווערטיק? אָט כאַראַקטעריזירט למשל גינטער אַזוי די אַלפּינישע ראַסע (שטאַרק פאַרטראָטן צווישן די דרום־דייטשן): דורכשניטלעך, מיס־טרויאיש, לאַנגזאַם, באַגרענעצט, קאַרג א. אַז. וו. די אַנדערע אייראָפּעאישע ראַסן שניידן אויך נישט אָפּ אַ סך בעסער. איצט פרעגט זיך נאָך, אויף וואָס פאַר אַ סמך שטעלן אויף די ראַסיסטן זייער ראַסן־פּסיכאָלאָגיע? זיי קייען איבער הונדערטער מאָל דעם אַלגעמיינעם געדאַנק וועגן פּאַ־ראַלעליזם צווישן מאָרפאָלאָגיע און כאַראַקטעראָלאָגיע ד. ה. אַז צו אַ באַשטימטער ראַסן־טיפּ מוז אויך אַנטשפּרעכן אַ באַשטימטער ראַסן־כאַראַק־טער. אָבער ווי אַזוי קומט דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג קאָנקרעט צום אויסדרוק? וועגן אָט דעם קען מען געפינען ביי די ראַסיסטן די סאַמע פאַנטאַסטישסטע „פעסטשטעלונגען", וואָס ווערן סערווירט אַלס וויסנשאַפט. מען קען, למשל, געוואָר ווערן, אַז בלויע אויגן זיינען אַ גאַראַנטיע פאַר דער נטיה צו אַבסטראַקטן דענקען, קורצקעפּיקייט (בראַכיצעפאַליע), דאַקעגן אַ באַווייז פון פּראַקטישקייט, און ענלעכע תורות...

דידאַקטיש „כאַראַקטעריזירונג" פון די אייראָפּעאישע ראַסן ווערט געמאַכט הויפּטזעכלעך אויפן סמך פון... אינטואיציע און אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע מעגלעכע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן זאָלן ווערן צוגעשריבן דעם

נאָרדיקער. אַלס רעזולטאַט פון דער אַלזייטיקער שעפערישקייט פון די נאָרדיקער איז דאָך נישט מער ווי קלאָר, אַז עס קומט זיי די קולטורעלע און פּאָליטישע העגעמאָניע איבער דער מענטשהייט... שוין געגוג שפּעט, ווען דער ראַסיזם איז געוואָרן אין דייטשלאַנד די מלוכה־רעליגיע, האָבן זיך היטלערס פּראָפעסאָרן אַרומגעזען, אַז דער גרעסערער טייל פון דייטשן פאָלק געהערט דאָך גאָר נישט צו דער נאָרדישער ראַסע, נאָר צו די „מינדערווערטיקערע״ אַלפּינישע, וועסטישע און אָסטבאַלטישע ראַסן (80 — 70 פּראָצענט). עס איז געווען פאַר היטלערס פּראָפעסאָרן נישט קיין קלייניקייט צו געפינען עפּעס אַ פאָרמולע, וואָס זאָל ראַטעווען די פיל־באַזונגענע איינהייט פון דייטשן פאָלק. זיי האָבן אויסער דעם נאָך געמוזט עפענען עפּעס אַ טירל, דורך וועלכע עס זאָלן קאָנען אַדורך כאָטש איינצלנע, וואָס זיינען לויט זייער מאָרפאָלאָגיע נישט נאָרדיש און מוזן דאָך זיך אַריינבאַקומען אין דער געמיינשאַפט פון די נאָרדיקער. איז דאָך אַ גאָר גרויסער טייל פון די סאַמע אויבערשטע פירער פון היטלער־דייטשלאַנד ווייט־ווייט נישט געווען נאָרדיש לויט זייער מאָרפאָלאָגיע (ד. ה. לויט זייער קערפּערלעכן אויסזען).

היטלערס פּראָפעסאָרן האָבן זיך אַן עצה געגעבן אויך מיט אָט דער אויפגאַבע. עס איז מעגלעך, זאָגן זיי, צו באַקומען בירושה אַ נישט־נאָרדישן קערפּער און אין דעם דאָזיקן קערפּער אַ נאָרדישע נשמה! די דאָזיקע מעגלעכקייט, צו ירשענען גייסטיקע און קערפּערלעכע אייגנשאַפטן, וואָס זאָלן שטיין אין אַ קעגנזאַץ, איז באמת אַ זעלטענע דערשיינונג. (זי ווערט אָנגערופן אין די ירושה סטודיעס איבערקרייצונג), אָבער אָט די דאָזיקע פּורטקע האָט מען געמוזט רעזערווירן נאָר פאַר די פירער פון דעם „אויפגענאָרדעטן״ דייטשלאַנד! שפּעטער האָבן זיי עס געמאַכט נאָך אַ סך פּשוטער: ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט נאָרוועגיע, וועלכע פאַרמאָגט דאָך באמת אַ מערהייט נאָרדיקער און די נאָרוועגער זיינען גאָר נישט נתפּעל געוואָרן פון דעם גרויסן כּבוד, וואָס די דייטשן האָבן זיי געוואָלט צוטיילן און נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט די דייטשן (אויסער איינצלנע פאַררעטער, קוויסלינג־לייט) האָט די דייטשע מיליטערמאַכט אין ספּעציעלע צירקולאַרן געמוזט דערקלערן די דייטשע סאָלדאַטן, אַז די אמתע נאָרדיקער זיינען זיי, ווייל זיי זיינען דייטשן, כאָטש בלאָנדע, בלויאויגיק, לאַנג־קעפּיק, און שלאַנק־הויך זיינען דווקא די נאָרוועגער און נישט דער דורכשניטלעכער

דייטש.

אָבער נאָך פאַר דער מלחמה האָבן היטלערס פּראָפעסאָרן געוואָלט דווקא בלייבן געטריי זייערע „וויסנשאַפטלעכע“ טראַדיציעס און זיי האָבן געזוכט אַן אויסגאַנג פון אָט דעם מצב אויף אַ מער „וויסנשאַפטלעכן“ אופן. דער געטינגער פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע גערהאַרד פפאַהלער האָט אין יאָר 1938 פאַרעפנטלעכט אַ בוך[3], אין וועלכן ער קומט מיט דעם פּלאַן אונטערצושפּאַרן די זיך וואַקלענדיקע געביידע פון ראַסיזם מיט די שטאַרקע זיילן פון דער טיפן־פּסיכאָלאָגיע. פפאַהלער קומט אין דעם דאָזיקן בוך צו פאָלגנדיקע אויספירונגען: „מען שטעלט זיך נישט גענוג אָפּ אויף דער טראַגיק פון אונזער היינטיקער ראַסן־וויסנשאַפט, וואָס זי מוז בלייבן שולדיק אַן ענטפער אויף אָט די פראַגן (ד. ה. ווו איז די איינהייט פון דייטשן פאָלק, אויב עס זיינען אין אים דאָ אויסער דער „ווערטפולער“ נאָרדישער ראַסע נאָך אַ 5 — 4 אַנדערע ראַסן מיט גאַנץ היפּוכדיקע אייגנשאַפטן?), וואָס זי גיט אָנשטאָט אַן אומברחמנותדיקן אמת — אַ פאַר־קרימטן“... און ווייטער: „די ראַסן־וויסנשאַפט מוז לערנען יסודותדיקע זאַכן פון דער ירושה וויסנשאַפט און טיפן־פּסיכאָלאָגיע, אויב זי וויל זיך אַרויסבאַקומען פון אָט דעם באַשריבענעם בליבדן געסל, זיך האַלטן ערלעך אָן אירע יסודות און נישט בלייבן שולדיק דעם ענטפער אויף דער פראַגע וועגן איינהייטלעכן דייטשן טיפּ“.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט עס די דייטשע מאַכט גענומען ווייניקער טראַגיש און אין 1942 מיט אַ באַפעל באַזייטיקט אַלע ספקות, וועלכע עס האָבן נאָך געקענט באַאומרואיקן אַ היטלעריזירטן דייטשן געלערנטן אין יאָר 1938. אָבער דער דייטשער געלערנטער טוט זיך דאָס ווייניקע, כדי צו דערגרייכן דעמזעלבן ציל מיט זיינע מיטלען און מעטאָדן. און אַזוי רעכנט פפאַהלער נאָך אויס אַ גאַנצן צעטל מיט זאַכן, וועלכע דער ראַסיזם מוז זיך לערנען ביי דער טיפן־פּסיכאָלאָגיע: קודם כל מוז דער ראַסיזם ווערן אַ ביסל איינגעהאַלטענער מיט דעם אַרויסגעבן פון פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע אורטיילן, איבער וועלכע ס׳איז ראַסע, וועלכע גייט אַריין אין באַשטאַנד פון דייטשן פאָלק און זען גיכער צו באַשטימען

3) Gerhard Pfahler: Warum Erziehung trotz Vererbung? Leipzig 1938.

אויף וועלכן געביט יעדע פון די דאָזיקע ראַסן ווייזט אַרויס ספּעציפישע פעאיקייטן. אויף אַזאַ אופן וועט מען קאָנען אויף ווייטער אויסמיידן, אַז די 80 — 70 נישט־נאָרדישע דייטשן זאָלן נישט וועלן אַנטדעקן אין זיך דווקא נאָרדישע נשמות, ווייל אַנדערש האָבן זיי דאָך נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג... ווען די דייטשע אַנטראָפּאָלאָגן האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אַן ערנסט צו באַשטעפטיקן מיט גאָבינאָס טעזע וועגן דער „העכערקייט״ פון דער נאָרדישער ראַסע און זיי האָבן געטון אַלץ מעגלעכע און אומ־מעגלעכע, כדי איר צו געבן עפּעס אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט, האָבן זיי זיך מיטאַמאָל אַרומגעקוקט, אַז מען קען דאָך נישט אידענטיפיצירן דאָס דייטשע פאָלק מיט דער נאָרדישער ראַסע, וועלכע איז אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט צווישן די דייטשן.

אין אָט דעם גייסטיקן קריזיס פון ראַסיזם האָבן היטלערס פּראָפעסאָרן פון אַלע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען געטראָגן הילף פון זייער זייט. מיר ווילן זיך דאָ באַשעפטיקן מיט דער מאָראַלישער הילף, וועלכע עס האָבן געטראַכט צו ברענגען טייל פאַרשטייער פון דער טיפן־פּסיכאָלאָגיע.

קאָנסטיטוציע און ראַסע

די קאָנסטיטוציאָנעלע כאַראַקטער־טיפּן, וועלכע עס האָט אויפגעשטעלט נאָך מיט 60 יאָר צוריק דער מאַרבורגער פּסיכיאַטער ערנסט קרעטשמער, זיינען געוואָרן אומעטום אָנגענומען דורך דער וויסנשאַפט און באַשטעטיקט דורך טויזנטער אונטערזוכונגען אויף אַן אַלץ נייעם מענטשן־מאַטעריאַל אין די פאַרשיידנסטע לענדער. מען געפינט ביי פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן סיי דעם אַטלעטישן טיפּ, סיי די פּיקנישע, סיי די לעפּטאָסאָמע קאָנסטיטוציע (דאָס זיינען די דריי וויכטיקסטע קערפּערלעכע טיפּן, וואָס יעדערן פון זיי אַנטשפּרעכט אַ גאַנץ באַזונדערער כאַראַקטער־טיפּ).

וועלנדיק זיך אָפּגרענעצן פון ראַסיזם, האָט קרעטשמער אַלע מאָל נאָכגעוויזן (אין זיינע „געניאַלע מענטשן״ א. א.), אַז עס איז נישטאָ קיין שום אידענטישקייט צווישן זיינע כאַראַקטער־טיפּן און וועלכע ס׳איז ראַסע־טיפּן. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן באַזונדערע אונטערזוכונגען, וואָס דערווייזן דאָס און לויט וועלכע עס קומט אויס, אַז דווקא די אַנטשיידנדיקע ראַסע־סימנים: האָר און אויגן־פאַרב, קערפּער־גרויס און פאָרם פון שאַרבן (שאַרבן־אינדעקס) שפּילן נישט קיין שום ראָל ביי דעם באַשטימען די כאַראַקטער־טיפּן און זייער קאָנסטיטוציע.

פון דער אַנדערער זייט איז אָבער דערוויזן געוואָרן, אַז דיזעלבע קאָנסטיטוציע און כאַראַקטער־טיפּן קומען פאָר ביי אַלע אייראָפּעאישע ראַסן און פעלקער, כאָטש אין אַ גאַנץ פאַרשיידענער פּראָפּאָרץ און פאַרטיילונג. שפּעטער איז דאָס זעלבע באַשטעטיקט געוואָרן ביי אַ טייל אונטערזוכונגען אין רוסלאַנד און אין יאַפּאַן. עס איז אַזוי אַרום קלאָר געוואָרן, אַז דער אַלפּינישער ראַסע־טיפּ איז נישט דאָסזעלבע, וואָס פּיקנישע קאָנסטיטוציע און ציקלאָטימער כאַראַקטער־טיפּ. און פּונקט אַזוי איז דער נאָרדישער ראַסע־טיפּ ווייט נישט דאָס זעלבע, וואָס דער לעפּטאָסאָמער קאָנסטיטוציע־טיפּ און סכיזאָטימער כאַראַקטער, כאָטש מען קען נישט לייקענען, אַז דער פּיקניקער קומט אָפטער פאָר ביי דער אַלפּינישער ראַסע און דער לעפּטאָסאָמיקער — ביי דער נאָרדישער ראַסע. די נטיה ביי אַ ראַסע אַרויסצוברענגען מיט אַ גרעסערער אָפטקייט דעם אָדער יענעם קאָנסטיטוציאָנעלן טיפּ, באַרעכטיקט נאָך קיינעם נישט צו אידענטיפיצירן אַ באַשטימטע ראַסע מיט אַ באַשטימטן קאָנסטיטוציע־און כאַראַקטער־טיפּ. דאָס זעלבע באַציט זיך אויך אויף אַלע קולטור־פעלקער, וועלכע זיינען אַלע אַ געמיש פון פאַרשיידענע ראַסן און אונטערשיידן זיך איינס פון דאָס אַנדערע ראַסיש נאָר דורך דעם פּראָצענטועלן צוזאַמענשטעל פון די באַזונדערע ראַסן.

אָט די פעסטגעשטעלטע שייכותן זיינען אָבער נישט געווען באַקוועם פאַר די היטלעריזירטע דייטשע פּסיכאָלאָגן. האָבן זיי זיך עס דאָך געשטעלט די אויפגאַבע, צו שאַפן עפּעס אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר דער ראַסן־פּסיכאָלאָגיע. דאָס האָבן זיי צום בעסטן געקענט דערגרייכן מיט דעם אַריבערטראָגן די מעטאָדן פון דער וויסנשאַפטלעכער טיפּן־פּסיכאָלאָגיע אויף דעם באָדן פון פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכן ראַסיזם, וואָס האָט זיך גערופן ראַסן־פּסיכאָלאָגיע. דער דערמאָנטער געטינגער פּסיכאָלאָגיע־פּראָפעסאָר פּפאַהלער מאַכט עס גאָר פּשוט: סיי די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע, סיי די טיפּן־פּסיכאָלאָגיע שטייען דאָך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַ פעסטן צוזאַמענהאַנג צווישן קערפּערבוי און כאַראַקטער, טאָ פאַרוואָס נישט אויסנוצן די רעזולטאַטן פון די וויסנשאַפטלעכע טיפּן־פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען אויך פאַר דער ראַסן־פּסיכאָלאָגיע?

עס וועט נישט איבעריק זיין צו דערמאָנען, אַז די ריכטיקייט פון קרעטשמערס געדאַנק וועגן דער קאָרעלאַציע צווישן קערפּער און כאַראַק־

טער איז שוין נאָך אים באַוויזן געוואָרן דורך הונדערטער אויטאָרן און אין פאַרשיידענע לענדער (סיי ביי גייסטיק־קראַנקע (פּיקנישער קערפּערבוי ביי מאניש־דעפּרעסיוון פּסיכאָז), סיי ביי געזונטע — עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגיש (ביזן יאָר 1944 מער ווי אויף 53,000 פּערזאָן). עס האָט אָבער קיינער נישט געקענט נאָכווייזן נישט עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגיש, נישט אויף וועלכן ס׳איז אַנדערן אופן, דעם צוזאַמענהאַנג, למשל, צווישן בלאָע אויגן און אַ נטיה צו אַבסטראַקטן דענקען... (מיט וואָס עס צייכנט זיך, כלומרשט, אויס דער „נאָרדיקער״) אָדער דעם צוזאַמענהאַנג צווישן קורצקעפּיקייט און פעלן פון אידעאַליזם און איבערגעטריבענער פּראַקטיש־קייט — ביי די נישט־נאָרדישע ראַסן...)

כדי די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע זאָל באַקומען דעם ריכטיקן וויסנשאַפטלעכן לבוש, מוז זי איבערנעמען — לויט פּפאַהלערן — נאָך איין וויכטיקן מעטאָד פון דער טיפן־פּסיכאָלאָגיע. עס האַנדלט זיך דעריך, וואָס די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע, האַלטנדיק זיך אין דער גייסטיקער ירושה פון דילע־טאַנט גאָבינאָ, אָפּעררירט מיט ווערט־אורטיילן, צושרייבנדיק איין ראַסע נאָר פּאָזיטיווע, דער אַנדערער — נאָר נעגאַטיווע אייגנשאַפטן. ערשטנס, קען דאָס אַריינברענגען אַ שפּאַלטונג אין דעם דייטשן פאָלק גופא און צווייטנס, ווייסט מען דאָך, אַז די נאָרדיקער האָבן אויך גאָר שטאַרקע נטיות צו רויב, מאָרד און נקמה, צו ברעכן דאָס געגעבענע וואָרט און אָפּנאַרעריי („נאָרדישע ליסט״), ווי מען קען עס דרינגען פון די ניבעלונגען־זאַגען און עדדא־לידער. (אין י. 1938 זיינען נאָך די דאָזיקע אייגנשאַפטן באַטראַכט געוואָרן פון אַ היטלעריזירטן פּראָפעסאָר נישט אַלס 100 פּראָ־צענטיק פּאָזיטיוו)...

די טיפן־פּסיכאָלאָגיע, דאַקעגן, אָפּערירט, ווי באַקאַנט, נישט מיט קיין ווערט־אורטיילן. איינע פון די הויפּטאייגנשאַפטן פון ציקלאָטימיקער (פּיקנישער קערפּערבוי) איז, למשל, די צופּאַסונג־פעאיקייט און עלאַס־טישקייט. ביי באַשטימטע באַדינגונגען און אין אַ געוויסער פּראָפּאָרץ איז דאָס אַ גרויסע מעלה. דיזעלבע עלאַסטישקייט קען אָבער ביי אַנדערע באַדינגונגען זיין אַ סיבה פון פּרינציפּנלאָזיקייט און אָפּאָרטוניזם. אַזוי קען אויך זיין די קאָנסעקווענץ און אויסגעהאַלטנקייט פון סכיצאָטימיקער. אי אַ פּאָזיטיווע אי אַ נעגאַטיווע אייגנשאַפט: עס ווענדט זיך אַלץ דעריין אַ וואָסער פּלאַץ די דאָזיקע אייגנשאַפטן פאַרנעמען אין דעם אויפבוי פון

דער פּערזענלעכקייט און זייער פּראָפּאָרץ צו אַנדערע אייגנשאַפטן. די דאָזיקע עלעמענטאַרע נטיה צו אויסגעהאַלטנקייט און קאָנסעקווענץ קען זיך דעריבער אויך מאַניפעסטירן אַלס בלינדע עקשנות און אָפּרייסן זיך פון לעבן צוליב עפּעס אַן איינרעדעניש אָדער אפילו אַן אידעע. פּונקט אַזוי האָט אויך יעדע אַנדערע אייגנשאַפט פון קרעטשמערס כאַראַקטער־טיפּן סאָציאַל־פּאָזיטיווע און אויך סאָציאַל־נעגאַטיווע מעגלעכקייטן. די דאָזיקע מעלה האָט קרעטשמערס טיפּאָלאָגיע נאָר דערפאַר, ווייל זי איז גענומען פון דער ווירקלעכקייט. ווייל יעדער אמתדיקער טיפּ אַנטהאַלט אין זיך דאָס סאַמע עסענציעלע און וועזנטלעכע פון זייער אַ סך לעבעדיקע מענטשן (סיי קערפּערלעך סיי כאַראַקטעראָלאָגיש).

די טיפּן־פּסיכאָלאָגיע האָט באַוויזן איר ווייסנשאַפטלעכקייט אַ דאַנק אַ סך סטאַטיסטישע, עקספּערימענטאַל־און דיפערענציאַל־פּסיכאָלאָגישע אַרבעטן, דורכגעפירט אין פאַרשיידענע לענדער פון פאַרשיידענע אויטאָרן. די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע איז אַנטשטאַנען אויף אַ ספּעקולאַטיוון יסוד און וואָלט אייגנטלעך שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, ווי אַ סך אַנדערע פּסעוודאָ־ווייסנשאַפטלעכע טעאָריעס און קוריאָזן, ווען זי וואָלט נישט געוואָרן דער אינסטרומענט פון דייטשן שאָוויניזם און אימפּעריאַליזם. פון אַ געשיכט־לעכער פּערספּעקטיוו וועט מען אָבער דעם ראַסיזם נישט טאָרן פאַרגלייכן אפילו מיט דער אַלכימיע און אַסטראָלאָגיע, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוויסע פּאָזיטיווע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון צוויי ווייסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען: כעמיע און אַסטראָנאָמיע. די אַלכימיקער און אַסטראָלאָגן האָבן געזוכט און געבלאָנדזשעט. די ראַסיסטן האָבן באַוווסטזיניק געפעלשט. זיי האָבן אויסגענוצט די דערגרייכונגען פון פאַרשיידענע ווייסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען, כדי צו שאַפן אַ פונדאַמענט פאַר דעם „נאָרדישן געדאַנק“, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון פאַראורטייל און האַס. אויף דעם געביט פון דער טיפּן־פּסיכאָלאָגיע איז די דאָזיקע פעלשונג באַלד דעמאַסקירט. אַזעלכע פּסיכאָלאָגן ווי פּפאַהלער און ע. ר. יענש (אויף וועלכן עס איז כדאי זיך באַזונדער אָפּצושטעלן, ווייל ער האָט געשאַפן די באַרימטע טערמינען „קעגנכאַראַקטער“ און „קעגנפּאָלק“ ד. ה. יידן, ציגיינער, פראַנ־צויזן און... גייסטיק־קראַנקע פאַר וועלכע די דייטשן האָבן רעזערווירט זייערע גאַז־קאַמערן), האָבן דעם ראַסיזם גאַנץ פּשוט צוגעשריבן די דערגרייכונגען פון דער טיפּן־פּסיכאָלאָגיע: אַזוי ווי, למשל, פּפאַהלער

„באַוויזן", אַז די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע און די טיפן־פּסיכאָלאָגיע „דעקן זיך און באַשטעטיקן זיך קעגנזייטיק", כאָטש פון אָנהויב האָט ער אַ ביסל מער אויפריכטיק צוגעגעבן, אַז „די ראַסן־וויסנשאַפט מוז לערנען פון דער טיפּאָלאָגיע יסודותדיקע זאַכן, אויב זי וויל זיך אַרויסבאַקומען פון דעם בלינדן געסל".

▽

דער אָנטייל פון די דייטשע וויסנשאַפטלער אין דער פאַרטיליקונג פון 6 מיליאָן יידן איז אַן ענין, מיט וועלכן עס וואָלטן זיך באַדאַרפט מער באַשעפטיקן די יידישע וויסנשאַפטלער. אַלע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען האָבן אין היטלער־דייטשלאַנד צוגעטראָגן זייער חלק צו דער פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק. די טעאָרעטישע דיסציפּלינען האָבן עס געטון פונקט אַזוי גוט ווי די פּראַקטישע. דער היטלעריזירטער טיפן־פּסיכאָלאָג האָט געהאָלפן דער דייטשער מאַשין דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו געבן דעם ראַסיזם אַ וויסנשאַפטלעכן אָנזען, כדי אויף אַזאַ אופן צו געווינען דעם טייל דייטשע אינטעליגענץ, וואָס האָט נאָך אפשר געהאַט ספקות בנוגע דעם ראַסיזם און זיין ריכטיקייט. ער איז נישט ווייניקער שולדיק ווי דער אינזשיניער, וואָס האָט קאָנסטרואירט די גאַז־קאַמערן און גאַז־אויטאָס, ווי דער כעמיקער, וואָס האָט פּראָדוצירט דעם „ציקלאָן ב", ווי דער מעדיצינער, וואָס האָט דורכגעפירט אין די דייטשע לאַגערן זיינע „וויסנשאַפטלעכע" עקספּערימענטן אויף הונדערטער און טויזנטער לע־בעדיקע מענטשן.

.1950

◈

אויף וויפל געהערט די „יידישע נערוועזישקייט" צום פאָלקס־כאַראַקטער

זוכנדיק אַ קריטעריע, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרמולירונג פאַר דעם מהות פון יידישן פאָלקס־כאַראַקטער האָבן מיר זיך ביז איצט בכיוון נעגטער נישט אָפּגעשטעלט אויף די סביבה־פאַקטאָרן. מיר האָבן קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קודם אויף די אייגנאַרטיקייטן פון דער יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע, וועלכע האָבן געפירט צו דער דערקענטניש, אַז דער יידישער מאַסן־מענטש צייכנט זיך אויס מיט אַ טיפּישן קאָמפּלעקס פון גייסטיקע און פיזישע אייגנשאַפטן, וועלכע אַנטשפּרעכן דעם קרעטשמערישן קערפּערבוי־טיפּ פון פיקניקער און דעם ציקלאָטימען טעמפּעראַמענט. מיר האָבן דאָס פאַרשטאַנען אין דעם זין, וואָס די פּיקנישע קאָנסטיטוציע קומט פאָר ביי יידן מיט אַ באַזונדערער אָפטקייט און די מענטאַליטעט פון ציקלאָטימיקער לייגט אַרויף דעם חותם אויף דעם פאָלקס־כאַראַקטער. דער אַנאַליז, וואָס איז געוואָרן דורכגעפירט אויף אַסך דערשיינונגען פון פאָלקס־כאַראַקטער (ליטעראַטור, פאָלקלאָר, פאַרברעכערישקייט, באַרופן, סאָציאַלע באַוועגונגען) האָט אַרויסגעבראַכט דעם ציקלאָטימיזם פון יידישן טעמפּעראַמענט און — פאָלקסכאַראַקטער[1].

מיר האָבן אין פלוג נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, כאָטש די צוויי באַגריפן זענען ווייט נישט אידענטיש. דעם קערפּערבוי אַנטשפּרעכט אַ באַשטימטער טעמפּעראַמענט, וואָס באַציט זיך אויף די עלעמענטאַרסטע פּסיכישע פונקציעס. דעפּרעסיוו אָדער היפּאָמאַניש, נערוועזיש־רייצבאַר אָדער טעמפּ — דאָס זענען די אייגנשאַפטן פון דעם טעמפּעראַמענט. כאַראַקטער איז אָבער שוין אַ קאָמפּליצירטער עניו. ווען מיר רעדן פון עמיצנס כאַראַקטער, מיינען מיר נישט נאָר די עלעמענטאַרע פונקציעס, נאָר דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אויף זיי אויפגעבויט און איז צוגעקומען פון דער סביבה. רעדנדיק וועגן פאָלק, מוז מען אַלזאָ באַריקזיכטיקן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, די קולטור־היסטאָרישע און פּאָליטישע געשיכטע און ערשט אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם זיין אַקטיווע איינשטעלונג צו די הויפּט־פּראָבלעמען פון לעבן.

אין באַגריף „פאָלקס־כאַראַקטער" ליגט שוין דאָס קאָמפּלעקסע. עס

---

1) סאָצ. מעדיצין נומ׳ 2 — 1, נומ׳ 4 — 3, וואַרשע 1938.

לייגן זיך דאָ צוזאַמען די עלעמענטן פון דעם אַפּט־פּאַרקומענדיקן טעמ־פּעראַמענט און אַלע קעגנוואַרטיקע און געשיכטלעכע סביבה־פאַקטאָרן. כאַראַקטער איז עפּעס אַזוינס, וואָס אַנטשטייט און פאַרמירט זיך — אַן אויסקריסטאַליזירטער רעזולטאַט סיי פון איינגעבוירענע דיספּאָזיציעס, סיי פון סביבה־איינווירקונגען. אַ פראַגע פאַר זיך איז דאָס, אויף וויפל די איינגעבוירענע דיספּאָזיציעס לאָזן זיך ווידער צוריקפירן אוף סביבה־איינווירקונג. (אין אַן אַנטוויקלונגס־געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו).

רעדנדיק אין דעם צוזאַמענהאַנג וועגן דער „יידישער נערוועזישקייט", וואָלט כדאי געווען זיך קודם אָפּצושטעלן אויף צוויי ביכער, אין וועלכע די דאָזיקע פראַגע ווערט באַטראַכט פון פאַרשידענע קוק־ווינקלען. איך מיין דאָ פּראָפ. שניאורסאָנס „יידן" און פעלקער־פּסיכאָלאָגיע" און פּראָפ. טעאָדאָר לעססינגס „דער יידישער זעלבסט־האַס"[2]. שניאורסאָן האַלט, אַז עס איז בכלל נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „יידישע נערוועזישקייט". נישט סטאַטיסטיש און נישט אויף אַן אַנדערן אופן קען מען דערווייזן, אַז יידן זענען מער נערוועאיש, ווי נישט־יידן. די לעגענדע וועגן „יידישער נערוועזישקייט" איז אַנטשטאַנען נאָך אַדאַנק דער „היסטאָרישער געהיימ־לעכקייט" פון די יידן: יידן, וואָס זענען תמיד אַ מיעוט־פאָלק, זענען געבליבן פרעמד די אַרומיקע פעלקער און אין זייערע אויגן זעט אויס די יידישע אייגנאַרטיקייט אַלס נערוועאישקייט. די יידישע טבע צו גיין ביי די ערשטע סימנים פון אַ קראַנקייט צו דאָקטוירים, איז נאָר אַן אויסדרוק פון „אינטים־אַנטוויקלטן, עקספּלאָסיוו־שעפערישן לעבנס־געפיל" און פון דער מורא פאַר דעם טויט, וואָס איז ווידער אַנטשטאַנען אַלס „היסטאָרישע אימוניטעט" און רעאַקציע קעגן די אייביקע רדיפות. אַלס באַווייז ברענגט שניאורסאָן די קלענערע יידישע שטאַרביקייט אין אַלע לענדער, וווּ זיי וווינען.

קאָנפראָנטירנדיק די דאָזיקע אויספירונגען מיט די מיינונגען, וועלכע עס זאָגט אַרויס דער טראַגיש־אומגעקומענער פּראָפ. טעאָדאָר לעססינג אין בוך „דער יידישער זעלבסט־האַס", זעט מען, אַז די „יידישע נערוועזישקייט" לאָזט זיך נישט דערליידיקן אויף אַזאַ דורכאויס צו

2) Theodor Lessing: Der judische Selbsthass, Judischer Verlag, Berlin 1930.

פּאָזיטיוון און ווילקירלעך־אָפּטימיסטישן אופן. עס איז דאָך פאַראַן ביי יידן אַזאַ פענאָמען, ווי זעלבסט־האַס, שנאה צו זיך און צום אייגענעם פאָלק! די דאָזיקע שנאה דערקלערט לעססינג אַלס פועל־יוצא פון דער טיף־פאַרוואָרצלטער יידישער אייגנשאַפט, צו זוכן די סיבה פון יעדן אומגליק אין די אייגענע זינד. דערביי טראָגט דאָס יידישע שולד־געפיל אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער — „כל ישראל ערבים זה בזה״. (דאָס איז שוין פאַר דעם ביבל־פאָלק אויך כאַראַקטעריסטיש). לעססינג באַווייזט ווייטער אויף אַ ריי געשטאַלטן פון דייטשן יידנטום, (אָטאָ וויינינגער, אַרטור טרעביטש, מאַקסימיליאַן האַרדען א. א.) ווי אַזוי שנאה צום פאָלק, פון וועלכן מען שטאַמט, פירט צו שנאה צו זיך אַליין און צו זעלבסט־פאַרניכטונג.

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דער דאָזיקער זעלבסט־האַס איז נאָר אַ פועל־יוצא פון אַ ווירדע־לאָזער אַסימילאַציע. אָבער אויך לעססינג איז מסכים, אַז די סיבות זענען אַסך טיפער און דווקא באַדינגט פון פאָלקס־כאַראַקטער. אין דער ערשטער ריי לאָזט זיך דאָ, לויט אונזער קאָנצעפּציע, נאָכווייזן אַ שייכות מיט דעם יידישן ציקלאָטימען טעמפּעראַמענט און זיין עקסטרעמען אויסדרוק אויף דער מעלאַנכאָלישער זייט. די זעלבע דערשיינונג פון מינדערווערטיקייטסגעפיל און זעלבסט־פאַראַכטונג, וואָס דערגייט ביז זעלבסט־האַס, האָבן מיר שוין געזען אין יידישן וויץ[3]. פון דער אַנדערער זייט זעען מיר אין יידישן וויץ אַ סענסיטיווע, פּאַראַנאָאישע איבערשפּירעוודיקייט, וואָס נעמט זיך פון אַן איבערקאָמפּענסירטן, גע־שטייגערטן זעלבסט־געפיל, פון דעם אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס. דאָס מינ־דערווערטיקייטס־געפיל און די זעלבסט־פאַראַכטונג פון יידישן וויץ האָבן מיר אויפגעפאַסט אַלס נשמה־צושטאַנד פון ציקליקער און זיין דעפּרעסיווער פאַזע. דאָס געשטייגערטע זעלבסט־געפיל פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע יידישע וויצן אַנטשפּרעכט דעם היפּאָמאַנישן אָדער מאַניאַקאַלישן צושטאַנד פון ציקליקער (מאַניש־דעפּרעסיוון). אַהער געהער אויך די אונטער־גרופּע פון סענסיטיוו־היסטערישע אתה־בחרתנו־וויצן, וואָס ברענגען צום אויס־דרוק דעם פּאַראַנאָאישן פאַקטאָר.

3) די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון יידישן וויץ, סאָצ. מעדיצין נומ׳ 6 — 5, נומ׳ 8 — 7, וואַרשע 1937.

דער אַנאַליז פון יידישן וויץ קלערט אויך אויף דעם יידישן זעלבסט־האַס אַלס אַזעלכן. דער זעלבסט־האַס איז טאַקע אַ פּועל־יוצא פון דעם ציקלאָטימען יידישן טעמפּעראַמענט אין זיין דעפּרעסיוון אויסדרוק. כדי אָבער מיר זאָלן פאַרשטיין די דאָזיקע דערשיינונג אַלס כאַראַקטער־שטריך, מוזן מיר נאָך צורעכענען די אַלע קולטור־היסטאָרישע מאָמענטן, וואָס קאָמפּליצירן דאָס בילד. איז דאָך די דאָזיקע הערשיינונג נישט קיין טאָג־טעגלעכע און וייט נישט קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע, אַז מען זאָל קענען גלייכגילטיק נעבן איר פאַרבייגיין. ווען מענטשן קענען האַסן דאָס פאָלק, פון וועלכן זיי שטאַמען און די דאָזיקע שנאה ווערט אַן אַלגעמיין־דערשיינונג ביי אַ באַשטימטן שיכט פון פאָלק, מוזן מיר דאָס באַטראַכטן אַלס סיגנאַל פון אַ צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דאָזיקן פאָלקס־טייל אָדער שיכט.

די גאַלעריע טיפּן, וועלכע עס פירט פאַר אונז אַדורך פּראָפ. לעססינג, שטאַמען אַלע פון דעם שיכט דייטשע יידן, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק און האָבן געהאַט נאָר איין זאָרג: וואָס בעסער, וואָס גרינטלעכער ווערן הונדערט־פּראָצענטיקע דייטשן, ווערן דייטשער ווי די דייטשן... די דאָזיקע יידן האָבן מיט אַ דייטשן היפּער־נאַציאָנאַליזם געוואָלט קאָמפּענסירן זייער יידישע אָפּשטאַמונג, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט אַלס מינדערווערטיקייט. אויף דעם דאָזיקן וועג האָבן זיי געמוזט נעגירן אַלץ, וואָס קאָן נאָר האָבן אַ שייכות מיט יידן און יידישקייט און אין דער קאָנסעקווענץ — זיך אַליין און די אייגענע עקזיסטענץ. צי איז דער דאָזיקער ביז צום עקסטרעם פון משוגעת דערפירטער זעלבסט־האַס נאָר מעגלעך ביי פאַראַסימילירטע אַנטיסעמיטישע יידן?

מען קען אויף דעם זעלבסט־האַס נישט אַנדערש קוקן, ווי אויף אַ פּסיכאָטישן סימפּטאָם. אָבער, ווי מיר ווייסן, איז שווער צו זאָגן, ווו עס איז די גרענעץ צווישן דעם פּסיכאָטישן, פּסיכאָפּאַטישן און נאָרמאַלן. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַ מענטש קומט צום בעסטן און דייטלעכסטן אַרויס אין זיינע פּסיכאָפּאַטישע שטריכן. דאָס כאַראַקטעראָלאָגישע קריצט זיך צום דייטלעכסטן אויס אין פּסיכאָז. דער זעלבסט־האַס פון אַנטי־סעמיטישן און פאַרביסענעם אַסימילאַטאָר ווייזט זיך גאָר אַרויס אַלס הויפּטמאָטיוו (אין אַ פאַרפייגערטער לייכטער און חנעוודיקער פאָרם) פון

פּאָלקסטימלעכן וויץ[4]. די איבערעמפּינדלעכקייט פון אַסימילאַטאָר, וועלכער לעבט אין דער שטענדיקער מורא, אַז מען וועט אין אים און זיינע ווערק דאָך דערקענען די יידישע אָפּשטאַמונג, באַקומט אויך אַן אָפּשפּיגלונג אין יידישן וויץ; זיין מורא פאַר דער נקמה, וואָס לויערט אויף אים כּלומרשט פון יידישער זייט, די איבערצייגונג, אַז אַלע טראַכטן נאָר דערפון, ווי אַזוי זיך מיט אים אָפּצורעכענען, דערקענען מיר אין אַן אַנדערער פאָרם אין דעם יידישלעכן פאַראַנאַאישן אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס.

אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן יידישן וויץ האָבן מיר שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז מיר האָבן עס צו טון מיט שטריכן פון אַ רעאַקטיוון פּסיכאָז די מיינסטע באַשולדיקונגען, וואָס ווערן אין יידישן וויץ אַרויסגעבראַכט קעגן אייגענעם פאָלק, פאַסן גיכער צו די אונטערדריקער, וועלכע האָבן פאַרשולדיקט אַזאַ צושטאַנד פון שולד. אונטער דער מאַסקע פון נעמען די שולד אויף זיך (אידענטיפיצירונג) ווערט דאָ אייגענטלעך אונטער־געשטראָכן די שיפלות פון אונטערדריקער. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז עס געהער שוין צו דער מענטאַליטעט פון אונטערדריקטע, נישט האָבן קיין אַכטונג פאַר זיך אַליין. אַזעלכע טענדענצן זענען דאָ, אָבער זיי ווערן קאָמ־פּענסירט, ווייל קיין שום מענטש קען נישט לעבן אָן זעלבסטאַכטונג. די אונ־טערדריקטע ווייסן, אַז זיי מוזן מער לייסטן, ווי אַנדערע, זיי מוזן זייער עק־זיסטענץ באַרעכטיקן מיט לייסטונגען. אָן אָט דעם דראַנג צו באַרעכטיקן די אייגענע עקזיסטענץ (זאָל עס זיין אפילו מיט די גרעסטע און שענסטע אויפ־טוען פאַר דער מענטשהייט) ליגט פאַרבאָרגן אַ מינדערווערטיקייט־געפיל. אויף אַזאַ אופן האָט אויך דער אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס זיין וואָרצל טאַקע אין מינדערווערטיקייטס־געפיל, פון דאַנען נעמען זיך די אַלע אידעען וועגן דער „יידישער מיסיע״, מיט וועלכע מען האָט פריער געוואָלט באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק. (היינט טוט מען עס אויף אַ מער

4) זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער וויץ, וועלכן עס גיט אין דעם צוזאַמענ־האַנג איבער פּראָפ. לעסטינג: אַ ייד, זיצנדיק אַליין אין אַ באַן־וואַגאָן, טוט זיך אויס די שיך און לייגט אַרויף די שמוציקע פיס אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק. עס קומט אַריין אַן עלעגאַנט געקליידעטער הער, דער ייד כאַפּט זיך צוריק מיט די פיס און ברענגט זיך אין אָרדענונג. נאָך אַ צייט פרעגט דער פרעמדער דעם ייד, צי ער פאָרט אַ היים אויף פּסח. „אַזוי״, זאָגט דער ייד אַנטוישט און לייגט די פיס אַרויף צוריק אויף דער באַנק קעגנאיבער דעם שכן...

פאַרמאַסקירטן אופן, פילנדיק, אַז דער מאַטאַר פון אַזעלכע אידעען איז דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל). אויף אַזאַ אופן האָט אויך דער אתה־בחרתנו־קאָמפלעקס זיין וואָרצעל טאַקע אין מינדערווערטיקייטס־געפיל, וואָס איז געוואָרן איבערקאָמפּענסירט.

פון דאַנען נעמט זיך אויך די נישט־עכטקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם מעלאַנכאָלישן צושטאַנד. דער מעלאַנכאָליקער קען נעגירן נישט נאָר זיך אַליין נאָר אויך די גאַנצע וועלט. און דאָך טוט און באַוועגט זיך דער מעלאַנכאָלישער אַזוי, ווי די וועלט וואָלט דאָך געווען! די נישט־עכטקייט איז אויך צו זען פון דעם, וואָס דער מעלאַנכאָלישער קען האָבן אויך בשעת דער טיפסטער דעפּרעסיע פריילעכע חלומות. מען האָט דעם איינדרוק, ווי ווען דער מעלאַנכאָלישער וואָלט אַבסאָלוט געוואָלט אַרויסווייזן זיין טרויער, ווי ווען ער וואָלט פון אַן אינערליכער נויטווענדיקייט געמוזט אָפּשפּילן די מעלאַנכאָלישע ראָלע.

אין דעם דאָזיקן דראַנג זיך צו אָפּשירן געהערט זיך אָן די מעלאַנכאָליע מיט דער היסטעריע. אויך די היסטעריע איז כאַראַקטעריזירט דורך דער טענדענץ זיך צו מאַכן באַמערקבאַר. דער שווייצאַרישער פּסיכאָלאָג ק. ג. יונג האַלט, אַז די היסטעריע איז דער אָפּטעסטער נעוראָז פון דעם עקסטראַווערטירטן. (דער עקסטראַווערטירטער טיפּ אַנטשפּרעכט אין זיין באַציאונג צו דער אויסנוועלט דעם ציקלאָטימיקער). די נערוועזישקייט איז לויט יונגן אַ געניג אָפּטע און אפילו נויטווענדיקע דערשיינונג פאַר דעם עקסטראַווערטירטן (ציקלאָטימען) טיפּ. (זי היט אים דערפון, אַז ער זאָל זיך אינגאַנצן נישט אַוועקגעבן צו דער אָביעקטיווער וועלט און זיך אַסימילירן). די טיפּישע היסטעריע איז כאַראַקטעריזירט דורך איר שטאַרקן קאָנטאַקט מיט דער סביבה, דורך איר צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען. דער היסטערישער שליסט זיך נישט אָפּ אַקעגן דער סביבה, ער קוקט אַרויס אויף איר מיטגעפיל. ער דערציילט באַלד, וואָס ער וויל, וואָס ער ווייס און... וואָס עס דוכט זיך אים. אין דער היסטעריע קומט צום אויסדרוק די שטאַרקע נטיה פון דעם ציקלאָטימיקער זיך צוצופּאַסן צו דער סביבה און זיך מיט איר צו אַסימילירן. אַלס קראַנקייטס־דערשיינונג דערפילט זי אַ צוועקמעסיקע פונקציע: זי איז די קעגנרעאַקציע פון די אינטראָ־ווערטירנדיקע כוחות אין דעם עקסטראַווערטירטן טיפּ. (אַזעלכע כוחות זענען דאָ אין אַ באַשטימטער מאָס ביי יעדן איינעם). דאָס פאַנטאַסטישע

און ליגנערישע, וואָס איז דאָ אין יעדער היסטעריע, קענען מיר באַטראַכטן אַלס קאָמפּענסאַציע און קעגן־רעאַקציע קעגן דער ניכטערקייט פון דעם עקסטראַווערטירטן ציקלאָטימיקער.

▽

אַרויסגייענדיק פון אַן אָרטאָדאָקס־קרעטשמערישן שטאַנדפּונקט, אַז דער פּיקניקער איז נישט נערוועיש, וואָלט מען געקענט לייכט אָננעמען פּראָפ. שניאורסאָנס קאָנצעפּציע, אַז די „יידישע נערוועזישקייט" איז נישט מער, ווי אַ פּאַראורטייל פון די, וואָס פאַרשטייען נישט די יידישע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט. אין דער ווירקלעכקייט זעען מיר אָבער געגוג אָפט פּיקניקער־היסטעריקער, און פּיקניקער־צוואַנגסנעוראָטיקער. דאָס רעטעניש ווערט פאַרענטפערט דורך דעם, וואָס נערוועזישקייט איז ווייניקער אַ פראַגע פון איינגעבוירענע דיספּאָזיציעס, ווי פון לעבנסבאַדינגונגען און פון דער אַקטיווער שטעלונג צו די הויפּטפּראָגן פון לעבן. די פּיקנישע קאָנסטיטוציע קען אפשר ביז צו אַ געוויסן גראַד אָנטקעגנווירקן דעם אַנטשטיין פון נעוראָז, אָבער ביי אַן אויסגעשפּראָכן נערוועיש־מאַכנדיגער קאָנסטעלאַציע קען אויך די פּיקנישע קאָנסטיטוציע נישט העלפן. שניאורסאָנס „פּסיכישע אימוניטעט" קעגן נערוועישקייט איז אַ באַגריף, וואָס איז געוואָרן לעבעדיק אַריבערגעטראָגן פון דער סאָמאַטישער מעדיצין און קניפּט נישט אָן אָן די אייגן־געזעצן פון דער פּסיכישער דינאַמיק (עס דערמאָנט אָן די אָנשויאונגען פון מאַלעשאָט און בריקנער, וועלכע האָבן באַטראַכט דאָס דענקען אַלס אויסגאָס פון געהירן פּונקט ווי די גאַל — פון דער לעבער). די בויט איז טאָקע אַ סיבה, וואָס טרייבט צו צופּאַסונג און סעלעקציע. אָבער די צופּאַסונג קומט פאָר אויף אַ דיאַלעקטישן אופן. דאָס צופּאַסן זיך צו דעם סאָציאַלן לעבן (ביים ייד: צו דער בייזער ווירקלעכקייט) רופט אַרויס ביים עקסטראַווערטירטן אַ שטאַרקערע רעאַקציע פון דעם פאַרשטויסענעם (פון רעאַל־באַוווסטזיין) עגאָצענטרישן פאַקטאָר. דאָס געשעט דעמאָלט ווען די צופּאַסונג געלינגט נישט. ביי אַ שווערער צופּאַסונג, אַלזאָ ביי שווערע לעבנסבאַדינגונגען, איז אויך דער עקסטראַווערטירטער ציקלאָטימיקער נישט פאַרזיכערט קעגן דעם נעוראָז.

פּראָפ. שניאורסאָן איז מסכים, אַז עס איז דאָ ביי יידן אַ שטאַרקע מורא פאַרן טויט. די דאָזיקע מורא פאַרן טויט, זאָל זיין די סיבה פון דעם ספּעציפיש־יידישן „אינטימען לעבנסגעפיל" און דאָס ווידער — פון

דער לענגערער לעבנסדויער ביי יידן. אויף וויפל איך האָב פּראָפּ. שניאורסאָנען פאַרשטאַנען, איז דאָס „אינטימע לעבנסגעפיל״ אַנטשטאַנען דורך די סכנות און רדיפות, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין, און האָט אויך צוריקגעווירקט אויף דער פאַרשטאַרקונג פון דער מורא פאַרן טויט.

די דאָזיקע מורא, אויף וויפל זי איז פּאַקטיש ביי יידן פאַראַן, מוזן מיר אָבער אויפפאַסן אַלס צייכן פון נערוועזישקייט. עס איז נישטאָ קיין נערוועזישקייט אָן מורא און מורא אָן נערוועזישקייט! ווי אַזוי וויל דאָס פּראָפּ. שניאורסאָן דערקלערן די מורא פאַר דעם טויט — דורך דעם לעבנסגעפיל? מורא הייסט דאָך אומזיכערקייט. ווער עס האָט אַ זאַכלעכע (נישט-נעוראָטישע) באַציאונג צום לעבן, דער רעכנט זיך אויך מיט דעם טויט, אַלס אַ מעגלעכקייט, וואָס מוז קומען פריער אָדער שפּעטער. אין אַ סיסטעם פון פסיכישן גלייכגעוויכט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר מורא. פּראָפּ. שניאורסאָן זאָגט ווייטער: „ווי ביי ליבע די איבערזוכט, אַזוי איז ביי אינטימער רעליגיעזישקייט די אייביקע מורא פאַר זינדיקייט, און ביים אינטימען לעבנסגעפיל די אַנגסט פאַר דער מינדסטער לעבנסגעפאַר ביי אַ קראַנקייט״[5]. מיט דעם דאָזיקן זאַץ האָט פּראָפּ. שניאורסאָן קעגן אייגענעם ווילן כאַראַקטעריזירט די ליבע פון נעוראָטיקער, זיין רעליגיע־זישקייט און אויך זיין לעבנסגעפיל. אָבער צום גליק איז דאָס לעבנסגעפיל נישט דווקא אָפּהענגיק פון דער מורא פאַרן טויט און דאָס באַווייזט די סטאַטיסטיק פון דער קלענערער שטאַרביקייט ביי יידן[6].

עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן נערוועזישקייט אַלס קולטור-פּראָבלעם. די אַנאַלאָגיעס (וועלכע פרויד און זיין שול האָבן נאָכגעוויזן) צווישן דעם נשמה-לעבן פון נעוראָטיקער און דער פסיכיק פון פּרימיטיווע פעלקער, האָבן געוויזן אַ נייעם וועג פאַר דער פעלקער־

---

5) „יידן- און פעלקער-פּסיכאָלאָגיע״ ז׳ 70.

6) די קלענערע שטאַרביקייט ביי יידן הויבט אָן צו ווערן פּראָבלעמאַטיש, אויב מען באַטראַכט קריטישער די ציפערן, וועלכע עס ברענגט פּראָפּ. שניאורסאָן (לויט לעשטשינסקי). איז דאָך אין די דאָזיקע ציפערן נישט באַטראַכט דער לעבנסאַלטער פון די באַפעלקערונגס-גרופּן, וואָס ווערן פאַרגליכן! אַזוי ווי די מערב-אייראָפּעישע יידן האָבן ווייניקער קינדער, איז אויך זייער שטאַרביקייט קלענער. (זויגקינדער-שטאַרביקייט).

פּסיכאָלאָגיע. ענלעכע אַנאַלאָגיעס לאָזן זיך נאָכווייזן אויך צווישן קינסט־לערישער שאַפונג און די אייגנאַרטיקייטן פון דער נעוראָטישער קאָנסטיטו־ציע. עס איז דעריבער נישט מעגלעך אָפּצוגרעניצן און אַנטקעגנצושטעלן פאָלקס־שאַפונג און נערוועזישקייט, אַזוי ווי פּראָפ. שניאורסאָן טוט עס. צום יידישן פאָלקסכאַראַקטער געהער טאַקע אַ נערוועזישקייט פון אַ גאַנץ באַשטימטער קאַטעגאָריע. די מורא פאַר דעם טויט, וועלכע פּראָפ. שניאורסאָן אָנערקענט אַלס יידישע אייגנשאַפט, געהער צום וועזן פון דער דאָזיקער נערוועזישקייט. די דאָזיקע מורא קענען מיר אויך באַצייכענען אַלס היפּאָכאָנדריע, אין וועלכער עס מאַניפעסטירט זיך (פאַר דער סביבה) דער עקסטראַווערטירטער ציקלאָטימיקער. אַן אַטריבוט פון דער „יידישער“ נערוועזישקייט איז אויך דאָס „אָפּשרייען“, אויף וועלכן פּראָפ. שניאורסאָן שטעלט זיך אַזוי געענוי אָפּ. צי איז די יידישע טבע פון „אָפּשרייען“ עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּרימיטיווער מאַסן־פּסיכאָלאָגישער אַטאַוויזם? מעג דאָס „אָפּשרייען“ אויך צען מאָל האָבן פאַרן ציל די לעבנס־דערהאַלטונג, הערט עס נאָך דעריבער נישט אויף צו זיין אַ פּרימיטיוו נערוועזישער סימפּטאָם! סוף־כל־סוף האָט דאָך יעדער נערוועזישער סימפּטאָם אַ באַשטימטן זין (אַדלער) און דינט דער דערהאַלטונג און שוץ פון נערוועישן, וועלכער קען זיך אויף אַ דירעקטן, נישט־נערוועישן אופן נישט קיין עצה געבן מיט די לעבנסאויפגאַבן.

אַלס אויסדרוק פון נערוועזישקייט קען מען אויך באַטראַכטן דעם יידישן זעלבסטהאַס, ווו און ווי אַזוי ער זאָל זיך אויך נישט מאַניפעסטירן. דעם זעלבסטהאַס האָבן מיר אינטערפּרעטירט אַלס אויסדרוק פון ציקלאָ־טימען טעמפּעראַמענט אין דער דעפּרעסיווער פאַזע. וואָס איז אָבער דער קעגנזאַץ פון זעלבסטהאַס (די מעגלעכקייט פון אַריבערגיין פון איין עקסטרעם צום אַנדערן געהער דאָך צום וועזן פון ציקלישן!)? צי איז דאָס נישט דער פענאָמען פון דער יידישער צדקה, די איינציקאַרטיקע מידה פון אוניווערסאַלן מיטגעפיל, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַ גאַנצער נעץ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פון יידן געשאַפן געוואָרן סיי פאַר יידן, סיי פאַר נישט־יידן? עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז יידן גיבן אויס אַ סך, אַ סך מער אויף צדקה, ווי אַנדערע פעלקער (יידן רחמנים בני־רחמנים). מיר האָבן דאָ ווידער פאַר זיך אַ פענאָמען, וואָס איז געוואָרן פאַראורזאַכט דורך אַ פאַרפלעכטונג פון קאָנסטיטוציאָנעלע

פאַקטאָרן מיט די פאַדערונגען פון אַ שטאַרקערן צוזאַמענשליסן זיך קעגן די אונטערדריקער. די „יידישע אחדות", וואָס ווערט פון אונזערע שונאים אַזוי דעמאַגאָגיש צעשמירט, מאַניפעסטירט זיך אפשר נאָר אין דער פילאַנטראָפיע (אויף וועלכן ס'איז אַנדערן געביט איז קיין „יידישע אחדות" קיינמאָל נישט געווען און נישטאָ).

די יידישע פילאַנטראָפיע איז ווידער אַ באַווייז פון ציקלאָטימישן טעמפעראַמענט. דער ציקלאָטימיקער פילט זיך אַריין אין די ליידן פון די אָרומיקע, ער רעאַגירט באַלד אויף יעדן רוף נאָך הילף מיט צדקה. ער רעאַגירט אָבער נאָר פון פאַל צו פאַל, טיילמאָל כאַפּט ער אויך איבער די מאָס (אַזוי איז אויך נישט איינמאָל פאָרגעקומען, אַז אַ שטעטל וואָס האָט געליטן פון אַ פּאָגראָם, האָט זיך דערנאָך אַ דאַנק פילאַנטראָפּישער הילף אין אַ סך פּרטים געהאַט בעסער). אויך אין דעם אימפּעטיקן, פּלוצלונגדיקן אויסדרוק פון צדקה־געפילן קען מען באַמערקן שטריכן פון נערוועזישקייט.

דערמיט האָבן מיר, דוכט זיך, שוין באַשריבן די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם ציקלאָטימען טעמפעראַמענט און וועגן די פאָרמען פון נערוועזישקייט, וואָס געהערן צום יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געקענט אָננעמען קרעטשמערס טעזע, אַז דער פּיקניקער איז בכלל נישט נערוועזיש און אויך נישט פּראָפּ. שניאורסאָנס קאָנצעפּציע וועגן „פּסיכישער אימוניטעט" ביי יידן, מוזן מיר ווייטער זוכן דעם פּרינציפּ, וואָס וואָלט געקענט איינהייטלעך דערקלערן דאָס אייגנאַרטיקע פון דער נערוועזישקייט ביי יידן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז צו די באַזונדערקייטן פון דער יידישער ביאָפּאַטאָלאָגיע געהער אויך דאָס אָפּטע פאָרקומען פון באַזעדאָוו. וויל מען באַשטימען די נערוועזישקייט פון אַן אינדיווויד אָדער פון אַ גע־מיינשאַפט, טאָר מען נישט פאַרבייגיין די פראַגע פון אינערלעכער סעקרעציע. דערהויפּט וויכטיק זענען דאָ די שילד־דריז (טיראָאיד) און די נעבן־שילד־דריז (עפּיטעל־קערפּערל). די פּראָדוקטן פון אָט די צוויי דריזן באַאיינפלוסן זייער שטאַרק דאָס פּסיכישע לעבן, דעם געזיכטס־אויסדרוק, די מימיק און באַוועגונגען. באַזונדערס ענג איז דער צוזאַמענ־

---

7) היפּער־טיראָאידיזם.

האַנג צווישן די דריזן־פּראָדוקטן און דעם וועגעטאַטיוון נערוון־סיסטעם. די ווירקונג פון אָט די צוויי דריזן־פּראָדוקטן איז אָבער אַ קעגנזעצלעכע. איבערוועגט דער פּראָדוקט פון שילד־דריז, קענען מיר רעדן פון באַזעדאָוואָאידן טיפּ, האָט די איבערהאַנט די ווירקונג פון נעבן־שילד־דריז (עפּיטעל־קערפּערל), רעדן מיר פון טעטאַנאָאידן טיפּ. (וואַלטער און ע. ר. יענש).

מיר קענען אַזוי אַרום דערוואַרטן אַן איבערוועגן פון באַזעדאָוואָאידן טיפּ, אַזוי ווי עס באַשרייבן אים די ברידער יענש. דער באַזעדאָוואָאידער צייכנט זיך אויס מיט זיין עלאַסטישקייט, וויכע באַוועגונגען, צופּאַסונגס־פעיקייט אין קעגנזאַץ צום טעטאַנאָאידישן טיפּ, וועלכער איז אין זיינע באַוועגונגען שטייף — און אַזוי אויך אין זיינע באַציאונגען צו די מענטשן. דער באַזעדאָוואָאידער טיפּ אַנטשפּרעכט אין אַ סך (און אין די וויכטיקסטע) פּרטים קרעטשמערס ציקלאָטימישן טיפּ, עס ווערן אין אים אָבער אויך אין באטראכט גענומען די דיספּאָזיציעס צו נערוועזישקייט. אויף אַזאַ אופן זעען מיר דעם זעלבן טיפּ, נאָר פון אַן אינערלעך־סעקרעטאָרישן פּער־ספּעקטיוו. אַ דאַנק דער האַרמאָנישקייט און דעם אויסדריקלעכן פּסיכאָפיזישן צוזאַמענהאַנג פון אַלע פונקציעס, קען דער באַזעדאָוואָאידער טיפּ זייער לייכט פּראָדוצירן היסטערישע דערשיינונגען (אומבאַוווסטזיניקע פּסיכישע טענדענצן באַקומען אויסדרוק אַלס באַשטימטע באַוועגונגען אָדער פּאַ־ראַליזשן). „דער פּסיכיש־ביירעטישער אויטאָמאַטיזם“, ווי קרעטשמער דעפינירט די היסטעריע, ווערט דאָך סוף־כל־סוף דערמעגלעכט נאָר דורך דעם לייכטן איבערגאַנג פון דער פּסיכישער ספערע אין דער קערפּערלעכער. דער טעטאַנאָאידער טיפּ האָט נישט די דאָזיקע עלאַסטישקייט. ער צייכנט זיך אויס מיט די אַלע שטריכן, וועלכע קרעטשמער שרייבט צו דעם סכיצאָטימיקער און אויך דאָ האָבן מיר עס צו טון מיט דעמזעלבן טיפּ (טעטאַנאָאיד — סכיצאָטים) געזען פון אַן אַנדער פּערספּעקטיוו.

די צוויי טיפּן פון די ברידער יענש דערגאַנצן די קרעטשמערישע טיפּן אין אַ סך פּרטים. אַזוי פּאַרענטפערט אויך יענשס באַזעדאָוואָאידער טיפּ די פראַגע פון נערוועזישער דיספּאָזיציע.

בסך־הכל קענען מיר נישט זאָגן, אַז יידן זענען וויניקער נערוועזיש ווי נישט־יידן, גיכער מער. אָבער דאָ האַנדלט זיך אונז נאָר אין די דיספּאָזיציעס צו באַשטימטע מינים נערוועזישקייט, ווייל די אַנטגילטיקע

געשטאַלטיקונג פון דער פּערזענלעכקייט הענגט אָפּ פון דער אַקטיווער שטעלונג פון מענטש צו די לעבנס־פּראָבלעמען. וועגן די דיספּאָזיציעס צו די איינצלנע מינים פון נערוועזישקייט קענען מיר זאָגן, אַז עס דאָמינירן ביי יידן היסטעריקער (פון פּסיכאָפּאַטן: היפּאָמאַניאַקאַלישע). אַנדערע מינים וועלן זיך ביי יידן פאַרטרעטן נישט מער אָבער וואַרשיינלעך אויך נישט ווייניקער, ווי ביי אַנדערע פעלקער. דער פענאָמען פון זעלבסטהאַס און זיין קעגנזאַץ — די פאַרצווייגטע און אינטענסיווע פילאַנטראָפּיע דריקן אויס אַ רייצבאַרקייט פון וועגעטאַטיוון נערוונסיסטעם, אָבער אַלס נער־וועזישקייט אין פּשוטן זין קען מען עס נישט אויפפאַסן. די יידישע טבע פון „אָפּשרייען״ און די שטאַרקע מורא פאַר דעם טויט מוז מען פאַרשרייבן אויף דעם חשבון פון די היסטערישע דיספּאָזיציעס אין יידישן פאָלקס־כאַראַקטער.

◈

די קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן אַלס טרעגער פון ביאָ־פּאַטאָלאָגישע אייגנשאַפטן ביי יידן

די דערשיינונגען פון דער יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע האָבן נאָך ביז היינט נישט באַקומען קיין איינהייטלעכע אויפקלערונג. אַלטע דערפאַרענע דאָקטוירים און סטאַטיסטיקער האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז קעגן געוויסע קראַנקייטן ווייזן יידן אַרויס אַ גרעסערע ווידערשטאַנדפעאיקייט ווי זייערע נישט יידישע שכנים, בעת צו אַנדערע קראַנקייטן האָבן זיי אַ גרעסערע נטיה. אַלס סיבה האָט מען שוין באַטראַכט די פאַרשידנסטע פאַקטאָרן. פאַר אַ טייל פאַרשער איז דער דעצידירנדיקער מאָמענט די אייגנאַרטיקע ראַסן־קאָמבינאַציע פון די יידן. נישט קענענדיג אָבער קאָנקרעט נאָכווייזן אין וואָס פאַרא באַשטימטן צוזאַמענהאַנג עס שטייט דער ראַסן־פאַקטאָר צו דער אָדער יענער דערשיינונג פון יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע, באַגנוגענען זיי זיך מיט דעם בלויזן אָנווייזן אויף אים. אַנדערע ווילן דערקלערן איינצעלנע דערשיינונגען פון דער יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע נאָר דורך די באַזונדערקייטן פון דער יידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור.

עס איז אָבער ביז היינט נאָך נישט געמאַכט געוואָרן דער פּרווו צו סיסטעמאַטיזירן די וויכטיקסטע דערשיינונגען פון דער יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע לויט איין באַשטימטן פּרינציפּ. עס האָט, דוכט זיך, נאָך קיינער נישט געפּרוווט צו דערקלערן די אַנטשטייונג פון די וויכטיקסטע „יידישע" קראַנקייטן לויט אַ פּרינציפּ, וועלכער וואָלט געקאָנט פולקאָם דערקלערן אַ גאַנצע ריי דערשיינונגען.

עס איז באַקאַנט די קאָנצעפּציע פון ד"ר גרשון לעווין[1]: יידן ווייזן אַרויס אַ באַזונדערע ווידערשטאַנדפעאיקייט קעגן טובערקולאָז. אָט די ווידערשטאַנדפעאיקייט איז באַדינגט דורך דער פּיגמענט־רייכקייט פון הויט, האָר און אויגן פון די יידן. די ווידערשטאַנדפעאיקייט קעגן טובערקולאָז ווערט נאָך פאַרגרעסערט דורך דער אורין־שפּירעוודיקייט, וועלכע איז זייער פאַרשפּרייט צווישן יידן. ד"ר ג. לעווין באַווייזט, אַז אויך ביי נישט־יידן טרעפט מען ביי די אַרטרעטיקער אַ לייכטערע פאָרם פון

1) ד"ר ג. לעווין: די ראָל פון ראַסן־פאַקטאָר און דער גרעסערער ווידער־שטאַנדפעאיקט פון יידן קעגן טובערקולאָז (שריפטן פון 1טן לאַנד־דאָקטוירים־צוזאַמענפאָר פון „טאָז" — 1929).

טובערקולאָז (די פעדעמדיקע פאָרמען) און קיינמאָל נישט קיין שווערע. ד״ר לעווין דערמאָנט דאָס אַפטע פאָרקומען פון אַרטערעטיזם ביי יידן, כדי צו שטיצן זיין קאָנצעפּציע, אַז די יידישע ווידערשטאַנדפעאיקייט קעגן טובערקולאָז (הויפּטזעכלעך לונגען טובערקולאָז) איז באַדינגט דורך ראַסן־פאַקטאָרן. קיין ווייטערע און ברייטערע אויספירונגען וועגן יידישע ביאָ־פּאַטאָלאָגישע אייגנשאַפטן בכלל מאַכט ער נישט.

עס האָבן זיך שוין אַ סך פאָרשער אָפּגעשטעלט באַזונדער אויף דער שטאַרקער נטיה ביי יידן צו די שטאָף־בייט־קראַנקייטן. (דיאַבעטעס, פעטקייט, אורין־שפּירעוודיקייט) לאָמיר נאָר ציטירן די אַרבעט, וועלכע עס האָט פאַרעפנטלעכט פּראָפ. ה. שטראַוס אין „סאָציאַלע מעדיצין״ (נ. 4 — 5, 1933)

...„פון אַ סטאַטיסטיק פון שטערן איז צו זען, אַז אין ניו־יאָרק זענען אין יאָר 1899 געשטאָרבן פון דיאַבעטעס דריי מאָל אַזויפיל יידן ווי נישט־יידן״. אַן ענלעך פאַרהעלטניש קען מען געפינען לויט פּראָפ. שטראַוס כמעט אין אַלע לענדער, וואו יידן וואוינען. פּראָפ. שטראַוס שרייבט צו די דאָזיקע נטיה צו דיאַבעטעס אויפן חשבון פון קאָנסטיטוציע־און ירושה־פאַקטאָרן, אָבער די ווידערשטאַנדפעאיקייט קעגן טובערקולאָז באַטראַכט ער אַלס פועל־יוצא פון אימון־ביאָלאָגישע פאַקטאָרן. ער שטעלט זיך דאָס פאָר אויף אַזאַ אופן, אַז אין לויף פון די יאָרהונדערטן, וואָס יידן האָבן געלעבט אין די שמאָלע געסלעך פון געטאָ, זענען די אויף טובערקולאָז־שפּירעוודיקע פאַמיליעס אויסגעשטאָרבן.

ווי מיר זעען, לאָזט צו פּראָפ. שטראַוס אַלס סיבה איינמאָל דעם ריין־קאָנסטיטוציאָנעלן פאַקטאָר און דאָס אַנדערע מאָל די סביבה־פאַקטאָרן, ער פרווט אָבער נישט צו ברענגען אין אַ צוזאַמענהאַנג דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע מיט דעם סביבהדיקן. אַזאַ צוזאַמענהאַנג וואָלט זייער נויטיק געווען, ווייל עס זענען נאָך דאָ אַ סך דערשיינונגען פון יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע, וועלכע מע האָט נאָך בכלל נישט געפּרווט אויפקלערן: שוואַכקייט פון די בינד־געוועבן (קראַמף־אָדערן, פלאַטפוס, העמאָראָידן), זעלטנקייט פון סעקסועלע אומנאָרמאַלקייטן, דאָס אָפטע פאָרקומען פון מאַניש־־דעפּרעסיווע צווישן יידישע גייסטיק־קראַנקע א. אַז. וו.

כדי אויפצוקלערן די אַלע דערשיינונגען קענען מיר אַלע מאָל אַק־צעפּטירן אַלס סיבה די אימון־ביאָלאָגישע פאַקטאָרן, זוכנדיק גלייכצייטיק

אַן ענטפער אויף דער פראַגע, אין וואָס פאַר אַנדערע אייגנאַרטיקייטן די דאַזיקע ירושה איז געבונדן. מיר דאַרפן אָבער נישט רעדן וועגן „ראַסן־פאַקטאָרן". זינט מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטער באַגריף עס איז „ראַסע", באַנוצן מיר ליבערשט נישט דעם דאַזיקן טערמין און זיין וואול־גאַרער באַדייטונג. מיר קאָנען אָבער רעדן וועגן קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן, וואָס קומען פאַר ביי יידן מיט אַ באַזונדערער אָפטקייט. איך האָב דאָ אין זינען דעם פּיקנישן קאָנסטיטוציאָנעלן טיפּ.

וואָס פאַר קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן קענען מיר בכלל און וואָס איז די קריטעריע פון זייער איינטיילונג?

נאָך פאַר קרעטשמערן האָבן פראַנצויזישע אויטאָרן און אויך אַנדערע איינגעטיילט: אַ מוסקולערן טיפּ, פאַרדויליננ־טיפּ, דעם רעספּיראַטאָרישן און דעם צערעבראַלן טיפּ. ס'איז דאָ אין דער דאַזיקער איינטיילונג אַ סך אינ־טואיציע און ריכטיקע אָבסערוואַציע, אָבער זי איז נאַאיוו־איינזייטיק. לויט דער דאַזיקער איינטיילונג זענען אַלזאָ דאָ: 1) טיפּן, וואָס צייכנען זיך אויס מיט זייערע גרויסע שטאַרקע מוסקולן; 2) מענטשן, וואָס האָבן ליב אַ סך און גוט צו עסן און האָבן אַ גרויסן בויך; 3) מענטשן, וואָס האָבן אַן עלאַסטישן שמאָלן ברוסט־קאַסטן און קענען גוט לויפן און 4) קאָפּ־מענטשן.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די איינערע סעקרעציע האָט אַ דעציזירנדיקע השפעה אויף דער אויסבילדונג פון קאָנסטיטוציאָנע־לע טיפּן, קען מען קומען צו אַן אַנדערער איינטיילונג: קרעטינען, אַקראָמע־גאַלע, עוונוכאָאידן א. א. וו. אָבער די אַלע איינטיילונגען זענען איינזייטיק, ווייל זיי באַטראַכטן נישט אין אַ גלייכער מאָס אַלע אָרגאַנען און פונקציעס.

קרעטשמערס טיפּאָלאָגיע שטיצט זיך אָבער אויף דעם פּרינציפּ, אַז אַ ריכטיקע איינטיילונג מוז אַרומנעמען אַלע וויכטיקסטע אָרגאַנען און אַלע, סיי גייסטיקע, סיי פיזישע פונקציעס. הערייבער זענען אויך זיינע קערפּער־בוי־טיפּן קאָמפּלעקסע. די דאַזיקע קאָמפּלעקסע גופישע טיפּן אַנטשפּרעכט אויך אַ קאָמפּלעקסטע פּסיכישע סטרוקטור. אַזעלכע גופישע טיפּן אונטער־שיידט קרעטשמער נאָך 3: דעם פּיקניקער, דעם אַסטעניקער (לעפּטאָסאָ־מיקער) און דעם אַטלעטיקער. ווי אַזוי זעט אויסדער פּיקניקער?[2]

דאָס אייגנטלעכע טיפּישע בילד גיט דער פּיקניקער אָבער ערשט

2) E. Kretschmer: Korperbau und Charakter (Berlin, 1929.

אין די מיטלערע לעבנס־יאָרן. ער צייכנט זיך אויס דורך אַ שטאַרקער אַנטוויקלונג פון קאָפּ און שטאַם, זיין געשטאַלט איז ברייט און פול, דער קאָפּ איז גרויס און רונד, דאָס פּנים איז ברייט און וויך, דער האַלדז — קורץ און פעט. די אַקסלען זענען שמאָל (ווי צוזאַמענגערוקט) אין פאַר־העלטניש צום ברוסט־קאַסטן, וועלכער ווערט אונטן־צו ברייטער און גייט אַריבער אין אַ גרויסן בויך. די הענט און פיס זענען קליין אין פאַרהעלטניש צום קערפּער. די הענט זענען קורץ און ברייט, די מוסקולאַ־טור איז שוואַך. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש און איינדרוקספול איז דער גרויסער קאָפּ און דאָס פּנים, וואָס האָט שטאַרק־אויסגעבילדעטע און גוט־פּראָפּאָרציאָנירטע געזיכטס־שטריכן. אַלנפאַלס האָט דאָס פּנים אַ סכע־מאַטיזירטע פינף־עק־פאָרם, דער פּראָפיל איז ווייך און שוואַך געבויגן.

די דאָזיקע באַשרייבונג באַציט זיך אויף דעם אידעאַלן טיפּ. אין דערווירקלעכקייט האָט דער דורכשניט־פּיקניקער נישט אַלע שטריכן אַזוי דייטלעך אויסגעבילדעט. אָבער דאָס זענען אַלץ נאָר אינדיווידועלע חלוקים. די באַשרייבונג שטיצט זיך תמיד אויף דעם קלאַסישן טיפּ און נישט אויף דעם דורכשניטלעכן. דעם דאָזיקן קלאַסישן פּיקניקער אַנטשפּרעכט דער „אַרטרטישער האַביטוס״ ווי יוליוס בויער האָט אים באַשריבן[3]. אָט דער טיפּ איז פּרעדיספּאָנירט צו פאָלגנדע קראַנקייטן: פעטקייט, צוקער, שטיי־נער־בילדונג אין דער גאַל־בלאָז און אין די אורין־וועגן, רעוומאַטיזם, אַרטעראָ־סקלעראָז, אַסטמא און מיגרען. די אַלע קראַנקייטן קענען פאַר־קומען ביי דעם זעלבן אינדיוויד גלייכצייטיק, אָדער אין פאַרשידענע צייטן. צומייניסט קומען זיי אָבער ערשט אין די מיטעלע לעבנס־יאָרן, ווען דער דאָזיקער קאָנסטיטוציאָנעלער טיפּ באַקומט זיין פולע אַנטוויקלונג. דאָס פולע אויסבילדן זיך פון „אַרטריטישן״ אָדער פּיקנישן טיפּ ווערט אויסער דעם נאָך באַגינציקט דורך אַ בירגערלעכן רואיקן לעבנס־אופן מיט אַנטשפּרעכנדיקער פלייש־רייכער שפּייז.

ווי מיר וועלן שפּעטער זען, באַלאַנגט דער קעגנזאַץ צווישן די קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן נישט נאָר צו זייער פאַרשידענער מאָרפאָלאָגיע נאָר אויך צו זייער נטיה צו קראַנקייט.

אויך דער אַסטענישער (לעפּטאָסאָמישער) טיפּ האָט זיינע ספּעציפישע

3) Julius Bauer: Vorlesungen uber allgemeine Konstitutions und Vererbungslehre (Berlin 1923).

נטיות. לאָמיר זיך אָבער קודם אָפּשטעלן אויף זיין מאָרפאָלאָגיע. (אַלגעמיינע געשטאַלט).

דער לעפּטאָסאָמיקער (אַסטעניקער) צייכנט זיך אויס מיט זיין לאַנגן, שמאָלן ברוסט־קאַסטן און שמאָלע פּלייצעס. דער האַלדז איז לאַנג און דאַר, דער קאָפּ איז קליין. די שאַרפע, לאַנגע נאָז קאָנטראַסטירט מיט דער קליינער אונטער־שטשענקע. דורך דעם באַקומט זיך אין פּראָפיל תמיד אַ ווינקל (ווינקל־פּראָפיל). די גלידער זענען לאַנג און דאַר, די הויט בלאַס און שלאַף. די גאַנצע געשטאַלט איז שמאָל און מאָגער. די מיינסטע לונגען־טובערקולאָז־קראַנקע געהערן צו דעם דאָזיקן קאָנסטי־טוציאָנעלן טיפּ.

דעם דריטן קרעטשמערישן טיפּ, דעם אַטלעטיקער, אַנטשפּרעכן נישט קיין באַזונדערע קראַנקייטן. מיר וועלן זיך דעריבער אויף אים באַזונדערס נישט אָפּשטעלן.

דאָס געהערן צו אַ באַשטימטער קאָנסטיטוציאָנעלער גרופּע אַנטוויקלט אַ נטיה אויך צו באַשטימטע קראַנקייטן: דורך דער קאָנסטיטוציע ווערן באַ־שטימט די אַלגעמיינע קראַנקייט נטיות. אָבער די ספּעציעלע פאָרם פון דער קראַנקייט איז אָפּהענגיק פון דער אינדיווידועלער קאָנסטעלאַציע, אויף וועלכער עס לייגן זיך צוזאַמען די סביבה־פאַקטאָרן און די ביאָלאָגישע ווערטיקייט פון די אָרגאַנען.

דאָס באַציט זיך אויך אויף גייסטיקע קראַנקייטן.

באַשטימענדיק די פיזישע קאָנסטיטוציע (דורך אויסמעסטונגען) פון 260 גייסטיק־קראַנקע האָט קרעטשמער אויף פאָלגנדיקן אופן פאָרמולירט דאָס פאַרהעלטניש צווישן גייסטיקער קראַנקייט און קאָנסטיטוציע:

„מיר געפינען ביי די צירקולערע (מאניש־דעפּרעסיווע) אַן אויס־געשפּראָכן שטאַרק און אָפט פאָרקומען פון פּיקנישע קערפּער־טיפּן מיט אַ זייער שוואַכער באַטייליקונג פון קלאַסיש־אַסטענישע, אַטלעטישע אָדער דיספּלאַסטישע טיפּן". „מיר געפינען פון דער אַנדערער זייט צווישן די סכיצאָפרענקער אויסער אַ צאָל פון פאַרמישטע און פאַרוואַשענע בילדער, אַ שטאַרק איבערוועגן פון אַסטענישע, אַטלעטישע און דיספּלאַסטישע טיפּן".

קרעטשמער שטעלט זיך ווייטער אָפּ אויף די אַלע איבערפלעכטונגען, ביי וועלכע די מאָרפאָלאָגיע אַנטשפּרעכט נאָר דעם בולטן טייל פון דער קאָנסטיטוציע. די איבערפלעכטונגען פאַרענטפערן די אַלע טיפּן, וועלכע

פאַסן זיך, ווי עס קען זיך דוכטן, נישט אַריין אין קרעטשמערס סיסטעם.

▽

וועגן דער פאַרהעלטנישמעסיק־גרויסער צאָל מאַניש־דעפּרעסיווע ביי יידן האָבן מיר שוין גערעדט. מיר האָבן דאָרט אויך באַכגעוויזן, אַז דער יידישער פאָלק־כאַראַקטער איז ציקלאָטים. איצט וועלן מיר קומען צו ענלעכע רעזולטאַטן אויך בנוגע דער גופישער זייט אויפן יסוד פון דער אייגנאַרטיקער יידישער סאָמאַטאַ־פּאַטאָלאָגיע.

די אַלע קראַנקייטן, פון וועלכע עס לײַדט דער פּיקנישער טיפּ, קומען ביי יידן טאַקע זייער אָפּט פאָר. דאָס איז אין דער ערשטער ריי דיאַבעטעס (צוקער), דערנאָך פעטקייט, שטיינער־בילדונגען אין די גאַל און אורין־וועגן, אַרטעראָסקלעראָז, רעוומאַטיזם און אַסטמע. דער פּיקניקער איז אָבער פון דער אַנדערער זייט ווידערשטאַנדפעאיק קעגן טובערקולאָז. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס באַציט זיך נישט אויף די אַלע, וועלכע זענען שוין געוואָרן צוקער־קראַנק. ביי די איז אַ קאָמפּליקאַציע מיט טובערקולאָז דווקא געפערלעך, כאָטש אפשר נישט אין אַזאַ מאָס, ווי ס׳מיינט ד״ר שיפּמאַן (זע די אַרבעטן פון פּראָפ. שטראַוס און דר. שיפּמאַן אין „סאָצ. מעדיצין״ 1934 — 1931) דער דיאַבעטיקער איז דאָך קעגן אַלע אַנדערע קראַנקייטן אויך זייער ווייניק ווידערשטאַנדפעאיק!

דער פּיקניקער אַלס אַזעלכער איז אָבער זייער ווידערשטאַנדפעאיק קעגן טובערקולאָז און ספּעציעל לונגען־טובערקולאָז. די יידישע ווידער־שטאַנדפעאיקייט קעגן טובערקולאָז איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלער פאַקטאָר, זי געהערט צו דעם קאָמפּלעקס קערפּערלעכע און פּסיכישע אייגנ־שאַפטן, וועלכע עס באַזיצט דער פּיקניקער. רעדנדיק וועגן קאָנסטי־טוציאָנעלע פאַקטאָרן און נישט וועגן ראַסן־פאַקטאָרן, (ווי עס טוט ד״ר גרשון לעווין) קענען מיר און מוזן מיר אויך באַטראַכטן די סביבה־פאַקטאָרן און אויך דעם פאַך, וועלכע געבן צושטייער ביי דער אויסבילדונג פון אַ באַשטימטער פּסיכאָ־פיזישער קאָנסטיטוציע.

דער פּיקניקער, וואָס אַרבעט פיזיש און איז זיך מפרנס איינפאַך (ווייניק פלייש), וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן דאָס טיפּישע אויסזען פון פּיקניקער: דעם גרויסן פעטן בויך, דעם קורצן האַלדז, דאָס ברייטע פּנים א. אַז. ווי. און אַזוי איז עס אויך מיט דער קראַנקייט פון פּיקניקער. די אַלע פריער־דערמאָנטע שטאָף־בייט־קראַנקייטן ווערן טאַקע באַגינציקט דורך דער

פיקנישער קאָנסטיטוציע, אָבער זיי קומען צו אַ מאַסענהאַפטיקן אויסדרוק ביי אַן אַנטשפּרעכנדיקן לעבנס־שטייגער און פאַך. פיזישע האַרעפּאַשניקעס זענען ביי יידן נאָר אַ קליינער פּראָצענט. דער רוב זענען קליינע און גרויסע סוחרים. דערויף באַדאַרפן מיר דאָ ניט ברענגען קיין סטאַטיסטישע באַווייזן. דער מענטאַליטעט פון פּיקניקער, דעם ציקלאָטימען טעמפּעראַ־מענט אַנטשפּרעכט אויך צום בעסטן דער פאַך פון סוחר און פאַרמיטלער, אַגענט און האַנדלס־אונטערנעמער. צווישן די אינטעלעקטועלע פאַכן קלויבט אויס דער ייד צום ליבסטן די פּראַקטישע און רעאַליסטישע מעדיצין און אַדוואָקאַטור, וואָס האָט אַזוי פיל שייכותן מיט דעםווירטשאַפטלעכן און פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיוון לעבן. אויף די דאָזיקע אַלע געביטן האָבן אויך יידן אַ סך אויפגעטון. (די צאָל יידישע נאָבעל־פּרייז־טרעגער פאַר מעדי־צין!). עס איז שווער צו באַשטימען, וועלכן פאַקטאָר עס קומט דאָ די בכורה: צי דער פּיקנישער קאָנסטיטוציע, צי דער פּאָליטיש־רעכטלעכער לאַגע און דער טעריטאָריעלער אויסגעוואָרצלטקייט. די אייגנאַרטיקייטן פון דער ייד. סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור ווערן בולט אויך ביי לחלוטין אַנדערע באַדינגונגען. אַזוי זעען מיר, איז דער פּראָצענט יידישע סוחרים איז אין ישראל נאָך אַלץ זייער אַ גרויסער און אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ פּריוואַטער האַנדל איז אוממעגלעך, איז דער אָנטייל פון יידן אין מעדיצין און נאַטור־וויסנשאַפט, אין טעכניק און קאָאָפּעראַטיוון ווידער זייער אַ גרויסער.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן מיר עס דאָ צו טון מיט אַ השפעה און אַ צוריקווירקונג: די סאָציאַל־פּאָליטישע לאַגע און די עקאָנאָמישע סטרוק־טור האָבן באַגינציקט דאָס פאַרמערן זיך פון פּיקנישן טיפּ און פון דער אַנדערער זייט אַנטשפּרעכן דער פּיקנישער קאָנסטיטוציע און דעם ציק־לאָטימען טעמפּעראַמענט די אַלע יידישע פּראָפעסיעס. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, באַגינציקן דער בירגערלעכער און קליינבירגערלעכער לעבנס־אופן דאָס פולע אויסבילדן זיך פון דער פּיקנישער קאָנסטיטוציע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז מעגלעך נאָר דאָרט, וווּ עס זענען דאָ אַנט־שפּרעכנדיקע קאָנסטיטוציאָנעלע נטיות. דער אַסטעניקער (לעפּטאָסאָמי־קער) מעג האָבן דאָס באַקוועמסטע בירגערלעכע לעבן. ער וועט נאָך דעריבער נישט ווערן קיין פּיקניקער. דער פּיקניקער קומט צו פולער אַנטוויקלונג אין 40 — 35 לעבנסיאָר. דאָס איז אויך דער לעבנס־עלטער,

ווו דער מענטש ווערט אינגאַנצן „פאַרבירגערלעכט״. אין דער צייט באַווייזן זיך אויך די אַלע קראַנקייטן, וועלכע געהערן צו דער פּיקנישער קאָנסטיטוציע און צו דעם ציקלאָטימען טעמפּעראַמענט. דאָס 40 — 35 לעבנסיאָר איז דער עלטער, אין וועלכן עס ווייזן זיך אַרויס צום אָנהויב דיאַבעטעס און אַלע אַנדערע שטאָף־בייט־קראַנקייטן. אין דעם עלטער קומט עס אויך צום אויפקום פון מאַניש־דעפּרעסיוון פּסיכאָז. (ביי די, וואָס זענען דערצו דיספּאָנירט).

דאַקעגן האָט טובערקולאָז געוויזן די גרעסטע שטאַרביקייט אין לעבנס־עלטער פון 25 — 18. אין דער צייט באַקומט שוין דער לעפּטאָסאָמיקער (אַס־טעניקער) זיין טיפּישע געשטאַלט. דאָס איז אויך דער עלטער, אין וועלכן עס הויבן זיך אָן די סיכצאָפרענע פּסיכאָזן, וועלכע האָבן אויך דערפון באַקומען זייער נאָמען (Dementia praecox), ד. ה. פאַרפריטע גייסטיקע צעשטערונג.

אַזוי ווי עס אַנטשפּרעכט די יידישע פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע און פאָלקס־כאַראַקטער דעם ציקלאָטימען טעמפּעראַמענט, אַזוי אַנטשפּרעכן אויך די אייגנאַרטיקייטן פון דער יידישער קערפּערלעכער פּאַטאָלאָגיע דעם פּיקנישן קאָנסטיטוציאָנעלן טיפּ. איינס אָן דעם אַנדערן וואָלט נישט געווען מעגלעך.

אַ געביט, אויף וועלכן עס קומען צום אויסדרוק די באַזונדערקייטן סיי פון דער יידישער פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע, סיי פון דער גופישער־פּאַטאָ־לאָגיע — איז די סעקסואל־פּאַטאָלאָגיע ביי יידן. מיר ווייסן שוין פון פּראָפ. ל. הערשס אַרבעט וועגן פאַרברעכערישקייט ביי יידן, אַז יידן ווערן אַ סך ווייניקער באַשטראָפט פאַר נישט־דערלויבטע סעקסועלע האַנדלונגען ווי נישט־יידן.

און עס קען אויך אַנדערש נישט זיין. דער ציקלאָטימיקער איז אין זיין סעקסואַליטעט איינפאַך און נאַטירלעך. ער איז נישט איבערגעשפּאַנט און ווייט פון סעקסועלע „קאָמפּלעקסן״ (ביי די היפּאָמאַנישע איז דער געשלעכטס אינסטינקט אַ סך שטאַרקער. אָבער אויך דער דעפּרעסיווער רעאַגירט נאָך אויף סעקסועלע סטימולן). דער סכיצאָטימיקער דאַקעגן איז אַ סך קאָמפּליצירטער. די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון זיין כאַראַקטער קומט צום פולן אויסדרוק אין דער סעקסועלער ספערע.

מיר געפינען צווישן די סכיצאָטימיקער פון איין זייט מענטשן אָפּ־געזונדערטע, אָן טעמפּעראַמענט און אָן אַ יצר־הרע. פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר דאָ טיפּן, וואָס זענען דורכגעווייקט פון סעקסואַליטעט,

טיפּן, וואָס קענען זייער סעקסועלן הונגער קיינמאָל נישט שטילן און האָבן שטאַרקע נטיות צו פּערווערסיעס. מען געפינט דאָ געשלעכטלעך אינפאַנטיל־ניט־אַנטוויקלטע און אויך פרי־אַנטוויקלטע. קראַנפעלד האָט אויף אַ גרויסן מאַטעריאַל פעסטגעשטעלט, אַז כמעט אַלע צווישן־סעקסועלע טיפּן (טראַנסוועסטיטן און האָמאָסעקסואַליסטן) זענען סכיצאָאידן. קערפּערלעך זענען זיי כמעט אַלע אַסטעניקער מיט אַן עוונוכאָאידער טענדענץ; אַ טייל ווייזן אויך אַטלעטישע שטריכן.

כמעט די גאַנצע גאַלעריע סעקסואַל־פּסיכאָפּאַטן, וועלכע עס ברענגט מאַגנוס הירשפעלד אין זיין סעקסואַל־פּאַטאָלאָגיע[5] געהערט צו סכיצאָטים־סכיצאָאידן טיפּ. ווי מען קען זיך פון די אַלע פאַלן איבערצייגן, זענען דאָרט נישטאָ כמעט קיין יידן. דאָס זעלבע ווערט אויך באַשטעטיקט פון פּרויד און אַדלער, כאָטש זייער צוגאַנג איז אַ ריין־סביבהדיקער. לויט אַדלערן זענען האָמאָסעקסואַליזם און אַנדערע פּערווערסיעס נאָר איינער פון די וועגן, דורך וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער נעוראָטישער כאַראַקטער. דער האָמאָסעקסואַליסט איז נערוועיש־רייצבאַר. סאַדיסטן־מאַזאָכיסטן קענען זיין איבערשפּירעוודיג רייצבאַר אָדער נערוועיש־דעס־פּאָטיש און טעמפּ־קאַלט. דאָס אַנטשפּרעכט אויך די עקסטרעמע פאַלן פון דעם סכיצאָטימען טעמפּעראַמענט. איצט איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָס אַ טייל פאַרשער באַטראַכטן דעם האָמאָסעקסועלן פאַר אַ נישט־געצווימטן היפּער־עראָטיקער און אַנדערע — פאַר אַ צאַרטן, געפילפולן ראָמעאָ. ער קען זיין אי איינס אי דאָס אַנדערע. (איך וויל אין דעם צוזאַמענהאַנג נאָר דערמאָנען, וואָסער גרויסע ראָלע עס שפּילט די סעקסואַלע ספערע אין אַנטשטיין אין פאַרלויף פון דער סכיצאָפרעניע).

ביים ציקלאָטימיקער זענען די סעקסועלע אַפּנויגן און אומנאַרמאַלקייטן זייער זעלטן. ער איז אויך קערפּערלעך סעקסועל גוט דיפערענצירט אין קעגנזאַץ צום סכיצאָאיד. אים איז פרעמד יעדע איבערגעשפּאַנטקייט און אַנגעצויגנקייט סיי אין דער סעקסועלער ספערע, סיי אין שייכות צו דער געזעלשאַפט. דער ציקלאָטימיקער האָט אַ זאכלעכע און נאַטירלעכע באַציונג צו דער געזעלשאַפט. ער געפינט דעריבער לייכט און שנעל דעם סעקסועלן פּאַרטנער. ער איז אויך לייכט גובר יעדעס מינדערווערטיקייטס־

5) Màgnus Hirschfeld: Sexualpathologie, Bonn, 1921.

געפיל, וואָס קאָן לויט אַלפרעד אַדלער פירן צו האָמאָסעקסואַליזם און אַנדערע אָפּנויגן.

לויט קרעטשמערן איז דער פּיקניקער נישט נערוועאיש. ווי עס האָט אָבער נאָכגעוויזן די פסיכאָאַנאַליטישע שול, קומען אויך געגוג אָפט פאָר נייראָטיקער מיט אַ פּיקנישן קערפּערבוי. (אַבראַהאַם, פערענטשי), כאָטש מיר קענען אָננעמען, אַז די זאַכלעכע און געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג פון פּיקניקער ווירקן אַנטקעגן די נערוועאיש־מאַכנדיקע באַדינגונגען, זענען דאָך אין דעם פאַל אפשר גיכער די באַדינגונגען אַנטשיידנדיק. אָבער אפילו לויט אַדלערס סביבה־קאָנצעפּציע איז אין דער לעצטער שורה די אַנטשטייאונג פון נייראָז אָפּהענגיק דערפון וואָס דער מענטש מאַכט מיט די לעבנסבאַדינגונגען, ווי אַזוי ער שטעלט זיך איין צו זיי.

דער פּיקניקער איז גובר דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל אויף אַ סאָציאַל־נוצלעכן אופן. יידן האָבן, ווי באַקאַנט, גובר צו זיין נישט נאָר דאָס אינדיווידועלע נאָר אויך דאָס נאַציאָנאַלע מינדערווערטיקייט־געפיל (וועלכעס אַנטשטייט דורך די אומאויפהערלעכע פאַרפאָלגונגען און דיס־קרימינאַציעס), דער מעכאַניזם פון גובר זיין איז איןביידע פאַלן אַן ענלעכער. עס קען אויך אַמאָל קומען צו איבער־קאָמפּענסאַציע, אָבער דאָס טרעפט נאָר ביים נייראָטיקער און עס איז ביי יידן גאָרנישט זעלטן. (איבער־קאָמפּענסאַציע פירט צום אויסבילדן פון די אייגנשאַפטן, וועלכע זענען אין תוך זייער שוואַך. אַן איבער־קאָמפּענסאַציע פון נציאָנאַלן מינדערווערטיקייט־געפיל וואָלט אין דעם פאַל געמוזט פירן צום בילדן פון אַ יידישן אימפּעריאַליזם, יידיש מיליטער א. אַז. וו.).[6]

אַן ענגן שייכות מיט דער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע פון אַ פאָלק האָט אויך זיין פאַרברעכערישקייט. ווי מיר ווייסן, איז די צאָל קרימינעלע פאַר־ברעכנס (רויב, מאָרד א. אַז. וו.) ביי יידן זייער קליין (פּראָפ. ל הערש) די סיבה איז ווידער די זעלבע: סאָציאַלע אָפּנויגן פון גרויסן קאַליבער זענען ביים פּיקניקער זייער זעלטן. אויך דאָ דעצידירט די רעאַליסטישע גרונדשטימונג און די געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג פון פּיקניקער. אָבער ביי דעם סכיצאָטימיקער קען עס קומען צו די שוידערלעכסטע מאָסן־מאָרדן.

6) דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, ווען מיר האָבן נאָך ניט געהאַט קיין אייגענע יידישע מדינה. דאָס אויבן־געזאָגטע באַציט זיך נאָר צום טיפּ־ייד, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס יידישע שטעטל אין מזרח איירָאָפּע.

אַנדערע סכיצאָטימיקער ווייזן זיך אין מענטשנפיינטשאַפט, וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין אָפטמאָל אומפאַרשטענדלעכע מוראדיקע רציחות. דאָס אַלץ איז, ווי געזאָגט, ביים פיקניקער כמעט נישט מעגלעך. דאָס באַשטעטיקט אויך דאָס פּאָפּולערע פאָלקס־ווערטל וועגן „יידישן גזלן".

דער יידישער פאָלקס־כאַראַקטער
(אויפן ראַנד פון לייבוש לעהרערס „נאַציאָנאַלער כאַראַקטער*)

די טעמע „נאַציאָנאַלער כאַראַקטער״ האָט זיך נאָך ביז צום היינטיקן טאָג נישט אויסגעקעמפט איר פולשטענדיקע אָנערקענונג אין דער וויסנ־שאַפטלעכער וועלט. קאָנען מיר דאָך נאָך היינט טרעפן ערנסטע וויסנ־שאַפטלער, וואָס ווילן באַווייזן, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי נאַציאָנאַלער כאַראַקטער. לייבוש לעהרער ציטירט אויך אין זיין אַרבעט אַ היבש ביסל פון אַמעריקאַנער און אויך יידיש־אַמעריקאַנער פסיכאָלאָגן, וואָס האַלטן זיך ביי דער דאָזיקער שיטה. אפילו אַרום דעם טערמין „כאַראַקטער״ ווערט נאָך געפירט אַ וויכוח.

עס איז אָבער נישטאָ קיין טערמין, וואָס זאָל מער אקוראַט און פולער אויסדריקן דאָס אַלץ וואָס מיר פאַרשטייען אונטער דעם וואָרט „כאַראַק־טער״. די אויספאַסונגען פון „נאַציאָנאַלן כאַראַקטער״ קאָנען וויטער זיין זייער פאַרשיידן. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע פאַראַנענע און מעגלעכע טעותן און פעלערן אין די מעטאָדן און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, האָבן מיר נאָך גענוג מאַטעריאַל אויף צו באַווייזן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי נאַציאָנאַלער כאַראַקטער.

מיר באַגעגענען, געוויינטלעך, אַלע מאָל אין דער פרעסע און אין דער ליטעראַטור (אין דער שיינער און אין דער וויסנשאַפטלעכער) באַ־שרייבונגען און כאַראַקטעריסטיקס פון פעלקער און שבטים. און כאָטש מיר ווייסן, אַז מען באַדאַרף זיך אין אַזעלכע פאַלן היטן פאַר נישט גענוג מאָטיווירטע גענעראַליזאַציעס, האָבן מיר דאָך אַלעמאָל אונדזער מיינונג, צי די דערמאָנטע כאַראַקטער־שטריכן געהערן אויף אַן אמת צו דעם געגעבענעם פאָלק, צי נישט. בכן פרעגט זיך, פון וואַנען נעמען זיך אָט די איינדרוקן, וואָס מיר האָבן וועגן פעלקער און ווי ווייט זענען זיי אין הסכם מיט דערווירקלעכקייט.

די אַלע איינדרוקן, וואָס מיר האָבן וועגן פעלקער, באַצייכנט לייבוש לעהרער מיט דעם טערמין „נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן״. אָבער אַלע ציטירטע אַנקעטעס צווישן אַמעריקאַנער סטודענטן און אַנדערע פאָרשונגען פון

---

*) „ייוואָ־בלעטער״, באַנד 31—32, אָפּגעגעבן אויף פראָגעס פון פסיכאָלאָגיע און פעדאַגאָגיק, (ז׳ 293—351) ניו־יאָרק, 1948.

אַמעריקאַנער אויטאָרן באַווייזן גאָר, אַז די „נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן", ווי בכלל סטערעאָטיפּן, שפּילן אַ גרויסע ראָל אין אונדזער גאַנצן דענקען און אין אַלע אונדזערע אָפּשאַצונגען. צי קאָנען מיר אָבער מיט אַזעלכע פּאָרש־מעטאָדן דערגיין צו דעם תוך פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, צי קאָנען מיר בויען אַ וויסנשאַפט אויף בלויז מיינונגען און איינדרוקן?

עס איז קלאָר, אַז נישט. טאָמער האָט אָבער נאָך עמיצער אַ ספק, באַווייזט עס אים לעהרער מיט דעם עקספּערימענט, וואָס עס האָט געמאַכט שאַנפעלד מיט מענטשלעכע נעמען: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך מיט נעמען פאַרבינדן מיר געוויסע כאַראַקטער־שטריכן! אַ באַשטימטער מענטשלעכער נאָמען (וואָס איז דאָך נאָר אַ הוילער קלאַנג), האָט ביי פאַרשידענע מענטשן באַקומען אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס איז אין אַ סך פאַלן געווען ענלעך.

לייבוש לעהרער איבערצייגט אונדז לייכט, אַז מען קאָן נישט בויען קיין וויסנשאַפט אויף „נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן", ד״ה אויף מיינונגען און איינדרוקן, וואָס מיר האָבן וועגן פעלקער. די דאָזיקע נעגאַטיווע דער־קענטעניש האָט אָבער אויך איר פּאָזיטיווע זייט, אויף וועלכער עס ווייזט אונדז נישט אָן דער מחבר. באַציען זיך דאָך די אַלע מיינונגען און איינדרוקן, נישט מער ווי צו דעם אויסערלעכן פּרצוף פון כאַראַקטער, ד״ה צו די כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, וועלכע שאַפן זיך אין קאַמף מיט דער סביבה, אין קאַמף פאַר דעם זיין. צי איז דען נישט קלאָר, אַז די אַלע אייגנשאַפטן געהערן צו דעם איבערבוי פון דער פּערזענלעכקייט, באַרירן אָבער נישט איר קערן, דעם אייגנטלעכן תוך פון כאַראַקטער?

> לאָמיר נעמען למשל די כאַראַקטעריסטיק פון מ. לאַפּי. ער (דער ייד) איז שפּאָרעוודיק און שטענדיק גרייט צו אַ גוטן אויפּטו אין געשעפט. ער וועט באמת זיך פאַראייניקן מיטן ערגסטן שונא, אויב עס לוינט זיך. ער איז אויסגערעכנט, אונ־טערנעמעריש, מיגראַנטיש (האָט ליב צו וואַנדערן) און אַמ־ביציעז...[1]

מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז אינגאַנצן פאַלש דאָס, וואָס ווערט געזאָגט וועגן יידן אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק. גלייכצייטיק, איז

1) איבידעם, ז׳ 303.

אָבער קלאָר, אַז די אַלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן געהערן נאָר צו דעם אויבערפלאַך פון דעם יידישן כאַראַקטער און נישט צו דעם קערן. דאָס זעלביקע באַציט זיך אויך צו די אויספירן פון אַ וויסנשאַפטלעכער פאָר־שונג, פון וועלכער מיר דערוויסן זיך, אַז יידישע סטודענטן שטייגן אַריבער קריסטלעכע אין אַגרעסיוויקייט, ווייניקער אין ענטוזיאַזם און וואַכיקייט

אָדער פון אַן אַנדער אויספאָרשונג הערן מיר, אַז יידן ווילן האָבן זיין איידער טעכטער, זיי לייגן מער טראָפּ אויף בילדונג און ביי זיי איז זייער וויכטיק דאָס שפּילן אַ געזעלשאַפטלעכע ראָל, וואָס פירט במילא צו אַגרעסיוויקייט (ר. טענענבוים)[2].

די שוועריקייטן פאַר אַ וויסנשפטלעכער אויספאָרשונג פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער באַשטייען פאַר אַלעמען דעריך, וואָס מען קאָן נישט אויטאָ־מאַטיש אַריבערטראָגן די מעטאָדן פון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע אויף אַ קאָלעקטיוו. דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז צוליב דעם באַדאַרפן מיר בכלל פאַרמיידן צו פאָרשן דעם יחיד, אַלס טיפּישן רעפּרעזענטאַנט פון קאָלעקטיוו, ווי לעהרער וויל דאָס אונדז באַווייזן. עס קאָן אונדז אויך נישט אָפּהאַלטן פון פאָרשן דעם יחיד דער פאַקט, וואָס נישט אין יעדן יחיד אָן אויסנאַם, מוזן זיך מאַניפעסטירן די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן.

מען מוז מסכים זיין דערמיט, אַז אַ סך פּסיכאָלאָגישע טעסטן, וואָס דינען צום אויספאָרשן פון יחיד, קאָנען זיך אַרויסווייזן אַלס נישט צו־געפּאַסט, אויב מיר ווילן פאָרשן דעם זעלביקן יחיד אַלס טייל פון אַ באַשטימטן קאָלעקטיוו און נישט אַלס זעלבסטשטענדיקן, אָפּגעשלאָסענעם אינדיוויד, ביי וועלכן עס ווערט געלייגט דער הויפּט־טראָפּ אויף זיינע פּריוואַטע אינטערעסן און באַציאונגען.

עס באַדאַרף אונדז אָבער אויך נישט אָפּהאַלטן פון פאָרשן דעם יחיד די דערקענטעניש, אַז דער קאָלעקטיווער איינס, דאָס פאָלק, איז עפּעס מער (און מאָל אויך עפּעס ווייניקער) ווי די בלויזע סומירונג פון אַ סך — זאָל זיין אפילו — ענלעכע און בשותפותדיקע אייגנשאַפטן. מיר ווילן דאָ נאָך אונטערשטרייכן, אַז אין דעם קאָלעקטיוו אַנטפּלעקן זיך ביי־טענדענצן און כוחות, וואָס זענען ביי די יחידים, פון וועלכע ער באַשטייט,

---

2) איבידעם, ז׳ 305.

נישט תמיד פאַראַנען. וועגן דעם האָבן מיר אַ בולטן באַווייז אין די פאַרשידענע פענאָמענען, וואָס זענען באַקאַנט פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע (לע־באָן, פרויד).

צי באַרעכטיקט דאָס אָבער צו מאַכן דעם אויספיר, אַז „נאַציאָנאַלער כאַראַקטער" איז אין ערשטער שורה אַ סאָציאָלאָגישע, נישט קיין פּסיכאָלאָגישע פראַגע? (ז' 328).

איך וועל זיך ווייטער באַמיען צו באַווייזן, אַז „נאַציאָנאַלער כאַראַקטער" איז אין דער ערשטער ריי טאַקע אַ פּסיכאָלאָגישע פראַגע. מיר שליסן דערביי נישט אויס קיין אַנדערע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען, וואָס קאָנען העלפן אויסקשטעלן די פאָרשונג פון נאַצ' כאַראַקטער אויף אַ פעסטן וויסנשאַפטלעכן יסוד. עס קומען דאָ אין באַטראַכט די ירושה און קאָנסטיטוציע־פאָרשונג און אויך די ביאָפּאַטאָלאָגיע און פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע אַלס הילפס־וויסנשאַפטן. פאַרשטייט זיך, אַז מען באַדאַרף אויך אויסנוצן די הערקענטעניש, וואָס עס קאָן אונדז געבן די סאָציאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע. מיר האַלטן אָבער היינט נאָך נישט אַזוי ווייט, אַז מיר זאָלן שוין קאָנען רעדן פון אַ סינטעטישער כאַראַקטער־וויסנשאַפט. אַלנ־פאַלס וואָלט די סאָציאָלאָגיע אין אַזאַ סינטעטישער וויסנשאַפט נישט געשפּילט די ערשטע פידל.

לייבוש לעהרער האַלט, אַז דאָס פּרימערע, וואָס לייגט אַרויף דעם חותם אויף דעם פאָלקסכאַראַקטער, איז דאָס צוזאַמענלעבן פון קאָלעקטיוו. און דעריבער איז לויט לעהרערן דער ערשטער און סאַמע וויכטיקסטער אָביעקט פון פאָרשונג דאָס עפנטלעכע לעבן און זיינע אינסטיטוציעס, מיט איין וואָרט, „דער שטייגער פון לעבן, ווי ער איז געווען אין פאַרשידענע צייטן".

עס וועט קיינער נישט וועלן לייקענען, אַז אין דעם לעבנס־שטייגער פון פאָלק מאַניפעסטירט זיך אויך זיין כאַראַקטער. צי איז אָבער דער לעבנס־שטייגער דער פּרימערער פאַקטאָר, וואָס פאָרמירט דעם כאַראַקטער, אָדער פאַרקערט, דער מין לעבנס־שטייגער איז גאָר אַ פּועל־יוצא פון דעם פאָלקס־כאַראַקטער? דאָס צוזאַמענלעבן פון פאָלק, דער לעבנס־שטייגער באַקומט דאָך זיין באַשטימטן פּרצוף אין רעזולטאַט אי פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן אי פון דעם כאַראַקטער פון די יחידים, וואָס לעבן צוזאַמען...

אויב מיר ווילן באמת אויספאָרשן „אי דאָס טיפער פאַרוואָרצלטע אי דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג״, מוזן מיר ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס איז קודם, דער יחיד אָדער דער קאָלעקטיוו? איז דאָך סוף־כל־סוף דער יחיד דער טרעגער פון פאָלקס־כאַראַקטער. מיר ווילן דערמיט ניט לייקענען, אַז דער לעבנס־שטייגער, די אינסטיטוציעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווירקן און האָבן אַ השפעה אויף דער פאַרמירונג אויך פון יחידס כאַראַקטער. צי באַווירקט אָבער דער לעבנס־שטייגער די פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן פון טעמפּעראַמענט, וועלכע זענען אַ פּועל־יוצא פון קאָנסטיטוציאָנעלע און ירושהדיקע פאַקטאָרן?

לויט ל. לעהרערן קומט אויס, אַז דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער איז עפּעס אַזוינס, וואָס „דרינגט אַריין אין די יחידים פון פאָלק״ (ז׳ 329). מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דער כאַראַקטער פון די יחידים ווערט ערשט געפאָרעמט דורך דעם לעבנס־שטייגער. שפּעטער וועלן מיר זיך באַמיען צו באַווייזן, אַז דער פּראָצעס גייט פונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: די יחידים שאַפן דעם לעבנס־שטייגער און דריקן אויף אים אַרויף זייער כאַראַקטער.

פאַרשטייט זיך, אויך פון לעבנס־שטייגער ווערן מיר — אויף אַן אומדירעקטן אופן — אַ סך געוווירר וועגן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. וואָס מער פאַרמאַציעס פון דעם פאָלקס־לעבנס־שטייגער עס ווערן אַדורכגעפאָרשט — אַלץ ברייטער איז דאָס בילד. ל. לעהרער האַלט אפילו, אַז עס איז אַ סך באַקוועמער און זיכערער צו פאָרשן דעם כאַראַקטער פון אַלטע, פאַרשוווּנדענע פעלקער, ווי למשל די רוימער און גריכן, ווייל „עס איז נישטאָ דער איינצלנער (לעבעדיקער) גריך און רוימער, וואָס קאָנען אַמאָל אונז אַראָפּפירן פון וועג״ (ז׳ 332).

עס איז אוודאי באַקוועמער צו פאָרשן דעם פאַרגליווערטן לעבנס־שטייגער פון פאַרשוווּנדענע פעלקער אויפן סמך פון דאָקומענטן (ליטעראַטור און קונסט), וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. מיר זענען אָבער בשום אופן נישט זיכער, צי דאָס בילד, וואָס מיר מאַכן זיך וועגן זייער כאַראַקטער איז אין הסכם מיט דער פאַרשוווּנדענער ווירקלעכקייט. און איך האַלט, אַז אַ לעבעדיקער גריך אָדער רוימער וואָלט אונדז נישט נאָר נישט אַראָפּגעפירט פון וועג, נאָר ער וואָלט אונדז דווקא געקאָנט אַרויספירן אויף דעם ריכטיקן וועג פון דערקענען דעם פאָלקס־כאַראַקטער

פון יענע פאַרשווונדענע פעלקער.

עס איז אמת, אַז די פאָרשונג פון אַלטע פאַרשווונדענע פעלקער גיט אונדז מער פערספּעקטיוו. פון דער ווייטן זעען מיר בעסער דאָס וועזנטלעכע, אַדורכלאָזנדיק דאָס מינדערוויכטיקע און נישט טיפּישע. מיר זעען אויך בעסער דאָס צוזאַמענווירקן פון די פאַרשידנסטע השפעות: השפעות פון אַנדערע פעלקער אויף די פאַרשידענע געביטן פון קולטור און לעבנס־שטייגער פון דעם פאָלק, וועמענס כאַראַקטער מיר ווילן אויספאָרשן. מיר זעען אויך דייטלעכער די השפעה פון געפאָרשטן פאָלק אויף אַנדערע. אויב עס האַנדלט זיך אין פאַרשווונדענע פעלקער, קאָן מען מסכים זיין, אַז דאָ מוזן זיך מתעסק זיין אין ערשטער ריי היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן.

אָבער ביי לעבעדיקע פעלקער איז דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער אַ פאָרשונגס־געביט אין ערשטער ריי — פאַר דעם פּסיכאָלאָג.

▽

ווי געזאָגט, האַלט ל. לעהרער נישט פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף יחידים, און זאָלן דאָס זיין אפילו יחידים, טיפּישע פאַר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, וועלכן ער וויל פאָרשן. אַנשטאָט דעם וויל ער זיך באַנוצן מיט דעם מעטאָד פון אַ טייל מאָדערנע אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָגן און סאָציאָלאָגן, וואָס „זוכן אויסצוגעפינען גאַנצע קולטור־פורעמס און די אַלגעמיינע ראַם, אין וועלכער זיי פּאַסן זיך אַריין". די דאָזיקע קולטור־פורעמס, אָדער פאָלקישע לעבנספאָרמען, שטעלן מיט זיך פאַר קאָמפּלעקסן פון מאָראַליש־עטישע ווערטן מיט אַ הויפּט־מאָטיוו און אַ סך נעבן־מאָטיוון. די מאָראַליש־עטישע הויפּט־מאָטיוון, דאָס זענען די „פּסיכישע אַבסאָלוטן", וואָס באַשטימען דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אַ קאָלעקטיוו.

מיט דעם אויסגעפינען די „פּסיכישע אַבסאָלוטן" פון אַ פאָלק, האָבן מיר לויט לעהרערן, אייגנטלעך שוין באַשטימט זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. „וואָרים, אַרום זיי, (די אַבסאָלוטן) קאָנצענטרירן זיך די געשטאַלטנדיקע כוחות אי פון די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע האַנדלונגען, אי פון אַזעלכע, וואָס רייסן זיך אַריין טיפער אין פּריוואַטן לעבן פון יעדן יחיד" (ז' 335).

צי זענען אָבער די „פּסיכישע אַבסאָלוטן" דער אַדעקוואַטער אויסדרוק פון יידישן כאַראַקטער שוין דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען פאַרוואָרצלט אין דער טראַדיציע און זענען געווען, לאָמיר אָננעמען, אַ וועגווייזער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פאָלק?

באַגרענעצנדיק זיך מיט אַט דעם מעטאָד פון באַשטימען דעם פאָלקס־כאַראַקטער אויפן סמך פון די הויפּט־פּרינציפּן פון דער יידישער טראַדיציע, וועלן מיר באמת נישט אָנטרעפן אויף קיין גרעסערע שוועריקייטן. די זאַך איז שוין אַביסל צו פשוט און לייכט...

אָבער די מאָראַליש־עטישע פּרינציפּן פון דער יידישער טראַדיציע זענען נישט דאָס זעלביקע, וואָס דער יידישער לעבנס־שטייגער, כאָטש זיי זענען געווען מיט אים געקניפּט און געבונדן און געשאַפן די נאָרמעס פון אויפפיר און גייסטיקער טעטיקייט. האָט דאָך דער לעבנס־שטייגער נאָך אַ שייכות צו סאָציאַל־עקאָנאָמישע און צו אַ סך אַנדערע פאַקטאָרן. און אויסער דעם: פאַרוואָס זאָלן מיר זיך באַגענוגענען מיט אַ קאָנסער־ווירטער, לאַנג פאַרשוואונדענער יידישקייט (וועלכע מוז ערשט רעקאָנסטרו־אירט ווערן) און נישט וועלן אויך אויספאָרשן די לעבעדיקע יידישעווירקלעכקייט?

ל. לעהרער האַלט, אַז זיכערע רעזולטאַטן קאָנען מיר באַקומען נאָר פון אַן אויספאָרשונג פון דעם פאַרגאַנגענעם טראַדיציאָנעלן מאָנאָליטישן לעבנס־שטייגער, ווי ער איז געווען ביי דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, נאָך איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע רענעסאַנס־באַוועגונגען. ל. לעהרער מיינט, אַז דער היינטיקער יידישער לעבנס־שטייגער האָט זיך נאָך נישט אויסקריסטאַליזירט אין באַשטימטע פאָרמען.

אָבער, ווי געזאָגט, נעמען נישט אַרום די „פּסיכישע אַבסאָלוטן״ אפילו דעם גאַנצן אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער. פאָרשנדיק נאָר די מאָראַליש־עטישע מאָמענטן פון אַט דעם לעבנס־שטייגער קומט ל. לעהרער אין קעגנזאַץ צו זיך אַליין און זיין סאָציאָלאָגישן צוגאַנג, וועלכער קאָן זיך דאָך נישט באַגענוגענען נאָר מיט דעם מאָראַלישן פּרינציפּ, וואָס בלייבט אומפאַרענדערט דורך אַלע צייטן. אויסער דעם אַלעמען איז דאָך נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי זענען די רעזולטאַטן, צו וועלכע לעהרער קומט אויף אַזאַ אופן אויך גילטיק פאַר דער היינטיקער, לעבעדיקער יידישער ווירק־לעכקייט. שטעלט זיך דאָ אָפּ ל. לעהרער דערויף (ביים אָנהויב פון זיין אַרבעט), אַז אַ כאַראַקטער פון אַ פאָלק מוז נישט זיין תמיד דער זעלבער — דורך אַלע צייטן.

באַשטימענדיק די פּסיכישע אַבסאָלוטן, וואָס זענען טיפּיש פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, שטיצט זיך ל. לעהרער אינגאַנצן אויף די

אַרבעטן פון ראַביי קאַדושין איבער דעם אַנאַליז פון תלמודישע טעקסטן. לויט ראַביי קאַדושין זענען דאָ פיר פונדאַמענטאַלע באַגריפן, מיט וועלכע עס אָפּערירן די תלמודיסטן. מיר וועלן זיך אַזוי אַרום באַגנוגענען מיט אַ קאָנסערווירטער, לאַנג פאַרשוווּנדענער יידישקייט: די באַגריפן גאָטס חסד, גאָטס גערעכטיקייט, תורה און ישראל זענען לויט קאַדושין די עיקרדיקסטע אין תלמודישן וועלט־באַנעם.

ל. לעהרער זעצט איבער די דאָזיקע תלמודישע באַגריפן אין טערמינען פון דעם קאָנקרעטן יידישן לעבן און קומט צום אויספיר, אַז גאָטס חסד, דאָס איז צדקה, ד״ה די פאַרשידנסטע פאָרמען פון הילף און צדקה, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס דאָס יידישע לעבן און בכלל יידן. די צדקה וואָס באַהערשט דאָס יידישע לעבן, שאַפט ווייטער די אַטמאָספער פאַר בטחון, פאַר אָפּטימיזם, וואָס פירט צו אַ פאַרשאַרפטער אונטערנעמעריש־קייט אין פּריוואַטן לעבן. די דאָזיקע אונטערנעמערישקייט זאָל שטיין ווייטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יידישער טבע פון וועלן זיך אַרויס־ווייזן, פון אַ געוויסן מין אַגרעסיווקייט.

דער צווייטער פונדאַמענטאַלער תלמודישער באַגריף איז לויט קאַדו־שינען גאָטס גערעכטיקייט. אָט דער פּרינציפּ זאָל אונדז מאַכן פאַרשטענד־לעך פאַרוואָס עס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג ביי יידן די סאָציאַלע און פּאָליטיש־פּראָגרעסיווע באַוועגונגען...

וואָס נוגע תורה, איז פאַר קיינעם נישט קיין נייעס, אַז יידן האָבן תמיד פאַרהייליקט נישט נאָר תורה, נאָר אויך דעם אַקט פון לערנען תורה. דאָס שטרעבן צו בילדונג, וואָס האָט היינט ביי יידן אָנגענומען מאָדערנע פאָרמען, איז אַלגעמיין אָנערקענט אַלס יידישע פאָלקס־אייגנ־שאַפט. דער פערטער תלמודישער הויפּט־פּרינציפּ, ישראל, ווירקט זיך אויס סיי אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער, סיי אין דער טראַדיציע פון די עלטסטע צייטן ביז צום היינטיקן טאָג. די פּאָזיטיווע באַציאונג צום קיום פון יידישן פאָלק איז אַזוי טיף איינגעפלאַנצט, אַז עס פירן כלומרשט אַ קאַמף קעגן אַסימילאַציע אפילו די יידישע ראַדיקאַלן, וואָס זיי וואָלטן דאָס, לויט זייער אידעאישער איינשטעלונג, נישט באַדאַרפט טאָן, ווייל זיי אָנערקענען נישט די ספּעציפישע ווערטן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס יידנטום. אָט דער קאַמף פאַר דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק איז אויך אַ שטריך פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

די פיר עטישע אַבסאָלוטן, וואָס לעהרער שטעלט אויף אויפן סמך פון קאַדושינס תלמוד־אַנאַליז, זאָלן אויך זיין די גרונט־פּאָרמול פון דעם ידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

מיר זענען ווייט דערפון צו לייקענען, אַז אַט די אַלע עטישע פּרינציפּן האָבן געהאַט אַ ווירקונג סיי אויף דעם לעבנס־שטייגער פון ידישן פאָלק, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש און אין פּריוואַטן לעבן. אָבער די דאָזיקע „פּסיכישע אַבסאָלוטן״ שוועבן דאָך נישט אַרום אין דער לופטן, און יחידים זענען עס דאָך געווען סיי די שעפער און סיי די טרעגער פון אַט די ווערטן. כדי זיך נישט צו פאַרוויקלען אין בלויזע אַבסטראַקציעס, מוזן מיר אָנווענדן אַזאַ מעטאָד, וואָס זאָל תמיד מעגלעך מאַכן דעם קאָנטראָל פון דער ווירקלעכקייט. מיר טאָרן דעריבער מכמה טעמים זיך נישט אָפּזאָגן פון אויספאָרשן דעם לעבעדיקן יחיד. פאַרשטייט זיך, אַז די מעטאָדן מוזן זיין אַזעלכע, אַז זיי זאָלן דערגיין צו די סאַמע שורשדיקע עלעמענטן פון דעם יחידס כאַראַקטער. דאָס ווערט דערמעגלעכט דורך אָנווענדן די מעטאָדן פון טיפּאָלאָגישער כאַראַקטער־פאָרשונג. אַט די מעטאָדן דערלויבן אונדז אויפצודעקן די סאַמע עלעמענטאַרסטע אייגנשאַפטן פון טעמפּעראַמענט און די אַלגעמיינע דיספּאָזיציעס פון כאַראַקטער, וואָס האָבן אַ קאָנסטיטוציאָנעלן און ירושהדיקן שורש. אַזאַ כאַראַקטער־פאָרשונג דערלויבט אונז אויך אָפּצוטיילן די דרויסנדיקע אייגנשאַפטן פון כאַראַקטער, וואָס זענען נישט קאָנסטיטוציאָנעל באַדינגט און זענען אַ פּועל־יוצא פון ריין סביבהדיקע השפעות.

עס איז אמת, אַז נישט אין יעדן יחיד אָן אויסנאַם אַנטפּלעקן זיך אַלע פאָלקס־אייגנשאַפטן. אויב מיר וועלן אָבער פאָרשן נאָר די אַלגעמיינע שורשדיקע כאַראַקטער־דיספּאָזיציעס, וועלן מיר ביים גרעסטן טייל יחידים פון אַ באַשטימטן פאָלק באַקומען אַ סך ענלעכע רעזולטאַטן. די פאָרשונג פון פאָלקס־כאַראַקטער מוז דעריבער בלייבן די ממשלה פון דעם פּסיכאָלאָג, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף כאַראַקטער און קאָנסטיטוציע־פאָרשונג.

▽

מען מוז מודה זיין, אַז די כאַראַקטער אייגנשאַפטן, וועלכע ל. לעהרער שרייבט צו דעם ידישן פאָלק אויפן סמך פון אַנאַליז פון די „פּסיכישע אַבסאָלוטן״, אַנטשפּרעכן מער וויניקער דער אַלגעמיין־אָנגענומענער

כאַראַקטעריסטיק. וועגן אַ טייל אייגנשאַפטן האָט מען אָבער דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געוואָרן מיט געוואַלט אַריינגעטייטשט אין די „פסיכישע אַבסאָלוטן". לעהרער ווייזט אויף אָן דערויף, אַז עס איז דאָ אַ היפשער מהלך פון „גאָטס חסד", וואָס מאַניפעסטירט זיך אַלס צדקה און אָפּטימיזם ביז „פאַרשאַרפטער אונטערנעמערישקייט" און אַגרעסיוויקייט אין פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. צו אָט די לעצטע אייגנשאַפטן פּאַסט שוין לחלוטין נישט „שעמעוודיקייט", וועלכע געהער לויט דעם תלמוד אויך צו די יידישע אייגנשאַפטן.

ווי אַזוי־זשע זאָל מען טאַקע דערקלערן, אָט דעם מהלך צווישן צדקה און אָפּטימיזם ביז „פאַרשאַרפטער אונטערנעמערישקייט און דער טענדענץ פון וועלן זיך אַרויסווייזן און אַגרעסיוויקייט"? צי איז דער פּרינציפּ „גאָטס חסד" באמת אין זיך כולל אָט די גאַנצע גאַמע פון אייגנשאַפטן? לעהרער ענטפערט דערויף: „די שייכות־סיסטעמען אין קאָנקרעטן פּסיכישן לעבן זענען נישט פון לאָגישן מין. דאָ קאָן אַן ערשטע הנחה ברענגען אפילו צו אַ היפּוכדיקן אויספיר און ביידע זאָלן זיין אמתדיק". דאָס איז אָן שום ספק ריכטיק. אָבער די ריכטיקייט פון אָט די זאַצן, וואָס שטאַמען פון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, קאָנען מיר באַווייזן ערשט אויף דער פּסיכישער דינאַמיק פון דעם יחיד, וועלכע איז אין איר תוך אַ דיאַלעקטישע.

די וויכטיקסטע, שורשדקע, יידישע אייגנשאַפטן געהערן אָבער נישט ספּעציעל צו דעם אָדער יענעם פון די „פּסיכישע אַבסאָלוטן", וואָס ל. לעהרער האָט אויפגעשטעלט. אָט קאָנען מיר למשל, דעם יידישן אָפּטימיזם אַרויספירן נישט נאָר פון דעם פּרינציפּ „גאָטס חסד", נאָר מיט דעם זעלביקן רעכט פון דעם פּרינציפּ „גאָטס גערעכטיקייט" (איז דען מעגלעך דאָס שטרעבן צו סאָציאַלן יושר אָן אָפּטימיזם?) און „תורה". און צום סוף איז דאָך די אייביק פּאָזיטיווע באַציאונג צום קיום פון ישראל נישט מעגלעך אָן דעם טראַדיציאָנעלן און אָרגאַניש־קאָנסטיטוציאָנעלן יידישן אָפּטימיזם. און דעריבער האַלטן מיר, זענען די „פּסיכישע אַבסאָלוטן" נישט תמיד כולל דאָס, וואָס ל. לעהרער שרייבט זיי צו און בכלל איז די גאַנצע איינטיילונג אַ געקינצעלטע.

ל. לעהרער ווייזט אָן דערויף, אַז אַזאַ סאָציאָלאָגיש־סטאַטיסטישע אַרבעט, ווי עס האָט געמאַכט פּראָפ' ליבמאַן־הערש וועגן דער יידישער פאַרברעכערישקייט אין פּוילן, זאָגט אונדז מער וועגן יידישן נאַציאָנאַלן

כאַראַקטער ווי אַ סך אַנדערע פּסיכאָלאָגישע אַרבעטן. דאָס קאָן אָבער זיין ריכטיק נאָר דעמאָלט, ווען די דאָזיקע אַרבעט ווערט, ווי עס געהערט צו זיין אויסגעבויט, און אינטערפּרעטירט פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנד־פּונקט. עס מוז ערשט געפונען ווערן די פּסיכאָלאָגישע פאָרמולע וואָס זאָל דערקלערן די געוואַלדיק קליינע יידישע פאַרברעכערישקייט סיי אין כמות, סיי אין איכות. פאַר אַלעמען איז קלאָר, אַז עס קומט דאָ צום אויסדרוק איינע פון די סאַמע שורשדיקסטע, עלעמענטאַרע יידישע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. איז דאָך די דאָזיקע ספּעציפיש יידישע קליינע פאַרברעכערישקייט אַ סימן מובהק פון יידן אין משך פון אַ סך דורות און פון פאַרשידענע לענדער מיט אַ גאַנץ פאַרשידענער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטרוקטור. צי קאָן מען דען פון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט פאַרענטפערן אָט די אַלע פּראָבלעמען ?[3]

מיר האָבן אָבער שוין אַרבעטן, וועלכע ווייזן אָן אויף דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער קליינער — אין כמות און איכות — פאַרברעכערישקייט ביי יידן און דער ספּעציפישער יידישער ביאָפּאַטאָלאָגיע. אַלנפאַלס איז די קליינע פאַרברעכערישקייט ביי יידן נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון די פּסיכישע אַבסאָלוטן און קולטור־נאָרמעס, נאָר אין ערשטער ריי אויך אַ פּועל־יוצא פון דעם ציקלאָטימען, קאָנסטיטוציאָנעל־באַדינגטן יידישן טעמפּעראַמענט.

עס איז אמת, אַז אַ סך טעסטן, וואָס קאָנען גוט זיין אין דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, קאָנען נישט אָנגעווענדעט ווערן אין דער פאָרשונג פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אפילו ווען מיר זאָלן צוגיין צו דעם קאָלעקטיוו נאָר דורך דעם יחיד און זיינע אייגנשאַפטן, מוזן מיר דאָך תמיד וויסן, וואָס עס איז דער ציל פון אונדזער פאָרשונג. אַנדערש וועט זיין אונזער צוגאַנג צום יחיד אַלס יחיד און אַנדערש דער צוגאַנג צום יחיד — אַלס טייל פון אַ קאָלעקטיוו. אין אָט דעם לעצטן פאַל וועלן אונדז אינטערעסירן נאָר די עלעמענטאַרע כאַראַקטער־דיספּאָזיציעס פונעם יחיד און ניט

3) דער שרייבער פון די שורות האָט נאָך פאַר דער מלחמה פאַרעפנטלעכט צוויי אַרבעטן וואָס האָבן באַהאַנדלט פּראָפ׳ ליבמאַן-הערשס „פאַרברעכערישקייט ביי יידן און נישט יידן אין פּוילן״, פון אַ כאַראַקטעראָלאָגיש-קאָנסטיטוציאָנעלן שטאַנדפּונקט. „סאָצ׳ מעדיצין״, וואַרשע 1939, נומ׳ 4, נ׳ 6—5. און אין יאָר 1950 אין „קיום״ נ׳ 7—6 (31—30) „די ביאָלאָגישע און טראַדיציאָנעלע פאַקטאָרן פון דער יידישער עטיק״.

דער גאַנצער אינדיווידועלער כאַראַקטעראָלאָגישער איבערבוי. מיר וועלן אין אַט דעם פֿאַל אָנווענדן גאַנץ באַזונדערע כאַראַקטעראָלאָגישע טעסטן, וואָס באַשטימען די עלעמענטאַרע דיספּאָזיציעס פֿון טעמפּעראַמענט און די פּסי־כאָמאָטאָריק (כאַראַקטעריסטישע באַוועגונגען, וואָס ווערן געמאָסטן מיט ספּעציעלע אַפּאַראַטן). די פּסיכאָמאָטאָריק איז דאָך איינע פֿון די טיפֿסטע און עכטע אויסדרוק־פֿאָרמען פֿון דעם טייל פֿון דער פּערזענלעכקייט, וואָס פֿאַרענדערט זיך נישט אונטער דער ווירקונג פֿון אויסערלעכע פֿאַקטאָרן. ל. לעהרער איז פֿולשטענדיק גערעכט, ווען ער באַווייזט, אַז אויף די „נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן" קאָן זיך נישט שטיצן קיין שום וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע וועגן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די טעסטן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט ביי די אונטערזוכונגען פֿון יחידים, די פֿאַרשידנסטע אַנקעטעס גיבן אונדז אין דעם פֿאַל מער נישט ווי מיינונגען וועגן פֿעלקער און זייערע אייגנשאַפֿטן. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די דאָזיקע מיינונגען קאָנען זיך בייטן.

אָבער גאָר אַן אַנדערן ווערט האָבן די רעזולטאַטן, וואָס מיר באַקומען ביי דער כאַראַקטעראָלאָגישער אונטערזוכונג פֿון יחיד. דאָ ווערט געפֿאָרשט אין ערשטער ריי די פּסיכאָמאָטאָריק, וואָס איז טיף פֿאַרוואָרצלט אין דער פּערזענלעכקייט. אַהער געהערן די אַלע כאַראַקטעריסטישע באַוועגונגען. דאָס מוסקול־און־נערוון־שפּיל פֿון יעדער פֿיינסטער באַוועגונג און פֿון דער מימיק. צי באַדאַרף מען נאָך באַווייזן, אַז דער יידישער „עט", דער יידישער קנייטש און מאַך מיט דער האַנט, די אַלע כאַראַקטעריסטישע יידישע תּנועות, אַז דאָס אַלץ געהער צו די שורשדיקע יידישע אייגנשאַפֿטן?

ביי אַט די כאַראַקטעראָלאָגישע, פּסיכאָמאָטאָרישע אונטערזוכונגען פֿון פּסיכאָלאָגישע טיפּן, האָבן מיר תּמיד זייער סטאַבילע רעזולטאַטן. אַ מענטש קאָן ענדערן זיין לעבנס־שטייגער און זיינע אָנשויאונגען, ער וועט אָבער קיינמאָל נישט ענדערן דעם אופֿן ווי ער מאַכט אַ גרימאַסע, אָדער אַ באַוועגונג מיט דער האַנט. די כאַראַקטעראָלאָגישע אונטערזוכונג ווערט געווינטלעך נאָך דערגאַנצט דורך אַ סאָמאַטישער (קערפּערלעכער) טיפּאָ־לאָגישער אונטערזוכונג.

די פֿאָרשונג פֿון יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָט אַלע מעגלעכקייטן זיך אָנצושפּאַרן אויף פּאָזיטיוויסטישע, וויסנשאַפֿטלעכע יסודות. די רעזולטאַטן, וואָס מיר וועלן באַקומען פֿון אַזאַ כאַראַקטעראָלאָגישער און סאָמאַטישער אויספֿאָרשונג פֿון פֿאַרשידענע רעפּרעזענטאַטיווע גרופּעס פֿון

דער יידישער באַפעלקערונג, וועלן מיר קענען קאָנפראָנטירן מיט די ידיעות, וואָס עס גיט אונדז די יידישע ביאָפּאַטאָלאָגיע און פסיכאָפּאַטאָלאָגיע. מאַניפעסטירט זיך דאָך טיילמאָל זייער בולט דאָס כאַראַקטעראָלאָגישע אין דעם פּאַטאָלאָגישן. און עס איז היינט שוין געניג באַקאַנט (אויך פאַר ברייטע קרייזן), אַז יידן רעאַגירן אויף אַ גאַנץ באַשטימטן אופן אויף פאַרשידענע קראַנקייטן (סיי סאָמאַטישע, סיי פסיכישע). צי האָבן מיר דאָ נישט ווידער אַ באַווייז, אַז די עלעמענטאַרע כאַראַקטער־דיספּאָזיציעס און אייגנשאַפטן פון טעמפּעראַמענט שטייען אין אַ פעסטן צוזאַמענהאַנג מיט דעם קערפּער? און דעריבער טאָרן מיר אויך נישט פאַרנאַכלעסיקן ביי דער כאַראַקטעראָלאָגישער אויספאָרשונג, די לעבעדיקע קערפּערס פון דעם יחיד און פון דעם פאָלקס־קאָלעקטיוו.

פון אַט דעם שטאַנדפּונקט איז אפילו אַזאַ פּראָבלעם ווי פאַרברעכערישקייט ביי יידן — אַ כאַראַקטעראָלאָגישע און סאָמאַטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגע. ערשט נאָך דער כאַראַקטעראָלאָגישער און סאָמאַטיש־קאָנסטיטוציאָנעלער אויספאָרשונג קענען מיר קאָנפראָנטירן די רעזולטאַטן מיט אַלע מינים פאָלקס־שאַפונג. און איך גלויב, אַז אין דעם פאַל איז אַ סך כאַראַקטעריסטישער פון דער תלמודישער ליטעראַטור די יידישע פאָלקס־ליטעראַטור פון אונדזער קעגנוואַרט און נאָענטן עבר. (שלום עליכמס טיפּן!)

די פאָרשונג פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָט די בעסטע שאַנסן צו ווערן אַ סינטעטישע וויסנשאַפט. מיר טאָרן ניט רעזיגנירן אפילו פון איינער פון די אַלע דערמאָנטע הילפס־וויסנשאַפטן. ל. לעהרער, וואָס איז, ווי די מייסטע אַמעריקאַנער פאָרשער, אַן אַנהענגער פון דער סאָציאָלאָגישער שיטה, האָט אָבער צוליב דער איינזייטיקייט פון אַט דעם מעטאָד, נישט באַוויזן צו דערגרונטעווען דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

1951.

פאָלקס־כאַראַקטער און פאָלקס־שאַפונג

לאַנג נאָך פאַר דעם בלוטיקן מבול האָט מען זייער אָפט גערעדט פון „יידישער בערוועישקייט" אַלס יידישן כאַראַקטער־שטריך. ווי האַלט עס איצט, נאָך דעם שוידערלעכן מאַסן־עקספּערימענט, וועלכן עס האָבן מיט אונדז געמאַכט די דייטשן? אײדער מיר וועלן דירעקט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועלן מיר ברענגען איניקע מיינונגען, וואָס זענען וועגן דעם אַרויסגעזאָגט געוואָרן און קאָנפראָנטירן זיי מיט דער איצטיקער ווירקלעכקייט. אין ליכט פון דעם, וואָס מיר זענען אַדורכגעגאַנגען און וואָס אַ סך פון אונדז האָבן אַליין איבערגעלעבט, וועט זיין לייכטער צו אָנטשיידן, וועלכע מיינונגען עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיקע און וועלכע מען מוז איצט אָפּוואַרפן אַלס נישט־באַגרינדעטע.

אויף צוויי ביכער וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן: פּראָפ׳ פישל שניאור־סאָנס „יידן און פעלקער־פּסיכאָלאָגיע" און פּראָפ׳ טעאָדאָר לעסינגס „דער יידישער זעלבסט־האַס". שניאורסאָן האַלט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „יידישע בערוועישקייט". נישט סטאַטיסטיש און נישט אויף אַן אַנדער אופן קען מען דערווייזן, אַז יידן זענען מער בערוועיש ווי נישט־יידן. די לעגענדע וועגן יידישער בערוועישקייט איז אויפגעקומען נאָר אַדאַנק דער „היסטאָרישער געהיימלעכקייט" פון די יידן. יידן, וואָס זענען תמיד געווען אַ מיעוט־פאָלק, זענען געבליבן פרעמד די אַרומיקע פעלקער און אין זייערע אויגן זעט אויס די יידישע אייגנאַרטיקייט ווי בערוועישקייט. די יידישע טבע צו גיין, ביי די ערשטע סימנים פון אַ קראַנקייט, צו דאָקטוירים, איז נאָר אַן אויסדרוק פון „אינטים־אַנטוויקלטן, עקספּלאָסיוו־שעפערישן לעבנס־געפיל" און פון דער מורא פאַר דעם טויט, וואָס איז ווידער אַנט־שטאַנען אַלס „היסטאָרישע אימוניטעט" קעגן די אייביקע רדיפות. פאַר אַ באַוויז ברענגט שניאורסאָן די קלענערע יידישע שטאַרביקייט אין אַלע לענדער, ווו יידן וווינען.

פּראָפ׳ טעאָדאָר לעסינג (דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס באַלד נאָך זייער קומען צו דער מאַכט) שטעלט זיך אָפּ אויף אַזאַ פענאָמען ווי זעלבסט־האַס ביי יידן ד"ה שנאה צו זיך און צום אייגענעם פאָלק. די דאָזיקע שנאה דערקלערט לעסינג ווי אַ פועל־יוצא פון דער טיף־פאַר־וואָרצלטער יידישער אייגנשאַפט, צו זוכן די סיבה פון איטלעכן אומגליק אין די אייגענע זינד. דערביי טראָגט דאָס שולד־געפיל תמיד אַ קאָלעקטיוון

כאַראַקטער („כל ישראל ערבים זה בזה״). לעססינג וויזט אונדז ווי אַזוי שנאה צום אייגענעם אָפּשטאַם פירט צו זעלבסט־פאַרניכטונג (אָטאָ ווייניגער, אַרטור טרעביטש, מאַקסימיליאַן האַרדען).

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דער דאַזיקער זעלבסט־האַס איז נאָר אַ פּועל יוצא פון אַ ווירדעלאַזער. אַסימילאַציע. אָבער לעססינג ווייזט אָן, אַז די דאַזיקע דערשיינונג איז באַדינגט דווקא דורכן יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. לויט אונדזער אייגענער קאָנצעפּציע, איז עס נאָר טיילוויז אַזוי, ווייל עס לאָזן זיך דאָ נאָכווייזן שייכותן מיט דעם יידישן ציקלאָטימען טעמפּעראַמענט און זיין עקסטרעמען אויסדרוק אויף דער מעלאַנכאָלישער זייט. די זעלבע דערשיינונג פון מינדערווערטיקייט און שיפלות־געפיל קענען מיר דאָך פון דעם יידישן וויץ, וועלכער לאַכט אָפּ פון יידישע מנהגים און תנועות. אויך דאָ, וואָלט מען געקענט זאָגן, דערגייט מען ביז שנאה צו זיך אַליין. מיר קענען אָבער אויך אין אַנדער קאַטעגאָריע יידישע וויצן, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דאָס איבערקאָמפּענסירטע, געשטייגערטע זעלבסט־געפיל, דער אתה בחרתנו־קאָמפּלעקס. דאָס שיפלות־געפיל און די זעלבסט־פאַראַכטונג, וואָס מ׳קען געפינען אין טייל יידישע וויצן, האָבן מיר אויפגעפאַסט אַלס נשמה־צושטאַנד פון ציקלאָטימיקער אין דער דעפּרעסיווער פאַזע. דאָס געשטייגערטע זעלבסט־געפיל פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע יידישע וויצן אַנטשפּרעכט דעם היפּאָמאַנישן אָדער מאַניאַקאַלישן צושטאַנד פון דעם ציקלאָטימיקער (מאַניש־דעפּרעסיווער ציקל).

חוץ דער פּסיכאָלאָגישער אויסטייטשונג מוזן מיר אָבער נאָך צורעכענען די וויכטיקסטע היסטאָרישע מאָמענטן. וויבאַלד מענטשן האַסן דאָס פאָלק, פון וועלכן זיי שטאַמען אָפּ און די דאַזיקע שנאה ווערט פאַראַלגעמיינערט ביי אַ באַשטימטן שיכט פון פאָלק, מוזן מיר דאָס באַטראַכטן אַלס סיגנאַל פון צעפאַלונג־פּראָצעס פון דאַזיקן פאָלקס־טייל. פּונקט אַזוי מוזן מיר נעמען אין באַטראַכט סיי פּסיכאָלאָגישע, סיי געשיכטלעכע און קולטור־געשיכטלעכע מאָמענטן, ווען מיר באַטראַכטן דאָס פּראָבלעם פון אונדזערע היינטיקע מאַראַנען.

די גאַלעריע טיפּן, וועלכע ט. לעססינג פירט פאָר אונדז אַרויס, שטאַמען אַלע פון דעם שיכט דייטשע יידן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געהאַט פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק און

זייער שטרעבן איז געווען צו ווערן הונדערט־פּראָצענטיקע דייטשן. די דאָזיקע מענטשן האָבן מיט אַ דייטשן היפּער־נאַציאָנאַליזם געוואָלט פאַרטושן זייער יידישע אָפּשטאַמונג. אויף דעם דאָזיקן וועג האָבן זיי געמוזט נעגירן אַלץ, וואָס האָט געקענט האָבן אַ שייכות מיט יידן און יידישקייט און אין רעזולטאַט דערפון — זיך אַליין און די אייגענע עקזיסטענץ. צי איז דער דאָזיקער ביז משוגעת דערפירטער זעלבסט־האַס מעגלעך נאָר ביי פאַראַסימילירטע, אַנטיסעמיטישע יידן?

מען קאָן אויף דעם דאָזיקן זעלבסט־האַס נישט קוקן אַנדערש ווי אויף אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן סימפּטאָם. עס איז אָבער באמת זייער שווער צו זאָגן, וווּ ס'איז די גרענעץ צווישן דעם פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן און דעם אַזוי גערופענעם נאָרמאַלן. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון מענטשן קומט טיילמאָל צום בעסטן און דייטלעכסטן אַרויס אין זיינע פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע שטריכן. דאָס כאַראַקטעראָלאָגישע דריקט זיך אויס צום דייטלעכסטן אין פּסיכאָז. דער זעלבסט־האַס פון אַנטיסעמיטישן און פאַרביסענעם אַסימילאַטאָר, ווייזט זיך גאָר אַרויס אַלס איינער פון די הויפּט־מאָטיוון — אין אַ פאַרפיינערטער, לייכטער און חנעוודיק־פאָלקסטימלעכער פאָרעם — אין יידישן וויץ. די היפּער־שפּירעוודיקייט פון אַסימילאַטאָר, וועלכער לעבט אין שטענדיקער מורא, אַז מען זאָל אין אים נישט דערקענען די יידישע אָפּשטאַמונג, באַקומט אויך אַן אָפּשפּיגלונג אין יידישן וויץ. זיין מורא פאַר דער נקמה, וואָס לויערט אויף אים, די איבערצייגונג, אַז אַלע טראַכטן נאָר דערפון, ווי אַזוי זיך מיט אים אָפּצורעכענען, דאָס איז דאָך אַ פאַראַנאָישער אָבער דערביי גאָר יידישלעכער שטריך! מיר קענען דאָס באַאָבאַכטן ביי אַ סך היינטצייטיקע מאַראַנען און אַסימילאַטאָרן. (זע לודוויק הירשפעלדס פּויליש בוך: „די געשיכטע פון אַ לעבן“).

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו שניאורסאָנס טעאָריע וועגן פּסיכישער „אימוניטעט“, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דעם „אינטימען לעבנס־געפיל“ ביי יידן. לויט שניאורסאָנען זאָלן די יידן פאַרמאָגן עפּעס אַ באַזונדערע פּסיכישע אימוניטעט, וועלכע מאַכט זיי אַריבערטראָגן אַלע צרות און פורעניותן אָן וועלכע ס'איז פּסיכישע שעדיקונגען. עס איז ווי להבדיל, אימוניטעט קעגן טיפוס ביי מענטשן, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט די דאָזיקע קרענק... די דאָזיקע „פּסיכישע אימוניטעט“ זאָל זיין אַ פּועל־יוצא פון דעם ספּעציפיש־יידישן „אינטימען לעבנס־געפיל“, וואָס איז צו זיי

געקומען דורך די רדיפות און סכנות. מיר האָבן טאַקע אין די געטאָס און לאַגערן געזען, אַז וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן דער דרוק, וואָס מער אומברחמנותדיק די אונטערדריקונג, אַלץ זעלטענער זענען געוואָרן זעלבסטמאָרדן און פּסיכאָזן.

קען מען דערקלערן דעם דאָזיקן פענאָמען דורך דער שניאורסאָנישער „פּסיכישע אימוניטעט״? אויבנאויפיק וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז באמת עפּעס אַן אימוניטעט קעגן פּסיכישע ליידן. די זאַך איז אָבער נישט אַזוי איינפאַך. מיר האָבן געזען, אַז אין די ערשטע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען די רדיפות זענען געווען שוין גענוג שטאַרק, זענען פּסיכאָזן און זעלבסטמאָרדן גאָרנישט געווען אַזוי זעלטן. אָבער שפּעטער, ווען דער קורס איז געגאַנגען אויף טאָטאַלער פאַרטיליקונג, האָבן מיר די פּסיכאָזן און זעלבסטפאַרדן מער נישט געהאַט. די „פּסיכישע אימוניטעט״, וועלכע האָט זיך נישט אָפּגערופן אין דער ערשטער סטאַדיע פון די רדיפות, קען דאָ גאָרנישט אויפקלערן. דאָ איז נויטיק אַן אַריינבליק אין דער פּסיכישער דינאַמיק, וועלכע איז אַ דיאַלעקטישע. אויב דער מענטש רעאַגירט ביי אַ באַשטימטער אָנזאַמלונג פון ליידן, זייער שטאַרק, קען געשען, אַז ער זאָל בכלל אויפהערן צו רעאַגירן, ווען די ליידן טרעטן אַריבער אַלע געוויינטע גרענעצן. ביי אַזאַ מין ליידן, אויף וועלכער קיינער האָט זיך נישט געקענט ריכטן, ווערט דער מענטש פאַרגליווערט, פאַר־שטיינערט. מיר געפינען דעם דאָזיקן אויסדרוק אין די זכרונות פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם לעצטן חורבן. מיר האָבן דעמאָלט פאַר זיך דעם פון דער פּסיכיאַטריע באַקאַנטן פענאָמען, סטופּאָר אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב. סטופּאָר דאָס איז דאָך די פאַרגליווערונג, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט פּסיכיש אַריבערצוטראָגן אַזוי פיל ליידן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט זיך דער מענטש געמוזט איינברעכן אונטער זייער לאַסט. סטופּאָר איז בכן אַ פּסיכישער מעכאַניזם, וואָס דערמעגלעכט די דערהאַלטונג פון דעם מין.

פּראָפ׳ שניאורסאָן ווייזט אָן אויף נאָך איין פענאָמען, וואָס ווירקט זיך אויס אין קאַטאַסטראָפאַלע צייטן. דאָס איז די יידישע אייגנשאַפט פון „אָפּשרייען״. לויט אונדזער מיינונג איז דאָס „אָפּשרייען״ אַ פאַרשטופע פון דעם סטופּאָר. עס איז אָבער נישט קיין ספּעציפיש־יידישע אייגנשאַפט, פּונקט ווי דער סטופּאָר. אַן אַנדער זאַך איז דאָס, וואָס אונדזער ביטערער

גורל האָט שוין צו אָפט נויטיק געמאַכט דאָס באַוויזן זיך פון די דאָזיקע פּרימיטיווע רעאַקציעס אין מאַסן־מאַסשטאַב. במילא האָבן אויך געמוזט בלייבן שפּורן דערפון אין דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער.

אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ מיט אונדזער גייסטיקער שאַפונג? מיר וועלן אין אונדזער גייסטיקער שאַפונג זוכן נישט נאָר שפּורן פון קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אַ גרעסערע השפּעה אין געוויסע פּעריאָדן. מיר וועלן גיכער זוכן דאָס כאַראַקטעראַלאָגישע, וואָס האָט זיך סטאַביליזירט אין לויף פון די לעצטע פאַר יאָרהונדערטער.

אין דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ נישט די דראַמע (ווי אין דער ענגלישער, דייטשער און סקאַנדינאַווישער ליטעראַטורן), נאָר די הומאָריסטישע פּראָזע. עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן דאָס פעלן פון אַ יידיש־דראַמאַטישער שאַפונג פון ברייטן פאַרנעם. דאַקעגן אימפּאָנירט די עכט־יידישע, איינ־ציקאַרטיקע הערשיינונג שלום־עליכם.

פאַרוואָס איז שלום־עליכם אַזוי טיף יידיש? ווייל זיינע פאַרשוייבען זענען פאָלקסטימלעך־יידיש סיי לויט זייער וועזן, סיי לפי זייער אופן רעדן און באַוועגן זיך. שלום־עליכמען איז פרעמד דער אַזוי גערופענער „העלד". די מנחם־מענדלס, וואָס דרייען זיך אַרום מנחם־מענדלען, זענען פון דעם זעלבן מאַטעריאַל, וואָס ער. שלום־עליכמס געשטאַלטן זענען נישט מער ווי אַרויסגעהויבענע טיפּן פון דער אַרומיקער מאַסע. עס איז אויך אויפפאַלנדיק, וואָס ביי שלום־עליכמען איז כמעט נישטאָ קיין דיאַלאָג, לויטער מאָנאָלאָגן.

די דערשיינונג שלום־עליכם דאַרף באַטראַכט ווערן נישט נאָר קולטור־געשיכטלעך, נאָר אויך קאָנסטיטוציאָנעל. שלום־עליכמס טיפּן זענען גע־קומען פון דער יידישער מאַסע אַזוי, ווי זי לעבט און ליידט. וועגן זיין פּראָטאָטיפּ מנחם־מענדל, האָבן מיר גענוג ידיעות פון זיין אויסערלעכן אויסזען, זיין אופן באַוועגן זיך (פּסיכאָמאָטאָריק), רעדן אא״וו. אין דער הקדמה צו דעם ערשטן וואַריאַנט פון „מנחם־מענדל", באַשרייבט אים שלום עליכם אַלס קליינעם, דיקלעכן פאַרשוין, וועלכן ער קען פון דער אָדעסער בערזע. ביי זיין גאַנצער רונדקייט און דיקלעכקייט איז מנחם־מענדל זייער באַוועגלעך און רירעווודיק. ווי מיר זעען פון דער גאַנצער באַשרייבונג, פון זיין קערפּערבוי, איז מנחם־מענדל אַ פּיקניקער וועלכען עס אַנט־

שפּרעכט דער ציקלאָטימער (נטיה צו אָפּטימיזם) טעמפּעראַמענט. אויך טוביה דער מילכיקער איז אַזאַ. אָבער בעת מנחם־מענדל איז מער מאַניאַק, (היפּאָמאַניש) איז טוביה געניגט מער צו מעלאַנכאָלישע שטימונגען. אָבער אויך טוביה איז אין תוך אַן אָפּטימיסט.

דאָס פעלן פון דער גרויסער דראַמע אין דער יידישער ווי אין דער אַלט־העברעישער, תנ״כישער ליטעראַטור, איז דער פּועל־יוצא פון קאָנסטיטוציאָנעלע פאַקטאָרן. מיר האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור נישט געהאַט די גרויסע דראַמע פאַר דעם בלוטיקן מבול פון דער לעצטער מלחמה און מיר האָבן זי אויך היינט נישט. דאַכט זיך, אַז סיי אונדזער געשיכטע, סיי אונדזער קעגנוואַרט זענען פול מיט טראַגיש־דראַמאַטישע געשעענישן, פונדעסטוועגן האָבן מיר אויף אַנדערע געביטן פון פּאָעטישער שאַפונג (ליריק) דערגרייכט ווערטן און ווערק, וואָס מען קען זיי דרייסט אַוועקשטעלן אין איין ריי מיט די אַנטוויקלסטע אייראָפּעישע ליטעראַטורן, און אויף דעם געביט פון דראַמע הינקען מיר נאָך זייער שטאַרק אונטער.

דאָס מיינט נאָך נישט, אַז מיר האָבן אין דער יידישער צי העברעישער ליטעראַטור בכלל נישט קיין דראַמעס, אָדער, אַז אַזעלכע שאַפונג־מעגלעכקייטן באַדאַרף מען ביי יידן מלכתחילה אויסשליסן. מיר האָבן דאָך נישט געוואָלט באַווייזן, אַז יידן זענען דורכאויס ציקלאָטימיקער. קאָנסטיטוציאָנעל איינהייטלעכע פעלקער זענען דאָך בכלל נישט פאַראַן. דאָ האָבן מיר נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז דער ציקלאָטימער טעמפּעראַמענט — אַן אָפּטע דערשיינונג ביי יידן — האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. די דראַמע ווערט געשאַפן דורך דעם סכיצאָטימיקער (קעגנזעצלעכע נטיות), וועלכער איז פאַראַן אויך ביי אונדז, אָבער אַ סך זעלטענער, ווי דער ציקלאָטימיקער. חוץ דעם האָט זיך ביי אונדז דער סכיצאָטימיקער אַרויסגעוויזן ווייניקער שעפעריש און אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין גרויסע השפּעה אויף אונדזער גייסטיקער שאַפונג.

צו ענלעכע רעזולטאַטן וועלן מיר קומען, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן אונדזער פאָלקלאָר מיט דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע אייראָפּעישע פעלקער דער פאָלקלאָר איז דאָך מסתמא, נאָך מער ווי די ליטעראַטור, כאַראַקטעריסטיש פאַר די גייסטיקע דיספּאָזיציעס פון אַ פאָלק. מ'האָט שוין טאָקע אָנגעוויזן (איציק מאַנגער), אַז עס איז אין יידישן פאָלקלאָר נישטאָ כמעט

די טיפּישע באַלאַדע מיט דעם דיאַלאָג. אָט די באַלאַדע מיט איר אָנ־געצויגענעם דיאַלאָג, שטייגערט זיך און ווערט — אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון איר אַנטוויקלונג — דראַמע. אויב מיר געפינען נישט די דראַמאַטיק אין ייִדישן פאָלקלאָר, איז זי אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די צפון־ און מערב־אייראָפּעישע פעלקער, וואָס פאַרמאָגן אין זייער ליטעראַטור די גרויסע דראַמע. דער טעמפּעראַמענט פון ייִדישן פאָלק האָט געפונען זיין אַדעקוואַטן אויסדרוק אין לירישן און מאָנאָלאָגישן פאָלקס־ליד. איז דאָך דער ציקלאָטימיקער (פּיקנישער קערפּערבוי) נישט דראַמאַ־טיש, ווי טראַגיש עס זאָל נישט זיין דיווירקלעכקייט, אין וועלכער ער לעבט. דאָס ייִדישע פאָלקס־ליד איז, ווי געזאָגט, ליריש, עס טרעט אין אים אַרויס צום מייסטן נאָר איין פּערזאָן, וועלכע קלאָגט זיך אויף אירע ליידן און דערציילט פון די פריידן...

דער אויטאָר פון פאָלקס־ליד וויל נאָר אויסגיסן זיין האַרץ, כדי עס זאָל אים ווערן לייכטער און ער זאָל אָנועקגיין אַ געטרייסטער. דער ייִדישער טעמפּעראַמענט קומט צום אויסדרוק אין פאָלקס־מעשיות און ווערטלעך. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען די מעשיות וועגן ייִדישן בטחון. פון וואַנען נעמט זיך אָט דער „ייִדישער בטחון"? זיכער נישט פון די דערפאַרונגען, וועלכע עס האָט אונדז געגעבן און עס גיט אונדז די ווירקלעכקייט... דאָס איז שוין גיכער אַ קאָנסטיטוציאָנעלער אָפּטימיזם. מנחם־מענדל און טוביה דער מילכיקער זענען דאָך נישט סתם אַזוי העלדן, נאָר רעפּרעזענטאַנטן פון דעם ייִדישן מאַסן־מענטש.ביידע זענען, נישט קוקנדיק אויף זייער פּאָלארישער פאַרשיידנקייט, פאַרקערפּערער פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלן ייִדישן אָפּטימיזם. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַ יאָר צוויי פאַר דעם גרויסן בלוט־מבול האָבן מיר זיך גענומען פאַרן דעוויז אַ פּסוק פון טוביה דעם מילכיקן... „משמעות, אַז זיי האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר דער נייער פּרשה לך־לך און אפשר, ווי געזאָגט איר, זענען זיי טאַקע גערעכט ווי אין פּסוק שטייט: חדש ימינו כקדם — געהאַט שוין ערגערע אָנשיקענישן, האָבן מיר אויך איבערגעטראָגן..."

אָט דאָס איז געווען דער דעוויז, מיט וועלכן מיר האָבן אָפּגעענטפערט אויף דער רעאַלער געפאַר, וועלכע האָט זיך אויף אונדז אָנגערוקט: „געהאַט שוין ערגערע אָנשיקענישן, האָבן מיר אויך איבערגעטראָגן!"

(פון דער לעצטער גרויסער שלום עליכם־אויסשטעלונג, איינגעאָרדנט דורך דער „צישאַ״ אין וואַרשע — 2 יאָר פאַר דער לעצטער מלחמה).

היינט ווייסן מיר שוין, אַז אַלע אונדזערע גוטע אייגנשאַפטן: דער זוניקער טעמפּעראַמענט, די פילבאַרקייט, עלאַסטישקייט, צופּאַסונג־פעיקייט דער אָפּטימיזם (אַלץ אייגנשאַפטן פון דעם ציקלאָטימיקער) האָבן אויך זייערע נעגאַטיווע זייטן. אָט די אַלע אייגנשאַפטן, קענען אין אַ גורלדיקן מאָמענט מיטווירקן צו אונדזער אונטערגאַנג. עס האָט זיך נישט באַשטעטיקט שניאורסאָנס טעזע, אַז די יידן פאַרמאָגן אייגנשאַפטן, וואָס ווירקן אויטאָמאַטיש קעגן אומקום אָדער פאַרשטאַרקן אויף עפּעס אַ באַזונדער אופן די ווידערשטאַנדפעיקייט (פּסיכישע אימוניטעט), און אַזאַ צוגאַנג קען אונדז גיכער איינשלעפערן און אָפּטעמפּן אונדזער וואַכזאַמקייט קעגן די סכנות. דעריבער פאָדערט זיך פון אונדז נישט נאָר אַ רעוויזיע פון אונדזערע צו אָפּטימיסטישע אָנשויונגען, נאָר אויך אַ קריטישער צוגאַנג צו אונדזערע אָפּטימיסטישע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, ווי אויך אַ געוויסע וואַכזאַמקייט. זענען מיר דאָך געווען פאַר און בשעת דער גריוסער פאַלקס־קאַטאַסטראָפע אומפאַרבעסערלעך אָפּטימיסטיש! אָט דער אָפּטימיזם איז געווען איינע פון די סיבות פון אונדזער נישט צוגעגרייטקייט צו דעם, וואָס איז אויף אונדז געקומען. מען מוז אָבער אויך אָנערקענען, אַז דער זעלבער אָפּטימיזם האָט נישט געלאָזט אונדז פאַרצווייפלען אין די טרויעריקסטע מאָמענטן פון אונדזער געשיכטע און געשטאַרקט אונדזער גלויבן אין קיום האומה.

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז אין קאַמף, וועלכן עס האָבן געמוזט פירן די יידן פאַר זייער עקזיסטענץ האָבן זיך געקענט אַרויסרוקן אויפן ערשטן פּלאַן נאָר די ציקלאָטימע (מער אָפּטימיסטישע) אייגנשאַפטן. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן באַקומען אַ דאָמינירנדיקן אָרט אויך אין אַלע מינים פאָלקס־שאַפונגען און באַוועגונגען. דער דאָזיקער נצחון פון די ציקלאָטימע אייגנשאַפטן איז — חוץ אַ צאָל סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן ווי די נויטווענדיקייט זיך צוצופּאַסן א״א — פאַרשטייט זיך, נישט קיין צופאַל, נאָר אַ רעזולטאַט פון דעם איבערוועגן פון די ציקלאָטימע טיפּן. צי איז דען נישט דער נצחון פון חסידיזם איבער דער טרוקענער לומדות, אַ נצחון פון די ציקלאָטימע עלעמענטן?

קעגן חסידיזם זענען שפּעטער אַרויסגעטראָטן די משכילים. צי זענען

זיי אָבער נישט געווען די זעלבע אָפּטימיסטן אין זייער נאַיוון גלויבן, אַז וועלטלעכע בילדונג קען פאַרענטפערן אַלע פראַגן? שוין צו אָפּטימיסטיש איז געווען זייער גלויבן אין פּראָגרעס און אין דער אַסימילאַציע אַלס רפואה קעגן אַלע מכות!

עפּעס גאַנץ נייעס האָט אַריינגעבראַכט דער ציוניזם פון טעאָדאָר הערצל. זיין אויסגאַנג־פּונקט איז געווען דווקא דער פּעסימיזם, דער אומ־גלויבן, אַז בילדונג, פּראָגרעס און אַסימילאַציע קענען לייזן די יידן־פראַגע. הערצל האָט פאָרויסגעזען, אַז אין די קאַמפן, וועלכע וועלן זיך צעפלאַקערן אין איירעפּע צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, קענען די יידן צעריבן ווערן. די סיבה פון אַזאַ טרויעריקער פּערספּעקטיוו, האָט הערצל געהאַלטן, איז דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער וועט אויסנוצן דאָס, וואָס יידן זענען פון איין זייט עקספּאָנירט אַלס אידעאָלאָגן און פירער פון סאָציאַליזם און פון דער אַנדערער זייט — אַלס קאַפּיטאַליסטן. (זע די הקדמה צו הערצלס „יודנשטאַט״).

הערצלס פּעסימיזם בנוגע דער מערכה פון יידן אין איירעפּע האָט זיך באַשטעטיקט. עס האָט זיך אויך באַשטעטיקט זיין אָפּשאַצונג פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אין די ערשטע אָנהויבן און נישט געהאַט נאָך קיין גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג. איז עס דאָך געווען די צייט פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע, פון אלגעמיינעם גלויבן אין פּראָגרעס און הומאַניזם! אָבער הערצל האָט שוין געזען די געפאַר, ווען עס האָט זיך נאָך זיינע מיטצייטלער אפילו נישט געחלומט, אַז אַזעלכע זאַכן זענען מעגלעך.

די ציוניסטישע אידעאַלן האָבן באַפרוכפּערט די גייסטיקע שאַפונג. צום בולטסטן זענען די דאָזיקע אידעאַלן געקומען צום אויסדרוק אין דער שאַפונג פון חיים נחמן ביאַליק. אין די לידער פון „צער און צאַרן״ שטראָפט ביאַליק נישט נאָר די פּאָגראָמטשיקעס, נאָר אויך דעם קרבן, וועלכער האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד און זיך צוגעפּאַסט צו דער געשאַפענער לאַגע... ביאַליק האָט אויפגעריסן די וווּנדן: נישט שלום מאַכן, נישט מיט דער ערד און נישט מיט דער זון, וואָס האָט זיך פרייליגדיק צוגעקוקט צו דער שחיטה... די נייע יידישע מענטאַליטעט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושמידן דער עיקר אין ארץ ישראל, ווו דער באָדן איז געווען דערפאַר צום גינציקסטן. אין גלות אָבער איז די השפעה

פון חער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע אויף דעם פאָלקס־כאַראַקטער געווען נישט קיין צו גרויסע — ביז צום בלוטיקן מבול. מיר זענען געווען מנחם־מענדלס, אומפאַרבעסערלעכע אָפּטימיסטן. עס איז דאָך נישט שווער געווען צו וויסן, וואָס די דייטשן פּלאַנעווען וועגן אונדז. די אַלע דייטשע אוני־ווערסיטעטן פון יידן־קענטעניש און די געוואַלדיקע יידן־ליטעראַטור, וואָס די דייטשע היטלעריזירטע ווּיסנשאַפטלער האָבן געשאַפן — דאָס אַלץ איז דאָך נישט געווען סתם אין דער וועלט אַריין! (זע ד״ר ווײַנרײַכס בוך: „היטלערס פּראָפעסאָרן"). אָבער דער אָפּטימיזם האָט אונדז פאַרשטעלט די וועלט! ווען עס איז שוין קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, וואָס די דייטשן רעכענען מיט אונדז צו טאָן, האָבן מיר אַלץ געגלויבט, אַז די וועלט וועט נישט דערלאָזן... אפילו דערנאָך, ווען די פאַרטיליקונג איז שוין געווען אין פולן גאַנג, האָט דאָס יידישע קאָלעקטיווע אחריות־געפיל (וואָס איז דאָך, פאַר זיך, אַ זייער פּאָזיטיווע ציקלאָטימע כאַראַקטער־אייגנשאַפט) נישט דערלאָזט אַ לאַנגע צייט צו אָקטן פון ווידערשטאַנד און אָפּרעכענונג. אָבער בעת דער אָקופּאַציע האָבן זיך אויסגעווירקט צום מיינסטן די נעגאַטיווע זייטן פון אונדזער ציקלאָטימען כאַראַקטער, אָדער בעסער געזאָגט: אונדזערע ציקלאָטימע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס נישט צוגעפּאַסטע צו דער סיטואַציע, וועלכע האָט געפאָדערט ווידערשטאַנד פאַר יעדן פּרייז. אָט דער ווידערשטאַנד איז אָבער דאָך געקומען! ער איז געקומען אין געשטאַלט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ[1]. אָט דער אויפשטאַנד איז די טאַט פון דער יוגנט.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז שוין היינט אַן אָביעקט פון געשיכטלעכער פאַרשונג, אָבער נאָך מער — פון פּאַרטייישער פּאָלעמיק. אַלע זענען אָבער מסכים, אַז דער אויפשטאַנד האָט אַנטפּלעקט אייגנשאַפטן, וועלכע זענען ביז דעמאָלט כמעט נישט געווען ביי אונדז בנמצא (חוץ ארץ־ישראל). און די האַזיקע אייגנשאַפטן זענען עס די מיילן שטיינער אויף דעם וועג צו אַ נייעם טיפּ ייד. עס איז אַ היסטאָרישער אַקט פון גובר זיין אונדזער ציקלאָטימיזם, פון די אַלע זייער שיינע אייגנשאַפטן (רחמנות־געפיל, בטחון, עלאַסטישקייט, צופּאַסונגס־פעיקייט, עקל צו בלוט,

1) דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ טאָר נישט מיט זיין קדושה און גבורה פאַרטונקלען די אַלע אַנדערע ווידערשטאַנדן קעגן דעם בלוטיקן שונא וואָס זענען פאָרגעקומען אין אַנדערע געטאָס, פעלדער אָדער וועלדער.

הומאַניזם), וועלכע האָבן איין געוויסע מאָמענטן פון אונדזער געשיכטע נאָך פאַרטיפט און פאַרטאָפּלט אונדזער אומגליק[2].

שוין היינט צו טאָג איז קלאָר, אַז די השפעה פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אויף דער פאָלקשאַפונג וועט זיין אַ קאָלאָסאַלער. די שאַפונגען אויפן פאַן פון דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אין אַלע לענדער, אָבער דאָס גרויסע וואָרט דאַרף ערשט קומען. ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן אין מיין עסיי „די גרויסע טעמע" אין יאָר 1946, זענען דאָ שעריקייטן פאַר קונסטווערק, וואָס זאָלן כאָטש צום טייל אָפּשפּיגלען די גבורה און העראָישקייט פון די געטאָ־אויפשטענדלער. דאָ האָבן מיר צו טון מיט עמאַציעס פון גרויסע מאַסן ייִדן, וואָס ווייסן, אַז ווי גרויס עס זאָל אויך זיין זייער נצחון, וועלן זיי דאָך, פּראַקטיש גערעדט, מוזן פאַרשפּילן אַקעגן דער איבערמאַכט פון נאַצישן שונא. עס איז געווען אַן איבערחזרונג פון מסדה. אָבער אַזוי ווי מסדה איז נישט פאַרגעסן געוואָרן, אַזוי האָט אויך דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ געוויזן דעם וועג פאַר דער צוקונפט, און ווי עס האָבן געוויזן די קאַמפן פאַר ישראלס אומאָפּהענגיקייט, האָבן די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ, די אויפשטענדלער פון סאָביבאָר און אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט די נאַצים, נישט קיין טעות געהאַט.

.1949

2) מען קען אָבער אויך נישט לייקענען, אַז דער זעלבער אָפּטימיסטישער גלויבן אין צדק האָט אונדז נישט איין מאָל אויסגעהיט פון אומקום.

די פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון יידישן וויץ

די אַלגעמיינע ראַם, אין וועלכער איך האָב געפּרוווט אַריינפּאַסן אַלע באַזונדערקייטן און אייגנטימלעכקייטן פון יידישן וויץ — דאָס איז די אַליין־קריטיק און אַליין־באַשולדיקונג, מיט וועלכער דער יידישער וויץ איז טיף פאַרוואָרצעלט אין דעם אונטערבאַוווסטזיין פון דער יידישער נשמה און אַז אין די באַשולדיקונגען איז ער גאָרניט אויסן זיך, נאָר די אונטערדריקער און שונאים פון יידן. פון דער דערקענטניש אַרויסגייענדיק, וועט פאַר אונז נישט אויסזען ווי אַ היפוך דאָס, וואָס אַזוי פיל יידישע וויצן שטרייכן אונטער אויף גאָר נישט קיין באַשיידענעם אופן יידישע מעלות, יידישע קלוגשאַפט און בריהשאַפט. די דאָזיקע וויצן לאַכן אויך אָפּ פון אונזערע שכנים, די נישט־יידן. אָט דער היפוך אַליין: באַשולדיקונג און אַליין־לויב, איז פון אַ טיפן פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט נישט קיין היפוך. דאָרט ווי עס קומט צום אויסדרוק אַ מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס — זאָל זיין אפילו נאָר אין רעאַל־באַוווסטזיין — דאָרט מוז אויך זיין אַ געפיל פון איבערווערטיקייט. דער יידישער אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס ווערט באַדינגט דורך דעם דערמאָנטן מינדערווערטיקייט־געפיל. ביידע האַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון דער יידישער פסיכיק.

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אין דעם וויכוח צווישן אַ גריך און אַ ייד, וועמענס קולטור און ציוויליזאַציע עס איז עלטער. דער גריך דערציילט, אַז ביי די לעצטע אויסגראָבונגען אין אַטען האָט מען געפונען אַ דראָט, וואָס שטאַמט פון אַלטערטום. דערפון דרינגט ער, אַז די אַלטע גריכן האָבן שוין געקענט דעם טעלעגראַף. דערויף ענטפערט דער ייד, אַז אין ירושלים האָט מען געגראָבן און מען האָט נישט געפונען קיין סימן פון קיין דראָט. דערפון דרינגט ער, אַז די אַלטע יידן האָבן נאָך פאַרצייטן געקענט אַ טעלעגראַף אָן דראָטן... אַסך וויצן באַהאַנדלען וויכוחים צווישן אַ גלח און אַ רב, צווישן אַ ייד און אַן אַנטיסעמיט — אַלע מאָל טריאומפירט דער ייד מיט זיין שאַרפזיניקע און טרעפלעכע ענטפערס.

וועגן דער דאָזיקער גרופּע וויצן, די „אתה־בחרתנו״־וויצן, מוז מען זאָגן, אַז זיי צייכנען זיך שוין נישט אויס מיט אַזאַ אייגנאַרטיקייט, ווי די גרופּע, וואָס ברענגט צום אויסדרוק אַ מינדערווערטיקייט־געפיל. יעדעס פאָלק דערציילט וויצן, אין וועלכע עס ווערט געוויזן זיין קלוגשאַפט און די נאַרישקייט פון די אַנדערע: די יידישע וויצן פון דעם דאָזיקן מין

באַדייטן אָבער עפּעס גאַנץ אַנדערש. זיי זענען אַ נויטווענדיקייט פאַר דעם פּסיכישן גלייכגעוויכט — אין נאָרמאַל־באַוווסטזיין פון דער מאַסע — און פאַרדעם האָבן זיי געמוזט אַנטשטיין.[1]

ווען מען באַטראַכט די דאָזיקע צוויי מינים sub specie „רעאַל־באַוווסט־זיין, באַקומט זיך אַ גאַנץ נייער אויסבליק: די זעלבע פּערזאָן, די זעלבע מידה קען אַרויסרופן אונזער ליבע און אונזער האַס. אין אַפעקטיווער צוגעבונדקייט צו עפּעס קענען מיר זייער לייכט אַריבערגיין פון איין עקסטרעם צום אַנדערן. אַט די דערשיינונג רופן מיר פּסיכישע אַמביוואַלענץ. אַזוי איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז די זעלבע מידות, וואָס ווערן אין איין וויץ געטאַדלט און אויסגעלאַכט אַלס פעלער, קענען ווערן אַרויסגעהויבן אין אַן אַנדערן וויץ — אַלס גרויסע מעלה. דאָס געשעט דאַמאָלס, ווען זיי ווערן קאָנפראָנטירט מיט די אייגנשאַפטן פון די נישט־יידן. עס איז דאָ אַ שלל מיט וויצן, אין וועלכע עס ווערט געטאַדלט די יידישע מענטאַליטעט אַלס כיטרעקייט, וואָס דערגייט ביז אומערלעכקייט, אָבער אין אַנדערע וויצן טריאומפירט די זעלבע מענטאַליטעט אַלס קלוגשאַפט און חריפות.[2] ענלעך איז עס מיט דעם יידישן אַרט רעדן. ווען יידן רעדן צווישן זיך, פאַלט אונז גאָר נישט איין, אַז עס קען דאָ עפּעס זיין לעכערלעך. ערשט ווען מיר קאָנפראָנטירן אַ טיפּישן ייד מיט אַ נישט ייד און מיר געבן איבער דעם אופן, ווי זיי שמועסן זיך אויס, דערזעען מיר דאָס גאַנצע לעכערלעכע — פונעם ייד. אויך דאָ האָבן מיר עס צו טון מיט אַמביוואַלענץ. אָבער די ווערטונג איז אַ היפּוכדיקע. — ביי דער קאָנפראָנטאַציע פאַרלירט דער ייד.

עס איז נאָך דאָ אַ מאָמענט, וואָס איז ביז איצט נישט געוואָרן באַריק־

---

1) די „אתה-בחרתנו"-וויצן האָט יעדעס אַנדערע פאָלק אויך אין אַ גרויסער צאָל. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס ביי יידן האָבן די דאָזיקע וויצן גמוזט אַנטשטיין, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון אַליין-באַשולדיקונגס-וויצן, און ביי אַנדערע פעלקער — אויס פשוטער נאַציאָנאַלער גאווה. אַט די וויצן האָבן די אויפגאַבע אויסצובאַלאַנסירן דאָס רעאַל-באַוווסטזיין. וועלכע עס איז באַציאונגען צום אונטערבאַוווסטזיין קען בען ביי דער גרופּע אַלס אַזעלכער נישט אַנטדעקן.

2) אַ גוי איז געשטאָרבן. אין זיין צוואה פאַרשרייבט ער דאָס פאַרמעגן צו זיינע דריי שכנים: אַ דייטש, אַ רוס און אַ ייד ער פאַרלאַנגט אָבער דערביי, אַז אַלע דריי יורשים זאָלן אַריינלעגן אין זיין ארון צו הונדערט גילדן. פאַר דעם אַריינלאָזן דעם ארון אין קבר גייט צו דער דייטש און לעגט אַריין אַ הונדערטער אין גאָלד, דער רוס לייגט אַריין פּאַפּיר געלד. דער ייד נעמט אַרויס די 200 גילדן און לעגט אַריין אַ טשעק אויף 300 גילדן...

זיכטיקט: די יידישע פאַרשטייפּטקייט און איר באַציונג צו דער זיך־בייטנדיקער סביבה. אַנרי בערגסאָן האָט אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן געלעכטער אַסך מאָל דערויף אָנגעוויזן. „דער קאָמיזם איז נישט תמיד אַ סימן פון מאָראַלישן פעלער. אַ פּערזאָן קען מקיים זיין די קלענסטע פּרטים פון דער שטרענגסטער מאָראַל און פונדעסטוועגן זיין קאָמיש, אויב איר אויפפירונג שטייט אין וועלכער נישט איז סתירה צו די כללים פון דער געזעלשאַפט״.[3] בערגסאָן באַווייזט ווייטער, אַז אויסגעלאַכט וועט דער עיקר די פאַרשטייפּטקייט פון אַן אינדיווידו, זיין נישט צופּאַסן זיך צו דער געזעלשאַפט און פעלן פון עלאַסטישקייט. די יידן, וואָס זענען תמיד אַ מינדערהייט צווישן אַ מערהייט, קענען מיט זייער אייגנאַרט מאַכן דעם איינדרוק פון נישט צוגעפּאַסטקייט און פאַרשטייפּטקייט. דאָס איז טאַקע איינער פון די קוואַלן, פון וואַנען עס שעפּט דער יידישער וויץ.

די גרופּע וויצן, אין וועלכע עס ווערן לעכערלעך געמאַכט יידישע אייגנשאַפטן און תנועות קענען לייכט געפּרוווט ווערן אויף זייער אינער־לעכן מהות מיט הילף פון דער קאָנפראָנטאַציע. אויב עס ווערט אין אַן אַנעקדאָט, אין וועלכן עס טרעטן אויף אַ ייד און אַ נישט־ייד אויסגעלאַכט נאָר דער ייד, געשעט עס צוליב דער פריער דערמאָנטער פאַרשטייפּטקייט.[4] עס ווערט די וווּנדערלעכע פירונג פון דעם ייד אַקעגנגעשטעלט דעם, וויאַזוי עס פירט זיך די איבעריקע וועלט. דער פאָלקס־איבער־איך — הייסט עס — האָט זיך פון דער אייגנשאַפט שוין אָפּגעזאָגט און וויל פון איר פּטור ווערן. דער אַמביוואַלענטער תוך ווערט פאַרביטן דורך אַ נעגאַ־טיוויסטישער איינשטעלונג. אויף אַזאַ אופן ווערט אונטערגעשטראָכן די טענדענץ צו קאָרעקטור. דער פאָלקס־איך באַציט די דאָזיקע פעלערן אויף זיך, אָבער ער האָט זיי שוין מנצח געווען דורך דער נעגאַטיווער איינוואָרטונג. אָט די וויצן טאָר מען נישט פאַרבייטן מיט יענע, אין וועלכע מיר האָבן צו טון מיט אַליין באַשולדיקונגען פון מעלאַנכאָלישן כאַראַקטער.

אַ גרויסע באַדייטונג האָט נאָך דאָס, פון וועמען דער וויץ שטאַמט.

---

3) אַנרי בערגסאָן: דאָס געלעכטער.

4) אַ קריסט פרעגט אַ ייד: פאַרוואָס האָבן יידן שטענדיק ליב צו ענטפערן אויף אַ פראַגע — מיט אַ פראַגע? ענטפערט דער ייד: פאַרוואָס עפּעס זאָל מען טאַקע אַזוי נישט ענטפערן?...

דער קאָמיזם, װעלכער באַקומט זיך דורך צוזאַמענשטעלן דעם ייד מיט זיינע הויות און תנועות מיט דער נישט־יידישער סביבה, קען, פאַרשטייט זיך, אַנרעגן צו מאַכן אַ וויץ נישט נאָר יידן; עס איז דערמיט נאָך נישט געזאָגט, אַז אַ „יידישער" וויץ, וואָס שטאַמט פון אַ נישט־ייד, מוז שוין דורך דעם זיין אַנטיסעמיטיש. אָבער דאָ וואָלט געווען פּוסטע מי, צו װעלן זוכן װעלכע עס איז טיפערע טענדענצן. דאָ שפּילט די הויפּטראָלע די אַפּוזיציע פון יעדן מיטגעפיל (לויט בערגסאָן אויך אַ הויפּטפאַקטאָר ביים אַנשטיין פון קאָמיזם), און קעגן דעם ווערט זיך אינסטינקטיוו אַן אַנדערער וואָס איז ניט אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער קולטור און פאָלקלאָר און וואָס דערקענט באַלד אַזאַ וויץ אַלס אַ נישט־יידישן, וויל ער באַרירט צומיינסט נאָר דאָס אויבנאויפיקע. דאָ מישט זיך אויך אַריין די באַקאַנטע יידישע איבערעמפּינדלעכקייט קעגן פרעמדער קריטיק.

וואָס פאַרשטייען מיר אייגנטלעך אונטער איבערעמפּינדלעכקייט אָדער איבערטריבענער פּילבאַרקייט פון יידישן וויץ? עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער ייד דערפילט באַלד, ווען אַ יידישער וויץ שטאַמט פון נישט־יידן; באַגרעניצט ער זיך דאָך צומייסנט אויף אויסערלעכקייטן און אויף קאַריקאַטור (הילוך, ריידן מיט די הענט א.א.וו.). די דאָזיקע פּילבאַרקייט היפּערטראָפירט אָבער און דאַמאָלס פילט דער ייד אַנטיסעמיטיזם אויף דאָרט, ווי ער איז בכלל נישטאָ. פון דער דאָזיקער איבערעמפּינדלעכקייט לאָכן אַפּ אַ גאַנצע ריי וויצן. (אַ ייד קומט־צו צו אַן אויטאָמאַט, ביי וועלכן מען קען עפּעס קריגן פאַר 10 גראָשן. ער וואַרפט אַריין 1 גראָשן און עס קומט גאָרנישט אַרויס. ער וואַרפט ווייטער אַריין 5 גראָשן — מיט דעם זעלבן ערפאָלג! עס קומט צו אַ קריסט, וואַרפט אַריין 10 גראָשן און עס קומט באַלד עפּעס אַרויס. ווען דער קריסט וויל אויפקלערן דעם ייד, אַז מען מוז אַריינוואַרפן גאַנצע 10 גראָשן מיטאַמאָל, רייסט ער אים איבער מיט די ווערטער: „דערציילט מיר נישט, עס איז אַנטיסעמיטיזם!"). די דאָזיקע איבערטריבענע פּילבאַרקייט געהער צום יידישן פאָלקס־כאַראַקטער און קומט אויך אויף פאַרשידענע אַנדערע געביטן צום אויס־דרוק. איצט לאָמיר פּרוון דערקלערן, פון וואַנען זי נעמט זיך און וואָס זי האָט פאַר אונז צו באַדייטן.

די איבערעמפּינדלעכקייט געהער — צווישן אַנדערן — צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פאַרפאָלגונגס־מאַניע (פּאַראַנאָיאַ). מיר ווייסן,

אַז צווישן די יידישע גייסטיק קראַנקע פאַרנעמען אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסן פּראָצענט די פּאַראַנאָאיקער. און בכלל געהער דאָס פּאַראַנאָאישע צום יידישן פאָלקס כאַראַקטער, פּונקט ווי דאָס מאַניש־דעפּרעסיווע. פאַר אַן אויבערפלעכלעכער באַטראַכטונג וואָלט זיך די פאַרפאָלגונגס־מאַניע לייכט געלאָזט דערקלערן מיט די רדיפות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין. און עס לייגט זיך טאַקע אויף דעם שכל, אַז אַ פאָלק, וואָס ווערט אייביק געיאָגט און געטרודפּט, זעט פאַרפאָלגער אויך העמאָלט, ווען זיי זענען נישטאָ. ווען מיר אונטערזוכן די יידישע ווירקלעכקייט פון אָט דער זייט, זעען מיר, אַז זי איז אין אַ געוויסער מאָס איינגעשטעלט אויף רדיפות. מיר ווייסן דאָך פיל צו זאָגן וועגן דער יידישער ווידערשטאַנדסקראַפט, וואָס באַווירקט, אַז יידן זאָלן זיך נישט לאָזן ברעכן ביים ערשט־בעסטן ווינטל. „מיר האָבן שוין ערגערס איבערגעלעבט״ — זאָגט דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר. דאָס שנעלע רעאַגירן פון דער יידישער מאַסנפּסיכע ביי יעדן פאָלקס־אומגליק איז אַ באַווייז פון שטאַרקער פילבאַרקייט, אָבער אין ערשטער ריי — אַן אויסדרוק פון קאָלעקטיווער ווידערשטאַנדספעאיקייט.

מיר האָבן דאָ ווידער עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט גלאַט רעדוצירן פון די היסטאָרישע לעבנס־באַדינגונגען פון יידישן פאָלק. מיר מוזן נאָך ערגעץ אַנדערש זוכן די וואָרצלען פון דעם פּאַראַנאָאישן כאַראַק־טער ביי יידן. מיר וועלן זיך ווידער מוזן באַנוצן מיט דעם פאַרהאַסטן „פּסיכיאַטריזם״. פאַרשטייט זיך, נישט אין שניאורסאָנ׳ס זין — דאָס קולטור־היסטאָרישע ווערט איינגערעכנט אַלס גלייכבאַרעכטיקטער פאַק־טאָר! עס איז אַלגעמיין באַקאַנט דאָס בילד פון דעם פּסיכאָז, וואָס באַשטייט דערין, וואָס דער קראַנקער האַלט אין איין טענה׳ן, אַז ער ווערט פאַרפאָלגט — אַלע האָבן זיך אויף אים פאַרנומען און שפּיאָנירן נאָך זיינע טריט! ווען מענשן רעדן עפּעס צווישן זיך שטילערהייט, זעט ער באַלד דערין אַ פאַרשווערונג קעגן זיך! מיר ווייסן, אַז מען קען נישט איבערצייגן דעם פּאַראַנאָאיקער, אַז ער האָט אַ טעות. עס העלפן נישט קיין שום שכלדיקע אַרגומענטן, כאָטש דער פּאַראַנאָאיקער באַמיט זיך פון זיין זייט צוצוגעבן אַ מענטעלע פון לאָגישקייט אַלע זיינע אידעען.

דער פאַרפאָלגונגס־מאַניאַק ווייזט גלייכצייטיק אַרויס שטריכן פון גרויסקייט־מאַניע. און דאָ איז ער אויך לאָגיש. ער מוז דאָך זיין נישט אַבי־ווער, ווען אַלע נעמען אים אַזוי ערנסט, ווייל אַלע טראַכטן דאָך —

לויט זיין מיינונג — וועגן זיין אונטערגאַנג. לויט פרויד'ן איז די גרויסקייט־מאַניע באַדינגט דורך „נאַרציסטישער אידענטיפיצירונג", (ענלעך, ווי די מעלאַנכאָליע). עס אַנטשטייט אַן „איך־פאַרגרעסערונג" דורך איינציען די „ליבידאָנעזע אָביעקט־באַזעצונגען" אויף דעם איך, דורך מאַנגל פון אַ פּאַסיקן אָביעקט. די פּסיכאָאַנאַליטישע שול קומט ווייטער צום אויספיר, אַז פאַרפאָלגונגס־מאַניע איז אַ פּועל־יוצא פון אונטערדריקטן האָמאָ־סעקסואַליזם (דער פאַרפאָלגער געהערט תמיד צו דעמזעלבן געשלעכט). פאַראַנאָיאַ איז די פאָרם, אין וועלכער עס גיסט זיך אַריין דער אומלעגאַלער האָמאָסעקסועלער אַפעקט און ווערט אויף אַזאַ אופן באַוווסט־זיינספּעציק. הער מאַן, קעגן וועלכן דער ייד ווערט זיך (ביי מענלעכע פאַראַנאָאיקער), ווערט פּראָוואָצירט אויף דער דרויסנוועלט, ליבע ווערט פאַרוואַנדלט אין האַס.

די יידישע פאַרפאָלגונגס־מאַניע — אַלס שטריך פון פאָלקס־כאַראַקטער — איז אויך געבונדן מיט אַ גרויסקייט־מאַניע (אתה־בחרתנו־קאָמפּלעקס). די ליבע פון דעם פאָלקס־איך מוז זיך קאָנצענטרירן צוריק אויף זיך — צוליב די רדיפות קומענדיק פון דעם אַנדערן פאָלק. (מיט דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך געזאָגט, הייסט עס: וואַקסנדיקער שאָוויניזם ביי איין פאָלק, רופט אַרויס, אַלס רעאַקציע, שאָוויניזם ביים שכנותדיקן פאָלק). די באַזונדערקייט פון דער יידישער לאַגע ברענגט דערצו — אויף אַ קאָמ־פּליצירט־פּסיכאָלאָגישן וועג — צו אַ יידישער איבערעמפּינדלעכקייט, וואָס געפינט דעם שטאַרקסטן אויסדרוק אין דער פאַראַנאָיאַ. די ליבע צום אַנדערן פאָלק אין דאָך אין אַזאַ סיטואַציע פונקט אַזאַ „אינצעסט" ווי עס איז אין געשלעכטס־לעבן די ליבע צו אַ נאָענטן קרוב, וויפל אַזאַ ליבע קומט צום אויסדרוק, מוז עס געשען אויף אַ ווייטן אומוועג, ווייל אַנדערש ווערט זי דאָך באַטראַכט אַלס פאָלקס־פאַרראַט און פאַרברעכן. דעריבער דאַרף אונז אויך ניט וווּנדערן, וואָס שכלדיקע אַרגומענטן ווירקן אַזוי שוואַך אויף פעלקער־און ראַסן־האַס. זייערע סיבות געפינען זיך צום גרויסן טייל אין אונטערבאַוווסטזיין.

▽

דער וויץ האָט אַן אינטימע באַציאונג צו דעם אונטערבאַוווסטזיניקן. דעריבער איז ביז איצט אוממעגלעך געווען צו דערגיין צום תוך פון וויץ מיט דער הילף פון אַ דעסקריפּטיוו־פּסיכאָלאָגישן מעטאָד. אָבער אויך

דעסקריפּטיווע פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, וואָס פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט קאָלעקטיווע פּסיכישע פּראָצעסן, וועט אונז נישט קענען אויפקלערן די פּסיכישע דינאַמיק פון וויץ, אויב מיר וועלן פאַרנאַכלעסיקן די טיפע־פּסיכאָלאָגיע. אַ קולטור־היסטאָרישער צוגאַנג קאָן אַסך אופקלערן, מיר קענען אויך אַסך אויפקלערן, ווען מיר באַקענען זיך גענויער מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון קאָלעקטיוו, וואָס שאַפט דעם וויץ. אָבער גייסטיקע שאַפונג מאַכט אָפט אַ וויטן פּסיכאָלאָגישן אומוועג און דעריבער איז נויטיק אָן אייגענער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג.

עס איז שוין היינט איבריק צו באַווייזן, אַז דער וויץ איז אַ גייסטיקע שאַפונג. דאָס געלעכטער איז אַ מאָנאָפּאָל פון דעם מענטש. אין וויץ ווערט דעמאַסקירט דאָס סאָציאַל־אומגערעכטע (פּאַרשטייפּטקייט), אָבער פון דער אַנדערע זייט לאָדן זיך אין וויץ אויך אויס אַסאָציאַלע אינסטינקטן. פּונקט ווי דאָס קינסטלערשע ווערק, אַזוי איז אויך דער וויץ אַ סובלימירונג פון נישט־דערלויבטע אינסטינקטן.[5] אין וויץ לאָדט זיך אויס דער האָס צו אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים — אויב עס ווערט דער אָפּאָזיציע נישט געגעבן קיין שום מעגלעכקייט צו פּראָטעסט. אָט דאָס פאַרענטפערט ווידער פון אַן אַנדערער זייט, פון וואַנען עס נעמט זיך די רייכקייט פון יידישן וויץ. איז דאָך די יידישע מינאָריטעט כמעט תמיד אין אָפּאָזיציע און לאָדט זיך אויס אין וויץ. זי איז גאַנץ פּשוט פאַראורטיילט צו רעאַגירן אויף קלעפּ — מיט הומאָר. און דאָ ליגט דער וואָרצל פון הער פּאַטאָלאָגיע פון יידישן וויץ! אָבער לאָמיר אויפריכטיק זאָגן: קיין שום סכעמע איז נישט בכוח אַרומצונעמען דעם יידישן וויץ, זיין סתירותדיקע פילזייטיקייט, וואָס שאַפט קאַלייִדאָסקאָפּ־אַרטיק אַלץ נייע און נייע בילדער.

---

5) אַ מאַן זאָגט צו אַ פרוי: טאָמער וועט חלילה אויף דער עלטער איינער פון אונז שטאַרבן, וועל איך פאָרן קיין ארץ ישראל. — דאָ קומט צום אויסדרוק אַ ווונש, וואָס וואָלט אין אַ נישט־וויציקער פאָרם זיך נישט אַרויסגעוואַגט פון מאַנ׳ס מויל. דער „וואָלט איך״ איז גאָר נישט צופעליק. אין פּראָצעס פון דער וויץ־בילדונג איז דער געהיימער ווונש געוואָרן באַוווסטזיינפעאיק.

„פידלער אויפן דאַך" האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט די יידישע נשמה

מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם פאַקט, וואָס „פידלער אויפן דאַך" איז געוואָרן דער פּאָפּולערסטער „מוזיקאַל" אויף בראָדוויי און בסך־הכל אויף דער גאַנצער קולטורעלער מערבדיקער וועלט. וואָס איז דאָ געשען? נאָך צוריק מיט צוויי דורות האָט דער יידישער פּסיכאָלאָג פּישל שניאורסאָן געשריבן אין זיין בוך „יידן און פעלקער־פּסיכאָלאָגיע", אַז יידן זענען בעצם אומבאַקאַנט צו זייערע ניט־יידישע שכנים און צוליב אָט דער „היסטאָרישער געהיימלעכקייט" קוקן די ניט־יידן אויף די יידישע אייגנאַרטיקע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זעען אויס אויסטערליש און ווערן אָפּגעשאַצט ווי אַ מין „אומנאַרמאַלקייט" — וואָס האָט, ווי באַוואוסט, די יידן פאַרשאַפט אַ סך צרות בשעת פּאָגראָמען, רדיפות, גירושים א. אַ. וו.

זעלטן ווען האָט אין אייראָפּע אַ נישט־יידישער ערנסטער פאָרשער זיך גענומען פאָרשן יידישע מידות און כאַראַקטער־שטריכן, זייער קולטור, אַלטע אָדער מאָדערנע ליטעראַטור. דאָס האָט געדויערט ביז צו די טעג פון היטלערן, ווען אומויסן און פאַראורטיילן קעגן יידן צווישן די שכנישע פעלקער האָבן אים אַ סך געהאָלפן אין זיין מערדערישער אַרבעט.

און אָט דאָ אַן ערך צוואַנציק יאָר נאָכן בלוטיקן מבול קומט שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער" פון שטעטל אַנאַטעווקע און נעמט איין בראָדוויי און נאָכדעם כמעט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט (פון קאָמוניס־טישע לענדער און פון דער „דריטער וועלט" רעדן מיר דאָך נישט). וואָס האָט דאָ געוווּנען די הערצער פון די נישט־יידישע טעאַטער־גייערס און אויך פון די יידישע, וואָס בנוגע יידיש וויסן שטייען זיי זייער אָפט אויף איין מדרגה מיט די ניט־יידן? דער אַקטיאָר זעראָ מאָסטעל, וואָס האָט געשאַפן די געשטאַלט פון טוביה איז טאַקע געווען אויסערגעוויינטלעך און די אַנדערע זענען אויך נישט אָפּגעשטאַנען, אָבער וואָס עס האָט געוווּנען דאָס האַרץ פון דעם צושויער איז געווען שלום־עליכמס יידישע פאָלקס־קלוגשאַפט און זיין עכטע מענטשלעכקייט אין קריסטאַליזירטער פאָרעם פון געלונגענע לידלעך און זאָגעכצן און פון סיטואַציעס, וואָס געהערן צו אַ לעבן וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, אָבער דאָך אייביק אין זיין מענטשלעכקייט.

איך וויל דאָ גאָרנישט פאַרמינערן די פיינע אַדאַפּטאַציע און די

האַרציק־יידישלעכע מוזיק, אָבער וואָס עס האָט באַזונדערס אויסגענומען, איז געווען די קאָנצענטרירטע עטנישקייט פון שלום־עליכמס סטיל און דאָס אייגנאַרטיקע געמיש פון הכנעהדיקייט און שטאָלץ פון זיין אַ ייד, וואָס באַצויבערט מיט זיין אוניווערסאַלקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער בעסטער פּלאַץ פאַר אַזאַ אויפפירונג איז געווען די שטאָט ניו־יאָרק, וואָס איז שוין צוגעוווינט צו דעם ספּעקטאַקל פון פאַרשיידענע, דיווערזע לעבנס־סטילן און מען קען דרייסט זאָגן, אַז עס איז שוין כמעט געוואָרן אַ ליידנשאַפט און הונגער דאָ אין ניו־יאָרק צו זען אַלץ נייע אָדער ניי־אַלטע לעבנס־שטייגערס, מאָדנע קליידער און פאַרשיידענע אופנים פון צוגרייטן שפּייזן און פּרווון עסן זאַכן, וואָס מען האָט פריער נישט געפּרווט. ספּעציעל פאַרכאַפּנדיק זענען די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון קליידער, זייער ראָלע אין דעם אַקט פון ליבע און סעקס צווישן די פאַרטנערס.

אומקערנדיק זיך צו זעראָ מאָסטעל, מוז מען זאָגן, אַז עס האָט אונז אָפּגעגליקט, וואָס ספּעציעל אויף אים איז געפאַלן די ראָלע צו שאַפן דעם טיפּ „טוביה דער מילכיקער״. ער האָט פאַרמאָגט אַלץ, וואָס עס האָט זיך פאַרלאַנגט פאַר דער ראָלע פון טוביה. זיין געשטאַלט איז געווען מיטל־גרויס, אָבער ברייט, דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט געקענט זאָגן אַ טויזנט ווערטער אין איין מינוט. ער איז עלאַסטיש און קען זיך בויגן, ווען מען באַדאַרף, אָבער ער ברעכט זיך קיינמאָל נישט איין. דער דייטשער פּסיכיאַטער ערנסט קרעטשמער באַצייכנט אַזאַ מין קערפּער אַלס „פּיק־ניקער״. זיין טעמפּעראַמענט איז „ציקלאָטים״, וואָס איז דאָס זעלבע ווי „עקסטראַווערט״ (לויט ק. ג. יונג). אָט אַזאַ טיפּ איז נישט קיין „נחבא אל הכלים״, ער קומט באַלד אַרויס מיט דעם, וואָס ער האָט צו זאָגן, אָבער ער טוט עס אויף אַזאַ „דיפּלאָמאַטישן״ אופן, אַז באַך אַלעמען פּילט זיך קיינער נישט באַליידיקט אָדער געקריוודעט און אַלע זענען ווידער גוט פריינט... ווער עס קען שלום־עליכמס שאַפונג, וועט זיך באַלד דערמאָנען, אַז טוביה דער מילכיקער האָט אַ לייבלעכן ברודער מיטן נאָמען מנחם־מענדל פון יעהופּעץ. אָבער דער דאָזיקער מנחם־מענדל איז נישט קיין האַרעפּאַשניק. ער וויל ווערן רייך מיט איין מאָל, אָדער שפּילנדיק אויף דער בערזע אין אָדעס, אָדער ווערנדיק אַ שדכן, וואָס פּאָרט צונויף צווי בחורים... אָבער עס שרעקט אים גאָרנישט אָפּ, ווייל ער לעבט... אין אַ

וועלט פון פאַנטאַזיע, וואו אַלץ איז מעגלעך און ער לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן פון די אַלע קלעפּ, וואָס ער כאַפּט און ער לאָזט זיך אַריין אין די זעלבע אַוואַנטורעס אונטער אַן אַנדערן נאָמען. דאָס איז דאָך אונדזער „לופט-מענטש“, וואָס אַ גרויסע צאָל פון זיי האָט באַפעלקערט די „בירזשעס“ פון די שטעט אין צאַריסטישן רוסלאַנד. אין אַ רוסישער אויסגאַבע, וואָס שלום-עליכם האָט פאַרעפנטלעכט פאַר דער יידישער אויסגאַבע, גיט שלום-עליכם זיין פיזישע באַשרייבונג, און די דאָזיקע באַשרייבונג פּאַסט פונקט צו דער געשטאַלט פון זעראַ מאַסטעל. עס איז דער זעלבער טיפּ (פּיקניק), וואָס האָט צוויי פּסיכישע וואַריאַנטן: מנחם-מענדל, וועמענס אָפּטימיזם איז בשום-אופן נישט באַרעכטיקט דורך זיין טרויעריקערווירקלעכקייט. דאָס האַלט אים אָבער נישט אָפּ פון נאָכיאָגן זיך נאָך אויספאַנטאַזירטע פאַרמעגנס און גליקן און קיין שום קלעפּ קענען אים נישט איבערצייגן, אַז אויף אָט דעם וועג וועט ער גאָרנישט דערגרייכן.

טוביה דער מילכיקער, פון דער אַנדערער זייט, איז צוגעבונדן צו דער ערד און צו זיין משפחה. ער האָט די פּאַר בהמות, וואָס גיבן אפשר נישט גענוג אויף פּרנסה און חתונה מאַכן אַלע טעכטער, אָבער ער האָט בטחון און האַקט פּסוקים, וואָס זייער באַטייט איז דאָס וואָס ער וויל און מוז האָבן, אָבער נישט דאָס, וואָס זיי באַטייטן באמת...ביידע געשטאַלטן זענען פאַרבונדן דערמיט, וואָס זיי זענען באַר צוויי וואַריאַנטן פון איינעם און דעם זעלבן טיפּ. מנחם-מענדל איז אינגאַנצן אין דער לופטן און טוביה איז אַמאָל אין דער לופטן און אַמאָל שטייט ער פעסט אויף דער ערד. בכלל זענען ביידע נאָכגיביק און האַלטן זיך נישט ביי קיין ספּעציעלע פּרינציפּן, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ זאַך, ווען טוביהס טאָכטער לויפט אַוועק מיט דעם שייגעץ כוועדקע, אין אַזאַ פאַל קען טוביה נישט נאָכגעבן זיין פאַטערלעך הארץ, וואָס בלוטיקט און ער שטויסט זי אַוועק פון זיך, ווען זי פּרוווט זיך דערנענטערן צו אים, בשעת ער פאָרט דורכן וואַלד מיט זיין פערד-און-וואָגן.

ווי געזאָגט, זעראַ מאַסטעל איז דער טוביה, וואָס שלום-עליכם האָט געמוזט זען אין זיין דמיון, ווען ער האָט געשאַפן די דאָזיקע געשטאַלט. דאָס איז געווען דער איינציק-אמתער טוביה מיט זיין גוף און זיין נשמה. דאָס איז דער טיפּ, וואָס קען אַלץ איבערדרייען — לויטן באַדאַרף, אָבער ווען ער איז קאָנפראָנטירט מיט פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן און מעשים

פון זיינע טעכטער — אַ נייע גענעראַציע — פּרוּווט ער קודם צו זאָגן „ניין״, אָבער באַלד דערנאָך הייבט ער אָן אַ ווִיכוח מיט זיך אַליין: „און אפשר, פון דער אַנדערער זייט, איז עס טאַקע אַזוי, ווי זיי זאָגן?״ און עס געדויערט נישט לאַנג און ער הייבט זיך אָן אַריבערצובייגן צו זייער זייט. פון אָנהייב איז ער באַליידיקט און כלומרשט אין כעס אָבער צום סוף מאַכט ער שלום מיט די נייע ווינטן און נייע אידייען, וואָס זיינע טעכטער האָבן אין שייכות מיט אויסזוכן זיך זייערע חתנים, מיט וועלכע זיי ווילן חתונה האָבן, לגבי דער אַנדערער טאָכטער וואָס פאַרבינדט איר גורל מיט אַ רעוואָלוציאָנער און גייט מיט אים אויף פאַרשיקונג (ווּעמען האָט זיך דעמאָלט געחלומט, אַז פון אָט דער „רעוואָלוציע״, פאַר וועלכער יידישע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס, וועט זיך אויסלאָזן דער בלוטיקער סטאַליניזם און די הייַנטיקע גרויס־רוסישע אימפּעריאַליסטישע מאַכט, וואָס נוצט אויס ביז צום ביין אירע אונטערטאַנען און איז אין אַלע פּרטים ערגער ווי די פריערדיקע אימ־פּעריאַליזמען, ווייל ער איז טאָטאַליסט און פּאַרמעסט זיך צו באַהערשן די גאַנצע וועלט — אין נאָמען פון וואָס? פון זייער אייגענער שקלאַפעריי, וועלכע זיי באַמיען זיך איינצופירן אומעטום, וואו זיי שטעלן נאָר אַ פוס).

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו זעראַ מאַסטעל אַליין. עס איז געווען ממש אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי ער האָט באַוויזן, ביי דער גאַנצער מאַסיווקייט פון זיין געשטאַלט, צו זיין אַזוי עלאַסטיש און בויגזאַם אין זיין יעדער באַוועגונג, אין טאַנצן נישט ווייניקער ווי אין אַלע זיינע באַוועגונגען אויף דער בינע. דער צוקוקער האָט שוין געוווּסט, אַז ער קען זיין גרייט אויף אַלע מינים איבעררעאַשונגען. עס איז געווען ביי זעראַ כמעט אַ קלייניקייט זיך איבערצופאַרעמען פון אַ מענטש צו אַ היפּאָפּאָטאַמוס. אויב ער האָט געקענט טאָן דאָס, האָבן מיר שוין אָנגענומען, אַז זיינע מעגלעכקייטן פון איבעראַנדערשן זיך זענען געווען כמעט אומבאַגרענעצט. און אַזוי איז עס אויך געווען אין גייסטיקן זין, ווען ער האָט געשאַפן די געשטאַלט פון טוביהן. פון דעם שטרענגען, דיסציפּלינירטן פאָטער איז געווען נאָר אַ קורצער מהלך צו דעם ליבן טאַטן און זיינע טעכטער האָבן געוווּסט, אַז סוף־כל־סוף וועלן זיי אויספירן זייערס, אויב עס איז נאָר נישט אין קעגנזאַץ צו די גרונט־זיילן פון דער טראַדיציע, ווי, למשל, שמד (חוה). טוביה האָט אַזוי אַרום באַוויזן די גאַנצע שיינקייט פון דער יידישער נשמה,

פון טאָלעראַנץ, פון לעבן און לאָזן לעבן אַנדערע אויף דעם שטייגער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן. דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ זייער הויכע מדרגה, ווען אָבערגלויבן און אומטאָלעראַנץ זענען געווען באַרמאַלע דערשיינונגען.

שלום־עליכם האָט די באַזונדערע אייגנשאַפט, וואָס ער מאַכט אונדז ליב האָבן זיינע העלדן. נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען אויסערגעוויינטלעך שיין און פול מיט מעלות, נאָר דווקא פאַרקערט: דערפאַר, ווייל ער ווייזט זיי אונדז מיט אַלע זייערע שוואַכקייטן, אומזיכערקייטן און ספקות, ווי אין טוביה, אָדער מיט זייערע וועלטן פון פאַנטאַזיע, פאַר וועלכע זיי כאַפּן קלעפּ נאָך קלעפּ און מיר לאַכן נישט אַזוי צוליב זיי אַליין ווי צוליב זייער אומפעאיקייט זיך אַן עצה צו געבן מיט די אַלע פּורעניותן און שוועריקייטן, וועלכע עס האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט דאָס לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד. דערביי ווייזט ער אונדז די גאַנצע שיינקייט פון די יידישע מנהגים פון יענער צייט. געווען אַ נעץ פון יידישע צדקה־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאָלפן די, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף דעם נייטיקסטן; און געבן אויף צדקה איז געווען אַ מאָראַלישער חוב פאַר יעדן ייד, וואָס האָט געהאַט אַ ביסל מער ווי זיין שכן. אָט די צדקה־אינסטיטוציעס האָבן געהאָלפן יידן איבערלעבן די ערגסטע צייטן פון גירוש און פּאָגראָמען.

טוביה רעדט צו גאָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אָבער ער רעדט צו אים ווי צו אַ פאָטער, מיט וועלכן מען קען זיך אויסטענהן. אָבער אין דער מיטן כאַפּט ער זיך זאָגנדיק: „ווער בין איך צו זאָגן גאָט ווי אַזוי צו פירן זיין וועלט?" דער קאָמפּלעקס פון געפילן און זייער דעליקאַטקייט איז פון אַזאַ מדרגה, וואָס מיר וואָלטן זי געוויינטלעך ניט דערוואַרט ביי אַ דאָרפס־יידן, וועלכער שטעלט צו מילכיקס צו זיינע קליענטן אין יעהופּעץ. הערצו גיט שלום־עליכם אַריין אין מויל פון טוביהן פסוקים, וואָס אויסער דעם וואָס זיי האָבן אַ הומאָריסטישן עפעקט, שטרייכן זיי אונטער טוביהס עם־הארצות. אָבער די דאָזיקע פסוקים שטרייכן אויך אונטער טוביהס חלום צו זיין אַ למדן, וואָס זיינע לעבנס־באַדינגונגען האָבן עס אים נישט דערלויבט צו ווערן. אָבער טוביהס נישט־באַהאַוונטקייט אין די דריבנעטשקע פּינטעלעך איז נישט שלום־עליכמס הויפּט־ציל. שלום־עליכם לייגט אַריין די פאַרקריפּלטע פסוקים מיט אַ באַזונדערן כיוון. ער דערלאָזט אַזוי אַרום טוביהן צוצופּאַסן די פסוקים צו די איצטיקע באַדערפענישן.

שלום־עליכם, וואָס ווייזט אונדז טוביהן אַלס אַ מייסטער פון קאָמ־פּראָמיס, ברענגט אים סוף־כל־סוף אין אַ סיטואַציע ווו קיין קאָמפּראָמיסן זענען נישטאָ — ספּעציעל אין די באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד, ווו עס איז נישט דערלויבט געווען פאַר קריסטן זיך מגייר צו זיין. אָבער אין אַ פאַל ווען אַ יידיש מיידל וויל חתונה האָבן מיט אַ ניט־ייד, מוז זי זיך שמדן; אויב דער מאַן איז אַ ייד, מוז ער דאָס זעלבע טאָן. נו, ווייסן מיר דאָך שוין, אַז איינע פון טוביהס טעכטער האָט זיך פאַרליבט אין דעם נישט־ייד כוועדקע, וואָס איז, אגב, אַ גאַנץ אָרנטלעכער מענטש.

אין „פידלער אויפן דאַך" איז אָט דער אינצידענקט פאַררוקט אין הינטערגרונט, ווייל דער ניט־יידישער טעאַטער־גייער קען נישט באַנעמען די טראַומע פון שמד, ווי עס האָט זיך איינגעקריצט אין יידישן פאָלקס־זכרון. מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט קנאַפּ פאַר דער מלחמה פאַרענדיקט דעם יידיש־רעדנדיקן פילם „טוביה דער מילכיקער", האָט זיך אויף דעם דאָזיקן ענין אויספירלעך אָפּגעשטעלט, ווייסנדיק וואָס דער ענין שמד מיינט פאַר דעם יידישן עולם. ער גיט אונדז דאָ איבער מיט אַלע פּרטים דעם טראַגישן קאָנפליקט אין טוביהס נשמה און אויך וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט די גאַנצע זאַך פאַר דעם שטעטל אַנאַטעווקע.

אָבער אפילו אויך דאָ, ווו עס איז אין יענע צייטן און אומשטענדן יעדער קאָמפּראָמיס געווען אוממעגלעך, פּרוווט טוביה קודם צו זען די גאַנצע זאַך אויך „פון דער אַנדערער זייט". אָבער „די אַנדערע זייט", דער פּראַוואָסלאַווונער גלח, בעמט דאָס מיידל פּשוט צו פון טוביהס רשות און מאַכט זי פאַר אַ גויע. נאָך דעם איז שוין פאַר טוביהן נישט געבליבן קיין שום מעגלעכקייטן פאַר קאָמפּראָמיסן. ער מוז זי אָוועקשטויסן, ווען זי פּרוווט זיך צו אים דערנענטערן. טוביה, וואָס איז געווען אַ מאַניש־דעפּרעסיווער, וואַרפט איצט די גאַנצע שולד אויף זיך אַליין און ער געפינט פּסוקים, מיט וועלכע ער פּרוווט זיך צו דערווייזן, אַז ער האָט נישט געהאַנדלט ווי אַ געטרייער טאַטע, אָוועקשטויסנדיק זיין אייגן קינד, וואָס איז אים געקומען בעטן מחילה.

▽

בנוגע זעראָ מאָסטעל, וואָס האָט געשאַפן די געשטאַלט „טוביה" מוז מען זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מין „טוביה" זיך גאַנץ, ליידער, צו קורץ לעבן. אין די צייטן פון מעקאַרטיזם האָט מען זיך אויך צו אים

גענומען, ווייל ער האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין עפּעס אַן „אַנטי־פאַשיסטישן" מיטינג. מען האָט אים פאַרזאָגט אויפצוטרעטן אויף דער בינע א. אַ. וו. ער איז געווען אויף דער „שוואַרצער ליסטע" — נאָך אַ קרבן פון דער מעקאַרטיזם־היסטעריע. ער האָט זיך גענומען צו מאָלן און אויך אויף דעם געביט האָט ער אַ סך דערגרייכט. נאָך דעם, ווי דער טשאַד פון מעקאַרטיזם איז פאַרשוווּנדן, האָט ער זיך אומגעקערט צו דער בינע, אָבער נאָך ווייטער געמאָלן. אין „פידלער אויפן דאַך" איז ער געוואָרן וועלט־באַרימט. „טוביה" איז געווען ממש ווי געמאַכט פאַר אים. ער האָט געקענט יידיש און האָט געלייענט שלום־עליכמס ווערק אין אָריגינאַל. ער האָט געוויזן דער וועלט אַלע מעלות פון דעם יידישן אָרעמאַשניק — טוביה.

1978.

צווייטער חלק

פאלשע
משיחים
ביי יידן

די „פּאַטאָגראַפיע" פון שבתי־צבי:
אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם פאַלשן משיח

„פּאַטאָגראַפיע" איז אַ וואָרט, וואָס שטאַמט פון אַלט־גריכיש און די ווערטערלעכע באַדייטונג איז „באַשרייבונג פון אַ קראַנקייט". פרויד און די פּסיכאָאַנאַליטישע באַוועגונג זענען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיט דעם דאָזיקן וואָרט, ווען זיי האָבן געגעבן אַ באַשרייבונג פון דער ביאָגראַפיע פון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן מיט זייערע מעשים און זייער גאַנצער אויפפירונג אַרויסגערופן דעם חשד, אַז אַ גרויסער טייל פון זייערע מעשים איז געוואָרן אינספּירירט פון אַ פּסיכישער קראַנקייט, פון וועלכער זיי האָבן געליטן. די אויסטייטשונג, וואָס זיי האָבן געגעבן איז געווייינטלעך געווען אַ פּסיכאָ־אַנאַליטישע און זיי האָבן אַזוי אַרום געפּרוווט צו געבן דעם לייענער אַ טיפערע פאַרשטענדניש פון די מעשים פון דער היסטאָרישער פּערזענלעכקייט, וואָס זיי האָבן באַשריבן.

באַנוצנדיק זיך מיט דעם פּסיכאָ־אַנאַליטישן מעטאָד האָבן זיי אָפטמאָל געמאַכט זייער געוואַגטע אָפּשאַצונגען, און די אויספירן צו וועלכע זיי זענען געקומען זענען געווען ווייט פון זיין איבערצייגנדיק. די פרויד־יאַנער זענען שפּעטער אויך געווען באַשעפטיקט מיט די ביאָגראַפיעס פון פאַרשידענע ביבל־געשטאַלטן. די דאָזיקע ביאָגראַפיעס זיינען געווען האַלב געשיכטע און די אַנדערע העלפט — אַ מיטאָס (לעגענדע). אַזוי אַרום איז פרויד אַליין געקומען צו דעם אויספיר, אַז משה רבינו איז געווען ניט קיין ייד, נאָר אַ מיצרי...

אָבער דאָס איז נישט דער ענין, אויף וועלכן איך וויל זיך היינט אָפּשטעלן. בנוגע דעם פּסיכאָאַנאַליטישן מעטאָד אַליין, בין איך שוין מיט 2 יאָרצענדליקער צוריק געקומען צו דער מסקנא, אַז אַלס אַ היילונג־מעטאָד האָט ער כמעט נישט קיין ווירקונג אויף באמת ערנסטע גייסטיקע שטערונגען. אַלס אַ מעטאָד אויף צו דערקלערן ליטעראַרישע אָדער גע־שיכטלעכע דערשיינונגען, איז ער דאָגמאַטיש און ספּעקולאַטיוו, ווייל ער באַנוצט זיך מיט געוויסע סטערעאָטיפּישע אויפקלערונגען, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער דאָגמע, אַז אַלץ ווערט דער־קלערט אין אַ טערמינאָלאָגיע, וואָס האָט איר שורש אין דעם סעקסועלן לעבן און אַלע זיינע אָפּנויגן, נישט געקוקט אויף דעם, צי דער ענין האָט

עפּעס צו טון מיט סעקס אָדער נישט.

בנוגע פּאַטאָגראַפיע האַלט איך, אַז עס האָט אַ באַרעכטיקונג, פון וועלכן שטאַנדפּונקט מען זאָל נישט דערצו צוגיין.

לאָמיר זיך נעענטער צוקוקן צו דער געשטאַלט פון שבתי־צבי: ווער עס לייענט די ווערק פון ד״ר גרשום שלום, וואָס איז ביי אונדז דער עיקרדיקער ספּעציאַליסט פון דער געשיכטע פון יידישן מיסטיציזם, קבלה, משיחיזם און באַזונדערס פון דער געשיכטע פון שבתי־צבי און דער אויפרודערונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אין גאַנצן יידישן פאָלק אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט (און אויך שפּעטער), דער דאַרף פאַרשטיין, אַז שבתי־צבי איז געווען אַ גייסטיק קראַנקער מענטש.

פרעגט זיך, ווי אַזוי האָט אַ גייסטיק־קראַנקער געקענט אַרויסרופן אַזאַ שטאַרקע באַוועגונג?

אָט דאָ, גלייב איך, פּאַסט זיך אַריין מיין ראָלע אַלס אַ שרייבער פון שבתי־צביס פּאַטאָגראַפיע. ווי אַ פּסיכיאַטער און אַ מחבר פון אַ צאָל אַרבעטן וועגן ענלעכע ענינים, וועלכע איך האָב פאַרעפנטלעכט אין די לעצטע פיר יאָרצענדליקער, קוק איך אויף דער פראַגע פון שבתי־צבי, ווי אויך אַן אָביעקט פון אַ פּאַטאָגראַפיע אַ ביסל אַנדערש ווי ד״ר ג. שלום, פאַר וועלכן איך האָב, אגב, גרויס דרך־ארץ.

מיין צוגאַנג צום ענין שבתי־צבי איז אַן אַנדערער ווי דער צוגאַנג פון ד״ר גרשום שלום, וועלכער איז דער סאַמע וויכטיקסטער פאָרשער פון יידישן מיסטיציזם. ער איז דער מחבר פון אַ סך וואָגיקע ווערק אויפן געביט פון קבלה און יידישן מיסטיציזם, איבערגעזעצט אין אַ סך אייראָ־פּעאישע שפּראַכן.

אָבער איך בין קודם־כל אַ פּסיכיאַטער און איך גלויב, אַז דאָס איז די הויפּט־סיבה, וואָס איך זע דעם ענין שבתי־צבי פון אַן אַנדערן קוקווינקל, ווי עס זעט עס ד״ר שלום. לייענענדיק זיין הויפּט־ווערק וועגן שבתי־צבי[1] (כמעט 1,000 זייטן, איך האָב גענוצט די ענגלישע איבער־זעצונג, ווייל זי פאַרמאָגט אַ סך פּרטים און דערגאַנצונגען, וועלכע דער העברעאישער אָריגינאַל האָט נישט), בין איך געקומען צו אַ ביסל אַן אַנדער דיאַגנאָז פון דער פּסיכישער קראַנקייט, פון וועלכער עס האָט

1) Sabbatai Sevi: The Mystical Messiah. Princeton University Press, 1973.

געליטן צבתי־צבי. איך וועל זיך אויך אָפּשטעלן אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון זיין „נביא", דעם אַשכנזישן רב נתן פון עזה, וואָס איז געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער שבתי־צביאישער משיחישער באַוועגונג און וואָס אָן זיין ענערגישער טעטיקייט וואָלט זי בכלל נישט צו שטאַנד געקומען.

לאָמיר דאָ אָנהייבן פון דער אַלגעמיינער פראַגע, וואָס איך וואָלט פאָרמולירט אַזוי: וואָס פאַר אַ פּרייז האָט דאָס יידישע פאָלק באַצאָלט פאַר די אַלע משיחישע אידעען, וואָס עס האָט געגעבן דער וועלט, פאַר די אידעען, וואָס האָבן זיך לסוף — ביז איצט — אַלע אַרויסגעוויזן ווי פאַלשע, מחמת זיי האָבן נישט געהאַלטן דאָס, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט דעם יידישן פאָלק און דער וועלט בכלל. איך קען זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין פּרטים, אָבער איך קען מיט אַ ריינעם געוויסן פעסטשטעלן, אַז אַלע משיח־באַוועגונגען וואָס יידן האָבן געגעבן דער וועלט — פון שבתי־צבי אין 17־טן יאָרהונדערט ביז היינט און צוריק ביז צום אָנהייב פון ערשטן יאָרהונדערט — צי אין אַ מאַנטל פון רעליגיע און מיסטיציזם אָדער פון סאָציאַלן יושר — האָבן זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין דעם היפוך פון דעם, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די ערשטע חסידים פון די אַלע משיח־באַוועגונגען זענען טאַקע געווען יידן, איז זייער דינאַמיק געווען אַזאַ, וואָס האָט באַדראָט דעם קיום פון דער יידישער אומה.

פון די אַלע משיחיזמען האָב איך אויסגעקליבן די שבתי־צבי־באַוועגונג, ווייל דאָ האָבן מיר אַ זייער בולטע דערשיינונג פון פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע. פון דער אַנדערער זייט איז עס דעם ד"ר גרשום שלום געלונגען צו אַנטדעקן אין יאָר 1960 אַ שלל פון אויטענטישע דאָקומענטן בנוגע דער שבתי־צבי־באַוועגונג. די דאָזיקע דאָקומענטן געפינען זיך היינט אין דער ביבליאָטעק פון ירושלימער אוניווערסיטעט.

פון דעם ביז איצט געזאָגטן איז קלאָר, אַז אין אַלע מיינע וויטערדיקע אויספירונגען קען איך זיך שטיצן אויף סאָלידע דאָקומענטירטע פאַקטן. כדי אָנצושרייבן די דאָזיקע „פּאַטאָגראַפיע" זענען מיר נישט נויטיק קיין שום פּסיכאָ־אַנאַליטישע אָדער אַנדערע ספּעקולאַציעס. די פאַקטן, אַזוי ווי זיי זענען דאָקומענטירט, וועלן ריידן פאַר זיך אַליין, ווען זיי וועלן ווערן באַטראַכט פון אַן אַלגעמיין־פּסיכיאַטרישן קוקווינקל.

שבתי־צבי איז געבוירן געוואָרן אין איזמיר (סמירנאַ), וואָס האָט געהערט צו דער טערקישער אימפּעריע. ווי עס ווייזט אָן זיין נאָמען „צבי״ שטאַמט ער אָפּ פון אַן אשכנזישער יידישער משפּחה, וואָס איז מסתמא אַנטלאָפן פון די רדיפות קעגן יידן אין דייטשלאַנד מיט אַ פּאָר דורות צוריק פאַר זיין געבוירן ווערן, אין יאָר 1626 אין איזמיר. זיין משפּחה אין איזמיר איז געווען נאָר איינע צווישן אַ סך אַנדערע משפּחות פון דייטשע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד אין די לענדער וואָס האָבן געהערט צו דער טערקישער אימפּעריע. אין טערקיי זענען די יידן אויפגענומען געוואָרן גענוג פריינטלעך, מען האָט זיי נישט גערודפט און זיי האָבן געהאַט די זעלבע רעכט, וואָס אַנדערע מינאָריטעטן אין טערקיי האָבן געהאַט. נאָך אַ פּאָר דורות האָבן זיך די דייטשע יידישע פּליטים אויסגעמישט מיט די ספרדישע יידן, וואָס זענען אַהין געקומען פריער־צו פון שפּאַניע. ווייזט אויס, אַז דאָס אויסמישן זיך מיט די ספרדישע יידן איז נישט פאָרגעקומען אַזוי גלאַטיק און האָט גענומען אַ סך דורות. אַזוי אַרום איז שבתי־צבי׳ס ערשטע פרוי אויך געווען אַן אשכנזישע. זיין ערשטן נאָמען שבתי האָט מען אים געגעבן צוליב דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שבת.

פּראָפ׳ גרשום שלום האַלט, אַז שבתי־צבי איז געווען אַ מאַניש־דעפּרעסיווער פּסיכיש־קראַנקער, וואָס זיין גייסטיקער צושטאַנד האָט זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ צושטאַנד פון טיפער דעפּרעסיע, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון אַלע זיינע אַנהענגער, פריינט און חסידים — טיילמאָל אויף וואָכן און חדשים. דעמאָלט האָט ער פאַרלוירן די פעאיקייט צו טון די פּרימיטיווסטע זאַך פאַר זיינע אייגענע פּערזענלעכע נויטן. אָט דער צושטאַנד האָט זיך ווידער געקענט ענדערן און פאַרוואַנדלט ווערן צוריק אין אַ היפּוכדיקן צושטאַנד, ווען ער איז געווען פריילעך און דערהויבן אין זיין שטימונג, בעת ער האָט זיך באַטראַכט פאַר גאָט אַליין... זייענדיק אין אַזאַ געהויבענעם מוט, האָט ער זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע גמטריות, וואָס האָבן באַדאַרפט באַווייזן, אַז ער איז גאָט אַליין...

דאָס איז געווען אַ מעטאָד, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט אויך די מקובלים פון אַ פריערדיקן פעריאָד. אויב דער נומערישער ווערט פון די העברעאישע אותיות פון זיין נאָמען איז געווען דער זעלבער ווי

דער נומערישער ווערט פון דעם וואָרט שדי, איז דאָך קלאָר, אַז ער איז אל־שדי, ד. ה. גאָט אַליין... און אין אַ צאָל פון בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט, האָט ער זיך טאָקע אַזוי אונטערגעשריבן. די ירושלימער רבנים האָבן אים געוואָלט אַריינלייגן אין חרם פאַר אָט דעם חילול־השם, ער האָט אָבער שוין געהאַט זיינע אָנהענגער צווישן זיי און, ווייזט אויס, אַז זיי האָבן עס נישט געטאָן. אַלנפאַלס האָט ער געפילט, אַז דער באָדן איז פאַר אים נישט גינציק אין ירושלים און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו אַ ריי קהילות אין סיריע און טערקיי גופא.

אָבער איידער ער האָט זיך געלאָזט אויף אָט דעם וועג, האָט ער זיך אומגעקערט קיין עזה, וואו עס האָט אויף אים געוואָרט זיין איבער־געגעבענער פריינט און „נביא", דער רב נתן פון עזה. דאָ האָט ער, שבתי, געהאַט אַ סך אָנהענגער, וואָס האָבן דערוואָרט פון אים ניסים און „צייכנס", אַז ער איז טאָקע משיח־בן־דוד. אָבער נתן האָט זיי קודם געוואָרנט, אַז עס וועלן נישט זיין קיין שום ניסים אָדער „צייכנס". אין דער גרויסער שול אין עזה האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך יידן, וואָס האָבן שוין אין אים געגלייבט („מאמינים").

עס ווערט באַשריבן, אַז שבתי־צבי האָט זיך דעמאָלט אויפגעפירט ווי אַ קעניג: „ער האָט אויסגעזען העכער פון אַלע אַנדערע מענטשן און זיין פנים האָט געשיינט מיט אַ גרויס שיינונג. עס איז געווען אַ רעגענע־ראַציע פון דעם גייסט און פון דעם ליכט" (באַשרייבונג פון לאַניאַדאָ). עס זעט אויס, אַז ער האָט זיך שוין דעמאָלט פראָקלאַמירט אַלס דער „קעניג פון די יידן". ער האָט פאַרבראַכט אַ היפשע פאָר שעה מיט אָט דער עדה יידן אין עזה און מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו באַווייזן „אומגעוויינטלעכע מעשים". פון צווישן די פאַרזאַמלטע האָט ער אויס־געקליבן 12 באַרימטע תלמודיסטן, וואָס האָבן באַדאַרפט סימבאָליזירן די צוועלף שבטים (די אַנאַלאָגיע מיט די 12 אַפּאָסטאָלן — תלמידים פון ישו־הנוצרי — וואַרפט זיך אין די אויגן).

שבתי־צבי האָט זיך דערקלערט אַלס משיח־בן־דוד אין מאַי 1665. אַ יאָר שפּעטער איז ער געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי איבערצו נעמען פון דעם טערקישן סולטאַן די מאַכט און ווערן הערשער איבער דער טערקישער אימפּעריע... דער טערקישער סולטאַן האָט שוין גע־הערט וועגן שבתי־צבי, אָבער ער האָט זיך נישט דערשראָקן... ער האָט

מסתמא פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ מענטש, וועמענס גייסטיקער צושטאַנד איז ווייט פון נאָרמאַל... ווי נאָר שבתי־צבי איז געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט דעם סולטאַנס גוואַרדיע אים אַרעס־טירט און געבראַכט צום סולטאַן.

וואָס עס איז ווייטער פאָרגעקומען קען מען לייענען אין אַלע ביכער פון יידישער געשיכטע: דער טערקישער סולטאַן האָט געזאָגט צו שבתי־צבי, אַז ער האָט צוויי ברירות און ער קען אויסקלייבן: טויט־שטראָף אָדער ווערן אַ מאַכמעדאַנער. שבתי־צבי האָט אויסגעקליבן צו ווערן אַ מאַכמעדאַנער.

און ווידער קאָנען מיר לייענען וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם איינעם יאָר 1665 — 1666 אין די אַלע יידישע קהילות אין מזרח־איראָפּע, וואָס נאָר אַ טייל פון זיי איז ניצול געוואָרן פון כמעלניצקיס פּאָגראָמען. אָבער אויך די יידישע קהילות אין מיטל־ און מערב־ איראָפּע און די ספרדישע קהילות אין די לענדער פון דער טערקישער אימפּעריע, וואָס זענען נשט דירעקט באַרירט געוואָרן פון די שחיטות אין יענע יאָרן, וואָס האָבן פאַרטיליקט עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, זענען אויך אויפגערודערט געוואָרן, ווען עס איז צו זיי דערגאַנגען די בשורה, אַז משיח איז שוין געקומען... אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק, וואָס איז נאָך געבליבן ביים לעבן האָט אָנגעהויבן אויסצוטייטשן די אַלע שחיטות אַלס „חבלי־משיח"... ער איז געקומען פּונקט אין דעם ריכטיקן מאָמענט...

▽

און איצט וועגן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון שבתי־צבי. ער איז געווען נישט קיין מאַניש־דעפּרעסיווער, נאָר אַן עכטער סכיזאָפרעניקער מיט שטאַרקע מאַניש־דעפּרעסיווע שטריכן. צו דעם דאָזיקן דיאַגנאָז בין איך דערגאַנגען נאָך דעם ווי איך האָב אַדורכגעלייענט גרשום שלומס בוך „שבתי־צבי, דער מיסטישער משיח". איך וועל איצט מוזן באַגרינדן מיין דיאַגנאָז, דערמאָנענדיק די וויכטיקסטע עטאַפּן אין זיין לעבנס־געשיכטע און דעם אופן ווי ער האָט זיך אויפגעפירט פאַר דעם שמד און נאָך דעם שמד.

שבתי־צבי איז אין אַלגעמיין געווען זייער אַ פּאַסיווער מענטש, חוץ אַ פּאָר קורצע צייט־אָפּשניטן — וואָס זענען געווען אַ יוצא מין הכלל — ווען דער מאַנישער שטריך פון זיין קראַנקייט האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן

דעם קאָפּ און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז משיח־בן־דוד און מסתמא גאָט אַליין. אָט די מאַניע פון גרויסקייט, וואָס איז דער אויסדרוק פון אַן איינרעדעניש, אַז ער איז אַן אַנדער פּערזאָן אָדער די געטלעכקייט אַליין און נישט שבתי־צבי, איז טיפּיש סכיזאָפרעניש. אָט האָט מען מיט יאָרן צוריק געמאַכט דעם דאָזיקן עקספּערימענט: מען האָט צונויפגעבראַכט אויף איין פּלאַץ דריי סכיזאָפרעניקער פון אַנשטאַלטן פאַר גייסטיק קראַנקע פון פאַרשיידענע שטאַטן פון אַמעריקע. יעדער פון אָט די דריי איז באַשטאַנען דערויף, אַז ער איז ישו־הנוצרי. מען האָט זיי געלאָזט רעדן איינער צום אַנדערן פאַר אַ היפּש שטיקל צייט. עס איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. יעדער פון די דריי איז צוריקגעפאָרן צו זיך „אַהיים" נאָך מער איבערצייגט, אַז ער איז דער ריכטיקער ישו־הנוצרי...

ווען אַ פּסיכיאַטער לייענט, אַז שבתי־צבי האָט אונטערגעשריבן זיינע בריוו „אל־שדי" איז עס פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די רבנים פון ירושלים האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ חילול־השם און האָבן אים געוואָלט אַריינלייגן אין חרם. זייער אָריענטאַציע איז נישט געווען פּסיכיאַטריע, נאָר תלמוד, קבלה און זוהר... אַפילו צו זיי האָט שבתי־צביס אויפפירונג אויסגעזען זייער אויסטערליש, אָבער זיי האָבן שוין גאָר נישט געקאָנט אונטערנעמען קעגן שבתי־צבי, ווייל עס זענען שוין געווען צופיל „מאמינים". שבתי־צבי אַליין האָט גאָרנישט אָנגעשריבן, קיין שום חיבור, נאָר אַ פּאָר בריוו, וואָס אויסער גראַנדיאָזע באַרימערייען, איז אין זיי נישטאָ קיין שום אָריגינעלער געדאַנק.

עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אַזאַ גייסטיק־קראַנקער מענטש זאָל זיין דער פירער און גרינדער פון אַזאַ שטאַרקער משיחישער באַוועגונג, וואָס זאָל אין משך פון איין יאָר אויפטרייסלען דאָס גאַנצע יידנטום פון יענער צייט ביז צו זיינע יסודות. אָבער דער באַדן פאַר אַ משיח־באַוועגונג איז געווען דעמאָלט זייער גינציק און ווער עס זאָל ניט קומען צו די געראָדפטע יידן און זיך דערקלערן אַלס משיח, וואָלט געהאַט דערפאָלג.

אַן אַנדער שטריך, וואָס ווייזט אַן אַז שבתי־צבי איז אין עצם געווען אַ סכיזאָפרעניקער, איז דער פאַקט וואָס שבתי־צבי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געשלעכטלעכע באַציאונגען, כאָטש ער האָט געהאַט אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט. ער האָט קיינמאָל נישט געפּרווט צו פאַרדינען אויף חיונה, נאָך איידער ער האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס משיח.

אומאָפּהענגיק דערפון צי ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, וואָס האָט אים דערלויבט צו אַנטוויקלען אידעען פון גרויסקייט (משיח־גאָט) און דערהויבנקייט (מאַנישער שטריך), צי ער האָט זיך געפילט דעפּרימירט און גייסטיק פּאַראַליזירט, איז ער תמיד געווען אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאָס מינדסטע געפיל פאַר הומאָר, וואָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז זיין „מאַניע" איז נישט געווען קיין פאַזע פון אַ מאַניש־דעפּרעסיווער קראַנקייט, נאָר אַ מאַנישער שטריך פון זיין עיקרדיקן סכיזאָפרענישן פּראָצעס. אַן אַנדערער באַווייז, אַז ער איז געווען אַ סכיזאָפרעניקער איז דער פאַקט, וואָס ער האָט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן אַנשטאָט דעם טראָן פון דעם טערקישן סולטאַן... און ער האָט זיך גאָר נישט געפילט געפאַלן אין שייכות דערמיט... דער טערקישער סולטאַן האָט אים געהאַלטן אין אַ „גאָלדענער שטייג" אין גאַליפּאָלי (נישט ווייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל), ווו ער האָט געהאַט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס, צווישן אַנדערע, אויך די דערלויבעניש צו זען די פאַר „מאמינים", וואָס זענען אים נאָך געבליבן... ער האָט זיך אויפגעפירט, ווי זיין שמד וואָלט געווען גאָר אַ קלייניקייט. ער האָט זיך בכלל נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז דאָס האָט געמוזט זיין אַ שאָק פאַר דעם גרויסן טייל פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אומגעדולדיק געקוקט אויף דעם טאָג ווי אַ טאָג פון גאולה. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם האָבן זיך די יידישע מאַסן אַרומגעקוקט, אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשער משיח און די גאַנצע משיח־באַוועגונג, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן.

עס איז געבליבן אַ קליינער קרייז, אַ סעקטע, וואָס האָט זיך באַמיט אויסצוטייטשן שבתי־צבים שמד ווי אַ שטאַפּל אין זיין ליידן־וועג. דער שמד מוז באַטראַכט ווערן ווי נאָך אַ גילגול, וואָס וועט צום סוף דערפירן צו דער דערלייזונג... אָט די „דיאַלעקטיק" האָט אַפּעלירט צו געציילטע מענטשן, וואָס האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן זייער גייסטיקן גלייכגעוויכט, בשעת זיי האָבן זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער עבודה פון „גאולה", וואָס שבתי־צבי האָט באַדאַרפט ברענגען. צווישן די דאָזיגע פאַרבאַהאַל־טענע „מאמינים" האָבן זיך געפונען אַ היפּש ביסל נאַאיווע מענטשן, אַמאָל אפילו תלמודיסטן און בעלי־קבלה, חסידים און מתנגדים בכל תפוצות ישראל... זיי האָבן זיך באַהאַלטן מיט זייערע גלויבנס און

מעשים... נישט לאַנג נאָך שבתי־צבי זענען געקומען דער פאַלשער משיח פראַנק און די פראַנקיסטן, זיי האָבן אָבער נישט איבערגעלאָזט קיין געהיימע אָנהענגער אין פוילן, ווו די פראַנקיסטישע באַוועגונג האָט זיך באַוויזן, ווייל פראַנק מיט אַלע זיינע מאמינים זענען באַלד איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום.

אומקערנדיק זיך צו שבתי־צבי, מוז איך נאָך אַ מאָל דערמאָנען אַז גרשום שלום האַלט, אַז ער האָט געשטאַמט פון אַן אשכנזישער משפחה. איך שטעל זיך דערויף אָפּ, ווייל איך האַלט עס פאַר וויכטיק אונטערצו־שטרייכן, ווי איך האָב שוין דערוויזן אין אַ גאַנצער ריי אַרבעטן, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה, איז דאָס יידישע געמיט און דער יידישער כאַראַקטער, ווי ער האָט זיך אויסגעבילדעט צווישן די אשכנזישע יידן, געווען באַהערשט פון די שטימונגען: פריילעך — טרויעריק, וואָס אין פסיכיאַטרישן לשון רופט מען עס עקסטראַווערט (אָדער „ציקלאָטים"). מענטשן מיט אַזעלכע כאַראַקטער־שטריכן, אויב זיי ווערן גייסטיק קראַנק, זענען זיי געוויינטלעך „מאַניש־דעפּרעסיוו". דאָס איז אַ קראַנקייט וואָס בייט זיך פון טרויעריק־דעפּרימירט צו גאַוזהדיק־דערהויבן. אַזעלכע מענטשן, אפילו ווען זיי ווערן קראַנק, פאַרלירן זיי קיין מאָל נישט דעם קאָנטאַקט מיט אַנדערע מענטשן. אויב זיי זענען דערהויבן און ווילצלען זיך, איז זייער הומאָר זייער „אָנשטעקנדיק" און מיר מוזן לאַכן מיט זיי, כאָטש מיר ווייסן, אַז זיי זענען קראַנק. זיי האָבן געפילן פון רחמנות אויף אַנדערע מענטשן און רייסן זיך אָפּ פון דערווירקלעכקייט נאָר זייער זעלטן.

שבתי־צבים קראַנקייט איז געווען סכיזאָפרעניע, אָבער, מסתמא, אַדאַנק זיין אָפּשטאַמונג פון אשכנזישע יידן האָט זיין סכיזאָפרעניע געהאַט אַ שטאַרקן מאַניש־דעפּרעסיוון עלעמענט. דער דאָזיקער עלעמענט אין זיין קראַנקייט האָט עס בכלל מעגלעך געמאַכט, אַז ער זאָל שפּילן די ראָלע פון דעם פאַלשן משיח.

אָבער די גאַנצע שבתי־צבי־באַוועגונג וואָלט נישט צושטאַנד געקומען, ווען נישט שבתי־צבים „נביא" — נתן האשכנזי פון עזה. נתן איז נישט געווען גייסטיק קראַנק, אָבער מיט אַלע זיינע מעשים האָט ער באַוויזן, אַז ער איז געווען עקסטראַווערט (ציקלאָטים), וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו מאַכן קאָנטאַקט מיט יידישע קהילות בכל תפוצות ישראל. ער איז

געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער אָרגאַניזאַטאָר און אַדאַנק אים איז די שבתי־צבי משיח־באַוועגונג אויסגעוואַקסן צו אַ מאַסן־באַוועגונג, כמעט איבערנאַכט — אין משך פון איין יאָר. ער איז געווען אַ רב און האָט געצויגן זיין חיונה פון זיין רבנות אין עזה (ישראל). אין קעגנזאַץ צו שבתי־צבי איז זיין גאַנצע אויפפירונג נישט געווען אויסטערליש און ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן אין אַלע יידישע דינים. ער פּערזענלעך האָט קיינמאָל נישט אָנטייל גענומען אין די וואַקכאַנאַליעס פון אַנדערע שבתי־צביניקעס. ער איז געווען דער מחבר פון עטלעכע ספרים. צו שרייבן באריכות וועגן נתן פון עזה וואָלט געפאָדערט אַ ספּעציעלע אַרבעט.

▽

מיט וואָס ווערט אַקטועל און אינטערעסאַנט פאַר דעם היינטיקן לייענער די געשיכטע פון דעם פאַלשן נביא שבתי־צבי? ער איז גע־שטאָרבן שוין מער ווי מיט 300 יאָר צוריק — איז וואָס האָט צו זאָגן זיין געשיכטע דעם מענטש, און דעם ייד ספּעציעל, אין 1979?

דער פאַלשער נביא גייט מיט דער פאַלשער רעוואָלוציע האַנט אין האַנט אין אַלע זייערע וועגן און אופן פון טראַכטן. כאָטש די פּראָזעאָלאָגיע וואָלט אויסגעזען פאַרשיידן, איז אָבער דער תוכן דער זעלבער. ביי אַ טיפערן אַנאַליז און אינספּעקציע פון זייערע דאָגמעס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז נישטאָ קיין עצמדיקער חילוק אין זייערע אידעאָלאָגיעס און ספּעציעל אין זייער טאַקטיק.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז „דיאַלעקטיק״ איז נישט קיין מאָנאָפּאָל פון די מאַרקסיסטן. די שבתי־צביניקעס האָבן זיך באַנוצט מיט אָט דער דיאַלעקטיק נישט ווייניקער ווי די נעכטיקע אָדער היינטיקע מאַרקסיסטן. פאַר די שבתי־צביניקעס האָט עס געהייסן: „דערלייזונג דורך זינדיקן און ברעכן אַלע אָנגענומענע נאָרמעס פון דער יידישער רעליגיע״, מאַכן תשעה באב פאַר אַ פריילעכן יום־טוב, מיט געזאַנג און די בעסטע מאכלים, שלאָפן מיט די ווייבער פון אַנדערע שבתי־צביניקעס און זיי לאָזן שלאָפן מיט די אייגענע ווייבער, וואַקכאַנאַליעס, וואָס דערלויבן צו ברעכן אַלע דינים פון דער תורה און אַזוי אַרום פאַרגיכערן דאָס קומען פון משיח אין אַן אַנדערן גילגול פון שבתי־צבי...

ער אַליין איז בשעת זיין לעבן איבערגעגאַנגען צו דעם איסלאַמישן גלויבן דווקא אין דעם יאָר 1666, ווען ער האָט צוגעזאָגט דעם יידישן

פאָלק, אַז ער וועט עס אויסלייזן פון גלות. (אַ גרויסער טייל פון דעם פאָלק איז שוין געזעסן אויף די פעקלעך, אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל־וואַנדל און אומגעדולדיק געוואַרט, אַז אַ געטלעכער כוח זאָל זיי ברענגען מיט ניסים אין דעם לאַנד פון זייערע טרוימען...).

נעסטן פון שבתי־צביניקעס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע ביז כמעט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אויב עס איז נאָך ערגעץ ווו געווען אַ שבתי־צביניק אָדער אַ גרופּע פון שבתי־צביניקעס, האָט מען זיי געוויינטלעך געקענט געפינען אין תלמודישע קרייזן אָדער זיי האָבן זיך פאַרשטעלט אַלס מקובלים. זיי האָבן נישט געוואָגט זיך מודה זיין, אַז די „תורות" פון שבתי־צבי האָבן נאָך אַ באַדייטונג פאַר זיי.

פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך אין די שטעט און שטעטלעך פון אייראָפּע באַוויזן „יידן־רעוואָלוציאָנערן", וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר מאַרקסיסטן און האָבן זיך ממש מוסר נפש געווען פאַר זייער אידעאָלאָגיע. אין די לענדער ווו די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז נישט געווען לעגאַל (ווי למשל אין פוילן, רומעניע, אונגאַרן), האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן זייער אידעאָלאָגיע צווישן יידן און ווי ווייט מעגלעך אויך צווישן נישט־יידן. די פאַרטיי פאַר זיך איז געווען פאַרקאָנספּירירט. זיי האָבן זיך אָבער אויך באַמיט צו פאַרשפּרייטן זייער אידעאָלאָגיע אונטער דעם מאַנטעלע פון „ליטעראַרישע פאַראיינען" אָדער „דראַמאַטישע און געזאַנג־פאַראיינען". זיי האָבן אַרויסגעגעבן צייטונגען אונטער „אומשולדיקע" נעמען. אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס פאַראיינען און צייטונגען זענען געבליבן לעגאַל, ביז די מלוכה־ און פּאָליציי־אַפּאַראַטן האָבן זיך געכאַפּט אין וואָס עס באַשטייט די טעטיקייט פון אַלע „צוגעבויטע" צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס, זשורנאַלן און צייטונגען. אין די לענדער, ווי דייטשלאַנד (ביז 1933), טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך א. א. איז די קאָמוניסטישע פאַרטיי געווען לעגאַל און יידן האָבן זיך אין איר באַטייליקט אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי עס וואָלט געווען באַרעטכיקט לויט דעם פּראָצענט יידן לגבי נישט־יידן. אין פוילן, למשל, האָט מען געקענט פאַרענטפערן די שטאַרקע יידישע פּרעזענטאַציע מיט דער אונטערדריקונג און רעכטלאָזיקייט פון יידן אין פוילן. אָבער וואָס האָט זיי געטריבן אין די קאָמוניסטישע רייען אין דייטשלאַנד, ווו יידן

האָבן ביז היטלערן געהאַט אַלע רעכט?

אַט די פראַגע איז לייכטער צו שטעלן, איידער ענטפערן. אָבער איינער פון די וויכטיקסטע ענטפערס איז — משיחיזם. די מערב־אייראָ־פּעאישע און אויך אַמעריקאַנער יידן, וואָס האָבן זיך אַזוי אַקטיוו באַטייליקט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָלטן פּשוט געלאַכט, ווען זיי וואָלטן געהערט דעם דאָזיקן ענטפער... זיי זענען געווען אַזוי אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער פאָלקס־ירושה, אַז זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, אַז דער יידישער פאָלקס־זכרון ווירקט זיך אויס אויך אין זיי — צי זיי ווייסן עס אָדער נישט.

ווי געזאָגט, איז די דיאַלעקטיק, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך די מאַרקסיסטן און די שבתי־צביניקעס — די זעלבע. פאַרשיידן איז נאָר די טערמינאָלאָגיע, אָבער דער תוך איז דער זעלבער.ביידע זאָגן צו אַ פרייהייט, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געזען. אָבער די „פרייהייט״ פאַרוואַנדלט זיך — אויף אַ דיאַלעקטישן אופן אין איר היפּוך — אין שקלאַפערייַ אויף אַזאַ טאָטאַלער מדרגה, וואָס די וועלט האָט עס נישט געזען...

ביידע זאָגן אַז „דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען, ד. ה. „מען קען זינדיקן, כדי צו דערגרייכן דערלייזונג״ (שבתי־צבי), אָדער: „כדי צו דערגרייכן די גרויסע פרייהייט קען מען דערוויל צונעמען אָדער אונ־טערדריקן אַלע פרייהייטן...״ (מאַרקס־לענין). עס זענען שוין אַוועק 62 יאָר זינט דער גרויסער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און דערוויל האָבן מיר געזען אונטערדריקונג פון אַלע פרייהייטן — שוין אַן ערך פון דריי גענעראַציעס, וואָס זענען אויפגעוואַקסן אין רוסלאַנד — אַן אָרעם לעבן, אין וועלכן דער דורכשניט־מענטש איז אַזוי פאַרנומען מיט צונויפ־שלעפּן דאָס ביסל פּרנסה, אַז עס גלוסט זיך אים שוין אפילו נישט צו חלומען וועגן וועלכער עס איז פרייהייט... די יחידי־סגולה, וואָס דער־לויבן זיך דעם לוקסוס פון חלומען וועגן פרייהייט, מוזן דערפאַר באַצאָלן מיט לאַנגע יאָרן תפיסה, גירוש און טויט. אַט דאָס זיינען די „מתנות״ וואָס עס ברענגען דער מענטשהייט די יורשים פונעם פאַלשן משיחיזם.

.1978

די פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע פון קאַרל מאַרקס

קאַרל מאַרקס איז אַ טראַגישע געשטאַלט. טראַגיש דערפאַר, ווייל זיין גאַנץ לעבן און שאַפן איז איין לאַנגע קייט פון נישט־געלונגענע פּרואוון פון אַנטלויפן פון זיך אַליין און פון זיין יידישן שורש. ער האָט געפירט אַ קאַמף, וועלכן ער האָט בשום אופן נישט געקענט געווינען — אַ קאַמף קעגן זיך אַליין. ער האָט געוואָלט זיין אַ הונדערט פּראָצענטיקער דייטש און דווקא אַ פּרייסישער דייטש און בסך הכל איז ער געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ייד, נישט נאָר לויט זיין אָפּשטאַם, נאָר טאַקע לויט זיין אויסזען, קערפּער־סטרוקטור און קאָנסטיטוציע, נטיות צו „יידישע" קראַנקייטן (מעטאבאָלישע שטערונגען) און דעם אופן פון ספּעקולאַטיוו־פּלפּולדיקן דענקען, וועלכן ער האָט גע־ירשנט פון דער לאַנגער קייט דורות פון רבנים, סיי פון דעם פאָטערס צד, סיי פון דער מוטערס צד. דער דייטשער מאַרקסיסט פראַנץ מעהרינג[1], וועלכער האָט אָנגעשריבן אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס, באַשרייבט אים בזה הלשון: „ער איז געווען קרעפטיק און באַלייבט, דער ברוסטקאַסטן זייער שטאַרק אַנטוויקלט, דער רוקנביין איז געווען צו־לאַנג אין פּראָפּאָרץ צו די גלידער, ווי עס קומט פאָר זייער אָפט ביי דער יידישער ראַסע. און נישט נאָר ביי דער יידישער ראַסע. געטעס (דעם דייטשן דיכטערס) גוף איז געווען ענלעך געבויט". פראַנץ מעהרינג איז געווען אַ מיטגליד פון דעם לינקן פליגל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן דער קערן פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כאָטש אַזוי קריטיקירן די קאָמוניסטן זייער שטאַרק די דאָזיקע מאַרקס ביאָגראַפיע. די סיבה איז פאַרשטענדלעך. ווען מעהרינג האָט פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע ביאָגראַפיע, זיינען מאַרקסיסטן נאָך אין ערגעץ נישט געווען ביי דער מאַכט און מעהרינג האָט נאָך נישט באַהערשט די קונסט פון פעלשן די געשיכטע, ווי מען טוט עס אין ראַטנפאַרבאַנד די גאַנצע צייט.

פראַנץ מעהרינג, וואָס האָט אָנגעשריבן די אויספירלעכסטע ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס האָט אויך איבערגעגעבן, אַז מאַרקס האָט

1) Franz Mehring: Karl Marx, Geshichte seines Labens Dietz Verlag, Berlin, 1964.

געהאַט אַ טונקעלע הויט־פאַרב, אַ זאַך, וואָס קומט פאַר אַ סך אָפטער ביי יידן ווי ביי דייטשן. אין יאָר 1874 איז קאַרל מאַרקס געפאָרן קיין קאַרלסבאַד אויף אַ קוראַציע פאַר זיין קראַנקער לעבער און גאַל־זעקל, אויך רעוומאַטישע אַרטריטיס און מאָגן־ליידן. דאָס זיינען אַלץ מעטאַבאָלישע קראַנקייטן, וואָס קומען פאַר ביי יידן צוויי מאָל אַזוי אָפט ווי ביי נישט־יידן, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט אין איראָפּע. הכלל, אין ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגישן זינען איז מאַרקס געווען אַ ייד נישט נאָר לויט זיין קערפּער־בוי, נאָר אויך לויט זיין נטיה צו מעטאַבאָלישע קראַנקייטן. ער האָט אויך אין דעם פּרט געטאָן דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן געטאָן אַלע אונדזערע יידן אין יענער צייט און אויך שפּעטער: זיי זיינען געפאָרן אויף קוראַציע קיין קאַרלסבאַד, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער קור־אָרט אין טשעכיע, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע אין יענער צייט.

אויפן סמך פון דער באַשרייבונג פון מאַרקסעס פיזישן אויסזען איז נישט שווער צו באַשליסן, אַז לויט זיין קערפּערבוי געהערט ער צו דעם פּיקנישן טיפּ, וואָס קומט פאַר ביי יידן אַ סך אָפטער ווי ביי נישט־יידן. צו דעם גרויסן און ברייטן ברוסטקאַסטן קומט נאָך צו אַ גרויסער קאָפּ, אַ פול פּנים און אַ גרויסער שטערן. לויט דער טעאָריע פון דעם דייטשן פּסיכיאַטער, ערנסט קרעטשמער האָבן די דאָזיקע פּיקניקער אַ באַזונדערן כאַראַקטער, מיט נטיות צו מאַנישע, דערהויבענע אָדער דע־פּרימירטע שטימונגען און אַ סך מאָל אויך מיט נטיות צו פּאַראַנאָאישע און עגאָטיסטישע שטריכן, מיט אַ שטאַרקן דראַנג צו באַהערשן די מענטשן, מיט וועלכע זיי קומען אין קאָנטאַקט. בכלל זיינען דאָ צווישן די פּיקנישע טיפּן זייער אַ סך שעפערישע מענטשן.

איז לאָמיר טאַקע אָנהויבן פון דער צייט ווען מאַרקס האָט נאָך געלעבט אין דער היים ביי זיינע עלטערן און האָט באַזוכט די גימנאַזיע אין דער שטאָט טריער, וואו זיין זיידע איז געווען אַ רב. זיין פאָטער, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ פאַנטעאיסט און אַ פריי־דענקער, האָט פּלוצלונג גענומען אַלע זיינע זיבן קינדער און איז געקומען אין אויגוסט 1824 צו דער עוואַנגעלישער קירכע און האָט זיך און די קינדער געלאָזט אָפּשמדן. דער פאָטער האָט עס נישט געמוזט טאָן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין רעגירונגס־פּאָסטן. די מוטער איז געווען קעגן שמד, אָבער

וויניקער ווי מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זי עס אַליין געטאָן. מעגלעך, אַז זי האָט דערמיט געוואָלט ווערן נענטער צו די קינדער, ספּעציעל צו קאַרל, וועלכער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום געפיל צו איר. ער האָט זי אפילו קריטיקירט, ווייל איר דייטשע שפּראַך איז געווען באַגרענעצט, און שטאָמענדיק פון האָלאַנד, האָט זי נאָך אַלץ גערעדט מיט אַ האָלענדישן אַקצענט. קאַרל איז געווען אַ גוטער תלמיד, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, ווי ווען עס וואָלט געווען אַ וואַנט פון גלאָז צווישן אים און די אַנדערע קינדער. ער האָט נישט געהאַט קיין שום פריינט, ער האָט זיך נישט געקענט דערוואָרעמען צו קיינעם און פון צייט צו צייט האָט ער זיך אפילו געלאָזט וואוילגיין מיט אַראַגאַנטע שפּילקעס קעגן דעם אָדער יענעם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט געווען פאַראינטערעסירט אין ייִנגלעך פון זיין עלטער, מיט וועלכע ער וואָלט געקענט אַ ביסל שטיפן אאז״וו. ער האָט ניט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט זיי.

קאַרל מאַרקס האָט אָבער נאָך אַלס יונג ייִנגל ליב געהאַט צו פאַרברענגען זיין פרייע צייט מיט דערוואַקסענע מענער. קודם איז דאָס געווען זיין פאָטער, דער אַנדערער איז געווען פאָן־וועסטפאַלען, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס איז געווען זייער אַנגעזען אין דער שטאָט טריער. פריער צו איז ער אויך געווען איינער פון די אַרמיי־קאָמענדאַנטן אין דער קאָאַליציע פון פרידריך דעם גרויסן, פון פרייסן און דעם קיניג געאָרזש פון ענגלאַנד. זיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַ הויכער אַריסטאָקראַטישער משפחה פון סקאָטלאַנד און מיט 200 יאָר צוריק איז איינער פון זיי געווען דער הערשער איבער סקאָטלאַנד, אָבער זיינע שונאים האָבן אים מנצח געווען און האָבן געהייסן אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ אויף דעם מאַרקפּלאַץ אין עדינבורג, דער הויפּט־שטאָט פון סקאָטלאַנד.

עס איז געווען פאַר קאַרל מאַרקסן אַ גרויסער כבוד, וואָס אַזאַ הויכער אַריסטאָקראַט האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שמועסן מיט אים, וואָס איז דאָך נאָך געווען אַ ייִנגל פון גימנאַזיע (מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָס האָט באַטייט ספּעציעל פאַר מאַרקסן, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ טיף געפיל פון מינדערווערטיקייט צוליב זיין יידישן אָפּשטאַם און יידישן אויסזען מיט זיין טונקעלער הויט־פאַרב, צוליב וואָס זיין אייגענער פאָטער האָט אים געגעבן דעם צונאָמען „בעגער״ (Moor).

קאַרל מאַרקס האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז די פריינטלעכקייטן, וועלכע עס ווייזט אים אַרויס דער אַריסטאָקראַט פאָן־וועסטפאַלען איז נישט אינגאַנצן צוליב אים אַליין, נאָר צוליב דעם פאַקט, וואָס קאַרלס שוועסטער גייט אין שול אין איין קלאַס מיט פאָן־וועסטפאַלענס טאָכטער, זשעני פאָן וועסטפאַלען, און אַזוי ווי די צווי מיידלעך זיינען געווען זייער שטאַרק באַפריינדעט, האָט זיך עס געמאַכט, אַז דער פאָטער פון זשעני איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויך אויף קאַרל, דעם ברודער פון זאָפיע, וואָס איז דאָך געווען די נאָענטסטע פריינדין פון זיין טאָכטער זשעני.

נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך נישט פאַרענטפערט דעם פאַקט, וואָס דער אַלטער פאָן וועסטפאַלען האָט אָפּגעגעבן אַזויפיל צייט פאַר דעם יונגן קאַרל מאַרקס — אפשר מער צייט ווי צו זיינע אייגענע זין. דער פאַקט איז געווען, וואָס מאַרקס האָט אויסגעהערט דעם אַלטן אַריסטאָקראַט מיט אַזוי פיל דרך־ארץ און אויפמערקזאַמקייט, געבנדיק אים אַלץ נייע און נייע פראַגן צו פאַרענטפערן, ביז זיי זיינען ביידע מיד געוואָרן צו ריידן. אַזאַ פולשטענדיקע אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס האָט דער אַלטער וועסטפאַלען מסתמא נישט געפונען ביי זיינע אייגענע זין.

קאַרל מאַרקסעס פאָטער האָט קאָנצענטרירט אַלע זיינע האָפנונגען אויף אים, זיין עלטסטן זון, ווייל דער צווייטער זון איז נישט געווען איבעריק קלוג און דער דריטער זון איז געווען קרענקלעך. אָבער קאַרל האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן שטריכן פון כאַראַקטער, וואָס האָבן אים באַאומרואיקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַרל איז מיינסטנס אינטערעסירט אין אבסטראַקציעס: וואָס ווייטער עפּעס אַ פראַגע איז געווען פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, אַלץ מער האָט זי אים אינטערעסירט. עס איז געווען דער זעלבער פילפול, אין וועלכן מאַרקסעס פאָטער פלעגט זיך אַמאָל אַריינלאָזן מיט זיין פאָטער, דעם רב (מאַרקסעס זיידע), נאָר דאָס מאָל איז דאָס אַבסטראַקטע פּראָבלעם גענומען געוואָרן נישט פון תלמוד, נאָר פון אַ דייטשן פילאָזאָף... אַזוי אַרום האָט זיך גאָרנישט געענדערט דער מעטאָד, נאָר די פראַזאָלאָגיע פון דעם משומד קאַרל מאַרקס (וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פייערדיקער אנטיסעמיט) ביז צו זיין זיידן, דעם רב פון טריער...

קאַרל מאַרקסעס פאָטער האָט געגלויבט אין טעכנישן פּראָגרעס. פאַר

אים איז אָט דער פּראָגרעס געווען די העכסטע האָפענונג און דער זינען פון לעבן. אָבער קאַרל מאַרקס אַליין איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אין פיזיק אָדער כעמיע אָדער וועלכע עס איז אַנדערע נאַטורוויסנשאַפטן. קאַרל מאַרקס איז געווען פאַסצינירט מיט שיינע, גרויסע ווערטער. „ער לייענט אַ סך — האָט שפּעטער אַ באַקאַנטער געזאָגט — נאָר ער ענדיקט נישט קיין שום בוך... ער כאַפּט אַרויס אַ פּאָר ציטאַטן און נעמט זיך צו אַן אַנדער בוך". מיט אָט די אַרויסגעכאַפּטע ציטאַטן האָט ער זיך שפּעטער אַרומגעוואָרפן, כדי צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַ זייער געלערנטן מענטש...

קאַרל מאַרקסעס ערשטער שרייבערישער פּרואוו : פּאָעזיע אָן טאַלאַנט

איינע פון מאַרקסעס גרעסטע שוואַכקייטן איז געווען, וואָס ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין מבין אויף זיך אַליין. ער האָט זיך גענומען צו פּאָעזיע, נישט ווייסנדיק, צי ער קען עס טון, צי נישט. עס וואָלט זיך געקענט דוכטן, אַז צו פּאָעזיע באַדאַרף מען נישט האָבן קיין ספּעציעלע צוגרייטונג : אָדער מען האָט טאַלאַנט צו שרייבן פּאָעזיע, אָדער מען האָט נישט. אין יעדן נייעם דור קען מען באַמערקן, אַז אַ געוויסער טייל פון די יונגעלייט דוכט זיך, אַז זיי האָבן טאַלאַנט צו שרייבן פּאָעזיע און דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן איז נישט אָריגינעל און האָט אפילו נישט קיין פונק פון פּאָעזיע. פריער אָדער שפּעטער קומען זיי צו דעם באַשלוס, אַז עס לוינט זיך נישט אַריינצולייגן אַזוי פיל אַרבעט אין אַ געביט, אויף וועלכן זיי האָבן נישט קיין דערפאָלג און אין וועלכן זשורנאַל זיי שיקן אַריין זייערע זאַכן, באַקומען זיי אַן אָפּזאָג. טיילמאָל מיט איין וואָרט און טיילמאָל ווערט פון זיי אפילו אָפּגעחוזקט...

דאָס איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטע דערשיינונג, וואָס חזרט זיך איבער דור־איין דור־אויס. דאָס ערשטע יאָר פון זיין אַקאַדעמישער קאַריערע האָט מאַרקס פאַרבראַכט אין באָן, וואו ער האָט זיך פאַרשריבן אין אוניווערסיטעט. ער איז אָבער נישט געגאַנגען צו קיין שום לעקציעס, ווייל עס האָט אים גאָרנישט אינטערעסירט. ער האָט נישט געהאַט קיין מינדסטן באַגריף, צו וואָס ער וועט זיך נעמען אין שפּעטערדיקן לעבן, ווען ער וועט סוף־כל־סוף זיך דאַרפן שטעלן אויף די אייגענע פיס.

דערווייל האָט ער געצויגן וואָס מער געלט פון דער היים (2 מאָל אַזוי פיל ווי אַ דורכשניטלעכער סטודענט), נישט ענטפערנדיק אויף זיין פאָטערס פראַגעס, אויף וואָס ער באַדאַרף אַזוי פיל געלט. עס איז אים דערווייל נאָך נישט איינגעפאַלן צו שרייבן פּאָעזיע און ער האָט סתם פאַרבראַכט דאָס דאָזיקע ערשטע יאָר מיט גאָרנישט — פּוסטע פּאָס.

ווען מאַרקס איז אַהיימגעקומען נאָך דעם ערשטן יאָר אין באָן, נישט האָבנדיק געטאָן קיין שום זאַך, אויסער פּוסט־פּאַסעווען און צעטרענצלען אַ סך געלט, האָט זיין פאָטער באַשלאָסן אים נישט מער לאָזן צוריקפאָרן קיין באָן, נאָר שיקן אים קיין בערלין, וואו ער האָט זיך באַדאַרפט פאַר־שרייבן אין דעם האַרטיקן אוניווערסיטעט און נישט אַהיימקומען אויף גאַנצע 3 יאָר און זיך נעמען שטודירן טאַקע אויף ערנסט. אָבער נישט מאַרקס און נישט זיין פאָטער האָבן געקענט קומען צו אַ באַשלוס, צו וואָס ער זאָל זיך נעמען. נאַטורוויסנשאַפטן האָט קאַרל מאַרקס פיינט געהאַט און עס האָט אים נישט אינטערעסירט. יוריספּרודענץ (אַדוואָקאַטור) האָט אים אויך נישט אינטערעסירט. איז געבליבן נאָר פילאָזאָפיע, פון וועלכער נאָר אַ געציילטע פאַר מענטשן, וועלכע האָבן געקראָגן אַ פּראָפעסור אין אַן אוניווערסיטעט, האָבן געקענט מאַכן אַ לעבן.

ווי לעכערלעך עס זאָל נישט אויסזען, איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז מאַרקס האָט מיט זיין פאָטערס הסכמה באַשלאָסן, אַז ער דאַרף זיך נעמען צו שריפטשטעלעריי, ווערן אַ דיכטער („אַזוי ווי היינריך היינע״) און אַזוי אַרום קען ער דאָך ווערן אי באַרימט, אי דערגרייכן אין אַ קורצער צייט אין אַ מאַטעריעלן זינען מער, ווי שטודירנדיק פילאָזאָפיע לאַנגע יאָרן און קיינמאָל נישט וויסן, צי ער וועט זיך בכלל צו עפּעס צושלאָגן...

צי ער האָט טאַלאַנט צו שרייבן פּאָעזיע, האָט זיך מאַרקס נישט געפרעגט. ווען ער וואָלט געקענט זיך אַליין כאָטש אַ ביסל, וואָלט אים דאָך געמוזט וואונדערן, אַז ביז צו יענעם באַשלוס איז אים גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אָנצושרייבן כאָטש איין ליד...

ווען מאַרקס איז אָנגעקומען קיין בערלין, האָט ער זיך טאַקע פאַר־שריבן אין אוניווערסיטעט מיט פילאָזאָפיע אַלס הויפּט־לימוד. די אָפיציעל אָנערקענטע פילאָזאָפיע אין דעם בערלינער אוניווערסיטעט איז אין יענער צייט געווען די פילאָזאָפיע פון העגעל. כאָטש העגעל האָט שוין נישט געלעבט בשעת מאַרקס איז אָנגעקומען קיין בערלין, האָט איינער פון

זיינע תלמידים געגעבן לעקציעס וועגן העגעלס פילאָזאָפיע. מאַרקס איז געגאַנגען נאָר זעלטן צו די דאָזיקע לעקציעס, דערפאַר אָבער איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם קרייזל פון „יונג־העגעליאַנער“, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ באַשטימטער קאַוויאַרניע, כמעט יעדן אָונט ביי דעם זעלבן „טיש פון די פראָפעסאָרן“. דאָ האָט מען געהאַלטן אין איין דיסקוטירן פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, מיינסטנס פון אַ העגעליאַנישן קוק־ווינקל. מיט דער צייט האָט אויך מאַרקס אָנגעהויבן אָנטייל צו נעמען אין די דאָזיקע דיסקוסיעס און ווען ער איז געווען אין דער היים ביי זיך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שרייבן פּאָעזיע...

ווען מאַרקס האָט זיך גענומען שרייבן דיכטונג, האָט ער עס געטאָן מיט דעם „פעסטן באַשלוס“ צו ווערן אַזוי באַרימט ווי היינריך היינע, וועמעס לידער מען האָט געלייענט און געזונגען אין אַלע דייטשע שטעט (צו היינעס לידער האָט געשריבן די מוזיק דער באַרימטער דייטשער קאָמפּאָזיטאָר פראַנץ שוברט און נאָך אַ סך אַנדערע). אַ היפּשער טייל פון היינעס לידער זיינען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז דער דייטשער עולם האָט זיי אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אַלס דייטשע פאָלקס־לידער. נישט געקוקט דערויף, האָט די שנאה צו היינען אַלס אַ פערזאָן געהאַלטן אין דייטשלאַנד אין איין וואַקסן, ערשטנס צוליב דעם, וואָס היינע איז געבליבן זיין גאַנץ לעבן אַן אוהב־ישראל און די דאָזיקע ליבע צו דעם יידישן פאָלק האָט ער אויסגעדריקט אין אַ סך לידער און פעליעטאָנען. (מען קען זאָגן, אַז היינע האָט דער ערשטער אין דער וועלט־ליטעראַטור איינגעפירט דעם זשאַנער פון פעליעטאָן). היינע האָט געוואָלט זען די יידן פון מזרח־איראָפּע, וואו זיי זיינען געווען אין זייער גרויסער מערהייט זייער אָרעם און האָבן שווער געהאָרעוועט אויף אַ שטיקל ברויט. ער איז צוליב דעם געפאָרן אויף אַ געוויסער צייט קיין פוילן, וואו ער האָט זיך געקענט באַגעגענען מיט די פוילישע יידן פנים־לפנים, וואָס האָט נאָך מער באַפעסטיקט זיין ליבע און איבערגעבנקייט צו אַלעם, וואָס איז יידיש. היינע האָט נאָך מער אַרויסגערופן די שנאה און צאָרן פון די דייטשע נאַציאָנאַליסטן דורך זיין אָפּחוזקן פון די לעכערלעכע דייטשע און ספּעציעל פּרייסישע כאַראַקטער־שטריכן. היינע איז געווען אין האַרמאָניע מיט זיך אַליין און דאָס, אויסער זיין גרויסן טאַלאַנט און נאַטירלעכקייט, איז געווען אַ טיפער קוואַל פון זיין גאַנצן שאַפן.

קארל מארקס, פראוואנדיק צו ווערן „אזא דיכטער ווי היינע״ האט באוויזן, אז ער איז געווען געשלאגן מיט בלינדקייט לגבי דעם פונדאמענטאלן טיפן קעגנזאץ פון כאראקטער צווישן אים און היינריך היינע. אלץ, וואס היינע איז יא געווען, איז ער נישט געווען, אלץ וואס היינע האט פארמאגט, האט מארקס נישט פארמאגט. היינע איז געווען ערלעך צו זיך אליין, ער איז געווען שטאלץ אויף זיין אפשטאם און ער האט זיך אריינגעטראכט וועגן דעם גורל און דער צוקונפט פון די יידן צווישן די דייטשן מיט זייער טיף איינגעווארצלטער טעוטאנישער נטיה צו געוואלט־מעשים און מאסן־מארד קעגן מענטשן, וואס וואגן צו זיין „אנדערש״ ד. ה. זיי באמיען זיך צו דערהאלטן און אנטוויקלען זייער אייגנארטיקייט. היינע האט גוט פארשטאנען די באדייטונג פון די מאסן־פאגראמען אויף די יידן אין מיטלאלטערלעכן דייטשלאנד און די גירושים. די „גלייכבארעכטיקונג״, וואס יידן האבן באקומען אין דייטשלאנד אין אנהויב פון 19טן יארהונדערט, האבן זיי געהאט צו פארדאנקען נאפאלעאנען, דעם פראנצויזישן אימפעראטאר, וואס האט פאר 1812 באהערשט אלע דייטשע לענדער. אבער נאך נאפאלעאנס מפלה אין 1812 און זיין ענדגילטיקער מפלה אין 1815 (אונטער וואטערלא) האבן זיך די דייטשע לענדער ווידער געמאכט אומאפהענגיק פון פראנקרייך און האבן אויך אנגעהויבן אלץ מער צו באגרענעצן די „גלייכבארעכטיקונג״, וואס זיי האבן געמוזט געבן די יידן, ווען זיי זיינען נאך געווען אונטער נאפאלעאנען. איינער פון די באגרענעצונגען איז געווען דאס געזעץ, אז א ייד מוז זיך שמדן, אויב ער וויל באקומען א מלוכה־אמט אדער ווערן אן אדוואקאט אדער האבן א וועלכע עס איז פאראנטווארטלעכע פונקציע אין עפנטלעכן לעבן. דאס האט ארויסגערופן א כוואליע פון מאסן־שמדן צווישן יידישע אינטעליגענטן, וואס האבן געמוזט האבן דעם שמד־סערטיפיקאט („איינטריט־בילעט צו דער אייראפעאישער געזעלשאפט״ האט עס היינע גערופן), כדי זיך צו קענען צו עפעס דערשלאגן.

אגב, האט זיך היינע א היפשע פאר יאר קעגנגעשטעלט דעם דרוק פון זיין משפחה, אז ער זאל זיך איינשאפן דעם דאזיקן „איינטריט־בילעט״ און אזוי ארום צוגעלאזט ווערן צו דער פראקטיק פון אדוואקאטור. ער האט סוף־כל־סוף נאכגעגעבן, אבער ער האט חרטה געהאט זיין גאנץ לעבן, ווייל ער האט קיינמאל נישט אויפגעהערט ליב צו האבן דאס פאלק,

פון וועלכן ער האָט געשטאַמט און זיך באַטראַכטן ווי אַ טייל פון דעם עם־ישראל.

פונקט ווי היינע איז געווען געטריי צו זיין אָפּשטאַם און דערמיט — צו זיך אַליין, אַזוי האָט מאַרקס געהאַט אַ טיפע שנאה צו דעם פאָלק, פון וועלכן ער האָט געשטאַמט און דערמיט איז ער אויך געווען פאַלש צו זיך אַליין און צו זיין גאַנצן אינערלעכן וועזן. אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין דיכטערישן טאַלאַנט, איז די דאָזיקע פאַלשקייט און נישט־ערלעכקייט אים נאָכגעגאַנגען אויך שפּעטער אין זיין לעבן און שאַפן און האָט אים אינגאַנצן באַהערשט שוין לאַנג נאָך דעם, ווי ער האָט געמוזט איינזען, אַז אַלס דיכטער וועט ער גאָרנישט דערגרייכן, ווייל אין וועלכן זשורנאַל ער האָט אַריינגעשיקט זיינע „פּאָעזיעס״, האָט מען עס באַלד אָפּגעוואָרפן.

קאַרל מאַרקס האָט זיין גאַנץ ערשט יאָר אין בערלין זייער פלייסיק געאַרבעט איבער זיינע „דיכטונגען״ — גרויסע און קליינע פּאָעמעס, איי־בערדיכטונגען פון דער קלאַסישער לאַטייניִשער ליטעראַטור. ער האָט געדיכט פאַרשריבן דריי גראָבע העפטן מיט לירישע ליבע־לידער, וועלכע ער האָט אַלע געווידמעט זיין גויאישער אַריסטאָקראַטישער כלה זשעני פאָן וועסטפאַלען, וועלכע האָט אויף אים געוואַרט אין טריער, ביז ער וועט ענדיקן זיינע „שטודיעס״ און קומען אַהיים קיין טריער. זיין פאָטער האָט אים נישט דערלויבט אַהיימצוקומען גאַנצע 3 יאָר, ביז ער וועט באַווייזן, אַז ער פאַרנעמט זיך פּאַקטיש מיט גיין אויף די לעקציעס און שטודירט. קאַרלס ערשט יאָר פוסטע־פּאַסטעווען אין באַן האָט דעם אַלטן מאַרקס שוין געמאַכט מער פאַרזיכטיק און ער האָט צו זיין בכור שוין נישט געהאַט קיין סך צוטרוי, סיי צוליב זיין פאַרשווענדערישקייט, סיי צוליב דעם פעלן פון וועלכן עס איז באַוויזן, אַז ער פאַרנעמט זיך פּאַקטיש מיט שטודירן. ער וואָלט אים שוין דאָס אויך מוחל געווען, ווען קאַרל וואָלט אים כאָטש געקענט באַווייזן, אַז ער האָט הערפאָלג אַלס דיכטער. אָבער אויך אין דעם פּרט האָט קאַרל מאַרקס נישט געקענט באַפרידיקן זיין פאָטער, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זייער שווער און פלייסיק געאַרבעט איבער זיינע דיכטונגען. ער האָט כסדר פלייסיק געשיקט זיינע „שאַפונגען״ אין אַלע ליטעראַרישע זשורנאַלן און אויסגאַבעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין אַלע דייטשע לענדער אין יענער

צייט. דער רעזולטאַט איז תמיד געווען דער זעלבער. די רעדאַקטאָרן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן.

דאָ און דאָרט האָט אַ רעדאַקטאָר צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער צו דעם שאַבלאָן־אָפּזאָג־ענטפער. כמעט אַלע האָבן אים געראַטן, אַז ער זאָל אויפהערן צו שרייבן פּאָעזיע, ווייל ער האָט נישט קיין טאַלאַנט... זיינע שרייבעכצן זיינען אויסגעמוחטע, אָן וועלכן עס עס איז ערלעכן געפיל... עס איז אים אָבער דאָך געלונגען אָפּצודרוקן צוויי לידער אין עפּעס אַ ווינקל־זשורנאַל. פראַנץ מעהרינג, וואָס האָט אָנגעשריבן די ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס האַלט, אַז עס איז אַ גליק פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס נישט מער ווי צוויי לידער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן און אַזוי אַרום האָט דער עולם פאַרגעסן, אַז קאַרל מאַרקסעס ערשטע „שאַפונגען״ זיינען געווען פשוטע גראַפאָמאַניע. דער גאַנצער הויפן פון זיין שרייבעכץ פון יענער צייט איז געבליבן אין אַרכיוו פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און עס איז פון דעמאָלט ביז היינט קיינעם נישט איינגעפאַלן עפּעס צו פאַרעפנטלעכן, ווייל דער לייענער וואָלט אַוועקגעקומען מיט זייער אַ נעגאַטיוון בילד וועגן דעם מחבר...

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז קאַרל מאַרקסעס שטאַרקסטע זייט געווען פּאָלעמיק און פּילפּול, גאַנץ אָפּגעריסן פון דער רעאַלערווירקלעכקייט. דאָס האָט ער דאָך געירשנט פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, די גאַנצע קייט פון דורות רבנים, פון וועלכע ער האָט אָפּגעשטאַמט פון ביידע צדדים. אָט די נטיות צו פּילפּול האָט מען געקענט לייכט געבן אַ תיקון אין דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע און אַנדערע אבסטראַקטע פילאָזאָפיעס, אויב מען האָט נאָר אָנגענומען זייער פּראָזאָלאָגיע, דער תוך איז דאָך געבליבן דער זעלבער... אָבער פּאָעזיע? ווי קומט פּילפּול צו פּאָעזיע? דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס מאַרקס איז געווען אַ קנאַפּער פּסיכאָלאָג און אַמוויניקסטן האָט ער פאַרשטאַנען זיין אייגענע פּסיכאָלאָגיע. ער האָט געפילט אַ טיפן באַגער פּטור צו ווערן פון זיין גייסטיקער ירושה, אָבער דאָס וואָלט געהייסן אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער הויט, ווערן מער דייטש ווי די דייטשן, מער פרייסיש ווי די פרייסן זיינען געווען. ער האָט געפּרואווט, אָבער ער האָט נישט געקענט דערגרייכן דאָס אוממעגלעכע און דערפאַר האָט ער געליטן אַ מפּלה...

קאַרל מאַרקס — דער אַנטיסעמיט

איינע פון די מעטאָדן פאַר אַסימילירטע דייטשע יידן — פאַר און נאָך מאַרקסן — צו ווערן „דייטשער ווי די דייטשן", איז געווען צו ווערן אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ דורותדיקע טראַדיציע אין דייטשלאַנד און פון דייטשע אינטעלעקטואַלן, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען (דער דייטשער פילאָזאָף פרידריך ניטשע, וועמעס פילאָזאָפיע די נאַציס האָבן אויסגענוצט אין זייער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייערע מענטשן פרעסערישע צילן, איז אין דער אמתן גאָר געווען אַן אוהב־ישראל און אַ באַוואונדערער פון יידישן פאָלק, אָבער מען האָט דאָך נישט געקענט דערוואַרטן, אַז די דייטשע געלערנטע און פילאָזאָפן, וואָס האָבן בימי־היטלער פאַרקויפט זייערע נשמות צו היטלערן, וועלן אַרויסקומען מיט עפּעס אַ דאָקומענט, אַנוויייזנדיק, אַז ד״ר געבעלס פאַלסיפיצירט ניטשעס פילאָזאָפיע).

קאַרל מאַרקס האָט זיך באַלד אַנגעכאַפּט אין דעם דאָזיקן מעטאָד. אויגוסט בעבעל, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם זאָץ: „אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די גייסטיק־אָפּגעשטאַנענע". בעבעל האָט נישט געשטאַמט פון יידן און האָט קיינעם נישט באַדאַרפט באַווייזן, אַז ער איז טאַקע אַ דייטש... דערצו איז ער געווען אַן אַקטיווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר — אין קעגנזאַץ צו מאַרקסן, וואָס איז געווען אַ באַנק־קוועטשער — און זייענדיק טאָג־טעגלעך פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאַרטיי־אַרבעט, האָט בעבעל זיך די גאַנצע צייט אָנגעשטויסן אויף דעם, אַז אַנטיסעמיטיזם איז איינע פון די רעאַקציאָנערסטע כוחות, וועלכע עס נוצן אויס אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען, אגיטירנדיק צווישן די אַרבעטער, אַז נאָר יידן זיינען די באַנקירן און פאַבריקאַנטן, בשעת יעדער נישט־אָפּגעשטאַנענער אַרבעטער האָט געקענט זען, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך מער נישט־יידישע פאַבריקאַנטן־אויסנוצער און נישט־יידישע באַנקירן, וואָס האָבן נישט מער רחמנות אויף זייערע קרבנות, ווי יידישע באַנקירן.

זיין גרויסע אַרבעט קעגן יידן און יידנטום האָט מאַרקס פאַרעפנטלעכט, ווען ער האָט זיך שוין באַטראַכט אַלס אַ סאָציאַליסט. די דאָזיקע אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פעברואַר, 1844 אין די „דייטש־פראַנצויזישע יאַרביכער". דער ערשטער (און דער לעצטער) נומער פון דאָזיקן

זשורנאַל איז דערשינען אין פּאַריז. מאַרקס און זיין פריינט רוגע זיינען געווען די רעדאַקטאָרן. אָבער אַזוי ווי רוגע איז קראַנק געוואָרן און האָט זיך ניט געקענט באַטייליקן אין רעדאַגירן דעם זשורנאַל, איז מאַרקס געווען דער איינציקער רעדאַקטאָר און איז הונדערט פּראָצענט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ער האָט דאָרט געשריבן וועגן „דער יודענפראַגע״. לאָמיר דאָ קודם געבן אַ פּאָר ציטאַטן פון מאַרקסעס אַרבעט: „די יידן האָבן זיך דערהאַלטן אין זייער אייגנאַרטיקייט ביז צום היינטיקן טאָג. זייער תוך, זייער גאָט איז דער פּראַקטישסטער תוך פון דער וועלט — דער עגאָאיזם אין דער פאָרם פון רעליגיע. אָט דער עגאָאיזם קאָנצענטרירט דעם מענטש אויף זיך אַליין און מאַכט אים נישט פאַראינטערעסירט אין וועלכער עס איז טעאָריע און גלייכגילטיק קעגן אַלץ, וואָס באַציט זיך נישט דירעקט צו זיין פּערזענלעכן וואוילזיין״ (פ. מעהרינג ז׳ 76) מאַרקס איז אינגאַנצן מסכים מיט זיין פריינט ברונאָ בויער, וועלכער האַלט, אַז „די יידן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די שפּאַלטן און ריצן פון דער ביר־גערלעכער געזעלשאַפט, כדי דאָרטן צו עקספּלאָאַטירן די נישט־יידישע אומזיכערע עלעמענטן, אַזוי ווי די געטער פון עפּיקור, וועלכע וואוינען אין די צווישנרוימען פון דער וועלט, וואו זיי זיינען באַפרייט פון יעדער אַרבעט. זייער רעליגיע איז חיהשע כיטרעקייט און פאַלשקייט, וואָס דינט זיי צו באַפרידיקן זייערע חיהשע באַדערפעענישן. זיי האָבן זיך פון תמיד אָן אַנטקעגנגעשטעלט וועלכן עס איז געשיכטלעכן פּראָגרעס און אין דער שנאה פון אַלע פעלקער האָבן זיי געלייגט פאַר זיך אַ פונדאַמענט פאַר אַן אָוואַנטוריסטישן און באַגרענעצטן פאָלקס־לעבן״... מאַרקס האַלט, אַז מען קען די יידן בכלל נישט עמאַנציפּירן אַלס פּולוורטיקע מענטשן... אָט זיינען דאָ שטאַטן, וואו יידן האָבן באַקומען פולשטענדיקע פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע, אָבער זיי זיינען נאָך זייער ווייט פון מענטשלעכער עמאַנ־ציפּאַציע פשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען יידן... מאַרקס שטייגט נאָך איבער זיין לערער פייערבאַך, וועלכער האַלט, אַז עס איז אַ סך לייכטער צו עמאַנציפּירן אַ נישט־ייד פון זיין רעליגיע, ווי אַ ייד. ער איז מסכים מיט פייערבאַכן, וועלכער האָט דעפינירט די יידישע רעליגיע אַלס אַ פּראָדוקט פון דעם ייד און זיין כאַראַקטער אָבער נישט פאַרקערט... ער גייט נאָך ווייטער פון פייערבאַכן און ער פרעגט: „וואָס איז דער וועלטלעכער יסוד פון יידנטום? דאָס פּראַקטישע באַדערפעניש, דער עגאָאיזם! וואָס איז

דער וועלטלעכער קולט פון דעם ייד? דער שאַכער! וואָס איז זיין וועלט-לעכער גאָט? דאָס געלט!" און ער קומט צו אַן אויספיר אַז „די עמאַנצי-פּאַציע פון דעם שאַכער און פון דעם געלט ווי אויך פון דעם פּראַקטישן, רעאַלן יידנטום, וואָלט אויך געווען די אליין-עמאַנציפּאַציע פון אונדזער צייט... אַן אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, וואָס וואָלט ליקווידירט דעם שאַכער און אויך די מעגלעכקייט פון שאַכער, וואָלט אויך ליקווידירט דעם ייד... זיין רעליגיע באַוואוסטזיין וואָלט זיך אויפגעלייזט ווי אַ נעפּל אין דער רעאַלער לעבנס-לופט פון דער געזעלשאַפט... פון דער אַנדערער זייט, ווען דער ייד וועט אַליין אַנערקענען זיין פּראַקטיש וועזן אַלס נישטיק און וועט אַליין אַרבעטן פאַר זיין אייגענער ליקווידאַציע, וועט ער זיך אַרויסאַרבעטן פון זיין ביז-איצטיקער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון אַן אַלגעמיינער מענטשלעכער עמאַנציפּאַציע און וועט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם העכסטן פּראַקטישן אויסדרוק פון מענטשלעכער אַליין-אַנטפרעמדונג" (פ. מעהרינג ז' 9) מיט אַנדערע ווערטער: מאַרקס דערקענט אין יידנטום אַן אַלגעמיין אַנטי-סאָציאַלן עלעמענט, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין יידנטום דורך אַ געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אין וועלכער די יידן האָבן אַליין זייער שטאַרק מיטגעאַרבעט אויף דעם נעגאַטיוון אופן און דערמיט האָבן זיי זיך כשר פאַרדינט די שנאה פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט... מאַרקס גיט נאָך צו, אַז די בירגערלעכע געזעלשאַפט איז לויט איר קאָמערציעלן כאַראַקטער דורכויס יידיש און דער ייד געהערט צו איר, ביז ער וועט זיך אַליין ליקווידירן און דערמיט אויך די קאָמער-ציעלע בירגערלעכע געזעלשאַפט...

אַזוי אַרום ווייסן מיר שוין, אַז לויט מאַרקסן דאַרפן די יידן זיך אַליין ליקווידירן סיי אַלס רעליגיע, סיי אַלס פאָלק. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיך אַליין האָט ער שוין „ליקווידירט" אַלס ייד. אָבער ער האָט געהאַט אַ טעות. זיין גאַנצער געדאַנקען-גאַנג האָט זיך באַזירט אויף פּילפּול און ספּעקולאַציע אָבער נישט אויף קאָנקרעטן וויסן. עס איז דאָך נישט געווען שווער זיך צו דערוויסן, אַז אין מזרח-אייראָפּע לעבן מיליאָנען יידן, וואָס זיינען נישט קיין באַנקירן און נישט קיין פאַבריקאַנטן... ער האָט פשוט איבערגענומען אַלע אַנטיסעמיטישע פאַראורטיילן פון אַלע צייטן פאַר אים און נאָך אים און האָט זיי אָנגעטאָן אַ פילאָזאָפיש מענטעלע... אָבער די דאָזיקע פאַראורטיילן בלייבן דאָס, וואָס זיי זיינען תמיד געווען:

שקר און בילבולים אויף דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק!

קאַרל מאַרקסעס ערשטער אַרויספּאַר אַלס „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליסט״

אויסער דער אַנטיסעמיטישער אַרבעט אין די שוין־דערמאָנטע „דייטש־פראַנצויזישע יאַרביכער״ האָט מאַרקס אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם״ אין דעם זעלבן ערשטן (און לעצטן נומער) פון דאָזיקן זשורנאַל אין פּאַריז. געהייסן האָט די דאָזיקע אַרבעט „קריטיק פון העגעלס פילאָזאָפיע פון געזעץ״. נאָך מיט אַ יאָר פריער איז מאַרקס געווען אַ קעגנער פון סאָציאַליזם, אָבער נאָך אַ פּאָר דיסקוסיעס מיט משה העס, וועלכן ענגעלס האָט גערופן „דער ערשטער קאָמוניסט פון דער באַוועגונג״ איז מאַרקס פּלוצלונג געוואָרן אַ סאָציאַליסט. די פריער דערמאָנטע אַרבעט האָט מאַרקס געשריבן פון אַ העגעליאַנישן קוק־ווינקל, אויסדריקנדיק אַלע באַקאַנטע „וויסנשאַפטלעך מאַרקסיסטישע״ טעאָריעס אויף אַ זייער אומוויסנשאַפטלעכן אופן. ער האָט זיך אַרויס־געזאָגט איבער דעם כאַראַקטער און צוקונפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, נאָך איידער ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו האַלטן אין זיין האַנט אַ ביכל וועגן עקאָנאָמיע. מאַרקס האָט זיך שטייף געהאַלטן ביי די דאָזיקע נביאותן וועגן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט, נישט האָבנדיק קיין שום פאַקטן פון דער רעאַלערווירקלעכקייט, אויף וועלכע ער וואָלט זיך געקענט שטיצן. דעם רעשט פון זיין לעבן האָט מאַרקס שפּעטער פאַרבראַכט אין דער גרויסער ביבליאָטעק פון לאָנדאָן, פּרוּווּנדיק צו געפינען עקאָנאָמישע פאַקטן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן זיינע נביאותן, וועלכע ער האָט פאָרמולירט, נאָך איידער ער האָט געהאַט וועלכע עס איז פאַקטן. און אויב די פאַקטן האָבן געוויזן אַ גאָר אַנדערע ריכטונג — איז „ווייי צו די פאַקטן״... מאַרקס האָט די פאַקטן געבויגן, אַז זיי זאָלן פּאַסן און אַנטשפּרעכן זיינע נביאותן און טעאָריעס, וועלכע ער האָט פאָרמולירט לכתחילה... עס וועט נישט זיין קיין איבערראַשונג, אַז זיינע טעאָריעס זיינען שוין פון אָנהויב געווען פול מיט סתירות און אַז מאַרקסיזם איז געוואָרן אַ רעליגיע, דאָגמאַטיש, ווי אַלע רעליגיעס.

אין דער זעלבער אַרבעט איז מאַרקס קודם אַרויסגעקומען מיט דעם,

אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון עקאָנאָמיע איז שוין צעפוילט פון אינעווייניק און וועט אומפאַרמיידלעך זיך צעפאַלן, ווען עס איז נאָר „רייף" גענוג איינצופאַלן פון זיך אַליין... פון דער אַנדערער זייט, האָט ער געזאָגט, וועט קומען אַ „פולשטענדיקע רעוואָלוציע", נישט נאָר אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע, נאָר אויך אַ רעוואָלוציע „פון די פירשטן פון לייוונט און פון די העלדן פון אייזן". קאַרל מאַרקס, באַך בשעת ער האָט זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס פון די יונג־העגעליאַנער אין בערלין, האָט געהערט וועגן דעם אויפקומען פון אַ גאַנצער ריי פראַנצויזישע סאָציאַליסטן — (סענט סימאָן, אָווען, פּרודהאָן א״א) מסתמא האָט ער אויך געליִענט עפּעס פון זייער ליטעראַטור. זיי האָבן אַלע געגלויבט אין אַ בהדרגהדיקער פרידלעכער טראַנספאָרמאַציע פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. איצט האָט זיי אַלע מאַרקס גערופן „אוטאָפּיסטן", ווייל ער האָט נישט געגלויבט, אַז דער מענטש קען האָבן סאָציאַלע, מאָראַלישע אימפּולסן און אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם וועט זיך דער אַרבעטער אויסקעמפן מער רעכט, אָן אַ בלוטיקער רעוואָלוציע און אָן צעשטערן דעם קאַפּיטאַליסטישן עקאָנאָמישן סיסטעם.

די סתירה צווישן דער אידיי פון אַ בלוטיקער רעוואָלוציע, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו דעם קאַפּיטאַליסטישן עקאָנאָמישן סיסטעם און דער אידיי פון דער „אומפאַרמיידלעכקייט" פון דעם צוזאַמענפאַל („קאָלאַפּס") פון קאַפּיטאַליזם פון זיך אַליין, צוליב זיין אינערלעכער צעפוילטקייט האָט געמוזט אויפפאַלן אפילו מאַרקסן אַליין, וואָס איז געווען אַזוי באַגייסטערט מיט זיינע „אַנטדעקונגען". ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן עפּעס אַ בריק, וואָס זאָל קענען פאַראייניקן אָט די צוויי סתירות. שפּעטער צו האָט ער געפונען די דאָזיקע „בריק": דער קאַפּיטאַליזם וועט טאַקע אומפאַרמיידלעך צוזאַמענפאַלן דאָרט, וואו ער איז דערצו גענוג „רייף" צוליב זיינע אינערלעכע סתירות און פאַרפוילטקייט, אָבער דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין די „הייבאַם", וואָס וועט אָפּנעמען „דאָס קינד" ד. ה. דעם סאָציאַליזם, וואָס וועט געבוירן ווערן פון די געדערים פון דעם „פאַרפוילטן" קאַפּיטאַליזם. מאַרקס האָט דאָ דאָס ערשטע מאָל אַריינגעבראַכט דעם טערמין „פּראָלעטאַריאַט". דער דאָזיקער באַגריף איז שוין אַנטשטאַנען בשעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789. די דאָזיקע רעוואָלוציע איז דאָך געוואָרן דורכגעפירט דורך דער בורזשואַזיע (בירגערטום), וועלכע

האָט זיך באַצייכנט אַלס „דריטער קלאַס״, די ערשטע צוויי קלאַסן זיינען געווען די אַריסטאָקראַטיע און דער קלאַס פון די גלחים (קלעריקאַלן), וואָס האָט בשעת דעם באַשטיין פון דער מאָנאַרכיע געטיילט די מאַכט מיט די אַריסטאָקראַטן. ווען די בורזשואזיע איז געקומען צו דער מאַכט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זי זיך אַרומגעקוקט, אַז עס איז נאָך דאָ אונטער איר אַ „פערטער קלאַס״. דאָס איז געווען דער קלאַס, וואָס האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, קיין שום אייגנטום, נאָר האָט געלעבט פון טאָג־צו־טאָג פון דעם, וואָס מען האָט געקענט פאַרדינען דורך פיזישער אַרבעט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינדוסטריאַליזאַציע פון די אייראָפּעאישע מערב־לענדער, זיינען די שטאָט־פּראָלעטאַריער געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַדינט די מאַשינען. שפּעטער צו, ווען די אינדוסטריאַליזאַציע האָט זיך אַלץ מער און מער צעוואָקסן, האָט די בורזשואזיע באַדאַרפט אַלץ מער אַרבעטס־הענט און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די פּויערים אָן לאַנד זאָלן קומען פון די דערפער אין די שטעט, וואו זיי האָבן באַקומען אַרבעט אין די אַלץ ניי־צוגעקומענע פאַבריקן. אַזוי אַרום האָט דער פּראָלעטאַריאַט געהאַלטן אין איין וואַקסן אין צאָל אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, שוין אין די צייטן פון קאַרל מאַרקס.

מאַרקס איז באַלד געקומען צום אויספיר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין שום בשותפותדיקע אינטערעסן מיט דער בורזשואזיע — אין קעגנזאַץ צו די אַלע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם וועט זיך אויך העכערן דער לעבנס־ניוואָ פון די פּראָלעטאַריער און עס וועט זיך פאַרבעסערן זייער גורל.

די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן נישט געלייקנט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי קלאַסנקאַמף אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. שפּעטער צו, מיט דער אַנטוויקלונג פון די געווערקשאַפטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעטער קענען זיך אויסקעמפן אַלץ בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען און אַלץ בעסערע און העכערע לוינען, אויב זיי אָרגאַניזירן זיך ווי געהעריק און זיינען פריי צו שטרייקן.

מאַרקס האָט שוין געהאַט אַ סך צו זינגען און צו זאָגן וועגן „פּראָלעטאַריאַט״ נאָך איידער ער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען אפילו מיט איין אמתן לעבעדיקן פּראָלעטאַריער. ער האָט צוגעשריבן

דעם פּראָלעטאַריער פּאַרשיידענע דערהויבענע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען געווען איינגאַנצן אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע. שוין אין דער ערשטער אַרבעט איז ער אַרויסגעקומען מיט דעם געדאַנק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קען נישט האָפן אויף וועלכער עס איז הילף פון קיין אַנדערן קלאַס און מוז „באַפרייען זיך אַליין". אין דער אמתן זיינען דאָך מאַרקס אַליין און אַלע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן פון זיין צייט נישט געווען קיין פּראָלעטאַריער און נישט קיין זין פון פּראָלעטאַריער, נאָר זין פון דער בורזשואַזיע אָדער מיטלשטאַנד און אפילו זין פון דער אַריסטאָקראַטיע. איז וואָס זשע האָט זיי געשטויסן דערצו זיך אַזוי שטאַרק צו זאָרגן וועגן פּראָלעטאַריאַט? דאָס איז נאָר איינע פון די פילע סתירות פון מאַרקסעס געדאַנקען־גאַנג. מאַרקס האָט גאָר נישט געהאַט קיין צוימען צו זיין לויב־געזאַנג וועגן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט עס כאַראַקטעריזירט אַלס דער נאַטיוועער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט... דער פּראָלעטאַריאַט, האָט ער באַלד אין אָנהויב געשריבן, שמאַכט אונטער „פונדאַמענטאַלע קייטן" „אונטער אוניווערסאַלע פּיינען און טאָטאַלער אומגערעכטיקייט..." דער גראַפאָמאַן אין מאַרקסן האָט ווידער אויפגעלעבט אין אָט דער דאָזיקער „בלומען שפּראַך", וועלכע האָט אויסגעדריקט נישט אמתדיקע געפילן, נאָר אויס־געטראַכטע און אויסגעמוטשעטע מליצות.

שוין אין אָנהויב איז מאַרקס געווען איבערצייגט, אַז דער צוזאַמענ־בראָך פון קאַפּיטאַליסטישן עקאָנאָמישן סיסטעם איז אומפאַרמיידלעך — נאָך איידער ער האָט עפּעס געוואוסט פון עקאָנאָמיע גופא און אַזוי אויך האָט ער באַזונגען דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָך איידער ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ לעבעדיקן פּראָלעטאַריער און זייער גיך איז ער געקומען צו דעם באַשלוס, אַז דאָס אַלץ מוז זיך ענדיקן מיט אַ בלוטיקער רעוואָלוציע אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט וועט מנצח זיין און איינשטעלן די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". מאַרקס איז נישט דער מחבר פון דער פאָרמולירונג „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", ער האָט זי אויסגעבאָרגט פון אַן אמתן רעוואָלוציאָנער, דעם פראַנצויז בלאַנקי, וואָס איז אָפּגעזעסן אין תפיסה מער ווי דרייסיק יאָר פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים.

די „אַנטדעקונג" פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם

בשעת מאַרקס האָט געוואוינט אין פּאַריז (1843 — 1845) האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן אויסצוצייכענען מיט זיינע פּערזענלעכע אַטאַקעס קעגן

אַנדערע סאָציאַליסטן, מיט וועלכע ער האָט נישט מסכים געווען אין אַ וועלכן ס׳איז ענין. ער האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט זיינע פּאָלעמיקעס, אין וועלכע ער־האָט זיך באַנוצט מיט אַ בייסנדיק־סאַרקאַס־טישן סטיל אַקעגן יעדן, וועלכן ער האָט חושד געווען, אַז ער האָט אַביסל אַנדערע אידייען, ווי ער אַליין. פון דער אַנדערער זייט איז נישט געווען קיין מאָס פון ליבשאַפט צו אַ מענטש, וואָס האָט מיט אים מסכים געווען אין אַלץ און האָט צו אים אַרויפגעקוקט און האָט אים נאָך דערצו אויס־געהאַלטן אין מאַטעריעלן זינען בשעת זיין גאַנצן לעבן, אַנהויבנדיק פון פּאַריז און בריסל און בשעת זיין גאַנץ לעבן אין לאָנדאָן ביז צו דעם סוף אין 1883. דער דאָזיקער מענטש איז געווען פרידריך ענגעלס.

ווען מאַרקס האָט אָנגענומען די הנחה, אַז דאָס עקאָנאָמיש־קאַפּיטאַ־ליסטישע סיסטעם פון זיין צייט איז שוין אויסגעשפּילט און דערנענטערט זיך צום אומפאַרמיידלעכן סוף, האָט ער נאָך גאָר נישט געוואוסט וועגן עקאָנאָמיע בכלל. ער איז געקומען צו דער דאָזיקער הנחה אויפן סמך פון העגעליאַניש־פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. ווען ער האָט זיך גענומען לייענען עקאָנאָמיע, האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס עקאָנאָמישע סיסטעם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאַפּיטאַליזם איז ערשט ביים אַנהויב פון דער אַנטוויקלונג. די פאַקטן פון דער עקאָנאָמיע פון זיין צייט האָבן גאָר־נישט געשטימט מיט זיין הנחה, אַז די דאָזיקע עקאָנאָמיע איז דעמאָלט שוין געווען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. נישט קענענדיק געפינען קיין שום באַווייזן אין דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור פאַר זיין „וויסנשאַפט־לעכער״ הנחה וועגן סוף פון קאַפּיטאַליזם, האָט מאַרקס זיך דערווייל גענומען צו זיינע באַרימטע פּאָלעמיקעס, וועלכע האָבן געבוירן דאָס בוך „די הייליקע פאַמיליע״, אין וועלכן ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט ברונאָ בויער, זיין אַמאָליקן עלטערן פריינט און שטיצער, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ שוכן־עפר... אפילו ענגעלס האָט זיך געקווענקלט צו פיגורירן אַלס קאָ־אויטאָר, ווייל ער איז נישט געווען ביים שרייבן פון דאָזיקן בוך, ער האָט נאָר אַריינגעשיקט צו מאַרקסן אַ קורץ קאַפּיטל, וועלכעס מאַרקס האָט אַריינגענומען אין גאַנצן בוך. צווייטנס האָט דער פאַרלעגער פאַר־לאַנגט, אַז ענגעלס זאָל אויך פיגורירן אַלס אויטאָר (ער האָט ענגעלסן אפילו געשטעלט אויפן ערשטן פּלאַץ). דאָס צווייטע בוך „די דייטשע אידעאָלאָגיע״ איז נאָך מער געווען אַן אָפּרעכענונג מיט אַלע, וועלכע

מאַרקס האָט באַטראַכט אַלס „אידעאָלאָגישע קעגנער״, אָבער פּאַקטיש איז עס געווען פּערזענלעכע שנאה, מאַסקירט אַלס אידעאָלאָגיע.

פאַר דער „דייטשער אידעאָלאָגיע״ האָט מאַרקס נישט געקענט געפינען קיין פאַרלעגער, וואָס זאָל זיין גרייט עס צו דרוקן. אפילו מאַרקסעס יורשים האָבן זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וועלכעס פראַנץ מעהרינג, דער מחבר פון דער גרויסער מאַרקס־ביאָגראַפיע, באַשרייבט אַלס „אַ מדבר מיט גאָר קליינע אָאַזיסן״. ער גיט נאָך צו, אַז פון מאָל צו מאָל גיט זיך אַ באַווייז „מאַרקסעס דיאַלעקטישע חריפות, וואָס דעגענערירט אָבער באַלד אין האַרשפּאַלטעריי און וואָרט־אַקראָבאַטיק פון אַ גאָר נידעריקן מין״ (ז׳ 116). ערשט 80 יאָר נאָך מאַרקסעס טויט האָט מען „די דייטשע אידעאָלאָגיע״ אַרויסגעגעבן צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע.

▽

מאַרקס האָט זיך זייער אָנגעשטרענגט צו געפינען באַווייזן פאַר זיין טעאָריע, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף דער עקאָנאָמיע פון קאַפּיטאַליזם פון זיין צייט. ער האָט די דאָזיקע באַווייזן נישט געקענט געפינען, ווייל זיי זיינען פשוט נישט געווען... אין 1845 איז מאַרקס שוין געווען אין בריסל, ווייל די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים געהייסן פאַרלאָזן פראַנקרייך. ווען ער וואָלט זיך שטאַרק באַמיט, וואָלט ער נישט געמוזט פאַרלאָזן פּאַריז, ער האָט אָבער געוואָלט טראָגן די קרוין פון אַ מאַרטירער... (באַקונין און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן מכל המינים, נישט־פראַנצויזישע בירגער, האָבן אויך באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן פראַנקרייך, אָבער די פּאַריזער פּאָליציי האָט עס געטאָן מער לפנים און אַז מען האָט זיך אַביסל משתדל געווען, איז קיינער פון זיי נישט געוואָרן געצוואונגען טאַקע באמת אַרויסצופאָרן).

און דאָ איז בריסל האָט מאַרקס געמאַכט זיין „אַנטדעקונג״, אַז די עקאָנאָמיע איז דער איינציקער כוח, וואָס רעגירט די וועלט. ער האָט געקוקט אויף דער עקאָנאָמיע פון דרויסן, ווייל קיין עקאָנאָמיסט איז ער דאָך קיינמאָל נישט געווען.

בקיצור: די סיבה פון אַלץ, וואָס איז געווען, וואָס איז און וואָס וועט זיין, ליגט אין דער עקאָנאָמיע. מאַרקס איז דערצו צוגעגאַנגען נישט פון אַן עקאָנאָמישן קוק־ווינקל, נאָר פון אַ פילאָזאָפיש־העגעליאַנישן, אָבער מיט איין חילוק: דער אָנהויב פון אַלץ און אַלעמען איז נישט גאָט און

נישט מענטשלעכע אידייען (ווי העגעל האָט געזאָגט) נאָר די עקאָנאָמיע... כאָטש די מאַרקסיסטן גלויבן, אַז דאָס איז אַ געוואַלדיקע אַנטדעקונג, קען מען די דאָזיקע „אַנטדעקונג״ רעדוצירן צו אַ סעמאַנטישן (ווערטלעכן) מאַנעוור, לויט וועלכן דער באַגריף פון גאָט אָדער אידיי איז פאַרביטן מיט דעם באַגריף „עקאָנאָמיע״. מיט אַנדערע ווערטער: דער גלויבן אין גאָט ווערט פאַרביטן מיט דעם גלויבן אין עקאָנאָמיע... בסך הכל נישט קיין גרויסער חילוק, אויסער דעם חילוק אין טערמינאָלאָגיע. דער עיקר בלייבט דער זעלבער; דער גלויבן, און ווייטער צו איז שוין נישט קיין וואונדער, וואָס הער מאַרקסיזם האָט זיך מער און מער אַנטוויקלט נישט ווי אַ וויסנשאַפט, אין וועלכער מען קען דעם אָדער יענעם פונקט אָפּפרעגן אָדער ענדערן אויפן סמך פון אַן אַנטוויקלונג אין דער רעאַלער וועלט, נאָר ווי אַ רעליגיע, וואָס איז דאָגמאַטיש ביז גאָר און וואו אַ ציטאַט פון מאַרקסעס שריפטן ווערט באַנוצט ווי אַ „באַוויז״ גאַנץ אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס עס קומט פאָר אין דער רעאַלערווירקלעכקייט. דער מאַרק־סיזם האָט זיך אַנגעהויבן מיט דעם גלויבן אין אַ טעאָריע, וואָס איז לכתחילה געווען פאַלש און איז פאַרבליבן אַ גלויבן, וואָס איז נישט צוטריטלעך צו שכלדיקע אַרגומענטן.

נאָר לאָמיר זיך צוקוקן נעענטער צו מאַרקסעס טעאָריע, אַז די עקאָ־נאָמיע איז די איינציקע סיבה פון אַלץ און אַלעמען, פון רעליגיע און פילאָזאָפיע, פון די וויסנשאַפטן, פון קולטור, קונסט און ליטעראַטור אאז״וו: צי איז נישט מאַרקסעס זאָג, אַז „אַן אידיי (מיינענדיק זיין אייגענע טעאָריע) ווערט אַ געוואַלדיקער כוח, ווען זי באַהערשט די מאַסן״ אַ דירעקטע סתירה צו זיין „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״, וועלכע ער האָט אויך פאַר־מולירט אין דעם זאַץ, אַז „דאָס זיין באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין״? פון וואָס איז געוואָרן באַשטימט מאַרקסעס אייגענע טעאָריע, (באַוואוסטזיין פון זיין עקאָנאָמישן זיין, צי פון העגעלס פילאָזאָפיע? האָט דען נישט מאַרקס אַליין איבערגעחזרט הונדערטער מאָל, אַז ווען נישט די דיאַלעקטיק, וואָס ער האָט גענומען ביי העגעלן, וואָלט זיין אייגענער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם״ קיינמאָל נישט צושטאַנד געקומען?).

איינער פון די סימנים פון אַ פאַלשער טעאָריע, איז דער פאַקט, אַז זי איז זיך אַליין סותר. עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע סימנים פון פאַלשקייט, אויף וועלכע מיר וועלן זיך שפּעטער אָפּשטעלן.

ווער עס איז אָביעקטיוו, קען נישט לייקענען, אַז די עקאָנאָמיע איז איינער פון די פאַקטאָרן, איינע פון די סיבות פאַר דער אַנטשטייאונג פון זאַכן און אידייען, ווייל אַלע דערשיינונגען אין דער מאַטעריעלער ספערע און אין דער פסיכישער ספערע זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ קאָמבינאַציע פון אַ סך פאַרשיידענע מאַטעריעלע און פסיכישע פאַקטאָרן. אָבער אויב עס קומט אַ מענטש און כאַפּט אַרויס פון אַלע סיבות די עקאָנאָמיע אַלס די איינציקע סיבה, באַוויזט עס נאָר איין זאַך: דער דאָזיקער מענטש ווייסט זייער ווייניק אָדער גאָרנישט וועגן עקאָנאָמיע. אַזוי אַרום איז טאַקע אַנטשטאַנען מאַרקסעס עקסטרעם איינזייטיקע טעאָריע וועגן געשיכטע — דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.

מאַרקס האָט געגלויבט, אַז ביז צו זיין „אַנטדעקונג״, אַז די פּראָדוקציע־באַדינגונגען אין דער עקאָנאָמיע זיינען דער איינציקער כוח, וואָס באַוועגט דעם גאַנג פון דער געשיכטע, האָט די געשיכטע אויסגעזען ווי אַן אָנ־הויבונג פון פאַרשיידענע צופאַלן... ער האָט געגלויבט, אַז אַנווענדנדיק דעם מעטאָד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם קען מען פאַרשטיין דעם זינען נישט נאָר פון דער געשיכטע, וואָס איז געווען ביז אים, נאָר מען קען אויך פאָרויסזאָגן די אַנטוויקלונג פון קומענדיקע געשעענישן מיט דער עקזאַקטקייט פון וויסנשאַפטלעכער פיזיק אָדער מאַטעמאַטיק... ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָבן זיך אַלע זיינע פאָרויסזאָגעכצן וועגן דער קו־מענדיקער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשע נביאותן. און אין רוסלאַנד, וואו מען האָט נאָך דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע אָנגעהויבן אַנצואווענדן זיינע „וויסנשאַפטלעכע״ טעאָ־ריעס מיט טעראָר און געוואַלט קעגן דער גרויסער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, האָט זיך באַקומען נישט קיין סאָציאַליסטישער סיסטעם, נאָר אַן אימפּעריאַליסטישע, נאַציאָנאַליסטישע טאָטאַלע מלוכה אָן וועלכן ס׳איז סימן פון סאָציאַליזם. עס זיינען נאָך פאַראַן נאַאיווע מענטשן, וואָס גלויבן, אַז מאַרקס האָט נישט געהאַט אין זינען דעם טעראָר און די פאַרשקלאַפונג, וואָס מיר זעען אין רוסלאַנד און אין אַנדערע „קאָמוניס־טישע״ און טאָטאַליסטישע מלוכות, וואו די באַפעלקערונג איז פאַרשקלאַפּט אין יעדן פעלד פון מענטשלעכן זיין: פיזיש, גייסטיק און עמאָציאָנעל. אָט די מענטשן דאַרפן זיך אומקערן צו מאַרקסעס שריפטן אין אָריגינאַל. זיי וועלן דאָס אַלץ דאָרט געפינען: דעם רויטן טעראָר (לויטן מוסטער פון

דער פּראָווינצישער רעוואָלוציע און פון דער פּאַריזער קאָמונע), די אונטער־דריקונג פון יעדער מעגלעכקייט פאַר אינדיווידועלן אויסלעבן זיך אאז״וו. דאָס אַלץ אַלס די „ערשטע מדרגה״ צו דעם „אמתן קאָמוניזם״. דערווייל האַלטן מיר ביי דער „ערשטער מדרגה״ אין רוסלאַנד שוין מער ווי זעכציק יאָר און ווייט צו דעם, וואָס וואָגט צו חלומען פון עפּעס אַנדערש...

קאַרל מאַרקס איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס ער האָט געמאַכט אַזאַ גרויסע „וויסנשאַפטלעכע״ אַנטדעקונג, אַז די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע־באַדינגונגען דערקלערן אַלע דערשיינונגען אין דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט פון ווען זי האָט זיך בכלל אָנגעהויבן ביז צום וייטן עתיד. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט אַנטדעקט די נאַטור־געזעצן פון דער אַנטוויק־לונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אין 1845 האָט מאַרקס געמוזט פאַרלאָזן פּאַריז און האָט זיך באַזעצט אין בריסל. אין פרילינג 1845 איז ענגעלס אויך געקומען קיין בריסל (בעלגיע) און לויט פרידריך ענגעלסן האָט מאַרקס אים געלאָזט וויסן וועגן זיין נייער „אַנטדעקונג״, ד. ה. די עקאָנאָמישע פילאָזאָפיע פון דער גע־שיכטע אָדער ווי זיי האָבן עס שפּעטער גערופן „היסטאָרישער מאַטעריאַ־ליזם״. ענגעלס האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך פריער געהאַט ענלעכע געדאַנקען, אָבער ווען מאַרקס האָט אים פאַרגעלייענט זיין פאַר־מולירונג, האָט ער מיט אים מסכים געווען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. ענגעלס האָט דעמאָלט געשריבן, אַז די אידיי וועגן היסטאָרישן מאַטע־ריאַליזם האָט אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר דעם פאַרשטיין פון דער געשיכטע פּונקט ווי דאַרווינס טעאָריע פאַר דער וויסנשאַפט פון ביאָלאָגיע... לויט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם באַשטימען די כוחות פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע דעם גורל פון דער מענטשהייט און פון אַלץ וואָס מענטשן שאַפן אויפן מאַטעריעלן אָדער גייסטיקן געביט. „די מענטשן זיינען נישט פריי זיך אויסצוקלייבן זייערע אייגענע פּראָדוקטיווע כוחות״. זיי האָבן נישט קיין שום ברירה: זיי מוזן זיך צופּאַסן צו דער מדרגה פון טעכנאָ־לאָגישער אַנטוויקלונג פון זייער צייט. אומאָפּהענגיק פון זייער אייגענעם ווילן, ווערן געשטאַלטיקט די באַציאונגען צווישן מענטשן אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע... און אַזוי ווי די פּראָדוקטיווע כוחות באַשטימען, ווער עס האָט די מאַכט אין אַ געגעבענער געזעלשאַפט, איז דאָך קלאָר, אַז די באַזיצער פון די דאָזיקע כוחות האָבן די גאַנצע מאַכט און זיי זיינען דער

הערשנדיקער קלאַס. דערפון איז ווייטער געדרונגען, אַז די רעגירונג אָדער מלוכה איז נישט מער ווי אַ קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט די עניניםפון דער גאַנצער בורזשואַזיע...

ווען מאַרקס האָט אָט די געדאַנקען נאָך מער אַנטוויקלט אין זיין „אריינפיר צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע", איז ער נאָך געווען אַ יונגערמאַן. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן, אַז דער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם איז פאַרפוילט און איז פאַראורטיילט „דורך דער געשיכטע" צום אונטערגאַנג. ער האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע קייט פון אַבסטראַקטע איינזייטיקע הנחות, איינע פאָלגנדיק פון דער אַנדערער און אויב נאָר אַ רינג אין אָט דער קייט וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלש, מוז זיך דאָך צוזאַמענפאַלן זיין גאַנצע לאָגישע געביידע... ווי אַזוי קען מען באַווייזן, אַז מענטשלעכע אידייען זיינען אויסשליסלעך אַ פּראָדוקט פון דעם עקאָנאָמישן סיסטעם? זיינען דאָך מאַרקסעס אייגענע אידייען געווען אַ פּראָדוקט פון די פילאָזאָפישע אידייען פון העגעלס, פון פייערבאַך און פון אַ טייל אידייען פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, די השפּעה פון משה העס, וואָס האָט איבערגעמאַכט קאַרל מאַקסן — כמעט איבערנאַכט — פון אַן אַנטי־סאָציאַליסט צו אַ סאָציאַליסט און קאָמוניסט... וואָס פאַראַ השפּעה האָט דאָ געהאַט די עקאָנאָמיע אָדער די ווויסנשאַפט פון עקאָנאָמיע פון וועלכער ער האָט נאָך דעמאָלט כמעט גאָרנישט געוואוסט? און וואָס פאַר אַ השפּעה האָט געקענט האָבן אויף זיינע אידייען זיין אָפּשטאַם, וואָס איז דאָך געווען זייער ווייט פון פּראָלעטאַריש אָדער די באַדינגונגען פון זיין אַרבעט, וואָס האָט דאָך גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט מאַטעריעלער עקאָנאָמישער פּראָדוקציע?

די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט לערנט אונדז, אַז איינע פון די שווערסטע זאַכן איז צו זען זיך אַליין, צו זיין אַ מבין אויף זיך אַליין. מאַרקס איז צוליב זיין פאַראַנאָאישן כאַראַקטער געווען אין דעם פּרט נאָך מער באַ־גרענעצט ווי יעדער דורכשניטלעכער מענטש. ער האָט אָבער באַלד באַ־קומען אַ געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, ווי אַזוי זיין טעאָריע „באַשטעטיקט זיך" אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט. עס האָט זיך געמאַכט, אַז ענגעלס האָט אויף אַ וויילע באַדאַרפט צוריקפאָרן פון בריסל קיין מאַנ־טשעסטער אין ענגלאַנד, וואו ער האָט פריער געאַרבעט פאַר זיין פאָטער, דעם דייטשן אינדוסטריאַליסט אין בארמען (וואו עס איז געווען די

צענטראַלע). ענגעלס האָט פאַרבעטן מאַרקסן אים צו באַגלייטן קיין ענגלאַנד, כדי צו זען ווי עס האַלט דאָרט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ענגלאַנד איז דעמאָלט געווען עקאָנאָמיש און אינדוסטריעל דאָס העכסט־אַנטוויקלטע לאַנד אין אייראָפּע און אויף דער וועלט. די פראַגע צו פאַרענטפערן איז איצט געווען: ווי ווייט האָט די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע כוחות משפיע געווען אויף דעם באַוואוסטזיין פון די ענגלישע אַרבעטער? דאָס בילד, וואָס מאַרקס האָט איצט געקענט שטודירן פון דער נאָענט, האָט אים גאָרנישט גליקלעך געמאַכט...

מאַרקס האָט זיך אין ענגלאַנד געטראָפן מיט אַ פּאָר ראַדיקאַלע פירער פון דער טשאַרטיסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע ראַדיקאַלע פירער האַלטן נאָך שטאַרק פון רעליגיע. זיי האָבן געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר דעם הערשנדיקן געזעץ פון זייער לאַנד. זיי האָבן נישט געטראַכט וועגן קיין שום פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע רעוואָלוציעס אָדער איבערקערענישן. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרבעסערן דעם גורל און מצב פון אַרבעטער. זייער פּראָגראַם איז געווען צו פאַר־שטאַרקן די געווערקשאַפטן און אויפקלערן די אַרבעטער, אַז שטימען פאַר די טשאַרטיסטן וועט זיי דערמעגלעכן צו האָבן זייער אייגענע רעפּרעזענ־טאַציע אין פאַרלאַמענט, וואָס וועט קעמפן פאַר זייערע רעכט.

דאָ האָט זיך מאַרקס געפרעגט, צי זאָל ער נאָך ווייטער גלויבן אין זיין טעאָריע וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וועלכע האָט זיך דערווייל אין ענגלאַנד נישט באַשטעטיקט. („דאָס זיין באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין״). ער האָט באַשלאָסן אַז די ענגלישע אַרבעטערשאַפט און זייערע פירער ווייסן אייגנטלעך נישט וואָס עס טוט זיך אין ענגלאַנד... עס זיינען אין לאָנדאָן געווען אויך היפשע גרופּעס פון דייטשע אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט זייער אָרגאַניזאַציע („די ליגע פון די גערעכטע״) אָבער דאָ איז פונקט אָנגעקומען ווילהעלם וויטלינג, אַן אמתער דייטשער פּראָלעטאַריער, וואָס איז אָפּגעזעסן אַ פּאָר יאָר אין אַ שווייצאַרישער תפיסה פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. מאַרקס אַליין האָט אים נאָך מיט אַ יאָר צוריק אָנגערופן אויף זיין מליצהדיקן שטייגער „די רויזן־קינדערשיך פון דעם פּראָלעטאַריאַט״. די דייטשע און אויך די ענגלישע אַרבעטער האָבן אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנער אַ סך כבוד, אָבער אויף מאַרקסן און זיינע טעאָריעס האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט... איצט האָט

מאַרקס אָנגערופן וויטלינגען אַ „ליידיקער סענטימענטאַליסט“ און ער האָט מיט גרויס כעס פאַרלאָזן ענגלאַנד.

מאַרקס „דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטאָר“

דאָס איז דער נאָמען וואָס עס האָט אים געגעבן אַ רוסישער עמיגראַנט (אַנענקאָוו). און ער האָט צוגעגעבן די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע באַשרייבונג: „מיט אַ געדיכטער שוואַרצער טשופּרינע אויפן קאָפּ, מיט האָריקע הענט און קרום־פאַרקנעפּלטן פּראַק, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס האָט דאָס רעכט און די מאַכט אַרויסצורופן דרך ארץ, אומאָפּהענגיק פון זיין אויסזען און וואָס ער האָט געטאָן. מיט זיין אויפפירונג, האָט ער זיך אַנטקעגנפעשטעלט וועלכע ס'איז אַקצעפּטירטע פאָרם פון סאָציאַלע נאָרמעס, ער איז געווען אַ גדלן און מיט ביטול אָראָפּגעקוקט אויף אַנדערע. זיין שאַרף, מעטאַליש קול איז געווען תמיד צוגעפּאַסט צו דעם פּסק־דין, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויף מענטשן און זאַכן. אפילו נאָך דעמאָלט האָט מאַרקס זיך אַרויסגעזאָגט וועגן פראַגן אין דער פאָרם פון אַ פּסק־דין, קעגן וועלכן עס איז נישטאָ קיין אַפּעלאַציע...

אָט דאָס בילד פון שטרענגער אויסגעהאַלטנקייט האָט אין היפּשער מאָס מאַסקירט זיין אינערלעכע דיזאָרגאַניזירטקייט. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פּובליקירן זיין טעאָריע וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז איין אויסגעהאַלטענער אָפּהאַנדלונג. עס האָט געדויערט 13 יאָר פון זינט ער איז אַרויסגעקומען מיט דער דאָזיקער טעאָריע ביז ער האָט זי פאַרעפנטלעכט אַלס „אַריינפיר צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ און דאָס האָט סך הכל פאַרנומען 2 זייטן. אין אָט די 13 יאָר האָט ער זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט פּאָלעמיקעס, אין וועלכע ער האָט זיך אויסגעלעבט אַ סך בעסער, ווי אין אַ רואיקער, אָביעקטיווער אָפּהאַנדלונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצושטעלן אַלס „עקאָנאָמיקער“ און אַלס אַזעלכער האָט ער זי אַריינגעוואָרפן צו פּאַרטייליקן אַלע, וואָס וואָלטן געקענט מיט אים קאָנקורירן אויף דעם געביט פון סאָציאַליזם. ער האָט דערביי אַנטוויקלט אַ בייסנדיקן סטיל, פול מיט בייזוויליקע אָנפאַלן. דעם דאָזיקן סטיל האָבן געירשנט לענין און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — טאַקע סטאַלין אַליין.

אין זיינע פּאָלעמיקעס מיט די מיטגלידער פון דער פּאַריזער „קאָמוניסטישער פּאַרטיי״, וואָס האָט געהאַט אפשר צוואַנציק מיטגלידער, האָט מאַרקס זיך באַנוצט אי מיט אידעאָלאָגישע וואָפן, אי מיט פּערזענלעכע אָנפאַלן. אַזוי אַרום האָט ער, מיט דער מיטהילף פון ענגעלסן געזען צו פאַרפעסטיקן זיין פּערזענלעכע העגעמאָניע. ער האָט איינגעטיילט די מיטגלידער פון דער „פּאַרטיי״ אין „פּראָגרעסיווע״, וואָס האָבן באַדאַרפט באַווייזן דעם פּראָלעטאַריאַט די „אייזערנע נאַטור־געזעצן״, וואָס וועלן פירן צו דעם „אומפאַרמיידלעכן״ נצחון פון פּראָלעטאַריאַט. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזען אין דער „פּאַרטיי״ אַ צאָל פון „סענטימענטאַלע אַלטע ווייבער״, וואָס שיטן מיט „פראַזן״, באַטראַכטנדיק סאָציאַליזם אַלס אַ פראַגע פון מאָראַל און גערעכטיקייט... פאַר די אַלע חטאים האָט מאַרקס געזען וואָס גיכער אַרויסצושטויסן פון דער „פּאַרטיי״ איינעם נאָך דעם אַנדערן, די אַלע, וואָס זיינען אים נישט געווען צום האַרצן. צווישן אַנדערע האָט ער באַוויזן אַרויסצוואַרפן דעם פּראָלעטאַריער ווילהעלם ווייטלינג, וועלכן ער האָט נישט געקענט מוחל זיין דעם גרויסן כבוד און הערפאָלג ביי די ענגלישע טשארטיסטן און צום סוף אפילו משה העסן, וואָס איז דאָך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איבערצייגן מאַרקסן און ענגעלסן צו דינען דער זאַך פון קאָמוניזם. משה העס האָט זיך צוגעקוקט צו מאַרקסעס באַמיאונגען איבערצונעמען דעם טאָטאַלן קאָנטראָל איבער דער מיקראָסקאָפּישער קאָמוניסטישער „פּאַרטיי״ און נישט געוואָלט, אַז מאַרקס זאָל ווערן דער „גרויס־אינקוויזיטאָר״ אין די סאָציאַליסטישע רייען. מאַרקס האָט אים דאָס אויך נישט געקענט מוחל זיין און האָט אים פאַרגעוואָרפן „סענטימענטאַליטעט״ און ווען ער האָט שוין קעגן העסן נישט געקענט געפינען קיין אַנדערן חטא, האָט ער אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישער קראַנקייט פון זיין אייגענער פרוי... פאַרשטייט זיך, אַז אין אַלע מאַנעוורעס אַרויסצושטויסן די אַלע, וואָס זיינען אים נישט געווען צום האַרצן, איז אים תמיד בייגעשטאַנען ענגעלס.

דעם קאַמף פאַר מאַכט האָט מאַרקס קודם געפירט צווישן די געציילטע פאַר דייטשן, וואָס האָבן געהערט צו דער קאָמוניסטישער „פּאַרטיי״ אין פּאַריז. ווען מ. פּרודהאָן, איינער פון די אָנגעזעענסטע פירערס פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך „די פילאָזאָפיע

פון אָרעמקייט״ האָט מאַרקס געהאַלטן פאַר נויטיק אויף אים אָנצופאַלן פערזענלעך מיט די נידעריקסטע זילזולים אין זיין קאָנטראַ־בוך „די אָרעמ־קייט פון דער פילאָזאָפיע״.

„דאָס קאָמוניסטישע מאַניפעסט״

ביז צום יאָר 1847 האָט זיך מאַרקס שוין געמאַכט זייער אַ שלעכטע רעפּוטאַציע מיט זיינע אַראָפּרייסערישע פּאָלעמיקעס און פּערזענלעכע אָנפאַלן קעגן אַלע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן פון זיין צייט, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן אינטערעס צו זיינע טעאָריעס, וועלכע ער האָט, אגב, נאָך נישט געהאַט אפילו פאַרעפנטלעכט אין אַ קלאָרן צוזאַמענהאַנג. די סיבה דערפון איז געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך אַלץ פאַררופן אויף דער „עקאָנאָמיע״ אַלס די סיבה פון אַלע סיבות, אָבער קיין עקאָנאָמיקער איז ער נאָך דערווייל נישט געווען און אַלע זיינע גייסטיקע כלי־זין האָבן נאָך אַלץ געשטאַמט פון העגעלס פילאָזאָ־פישער דיאַלעקטיק.

אָבער אין יאָר 1847 האָט זיך פאַר אַ ווייל געקענט דוכטן, אַז מאַרקס איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טיפער עקאָ־נאָמישער קריזיס סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע. די בערזעס האָבן געקראַכט און עס זיינען געווען אַ סך מער באַנקראָטן, ווי בשעת פריערדיקע קריזיסן. אַ סך פאַבריקן האָבן זיך פאַרמאַכט און די צאָל אַרבעטסלאָזע איז געווען אַ סך גרעסער, ווי ווען עס איז פריער בשעת אַן עקאָנאָמישן קריזיס. עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז מאַרקסעס נביאות, אַז די קאַ־פּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע איז שוין „רייף״ זיך פאַנאַנדערצופאַלן, הויבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן. און אויב דער ערשטער טייל פון זיין „וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם״ רוקט זיך צו נענטער צו אַ פאַרווירקלעכונג, איז דאָך קלאָר, אַז די וועלט שטייט נישט נאָר פאַר אַ פּאָליטישער, נאָר טאַקע פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע...

אין אָט דעם יאָר האָבן מאַרקסעס אידייען וועגן קומענדיקן צוזאַמענ־בראָך פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אָנגעהויבן צו ווערן מער פּאָפּולער צווישן די סאָציאַליסטן פון זיין צייט. די „ליגע פון די קאָמוניסטן״ אין לאָנדאָן האָט געשיקט אַ ספּעציעלן שליח צו מאַרקסן קיין בריסל, וועלכער האָט אים פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער פאַראייניקונג

פון דער לאָנדאָנער „ליגע״ מיט אַלע אַנדערע פּראָלעטאַרישע „פּאַרטייען״ אין פּאַריז און טאַקע אין בריסל. אויף אַזאַ אופן וואָלט געשאַפן געוואָרן איין אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע ליגע. זיי האָבן אויך פאַרגעלייגט, אַז מאַרקס זאָל אָנשרייבן דעם פּראָגראַם פון אָט דער נייער אָרגאַניזאַציע. מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און האָבן אָנגעשריבן דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָן אין דעם דייטשן אָריגינאַל. אין דעם דאָזיקן מאַניפעסט האָבן זיי זיך באַמיט צו פּאָפּולאַריזירן זייערע אידייען וועגן דער „אומפאַרמיידלעכקייט״ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

זיי האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט די אַלע לאָזונגען, וואָס זיי האָבן אויסגעבאָרגט ביי די פירערס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אויך ביי אַנדערע, למשל: 1) „די פּראָלעטאַריער האָבן גאָרנישט צו פאַרלירן, נאָר זייערע קייטן״ דאָס האָבן זיי גענומען ביי מאַראַט, דעם גרויסן טעראָריסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. 2) „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך״ דעם דאָזיקן לאָזונג האָבן זיי אויסגעבאָרגט פון דעם דייטשן סטודענט שאפּער, וואָס האָט עס פאַרעפנטלעכט מיט פיר חדשים פאַר זיי אין לאָנדאָן 3) „מאַכן אַ סוף צו דער עקספּלאָאַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן״, דאָס שטאַמט פון באַזאַרד, אַ תלמיד פון סען־סימאָן, איינער פון די ערשטע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וועלכן מאַרקס האָט גערופן „אוטאָפּיסט״ (ד. ה. אַ סאָציאַליסט וואָס גלויבט אַז דער פּראָלעטאַרישער גן־עדן וועט קומען בהדרגהדיק, אָן בלוטיקער רעוואָלוציע). דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ איז אייגנטלעך געווען דאָס איינציקע ביכל, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן צו די לייענער ערשט שפּעטער, נאָך 1848, ווען עס זיינען געווען רעוואָלוציעס אין מערב אייראָפּע.

די רעוואָלוציעס פון 1848 און מאַרקס

בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע אין פּאַריז דעם 22טן פעברואַר, 1848, איז מאַרקס געווען אין בעלגיע (בריסל). מאַרקס האָט זיך צוגעקוקט פון דער ווייטן צו דעם אויפשטאַנד פון די מאַסן, וואָס איז געווען ספּאָנטאַן, כאָטש פאַרשיידענע אַגיטאַטאָרן האָבן מיטגעהאָלפן, צווישן זיי דער רוסישער אַריסטאָקראַט באַקונין. דער קיניג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן און איז אומגעשטערט אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן,

וואו אַלץ איז געווען רואיק און אין אָרדענונג. אין פּאַריז איז געשאַפן געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג, אָנגעפירט פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן לוי בלאַנק און פלאָקאָן און אויך פון דעם דיכטער אלפּאָנס לאַמארטין. די קאָמוניסטישע ליגע אין לאָנדאָן (וואָס איז כמעט אינגאַנצן באַשטאַנען פון דייטשן) האָט זיך באַגענוגנט מיט רופן אַ פאַרזאַמלונג און איבערגעבן די איניציאַטיוו צו דער „צענטראַלע" אין בריסל, וואו מאַרקס איז געווען דער פירער. מאַרקס האָט גערופן אַ מיטינג וואו די הויפּט־טעמע איז געווען „צו געבן וואָפן די אַרבעטער". אָבער דאָס אַלץ איז געבליבן אויפן פּאַפּיר, ווייל די סיטואַציע צווישן די אַרבעטער אין בריסל איז בכלל געווען זייט פון רעוואָלוציאָנער און אויסער דעם האָט די פּאָליציי אין בריסל געהייסן מאַרקסן פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין משך פון 24 שעה. ווען מאַרקס איז אָנגעקומען קיין פּאַריז, איז דאָרטן די נייע רעפּובליק שוין אַלט געווען מער ווי 10 טעג. ווי באַקאַנט, איז בלאַנקי און אַנדערע עקסטרעמיסטן, וועלכע מאַרקס האָט געשטיצט, געווען קעגן אַלגעמיינע וואַלן, ווייל זיי האָבן געוואוסט וואָס פאַרא קליינע מינדערהייט זיי זיינען. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן די וואַלן און האָט באַקומען 9 מיליאָן שטימען אין גאַנץ פראַנקרייך.

די עקסטרעמיסטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער באַסטילע מיט דעם לאָזונג „פרייהייט אָדער טויט" און האָבן אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער ציל איז געווען אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" אַזוי ווי בלאַנקי האָט זיי געלערנט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ניי־דערוויילטע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אַרויסגעשיקט קעגן זיי די אַרמיי, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער גענעראַל קאַוואַגניאַק. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן אין בלוט. עס איז געווען פאַר יעדן קלאָר, אַז די ניי־דערוויילטע דעמאָקראַטישע רעגירונג איז געוואָרן אַטאַקירט פון אַ קליינער מינדערהייט קאָמוניסטיש־געשטימטע עקסטרעמיסטן. דעם רעזולטאַט האָט יעדער געקענט פאָרויסזען: זיי האָבן געמוזט האָבן אַ מפּלה. מאַרקס האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט די אויפשטענדלער, וואָס האָבן געוואָלט אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". אָבער דער פּראָלעטאַריאַט אַליין האָט עס נישט געוואָלט. די אַרבעטער־באַטאַליאָנען, וועלכע מען האָט פאָרמירט נאָך אין פעברואַר, 1848, האָבן מיט אַלע כוחות געהאָלפן צו דערשטיקן דעם פּוטש פון די עקסטרעמיסטן. מיטאַמאָל האָט מאַרקס

באַשטימט, אַז די אַרבעטער־באַטאַליאָנען זיינען באַשטאַנען פון „לומפּן־פּראָלעטאַריאַט״, ד. ה. „אונטערגעקויפטע וואַגאַבונדן״, „בעטלערס״, „שווינדלערס״ אאז״וו.

נאָך דעם יוני־פּוטש האָט זיך דאָס פראַנצויזישע פאָלק באַרעכנט, אַז אויסער דעמאָקראַטיע מוז עס נאָך האָבן אַ שטאַרק געזעץ, זיכערקייט און אָרדענונג און אַזוי אַרום איז דער פּרינץ לוי נאַפּאָלעאָן, אַ פּלימעניק פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, געוואָרן אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

און ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַרקס האָט נישט געהאַט קיין געפיל פאַר דער ווירקלעכקייט, אין זיינע קאַלקולאַציעס האָט ער נישט געזען קיין לעבעדיקע מענטשלעכע באַשעפענישן, ער האָט אָפּערירט מיט אַבסטראַקציעס, וואָס זיינען געווען ווייט פון דער ווירקלעכקייט.

די רעוואָלוציע פון 1848 אין פראַנקרייך האָט געשאַפן אַ שטימונג פאַר רעוואָלוציעס אין פּרייסן און אין אַנדערע דייטשע לענדער. אויך אין עסטרייך האָט זיך די האַבסבורגער מאָנאַרכיע אָנגעהויבן צו שאָקלען און דער קייזער איז פון ווין אַנטלאָפן קיין טיראָל, וואו ער האָט זיך געפילט אַ סך זיכערער. אין עסטרייך זיינען עס געווען די מאַגיאַרן, טשעכן, פּאָליאַקן און אַנדערע פעלקער פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען אויטאָנאָמיע און אומאָפּהענגיקייט.

אָבער די אַלע רעוואָלוציעס האָבן צו גאָרנישט געפירט און זיינען פּשוט מפּיל געוואָרן נאָך דעם ווי פראַנקרייך האָט זיך צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנאַרכיע.

מאַרקס האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אַלע זיינע נביאותן האָבן זיך נישט באַשטעטיקט. די „וויסנשאַפטלעכקייט״, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען אין 1848 ווי אַ צווייטער עטאַפּ פון דער פּאָליטישער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, האָט זיך אויסגעלאָזט אַלס אַ פּוסטע פאַנטאַזיע. בנוגע זיין טעאָריע, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען קודם אין דעם לאַנד וואו די עקאָנאָמישע באַדינגונגען וועלן זיין געגנוג אַנטוויקלט, אַז די „אינערלעכע ווידערשפּרוכן״ פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם זאָלן פירן צו זיין אונטערגאַנג, האָט ענגלאַנד באַוויזן, אַז פּונקט דער היפּוך איז אמת. אָט האָט זיך ענגלאַנד, וואָס איז אין 1848 געווען די מיינסטנס אינדוסטריאַליזירטע מדינה, זיך אַפילו נישט

גערירט, נישט אין דעם דאָזיקן יאָר און נישט שפּעטער... דער עקאָנאָמי־שער קריזיס פון 1847 האָט אָנגעהויבן צו נישט צו ווערן און די פּאָליטישע רעאַקציע אין גאַנץ אייראָפּע האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ שטאַרקער נאָך די מפּילדיקע רעוואָלוציעס אין 1848.

מאַרקס, דער ליבהאָבער פון מלחמות און בלוטיקן טעראָר

אין 1848 איז דער פּרייסישער קיניג געווען פאַרוויקלט אין אַ מלחמהלע מיט דענמאַרק וועגן דער פּראָווינץ שלעזוויג־האָלשטיין, וועלכע ליגט אויף צפון פון פּרייסן און איז באַוואוינט פון אַ היפּשער צאָל דייטשן. עס איז געווען פאַר מאַרקסן אַ גרויסער קלאַפּ, וואָס דער פּרייסישער קיניג האָט פּלוצלונג באַשלאָסן צו מאַכן שלום מיט דענמאַרק און נישט פאַרנעמען די פּראָווינץ שלעזוויג־האָלשטיין. מאַרקס האָט שטאַרק געהאָפט, אַז פון דער דאָזיקער מלחמה וועט זיך אַנטוויקלען אַ מלחמה מיט ענגלאַנד און מיט רוסלאַנד. ער האָט געהאָפט, אַז אַזאַ מלחמה וועט שאַפן גענוג כאַאָס, וואָס וועט זיין דער באָדן פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע... אין דער „בייער ריינישער ציטונג", וואָס ער האָט איצט אַרויסגעגעבן אויפן חשבון פון געלט פון דער בורזשואזיע, וואָס איז דעמאָלט געווען אי דעמאָקראַטיש אי נאַציאָנאַליסטיש, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דעם דאָזיקן ענין אין אַ מער אָדער ווייניקער פאַרמאַסקירטן אופן. למשל: „די מאַסן, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן ביז איצט, וועלן זיך ווייטער אונטערגעבן ביז זייערע קעגנער וועלן זיך קעגנזייטיק אָפּשוואַכן דורך פאַרוויקלען זייערע אַרמייען אין אַ מלחמה"[2] מיט אַנדערע ווערטער: אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע קען רעכענען אויף אַ נצחון אין די באַדינגונגען פון כאַאָס, וואָס אַ מלחמה ברענגט מיט זיך... אין מאַרקסעס שריפטן געפינען מיר אַ סך מאָל „מלחמה" און „רעוואָלוציע" — די לעצטע אַ פּועל־יוצא פון דער ערשטער... מאַרקס האָט דאָרט גערעדט מיט גרויס שנאה וועגן „פּראָנצויזישער דיפּלאָמאַטיע" און דעם „חרפּהדיקן צוריקציען זיך" פון פּרייסישן קיניג אין דער מלחמה מיט דענמאַרק...

---

2) Marx-Engels, Gesamt Ausgabe, Erste Abteilung, Band 7, זייט 375.

קאַרל מאַרקס, דער מנחם־מענדל פון די רעוואָלוציעס...

אין דער צייט ווען די רעוואָלוציע פון 1848 האָט אין פראַנקרייך שוין געהאַלטן ביים סוף און די רעאַקציע אין פּרייסן, עסטרייך און איטאַליע האָט זיך געפילט אַלץ שטאַרקער, האָט מאַרקס פּאָרויסגעזען אַ נייעם אויפשטאַנד פון דעם פראַנצויזישן אַרבעטער־קלאַס אין 1849 און אַ „וועלט־מלחמה״. אין דער זעלבער צייט האָט דער פּרייסישער קיניג זיך אָפּגעזאָגט מסכים צו זיין מיט דעם אָנבאָט פון דער „נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג״ אין פראַנקפורט דורכצופירן די פאַראייניקונג פון אַלע דייטשע שטאַטן און אָנצונעמען אַן אימפּעריאַלע קרוין איבער גאַנץ דייטשלאַנד. אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע איז געקומען פון פראַנקפורט קיין בערלין וועגן דעם דאָזיקן ענין. דער קיניג פון פּרייסן האָט דער דאָזיקער דעלעגאַציע געענטפערט, אַז נאָר די קיניגן און פּרינצן פון די אַלע שטאַטן קענען אים דאָס אָנבאָטן (און זיי, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך נישט געאיילט דאָס צו טאָן). ער האָט שוין סיי ווי ביי זיך באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג״.

דער פּרייסישער קיניג האָט נאָך אַ קורצע צייט טאָלערירט מאַרקסן מיט זיין צייטונג, ווייל ער איז דאָך געווען די בעסטע פאַרקערפּערונג פון דער „רויטער סכנה״ וועלכע ער האָט זיך געגרייט צו ליקווידירן. נאָך דעם האָט ער מאַרקסן געהייסן פאַרלאָזן פּרייסן, ווייל מאַרקס האָט זיך מיט יאָרן צוריק אָפּגעזאָגט פון דער פּרייסישער בירגערשאַפט. ווען מאַרקס איז ווידער געקומען קיין פּאַריז אין 1849 איז שוין נישט געווען קיין ס״מן פון אַ „נייעם אויפשטאַנד״ און די פּאָליציי פון לוי באָנאַפּאַרטע האָט אים געהייסן אַרויספאָרן פון פּאַריז. בלי ברירה האָט ער זיך געמוזט באַזעצן אין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן זיינען יעדן טאָג אָנגעקומען רעוואָלוציאָנערן, אַלע פירער פון די דורכגעפאַלענע מפּיל־רעוואָלוציעס אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע און עסטרייך.

כאָטש עס וואָלט געווען קלאָר פאַר יעדן אָביעקטיוון מענטש, אַז די „וויסנשאַפטלעכע״ נביאות וועגן דעם נצחון פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין 1848 האָט זיך נישט באַשטעטיקט, האָט מאַרקס ווייטער געטראַכט, אַז זיין גלות אין לאָנדאָן איז נאָר צייטווייליק. ער האָט געגלויבט, אַז גאָר אינגיכן וועט ער זיך אומקערן קיין דייטשלאַנד אַלס דער אָנפירער פון

אַ נייער סאָציאַלער רעוואָלוציע... אין דעם ערשטן נומער פון דער „נייער ריינישער צייטונג“ (אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אַלס אַ חודש־זשורנאַל) האָט ער פאָרויסגעזאָגט, אַז די נייע רעוואָלוציע וועט „נישט זיין שפּעטער ווי אין אויגוסט, 1850“. עס איז געקומען אויגוסט, 1850 און עס האָט זיך גאָרנישט געריירט... האָט ער איבערגערוקט די דאַטע אויף 1851 אאז״וו. און אַזוי איז ער דערגאַנגען צו דער טעאָריע פון דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע“. ער האָט עס דערקלערט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „אונדזער ציל איז צו מאַכן די רעוואָלוציע פּערמאַנענט, ביז אַלע פאַר־מעגלעכע קלאַסן וועלן פאַרלירן זייער מאַכט, ביז דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרכאַפּן די מאַכט פון דער מלוכה נישט נאָר אין איין לאַנד, נאָר אין אַלע פירנדיקע לענדער פון דער וועלט, אַזוי אַז דער קאַמף צווישן די פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע לענדער וועט אויפהערן צו עק־זיסטירן“. דערוויל איז מאַרקסעס רעפּוטאַציע געוואָרן אַלץ ערגער צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן: סיי דערפאַר, ווייל זיינע נביאותן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלש און זייער „וויסנשאַפטלעכע באַזע“ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער אומוויסנשאַפטלעך, סיי צוליב זיין אַראָ־גאַנטער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָפּגעשטויסן אַלע, וואָס האָבן געהאַט וועלכע עס איז אַנדערע מיינונג. צום סוף האָט ער שוין נישט געהאַט קיין געלט אַרויסצוגעבן אַן אַנדערן נומער פון זיין זשורנאַל. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין געלט אויף חיונה.

ווען איך פאַרגלייך מאַרקסן צו אונדזער חנוודיקן און וואַרעמען לופט־מענטש, מנחם־מענדל, וועלכן אונדזער גרויסער שלום עליכם האָט אַזוי לעבעדיק באַשריבן, גיב איך זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז די ענלעכקייט איז מער אַ ביאָלאָגישע ווי אַ פּסיכאָלאָגשע.ביידע זיינען פּיקניקער און ביידע זיינען פאַנטאַזיאָרן און פאַלשע נביאים. מאַרקס האָלט אין איין אַרויסקוקן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פאָרויסזאָגנדיק אַלע מאָל דאָס יאָר ווען זי וועט פּאַרקומען. ווען עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם פון זיינע פאָרויסזאָגעכצן, פאַלט ער ביי זיך נישט אַראָפּ און באַשטימט אַן אַנדער יאָר, אין וועלכן דאָס מאָל וועט די רעוואָלוציע זיכער קומען... אויב עס קומט נישט די רעוואָלוציע אין די אינדוסטריאַליזירטע לענדער, ווי ער האָט עס „וויסנשאַפטלעך“ אויסגערעכנט, פאַרבייגט ער זיין גאַנצע „וויסנשאַפט“ און זאָגט גאָר, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קודם כל

קומען אין רוסלאַנד, טאַקע אין זיין צייט. אַי, רוסלאַנד איז דאָך געווען אין זיין צייט אַ פעאָדאַל־אַגראַריש לאַנד, אַן וועלכן עס איז פּראָלעטאַריאַט און די פאָלקס־מאַסן זיינען געווען אַלץ פּויערים, וועלכע ער האָט תמיד באַ־טראַכט אַלס דעם צום מערסטן אָפּגעשטאַנענעם און רעאַקציאָנערן קלאַס? אַזוי ווי מנחם־מענדל פון יעהופּעץ, אַזוי האָט אויך קאַרל מאַרקס גאָרנישט געקענט אָפּלערנען פון זיינע דורכפאַלן און פאַלשע נביאותן. ער האָט נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין זיך און האָט ווייטער אויסגערעכנט „וויסנ־שאַפטלעך" וואו עס וועט אויסברעכן דער נעקסטער עקאָנאָמישער קריזיס אָדער מלחמה, וואָס וועט ברענגען מיט זיך אַזאַ קאַטאַסטראָפע און כאַאָס, וואָס וועט דערמעגלעכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאָס איז אָבער ערשט געשען 35 יאָר נאָך זיין טויט אין רוסלאַנד. קיין סאָציאַליזם איז דאָרט טאַקע נישטאָ, נאָר מלוכה־קאַפּיטאַליזם. און אַנשטאָט אַ „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע" האָבן מיר דאָרט אַ פּערמאַנענטן טעראָר און אַ גרויס־רוסישן אימפּעריאַליזם און אַן אַנטיסעמיטיזם, וואָס וואָלט מאַרקסן אפשר געווען צום האַרצן, אויב ער וואָלט נאָר נישט געצילט קעגן אים אליין... וועגן פּראָלעטאַריאַט האָט מאַרקס געהאַט אַמביוואַלענט־געמישטע געפילן. פון איין זייט האָט ער דעם פּראָלעטאַריאַט צוגעשריבן אויף זיין מליצהדיקן אופן, אַלע מעלות, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָפּגעלאַכט פון דער טעמפּקייט פון די אַרבעטער אין זיינע פּריוואַטע בריוו צו ענגעלסן. יאָ, זיינע בריוו צו ענגעלסן אין די אַלע יאָרן דערמאָנען אַ היפּש ביסל די בריוו פון מנחם־מענדל צו זיין ווייב שיינע־שיינדל... פון איין זייט האָט מען דאָרט דיסקוטירט אַלע אויסזיכטן פון דער קומענדיקער וועלט־רעוואָלוציע... און פון דער אַנדערער זייט — מאַרקסעס פּערזענלעכן דחקות און מאַטעריעלע נויט. און ענגעלסעס ענטפער האָט נאָך תמיד געהאַט אַ צולאַג: איין פונט־סטערלינג און אַמאָל אפילו צוויי אָדער דריי פונט־סטערלינג... (ערשט שפּעטער צו האָט אים ענגעלס אינגאַנצן אויסגעהאַלטן).

ווי געזאָגט, האָט מאַרקס פאַרלוירן כמעט אַלע פריינט פון דער „באַוועגונג" אין לאָנדאָן. קאַרל שורץ, איינער פון זיינע פריערדיקע מיט־אַרבעטער גיט אַ זייער כאַראַקטעריסטישע באַשרייבונג פון מאַרקסעס גדלות, פון דעם ביטול, מיט וועלכן ער האָט זיך באַצויגן צו אַלע, וואָס האָבן געוואַגט צו האָבן אַ פאַרשיידענע מיינונג און דאָס האָט געפירט

דערצו, אַז כמעט אין אַלע מיטינגען אין דער לאָנדאָנער עמיגראַציע האָט מען קיינמאָל נישט אָנגענומען מאַרקסעס פּראָפּאָזיציעס. מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפילט געטראָפן, ווען מאַרקס האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט ביטול און פון „אויבן־אַראָפּ" האָבן נישט געשטימט פאַר אים, אפילו ווען זיי האָבן מסכים געווען... מאַרקס האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען וויל זיין אַ פירער, מוז מען זיך באַציען מיט אַביסל דרך ארץ צו די, וואָס מען וויל פירן.

די מאַרקס־ענגעלס אַנטיסעמיטישע אָפּלאַכערייען פון פערדינאַלד לאסאל

פערדינאַנד לאסאל האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג אין זיין קורצן לעבן. ער איז געווען זייער שיין, ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך, ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר, ער איז געווען אַ פיינער שרייבער, באַהאַוונט אין דער קלאַסישער גריכישער פילאָ־זאָפיע און אַ זעלבסטשטענדיקער פאַרשער אויף דעם דאָזיקן געביט. ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אַלס אַדוואָקאַט און אַלס רעוואָלוציאָנער. פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים אין 1848 איז ער אָפּגעזעסן 6 חדשים אין תפיסה. ער איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ דייטשלאַנד און אַלע האָבן אים באַוואונדערט. ער האָט געהאָלפן מאַרקסן ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט: סיי מיט געלט, סיי מיט קאָנטאַקטן. ער האָט געפונען פאַר מאַרקסן אַלעמאָל אַ פאַרלעגער פאַר זיינע אבסטראַקטע שריפטן, וואָס קיינער האָט זיך נישט געאיילט צו דרוקן. און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט מאַרקס געהאַסט לאַסאַלן. ער האָט לאַסאַלן נישט פאַרגונען זיין דערפאָלג, ווי אויסטערליש עס זאָל נישט קלינגען, האָט מאַרקס גע־פונען אויף לאַסאַלן דעם חטא, וואָס ער איז אַ ייד... דאָס אַליין באַווייזט, ווי ווייט מאַרקס איז געווען פאַרבלענדט בנוגע זיך אַליין...

ווי געזאָגט, האָט לאַסאַל תמיד זיך באַמיט צו העלפן מאַרקסן מאַ־טעריעל. לאַסאַל האָט געזאַמלט געלט פאַר מאַרקסן אין דייטשלאַנד און אין אָנהויב 1856 האָט ער אים געשיקט 30 פונט־סטערלינג. ער האָט מאַרקסן אויך דערמוטיקט צו ענדיקן זיין בוך וועגן „דער עקאָנאָמיע". אין דער אמתן האָט מאַרקס פיינט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט עקאָנאָמיע און ער האָט זיך געמוטשעט צווינגען אָנצושרייבן כאָטש אַ זייטל, וואָס זאָל

אין דער אמתן האָבן אַ שייכות צו עקאָנאָמיע.

אין פרילינג 1856 איז געקומען פון דיסעלדאָרף, דייטשלאַנד, עפּעס אַ סוחר צו מאַרקסן קיין לאָנדאָן. דער דאָזיקער סוחר האָט דערציילט מאַרקסן, אַז אין דער אמתן האָבן די אַרבעטער גאָרנישט אַזוי ליב לאַסאַלן. לויט דעם דאָזיקן סוחר טראַכטן די דייטשע אַרבעטער, אַז לאַסאַל איז געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער פירער, נאָר כדי באַרימט צו ווערן און צו מאַכן געלט. אין דעם פּראָצעס אין וועלכן לאַסאַל האָט פאַרטראָטן די גראַפיניע האַצפעלד, איז ער אויך נאָר פאַראינטערעסירט, כדי צו מאַכן געלט... (דער דאָזיקער פּראָצעס, האָט אויפגערודערט גאַנץ דייטשלאַנד, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם רעכט פון אַ פרוי צו באַקומען אַ גט, אויב זי פאַרלאַנגט עס).

מאַרקס האָט די דאָזיקע פּליאָטקעס, דערציילט פון אַן אומבאַקאַנטן מענטש, געגלויבט אַן וועלכן ס׳איז קריטיציזם אָדער פּרואוו זיך צו איבערצייגן, צי די אַלע באַשולדיקונגען האָבן כאָטש אַ קערנדל פון אמת. ער האָט באַלד אָפּגעפייערט אַ בריוו צו ענגעלסן, אַז ער וויל אָפּדרוקן אַן „אָפיציעלע באַשולדיקונג״ קעגן לאַסאַלן. ענגעלס איז, ווי געוויינלעך מסכים געווען מיט מאַרקסן אין אַלעמען. ער האָט געשריבן: „אָט דער ייד פון דער סלאַווישער גרענעץ, וואָס איז תמיד גרייט יעדן אויסצונוצן פאַר זיינע פּריוואַטע אינטערעסן, אָט די מאַניע זיך אַריינצושטופּן אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן, כדי צו מאַכן אַ קאַריערע, באַנוצנדיק זיך אין דער זעלבער צייט מיט אַלע מינים פון האָר־אויל און קאָסמעטיק, איז נישט מער ווי אַ גליטשיק־שמוציקער ייד פון ברעסלאַו״. אַזוי ווי אָבער מאַרקס און ענגעלס האָבן נישט געהאַט קיין באַווייזן, האָבן זיי באַשלאָסן דערווייל צו וואַרטן מיט דער „אָפיציעלער באַשולדיקונג״. לאַסאַל האָט נישט געוואוסט, וואָס זיינע „פריינט״ שרייבן זיך איבער וועגן אים און ער האָט מודיע געווען מאַרקסן, אַז ער האָט פאַרענדיקט 2 בענד (1,200 זייטן) וועגן דעם גריכישן פילאָזאָף העראַקליט, וועלכער איז אַ מאַטעריאַליסט און מסתמא דער ערשטער דיאַלעקטיקער אין דער וועלט. (700 יאָר פאַר דער געבורט פון ישו הנוצרי).

אַזאַ זאַך האָט אים מאַרקס שוין נישט געקענט מוחל זיין: אָט דער ייד לאַסאַל האָט גאָר פאַרעפנטלעכט 1,200 זייטן (צוויי גראָבע בענד — אַן אַנאַליז פון דעם ערשטן מאַטעריאַליסט און דיאַלעקטיקער אין דער

וועלט! אָט מוטשעט זיך מאַרקס שוין אַזוי פיל יאָרן אָנצושרייבן עפּעס אַ ווּיסנשאַפטלעך בוך וועגן עקאָנאָמיע, וואָס זאָל באַווייזן די וויסנשאַפט־לעכקייט פון אַלע זיינע פּאָליטישע לאָזונגען און ביז 1856 איז ער נאָך צו גאָרנישט געקומען אויף דעם דאָזיקן געביט!

מאַרקס און ענגעלס, נאָך איידער זיי האָבן געליינט לאסאלס בוך, האָבן באַשלאָסן, אַז עס טויג צו גאָרנישט. אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 11טן מאַי, 1857, שרייבט ענגעלס צו מאַרקסן: „אַי, אַי, אָט דער לעכער־לעכער ייד! דאָס בוך איז זיכער אַ פיינע זאַמלונג פון שטותן". און מאַרקס ענטפערט אים אין אַ בריוו ד(עם 28סטן יאַנואַר, 1858) „אפילו, אַז עס איז אַ געשענקט פערד, וועלן מיר אים אַריינקוקן אין פּיסק אַריין, מיטן תנאי, אַז ער שמעקט נישט מיט קנאָבל..." אָבער אין פיר חדשים אַרום שרייבט מאַרקס צו ענגעלסן (דעם 31סטן מאַי, 1858): „זיי מיר מוחל, וואָס שרייבנדיק צו לאסאלן, האָב איך געלויבט זיין הערַאקליט" אָבער נאָך דעם האָבן זיי אין זייערע בריוו ווידער אָפּגעחוזקט פון לאסאלן אויפן חשבון וואָס ער איז אַ ייד... רופנדיק אים „באַראָן איטשע" אָדער „אַי, אַי, דער גרויסער לאסאל" אָדער „איטשע דער בעל־משקן". אונטער אָט דעם אָפּחוזקן האָט זיך באַהאַלטן די קנאה, וואָס לאסאל האָט באַוויזן אָנצושרייבן אַזאַ וויכטיק בוך, בשעת מאַרקס האָט זיך נאָך אַלץ געמוטשעט אָנצושרייבן עפּעס אַ וואָגיק בוך וועגן עקאָנאָמיע און עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען פון אָט דעם „עקאָנאָמישן טנופֿ".

אין 1852 האָבן זיי אַרויסגעקוקט דערויף, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט מאַכן אַן אויפשטאַנד אין פראַנקרייך דערפאַר, וואָס לואי נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערקלערט פאַר אימפּעראַטאָר. און זיי האָבן אין זייערע בריוו באַשאָטן דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט מיט זילזולים דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט גערירט, בשעת מאַרקס און ענגעלס האָבן פאַרויס־געזאָגט אַ רעוואָלוציע...

„די קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע"

ענדלעך האָט זיך מאַרקס דערוואָרט אויף דעם נייעם עקאָנאָמישן קריזיס, אויף וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט און וועגן וועלכן ער האָט געהאַלטן אין איין נביאות זאָגן זינט 1851. דער נייער קריזיס איז ערשט געקומען אין אָקטאָבער, 1857, פּונקט צען יאָר נאָך דעם לעצטן

קריזיס אין 1847. אויפֿן סמך פֿון מאַרקסעס „וויסנשאַפֿטלעכער" טעאָריע האָט דער צייט־אָפּשניט צווישן איין עקאָנאָמישן קריזיס (דעפּרעסיע) און דעם אַנדערן באַדאַרפֿט זיין אַ קורצער, אין דער אמתן האָט עס אָבער גענומען 10 יאָר. ענגעלס האָט זיך דערוייל געלערנט מלחמה־סטראַטעגיע, כדי איבערצונעמען די קאָמאַנדע ווען די „אַרמייען פֿון פּראָלעטאַריאַט" וועלן מאַכן דעם אויפשטאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם עקאָנאָמישן קריזיס פֿון 1857... אין אַ בריוו צו ענגעלסן (דעם 8טן דעצעמבער, 1857) האָט מאַרקס געשריבן: „איך אַרבעט טאָג און נאַכט, ווי ווען איך וואָלט אַראָפּ פֿון זינען, כדי צוזאַמענצושטעלן מיינע עקאָנאָמישע סטודיעס, כדי איך זאָל האָבן קלאָרע עקאָנאָמישע גרונטשטריכן איידער עס קומט דער מבול..."

אָבער אין אַ יאָר אַרום האָט די עקאָנאָמיע ווידער אויפגעבליט און עס איז נישט געקומען צו קיין שום מבול... מאַרקס האָט שוין ביז דעמאָלט אַזויפיל מאָל פאָרויסגעזאָגט, אַז אָט, אָט וועט קומען אַ נייער עקאָנאָמישער קריזיס און מיט אים די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָבער זיינע נביאותן האָבן זיך אויך אין 1857 אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. באין ברירה האָט זיך מאַרקס געמוזט נעמען צו שרייבן דאָס בוך וועגן עקאָנאָמיע, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן. לאַסאַל (וועלכן מאַרקס האָט אַזוי ביטער באַרעדט און פֿון וועלכן ער האָט אָפּגעחוזקט אין זיינע פּריוואַטע בריוו צו ענגעלסן) האָט מאַרקסן אויך דאָס מאָל אַרויסגעהאָלפֿן און האָט געפֿונען אַ פֿאַרלעגער פֿאַר זיין עקאָנאָמיש בוך, וועלכן עס האָבן שוין דערוואַרט מיט אומגעדולד סיי קעגנער, סיי אָנהענגער (ווילהעלם ליבקנעכט).

מאַרקס איז געווען זייער לאַנגזאַם, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט צו שרייבן וועגן עקאָנאָמיע. ערשט אין פֿעברואַר, 1859 האָט מאַרקס אַריינגעשיקט צום פֿאַרלעגער די ערשטע 2 קאַפּיטלעך, וועלכע ער האָט אָנגערופֿן „די קריטיק פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע". עס האָט מאַרקסן גענומען אַזוי לאַנג דאָס צו טאָן, אַז ווען די 2 קאַפּיטלעך זיינען אָנגעקומען צו דעם פֿאַרלעגער, האָט דער דרוקער נישט געהאַט קיין פֿרייע מאַשינען אין דעם דאָזיקן מאָמענט. מאַרקס האָט דערין געזען אַ קאָנספּיראַציע קעגן אים אין וועלכער „דער ייד" לאַסאַל האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע... אָבער נישט געקוקט אויף אַלע „קאָנספּיראַציעס" זיינען די צווי קאַפּיטלעך

פון מאַרקסעס „פּאָליטישער עקאָנאָמיע״ דערשינען אין מאַי, 1859, אַלס דער ערשטער טייל פון דעם ערשטן באַנד פון זיין הויפּט־ווערק. די דאָזיקע צוויי קאַפּיטלעך האָבן אין ערגעץ נישט אַרויסגערופן קיין שום אָפּקלאַנג און אפילו זיין געטרייער אַנהענגער, ווילהעלם ליבקנעכט איז געווען ביטער אַנטוישט. ער האָט געזאָגט: „איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שטאַרק אַנטוישט אין אַ ווּעלכן ס׳איז בוך״ (אין זיינעם אַ בריוו צו ענגעלס, דעם 22סטן יולי, 1859).

מאַרקסעס אַנהענגער האָבן געהאַט אַ גוטע סיבה צו זיין אַנטוישט: אין ערגעץ איז אין די דאָזיקע צוויי קאַפּיטלעך נישט געווען אָנגעוויזן, אַז דאָס בורזשואזע עקאָנאָמישע סיסטעם מוז זיך „אומפאַרמיידלעך״ צעפאַלן איצט, אָדער ווען עס איז אין דער צוקונפט. עס איז אפילו געווען אַ פראַגע, צי די צוויי קאַפּיטלעך האָבן עפּעס וואָס צו טאָן מיט רעאַלער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט. עס האָט זיך פאַרנומען נאָר מיט איין זאַך: ווי אַזוי מעסט מען דעם עקאָנאָמישן ווערט? און דער ענטפער איז געווען: דער ווערט פון אַ זאַך ווערט באַשטימט פון דער צאָל פיזישע אַרבעט־שעהן, וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין דעם מאַכן אַ געוויסן פּראָדוקט. דער ווערט פון יעדער זאַך איז רעפּרעזענטירט אין איר קאָנצענטרירטער אַרבעט־צייט... דאָס באַשטימט דעם ווערט פון אַלע סחורות, וואָס מען קען קויפן אויפן מאַרק. אָבער דאָס איז ביז מאַרקסן שוין געווען אַ באַקאַנטע זאַך. דאָס נייע אין מאַרקסעס טעאָריע איז געווען, וואָס ער האָט גענומען אין באַטראַכט נאָר פיזישע אַרבעט, אינטעלעקטועלע אַרבעט האָט ער בכלל נישט באַטראַכט אַלס עפּעס, וואָס קען שאַפן ווערטן. די דאָזיקע טעאָריע, איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַרקסעס אופן פון קלערן! פון אַ קאָמבינאַציע פון אַ סך פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען דעם ווערט פון אַ פּראָדוקט האָט ער ארויסגעכאַפּט נאָר איין פאַקטאָר, די פיזישע אַרבעט, און גוזר געווען, אַז נאָר אָט דער איינציקער פאַקטאָר באַשטימט דעם ווערט פון אַ פּראָדוקט... פרעגט זיך: צי איז די מוח־אַרבעט פון אַן אינזשעניר, וואָס האָט אויסגערעכנט און מיט צייכענונגען אָנגעוויזן ווי אַזוי צו בויען אַזאַ אָדער אַנדער מאַשין שוין גאָרנישט ווערט? און צי איז מאַרקסעס גאַנצע טעטיקייט, זיין שרייבן און אָרגאַניזירן אויך גאָרנישט ווערט דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען קיין פיזישע אַרבעט?

דאָ זעען מיר ווידער, אַז מאַרקסעס „עקאָנאָמישע״ שריפט האָט נישט

געהאַט קיין שום שייכות צו אמתער רעאַלער עקאָנאָמיע, נאָר עס איז געווען אַן אבסטראקטע טעאָריע וועגן דעם ווערט פון אַרבעט און דעם ווערט פון אַ פּראָדוקט, וואָס אויף אים האָבן געאַרבעט נישט נאָר פיזישע אַרבעטער, נאָר אַ סך אַנדערע. מאַרקס האָט אָבער עלימינירט אַלע אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס גייען אַריין אין דעם שאַפן פון אַ פּראָדוקט און איבערגעלאָזט נאָר די פיזישע אַרבעט און געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס אַליין שאַפט דעם ווערט פון פּראָדוקט.

די סאָציאַליסטן פון יענער צייט האָבן שוין געוואָרט דערויף, אַז מאַרקס וועט אַרויסקומען מיט אַ בוך וועגן עקאָנאָמיע, אין וועלכן ער וועט „וויסנשאַפטלעך" באַווייזן, אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־סיסטעם איז שוין נאָענט צום אונטערגאַנג. אָבער אין די צוויי קאַפּיטלען פון מאַרקסעס „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" האָבן זיי דאָס בשום אופן נישט געקענט געפינען. און פאַרשטייט זיך, מען האָט דאָס דאָזיקע „ווערק" אינגאַנצן פאַרשוויגן אין דער פּרעסע. מאַרקס האָט געשריבן אין אַ בריוו צו ענגעלסן (דעם 19טן יולי, 1859) „נישט אַנדערש, נאָר „באַראָן איטשע" (לאסאל) האָט זיך שוין באַמיט, אַז עס זאָל זיך נישט באַווייזן אפילו איין רעצענזיע..." „עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז דאָס איז אַ קאָנספּיראַציע אַקעגן מיר". אין דעם זעלבן בריוו האָט אויך מאַרקס געבעטן ענגעלסן, אַז ער זאָל אים באַשיצן אַקעגן לאסאלן, וועלכער האָט אַ פּלאַן אים צו פאַרניכטן... מאַרקס האָט זיך אויך באַקלאָגט פאַר דעם פאַרלעגער (דונקער) וועגן לאסאלס „מאַכינאַציעס". לאסאל האָט זיך דאָס נישט גענומען צום האַרצן, נאָר האָט צוגעגעבן מוט מאַרקסן אָנצושרייבן דאָס דריטע קאַפּיטל פון זיין „קריטיק". אָבער מאַרקס האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, אפילו ווען לאסאל האָט פאַר אים געפונען דעם חשובסטן פאַרלעגער (בראָקהויז) האָט מאַרקס געזאָגט: „צום טייוול מיט דעם גאַנצן עקאָנאָמישן טנופת".

אָבער די צייט איז נישט געשטאַנען. לאסאל האָט זיך שוין באַרימט געמאַכט אַלס גרינדער פון דער ערשטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין דייטשלאַנד און ווען ער האָט באַדאַרפט רעדן צו די אַרבעטער, זיינען געקומען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. דערווייל האָט פון מאַרקסן קיינער פון די אַרבעטער אפילו נישט געהערט און קיינער האָט אים נישט געקענט. אין יוני, 1861 האָט מאַרקס זיך ווידער אָנגעזעצט שרייבן זיין הויפּט־

ווערק, דאָס בוך וועגן דער עקאָנאָמיע. עס איז שוין געווען דאָס פערטע מאָל, ווי ער האָט אָנגעהויבן דאָס שרייבן, און האָט עס געמוזט ווידער אָפּלייגן, ווייל דער גאַנצער ענין איז אים געווען דערווידער.

◈

„דאָס קאַפּיטאַל״
מאַרקסיזם און זיינע יורשים: לעניניזם און סטאַליניזם

דער גאַנצער ערשטער באַנד פון „קאַפּיטאַל״ וואָס מאַרקס אַליין האָט געשריבן (די צוויי פאָלגנדיקע ביכער האָט שוין פרידריך ענגעלס פאַרענדיקט, נאָך מאַרקסעס טויט), האָט אייגנטלעך נאָך איין טעמע: די אַלץ גרעסערע און גרעסערע אָרעמקייט פון די אַרבעטנדיקע פּראָלעטאַריער. ער באַמיט זיך דאָס צו באַווייזן ווי אַ נויטווענדיקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־סיסטעם, אַז די אַלץ־וואַקסנדיקע אָרעמקייט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן וועט פירן צו אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט צעשטערן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם; די קאַפּיטאַליסטישע מאַשין פירט אומברחמנותדיק צו אַן עקספּלאָזיע פון אינעווייניק. די עקספּלאָזיע וועט זיך אַנטפּלעקן אין אַן אויפשטאַנד פון די פּראָדוקטיווע כוחות קעגן אַ סיסטעם פון פּראָדוקציע, וואָס איז שוין געוואָרן פאַרעלטערט.

די קאַפּיטאַליסטישע מאַשין ווייזט, לויט אים, פון צייט צו צייט בולטע סימנים פון דער דאָזיקער סופיקער עקספּלאָזיע (ד. ה. פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע) אין דער פאָרעם פון קריזיסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, וואָס באַווייזן זיך פּעריאָדיש אַלע 7 — 8 יאָר. אין משך פון אָט די קריזיסן ווערן גרויסע מאַסן פון אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן פון די פאַבריקן, די קליינע קאַפּיטאַליסטן באַנקראָטירן און ווערן אויפגעפרעסן דורך די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן גענוג רעזערוו־קאַפּיטאַל אויף דורכצוהאַלטן די קריזיסן און אַזוי אַרום באַקומט זיך די „אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל״ פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט אַ גרויסע מאַסע פון אַרבעטסלאָזע אָרעמקייט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, ווערט אַלץ מער ראַדיקאַליזירט און פירט, סוף כל סוף, צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

וואָס וועט אָבער געשען, אויב די לעבנסבאַדינגונגען פון די אַרבעטער האַלטן אין איין ווערן בעסער און זייער אָרעמקייט ווערט קלענער? (וואָס איז פאַקטיש געשען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער).

אויף דעם האָט קאַרל מאַרקס נישט קיין ענטפער. און אָט דאָס האָט ער זיך באַמיט צו איגנאָרירן.

קאַרל מאַרקס באַשרייבט דעם גורל און די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער אין ענגלאַנד אין זייער פינצטערע פאַרבן.

דאָס האָט ער אַלץ אַרויסגענומען פון ביכער, וואָס האָבן באַשריבן דעם מצב פון די ענגלישע אַרבעטער מיט אַן 80 אָדער 100 יאָר צוריק, איידער ער האָט זיך גענומען שרייבן זיין „קאַפּיטאַל". פון די אַרבעטס־באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו זיין אייגענער עפּאָכע, האָט ער זייער ווייניק געוווּסט, ווייל ער איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אַליין אין אַ פאַבריק, כדי זיך צו איבערצייגן, וואָס דאָרט קומט פאָר. ער האָט זיין גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין דער ביבליאָטעק און ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות פון אַלטע באַשרייבונגען פון עקאָנאָמיקער פון איין אָדער צוויי דורות צוריק...

פון דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון די אַלטע עקאָנאָמיקערס (ריקאַרדאָ א. אַ.) איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־סיסטעם איז „פאַראַנטוואָרטלעך" פאַר דעם, „אַז דעם פּראָ־לעטאַריערס אַרבעטסטאָג ווערט אַלץ לענגער און לענגער" און אַז „די פאַראַרעמונג פון די אַרבעטסמאַסן גייט האַנט אין האַנט מיט דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל", אַז „וואָס גרעסער די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, אַלץ קלענער איז דער באַדאַרף פאַר דער אַרבעט פון פּראָלעטאַריער", אַז „וואָס ווייטער, אַלץ ערגער ווערט דער צושטאַנד פון די פאַבריק־געביידעס און אַלץ ערגער זייער אויסשטאַטונג מיט מאַשינען". און ווייטער: „אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע ווערט די קוואַליטעט פון שפּייז אַלץ ערגער און מען זוכט מיטלען, כדי צו מאַכן די שפּייז אַלץ ביליקער און מער מינדערוועריטיק".

און ווייטער: „דער געזונט־צושטאַנד פון אַרבעטער האַלט זיך אין איין פאַרערגערן און ער לעבט אַלץ ווייניקער און ווייניקער יאָרן".

נו, יעדער דורכשניטלעכער מענטש, וואָס לייענט אַ צייטונג כאָטש אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, ווייסט, אַז אַלע די מאַרקסיסטישע ביאורתן האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי דורכאויס פאַלש; דער פּראָלעטאַריער אין אַמעריקע (מערסטנס אינדוסטריאַליזירטע מדינה אין דער וועלט) אַרבעט נישט מער ווי 8 שעה אַ טאָג, 5 טעג אַ וואָך. מיט זיין פאַרדינסט קען ער אויסהאַלטן אַ גאַנצע משפחה. ער באַקומט באַצאָלטע וואַקאַציעס, זייער אָפט האָט ער זיין אייגן הויז, אַן אויטאָ אָדער צוויי אויטאָס, זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען מייסטנס היגיעניש, ער לעבט דורכשניטלעך מיט 10 אָדער 20 יאָר לענגער ווי דער פּראָלעטאַריער מיט יאָרן צוריק, ער האָט אַ פאַרזיכערונג (אויך זיין משפחה) קעגן קראַנקייט, ער געהערט צו אַ

געווערקשאַפט, וואָס קען אָרגאַניזירן שטרייקן, ווען די אַרבעטער פאַרלאַנגען אַ העכערונג פון לוין.

דאָס זעלבע גילט פאַר אַנדערע אינדוסטריעלע לענדער, וואָס האָבן דע־מאָקראַטישע רעזשימען. די לעבנס־באַדינגונגען וואָס מאַרקס באַשרייבט, גילטן היינט נאָר פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואו כלומרשט דער „פּראָ־לעטאַריאַט" האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און אין די לענדער, וואָס זענען באַהערשט דורכן ראַטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע אָפּגעשטאַנענע לענדער, וווּ די אַרבעטער האָבן נישט קיין רעכט צו שטרייקן און האָבן בכלל נישט קיין שום פרייהייטן.

מאַרקס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זען די אַלגעמיינע פּראָספּעריטי, וואָס איר שורש ליגט אין די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־מעטאָדן. ער האָט זיך איינגעשפאַרט, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם האָט זיך קיינמאָל נישט געענדערט און וועט זיך קיינמאָל נישט ענדערן...

וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס מאַכט דעם קאַפּיטאַליזם פעאיק בלויז צו שאַפן איין זאַך: אַ גרעסערע אָרעמקייט פון די מאַסן?

ערשטנס, האָט מאַרקס געפּרוווט צו באַווייזן, אַז אין דער קאַפּיטאַליס־טישער וועלט ווערן אַלע ווערטן געשאַפן נאָר דורך די שעהען פון אַרבעט, וואָס דער אַרבעטער לייגט אַריין אין דער שאַפונג פון אַ געוויסן פּראָדוקט. צווייטנס: פּראָפיט, דאָס איז דער ווערט, וואָס ווערט געשאַפן דורך די שעהען פון אַרבעט, פאַר וועלכע דער קאַפּיטאַליסט באַצאָלט נישט דעם אַרבעטער...

פון דעם וואָלט דאַך באַלד אויסגעקומען, אַז דעם קאַפּיטאַליסטס פּראָפיט פאַרקלענערט זיך מיט יעדער נייער מאַשין, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פירט איין אין זיין שאָפּ, ווייל די אַרבעטער לייגן אַריין ווייניקער שעהען פון אַרבעט, כדי צו שאַפן אַ פּראָדוקט וואָס זיין ווערט איז דאָך אויסשליסלעך באַשטימט דורך דער צאָל שעהען, וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין דעם שאַפן פון דאָזיקן פּראָדוקט...

אין רעזולטאַט וואָלט אויסגעקומען, אַז דער פּראָפיט פון קאַפּיטאַליסט ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן, ווייל ער באַדאַרף ווייניקער אַרבעטער... און פּראָפיט ווערט אַרבעטס־שעהען, פאַר וועלכע דער קאַפּיטאַליסט באַצאָלט נישט דעם אַרבעטער... ווייטער באַקומט זיך, אַז דער קאַפּיטאַליסט עקס־פּלואַטירט אַלץ מער, וואָס מער מעכאַניזירט עס ווערט די פאַבריק, ווייל

דער אַרבעטער קען איצט פּראָדוצירן אין איין שעה, וואָס ער האָט פריער באַדאַרפט, לאָמיר זאָגן, זעקס שעה און דער ווערט איז דאָך באַשטימט נאָך דורך דער צאָל אַרבעטס־שעהען, וואָס דער אַרבעטער לייגט אַריין כדי צו שאַפן אַ פּראָדוקט און דער קאָסט פון די מאַשינען, דער קאָסט פון אויסבויען די פאַבריק א. א. וו. האָבן, משמעות, נישט קיין שום באַדייטונג פאַר דעם ווערט פון דעם פּראָדוקט וואָס ווערט געשאַפן.

ט

עס זענען דאָ אַ סך מענטשן, געלערנטע און נישט־געלערנטע, וואָס גלויבן, אַז דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען און קומט היינט פאָר אין ראַטנ־פאַרבאַנד, איז אַ פעלשונג פון מאַרקסיזם און נישט דאָס, וואָס מאַרקס האָט געהאַט אין זינען בנוגע דער פאַרווירקלעכונג פון מאַרקסיזם... מאַרקס האָט בכלל פיינט געהאַט צו רעדן אָדער צו שרייבן וועגן דעם, ווי אַזוי עס וועט אויסזען אַ לאַנד (אָדער די גאַנצע וועלט) נאָך דעם נצחון פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע... ער האָט דאָס גערופן „אוטאָפּיע" (אַן אויסגעטראַכטע, אידעאַלע וועלט) און מיט אוטאָפּיעס האָט ער פיינט געהאַט זיך צו שפּילן. אָבער פון די פּאָר זאַצן, וואָס ער האָט דאָ און דאָרט געשריבן אָדער געלאָזט פאַלן אין אַ שמועס, קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ בילד ער האָט געהאַט וועגן אַ קאָמוניסטישער וועלט.

ער האָט אַמאָל גערעדט וועגן „אַרבעטס־באַטאַליאָנען" אין וועלכע עס וועט נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר קיין שום אינדיווידועלע פרייהייטן און ווו די מאַסע וועט באַשטימען דעם גורל פון יחיד... ער איז געווען פאַרליבט אין דעם מיליטאַריסטישן פּרייסן... אָבער נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט עס זיין „אַ פּרייסן אָן די צען געבאָטן". ווען מען פאַרגלייכט מאַרקסעס פּאָלעמיקעס מיט די פּאָלעמיקעס פון לענין און סטאַלין, דערקענט מען באַלד, אַז עס איז דער זעלבער נוסח. און לענינס זאָץ „ווער עס איז נישט מיט אונדז, איז קעגן אונדז" איז אַזוי ווי אַרויסגענומען פון מאַרקסעס מויל. די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס מאַרקס האָט געשריבן ביז צום „קאַפּיטאַל" איז באַשטאַנען פון אַ ריי פּאָלעמיקעס מיט סאָציאַליסטן, וואָס האָבן „געוואָגט" צו האָבן אַן אַנדערע מיינונג, אין וועלכער עס איז זאַך. ספּעציעלע גיפטיקע פיילן האָט ער געהאַט קעגן פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס איז געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר און וואָס איז געווען באַקאַנט

אין גאַנץ דייטשלאַנד אַלס דער גרינדער פון דער ערשטער דייטשער מאַסן אַרבעטער־פּאַרטיי.

מען קען דעפינירן מאַרקסיזם אַלס די קאָמפּלעטע אומפעאיקייט צו פאַרשטיין די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די ראָל פון קלאַסנקאַמף.

לויט דעם מאַרקסיזם, הויבט זיך אָן אַ רעוואָלוציע דעמאָלט, ווען אַ נייער קלאַס איז אויסגעוואַקסן און איז געווען „רייף״ כדי צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם אַלטן הערשנדיקן קלאַס און איבערצונעמען די מאַכט. מאַרקס האָט באַשריבן די פראַנצויזישע גרויסע רעוואָלוציע, אַלס אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע, אין וועלכער די בורזשואַזיע איז געווען גענוג רעוואָלוציאָנער פאַר איר צייט. די רוסישע מאַרקסיסטן האָבן דאָס אָנגענומען ווי אַ דאָגמע. לענין האָט געשאַפן די „סאָוועטן״ ווי אַן אָפּבילד פון דער פּאַריזער קאָמונע אין (1870-71) און האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין די באַדינגונגען פון רוסלאַנד אין 1917 האָט דאָס געמוזט פירן צו אַ טאָטאַליטאַרער אָרדענונג. ציטירנדיק מאַרקסעס שריפטן פון 1848-50, האָט לענין זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט די אויסדרוקן „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״, וועלכע מאַרקס האָט גענומען פון דעם פראַנצויז בלאַנקי: „רויטער טעראָר״ און „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע״. לענין האָט געגלויבט אין „רעוואָלוציאָנערן טעראָר״ און אין „מאַסן־גערעכטיקייט״ און „אָפּרעכענען זיך״ מיט דער בורזשואַזיע... לענין האָט פאַרשטאַנען מאַרקסעס דעטערמיניזם אַלס „זעלבסטפאַרשטענדלעכע״ גאַראַנטיע פאַר דעם „אומפאַרמיידלעכן נצחון פון דער רעוואָלוציע... לענין האָט געבויט זיינע האָפענונגען אויף דער מפּלה פון צאַריסטישן רוסלאַנד... נאָך פאַרן סוף פון זיין לעבן, ווי ווען ער וואָלט געוואָלט ענטפערן ענגעלסן, וועלכער האָט געגלויבט אין איבערנעמען די מאַכט דורך אַ מערהייט אין דייטשן פּאַרלאַמענט, האָט לענין געשריבן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קען איבערנעמען די מאַכט אין אַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואָס איז נישט צוגעגרייט צו סאָציאַליזם, סיי צוליב דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, סיי צוליב אַן אַלגעמיינער אָפּגעשטאַנענקייט אויף אַלע געביטן פון טעכניק און קולטור פון די מאַסן.

לענין האָט געמאַכט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע צוזאַמען מיט די מאַטראָסן פון קראָנשטאַדט, וועלכע ער האָט שפּעטער געהייסן אויסשיסן צוזאַמען מיט די אַנאַרכיסטן און סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ער האָט אויסגענוצט ביים פאַרכאַפּן די מאַכט און דערנאָך געשאָסן אָדער פאַרשיקט קיין סיביר,

ווען ער האָט פאַרזיכערט דעם קאָנטראָל פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און פון דער „טשעקאַ״. אַלע צייטונגען און דרוקערייען זענען געשטעלט געוואָרן אונטער דער קאָנטראָל פון די באָלשעוויקעס. שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ סוף צו די דעמאָנסטראַציעס פון דעם המון, אָנווענדנדיק אומברחמנותדיקן טעראָר קעגן די זעלבע מאַסן, וואָס האָבן אים געהאָלפן צו פאַרכאַפּן די מאַכט.

אין רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אַגריקולטור־לאַנד און די גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג זענען געווען פּויערים, האָבן די פּויערים געמוזט שפּילן די ראָלע פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט כמעט נאָך נישט עקזיסטירט. און דער פּראָלעטאַריאַט — דאָס זענען דאָך געווען נעכטיקע פּויערים, מיט טויזנטער פעדעם צוגעבונדן צו די דערפער, פון וועלכע זיי זענען געקומען.

אַזוי אַרום האָבן לענין און טראָצקי געמאַכט די „פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע״ אַן דעם פּראָלעטאַריאַט און עס איז באַלד געוואָרן אַ רעוואָלוציע נישט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר איבער דעם פּראָלעטאַריאַט. ..

איך נעם זיך דאָ נישט אונטער צו שרייבן די געשיכטע פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע. דאָס האָבן שוין אַנדערע געטון. עס זענען פאַראַן ממש הונדערטער ביכער אויף דער דאָזיקער טעמע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אַמעריקע און אין די אייראָפּעאישע לענדער, ווו עס עקזיסטירט פרייהייט פון דער פּרעסע. איך וואָלט דאָ ספּעציעל רעקאָמענדירט דאָס בוך פון רפאל ר. אבראַמאָוויטש[1].

לענין, וואָס איז געווען אַן אָרטאָדאָקסער מאַרקסיסט, האָט אין זיין אָפּשאַצונג פון יידן זיך אַ ביסל אָפּגעגרענעצט פון מאַרקסן. ער האָט זיך דאָך באַגעגנט מיט טויזנטער יידישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס זייער גאָט איז געווען נישט „גאָלד״, נאָר שווערע אַרבעט אויף צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. אַ סך האָבן בכלל נישט געהאַט קיין אַרבעט, ווייל צו קיין שום מלוכהשער אַרבעט האָט מען קיין יידן נישט צוגעלאָזט אין צאַריסטישן רוסלאַנד. די יוגנט האָט מען צו קיין שולן נישט צוגעלאָזט. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אונטערדריקונג איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס

---

1) THE SOVIET REVOLUTION: by Raphael R. Abramovitch (Introduction by Sidney Hook), International Universities Press Inc., New York, 1962.

האָט געטריבן אַ טייל פון דער יידישער יוגנט צו דער רעוואָלוציאָנערער אונטערערדישער אַרבעט. לענין האָט דערפון זייער גוט געוווסט, ווייל אַ סך יידן זענען געווען זיינע פּאַרקאָנספּירירטע, נאָענטע מיטאַרבעטער אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

לענין איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטיסעמיט. ער האָט דעם אַנטיסעמיטיזם באַטראַכט ווי אַ געצייג פון צאַריזם, וואָס האָט מיט זיינע „שוואַרצע מאות״ אָרגאַניזירט פּאָגראָמען, כדי אויף אַזאַ אופן אָפּצווענדן די רוסישע מאַסן פון זייער אמתדיקן שונא — דעם צאַריסטישן רעזשים. אָבער ווי אַ מאַרקסיסט האָט ער נישט געגלויבט, אַז די יידן זענען אַ פֿאָלק מיט אַן אייגענער געשיכטע און קולטור, מיט אַן אַלטער און אַ נייער ליטעראַטור. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט צופיל אין דעם גאַנצן ענין און אויך זיינע מיטאַרבעטער, וואָס זענען געווען יידן, האָבן זיך נישט פֿאַרנומען ספּעציעל מיט דער יידישער פראַגע. זיי האָבן נאָר געזען, אַז די יידן זענען מער גערודפט פון אַלע אַנדערע פעלקער אין דער „תפיסה פון די פעלקער״, ווי זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן דעם צאַרישן רוסלאַנד. איז דער איינציקער ענטפער — אָראָפּצוואַרפן דעם צאַרישן רעזשים און באַפרייען אַלע פעלקער און צווישן זיי אויך דאָס „נישט־פאָלק״, די יידן. לענין האָט איבערגענומען מאַרקסעס טעאָריע, אַז די יידן זענען נישט קיין פֿאָלק אָן אַ סך קריטיציזם, כאָטש ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז די יידן פון זיין צייט אין רוסלאַנד האָבן געהאַט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פֿאָלק, נאָר האָבן נישט אַן אייגענע טעריטאָריע, ווי די אַנדערע פעלקער. ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז עס איז בעסער פאַר זיי זיך אויסצומישן מיט די אַנדערע פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. אַ נצחון פון דער רעוואָלוציע וועט במילא געבן די יידן אַלע רעכט, ווי אַלע אַנדערע בירגער. אויב אַ טייל פון זיי ווילן פאַר אַ צייט אויפהאַלטן זייער אייגענע פֿאָלק־שפּראַך (יידיש), ליטעראַטור און קולטור, איז אויך נישט קיין אומגליק. אָבער צו מאַכן דערפון אַ ספּעציעלן ענין און פאַרלאַנגען קולטורעלע אויטאָנאָמיע, ווי דער „בונד״ האָט עס געטאָן, האָט ער באַטראַכט אַלס „בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם״ און ער האָט באַקעמפט דעם „בונד״ שוין אפילו צוליב דעם.

די יידישע קולטור און ליטעראַטור האָט זיך זייער שטאַרק אַנטוויקלט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אונטער דעם קאָנטראָל פון דער „יעווסעקציע״ (וועלכע סטאַלין האָט שפּעטער ליקווידירט). זי איז אָבער

הערנאָך געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, דורך פאַרמאַכן טייל יידישע אינסטיטוציעס און „ליקווידירן" טייל יידישע שרייבער און קולטור־טוער. איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף די לעצטע פינף יאָר פון סטאַלינס ממשלה, אין וועלכע עס איז פאַרגעקומען די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון אַלע פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור (זייער דערמאָרדונג) ביז צום „דאָקטוירים־פּראָצעס", וועלכן סטאַלין האָט שוין נישט דערלעבט צו פאַרענדיקן.

פאַר און נאָך סטאַלינס טויט האָט די יידישע קולטור און ליטעראַטור אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער „דאָקטוירים־פּראָצעס" האָט זיך טאַקע געענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ פאַר סטאַלינס תלינים, אָבער סטאַלין אַליין האָט שוין דאָס נישט דערלעבט. ווען ער וואָלט נאָך ווייטער געלעבט, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געשען מיט די יידן אין מאָסקווע און אין אַנדערע גרויסע שטעט אין ראַטנפאַרבאַנד. די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרט געזעסן געפּאַקט אויף זייערע טשעמאָדאַנעס און געוואַרט פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר...

נאָר לאָמיר גיין כסדר: סטאַלינס אָפענע אַנטיסעמיטישע רדיפות האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אָרגאַניזירטע טעגלעכע פּרעסע־אַטאַקעס קעגן די „קאָסמאָפּאָליטן". ווער זענען דאָס געווען די „קאָסמאָפּאָליטן"? דאָס זענען כמעט אַלע געווען יידן. דאָ און דאָרט האָט מען צוגעגעבן צו דער ליסטע פון די „קאָסמאָפּאָליטן" אַ נישט־ייד, כדי עס זאָל נישט אויסזען, ווי אַ 100 פּראָצענט אַנטי־יידישע פּאָלעמיק און העצע. אַ קליינער טייל פון „אַנטי־קאָסמאָפּאָליטן" זענען אַליין געווען יידן. זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך און זיי האָבן געפּרווט צו ראַטעווען זיך דורך צושטיין צו די „אַנטי־קאָסמאָפּאָליטן". עס האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן. נאָך אַ קורצער צייט האָט מען זיי אויך אַריינגעשטעלט אין דער ליסטע פון די „קאָסמאָפּאָליטן", צוגעבנדיק צו זייער רוסיפיצירטן נאָמען זייער אָריגינעל־יידישן נאָמען...

דאָס איז געווען די צייט פון דער „קאַלטער מלחמה" מיט די פאַראייניקטע שטאַטן. די „קאָסמאָפּאָליטן" זענען געווען די אַלע ליטעראַרישע קריטיקער און טעאַטער־קריטיקער פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס האָבן „נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער רוסישער נשמה", „מענטשן אָן אַ פאָטערלאַנד און אָן אַ נעכטן". כמעלניצקי דער פּאַגראָמשיק און

אַלע צאָרן פון דער רוסישער געשיכטע זענען געוואָרן די „העלדן״, וואָס מען האָט באַדאַרפט באַזינגען, און די „קאָסמאָפּאָליטן״ פון יידישער אָפּשטאַמונג האָבן עפּעס נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע התפעלות פאַר דעם שונד, וואָס די רוסישע ליטעראַטור אין יענער צייט האָט געשאַפן וועגן זיי. און דער הויפּט־חסרון פון די קאָסמאָפּאָליטן איז, וואָס זיי זענען צו קריטיש, זיי טראַכטן צופיל. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן גאַנץ אָפן פון אַ „יידישער אינפילטראַציע אין אַלע געביטן פון ליטעראַרישע, אַרטיסטישע און וויסנשאַפטלעכע געביטן״.

אויך אויף דעם פעלד פון דער קאָמפּאַראַטיווער ליטעראַטור זענען די שרייבער פון יידישער אָפּשטאַמונג געווען די ערשטע קרבנות צוליב דעם פשוטן פאַקט, וואָס אַחוץ רוסיש האָבן זיי אויך געקענט אַנדערע שפּראַכן און ליטעראַטורן. דער רוסישער שרייבער פאַדעיעוו האָט זיך ספּעציעל גענומען צו נוסינאָוו, וועלכער האָט מכלומרשט „דענאַציאָנאַליזירט״ פּושקינען, דעם רוסישן פּאָעט, אין עפּעס, אַ פאַן־אוניווערסאַלן און פאַן־איראָפּעאישן שרייבער... (נוסינאָוו איז געווען איינער פון 24 יידישע שרייבער, וואָס זענען נאָך אַ לאַנגן פּראָצעס צעשאָסן געוואָרן אין די קעלערן פון דער לוביאַנקער תפיסה דעם 12 אויגוסט 1952).

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע אָפיציעלע העצעס האָבן פאַרשטאַרקט די אַזוי אויך שטאַרקע אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין גאַנץ רוסלאַנד. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַ טייל פון די „קאָסמאָפּאָליטן״, וואָס האָבן, למשל, אויפגעדעקט באַציאָנאַליסטישע טענדענצן ביי אוקראַינישע שרייבער, וואָס איז אין דער צייט, ווען זיי האָבן עס געשריבן, געווען די אָפיציעלע פּאַרטיי־ליניע, זענען איצט געוואָרן געצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער „טראַמפּלען אויף די געפילן פון די אוקראַינער״. און אַזוי האָט מען אויך געהאַנדלט קעגן אַנדערע „קאָסמאָפּאָליטן״, וועלכע האָבן דעמאַסקירט באַציאָנאַליסטישע אָפּנויגונגען צווישן אַנדערע פעלקער.

די פּאַרטיי־מיטגלידער פון „פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער״ האָבן צוזאַמענגערופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג כדי צו „דעמאַסקירן״ די „קאָסמאָפּאָליטן״ פון צווישן די טעאַטער־קריטיקער, וואָס זענען כמעט אַלע געווען פון יידישן אָפּשטאַם. האָט מען זיי באַשולדיקט, אַז זיי זענען „אומפעאיק צו פאַרשטיין דאָס לעבן פון סאָוועטישן מענטש״ און זיי „פאַרשוואַרצן דעם סאָוועטישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער״. קאָנסטאַנטין

סימאָנאָוו, דער וויצע־סעקרעטאַר פון דעם „פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער" האָט זיי אַלע כאַראַקטעריזירט אַלס אַן „אַנטי־פּאַטריאָטישע גרופּע" און האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי דריקן אויס „דעם פאַרלאַנג צו צעשטערן די נאַציאָנאַלע וואָרצלען פון דעם סאָוועטישן מענטש און זיין נאַציאָנאַלן יחוס", ווייל זיי אַליין (די קאָסמאָפּאָליטן) האָבן נישט קיין שום וואָרצלען אין דער רוסישער און סאָוועטישער ערד, שפּראַך און קולטור. אַ טייל פון די קאָסמאָפּאָליטן האָט מען אפילו פאַרגעוואָרפן, אַז זיי קענען נישט ריכטיק שרייבן קיין רוסיש. צו די רוסיפיצירטע נעמען פון די „קאָסמאָפּאָליטן" האָט מען תמיד צוגעגעבן זייערע אָריגינעלע יידישע נעמען, כדי עס זאָל נישט זיין קיין ספק וועמען מען האָט דאָ אין זינען.

ווער עס ווייסט עפּעס וועגן די באַדינגונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס ממשלה, קען זיך לייכט פאָרשטעלן מיט וואָס דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט:

קולטורעלער גענאָסיד; דער סוף פון יידישן „אַנטי־פּאַשיס־טישן קאָמיטעט". פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון אַלע רעשטלעך פון יידישער קולטור און די דערמאָרדונג פון די וויכטיקסטע יידישע שרייבער אין די קעלערן פון דער לוביאַנקער תפיסה, דעם 12טן אויגוסט, 1952; „די טאָטאַלע לייזונג" — סאָוועטישער נוסח.

▽

אַ היפּשער טייל „אַנטיפּאַשיסטן" פון אַלטן חדר, צווישן זיי עריק פראָם, האַלטן, אַז מאַרקסיזם איז טאַקע זייער אַ גוטע זאַך, נישט מער, ער איז דעגענערירט געוואָרן, ווייל מען האָט אים קודם אָנגעווענדט אין רוסלאַנד, אַ לאַנד אין וועלכן די פּראָדוקציע־באַדינגונגען זענען נאָך נישט געווען „רייף" פאַר אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ווי איך זיי אַרויסנעמען פון זייער טעות. מאַרקס און ענגעלס האָבן צווישן אַנדערע נביאותן וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף באַלד קומען אין דעם אָדער יענעם לאַנד, אויך גערעכנט אויף רוסלאַנד, וואָס איז, להיפּוך צו זייער אייגענער טעאָריע, נישט געווען צוגעגרייט דערצו און מאַרקס האָט זיך אפילו אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש.

די ביאָגראַפיעס, וואָס זענען געוואָרן געשריבן וועגן קאַרל מאַרקסן

נאָך דעם ווי מאַרקסיזם איז געוואָרן דער אָפיציעל־אָנגענומענער טעאָרע־טישער יסוד פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָבן זיך געגעבן אַ סך מי אויסצומיידן אָדער בכלל אַדורכצולאָזן אַלץ, וואָס האָט געקענט אָנווייזן אויף די נעגאַטיווע זייטן פון קאַרל מאַרקסעס לעבן אָדער פון די מעטאָדן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט אין די טעאָרעטישע דיסקוסיעס מיט זיינע פּאָליטישע קעגנער. אַ בולטער ביישפּיל אויף דעם איז די ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס, געשריבן דורך פראַנץ מעהרינג. היינט צו טאָג האָבן מיר אָבער אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פון די בריוו צווישן מאַרקס און ענגעלס, פון דעם ערשטן ביז צו דעם לעצטן (4 בענד), אַרויסגעגעבן אין דייטשן אָריגינאַל, דורך דעם מאַרקס־ענגעלס אינסטיטוט אין מאָסקווע, אין די דרייסיקער יאָרן. מען האָט די דאָזיקע בריוו נישט איבערגעזעצט פון דייטש אין קיין שום אַנדערער שפּראַך. אָבער פאַרוואָס דער מאַרקס־ענגעלס אינסטיטוט האָט בכלל אַרויסגעגעבן די זאַמלונג פון די דאָזיקע בריוו, און וועלכער עס איז ענדערונג, בלייבט אַ רעטעניש. עס איז דאָך מעגלעך פון די דאָזיקע בריוו אַרויסצונעמען אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל, וואָס וואַרפט אַ זייער נעגאַטיוו ליכט אויף מאַרקסן אַלס פּערזענלעכקייט, אויף זיין נטיה זיך נישט אָפּצושטעלן פאַר קיין שום מעטאָדן, מסירות, וואָס זענען אין דער ווירקלעכקייט מיט גאָרנישט באַגרינדעט, אויב נאָר עס האָט אים געקענט העלפן צו פאַרניכטן זיין טעאָרעטישן קעגנער. מיר זעען דאָ די זעלבע בייזוויליקייט און בייסנדיקע סאַטירע, די זעלבע פּאַראַנאָאישע פּאָזיציע קעגן אַלע, וואָס זענען נישט מסכים מיט אים. עס איז דער זעלבער סטיל, וואָס מיר געפינען שפּעטער אין די שריפטן פון לענין און סטאַלין, און מיר קומען צום אויספיר, אַז לענין און סטאַלין זענען זייער געטרייע תלמידים פון מאַרקסן און ווען מאַרקס וואָלט געהאַט די זעלבע מאַכט וואָס סטאַלין האָט געהאַט, וואָלט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום פאַרברעכן ,כדי צו דערגרייכן זיין ציל.

אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מאַרקסעס טעאָריעס, וועלכע ער איז געווען גרייט צו ענדערן לויטן באַדאַרף, צו וויסנשאַפט? זיי האָבן טאַקע נישט קיין שייכות צו וויסנשאַפט, אָבער זיי האָבן אָנגעוויזן דעם וועג, אויף וועלכן מען קען דערגיין צו טאָטאַלער מאַכט איבער באַפעל־קערונגען פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן. מוסאָליני איז געגאַנגען

אין חדר קודם צו די מאַרקסיסטן, וואו ער האָט אָפּגעלערנט זייערע מעטאָדן. היטלערס ראַסן־טעאָריעס זענען געווען אַ „וויסנשאַפט" אין דייטשלאַנד, ווי לאַנג ער איז געווען בײַ דער מאַכט, און 95 פּראָצענט פון די דייטשע וויסנשאַפטלער האָבן געהאַלטן אין איין באַווייזן ווי „וויסנשאַפטלעך" עס זײַנען זײַנע מעטאָדן. איז וואָס איז זיך צו וואונדערן אויף סטאַלינען, אויף זײַנע משרתים און יורשים?

מאַרקס און ענגעלס
פון אַ קליניש־פּסיכיאַטרישן קוק־ווינקל

מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אויף מאַרקסעס פּיקנישן קערפּערבוי. מענטשן מיט אַזאַ קערפּערבוי האָבן אַ נטיה צו אַ ציקלאָטימישן כאַראַקטער, וואָס קען אַמאָל פירן צו אַ מאַניש־דעפּרעסיווער קראַנקייט. אָבער דער רוב פון זיי בלייבט אויף דער גרענעץ צווישן גייסטיקער קראַנקייט און אַ פּסיכאָפּאַטישן כאַראַקטער מיט שטריכן פון פּאַראַנאָיאַ (פּאַרפאָלגונגס־מאַניע). אַזעלכע מענטשן ווערן קיינמאָל נישט קראַנק אין אַ קלינישן זינען, אָבער אַרום דעם 30־סטן לעבנסיאָר אַנטוויקלט זיך זייער כאַראַקטער־פּאַטאָלאָגיע אַלץ מער און מער. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען מענער.

אַ מענטש מיט פּאַראַנאָישע פּסיכאָפּאַטישע כאַראַקטער־שטריכן זעט זיינע אייגענע פאַרלאַנגען און נטיות אָפּגעשפּיגלט אין די פאַרלאַנגען און נטיות פון אַנדערע מענטשן מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט. זייענדיק אַליין פול מיט שנאה און דעם פאַרלאַנג צו טאָן שלעכטס אַנדערע, באַשולדיקן זיי די מענטשן אַרום זיך, אַז זיי ווילן דאָס טאָן צו זיי. דער פּאַראַנאָאיקער באַנוצט אַלע מעגלעכע שכלדיקע אַרגומענטן, כדי צו באַווייזן, אַז אַנדערע מענטשן ווילן אים טאָן שלעכטס און ברענגען שאָדן. ער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות כדי צו איבערצייגן די, וואָס זיינען דערוויל נאָענט צו אים, אַז דאָס איז באמת אַזוי. שפּעטער צו קען ער באַשולדיקן די זעלבע מענטשן, וועלכע ער האָט געפּרוווט איבערצייגן, מיט ענלעכע שלעכטע כוונות, און ער האָט אויף זיי דעם זעלבן חשד, ווי עס באַווייזט דער זאָג פון מאַרקס און זיינע יורשים „ווער עס איז נישט מיט מיר, איז קעגן מיר“.

אַ סך מאָל געלינגט עס דעם פּאַראַנאָאיקער צו איבערצייגן זיינע פריינט, אַז זיינע שונאים זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זיינע שוועריקייטן. אָן אַנדער מאָל כאַפּט זיך דער פּאַראַנאָאיקער, אַז פריינט און באַקאַנטע גלויבן עפּעס נישט אין אַלע זיינע חשדים. ער אָריענטירט זיך ווו ער האַלט און ער קומט דערמיט נישט אַרויס אָפּן. דער פּאַראַנאָאיקער קען זיין זייער אינטעליגענט און ער קען זיין אפילו אָביעקטיוו, אויב עס האַנדלט זיך אין זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט די פּערזאָנען,

אָרום וועלכע ער האָט אויסגעבויט אַ גאַנץ געוועב פון חשדים. דאָס דאָזיקע געוועב ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער קאָמפּליצירט און וואָס מער זיין „שונא" האָט דערפאָלג, אַלץ מער פילט זיך דער פּאַראַנאָאיקער געקריוודעט, ווייל די גאַנצע אָנערקענונג געהערט דאָך צו אים און נישט צו זיין מכלומרשטן שונא..." אָט אַזאַ פּאַראַנאָאיש־געפיל האָט מאַרקס געהאַט לגבי פערדינאַנד לאַסאַל, וועלכער האָט געהאַט דערפאָלג אַלס אַדוואָקאַט, אַלס שרייבער, אַלס גרינדער פון דער ערשטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט דעמאָלט נישט געקענט מאַרקסן. „דעם וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליסט" און האָט פון אים נישט געוואָלט וויסן... די איינציקע ישועה איז דעמאָלט געווען פאַר מאַרקסן, וואָס דער יונגער לאַסאַל איז געהרגעט געוואָרן אין אַ דועל. אָבער אפילו נאָך לאַסאַלס טויט האָט די דייטשע אַרבעטער־פּאַרטיי נאָך אַ לאַנגע צייט זיך געהאַלטן אין לאַסאַלס תורות און נישט אין דעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם" וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געשאַפן.

אָבער לאַסאַל איז נישט געווען דער איינציקער, קעגן וועלכן מאַרקס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע שנאה. ווי באַקאַנט האָט זיך מאַרקס געמאַכט אַ סך שונאים, ווייל ער האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו יעדן, וואָס האָט געהאַט אַנדערע אידיען. ער האָט אָבער תמיד געגלויבט, אַז ער האָט אַ סך מער שונאים, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

ווער עס לייענט מאַרקסעס ביאָגראַפיע מיט אַ קריטיש אויג, באַקומט דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּאַראַנאָאיקער, וואָס האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע אָנשטרענגונג נישט אַזוי אין פאַרדינען אויף פּרנסה, נאָר אין פּאָלעמיזירן אָן אַ סוף מיט „קעגנערס" פון זיין עקאָ־נאָמישער טעאָריע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן זי צו פאָרמולירן אין אַ בוך. ווייל „עקאָנאָמיע" האָט ער נישט נאָר נישט געקענט, נאָר ער האָט פשוט פיינט געהאַט דעם דאָזיקן „תנוף" („תנוף" בלע"ז). די „וויסנשאַפט", וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען, איז אַזאַ, אַז היינט צו־טאָג וואָלט שוין קיינער נישט געוווּסט, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ מענטש מיטן נאָמען קאַרל מאַרקס, ווען נישט לענין און זיינע חברים און יורשים וואָלטן נישט אויסגענוצט דעם כאַאָס אין רוסלאַנד אין 1917 און נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט האָבן זיי אָנגעהויבן אָנצווענדן מאַרקסעס „וויסנשאַפט". וואָס ס'איז דערפון אַרויסגעקומען? פון דעם

רעדט די געשיכטע אין אַלע לענדער, אויסער רוסלאַנד און אַנדערע „סאָציאַליסטישע" לענדער. (ווייל אין אַט די לענדער טאָר מען דאָך נישט זאָגן דעם אמת).

ווי אַ סך אַנדערע פּאַראַנאָאיקער האָט מאַרקס געהאַט אַ טיף געפיל פון אַ וועלט מיסיע, וועגן וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערשרייבן מיט זיין פריינד פרידריך ענגעלס. די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט זיך געצויגן פון ווען מאַרקס האָט זיך באַקענט מיט ענגעלסן ביז צו מאַרקסעס טויט. די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר פון זיין לעבן האָט זיך מאַרקס שוין נישט געדאַרפט זאָרגן וועגן פּרנסה, ווייל ענגעלס האָט אים און זיין משפּחה אויסגעהאַלטן.

די דאָזיקע פריינדשאַפט צווישן צוויי מענער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין חלוקי־דעות, איז נישט נאָר צו באַוואונדערן, נאָר פאַרלאַנגט אויך אַ פּסיכאָלאָגישע אויסטייטשונג (עס פעלט מיר גאָרנישט איין אַ פּאַראַלעל אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע — אויסער אויב מיר גייען צוריק צום תנ״ך (שמואל א׳), ווו עס דערציילט זיך וועגן דער ליבע צווישן דוד און יונתן... (יונתן, דער זון פון שאול המלך, דער ערגסטער בלוט־שונא פון דודן, וואָס האָט סוף כל סוף געירשנט זיין טראָן...).

לויט דער פּסיכאָאַנאַליטישער תורה גייען פּאַראַנאָיאַ און האָמאָ־סעקסואַליטעט האַנט אין האַנט... מיר ווייסן אָבער, אַז מאַרקס האָט געהאַט אַ פרוי, די אַריסטאָקראַטקע זשעני פאָן וועספאַלען מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַ היפּש ביסל קינדער און ענגעלס האָט געלעבט מיט מערי בורנס, מיט וועלכער ער האָט נישט חתונה געהאַט.

ווייסן מיר אָבער אויך, אַז אין יענע יאָרן האָט מען פון האָמאָ־סעקסואַליטעט אפילו נישט געטאָרט ריידן... (ווען מען האָט אַנטדעקט אַז אָסקאַר ווײַלד האָט געהאַט באַציאונגען מיט אַ יינגל, האָט ער נישט נאָר באַקומען 3 יאָר תּפיסה, נאָר זיין גאַנצע קאַריערע איז צעשטערט געוואָרן און ער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט אומגעקערט קיין ענגלאַנד און איז געשטאָרבן אין אַ ביליקן פּאַריזער האָטעלכל).

עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן אין זינען אַ פאַרבאָרגענע (LATENT) האָמאָסעקסועלע פריינדשאַפט, וואָס איז אַזוי טיף אונטערדריקט אין דעם

אונטערבאַוווסטזיין, אַז די צוויי פּאַרטנערס גיבן זיך אפילו נישט אָפּ דערפון קיין רעכנשאַפט. ווייסן מיר דאָך וועגן מאַרקסן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום דרך־ארץ פאַר זיין אייגענער מוטער און פאַר זיין פרוי האָט ער שוין געהאַט אַ־ביסל צופיל דרך־ארץ... אַלס יינגל זיינען זיינע חברים נישט געווען אַנדערע יינגלעך פון דער שול, נאָר זיין פאָטער און דער אַלטער פאָן וועספאַלען. אין דער צייט פון געשלעכטלעכן רייף־ווערן איז עס אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, אַז יינגלעך האָבן זיך זייער שטאַרק ליב קעגנזייטיק און „האָבן פיינט" מיידלעך (דאָס זעלבע קומט אויך פאָר צווישן מיידלעך). פרויד האָט דעם דאָזיקן פעריאָד באַצייכנט אַלס אַן איבערגאַנגס־פּאַזע פון האָמאָסעקסועלער ליבע, וואָס מאַכט שפּעטער פּלאַץ פאַר דער העטעראָסעקסועלער (ד. ה. צווישןביידע געשלעכטן) ליבע. אויב אַ יינגל האַלט זיך ווייט פון אַנדערע יינגלעך אין אָט דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, קען מען עס באַצייכענען אַלס „דעפענס מעכאַניזם", ד. ה. ער וויל זיך באַוואָרענען (אונטערבאַוווסטזיניק), אַז עס וועט אים נישט אַריינ־שלעפּן צו טיף אויפן וועג פון האָמאָסעקסואַליזם.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מאַרקסעס פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע, אויף וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביז איצט, איז שוין לייכטער צו פאַרשטיין זיין אַנטיסעמיטיזם. דער הויפּט־עלעמענט, וואָס האָט באַוועגט דאָס שאַפן פון קאַרל מאַרקס, איז געווען נישט די ליבע צום פּראָלעטאַריאַט (האָט ער דאָך אָפּגעלאַכט פון פּראָלעטאַריאַט אַלע מאָל אין זיינע פּריוואַטע בריוו צו ענגעלסן), נאָר שנאה צו דער בורזשואַזיע, שנאה און רכילות קעגן אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייערע אידייען זיינען געווען אַנדערש פון זיינע. אויף באַקונינען האָט ער אַריסגעלאָזט אַ שם, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט צו דעם צאַר, בשעת ער איז אין דער אמתן אָפּגעזעסן 12 יאָר אין תפיסה און דערנאָך אויף קאַטאָרגע, פון וואַנען עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. בלוטיקער טעראָר און שנאה — דאָס זיינען געווען מאַרקסעס לאָזונגען. אַ מענטש, וואָס האָט פיינט אַלץ און אַלעמען האָט אויך פיינט זיך אַליין און זיין אייגענעם אָפּשטאַם. אַז מען זייט אַ דאָקטרין פון שנאה, טעראָר און פאַרשקלאַפונג, קען קיין שום דיאַלעקטיק נישט העלפן, אַז עס זאָל דערפון אַרויסקומען דאָס זעלבע אין אַ פאַר־שטאַרקטער מאָס. ווי זאָגט דאָס ווערטל? „דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון דעם בוימעלע". און וועגן דעם „עפּעלע" מיטן נאָמען סטאַלין וואָלט

מען באַדאַרפט שרייבן אַ גאַנץ באַזונדער בוך, ווייל ער האָט פאַרווירקלעכט דאָס, וועגן וואָס קאַרל מאַרקס האָט נאָר געחלומט און זיך אויסגעלאָדן אין זיינע שריפטן, פול מיט גאַל און שנאה.

דריטער חלק

דער חורבן פון 1939-45

די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַנטיסעמיטיזם

דער פאָלקס־אומקום פון 1939־45 איז מער ווי אַן עפּיזאָד אין אונזער געשיכטע, וואָס האָט אַזוי פיל צו דערציילן וועגן שחיטות און אומקום. ווייל דאָס, וואָס איז מיט אונז געשען אין דער היטלער־עפּאָכע, די אָרגאַניזאַציע פון דער קאַלטבלוטיקער פאַרטיליקונג פון 6 מיליאָן יידן, האָט נישט קיין פּרעצעדענט און שטייט איינציק סיי אין אונזער געשיכטע, סיי אין דער געשיכטע פון פעלקער בכלל. איז דאָך יעדע פאַזע פון פאַרטיליקונג געווען אַזוי געגוי אָדורכגעטראַכט, טעכניש און אידעאָלאָגיש צוגעגרייט און אָרגאַניזירט דורך דער היטלער־מלוכה! און עס איז היינט שוין גענוג באַקאַנט, אַז אין דער אידעאָלאָגישער צוגרייטונג אין באַגרינדונג פון פעלקער־מאָרד האָבן די דייטשע וויסנשאַפטלער געגעבן דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט!

דאָס אַלץ איז געווען מעגלעך אין דער עפּאָכע, ווען אַנטיסעמיטיזם איז אין דייטשלאַנד געוואָרן דערהויבן נישט נאָר צו אַ וויסנשאַפט, נאָר איז געוואָרן די קרוין פון דער דייטשער וויסנשאַפט, די וויסנשאַפט פון וויסנשאַפטן...

אַט דעם צושטאַנד האָבן מיר צו „פאַרדאַנקען", וואָס עס איז געווען אַזוי פיל סיסטעם אין דער פאַרטיליקונג פון אונזער פאָלק, אין דער קורצטערמיניקער אויסראָטונג פון אַזעלכע גרויסע מענטשן מאַסן! עס האָט געקלאַפּט דער גאַנצער אַפּאַראַט: סיי טעכניש, סיי אידעאָלאָגיש, סיי פּראָפּאַגאַנדיסטיש. פון איין זייט האָט געאַרבעט דער ריזיקער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וואָס האָט אינטענסיוו פאַרשפּרייט דעם סם פון יידן־שנאה אין אַלע דייטשע אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען, צווישן גאַנצן פאָלק. פון דער אַנדערער זייט זיינען געזעסן די דייטשע וויסנשאַפטלער אין זייערע שטילע קאַבינעטן און געליפערט אַלץ נייע און נייע ווערק מיט אַרגומענטן און „באַווייזן" וועגן דער שעדלעכקייט פון דעם מין יידן, וואָס זיינען געוואָרן אויפגענומען דורך דער דייטשער פּאָליטיק און פּאָפּולאַריזירט דורך דעם פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט. עס איז היינט שוין אַן אַלגעמיין־באַוואוסטע זאַך, אַז אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר צווייטראַנגיקע דייטשע שרייבערלעך, נאָר טאַקע דייטשע אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן און רעפּרעזענטאַטיווע

פאַרשטייער פון דער דייטשער וויסנשאַפט. אויף וויפל עס זיינען נאָך פאַרבליבן אַזעלכע נאָך דעם מאַסן־גירוש פון אַ סך געלערנטע פון יידישער אָפשטאַמונג אָדער מיט דעמאָקראַטישע אידעען.

די דייטשע געלערנטע און טעאָרעטיקער פון יידן־שנאה האָבן זיך צווישן אַנדערן גענומען פאַר אַ ציל צו דערווייזן, אַז אַלץ, וואָס יידן האָבן געשאַפן, איז אָדער מינדערווערטיק און אומבאַדייטנדיק אָדער עס טראָגט סימנים פון גייסטיקער קראַנקייט. דער דייטשער פּסיכאָלאָג ע. ר. יענש, למשל, האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די גייסטיקע שאַפונגען פון יידן, גייסטיק־קראַנקע (סכיצאָפרעניקער) און טובערקולאָטיקער געהערן פּילוויניק צו איין קאַטעגאָריע. זיי געהערן אַלע צו דעם א. ג. „קעגן־טיפּ״, וועלכן ער האָט צוגעטראַכט. דאָס איז אין תוך אַ טיפּ פון צעפאַלונג און אויפלעזונג און אַלץ, וואָס דער דאָזיקער טיפּ שאַפט, האָט די אַטריבוטן פון אַ דעגענערירנדיקער, אָפּשטאַרבנדיקער און פוילנדיקער קולטור... איז דעריבער נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס דער דייטש באַדאַרף שיצן זיין קולטור און זאָל עס זיין אפילו מיט דער הילף פון אַן אָפּעראַציע, וואָס שניידט ווייט אין געזונטן פלייש אריין... דאָס זיינען די אויספירן, וואָס עס האָט זיי געמוזט מאַכן דער דייטשער מענטש, וואָס האָט גענומען ווערטלעך יענשעס תורות...

ע. ר. יענש איז אָבער נישט איינער. אויסער אים זיינען געווען הונדערטער און טויזנטער דייטשע געלערנטע, וואָס האָבן נאָכן אויפקומען פון נאַציזם און נאָך מער נאָך זיין קומען צו דער מאַכט מיט אַלע זייערע כוחות און מיטן גאַנצן געווער פון דער וויסנשאַפט געזוכט צו פאַרטיפן און צו באַרעכטיקן די אידעאָלאָגיע פון היטלעריזם און פון יידן־שנאה. דאָס איז געווען שוין אַ ווייטער שריט פאָרויס פון ה. ס. טשעמבערלענס „גרונדלאַגן דעס 19 יאָרהונדערטס״ (די ביבל פון קלאַסישן דייטשן „וויסנ־שאַפטלעכן״ אַנטיסעמיטיזם) אָדער אפילו פון די ווערק פון ה. ק. גינטער, דעם „וויסנשאַפטלעכן״ באַגרינדער פון ראַסיזם.

ווי עס האָט אונדז געלערנט די געשיכטע, איז פון די דאָזיקע, אין תוך פסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, ביז צו קאָנקרעטע מעשים געווען נישט מער, ווי אַ שריט. אַנגעגורט מיט דער „וויסנשאַפטלעכער״ טעאָריע וועגן פאָליטישער עוועגעניק און אָפּערירנדיק מיט דער ניי־געשאַפענער „פאָליטישער ביאָלאָגיע״ האָט די דייטשע מאַכט אָנגעהויבן מיט אַ רואיק

געוויסן צו מאָרדן גייסטיק־קראַנקע און „מינדערוועדטיקע" פעלקער, צווישן וועלכע עס האָבן פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ יידן און ציגיינער. טובער־קולאָז־קראַנקע און אַ ווייטערע קאַטעגאָריע „מינדערוועדטיקע" פעלקער, ד. ה. סלאַוון און פראַנצויזן האָט מען דערוויל איבערגעלאָזט אויף שפּעטער — ביז מען וועט איינגאַנצן פאַרטיק ווערן מיט דער ערשטער קאַטעגאָריע פון „קעגנטיפּ" און „קעגנפאָלק". די דאָזיקע אויסראָטונג פון פעלקער איז געווען די דירעקטע פאָדערונג פון דער דייטשער „פּאָליטישער ביאָלאָגיע" און „געאָ־פּאָליטיק", וואָס איז די וויסנשאַפט פון דעם באַקאַנטן „קאַמף פאַרן לעבנסרוים".

דאָס געוויסן פון דורכשניטלעכן דייטש האָט זיך נישט געבונטעוועט ביים אויספירן די דאָזיקע „פּאַטריאָטישע" אַרבעט — מאָרדן שוצלאָזע פרויען און קליינע קינדער פון אַ „קעגנערישן" פאָלק. ער האָט נישט געמוזט זיין ספּעציעל אַן אכזר אָדער אַן אויסוואורף (אויב יאָ, איז אוודאי בעסער...), ער האָט נאָר געדאַרפט זיין אַ דיסציפּלינירטער דייטש! אויך דער דייטשער דורכשניטלעכער אינטעליגענט האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערע געוויסן־שוועריקייטן. האָט ער דאָך געהאַט די הסכמה פון דער דייטשער וויסנשאַפט, וועלכע האָט אַלע פאַרברעכנס אידעאָלאָגיש און „וויסנשאַפטלעך" באַגרינדעט. ווי מיר ווייסן היינט פון אַ אַקטן פון נירנבערגער פּראָצעס, איז דער צווייטער טורנוס אין די גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס געווען באַשטימט פאַר די סלאַווישע פעלקער. די דייטשע וויסנשאַפט האָט שוין אויך אָנגעהויבן געשמאַק אַריינצוקנעלן מיט דעם עולם וועגן דער מינדערוועדטיקייט און „קעגנפעלקישקייט" פון סלאַוון...

די דאָזיקע נייע „דייטשע אידעאָלאָגיע" האָט גענומען פאַרן יסוד די ניטשעאַנישע פילאָזאָפיע און זי אינטערפּרעטירט לויט די באַדערפעגישן פון דער היטלער־מלוכה. אַלץ, וואָס איז קראַנק, האָט נישט קיין רעכט צו לעבן. און אַלץ, וואָס איז נישט דייטש, איז געוואָרן דערקלערט דורך דער דייטשער וויסנשאַפט פאַר קראַנק... נישטאָ און עס טאָר נישט זיין קיין רחמנות פאַר דעם שוואַכן! אָט די פילאָזאָפיע האָט אויך געגעבן די ריכט־ליניע פאַר דער דייטשער טאַקטיק לגבי די באַזיגטע פעלקער (זייער שוואַכקייט איז זייער גרעסטע פאַרברעכן...) פאַרשטייט זיך, אַז עס קען נישט זיין קיין שום רייד פון רחמנות לגבי יידן, וועלכע זיינען דאָך געווען שוואַכער און ווערלאָזער פון וועלכן עס איז אַנדערן פאָלק.

אַזאַ אַנטשפּרעכנדיק צופּרעפּאַרירטער און געפּעלשטער ניטשעאַניזם איז אויך געוואָרן איינער פון די יסודות פון דייטשן „ביאָלאָגישן דענקען״, וואָס די דייטשע געלערנטע האָבן עס אַנטקעגנגעשטעלט דעם הומאַניסטישן דענקען... דער דייטשער געלערנטער פון דער היטלער־עפּאָכע זאָגט זיך אַרויס אָפן און באַוואוסטזיניק קעגן דעם הומאַניסטישן דענקען און פאַר־דאַמט עס אַלס קוואַל פון פוילן הומאַניטאַריזם... דאָס ביאָלאָגישע דענקען באַדייט אָבער נאָך אַ סך מער, ווי געווײנטלעך: פאַר דעם דייטשן געלערנטן באַדייט עס קודם כל — דענקען מיט קאַטעגאָריעס פון ראַסע און בלוט. אַלע אַנדערע קאַטעגאָריעס, די נאָרמעס פון ריכטיקן, לאָגישן דענקען, גילטן נישט מער. אַלע נאָרמעס פון רעכט און גערעכטיקייט ווערן אָוועקגערוקט ווי „פאַרעלטערטע״ און אפילו ווי פיינטלעכע פאַר דעם „נייעם רעוואָלוציאָנערן דייטשלאַנד״, אין וועלכן עס דאָמינירט די נייע נאָרמע: „גוט איז דאָס וואָס איז גוט פאַר דער נאָרדישער (גערמאַנישער) ראַסע״.

נאָך אַזאַ מין „עוואָלוציע״ פון פילאָזאָפישער צוגרייטונג האָט דער דייטשער מעדיצינער מער נישט געקענט האָבן קיין שום קעגנערשאַפט אייגנהענטיק צו הרגענען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער גייסטיק־קראַנקע אָדער מאַכן די שווידערלעכסטע — צומיינסט זינלאָזע, אפילו פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט — עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע מענטשן. אויב זיי האָבן געהערט צו איינע פון די „נידעריקערע״ ראַסן. ביי אַזאַ מין גייסטיקער אַטמאָספער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו אַ גרויסן טייל דורך דער שולד פון די דייטשע געלערנטע, האָבן אויך די אַנדערע דייטשן, וואָס האָבן אפשר נישט אַנטיילגענומען אַקטיוו אין די מערדערייען, דאָך נישט געהאַט דעם מוט און נישט דעם כוח זיך מיט עפּעס וואָס אַנטקעגנצושטעלן אַט דעם שטראָם.

אָבער פאַר דעם פּסיכאָפּאַטאָלאָג איז דאָס דאָזיקע דייטשע „ביאָלאָגישע דענקען״ אין אַ געוויסן זין גאָרנישט אַזוי ניי. געוויסע געדאַנקען־גענג פון דער נאַצישער פילאָזאָפיע געהערן צו די סימפּטאָמען פון אַ גאַנץ באַשטימטן מין גייסטיק־קראַנקע — פון דעם פּאַראַנאָיקער. ווי ווייט עס גייט די ענלעכקייט, איך וואָלט געזאָגט, בשותּפותדיקייט פון זייערע געדאַנקען־גענג, קענען באַשטעטיקן אַ גאַנצע רייע אילוסטראַציעס. אָבער דאָ מוזן מיר זיך באַוואָרענען קעגן אַט־וואָס:

געבנדיק אַן אַנאַליז פון אַנטיסעמיטיזם פון אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן

שטאַנדפונקט, זיינען מיר נישט אויסן צו פאַרמינערן די וויכטיקייט פון פּראָבלעם דורך וועלן זיך גרינג מאַכן דעם אַנטיסעמיטיזם און די אַנטי־סעמיטישע געפאַר. נאָך ווייניקער זיינען מיר אויסן צו געפינען וועלכע ס'איז „מילדערנדע אומשטענדן" פאַר די יידן־פרעסער, מלחמה־פאַר־ברעכערס, זוכנדיק איינעם פון די שרשים פון אַנטיסעמיטיזם אין דער פסיכאָפּאַטאָלאָגיע. אויב מען גייט צו צו סאָציאַל־פּאָליטישע דערשיינונגען מיט קריטעריעס פון פסיכאָלאָגיע אָדער אפילו פסיכאָפּאַטאָלאָגיע, ווערט דורך דעם נאָך מיט גאַרנישט געמינערט זייער סאָציאַלע באַדייטונג. געבנדיק אַ פסיכאָפּאַטאָלאָגישן אַנאַליז פון אַנטיסעמיטיזם, ווייזן מיר דירעקט אָן אויף זיין יחוס־בריוו. אויף אַזאַ אופן געפינען מיר זיין גייסטיקע היים. עס ווערט נעענטער פאַר אונזער פאַרשטענדעניש די סאָציאַל־פסיכישע אַטמאָספער, אין וועלכער עס גערעכט צום בעסטן דאָס געוויקס, וואָס רופט זיך „וויסנשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם" אָדער „יידן־קענטעניש" (יידן־פרעסער").

איינע פון די הויפּט־טענה פון אַנטיסעמיטיזם איז, אַז אַלע יידן בילדן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו פאַרכאַפּן די הערשאַפט איבער דער וועלט. צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געהערן, לויט דער תורה פון אַנטיסעמיטיזם, אַלע יידן, ווי ווייט זיי זאָלן אויך נישט זיין איינע פון די אַנדערע פּאָליטיש, סאָציאַל, רעליגיעז, קולטורעל און טעריטאָריאַל. דער דאָזיקער געדאַנק ווערט פּראָפּאַגירט, כדי מיט עפּעס וואָס צו באַגרינדן די פּראָגראַם־פּראָפּאַגאַנדע און די מערדערייען. צום טייל גלויבן אָבער די אַנטיסעמיטן אַליין דערין.

אָט דער געדאַנק, אַז די יידן פאַרמאָגן אַן אַלוועלטלעכע געהיימע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרשיידענע פאַרברעכערישע אויפגאַבן, וואָס באַדראָען די עקזיסטענץ פון אַלע פעלקער, חזרט זיך איבער ביי אַלע אַנטיסעמיטישע „דענקער", נישט קוקנדיק אויף זיין אבסורדקייט. אָט דער געדאַנק פאַרנעמט אָבער אויך אַ גאָר בכבודיקן אָרט אין די שגעון־סיסטעמען פון די פאַראַנאָיקער (פאַרפאָלגונג־מאַניע). אין אַלע לענדער, אויך דאָרט אפילו, וואו אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין ספּעציעל פּאָפּולערער אַרטיקל, שפּילט דער יידן־קאָמפּלעקס אַ גרויסע ראָל אין דעם שגעון־סיסטעם ביי אַלע פאָרמען פון פאַראַנאָיקער. דער פאַראַנאָיקער (אויך די פאַראַנאָישע פאָרם פון סכיצאָפרעניע) באַגייט אָפט די שוידערלעכסטע

פאַרברעכנס, וועלנדיק זיך אויף אַזאַ אופן שיצן קעגן זיין מכלומרשטן שונא. אין דער פּסיכיאַטרישער ליטעראַטור איז באַקאַנט דער פאַל וואַגנער: דער דייטשער לערער וואַגנער האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויסגע־הרגעט זיין גאַנצע משפחה און אַ גאַנצע ריי שכנים, וואָס האָבן אים געוואָלט אַרויסרייסן די האָק פון דער האַנט. זיין טאַט האָט ער מאָטיווירט דערמיט, וואָס אַלע שושקען זיך וועגן דעם, אַז ער האָט באַציונגען מיט חיות... וועגן זיינע באַציונגען מיט חיות האָט קיינער, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין אנונג. אָבער ער איז לאַנגע יאָרן אַרומגעגאַנגען מיט דעם חשד, אַז אַלע ווייסן דאָס און, אַז זיי פאַרשטענדיקן זיך וועגן דעם צווישן זיך מיט געהיימע צייכנס.

דאָס איז אַ קלאַסישער פאַל פון אַ מאַסן־מאָרד, באַגאַנגען פון אַ מטורף אין רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי קראַנקהאַפטע אידעען און שגעון־פאַרשטעלונגען. אַזעלכע און ענלעכע פאַלן זיינען אין דער פּסיכיאַטרישער ליטעראַטור באַקאַנט גענוג. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס אַזעלכע גייסטיק־קראַנקע לעבן יאָרנלאַנג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און קיינער מערקט נישט זייער גייסטיקן צושטאַנד. ערשט אַזאַ טאַט, וואָס קומט מיטאַמאָל, דעקט אויף זייער גאַנצן אינערלעכן מהות.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער פּסיכיאַטער ערנסט קרעטשמער אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אַ סך פון די פּאָליטישע פירערס, וואָס אין אומרואיקע צייטן באַשטימען זיי איבער דעם גורל פון לענדער און פעלקער, געפינען זיך אין רואיקע צייטן הינטער די מויערן און קראַטעס פון אַ פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט.

„איך וויל דאָ נישט פשוט אַוועקשטעלן די וואַגנערס אַלס פּראָטאָטיפּ פון דעם דייטשן מלוכה־מאַן פון דער היטלער־עפּאָכע. עס האַנדלט זיך דאָ נישט דערין, אַוועקצושטעלן די דייטשע מלוכה־מענער אַלס גייסטיק־קראַנקע! אָבער די אידעאָלאָגיע, וועלכע זיי האָבן באַשאַפן און פאַר־שפּרייט, די מענטאַליטעט, מיט וועלכער זיי האָבן געלעבט און פון וועלכער אַרויס זיי זיינען באַגאַנגען די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס, דאָס איז וואַגנעריזם אין מלוכה־מאַסשטאַב. דאָס סיסטעמאַטישע און פּלאַן־מעסיקע אויסבויען פון אַן אַבסורדאַלער אידעע, איינהאַלטנדיק דערביי אַלע אויסערלעכע נאָרמעס פון אָרנטלעכקייט, דאָס איז דאָס געמיינזאַמע צווישן דעם לערער וואַגנער און דעם קאָלעקטיוון וואַגנער — דעם דייטשן פאָלק.

דאָס איז דאָס געמיינזאַמע. עס זיינען אָבער אויך דאָ גרונטזעצלעכע חילוקים: דער מטורף וואַגנער האָט יאָרנלאַנג אויסגעבויט אַן אַבסורדאַלע אידעע און איז באַגאַנגען אַ מאַסן־מאָרד, דינענדיק נישט צוליב אַ נוצן אָט דער אַבסורדאַלער אידעע. דער קאָלעקטיווער וואַגנער (דאָס דייטשע פאָלק) האָט געטון דאָס זעלבע באַרעכנט און צוליב מאַטעריעלן נוצן. די דאָזיקע מאַטעריעלע אויסגערעכנטקייט פון דעם קאָלעקטיוון וואַגנער (דייטש־היטלעריסטישער אימפּעריאַליזם) איז דער בעסטער באַווייז, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז באַגאַנגען זיינע פאַרברעכנס נישט אין מצב פון אַ פּסיכאָז, כאָטש עס האָט דערביי אָפּערירט מיט אַבסורדע אידעען.

▽

די וועלט פון דעם גייסטיק־קראַנקן, דער עיקר פון דעם סכיצאָ־פרעניקער, צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס עס ווערן אין איר ווידער אַנטפּלעקט די נידעריקערע, אַרכאַאישע שיכטן פון דער פּסיכיק. אויף דער פּסיכיק פון סכיצאָפרעניקער קען מען שטודירן די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור, פון דער סאַמע פריער, פאַר־געשיכטלעכער, אַרכאַאישער עפּאָכע. ווייל ביים גייסטיק־קראַנקן זעען מיר ווידער פּרימיטיווע אַרכאַישע רעאַקציעס, וואָס שטאַמען פון דער עפּאָכע פון קאַניבאַליזם און פון נאָך פריער.

עס איז אין הסכם מיט אונזער קאָנצעפּציע, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם־היטלעריזם האָט אַפּעלירט צו דעם פּרימיטיוון און צו דעם אַרכאַישן, וואָס געפינט זיך אין דער פּסיכיק פון אָפּגעשטאַנענע מענטשן. דער היטלעריזם האָט מבטל געמאַכט אַלע נאָרמעס פון מענטשלעכן, סאָציאַלן צוזאַמענלעבן און פון עטיק און אַזוי אַרום געזוכט צו באַפרייען די פּרימיטיווע חיהשע אינסטינקטן, וואָס זיינען געפּענטעט דורך אַ יאָרטויזנטער לאַנגער קולטור־אַנטוויקלונג.

עס איז פאַר אונז פאַרשטענדלעך די טאַקטיק פון אַנטיסעמיטיזם, צו אַפּעלירן צו דעם פּרימיטיוו־אַרכאַישן פון דעם מענטשנס פּסיכיק. איז דאָך דער אַנטיסעמיטיזם אַליין אַ גייסטיק קינד פון דער אַרכאַיק. מעג ער אויך אַננעמען אַלע אויסערלעכע צייכנס פון ווויסנשאַפטלעכקייט! די דייטשע וויסנשאַפטלער האָבן אויסגענוצט אָט די דערקענטעניש און פּלאַנ־מעסיק פאַרפולקומט די מעטאָדן פון איר מאַסן־ווירקונג. מען האָט זיך דערביי באַוואוסטזיניק באַנוצט מיט דעם גאַנצן אַרסענאַל פון די מיטל־

עלטערלעכע אָבערגלויבנס (עלילת־דם, יידן אַלס פאַרשפרייטער פון עפּי־דעמיעס, יידן פאַרסמען ברונימער א. אַז. וו.). מען האָט אָט די אָבערגלויבנס מאָדערניזירט, „וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט" און טאַקע אויסגענוצט צו נידעריקע צילן אַלע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

די געזעצן פון דער פסיכישער דינאַמיק זיינען ענלעך ביים יחיד ווי אין דער געזעלשאַפט. די אַנטשטייונג פון פסיכישע אַנאָמאַליעס ביים יחיד ווייזט דעריבער אויף אַ סך ענלעכקייטן מיט דער אַנטשטייונג פון אַנאָמאַליעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז דאָס פאַרדינסט פון זיגמונד פרויד און זיין שול, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט די געזעצן פון דער פסיכישער דינאַמיק. אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער אַנאַליז פון דער פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַנטיסעמיטיזם איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויך אויף די אַנטשטייונגס־סיבות פון יחידישן און געזעלשאַפטלעכן נעוורעז. לויט פרויד און אַדלער איז יעדער פּסיכאָנעווראָז אין תוך נישט מער ווי אַן אַנטלויפן צו דער קראַנקייט פון דעם לעבן, מיט וועלכן דער נעוראָטיקער קען זיך קיין עצה נישט געבן. אַ נעוראָטיקער דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטיק ווערן מיט די הויפּט־אויפגאַבן, וועלכע עס שטעלט דאָס לעבן. אַנטלויפנדיק פון לעבן אין אַ קראַנקייט איז דער נעוראָטיקער פּטור פון מוזן געבן אַן ענטפער אויף די פאָדערונגען, וואָס דאָס לעבן שטעלט אַרויס. ער מיידט אויס אויף אַזאַ אופן זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט די קאָנפליקטן פון לעבן. די קראַנקייט דאָס איז די פּסעוודאָ־לייזונג פון די קאָנפליקטן, וואָס פירט צו סאָציאַלער דעגראַדאַציע און סוף־כל־סוף צו אומקום.

אַנטיסעמיטיזם דאָס איז דער אָפּוועג, אויף וועלכן עס זיינען אַרויף די געזעלשאַפטלעכע כוחות און קלאַסן, ווען זיי האָבן זיך מער נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די פּראָבלעמען, וואָס עס האָט אַרויסגעשטעלט דאָס לעבן.

עס באַדאַרף אונז דעריבער נישט וואונדערן, וואָס דער היטלעריזם זאָגט זיך באַוווסטזיניק אָפּ פון אָפּערירן מיט שכלדיקע אַרגומענטן. מיר האָבן פריער שוין אָנגעוויזן אויף דעם וועג, וואָס פירט פון דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אויפגעקומען צוגלייך מיט דעם סאָציאַליזם — ביז צום „ביאָלאָגישן דענקען". וואָס קאָמפּליצירטער און שווערער עס ווערן די קעגנזאַצן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַ לאַנד, אַלץ שטאַרקער

ווערט פון איין זייט די ארבעטער באַוועגונג, פון דער אַנדערער זייט — דער אַנטיסעמיטיזם. עס איז דעריבער נישט בלויז קיין מעטאַפאַר, ווען מיר ווילן זאָגן, אַז דאָס אַנוואַקסן פון אַנטיסעמיטישע שטימונגען איז אַ סימפּטאָם פון אַ קראַנקייט פון דער געזעלשאַפט און דער זיג פון אַנטיסעמיטיזם האָט צו באַדייטן, אַז אָט די געזעלשאַפט איז מער נישט בכוח צו געבן אַן ענטפער אויף די סאָציאַלע פּראָבלעמען און זי מוז אַלץ טיפער און טיפער דעגענערירן. אַ לעבעדיקער ביישפּיל איז די היטלער־מלוכה.

די דעגענעראַציע און אינערלעכע צעפוילטקייט פון דער היטלער־מלוכה געפינט איר באַרעדעוודיקן אויסדרוק אין דער צעפוילונג פון דער דייטשער וויסנשאַפט. דער פאַקט, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן די וויסנשאַפט פון די דייטשע וויסנשאַפטן, איז אַן איבעריקער באַווייזן פון זייער צעפוילטקייט. כאָטש זיי האָבן זיך באמת ביז צום סוף אויפ־צוהאַלטן זייער דרויסנדיקן פּאַסאַד אַלס וויסנשאַפטן, איז עס דאָך קלאָר פאַר יעדן, אַז די זיינען געקומען אין סתירה צו זיך אַליין אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס אָביעקטיווע, לאָגישע דענקען. זייענדיק אַליין אַ קינד פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע האָט די דייטשע וויסנשאַפט געהאַט דעם מוט צו דערקלערן גאַנצע פעלקער פאַר גייסטיק קראַנקע און פּאַראַזיטיש! הערמיט האָבן די דייטשע געלערנטע אויך פון זייער זייט געזוכט צו באַרעכטיקן דעם מאָרד איבער גאַנצע פעלקער, וועלכע דער היטלעריזם האָט געפּלאַנעוועט און עטאַפּנווייז אויסגעפירט.

די דייטשע געלערנטע האָבן באַווירקט, אַז די אַבסורדע אידעע פון אַנטיסעמיטיזם זאָל באַקומען אַלע אויסערלעכע אַטריבוטן פון וויסנשאַפט־לעכקייט. זיי האָבן דערמיט געהאָלפן אַרויפברענגען אויף דער אויבערפלאַך פון מענטשלעכן דענקען אַ לאַנג בייגעקומענעם פּעריאָד פון דער אַנט־וויקלונגס־געשיכטע (פּרימיטיווע שבטים־אינסטינקטן, קאַניבאַליזם). די דייטשע וויסנשאַפט איז אויך דורך דעם געקומען אין סתירה צו זיך אַליין אַלס וויסנשאַפט. זי ווערט דערפאַר אָבער דער בולטסטער אויסדרוק פון פאַרפוילטקייט פון דעם גאַנצן דייטשן געזעלשאַפטלעכן און מלוכה־לעבן, וואָס האָט געבויט זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ אויף דעם מאָרד פון גאַנצע קולטור־פעלקער.

די מפּלה פון היטלעריזם איז טאַקע דער רעזולטאַט פון די מיליטערישע

אַנשטרענגונגען פון די פאַרייניקטע מלוכות. אָבער די פאַרייניקונג פון אַלע פּאָזיטיווע כוחות קעגן היטלעריזם איז מעגלעך געוואָרן צוליב דער טיפער אידעאישער גאַנגרעניזאַציע פון דער דייטשער מלוכה, וואָס האָט אויפגעשטעלט קעגן זיך אַלץ, וואָס איז נאָך נישט געווען פאַרדאָרבן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַלע פעלקער, וואָס זיינען נאָך נישט געווען צעפרעסן פון אַנטיסעמיטיזם. דער בולטער גאַנגרען פון דעם דייטשן געזעלשאַפטלעכן לעבן, די אַלץ קלאָרער-ווערנדיקע דערקענטעניש, אַז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ און עקספּאַנסיע פון דער דייטשער מלוכה באַדייט — אונטערגאַנג פון אַלע אַנדערע פעלקער, האָט טאַקע פאַראייניקט אַלע באַדראָטע פעלקער קעגן דייטשלאַנד. אין דעם מאָמענט ווען אַלע געזונטע פעלקער האָבן זיך פאַראייניקט קעגן דער גאַנגרעניזירטער דייטשער מלוכה, איז די מענטשהייט געוואָרן געראַטעוועט פון אַ זיכערן אונטערגאַנג. און כאָטש אָט דער מאָמענט איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דייטשלאַנדס גרעסטע מיליטערישע נצחונות (1941-42), איז דאָך דייטשלאַנדס מפּלה געווען אַ באַשטימטע זאַך. דער מענטש האָט ווידעראַמאָל באַזיגט דעם אוראַנגוטאַנג.

.1949

דער וויסנשאַפטלעכער יידן־פרעסער ע. ר. יענש און זיין געדאַנקען־וועלט

די דייטשע „פסיכאָלאָגישע אַנטראָפּאָלאָגיע"

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף איינעם אַ דייטשן פסיכאָלאָג, אַ מחבר פון אַ סך וויסנשאַפטלעכע ביכער, וואָס אייניקע פון זיי, באַזונדער די שפּעטערדיקע, האָבן געהאַט דירעקט פאַר אַ ציל צו „באַווייזן" די מינדערווערטיקייט און שעדלעכקייט פון יידישן גייסט. דער געדאַנקען־סיסטעם פון ע. ר. יענש JAENSCH איז מיט זיין גאַנצער פסעוודאָ־וויסנ־שאַפטלעכער קאָנסטרוקציע זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דענקען פון דער גרויסער צאָל דייטשע וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן אַלע זייערע פעיקייטן און קענטעניש געשטעלט אין דינסט פון נאַציזם. דאָס דאָזיקע דענקען האָט זיין טראַדיציע אין דער דייטשער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, אָבער ערשט בימי־היטלער איז עס דערגאַנגען צו זיינע לעצטע אַבסורדאַלע קאָנסעקווענצן און האָט שפּעטער באַוויזן זיין גאַנצע דעפּראַווירנדיקע ווירקונג אויף דער מענטאַליטעט פון דורכשניטלעכן דייטשן אינטעליגענט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין דייטשלאַנד און אין די דייטש־שפּראַכיקע לענדער (שווייץ, עסטרייך), שטאַרק אַנטוויקלט די פסיכאָלאָגיע. אַ באַזונדער אָרט האָט דאָ פאַרנומען די כאַראַקטער־פאָרשונג. עס האָבן זיך באַוויזן ווערק, וואָס האָבן געגעבן אַ גאַנץ נייע איינטיילונג פון די מענטשלעכע כאַראַקטערן און טיפּן. די ווערק פון מאַגדעבורגער פּראָפעסאָר ערנסט קרעטשמער קערפּערבוי און כאַראַקטער און פון שווייצאַרישן פסיכאָלאָג ק. ג. יונג, די פּסיכאָלאָגישע טיפּן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין יאָר 1921, האָבן נישט נאָר אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע דיסקוסיע אין דער מעדיצינישער און פסיכאָלאָגישער ליטעראַטור, נאָר האָבן אויך אינספּירירט אַנדערע פסיכאָלאָגן צו שאַפן ענלעכע טיפּאָלאָגיעס אויפן סמך פון אַנדערע איינטיילונג־קריטעריעס.

ערנסט קרעטשמער האָט אין אַלע זיינע ווערק קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, אַז זיינע פסיכאָלאָגישע קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן אַנט־שפּרעכן נישט קיין שום ראַסע־טיפּן, כאָטש מען קען דאָ און דאָרט אַמאָל געפינען געוויסע ענלעכקייטן. אויך ק. ג. יונג האָט געוואָרנט קעגן פאַר־מישן זיינע פסיכאָלאָגישע טיפּן מיט די טיפּן פון די פסעוודאָ־וויסנשאַפט־

לעבע ראַסן־טעאָריעס. קרעטשמער, וואָס איז דורך דער גאַנצער צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט, פאַרבליבן אַן אַנטי־ראַסיסט, האָט נישט אָפּגעלייקנט די ראַסן אַלס אַזעלכע. ער האָט נאָר אָנגעוויזן דערויף, אַז די נאָרדישע ראַסע האָט גאָר נישט די אַלע מעלות, וואָס די ראַסיסטן שרייבן איר צו. שפּעטערישע דייטשן, האָט ער אָנגעוויזן, באַווייזן זיך דווקא אין די געגנטן, ווו די נאָרדישע ראַסע איז מינימאַל אָדער כמעט נישט פאַרטראָטן. בנוגע די קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן האָט ער באַוויזן, אַז זיי געפינען זיך ביי פאַרשיידענע ראַסן, כאָטש אין פאַרשיידענער פּראָפּאָרץ. ס׳וואָלט אַזוי אַרום געווען אַן אומזין צו אידענטיפיצירן די קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן מיט וועלכע ס׳איז ראַסע־טיפּן.

אָבער דאָס, קעגן וואָס קרעטשמער, יונג און אַנדערע האָבן געוואָרנט, האָט דווקא געוואָלט באַווייזן ע. ר. יענש אין זיין ניי־געשאַפענער „ווי־סנשאַפט", וואָס רופט זיך „פּסיכאָלאָגישע אַנטראָפּאָלאָגיע". מען קען נישט לייקענען, אַז אויך ע. ר. יענש האָט נאָך פאַר דעם יאָר 1933 געהאַט די אַמביציעס צו זיין אַן ערנסטער וויסנשאַפטלער. אַזוי האָט ער נאָך אין 1929, אין זיין הויפּטווערק[1] זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די טעאָרעטיקער פון דייטשן ראַסיזם גינטער און קלאַוס („איך האָב דאָ נישט בדעה — שרייבט ער — זיך אָנצושליסן צו די פאַרטרעטער פון אַן אויסגעשפּראָכענער ראַסן־פּסיכאָלאָגיע ווי גינטער און קלויס און נאָך וויניקער בין איך מסכים מיט זייערע אויספירן"). (ז. 326). אָבער אין יאָר 1938 איז ע.ר. יענש שוין געווען אַן אַנדערער און ער האָט שוין גערעדט אַ גאַנץ אַנדער שפּראַך! אין זיין גרויסן נייעם ווערק „דער קעגנטיפּ"[2] רעדט ער פון ה. ק. גינטער ווי וועגן אַ וויסנשאַפטלעכער אויטאָריטעט, וואָס שטייט העכער פון יעדער קריטיק. ער פאַרענטפערט זיך אפילו, פאַרוואָס ער קומט מיט זיין נייער „וויסנשאַפט", דער פּסיכאָלאָגישער אַנטראָפּאָלאָגיע, דעמאָלט ווען גינטער האָט דאָך שוין סיי ווי אַלץ באַוויזן, וואָס איז נויטיק פאַר דעם נאַציזם... אָבער ווי מיר וועלן זען, באַמיט זיך ע. ר. יענש נאָך

1) E. R. Jaensch: "Grundformen menschlichen Seins" (S. 326), 1929.

2) E. R. Jaensch: Der Gegentypus. Psychologisch-anthropologische Grundlagen deutscher Kulturphilosophie, ausgehend von dem, was wir uberwinden wollen. Leipzig, 1938.

איבערצושטייגן גינטערן, דעם הויפּט־טעאָרעטיקער פון ראַסיזם. ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די טיפן־לערע, נישט נאָר וואָס זי איז נישט קעגנעריש צום נאַציזם, נאָר זי דערגאַנצט נאָך דעם „אמת פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם" אויך פון דער פּסיכאָלאָגישער זייט (ז. 36, הקדמה צום „קעגנטיפּ").

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז עס איז אפשר נישט כדאַי זיך געניַער אָפּצושטעלן אויף דעם ווערק פון אַ נאַציזירטן וויסנשאַפטלער, וואָס האָט געקענט אַזוי וויט דערנידעריקן זיך אין זיין וויסנשאַפט און ווערן איינער פון די אידעאָלאָגישע באַגרינדערס פון היטלעריזם! ער איז דאָך נאָר איינער פון דער גרויסער מחנה דייטשע אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן און מיטגלידער פון וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, וואָס האָבן מיט זייער אַרבעט נישט נאָר פאַרדאָקומענטירט די גאַנצע ירידה פון דער דייטשער וויסנשאַפט, נאָר אויך טעאָרעטיש געוואָלט „באַגרינדן" די מינדערווערטיקייט פון יידישן פאָלק. און דאָס איז דאָך געוואָרן איינער פון די תירוצים פאַר דעם מאָרד, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן איבער אונזער פאָלק! אַ גענויע רשימה פון די אַלע דייטשע וויסנשאַפטלער און אַן איבערבליק איבער זייער טעטיקייט געפינען מיר שוין אין דר. מ. ווײַנרייכס באַקאַנטער אַרבעט וועגן היטלערס פּראָפעסאָרן[3]. אָבער אָפּשטעלנדיק זיך געניַער אויף ע. ר. יענשס אַרבעט, אין וועלכער עס איז מיט אַ זעלטענער דורכזיכטיקייט פאַרפּיקסירט געוואָרן דער עיקר־מעטאָד פון דער דייטשער היטלעריזירטער וויסנשאַפט, וועלן מיר האָבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג אויך וועגן אַלע אַנדערע און זייערע מעטאָדן.

ווער איז דאָס דער „קעגנטיפּ"? ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זענען דאָס מיר יידן, צום טייל אויך פראַנצויזן, ליבעראַלן און „מאַרקסיסטן", מיט איין וואָרט — אַלץ דאָס, „וואָס מיר ווילן איבערווינדן". יענש שטעלט זיך די אויפגאַבע צו געבן אַן אַנאַליז פון דער ביאָלאָגיע און פּאַטאָלאָגיע, פון דעם גייסטיקן לעבן און גייסטיקער שאַפונג פון דעם „קעגנטיפּ", וועלכער איז, ווי ער וועט עס „באַווייזן", אַ „צעפאַלונגס־טיפּ" און אַן „אויפלייזונגס־טיפּ". דער גאַנצער אנאַליז איז דערצו געגעבן, כדי די „דייטשע" באַוועגונג זאָל קלאָר זען דאָס נעגאַטיווע בילד און זיך אַזוי

3) ד"ר מ. ווײַנרייך: „היטלערס פּראָפעסאָרן", דער חלק פון דער דייטשער וויסנשאַפט אין דייטשלאַנדס פאַרברעכן קעגן דעם יידישן פאָלק „ייוואָ־בלעטער", באַנד 27, נומער 1-2.

אַרום קלאָר מאַכן, וואָס זי וויל... („בילדן זיך דעם אידעאַל אויף דעם בילד פון קעגן־אידעאַל״).

אין די צייטן, ווען ע. ר. יענש האָט נאָך נישט געוואָלט מיטמאַכן די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע״ אין דער וויסנשאַפט, האָט ער (צוזאַמען מיט זיין ברודער וואַלטער יענש) געשאַפן די א. ג. „אינטעגראַציע־פּסיכאָלאָגיע״. דאָס איז אַ טיפּאָלאָגיע, וואָס האָט איינגעטיילט די מענטשן לויט דעם פּרינציפּ פון קאָהערענץ, ד. ה. לויט דעם, ווי שטאַרק עס איז ביי די איינצלנע טיפּן אויסגעבילדעט דער צוזאַמענהאַנג צווישן די הויך־גייסטיקע פונקציעס און די עלעמענטאַר־פּסיכאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע. אַזוי אַרום האָבן זיך באַקומען צוויי הויפּט־טיפּן: אינטעגרירטע ד. ה. מענטשן, ביי וועלכע עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג און האַרמאָניע צווישן די הויכע און נידעריקע גייסטיקע פונקציעס און אויך אַ האַרמאָניע צווישן אינדיוויד און געזעלשאַפט און דעזאינטעגרירטע, ביי וועלכע עס איז אַזאַ צוזאַמענהאַנג נישטאָ[4]. די דאָזיקע איינטיילונג ווייזט אויף ענלעכקייט צו קרעטשמערס איינטיילונג אויף ציקלאָטימע און סכיצאָטימע טיפּן (דער אינטעגרירטער אַנטשפּרעכט דעם ציקלאָטימיקער און דער דעזאינטעגרירטער — דעם סכיצאָטימיקער). עס זענען אָבער אויך דאָ געוויסע חילוקים. אַ וויכטיקער אונטערשייד צווישן קרעטשמערס און יענשס טיפּאָלאָגיע איז באַלד אין אָנהויב געווען דער, וואָס קרעטשמער איז געקומען צו זיין טיפּאָלאָגיע, אַרויסגייענדיק פון די פאַרשיידענע טיפּן גייסטיק־קראַנקע; ענלעכע טיפּן האָט ער דערנאָך ווידער געפונען אויך צווישן די געזונטע. יענש האָט אָבער קודם דורכגעפאָרשט אַ באַשטימטן גייסטיק־געזונטן מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכער איז עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגיש קוואַליפיצירט געוואָרן.

די טיפּאָלאָגיע, וועלכע עס האָט געשאַפן יענש נאָך אין זיין אויפ־ריכטיק־וויסנשאַפטליכן פּעריאָד, האָט זיך אָבער נישט געקענט באַפרייען פון דעם קאָנסטרוקטיוו־ווילקירלעכן, וואָס פאַרראַט זיין עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגישע אָפּשטאַמונג. יענש האָט קיינמאָל נישט באַוויזן צו געבן אַזעלכע לעבעדיק־אמתע טיפּן, ווי ע. קרעטשמער, למשל, באַשרייבט זיי. דאָס קאָנסטרוקטיוו־טעאָרעטישע פון יענשס טיפּאָלאָגיע האָט עס אים

4) E. R. Jaensch: Grundformen menschlichen Seins (1929).

דערמעגלעכט צו מאָדיפיצירן די אין אָנהויב וויסנשאַפטלעכע טיפּאָלאָגיע און צושניידן צו די באַדערפעענישן פון דער נאַצישער באַשטעלונג.

אין זיין הויפּטווערק „גרונדפאָרמען דעס מענטשליכן זיינס" (1929) האָט ע. ר' יענש אויך אָנגעצייכנט דעם טיפּ פון סינעסטעטיקער, וואָס בילדעט אַן אונטערגרופּע אין די ראַמען פון די אינטעגרירטע. דער סינעסטעטיקער צייכנט זיך אויס מיט אייגנאַרטיקע אַסאָציאַציעס — עס איז דאָ ביי אים אויף אַ סך געביטן אַן אייגנאַרטיקע קאָהערענץ (צוזאַמענ־האַנג) פון די פּסיכישע פונקציעס: אַזוי זענען ביי אים, למשל, באַשטימטע טענער אָדער צאָל אַסאָציאירט מיט באַשטימטע פאַרבן. (אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך צוערשט מאַניפעסטירט אין דער בילדערישקייט פון דער פראַנצויזישער מאָדערנער פּאָעזיע, אָנגעהויבן פון רעמבאָ).

און אָט דער סינעסטעטיקער, דאָס איז טאַקע דער „קעגנטיפּ", וואָס איז שולדיק אין אַלע צרות, וועלכע עס האָט געהאַט אויסצושטיין די וועלט ביז צו דער „גליקלעכער שעה", ווען די נאַציס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד... אַלץ, וואָס איז געווען פריער, רופט יענש אָן די „פאַרזינקנדיקע" עפּאָכע, וואָס איז געווען באַהערשט פון איין זייט פון מאַטעריאַליזם און פּאָזיטיוויזם און פון דער אַנדערער — פון דעם שפּעט־אידעאַליזם (ניי־קאַנטיאַניזם). אין אָט דער עפּאָכע האָט מען דעם געביט „פון דעם לעבעדיקן" אינגאַנצן נישט דערזען. אונטער דעם געביט „פון דעם לעבעדיקן" פאַרשטייט יענש די דייטשע ביאָלאָגיע, וועלכע האָט אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער מעדיצינישער קאָנסטיטוציע־פאָרשונג און אַנטראָפּאָלאָגיע פאַרסירט דעם באַגריף סעלעקציע. (האָט אויך אַ שייכות צו דער „סעלעקציע" וואָס איז שפּעטער אָנגעווענדט געוואָרן פון די דייטשן אין די טויטנלאַגערס). דאָס איז דאָך די שפּעטער „באַרימט" געוואָרענע דייטשע „פּאָליטישע ביאָלאָגיע", וועלכע האָט געהאַט די אויפ־גאַבע צו סאַנקציאָנירן די ביאָלאָגישע פאַרטיליקונג פון גאַנצע פעלקער!

אָבער אין יאָר 1938 האָבן מיר נאָך נישט אַזוי וויט געהאַלטן. דעמאָלט האָט זיך עס נאָך געהאַנדלט אין דער וויסנשאַפטלעכער און אידעאָלאָגישער באַגרינדונג פון די שפּעטערדיקע מעשים. עס האָט זיך נאָך געהאַנדלט אין אויסשמידן דעם באַגריף „קעגנטיפּ" און שפּעטער — „קעגנפאָלק".

קורץ, ווי געזאָגט, איז אין אַלע צרות שולדיק דער „סינעסטעטישער"

טיפּ, וועלכער ווערט פון יענשן נאָך אַ געוויסער עוואָלוציע געקרוינט אַלס „קעגנטיפּ“. עס ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז אַט דער טיפּ האָט דאָס באַהערשט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון דער ציוויליזירטער וועלט אין משך פון דריי יאָרהונדערטער!... (פון סוף מיטלאַלטער ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט).

עס בלייבט אפילו אַ קשיא, וואָס האָבן געטון אַזאַ לאַנגע צייט די אַלע — לויט יענשן — פולווערטיקע טיפּן, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַהערשן פון דעם סינעסטעטיקער, וועלכער איז דאָך לויט יענשס תורה נישט נאָר מינדערווערטיק, נאָר אויך תמיד אין אַ קליינער מינדערהייט, און פאַרנעמט גאָר אַ קליינעם פּלאַץ אין דער גרויסער גרופּע פון די אינטעגרירטע. אָבער סתירות אין זיין אייגענעם סיסטעם געהערן נישט צו די זאַכן, מיט וועלכע עס נעמט זיך איבער אַ באַצישער געלערנטער.

און איצט לאָמיר טאַקע זען, ווער איז עס דער דאָזיקער סינעסטעטיקער (S טיפּ), וואָס האָט מיט אַמאָל אוואַנסירט ביי יענשן צום „קעגנטיפּ“.

די אַנטשטייונג: — העטעראָגענע (פון פאַרשיידענע עלעמענטן) און עקסטרעמע ראַסן־מישונג... אַזוי ווי די יידן זענען לויט האַנס פ. ק. גינטער אַזאַ שטאַרק צוזאַמענגעזעצטער ראַסן־געמיש, איז שוין קלאָר, אַז זיי האָבן אַ נטיה נאָר צום „אויפלייזונגסטיפּ“ און האָבן אַזאַ וויכטיקן חלק אין דער אַנטשטייונג פון דער „אויפלייזונגס־קולטור“, וואָס וואָרצלט נישט אינערגעץ... מיט איין וואָרט — דער ייד איז אַ רעפּרעזענטאַנט פון אויפ־לייזונג: דער קעגנטיפּ! דאָ באַמיט זיך יענש אפילו נישט צו באַווייזן, אַז ער האָט לאַבאָראַטאָריש, אויף אַן עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגישן אופן פעסטגעשטעלט, אַז יידן געהערן פאַקטיש צום S טיפּ. גינטערס מיינונג איז מער ווערט פון אַלע באַווייזן...

ווייטער ווייזט אונדז יענש די שייכות צווישן S טיפּ און טובערקולאָזע. עס איז שוין פון לאַנג אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דער טובערקולאָטישער פּראָ־צעס האָט אַ גאַנץ באַשטימטע ווירקונג אויף דעם פּסיכישן לעבן פון מענטש אין זין פון דעזינטעגרירונג, ד. ה. פון לויז מאַכן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די איינצלנע פּסיכישע פונקציעס. די פראַגע איז נאָר, פאַרוואָס וויל יענש דווקא צוזאַמענפאָרן דעם סינעסטעטיקער מיט טובערקולאָזע, געהערט דאָך דער סינעסטעטיקער לויט יענשס אייגענער קלאַסיפיקאַציע צו דער גרופּע פון די אינטעגרירטע, וועלכע צייכענען זיך אויס דווקא

מיט דער אינטעגרירונג (פאַראייניקונג) פון זייערע פסיכישע פונקציעס. דאָס איז אָבער נישט די איינציקע אינערלעכע סתירה, וואָס מיר וועלן געפינען ביי דעם היטלעריזירטן פראָפעסאָר.

נאָענטערע כאַראַקטעריסטיק פון „קעגנטיפ"

יענש אונטערשיידט פאַרשיידענע מדרגות פון S טיפ (סינעסטעטיקער), אָפהענגיק דערפון, ווי ווייט עס גייט די אויפלייזונג פון די פסיכישע סטרוקטורן. אַזוי זענען, למשל, די פראַנצויזן אויך „קעגנטיפן"; זייערע פסיכישע סטרוקטורן זענען אָבער נאָך נישט אויפגעלייזט אין אַזאַ שטאַרקער מאָס, נאָר „אויפגעלאָקערט" זיי געהערן דעריבער צום S^1 טיפ. די יידן געהערן אָבער צום S^2 טיפ, ווייל זייערע פסיכישע סטרוקטורן האָבן, לויט יענשן, אַ נטיה צו פולשטענדיקער אויפלייזונג אַזוי, אַז עס ווירקן זיך אויס באַזונדער און אויף אַ קעגנזעצלעכן אופן די איינצלנע פסיכישע פונקציעס ביי דער זעלבער פערזענלעכקייט. די דאָזיקע אויפלייזונג פון די פסיכישע סטרוקטורן נעמט אַרום, האַלט יענש, דאָס גאַנצע נשמה־לעבן: פון די עלעמענטאַרסטע פסיכאָ־פיזישע פונקציעס ביז צו דער קאָמפּליצירטער גייסטיקער טעטיקייט. דער S^2 טיפּ ווייזט אַרויס אַ לאַביליטעט (נישט סטאַבילקייט) שוין ביים אויפנעמען רוימלעכע פענאָמענען ווי אויך ביי דעם אַסאָציאירן קלאַנג מיט פאַרב. אין דענקען הערנענטערט זיך דער דאָזיקער טיפּ צום אַרט דענקען פון דעם סכיצאָפרעניע־קראַנקן, וואָס ווייזט אויף פאַרבינדונגען און אַסאָציאַציעס צווישן ווייטע און פאַר דעם נאָרמאַלן דענקען פרעמדע באַגריף־קאַטעגאָריעס. דער קערן פון דער פערזענלעכקייט, דער איך, איז נישט סטאַביל, נישט מענלעך, נישט העראָיש... אַט דער S^2 טיפּ (אויסגעשפּראָכענער סינעסטעטיקער) וויל תמיד צופּאַסן די ווירקלעכקייט צו זיין סימבאָלישן און ווירקלעכקייטווייטן זען. ער צייכנט זיך אויס מיט ליבעראַליזם (דער דורך די נאַציס אַזוי געהאַסטער ליבעראַליזם!) נישט נאָר אין פּאָליטישן זינען, נאָר אויך אין ביאָלאָגישן... (דאָס איז שוין אַ קלאָרער אָנזאָג אויף דער שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענער, נאַצישער „פּאָליטישער ביאָלאָגיע"!).

ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז דער דאָזיקער „קעגנטיפּ" נישט אין־גאַנצן אויסגעטראַכט. די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג האָט געוויזן, אַז ער

איז צו קיינעם נישט אַזוי גוט צוגעפּאַסט ווי טאַקע צו די נאַציִשע טעאָרע־טיקער. ע. ר. יענש האָט אין זיין „קעגנטיפּ" (S^2 טיפּ) געגעבן אייגנטלעך נאָר זיך אַליין, וואָס „וויל צופּאַסן די ווירקלעכקייט צו זיין סימבאָלישן און ווירקלעכקייט־ווייטן זען" מיט זיין נישט־סטאַבילן איך, וואָס איז נישט מענלעך און זייער ווייט פון העראָאישקייט... (אַלץ יענש ווערטער!). אין דעם „קעגנטיפּ" האָבן מיר — מיט געוויסע קליינע קאָרעקטורן — דעם פּראָטאָטיפּ פון נאַצי, וועמענס פאַרברעכנס וואָרצלען פּסיכיש אין אַ קראַנקהאַפטן, סכיזאָפרעניש גערדאַנקען־גאַנג מיט זיין „פולשטענדיקער אויפשפּאַלטונג פון די פּסיכישע סטרוקטורן". קענען מיר דאָך דעם טיפּ סכיזאָפרעניש מערדער, וועמענס ראַפינירטע אכזריות, ביי אַ פולשטענדיקן פעלן פון חרטה פירן צו די שווידערלעכסטע פאַרברעכנס. און אָט די פאַרברעכערישע רעאַקציעס ווערן דערמעגלעכט אין רעזולטאַט פון אַטראָפיע פון די סינטעטישע פונקציעס, וואָס פאַראייניקן די פּסיכישע סטרוקטורן און קאָנטראָלירן די געדאַנקען און טאַטן פון מענטש. ביי אָט די צושטאַנדן פאַרשווינדט אין ערשטער ריי דאָס מיטגעפיל, אַלס רעזולטאַט פון דער אויפשפּאַלטונג, ווייל עס איז מער נישטאָ דער נאַטירלעכער קאָנטאַקט, דאָס מיטוויבּרירן מיט די מיטמענטשן און זייער גורל.

נאָך אַ גענויערן אַנאַליז און אין ליכט פון די דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן סיי פון דער טעאָרעטישער און סיי פון דער פּראַקטישער טעטיקייט פון די נאַציס, קען נישט מער זיין קיין ספק, אַז דער „קעגנטיפּ" דאָס איז טאַקע דער פּראָטאָטיפּ פון נאַצי. אַ באַשטעטיקונג פון אָט דער הנחה קענען מיר געפינען ביי אַלע אויטאָרן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די נאַציִשע פאַרברעכנס.

אַלץ, וואָס יידן האָבן געשאַפן, איז פאַר יענשן „תלמודישע דיאַלעקטיק", וואָס „פאַרטרעט די ווירקלעכקייט מיט שפּראַכלעכע און סימבאָלישע באַציונגען". אָבער פון תלמוד גופא און פון דער אָריגינעלער יידישער קולטור, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אנונג. רעדנדיק וועגן יידיש־גייסטיקער שאַפונג האָט ער אין זינען די יידן, וואָס האָבן געשאַפן אין די שפּראַכן און קולטורן פון די מערבֿ־אייראָפּעיִשע פעלקער. אַלס ביישפּיל ווערן ציטירט די פילאָזאָפן ספּינאָזאַ און הערמאַן קאָהען, דער פיזיקער א. איינשטיין א״א. דער אבסורד ליגט דאָ אויבן אויף! ווען, למשל, אַ גאַנצער דור

דייטשן האָט באַטראַכט הערמאַן קאָהען אַלס דעם בעסטן קענער און אינטערפּרעטאַטאָר פון עמנואל קאַנט. איז דאָך איינס פון די ביידע: אָדער דער גאַנצער דור דייטשן געהערט צו דעם זעלבן טיפּ, וואָס הערמאַן קאָהען אָדער עס זענען דאָ נאָך געווען אַנדערע פאַקטאָרן, אויסער די פּסעוודאָ־ביאָלאָגישע, אויף וועלכע ער וויל זיך שטיצן.

דאָס שטענדיקע שטיצן זיך פון ע. ר. יענש אויף דער ביאָלאָגיע איז נישט קיין צופאַל. האָט דאָך שוין לאַנג פאַר דעם יאָר 1938 די דייטשע ביאָלאָגיע צוזאַמען מיט דער מעדיצינישער קאָנסטיטוציע פאָרשונג און אַנטראָפּאָלאָגיע אָנגעהויבן צו פאָרסירן דעם באַגריף סעלעקציע און אויסמערצונג (פאַרטיליקונג) מיט אַ גאַנץ באַשטימטער כוונה. האָט עס זיך דאָך געהאַנדלט „נאַטורוויסנשאַפטלעך" צו באַגרינדן די פאַרויסגעזעענע, קומענדיקע אויסראָטונג פון גאַנצע פעלקער!

אויב מען קען נאָך ע. ר. יענשן פאַרוואַרפן עם־הארצות, ווען ער הויבט אָן צו רעדן וועגן יידן און יידישער גייסטיקער שאַפונג, ווייזן מיר אָבער, אַז צווישן די נאַציזירטע דייטשע וויסנשאַפטלער האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי, כדי גרינטלעך צו דערקענען די יידן און דאָס יידישע לעבן. אַזעלכער איז למשל, געווען פּעטער היינץ זעראַפים, פּראָפעסאָר פון קעניגסבערגער און ברעסלאַוער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט פאַר דער לעצטער מלחמה אַרומגערייזט איבער גאַנץ מזרח־אייראָפּע און געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן יידן. ער איז געווען אין ארץ ישראל. אַלס רעזולטאַט פון זיינע פאָרשונגען און נסיעות האָט ער אָנגעשריבן אַ דיקן בוך דאָס יידנטום אין מזרח־אייראָפּעישן שטח, אין וועלכן ער ווייזט אַרויס אַ סך בקיאות. און עס איז אויך נישט קיין חידוש. די דייטשן האָבן דאָך נישט געאַרבעט סתם אין דער וועלט אַריין. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז אין דעם מזרח־אייראָפּעישן שטח, וועלכן זיי האָבן זיך געגרייט צו פאַרכאַפּן, פאַרנעמט דער יידישער קיבוץ אַ גאָר וויכטיקן און אַנזעעוודיקן אָרט. און דעריבער האָבן זיי אויך געפאָדערט עקזאַקטע ידיעות וועגן דעם מזרח־יידנטום.

▽

אין דער אמתן איז אין יעדן פאָלק פאַראַנען נישט איין מין טיפּ, נאָר פאַרשיידענע מינים טיפּן. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער קלאָר,

אַז עס זענען מכריע גאַנץ באַשטימטע טיפּן אין דעם אָהער יענעם פאַלק. יענש האָט געוואָלט באַווייזן, אַז דער „קעגנטיפּ" ד״ה דער סינעסטעטישער (S^2) טיפּ האָט אויך אַ שייכות צו טובערקולאָזע. טובערקולאָזע נישט נאָר אין זינען פון דיאַגנאָסטיצירבאַרע, מאַניפעסטירטע קראַנקייט־פאַלן, נאָר אויך אַלס קולטור דערשיינונג, ד. ה. אַלע פאַרהוילענע טובערקולאָזע־פּראָצעסן, וואָס ווירקן זיך אויך אויס אין דער פסיכיק פּונקט אַזוי ווי די דיאַגנאָסטיצירבאַרע טובערקולאָזע.

דער טובערקולאָטיקער ווייזט אַרויס אַ שוואַכן קאָנטאַקט מיט דער סביבה, וואָס נעמט זיך פון געפיללאָזיקייט אָדער גיכער פון דעם פעלן פון אַן עלעמענטאַרן טיפן געפיל. ער האָט טויזנט באַזונדערע „געפילעכלעך" אָבער נישט אַין סינטעטישן געפיל, וואָס זאָל צו עפּעס באַוועגן. זיינע פסיכישע קוואַליטעטן זענען לאַביל און נישט האַרמאָניש־איינהייטלעך. דאָס סאָציאַלע פאַרהאַלטן פון טובערקולאָטיקער ווערט באַשטימט דורך זיין עגאָצענטריזם און געפיל־קאַלטקייט. דאָס געמיינשאַפטס־געפיל איז צו־מייסטן נישט אַנטוויקלט.

ווי מיר זעען, איז דער כאַראַקטער פון טובערקולאָטיקער זייער נאָענט צו דעם כאַראַקטער פון סכיצאָפרעניקער. אויך דאָ זעען מיר אַן אויפשפּאַלטונג פון די געפילן און פעלן פון סינטעז, וועלכע זענען גורם אַ סך אַ סאָציאַלע און פאַרברעכערישע האַנדלונגען. עס איז שוין זייער אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דער נטיה פון דער בלאָנדער נאָרדישער ראַסע צו טובערקולאָזע, פּונקט ווי וועגן דער קרובהשאַפט פון טובערקולאָזע און סכיצאָפרעניע. דורך אַ זייער גרויסן מאַטעריאַל (און דווקא פון דייטשע געלערנטע) איז סטאַטיסטיש באַוויזן געוואָרן, אַז נישט נאָר סכיצאָפרעניש־קראַנקע שטאַרבן זייער אָפט אויף טובערקולאָזע, נאָר אויך זייערע גייסטיק־געזונטע געשוויסטער שטאַרבן פיר מאָל אַזוי פיל פון טובערקולאָזע ווי דער דורכשניט פון דער באַפעלקערונג[5]. פון דער אַנדערער זייט איז שוין דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס באַהאַנדלט די באַזונדערע ווידערשטאַנד־פעיקייט פון יידן קעגן טובערקולאָזע (די אַרבעטן פון דר. גרשון לעווין,

5) Luxemburger: Tuberkulose als Todesursache und der Geschwisterschaften Schizophrener (1927).

פראָפ. פ. שטרויס א. א.) בכן, אויך ריין־סטאַטיסטיש קען מען באַווייזן, אַז דער סינעסטעטיקער וועלכן ע. ר. יענש האָט געקרוינט אַלס „קעגנטיפּ" איז לויט אַלע סימנים דער טיפּ, וואָס קומט זייער אָפט פאָר ביי די דייטשן און האָט געפונען זיין אויטענטישע פאַרקערפּערונג אין דעם פאַרברעכערישן נאַצי.

▽

ע. ר. יענשס אַרבעט איז אין הסכם מיט דער גאַנצער נאַצישער טאַקטיק. געפינען מיר דאָך אין יעדן האַנטבוך פון אַנטיסעמיטיזם (די נאַציס האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע „וויסנשאַפטלעך" פּאָפּולערע האַנטביכער פאַר דעם פאָלק אין די שווערע מיליאָנען) קאַפּיטלען, געווידמעט דער פאַרברעכערישקייט, דעגענערירטקייט און אויסגעלאַסנקייט ביי יידן... פונקט ווי זיי האָבן בשעת דער מלחמה אָפּפאָטאָגראַפירט די בערג פון מאַסאַקרירטע און צעשיקט אין זייערע זשורנאַלן מיט דער צושריפט, אַז דאָס האָבן געטון די רוסן... צווישן די דייטשע געלערנטע איז יענש, ווי דערמאָנט, נישט דער איינציקער. ווערן דאָך אין אַ ווערק, וואָס הימלער האָט אַרויסגעגעבן פאַר דער עליטע פון ס.־ס. (אַ בוך אינסטרוקציעס פאַר דעם אינערלעכן געברויך) ברייט ציטירט נישט נאָר ע. ר. יענש, נאָר אויך ערנסט רידין, (פּסיכיאַטער פון מינכענער אוניווערזיטעט און אויטאָר פון אַ צאָל וויסנשאַפטלעכע ווערק), ערווין באור (דירעקטאָר פון קייזער וויל־העלם אינסטיטוט, בערלין), אויגען פישער א"א.

דאָס סאַמע שענדלעכסטע דערביי איז, אַז דאָס זיינען געווען נישט צווייט, אָדער דריטראַנגיקע מחברים נאָר געלערנטע מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס האָבן פאַרנומען הויכע שטעלונגען נאָך פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט. דאָס אַלץ איז נאָר אַ באַווייז, אַז דווקא די עליטע פון דער דייטשער גייסטיקייט טראָגט די אחריות פאַר דעם שוידערלעכן פאַרברעכן פון דייטשלאַנד, לכל הפחות נישט ווייניקער ווי די פּאָליטישע פירער פון „דריטן רייך".

(1952).

באַמערקונג: — דער פּסיכיאַטרישער באַגריף „סכיצאָפרעניע" באַטייט ווערטלעך: אויפשפּאַלטונג פון דער נשמה (פון גריכישן). מיט דעם דאָזיקן טערמין ווערן באַצייכנט אַלע צושטאַנדן, ביי וועלכע עס קומט צו אַ שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט אין דער עמאָציאָנעלער און אויך אינטעלעקטועלער ספּע־

רע. אין אָט דעם צושטאַנד זענען מעגלעך די סאַמע סתירותדיקע געפילן, געדאַנקען און מעשים ביי דעם זעלבן מענטש. אויך ביי אַ סך געזונטע מענטשן זענען דאָ אַזעלכע קעגנזעצלעכקייטן אין אַ פיל שוואַכערער מאָס, אָבער ביי זיי דערגייט עס נישט אַזש ביז צו אַ צעפאַלן פון דער פערזענלעכקייט. מען באַצייכנט זיי אַלס סכיצאָטימיקער אָדער דעזאינטעגרירטע.

◈

לאָמיר לערנען פון דער געשיכטע!

וועגן אַן ענין, מיט וועלכן עס האָבן זיך נישט פאַרנומען יידיש־וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

די געשיכטע פון אומקום פון מזרח־יידנטום און כמעט פון גאַנצן פוילישן יידנטום האָט פאַרשידענע אַספּעקטן. מיט דער הילף פון דאָקו־מענטן און גבית־עדות האָט אונזער היסטאָרישע וויסנשאַפט שוין פעסט־געשטעלט די שולד פון דער היטלער־מלוכה און פון גאַנצן דייטשן פאָלק. מיר וויסן אָבער, אַז די דייטשן וואָלטן נישט געקאָנט אויספירן אומגעה־שטערט זייער ווערק, ווען די מערבדיקע דעמאָקראַטיעס וואָלטן אָנגענומען די געהעריקע מיטלען פון רעפּרעסיע סיי קעגן די דייטשן, וואָס געפונען זיך אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, סיי קעגן דער דייטשער באַפעל־קערונג אין דייטשלאַנד. עס איז קלאָר: אויב די דייטשן האָבן געפירט אַ ביאָלאָגישע מלחמה (ד. ה. אויסראָטונג פון דער קעגנערישער באַפעלקערונג) האָבן די קריגפירנדיקע צדדים געהאַט דאָס רעכט און אפילו דעם חוב צו ענטפערן מיט ביאָלאָגישער מלחמה!

דאָס האָבן די מערבדיקע דעמאָקראַטיעס נישט געטאָן און דעריבער זאָגן מיר, אַז זיי האָבן זיך פּאַסיוו צוגעקוקט צו דער אויסמאָרדונג פון יידישן פאָלק. לאָמיר אָבער שטעלן די פראַגע, וועלכע מען האָט ביז איצט נאָך נישט געשטעלט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט: צי איז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט — אַפּגעזען פון די העראָישע אַקטן פון ווידערשטאַנד — טאַקע געשטאַנען אויף דער הויך פון די אויפגאַבן? די יידן אין פוילן, דאָס איז דאָך נישט געווען קיין אומאָרגאַניזירטע מאַסע! מיר האָבן געהאַט פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַ גרויסע פּרעסע, וויסנשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. דער אמת איז, אַז דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס איז געוואָרן צעקלאַפּט און פאַרמאַכט. צי זיינען מיר אָבער געווען צוגעגרייט אויף דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען דער מערדערישער אָקופּאַנט וועט צעקלאַפּן די אָרגאַניזאַ־ציעס — אויף איבערצופירן זיי אין אונטערערד? מיר זיינען נישט געווען צוגעגרייט נישט אידעאָלאָגיש און נישט אָרגאַניזאַציאָנעל! דער ווידער־שטאַנד און אויפשטאַנד, וועלכן די יידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין די גרעסערע געטאָס, דאָס איז געקומען ערשט דעמאָלט,

ווען דער שונא האָט שוין געהאַט אָפּגעטאָן דעם גרעסערן טייל פון זיין אַרבעט און ווען פאַר די איבערגעבליבענע האָט שוין מער נישט געקאָנט זיין קיין ספק, וועגן דעם גורל, וואָס דערוואַרט זיי; ווען עס האָט קיין שום ייד זיך מער נישט געקאָנט מאַכן קיין אילוזיעס וועגן די דייטשן. און ווייל עס האָבן זיך פריער אַ סך יאָ געמאַכט אילוזיעס וועגן די ענדצילן פון די דייטשן, איז עס די דייטשן געלונגען, אַן גרעסערע פאַרלוסטן פון זייער זייט, אויסצומאָרדן דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ווער איז שולדיק דערין, וואָס די יידישע מאַסע איז געווען אידעאָלאָגיש נישט צוגעגרייט? פאַרוואָס האָבן די יידן באַלד פון אָנהויב נישט געוווסט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער שונא, אַ וואָסערע זיינען זיינע ענדצילן לגבי דעם יידישן פאָלק? עס וועט עמיצער ענטפערן, אַז דער שונא האָט געהאַלטן זיינע פּלענער בסוד־סודות און אַז עס האָט קיינער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ מלוכה וועט זיין פעיק דערצו, אויסצו־מאָרדן מיליאָנען ווערלאָזע פרויען, קינדער, מענער.

דער דאָזיקער ענטפער זאָגט מיט אַנדערע ווערטער אָט וואָס: מיר האָבן דעם שונא נישט געקענט; עס איז קלאָר, אַז נישט קענענדיק דעם שונא און נישט וויסנדיק זיינע כוונות, מוז מען די מלחמה פאַרשפּילן. טייל וועלן זאָגן, אַז מיר וואָלטן די מלחמה סיי ווי פאַרשפּילט, ווייל דער שונא איז געווען אָן אַן ערך שטאַרקער פון אונז. יאָ, אָבער פאַרשפּילן און פאַרשפּילן איז נאָך נישט גלייך. קענענדיק דעם שונא און זיינע כוונות, וואָלטן די יידן באַלד איבערגעגאַנגען צו די פאַרשידנסטע פאָרמען פון ווידערשטאַנד — אָפּהענגיק פון אָרט און באַדינגונגען. דער שונא וואָלט באַלד געהאַט פאַר זיך אַ ווייט־פאַרצווייגטע און גוט באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער־באַוועגונג. די דייטשע רעפּרעסיעס וואָלטן ווייטער נאָר געשטאַרקט און צוזאַמענגעשווייסט אַלע שיכטן און אַלע יידישע ריכטונגען אין דער איינציק־ריכטיקער טאַקטיק — ווידערשטאַנד. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, וואָס עס קאָן אויפטאָן אַ גאַנץ פאָלק, ווען עס ווייסט, אַז עס האָט מער גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן, ווייל פון שונא קאָן עס דערוואַרטן נאָר דעם טויט.

לאחר המעשה איז נישט שווער צו זיין קלוג, פאַרשטייט זיך. עס איז אָבער נישט געווען אַזוי שווער צו זיין קלוג בשעת מעשה! וואָלטן נאָר אונזערע פאַרטייען, און נאָך מער, אונזערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זיך באַצויגן מיט מער אחריות צום גורל פון פאָלק, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען,

אַז מיר שטייען אין אַן אומברחמנותדיקער מלחמה מיט אַ שונא, וואָס איז פעיק צו אַלעמען! און עס איז אויך נישט געווען אַזוי שווער צו פאַרשטיין. מען האָט נאָר געדאַרפט געניי פאַרפאָלגן, וואָס די דייטשן גרייטן צו קעגן אונז. דייטשן זיינען בטבע נישט קיין אימפּראָוויזאַטאָרן. ווילן זיי עפּעס טאָן, טאָ גרייטן זיי עס צו נאָך פון פריער — מיט אַלע איינצלהייטן. באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָבן די דייטשע קאַרטאָגראַפישע אינסטיטוטן אָנגעהויבן צוצוגרייטן גענויע געאָגראַפישע קאַרטעס פון גאַנץ אוקראַינע און פון אַלע אירע שטעט און דערפער. ווייל אויפן פּראָגראַם איז געשטאַנען, פריער אָדער שפּעטער, צו אָקופּירן אוקראַינע. און אַזוי אויף אַלע געביטן. די דייטשע וויסנשאַפט האָט געהאָלפן יעדן נייעם פאַרשטויס פון דייטשן אימפּעריאַליזם. אַזוי איז עס געווען בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין אַ סך אַ שטאַרקערער מאָס האָט עס געמוזט זיין בימי היטלער, ווען די גאַנצע דייטשע וויסנשאַפט האָט זיך גלייכגעשאַלטעט.

אויפן פּראָגראַם איז געשטאַנען „פאַרענטפערן די יידן־פראַגע". באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז דער אַנטיסעמיטיזם געוואָרן די מלוכה־רעליגיע. יידן־שנאה איז געוואָרן אַן ענין פאַר די דייטשע אוני־ווערזיטעטס־פּראָפעסאָרן. אין אַלע דייטשע גרעסערע שטעט זיינען אַנט־שטאַנען אינסטיטוטן צו פאָרשן די יידישע ראַסע, די ראָל פון די יידן אין דער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, ליטעראַטור, קונסט, פּרעסע, קלויסטערישן לעבן א. אַ. וו. אין די דאָזיקע אינסטיטוטן האָבן מיטגעאַרבעט די אָנגעזעענסטע דייטשע געלערנטע. עס זיינען געוואָרן אָנגעשריבן גרויסע בייכיקע ווערק און עס זיינען דערשינען פּעריאָדישע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, (פון צייטונגען און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור רעדן מיר דאָ שוין נישט) וואָס האָבן געהאַט איין טעמע: דעם ייד. שפּעטער־צו זיינען פאַרלייגט געוואָרן אינסטיטוטן צו פאָרשן ספּעציעל דאָס מזרח־יידנטום. עס זיינען אַרומגעפאָרן איבער מזרח־אייראָפּע דייטשע געלערנטע און געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן מזרח־יידנטום. טייל פון זיי האָבן זיך אפילו מטריח געווען קיין פּאַלעסטינע.

צי האָט עמיצער פון אונז געקאָנט מיינען, אַז די דייטשע מלוכה פינאַנסירט דעם דאָזיקן גרויסן אַפּאַראַט פון וויסנשאַפטלער נאָר דערפאַר, וואָס זי וויל וויסנשאַפטלעך פונדירן די יידן־שנאה? ווער עס האָט געלייענט די עלאַבאָראַטן פון די דייטשע וויסנשאַפטלער, האָט געמוזט פאַרשטיין, אַז

זיי פאַרפאָלגן אַ פּראַקטישן צוועק. דער צוועק איז געווען, אַזוי צו פאַר־מיאוסן דעם ייד, כדי דער דייטש זאָל שוין נישט האָבן קיין שום סקרופּולן, ווען מען וועט אים באַפעלן: הרגע! אויף דער דאָזיקער טעמע האָט ד״ר מאַקס ווײַנרײַך אָנגעשריבן אַן אַרבעט: „היטלערס פּראָפעסאָרן״ — דער חלק פון דער דײַטשער וויסנשאַפט אין דײַטשלאַנדס פאַרברעכנס קעגן יידישן פאָלק (ניו־יאָרק 1946). אין דער דאָזיקער אַרבעט ציטירט ד״ר ווײַנרײַך ווערק פון דײַטשע געלערנטע, וועלכע באַמיען זיך וויסנ־שאַפטלעך צו באַווײַזן און צו באַרעכטיקן די עקסטערמינאַציע פון יידישן פאָלק. טייל פון זיי האַלטן, אַז סטעריליזאַציע איז נאָך צו ווייניק. די דײַטשע פּראָפעסאָרן ווילן זיך נישט באַרויקן, „ביז דער לעצטער ייד וועט פאַרלאָזן אייראָפּע״. דאָס אַלץ איז נאָך געשריבן געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה 1939! און זאָל קיינער נישט מיינען, אַז אַזעלכע ווערק האָבן פאַרפאַסט פּסידאָ־וויסנשאַפטלער (כאָטש אַזעלכע האָבן נישט אויסגעפעלט) מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך פאַרנומען אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרן, מיטגלידער פון וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס: אַנטראָפּאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן, ביאָלאָגן, ירושה־ און קאָנסטיטוציע־פאָרשער א. אַ. וו.

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי האָבן דאָס רעאַגירט אויף דעם אַלעמען אונזערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. צי האָבן זיי געפירט עפּעס אַ קעגן־אַקציע קעגן דער דײַטשער וויסנשאַפט? איך האָב דאָ אין זינען, אין דער ערשטער ריי, דעם יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וועלכער איז דאָך צומיינסט געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן פּוילסירנדיקן לעבן (אין קעגנזאַץ צו די יודאַיטסישע אינסטיטוטן), געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פּאַרטייען. ווער עס קען די אַרבעט פון „ייוואָ״ פון פאַר דער מלחמה, מוז צוגעבן, אַז דער „ייוואָ״ האָט קיין שום וויסנ־שאַפטלעכע קעגן־אַקציע קעגן די דײַטשע געלערנטע נישט געפירט. ווי טרויעריק עס זאָל נישט זײַן, איז עס דאָך אמת! ווי ווײַט עס איז געגאַנגען די אומוויסנקייט פון די אָנפירער פון „ייוואָ״ אין דאָזיקן ענין, קען כאַראַק־טעריזירן פאָלגנדיקער פאַקט: אין יאָר 1937 איז געקומען אין „ייוואָ״ דער געלערנטער יידן־פרעסער, היינץ פּעטער זעראַפים, וואָס האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסן בוך וועגן מזרח־יידנטום. די אָנפירער פון „ייוואָ״ און צווישן זיי טאָקע ד״ר ווײַנרײַך, האָבן עס געהאַלטן פאַר מעגלעך צו ווײַזן דעם דאָזיקן דײַטשן געלערנטן אַלץ, וואָס האָט אים אינטערעסירט

אין „ייוואָ". בשעת דער אָקופּאַציע פון ווילנע, האָבן די דייטשן אויסגענוצט די ידיעות, וועלכע עס האָט זיי צוגעשטעלט דער דייטשער געלערנטער זעראַפים! דאָס אַלץ דערציילט אונז ד"ר ווײַנרײַך אַליין.

אָט דער פאַקט באַווײַזט צום בולטסטן, ווי ווייט אונזערע וויסנשאַפטלער האָבן דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די דייטשע „יידן־קענטעניש" און וואָס פאַראַ צילן זי האָט זיך געשטעלט. עס איז אָבער דעמאָלט נישט שווער געווען צו וויסן, וואָס עס איז אַזוינס די דייטשע יידן־קענטעניש און אין וואָס עס באַשטייט די אַרבעט פון די צאָלרייכע אינסטיטוטן צו פאָרשן די יידן־פראַגע. מען האָט נאָר געדאַרפט אויפמערקזאַם לייענען זייערע פּובליקאַציעס און פּאָפּולאַריזירן עס צווישן יידישן עולם, אויב עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו פירן אַ וויסנשאַפטלעכע קעגן־אַקציע.

עס פלעגן זיך אין יענע צייטן באַווײַזן פון צייט צו צייט אין דער יידישער פּרעסע אַרטיקלען, וואָס האָבן באַלויכטן די באַדייטונג פון דער יידן־קענטעניש און זיך בכלל אָפּגעשטעלט אויף דעם מצב פון דער דייטשער וויסנשאַפט. אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער פון דייטשע ראַסיסטן־פּסיכאָלאָגן[1]. עס איז אָבער נייטיק געווען די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס זאָל פאַרשטיין, אַז אַזאַ אַרבעט מוז געפירט ווערן סיסטעמאַטיש. וואָלט זיך דער „ייוואָ" באַשעפטיקט ווי עס געהער צו זיין מיט דער גאַנצער אַנטי־יידישער וויסנשאַפט, וואָלטן אויך די ווערק פון די דייטשע וויסנשאַפטלער רעכטצייטיק געוואָרן פּאָפּולאַריזירט. דאָס וואָלט אונז אַ סך געהאָלפן צו דערקענען דעם שונא: וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר און וואָס ער פּלאַנט פאַר אונז.

נאָך דעם גרויסן חורבן, איז דאָס באַווײַזן זיך פון ד"ר ווײַנרײַכס בוך אַ סימן, אַז מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגעלערנט פון דעם, וואָס איז פאָר־געקומען. און זאָל קיינער נישט מיינען, אַז איצט איז די פראַגע שוין נישט אַזוי אַקטועל, ווײַל די דייטשן זיינען צעקלאַפּט. איצט מוז זיך פאַרנעמען מיט דער „יידן־קענטעניש" פון די דייטשע געלערנטע אונזער צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס איז אונזער איינציקער אינסטיטוט. די אויס־

---

1) „סאָציאַלע מעדיצין" 1938-39, „פּאַריס" 1939.

פאָרשונג פון ד דייטשע פאַרברעכנס וועט זיין אַ פולשטענדיקע ערשט דעמאָלט, ווען עס וועט גענעריק באַלויכטן ווערן דער אָנטייל פון דער דייטשער וויסנשאַפט אין די דאָזיקע פאַרברעכנס.

.1950

דער מענטש און די דייטשע פאַבריקן פון טויט

(די פּסיכאָלאָגיע פון די פּערסאָנאַזשן אין מרדכי שטריגלערס ביכער־ציקל „אויסגעברענטע ליכט“¹)

עס וועט שוין היינט נישט זיין קיין נייעס, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען געווען עפּעס אַ באַזונדערע וועלט מיט אירע אייגענע געזעצן, גאַנץ אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגיע און מאָראַלישע אַטמאָספער, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדרוקן. עס איז שוין דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס באַהאַנדלט דאָס „לעבן“ אין די דייטשע טויט־פאַבריקן. אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנעמען די ביכער פון מ. שטריגלער, שטריגלער, וואָס איז אַליין אַדורכגעגאַנגען — במשך פון כמעט זעקס יאָר — אַ גרויסן טייל פון די דייטשע לאַגערן, האָלט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע צו פאַר־צייכענען דאָס, וואָס ער האָט געזען און אָבסערווירט. און ווי ער שרייבט אין זיין אַריינפיר צו דעם בוך „מאַידאַנעק“, האָלט ער פאַר וויכטיק איבערצוגעבן נישט נאָר וועגן דער פיזישער, נאָר אויך וועגן דער גייסטיקער גסיסה פון אַ דור — ער וויל וועגן אונדזערע קדושים שרייבן ווי וועגן „מענטשן מיט בלוט און פלייש“.

שרייבנדיק וועגן אונדזערע קדושים האָט דער מחבר געוואָלט אויס־מיידן יעדע אידעאַליזירונג פון באַפּוצונג. ער האָט דערביי אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט מיט איבערלעבונגען, וועלכע וועלן תמיד בלייבן פרעמד דעם, וואָס האָט עס נישט איבערגעלעבט אָדער האָט נישט די פעאיקייט זיך אַריינצולעבן מיט זיין גאַנצער נשמה אין יענע קאַשמאַרפולע יאָרן, אויף וועלכע עס האָט אַרויפגעדרוקט זיין חותם דער דייטשער תלין און דער ערב־רב פון זיינע פּוילישע, אוקראַיינישע און אַנדערע מיטהעלפער. די דאָזיקע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס קאָן מען באַטראַכטן ווי עלע־מענטן פון אַ גאַנץ נייער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע איז זייער ווייט פון דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטש, וואָס לעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. דעריבער טאָרן מיר קיינמאָל נישט צוגיין מיט אונדזערע געוויינטלעכע מאָסן צו די באַשריבענע איבערלעבונגען און געשעענישן, אויב מיר ווילן בכלל עפּעס

---

1) I. „מאַידאַנעק“. II. „אין די פאַבריקן פון טויט“. III. „ווערק צע“ (2 טיילן) אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. בוענאָס איירעס, 1950 — 1947.

פון זיי פאַרשטיין.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די באַזונדערקייטן פון די פּסיכישע איבערלעבונגען פון דעם געפאַנגענעם זענען שוין גענוג באַשריבן און אויסגעפאָרשט געוואָרן. עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס באַהאַנדלט דעם „פּסיכאָז פון די שטעכל־דראָטן״, די קאָמפּלעקסן, וואָס אַנטשטייען ביי אַ גרויסער צאָל פון די געפאַנגענע צוליב דער אויסגע־וואָרצלטקייט און אָפּגעריסנקייט פון דער היים, משפחה און פריינט. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קריגס־געפאַנגענעם איז אָבער אַן אַנדערע צוליב אַ גאַנצע ריי סיבות. עס איז ביי אים — נישט געקוקט אויף אַלע פּיינען — נישטאָ די דערוואַרטונג פון דעם אומפאַרמיידלעכן טויט, וועלכער קאָן קומען אין יעדן מאָמענט.

גאַנץ אַנדערש איז דער צושטאַנד ביים יידישן קאַצעטניק. דער פּסיכישער צושטאַנד, וואָס אַנטשטייט מיט דער דערוואַרטונג פון אַנט־גילטיקן סוף, איז עלול צו ברענגען צו אַ דיסאָציאירונג פון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין דער צעריסנקייט פון די באַזונ־דערע פּסיכישע אייגנשאַפטן און טענדענצן.

אַט ווי שטריגלער באַשרייבט זיין נשמה־צושטאַנד אין דער דערוואַר־טונג פון דער באַלדיקער „ליקווידאַציע״ פון לאַגער: „מען שפּירט אַ צאַפּלדיקע מורא פאַר עפּעס, אָבער דערביי פרייט זיך עמעץ טיפער פאַר דיר אַליין און דאָך אין דיר... ווייל דו ווייסט דערמיט גלייכצייטיק, אַז דו האָסט נאָך עפּעס, אַז דו פאַרמאָגסט נאָך עפּעס אַזוינס, איבער וועלכן מען דאַרף ציטערן און דערמיט פאַרזיכטיק זיין...״ (ז׳ 16 „מאַידאַנעק״).

אַט דער צושטאַנד פון אינערלעכער געשפּאָלטנקייט איז ביי דעם יידישן קאַצעטלער שוין צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם גרויל און די טויט־שרעק, וואָס ער האָט איבערגעלעבט נאָך איידער ער איז געקומען אין לאַגער — פון דעם געטאָ. אין דעם לאַגער איז דאָס דאַזיקע געפיל נאָך מער פאַרטיפט געוואָרן דורך דעם פולשטענדיקן אָפּרייסן זיך פון אַלע נאָענטע און פון דער היים, וואָס איז שוין אויף תמיד פאַרשוווּנדן. דער קאַצעטלער לעבט איבער דאָס געפיל פון דעפּערסאָנאַליזאַציע, ווי עס וואָלט — צוזאַמען מיט דער היים און די נאָענטע — פאַרשוווּנדן אויך אַ טייל פון אים אַליין! ער קלאַמערט זיך דעריבער אָן זיינע בני־עיר און באַקאַנטע, וואָס קענען אים פון פריער, קענען זיין שטוב און זיינע עלטערן.

ער וויל אַזוי אַרום צוריקגעפינען זיין איך, וואָס איז געמינערט געוואָרן מיט דעם טייל, וואָס ער האָט פאַרלוירן צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע. דעריבער איז זייער פאַרשטענדלעך די אויסערגעוויינטלעכע צוגעבונדנקייט פון מעכעלען (דער העלד פון „פאַבריקן פון טויט") צו דעם געוועזענעם שותף פון זיין טאַטן, אברהם־איסר (וועלכער האָט אויך אַלעמען פאַרלוירן) אָדער צו זיינעם אַ געוועזענעם חבר פון דער ישיבה.

די אינערלעכע געשפּאָלטנקייט באַגלייט דעם קאַצעטלער די גאַנצע צייט. די חלומות, וואָס ער חלומט, געהערן צו זיין פריערדיקן, דעם פאַר־שוווּנדענעם איך. („יעדער האָט די געלעגנהייט זיך אָפּצונעמען ביים חלום דאָס, וואָס דאָס וואָרע לעבן האָט ביי אים צוגערויבט". ז' 16 „מאַידאַנעק").

דער קאַצעטלער, וואָס לעבט מיטן געדאַנק וועגן אומפאַרמיידלעכן טויט, געוווינט זיך צו צו דעם האַזיקן געדאַנק. — ער געוווינט זיך צו צו דער ביינאַכטיקער שרעק אַזוי, אַז אויך דאָס ווערט אַ „נאָרמאַלער" צושטאַנד. נאָר דאָס אומגעריכטע קאָן אים נאָך אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט... אַ גאָר שלעכטער סימן איז דעריבער אין לאַגער געוועזן דאָס, וואָס די וואַכן האָבן פלוצלינג אויפגעהערט צו שלאָגן... דער קאַצעטלער האָט דערפילט מיט זיין אינסטינקט, אַז עפּעס מוז זיך שוין דאָ גרייטן נייעס. דאָס אומגעריכטע, דער פרימערער און טיפסטער מקור פון שרעק ביי יעדן בעל־חי, האָט אַלאַרמירט דעם לעבנס־אינסטינקט. („דעם גרעסטן אומרו האָט אַרויסגערופן דאָס, וואָס די וואַכפּאָסטנס פאַלן מער נישט אַריין אַזוי ווי יעדע נאַכט צווישן די שלאָפנדיקע און לאָזן זיך ווילגיין; און וואָס דאָס דאָזיקע הפקרות האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט"... ז' 19 — 16 „מאַידאַנעק").

שטריגלער, פונקט ווי אַנדערע מחברים פון דער געטאָ און לאַגער־ליטעראַטור (י. שפּיגל, ל. ראַכמאַן) ווייזט אָן דערויף, אַז דער נשמה־צושטאַנד פון קאַצעטלער איז זייער אָפט געווען ענלעך צו אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערונג, אין וועלכן מען פילט נישט קיין שרעק און ווייטיק אָבער אויך נישט קיין שום האָפענונג. פון אָט דעם צושטאַנד קאָן דעם קאַ־צעטלער אַרויסברענגען נאָר עפּעס אַ נייע אומגעוויינטלעכע און אומגע־וווינטע סיטואַציע. דער מחבר זאָגט וואָרטלעך: „דער פחד ווערט אָפט דער איינציקער וועקער פון פאַרגליווערטע לעבנס" אָדער: „מ'האָט שוין אַלע חשבונות אָפּגעשלאָסן און דאָס געמיט איז געוואָרן פאַרשטיינערט" (ז'

16 — 13 „מאַידאַנעק״). ווען שלמהלע בעל־עגלה ווערט צום ערשטן מאָל אָוועקגעפירט — ווי ער און אַלע האָבן געמיינט, אַז צום שיסן — זאָגט וועגן אים דער מחבר: „אָבער שלמהלע האָט שוין באַקומען פון ערגעץ אַזאַ פאַרגליווערטע רו, וואָס האָט זיך אים אַנגעקלעפּט אין די טריט, אין די שיך, אין געמיט... דער שאָטן און דער באַוווסטזיין פון טויט האָט זיך סיי ווי פריער פאַרגנבעט אין אים, אַנגעטון זיין גאַנצן טראַכט מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס וועט קומען, עס מוז קומען... האָט דער פּלוצימער רוף אים דאַן נישט אַרויסגעשליידערט פון זיין איך״. (די דערציילונג שלמהלע בעל־עגלה, וואָס איז אַ פראַגמענט פון נאָך נישט פאַרעפנטלעכטן באַנד „גורלות״, געדרוקט אין „קיום״ נ. 9 — 10, ז׳ 547 — 557 און נ׳ 11 (1948) ז׳ 631 — 640).

די לאַגער־מיליץ האָט אָבער — קעגן יעדער דערוואַרטונג — ווידער אָפּגעלאָזט שלמהלען. און נישט נאָר דאָס: מען האָט אים אויך נישט געשיקט צו דער אַרבעט און אַנגעהויבן צו געבן גוט עסן. דער באַאיוער שלמהלע האָט אַנגעווירן די זיכערקייט אין זיין אומפאַרמיידלעכן טויט. ער איז אַרויס פון דער פאַרגליווערונג, וואָס דאָס איז דאָך געווען זיין איינציקער פאַנצער! ווי שרעקלעך האָט ער עס אָבער איבערגעלעבט, ווען מען האָט אים גענומען צום צווייטן מאָל. ער האָט שוין אין דער צווישנצייט אַנגעווירן זיין פאַרשטיינערטע גלייכגילטיקייט: „דער טויט־הילך אין מוח האָט זיך באַרוישט מיט מילדע אויגן־גלעטן, מיט ביסלעכווייזער אויסוועפונג״ („קיום״, נ׳ 11, 1948).

איז דעריבער דאָס געפיל פון טויט־שרעק געווען דערשיטערנדיק נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געהאַט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער וועט מסתמא בלייבן לעבן. „האָט עס אים מיטאַמאָל צוריקגעוואָרפן אין דער נאָענטער סכנה אין די אָרעמס אַריין... זיין קול קאַרטשעט זיך איצט, רעוועט, שרייט, אַלאַרמירט, זוכט...״

אָט דער געשילדערטער צושטאַנד פון פאַרגליווערונג איז אין תוך אַ פּסיכיעשער שוץ־מעכאַניזם וואָס דערלאָזט נישט צום באַוווסטזיין דאָס אַלץ, וואָס קאָן עס צו שטאַרק טראַוומאַטיזירן. די ליידן אין דעם פאַרגליווערונגס־צושטאַנד זענען אַזוי ווי אָפּגעטעמפּט און נישט מער אַזוי שאַרף. עס איז, ווי גלייך עס וואָלט אויסגעוואַקסן אַ וואַנט צווישן דעם באַוווסטזיין פון קאַצעטלער און דער גאַנצער אַרומיקער פאַר אים פיינטלעכער וועלט.

אַט דעם נייעם פענאָמען אין דער פּסיכאָלאָגיע האָט שוין באַשריבן דער פּסיכיאַטער עווזשען מינקאָווסקי אין זיין באַקאַנטער אַרבעט וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די דעפּאָרטירטע (פון בוכענוואַלד). מינקאָווסקי האָט אַט דעם פענאָמען אָנגערופן „פּסיכישע אַנעסטעזיע".

אין די פּעריפּעציעס פון שלמהלע בעל־עגלהס אומקום ווייזט אונדז שטריגלער, ווי אַנדערש עס איז די רעאַקציע פון שלמהלע, בשעת מען נעמט אים דאָס ערשטע מאָל, ווען ער מיינט, אַז אַט קומט דאָס אומפאַר־מיידלעכע, דער טויט, אויף וועלכן ער האָט זיך שוין פון לאַנג געריכט. דאַ זעען מיר אים אין דעם צושטאַנד פון פאַרגליווערונג (פּסיכישע פאַר־שטיינערונג אָדער פיל־לאָזיקצט). ווען מען נעמט אים אָבער דאָס צווייטע מאָל, ווען ער האָט זיך אינצווישן ווידער צוגעוווינט צום געדאַנק פון לעבן־בלייבן און פאַרלוירן די פּסיכישע פאַרשטיינערונג, איז זיין רעאַקציע אַ שטורמישע און פאַרצווייפלטע. די פּסיכישע פאַרגליווערטקייט האָט אים דאָס מאָל מער נישט געשיצט, די שרעק איז דערגאַנגען ביז די סאַמע טיפענישן פון זיין באַוווסטזיין און דערמיט נאָך מער פאַרמאַכט יעדן וועג פון ניצל ווערן[2].

דורך דעם פריער געזאָגטן ווערן פאַר אונדז פאַרשטענדלעכער די פון שטריגלערן באַשריבענע סיטואַציעס, ווען דער קאַצעטלער זוכט דעם טויט, אויס מורא פאַר דעם טויט. און נאָר דאָס פלוצלינגדיקע פאַרשווינדן פון פאַרגליווערונג־צושטאַנד קאָן דערקלערן, וואָס טייל קאַצעטלער, וועלב־דיק אויסמיידן די דראָענדיקע טויט־שטראָף, נעמען זיך אַליין דאָס לעבן טיילמאָל אויף דעם שרעקלעכסטן אופן (דער קאַצעטלער, וואָס שפּרינגט אַריין אין דעם אָפּגרונט מיט צואה אין מאַידאַנעק). דער מאָמענט, ווען עס פאַלט אָוועק די פאַרגליווערונג, מוז נישט תמיד פירן צו פאַרצווייפלטע, זינלאָזע האַנדלונגען נאָר קאָן אַמאָל ווידער מאָביליזירן אַלע אָפּווער־כוחות פון מענטש. אַזאַ מאָמענט באַשרייבט דער מחבר ביי זיך אַליין: „אַלע מידע ווענט, וואָס האָבן געפּענטעט מיין געדאַנק, זענען איינגעפאַלן מיט קראַך.

2) דעם פּסיכישן שוץ-מעכאַניזם פון פאַרגליווערונג געפינען מיר זייער אָפט ביי די נידעריקע בעלי-חי. דאָ איז עס דער רעפלעקס „פון מאַכן זיך טויט", מיט הילף פון וועלכן עס ראַטעוועט זיך (אָדער פּרוווט זיך ראַטעווען) דאָס חיהלע, ווען עס האָט מער נישט קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. דער דאָזיקער רעפלעקס באַווייזט זיך אין דער גרעסטער לעבנס-סכנה און דינט דער דערהאַלטונג פון מין.

אַ קלאָרע שטים האָט אַריינגעשריגן אין מיין הויפּט־פּינטל: דאָ איז דער טויט!״ (ז׳ 18 „מאַידאַנעק״).

דער מאָטיוו פון פאַרגליווערונג און די גאַנצע, זייער אָפּט צו זיך אַליין אין סתירה שטייענדיקע געפילן־גאַמע, חזרט זיך איבער אין די ביכער פון שטריגלער אין פאַרשידענע וואַריאַציעס. וועגן די יידן, וואָס וואַרטן אין וואַרשע אויף דעם „אומשלאַג־פּלאַץ״ זאָגט דער מחבר „זיי זענען גלייכגילטיק — פאַרשטאַרט געוואָרן גראָד צוליבן שטאַרקן חשק צו לעבן. דאָס האָט זייער לעבנס־ווילן זיי פאַרשפּאַרט דעם לעצטן וועג צום רירן מיט אַן אבר... האָט אין זיי אַלץ אָנגעגאָסן, איבערגעגאָסן ביז אומ־מעגלעכקייט... (ווערק „צע״, באַנד 1, ז׳ 160). אָט די פאַרגליווערונג קאָן אָבער אויך פלוצלינג אַריבערגיין אין אַ שטורם פון באַוועגונגען, וואָס זייער מאָטאָר איז נישט דער ווילן און נישט דער באַוווסטזיין פון מענטש „...איז זי (פרעדזשע) געלאָפן, געריסן, געבעטן, געשריגן — אָן דער מינדסטער באַרעכענונג אויסער דעם; אָן צו וויסן קלאָר, וואָס עס טוט זיך מיט איר און די אַרומיקע״ (דאָרט).

עפּעס ענלעכס ווי שלמהלע בעל־עגלה — אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב — לעבן איבער די צום דערשיסן באַשטימטע יידן, ווען דער פּינקטלעכער דייטש שומאַן הייסט אויסטיילן מיטאָג פאַר דער עקזעקוטיע. אָט דאָס אויסטיילן זיי מיטאָג האָט אין זיי געוועקט אַ האָפענונג, אַז אפשר פירט מען זיי דאָך נישט צום טויט. מען האָט זיי אָבער צוריק פאַרלאָדן אויף די אויטאָס, כדי זיי צו פירן צום „שיס־שטאַנד״. „עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שווידערלעך געשריי, וואָס האָט געשפּאָלטן די וועלט... איצט האָבן זיי געשריגן ווי נאַר־וואָס פאַרמשפּטע פונדאַסניי...״ (ווערק „צע״, באַנד 2 ז׳ 180).

צו די באַזונדערקייטן פון דער לאַגער־פּסיכאָלאָגיע געהערט דאָס, וואָס ערשט אין לאַגער ווייזט דאָס לעבן אַרויס ווערטן, וואָס געוויינטלעך דערזען מיר זיי נישט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אפילו אין דייטשן קאָנצענ־טראַציע־לאַגער קאָן נאָך דאָס לעבן געבן אַזעלכע פאַרגעניגנס, וואָס דער נאָרמאַלער מענטש קאָן עס גאָר נישט משיג זיין. די געפאַנגענשאַפט, פאַר זיך אַליין אַ שרעקלעך ליידן, מאַכט דעם מענטש אַזוי סענסיבל און פעאיק אויפצונעמען פרייד, אַז דער נאָרמאַלער פרייער מענטש האָט פון זיי נישט קיין השגה.

דער געפאַנגענער געפינט גליק און פרייד אין זאַכן, אין וועלכע דער פרייער, נאָרמאַלער מענטש וועט גאָרנישט געפינען, ווייל ער נעמט זיי אויף אויטאָמאַטיש און ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ביי שטריגלערן קאָנען מיר לייענען, פון וואַנען עס נעמט זיך אָט די פרייד: „עס זענען געווען מינוטן, שעהען און טעג פון פחד און שגעון, ווען דו האָסט געוואָלט פאַרגליווערן, בכדי גאָרנישט מער צו פילן... דערפאַר אָבער האָסטו זיך אַמאָל געגעבן אַ שטעל אויף אַ פּאָר מינוט און דו האָסט דערשפּירט, וויפל גליק עס ליגט אין אַ שלונג ריינעם אָטעם, וויפל זיסן כוח עס קאָן געבן איין אויסגעגלייכטער שריט; איין שעה פון ליגן רואיק אויפן האָרטן, פאַרנאָרעטן ברעט... דו האָסט דאַן געפילט ווי דאָס לעבן האָט דיך אַריינגעפירט אין אַ געהיימנישפולן חדר, האָט זיך פאַר דיר נאַקעט אויסגעטון און באַוויזן דיר רייצן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין יעדן נאָגעלע...״ (ז׳ 34 „מאַידאַנעק״).

דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער פּראָצעס פון געפינען פרייד אין די קלענסטע מאַניפעסטאַציעס פון לעבן, איז פרעמד פאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן, וואָס לעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. די טיפע פרייד פון אַלע „זעלבסטפאַרשטענדלעכע״ זאַכן קאָנען שפּירן נאָר מענטשן, וואָס האָבן פריער זייער אַ סך געליטן. צו אַזאַ צושטאַנד פון געניסן יעדן אבר אַלס טייל פון באַשאַף קאָן זיך דערהויבן נאָר אַ דיכטער אָדער אַ הייליקער, וואָס זעט גאָטס ווונדער אין די גאַנץ געוויינטלעכע זאַכן: אין אַ זון־אויפגאַנג אָדער אין אַ רעגן... און זיך פילן דערביי ווי שותפים צו דעם אַלעמען.

מ. שטריגלער דערציילט, וואָס דאָס לעבן קאָן נאָך געבן אפילו אין דער דייטשער פאַבריק פון טויט. דאָ ווערט אונדז אויף איינמאָל קלאָר און פאַרשטענדלעך ווי אַזוי מענטשן האָבן נאָך געקאָנט האָבן חשק צו לעבן, נישט קוקנדיק אויף אַלע פּיינען. מיר לייענען: „דאָס לעבן אין די שווי־דערלעכסטע שקלאַפן־באַדינגונגען האָט נישט געקאָנט אינגאַנצן נמאס ווערן, ווייל וואָס מער דער טאָג האָט געפּייניקט — אַלץ גרעסער איז אויסגעוואַקסן דאָס גליק פון דער שעה רו אין דער נאַכט, האָט אַלץ מער געגעבן אַ האַלבע שעה פון אַוועקזעצן זיך אין אַ ווינקל און פון גאָרנישט טראַכטן מער...״ (ז׳ 35).

אין די דאָזיקע שילדערונגען פון דעם, וואָס דאָס לעבן קאָן נאָך

געבן, נישט קוקנדיק אויף אַלע יסורים, זעען מיר אַ בפירושע טראַנס־פאָרמאַציע פון די פּסיכישע רעאַקציעס פון מענטש. עס קומט דאָ פאָר אַ גרונטיקע ענדערונג אין דעם אויפנעמען די אויסערלעכע וועלט און פון אייגענעם גוף אַלס איר טייל. די געשעענישן אין דער אויסערלעכער וועלט און די וועגעטאַטיווע פּראָצעסן אין דעם אייגענעם קערפּער ווערן מער נישט אויפגענומען פּאַסיוו און אויטאָמאַטיש, נאָר באַוווסטזיניק און אַקטיוו. אַט די דאָזיקע פּסיכישע טראַנספאָרמאַציע דערמעגלעכט צו דערזען אַזוי פיל זאַכן, וועלכע זענען פריער אויך געווען, מיר האָבן זיי אָבער נישט געזען און אויך נישט געקאָנט אַזוי טיף און אינטענסיוו פילן.

ווייסן מיר דאָך, אַז אויך אין די קאַצעטן האָבן יידן געזונגען און געשאַפן (שטריגלער שילדערט אונדז אויך אַזעלכע פאָרשטעלונגען אין די „פאַבריקן פון טויט״). די פריער דערמאָנטע פּסיכישע טראַנספאָרמאַציע וועט אפשר העלפן דערקלערן, ווי דאָס איז מעגלעך געווען, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער טראַגיק און פאַרמשפּטקייט פון די קאַצעטלער.

אויך ביי די דייטשע תלינים איז פאָרגעקומען אַ פּסיכישע טראַנס־פאָרמאַציע, נאָר אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. פאַר די געפייניקטע זענען אַלע געוויינטלעכקייטן פון לעבן געוואָרן אומגעוויינטלעך און דערהויבן. פאַר די פייניקער איז דאָס נאָרמאַל־אומגעוויינטלעכע געוואָרן געוויינטלעך און באַנאַל. דערמאָרדן אַ מענטש איז אין מאַידאַנעק און אין אַנדערע פאַבריקן פון טויט געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך. מען האָט דערצו נישט באַדאַרפט נישט קיין משפּט און נישט קיין יורידישע פּראָצעדור. דער וואָכעדיקער מאָרד האָט אָנגעהויבן די מערדער צו לאַנגווייליקן. האָבן זיי דעריבער צוגעטראַכט „פּראָצעדורן״ כדי צו קאָנען ווידער איבערלעבן אַן עמאָציע ביים מאָרד. און דאָס איז אויך דער זין פון דער גאַנצער „אויספאָרשונג״, וואָס פאָלט אַמאָל איין דער ס׳ ס׳ איינצואָרדענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דערשטיקן 13 קאַצעטלער פון איין בלאָק.

אָבער ביי אַ גאַנצער ריי פייניקער האָט עס געמוזט קומען צו אַ טיפער דעסטרוקציע פון זייער אינערלעכן קערן, בעיקר ביי די, וואָס זענען פון פריער נישט געווען קיין שלעגער און מערדער. עס האָט אַזוי אָרום געמוזט קומען צו אַ קעגנזאַץ צווישן זייער פריערדיקן און זייער איצטיקן איך. דערפון נעמט זיך די נישט קאָנסעקווענטקייט און נישט אויסגעהאַלטנקייט אין זייערע האַנדלונגען און געפילן, אַ דערשיינונג וואָס

איז באַקאַנט פון דער פסיכאָפּאַטאָלאָגיע אַלס אַמביוואַלענץ (צוויי שפּאַלטי־קייט פון די געפילן, וועלכע קאָנען זיין אי פּאָזיטיוו אי נעגאַטיוו אין דער באַציאונג צו די זעלבע מענטשן).

דער פּוילישער מייסטער קאַפּערניק, אַ פּשוטער פּויער, האָט געזוכט אַ טעם, פאַרוואָס אייגנטלעך דאַרף ער נעמען אַנטייל אין דעם פּייניקן און פאַרניכטן די יידן. ער זוכט די סיבות אין דער רעליגיע (דערפאַר וויל די יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן), עס אַגיטירן אים די אוקריינישע וועכטער, וואָס זענען שוין אַדורכגעגאַנגען אַ פּאַשיסטישע אויסשולונג און דאָך איז אים שווער און ער פאַרלירט זיין איבערלעכע רו אין דעם געראַנגל מיט זיך אַליין. מיר לייענען ביי שטריגלערן:

„זיין גאַנצער געדאַנק האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט דערויף, אַז ער דאַרף, ער מוז שלאָגן. דאָס האָט זיך אים אפילו אויסגעוויזן ווי אַ נויטווענדיקייט פאַר אים אַליין, עס האָט זיך אים שוין געבענקט צו פּייניקן.. טיילמאָל האָט אים אָבער אָנגענומען אַן איבלדיקייט צו זיין גאַנצן לעבן אָט־אָ־דאָ און ער פלעגט פילן אַ נויטווענדיקייט זיך אויסצושעלטן מיט אַלע אויסדרוקן, וואָס ער האָט אין זיין שפּראַך פאַרמאָגט אויפן חשבון פון דער צייט און דער וועלט... נישט אַלץ האָט ער אָפּט געקאָנט פאַרמולירן אין ווערטער, אָדער אפילו איבערטראַכטן אין געדאַנק; איינס אָבער האָט ער געשפּירט אויף קלאָר, אַ געפיל, וואָס האָט געגרייכט טיפער פאַר זיין געדאַנק; אַז מיט אים איז געשען אַ גרויסע עולה, אַן אומרעכט דערמיט, וואָס ער מוז לעבן אין אַזאַ צייט, ווען ער מוז זיין דער שלעגער, דער פּייניקער"... (ז' 138־137, „אין די פאַבריקן פון טויט").

קאַפּערניק האָט געהאַט מינוטן און גאַנצע טעג, ווען ער האָט זיך געפילט שוואַך און שולדיק. ער פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטן פאַרפירן שמועסן מיט די יידן, וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט און אַמאָל אויך זיי אָוועקגעגעבן זיין ברויט; עס פלעגט אָבער אויך געשען, אַז ער פלעגט אין מיטן די רייד אַ זעץ טון מיט די פויסטן אין די ציין אַריין און זיך צעלאָזן מיט קללות אויף די יידן, דער וועלט, ביז אין אַלע דורות אַריין"... (139).

קאַפּערניק האָט אָן ספק געליטן פון אָט דער געשפּאַלטנקייט אין זיין

אינערלעכער וועלט. אַלע זייַנע סתירותדיקע האַנדלונגען און אומבאַרעכנטע אויסברוכן זענען געווען אַ רעזולטאַט פון אָט דער געשפּאָלטנקייט. די אינערלעכע געשפּאָלטנקייט איז געווען די סיבה פון זיין אַמביוואַלענטער באַציאונג צו די יידן: שנאה און רחמנות גלייכצייטיק.

שטריגלער שילדערט אונדז נאָך אַנדערע טיפּן מיט אַמביוואַלענטע האַנדלונגען. אַזאַ איז אָן ספק דער רוס איוואַן, דער שטובנדינער פון שטריגלערס באַראַק אין מאַידאַנעק. איוואַן, וועלכער האָט געקאָנט מער־דערלעך שלאָגן, האָט אָבער אויך געקאָנט אינמיטן שלאָגן נעמען אַרומווישן ביים קרבן דאָס בלוט, פאַרבאַנדאַזשירן און אים דערנאָך געבן צו עסן... עס פלעגן זיך בייטן ווילדע רציחה מיט אַנפאַלן פון גוטסקייט, ווען ער פלעגט צעטיילן די הונגעריקע, וויפל ער האָט נאָר געהאַט זופּ און ברויט. און אפילו איינער פון די שרעקלעכסטע מערדער קען זיך אַרויסווייזן פון גאָר אַנאַנדערער זייט. (די סצענע, ווי ער טראָגט צו שטריגלערן זיין פאַר־לוירענעם פאַנטאָפל און שעפּשעט צו אים: „וואָס ווילן זיי פון אייך, די נאַצי באַנדע״ ?).

אַ סך אַמביוואַלענטע האַנדלונגען וואָלטן מיר געקאָנט געפינען אויך ביי די יידישע פּאָליציי־לייט און ביי דער יידישער קאָמענדאַנטין פון סקאַרזשיסקער לאַגער. דאָ קומען אָבער צו אַנדערע מאָמענטן (דאָס וועלן זיך ראַטעווען אויפן חשבון פון די יידישע שקלאַפן) און דעריבער זענען זיי אַ קאַפּיטל, וואָס מוז באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

מנשה, מעכעלעס געוועזענער חבר פון דער ישיבה זאָגט צו אים בזה הלשון: „...אין אַזאַ גהינום טאָרסטו אָבער קיינמאָל נישט צוגייך מיטן שכל... די איבערגערעכנטקייט נעם און באַגראָב זי אָדער באַהאַלט אויף בעסערע צייטן... דאָ זאָלסטו אויספּרובירן אַלע משוגעתן און די ווילדסטע איינפאַלן, אויב דו ווילסט זיך ראַטעווען... דיין געדאַנק זאָלסטו קיינמאָל נישט פרעגן, ווייל ער וועט פאַר דיר האָבן נאָר איין עצה: זאָלסט זיך באַצייטנס דערווערגן — וועסטו פאַרשפּאָרן דערשאָסן צו ווערן... טאָמער ווילסטו לעבן, דאַרפסטו עפּעס טון דערצו... און וואָס, אַ שטייגער, קאָנסטו אויפטון דאָ מיטן שכל־הישר? הערסטו אָן עצה, אָדער עס פאַלט דיר עפּעס איין — נעם און טו עס אָפּ... נאָך איידער דו רעכנסט דיך איבער...״ (ז׳ 349, „אין די פאַבריקן פון טויט״).

ווער עס איז אַריינגעפאַלן אין ווערק „צע״ פון סקאַרזשיסקער לאַגער,

האָט לויט אַלע געזעצן פון דער לאָגיק (און דייטשער פּלאַנירונג) געמוזט זיין „אַ פּאַרטיקער” נאָך אַ פּאָר וואָכן אָדער העכסטנס חדשים. האָט מען זיך דעריבער געמוזט אָנכאַפּן אין דער אַנטי־לאָגיק, ווייל אַזוי האָט דיקטירט דער לעבנס־אינסטינקט. עס האָט געמוזט אָנהויבן צו פונקציאָנירן אין מענטש דאָס איראַציאָנעלע. דער מענטש האָט דערפילט, אַז ער מוז זיך אונטערוואַרפן די בלינדע כוחות פון זיין אינטואיציע און נאָכגיין אירע באַפעלן. אַלע פריערדיגע פּרינציפּן און איבערצייגונגען, אַלע שכל־הישר־דיקע איבערלעגונגען האָבן געמוזט אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ זייט, אויב ער האָט נישט געוואָלט אונטערגיין.

און מעכעלע הויבט פּאַקטיש אָן צו טון זאַכן, וואָס זענען קעגן זיין איבערצייגונג. ער שרייבט אַ בריוו צו דער קאָמענדאַנטין פון לאַגער און בעט פאַר זיך הילף, כאָטש לאָגיש גענומען, איז עס אַ זינלאָזע האַנדלונג. ווייל וואָס פּלוצלינג האָט אים געזאָלט העלפן די קאָמענדאַנטין אין דער צייט ווען זי האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום אומקום פון טויזנטער, און איר גאַנצע עקזיסטענץ גופא איז דערמעגלעכט געוואָרן נאָר אַדאַנק אָט דעם אומקום? אָבער אַזוי איז שוין די מענטשלעכע פּסיכיק: עס קאָן זיין, עס זאָל איר נישט רירן דער אומקום פון טויזנטער און דער גורל פון אַ יחיד רופט יאָ אַרויס ביי איר פּאַראינטערעסירונג. און אפילו דער פאַרדאַרבנסטער קאָן פּלוצלינג אַרויסווייזן מיטגעפיל צו עפּעס אַ יחיד, וועלכן ער קלויבט אויס פון אַ גאַנצער מאַסע אומגליקלעכע. ווייל פּונקט אין די ליידן פון אַ יחיד — קאָן זיין אַ גאַנץ צופעליקן — האָט ער זיך געפרווט אַריינפילן און אין די ליידן פון די טויזנטער קאָן ער זיך נישט אַריינפילן, ווייל דערצו זענען זיין פאַנטאַזיע און זיין האַרץ צו קליין...

די דייטשע אויסוואורפן האָבן געמאָרדעט נישט סתם אַזוי, נאָר מיט הנאה. ווייזט אויס, אַז די קאַניבאַלישע בלוט־דורשטיקייט הויערט נאָך טיף אין די אָפּגרונטן פון דער מענטשלעכער נשמה פון יענע אור־אורצייטן, ווען דער אור־מענטש האָט אין אַ יום־טוב געהרגעט און אויפגעפרעסן זיין געפאַנגענעם שונא.

דער לוסט־מאָרד קאָמבינירט זיך זייער אָפט מיט סעקסועלער פּער־ווערסיע און באַווייזט זיך דאָרט, ווו עס ווערן מאָביליזירט די אַרכאַאישע שיכטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס צווישן פּערסאָנאַל פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען געווען

אַזוי פיל לוסט־מערדער. זענען זיי דאָך געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער היטלעריסטישער דערציאונג, וועלכע איז באַשטאַנען קודם־כל אין וועקן די פּרימיטיווע אַרכאַאישע אינסטינקטן.

שטריגלער פירט אַרויס אין זיינע ביכער אַ גאַנצע גאַלעריע פון דייטשע לוסט־מערדער. יעדער פון זיי האָט זיך זיינע אייגענע אָדער אויסגעלערנטע מעטאָדן, מיט וועלכע ער פאַרשאַפט זיך דעם מאַקסימום תענוג בשעת דעם מאָרדן. וועגן איינעם פון זיי, דעם הויכן ווינער קאַפּאָ דערציילט דער מחבר:

„ער פלעגט זיך ברייט צעשמייכלען ביים אָננעמען אַ יידס אויסגעדאַרטן האַלדז מיט זיינע לאַנגע פידלער־פינגער. אַן אומ־געווייבטלעכע הנאה פלעגט זיך אים אויסגיסן אויפן זאַטן, צופרידן ראָזלעכן פּנים, ווען ער האָט אַריינגעקוועטשט זיינע גרויסע הענט אַלץ שטייפער און שטייפער אין יענעמס אָטעם אַריין״. און צום סוף... „ער איז דערביי געשטאַנען און ערנסט אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך, וואָס קומט פון דעם קרבנס שטיקן זיך. האָסט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, אויב ער האָט בלויז הנאה פון יעדער מינוט און רגע ביים לאַנגזאַמען מאָרד, אָדער ער שטודירט דאָ עפּעס אַרויס...״ (ז׳ 89, „מאַידאַנעק״) די דאָזיקע פּראָצעדור פלעגט ער איבערחזרן ביי דעם זעלבן קרבן נאָך אַ צענדליק מאָל ביז צום אָנטגילטיקן דער־שטיקן. ער האָט נאָך געהאַט פאַרשידענע אַנדערע אופנים פון דערמאָרדן. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר אים תמיד געווען די הנאה און דער תענוג וואָס ער האָט געהאַט ביים מאָרדן. „אפילו ביים ווערן אין כעס — אינמיטן אַ מאָרד — האָבן זיינע אויפגעלויכטענע אויגן געהאַט דעם זעלבן גלאַנץ. זיין מאָרד־הנאה האָט שטענדיק איבערגעוועלטיקט די רציחה פון אַ פייניקער...״ (ז׳ 90, „מאַידאַנעק״).

דער ווינער קאַפּאָ, האָט אין מאַידאַנעק געהאַט אַ סך תלמידים, וואָס האָבן אים גענומען נאָכטון: פון דער ס׳ ס״ ביז צום נידעריקסטן פאַר־אַרבעטער. אין די „פאַבריקן פון טויט״ לאָזט אונדז שטריגלער אַריינקוקן אין דער פּסיכיק פון ד״ר ראַסט, דער דירעקטאָר פון ווערק „צע״. ד״ר ראַסט איז אַ קעגנער פון דער מאַסן־פאַרטיליקונג פון די יידן אין די גאַז־קאַמערן... ער האַלט, אַז דאָס איז פאַרשווענדערישקייט, ווייל קיינער נישט אַזוי ווי ער, קען דאָס גרויסע גליק פון אומברענגען אַ מענטש...

ד״ר ראָסט ווייסט ווי אַזוי צו דערגרייכן „דאָס קאַלטע גליק פון מאָרד״: ער זוכט זיך דערצו אויס די שענסטע און געזונטסטע אַרבעטער און לאָזט זיי דורכגיין אַלע סטאַדיעס פון פאַרצווייפלונג ביז האָפענונג און צוריק צו פאַרצווייפלונג. ער שפּילט זיך לאַנג מיט זיין קרבן, איידער ער דערמאָרדעט אים. און מאָרדן, מאָרדעט ער אים אויך לאַנגזאַם און מיט יעדער קאָנוולסיע פון דעם האַלבטויטן קערפּער, לויפט אים אַדורך אַ שכורער רויש איבער אַלע גלידער...״ (ז׳ 93, „פאַבריקן פון טויט״).

דער מאָרד איז פאַר ד״ר ראָסט „אַ הנאה, וואָס איז שטאַרקער פאַר יעדער סעקסועלער באַפרידיקונג און אויפצאַפּל״.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, וואַקסט אַרויס דער הנאה־מאָרד פון אַ קאָמפּלעקס אַרכאיש־פּרימיטיווע אינסטינקטן. מיר קאָנען זיי געפינען ביי דעם אור־מענטש און ביי די ווילדע שבטים, וואָס זענען היינט שוין כמעט פאַרשוווּנדן. אָבער אויך דער א׳ ג׳ קולטור־מענטש האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן באַפרייט פון אָט די אינסטינקטן. זיי דרעמלען ערגעץ טיף אין די פּסיכישע אָפּגרונטן. זיי קומען אָבער ווידער אַרויף אויף דער אויבערפלאַך, ווען מען מאַכט צונישט די מענטשלעכע עטיק, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ יאָרטויזנטיקער אַנטוויקלונג. די דייטשן האָבן ליקווידירט די מענטשלעכע עטיק, די אַזוי אַרום נישט געהערטע אַרכאַאישע אינסטינקטן האָבן זיך געקאָנט פריי מאַניפעסטירן אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די נאַציס, וואָס האָבן מיט אַזאַ פאַרביסנקייט באַקעמפט פרוידס טעאָריעס און געוואָלט זיי עוקר מן השורש זיין (צווישן אַנדערן צוליב דעם אָנווייזן אויף די אינצעסט — און מאָרד טענדענצן אין די אַרכאַאישע שיכטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק) האָבן אַליין געגעבן אַ באַשטעטיקונג די דאָזיקע טעאָריעס אין אַזאַ מאַסן־מאַשטאַב, אַז די דאָזיקע אידייען זענען היינט אַ סך נאָענטער געוואָרן דעם דענקען פון דורכשניטלעכן מענטש. דער דייטשער פאַרברעכערישער מאַסן־עקספּערימענט האָט באַוויזן, אַז עס איז מעגלעך צוריקצופירן אַ גאַנצן דור פון אַ ציוויליזירטן פאָלק צו דער פּסיכישער און מאָראַלישער מדרגה פון דער שטיין־צייט, אויב די עטישע אידייען זענען נישט גענוג טיף פאַרוואָרצלט, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען אַנטקעגנשטעלן.

אָבער נישט נאָר ביי די דייטשן און פּאָליאַקן זענען געוואָרן אויפ־

געגראָבן די אַרכאַאישע שיכטן פון דער פּסיכיק. אויך ביי זייערע קרבנות — ווייניקסטנס ביי אַ נישט־קליינעם טייל פון זיי — זענען געקומען צום וואָרט די סאַמע פּרימיטיווע אינסטינקטן און באַקומען די איבערהאַנט אין אינערלעכן לעבן פון ווערק „צע״. אין די צוויי בענד פון ווערק „צע״ באַקומען מיר טאַקע אַ טיפערן אַריינבליק אין דער מאָראַלישער אַטמאָספער און אין די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן די געפאַנגענע. צום בולטסטן קומט צום אויסדרוק די דאָזיקע „אומוווערטונג״ פון מאָראַלישע ווערטן דווקא ביי הענעך גלאָז, וועלכער האָט מיט אַלע כוחות זיך אַנט־קעגנגעשטעלט דעם אַלגעמיין־הערשנדיקן שטראָם פון זנות. אָבער אויך וועגן אים זאָגט דער מחבר אַז „זיין געפיל פון ערע איז — ווי ער — סקעלעטיק געוואָרן, אָבער נאָך נישט געשטאָרבן...״ (ז׳ 175, 1 באַנד, ווערק „צע״). אויך הענעך קאַפּיטולירט, כאָטש נאָך אַ געגנוג לאַנגן ווידערשטאַנד און געניסט דירעקט און אומדירעקט פון אַלע פאַרלייכטערונגען, וועלכע ווערן אים דערמעגלעכט אַדאַנק דער לייכטער אויפפירונג פון זיין געוועז־זענער פרוי פרעדזשע. די באַציאונג פון הענעך צו פרעדזשע איז אַן אַמביוואַלענטע: ליבע און עקל גלייכצייטיק. אַמביוואַלענט איז אויך געווען מעכלעס איינשטעלונג וועגן וועלכער מיר לייענען: „מעכעלע איז גע־שטאַנען פאַרגאַפּט און איינגעפּרעסט צווישן זיינע 2 געפילן ווי אין אייזנס. פון איין זייט האָט זיך אויף זיין נשמה צעלייגט אַזאַ ווייך־זיסער נעפּל, וואָס האָט זיך געצויגן צו איר שטים... אָבער דאָ איצט האָט זי ביסלעכ־ווייז אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יענץ געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי ריין געשימערט אין איר, אַנאַנדערע און דאָך די זעלבע; יענע און דאָך אַ צווייטע, אַ פרעמדע! ער זעט ווי זי גייט גאָר איבער אין אַ ניכטערנעם אויסרעכענען יעדן קערפּער־אויסבויג אירן...״ (ז׳ 120, 1 באַנד, ווערק „צע״). די אַמביוואַלענץ איז געווען אַ קעגנזייטיקע, כאָטש ביי יעדער פון אַנאַנדערן כאַראַקטער און מישונג (פרעדזשע צו הענעכן: רחמנות און גרייטקייט הענעכן צו העלפן נישט צוליב צוגעבונדנקייט, נאָר צוליב דעם באַדערפעניש זיך צו פילן פון אים פריי).

▽

גאָר אַ באַזונדערע ראָל האָט געשפּילט אין דער דאָזיקער „איבער־ווערטונג פון די ווערטן״ דאָס געפיל פון צייט. דער קאַצעטלער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געפיל פון פאַרמשפּטקייט האָט געפילט, אויב

ער איז נאָר נישט געוואָרן אינגאַנצן דערדריקט פון הונגער, אַז ער מוז אין די פּאָר חדשים, וואָס ער האָט נאָך אפשר פאַר זיך, נעמען פון לעבן אַלץ, וואָס איז מעגלעך. דעריבער פאַרנעמט די סעקסואַליטעט אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין דעם רעלאַטיוו־שטילן פּעריאָד פון ווערק „צע". סעקסועלע העמונגען, צניעות, מאָראַלישע סקרופּולן און ערע־געפיל זענען צווישן די ווערקצעניקעס אַ זעלטענע דערשיינונג, כאָטש אין דעם פריערדיקן נאָרמאַלן לעבן זענען עס געווען זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן. אַ סך מענטשן פון ווערק „צע" לעבן מיט דער קעגנוואָרט — אַ סימן מובהק פון פּרימיטיוון ווילן — „ווי עס וואָלט קיין נעכטן און קיין מאָרגן נישט געווען". דאָס אַלץ איז נוגע פאַר אַלעמען די פּאָליציי, די קאָמענדאַנטן און פאַרשידענע קאָמבינאַטאָרן און די פרויען, וואָס גיבן זיך זיי אָפּ פאַר אַ שטיקל ברויט מיט פלייש. „אין יענע מינוטן האָט ער (מעכעלע) באַגריפן דעם זין פון יענע קליינע באַשעפענישלעך, וואָס קאָנען אין געציילטע שעהען אַריבער־יאָגן די מי און די פריידן פון אַ גאַנץ לעבן". (ז' 20, באַנד 1, ווערק „צע").

דאָס געפיל פון צייט איז אָבער פאַרענדערט נישט נאָר ביי די כל־המינים קאָמענדאַנטן און אַריינכאַפּערס נאָר אויך ביי דער גרויסער מאַסע, וואָס לעבט אָפּ די פּאָר חדשים אין שווערער אַרבעט, קלעפּ און הונגער. דער מחבר רעדט פון „ווערק־צע־דורות", וואָס געדויערן אַמאָל נאָר געציילטע טעג און אין גוטן פאַל אַ פּאָר וואָכן אָדער אפילו אַ פּאָר חדשים.

יעדער פייניקער פייניקט אויף זיין אייגענעם, ספּעציפישן אופן (פּונקט ווי עס ליידט יעדער קרבן אויף זיין ספּעציפיש אייגענעם אופן). דער מחבר באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין דער פּסיכישער דינאַמיק פון די פּערסאָנאַזשן פון ווערק „צע". אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַ פייניקער איז דער יידישער פּאָליציאַנט קאַץ: „מען האָט אין אים קיינמאָל נישט דערקענט קיין מינוט פון טרויער צוליב זיין משפּחה, וואָס איז אומגעקומען. ער האָט אויך קיינמאָל נישט געלאַכט. דאָס איז געווען אַ מומיע, וואָס האָט געשלאָגן פאַרביסן, אָבער אָן באַזונדער אויפרעגונג אָדער כעס. עס איז געווען אַ סתם־שלאָגן, ווי איינער וואָס דאָס שלאָגן וואָלט געווען זיין נאַטירלעכע אַרבעט..." (ז' 6, באַנד 2, ווערק „צע"). צי איז דאָ נישט געגעבן אין אַ פּאָר שטריכן דאָס סאַמע עיקרדיקע פון אַ כאַראַקטער?

אונדזער כוונה איז נישט געווען זיך ספּעציעל אָפּצושטעלן אויף דער ליטעראַריש־עסטעטישער זייט פון שטריגלערס ביכער. עס וועט דאָס מאָל

גענוג זיין צו דערמאָנען וועגן זייער גאַר גרויסן ווערט אַלס ליטעראַרישער דאָקומענט, אָפּשטעלנדיק זיך מער אויף דער פּסיכאָלאָגישער אינוועניץ, וואָס דער מחבר ווייזט דאָ אַרויס אין אַלע פּרטים. די פּרטימדיקייט און טיפער אמת פון דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג זענען אַ רעזולטאַט פון שטריגלערס נישט געוויינטלעכן טאַלאַנט. אָבער אויך די ספּעציפישע באַדינגונגען אין די דייטשע קאַצעטן, במשך פון לאַנגע יאָרן געפאַנגענ־שאַפט, האָבן געהאַט זייער השפעה אויף דער פאַרטיפונג און דעטאַליזירונג פון דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג.

דער האַריזאָנט פון געפאַנגענעם איז תמיד אַ פאַרשמעלערטער און באַגרענעצטער. טאָג־טעגלעך זעט ער די זעלבע באַראַקן, די זעלבע געסלעך און דראָטן אַרום... אויך די דייטשן ,פּוילישע מייסטערס, וועכטער און יידישע פּאָליציאַנטן זענען די זעלבע און דער קאָנטאַקט מיט זיי, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, איז זייער אַן אָפּטער. יעדער פון זיי האָט זיך זיין געשיכטע און כאַראַקטעריסטיק, וואָס גייט אַרום צווישן די קאַצעטלער. אָבער אויך די קאַצעטלער, וואָס באַווייזן לענגער אויסצוהאַלטן, האָבן זייער געשיכטע און ביי דעם טעגלעכן, נאָענטן קאָנטאַקט האָט דער מחבר זיי געקאָנט דערקענען מיט אַלע זייערע שטריכן און פּרטים, ווי זיי האָבן זיך מאַני־פעסטירט אין ווערק „צע״. די פאַרשידנאַרטיקייט און אָפּוועקסלונג, מיט וועלכע עס נערן זיך אונדזערע חושים אויף דער פרייער וועלט, איז אין לאַגער נישטאָ. נישטאָ די אַלץ נייע סטימולן, וואָס קומען פון דער פאַר־שידנקייט פון זאַכן און לאַנדשאַפטן, מענטשן און חיות. די חושים זוכן אַ קאָמפּענסאַציע, זיי געפינען זי אין די זעלבע אָביעקטן, דערזעענדיק אין זיי אַלץ נייע און נייע פּרטים. אין רעזולטאַט בילדעט זיך אויס ביי דעם געפאַנגענעם אַן אָבסערוואַציע, וואָס גייט אין דער טיף און לאָזט נישט אַדורך די מינדעסטע דעטאַלן פון דער אַרומיקייט. די מאָנאָטאָניע מאַכט מיד, זי לערנט אָבער אויס צו זען פּרטים.

די פּרטימדיקייט און פאַרטיפונג פון שטריגלערס פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז איז, ווי געזאָגט, צום טייל אויך אַ פאַרדינסט פון דעם „אוניווערסיטעט״, וואָס ער האָט אַבסאָלווירט אין די דייטשע קאַצעטן. די ווערק זענען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר פּסיכאָלאָגישער פאַרשונג. דערווייל האָבן מיר זיך געוואָלט אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע זייער וויכטיקע און אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן.

1951.

די חורבן־ליטעראַטור און די גרונט־פּראָבלעמען פון יידישן קיום

(אָפּגעשפּיגלט אין לייב ראָכמאַנס בוך)

די באַשרייבונגען און די דיכטונג אויף דער טעמע פון יידישן אומקום וועלן נאָך אַ לאַנגע צייט פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין אונזער ליטעראַטור. אַ טייל מיינען אפילו, אַז דאָס, וואָס איז ביז איצט געשריבן געוואָרן, דאָס איז נאָר רוי־מאַטעריאַל, די ציגל פון וועלכע עס דאַרפן ערשט אויפגעבויט ווערן די גרויסע סינטעטישע ווערק. ווי עס זאָל נישט זיין, קען מען דערווייל פעסטשטעלן, אַז אַלץ וואָס שטאַמט פון דער חורבן־צייט, מוז אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אויפן באַרירן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער ווייטערדיקן זיין אַלס פאָלק.

פאַרשטייט זיך, וואָס באַדייטנדיקער עס איז דאָס ווערק, וואָס שטאַמט פון יענער עפּאָכע אָדער נעמט זי פאַר אַ טעמע, אַלץ וויכטיקער און וואָגיקער איז דער ענטפער, וועלכן עס גיט אויף די גרונט־פּראָבלעמען פון יידישן קיום.

אויב עס האַנדלט זיך אין אַ קונסטווערק, איז זיין ווירקונג דירעקט אָפּהענגיק פון די קינסטלערישע קוואַליטעטן, וועלכע עס פאַרמאָגט. די אידעאָלאָגיש השפּעה פון קונסטווערק איז אָפּהענגיק נישט אַזוי ווייט פון די כוונות פון מחבר און פון זיין וועלט אַנשויאונג ווי פון דעם כוח און דער בילדערישקייט פון די געשילדערטע סיטואַציעס, וואָס באַווירקן אונז.

די אמתדיקע געשעענישן, וואָס ווערן איבערגעגעבן אויף אַ קינסטלערישן אופן, ווירקן אַן אַן ערך שטאַרקער ווי פּשוטע זכרונות. פאַקטאָגראַפישע ווערק פון אונזער נאָענטן עבר זיינען טאַקע זייער וויכטיק, אָבער נישט וויניקער וויכטיק זיינען קינסטלערישע ווערק, וואָס באַהאַנדלען די זעלבע פאַקטן, זאָל זיין אפילו אין אַ סך שמאָלערער ראַם, זענען דאָך די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די שוידערלעכקייטן, וואָס אונזער פאָלק איז אַדורכגעגאַנגען, זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן.

▽

עס האָט שוין עמיצער געזאָגט, אַז מען קען נישט צוגיין מיט די געוויינטלעכע מאָסן צו אַ קונסטווערק, וואָס באַהאַנדלט די גרויל־צייט. דאָס איז אַזוי צוליב פאַרשיידענע טעמים. ערשטנס, צוליב דעם פּשוטן

קינסטלערישן אמת. איז דאָך די סיטואַציע פון די יידן אין יענער צייט אַן איינציקאַרטיקע און קען נישט פאַרגליכן ווערן מיט קיין שום אַנדערע סיטואַציעס, אין וועלכע עס האָבן זיך אַמאָל געפונען מענטשן און פעלקער. אויך די סיטואַציע פון די אַרומיקע, וואָס זיינען געווען אָדער מיטהעלפער אָדער פאַסיווע עדות פון דעם יידן־מאָרד, איז אַ באַזונדערע. אין צוזאַמענ־האַנג דערמיט זיינען אויך די פסיכישע איבערלעבונגען סיי פון די גע־רודפטע סיי פון די, וואָס רודפן, גאַנץ אַנדערע, ווי געוויינטלעך.

די באַזונדערע סיטואַציע פון די גערודפטע, באַהאַלטענע יידן שילדערט לייב ראָכמאַן[1] אויף אַזאַ אופן: „...דאָס אומשולדיקע קינד קאָן זיין אונזער מערדער. עס וועט אומשולדיק דערציילן פאַר דער מאַמעשי, זי — אַ קומע, און די קומע — אַ צווייטע קומע"...

און אפילו די קאַץ, וואָס רעדט שוין גאָרנישט, קען אויך ווערן דער פאַררעטער פון די באַהאַלטענע יידן, צו וועלכע זי רייסט זיך און וויל אַריין דורך דעם פאַרמאַסקירטן טירל, בשעת אין שטוב זיינען דאָ געסט... פאַרשטייט זיך, אַז די סיטואַציע איז אַזאַ צוליב דעם, וואָס אַרום און אַרום איז די באַפעלקערונג צו די יידן פיינטלעך געשטימט און וואָלט זייער גערן אַרויסגעגעבן צו די דייטשן די פּאָר לעצטע באַהאַלטענע יידן. אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג פאָדערט זיך עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכער מאָראַלישער כוח ביי די געציילטע יחידים־פּאָליאַקן, וואָס אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן אויסצובאַהאַלטן די לעצטע פּאָר נישט דערקוילעטע יידן.

ווער זיינען עס אָט די העלדישע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך דעם מוט און דעם כוח אויסצובאַהאַלטן אַ פּאָר יידן, בשעת אַרום האָט געבושעוועט דער ים פון יידן־שנאה?

לייב ראָכמאַן שילדערט אונז די בעלי־בתים, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן אים און נאָך פיר יידישע קינדער. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז פעלעק, די פעלקאָווע און די „טשאַטקע" אָטעמען אייגנטלעך מיט דעם זעלבן סם, וואָס אַלע דאָרפישע מענטשן אַרום זיי. זאָגט דאָך פעלעק אַליין צו זיי, אַז אויב מען וועט זיי אַנטדעקן, האָט ער מורא נישט אַזוי פאַר דעם טויט, וואָס עס קומט אים פאַר באַהאַלטן יידן, ווי פאַר דעם שאַנדפלעק, וואָס וועט בלייבן לדורות אויף זיין משפחה, אַז ער, פעלעק, איז געהרגעט

1) לייב ראָכמאַן: „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן", פּאַריז 1949.

געוואָרן פאַר אויסבאַהאַלטן יידן...

אָבער פעלעק איז דאָך אינגאַנצן אַנדערש, ווי די אַנדערע פּויערים אַרום אים. זיין טאַט איז אייגנטלעך דערמעגלעכט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס פעלעק מיט זיין ווייב און שוועסטער שטייען אויסער די ראַמען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. פעלעק איז פון תמיד אָן שוין געשטאַנען אין קעגנזאַץ צו דעם אַרום צוליב דעם, וואָס ער איז פון פּראָפעסיע אַ גנב, אַן אָנערקענטער מיטגליד פון דער אונטערוועלט און אַזוי אויך זיין ווייב און זיין שוועסטער, די „טשאַטקע", וואָס האָט זיך אין איר יוגנט און אויך שפּעטער פאַרנומען מיט פּראָסטיטוציע. מען קען נישט לייקענען, אַז אין די דאָזיקע מענטשן האָט געטליעט אַ געטלעכער פונק — אוודאי אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי ביי זייערע „אָרנטלעכע" שכנים, וואָס האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט גנבות, וואָס האָבן עס אָבער געהאַלטן פאַר נאָרמאַל אָנטייל צו נעמען אין די אָבלאַוועס אויף יידן און איבערגעבן אַ ייד צו די דייטשן פאַר אַ פאַר קילאָ צוקער.

דאָס גאַנצע בוך פון לייב ראָכמאַן איז אָנגעפּראָפּט מיט פאַרשיידענע אַרויסזאָגעכצער פון די פּוילישע פּויערים, וואָס כאַראַקטעריזירן זייער באַציונג צו די יידן און צום יידן־מאָרד. אַזוי דערציילט, למשל, „האַלעלויא" וועגן די 300 יידן, וואָס די דייטשן האָבן פאַרברענט לעבעדיקערהייט און ער גיט צו: „די דייטשן זיינען נישט שלעכטע און אפילו אָרנטלעכע מענטשן: זיי האָבן נישט געלאָזט נעמען איינעם צופיל און איינעם גאָרנישט. יעדער (פון די פּאָליאַקן) האָט עפּעס געקריגן"...

אָבער, ווי געזאָגט, אפילו זייער באַשיצער, פעלעק, קעמפט שטענדיק נישט נאָר „מיט די גוטע פרומע קריסטן און געטרייע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אים אויפגעוויזן וועגן דער מצוה פון אומברענגען יידן" נאָר אויך מיט זיך אַליין און מיט זיין געוויסן: „ווער ווייסט, צי פאַן יעזוס וועט אים נישט באַשטראָפן פאַר אויסבאַהאַלטן אומגלויביקע"...

לייב ראָכמאַן שילדערט דאָס פּוילישע דאָרף נישט סתם אַזוי, נאָר אַזוי ווי ער האָט עס געמוזט זען דורך דער שפּאַרע פון הינטער דער וואַנט אָדער דורך דעם שפּעלטל פון דעם בוידעם־באַהעלטעניש. מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ ברייטע פּערספּעקטיוו, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזען, גיט ער איבער ערלעך און מיט אַ סך טאַלאַנט. אַט די ערלעכקייט, און דער אויפריכטיקער גלויבן נעמען דעם לייענער געפאַנגען

און ער קען מער ניט אויסקלייגן דאָס ביכל, ביז ער האָט עס ניט געענדיקט.

די לעצטע פּאָר באַהאַלטענע יידן ראַנגלען זיך מיט זייער אייגענעם געוויסן: צוליב וואָס פּייניקן זיי זיך אַזוי? צי האָט עס נאָך אַ זין אַזוי זיך אַנצושטרענגען, כדי איבערצולעבן באַכדעם, ווי זיי האָבן פאַרלוירן אַלע זייערע נאָענטע און שטייען איצט איינזאַם און אַליין אין אַ פינטלעכער גויאישער וועלט? צי איז עס נישט אַ קללה „פון אומפאַרשעמט וועלן לעבן״ — אַ בלויזער חיהשער אינסטינקט? אָפּטמאָל דאַכט זיך זיי, אַז זיי זיינען פון די לעצטע עדות, וואָס וועלן באַדאַרפן אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען, דערציילן און צוליב אָט דער שליחות איז כדאי זיך צו ראַנגלען פאַר דעם לעבן. צי זיינען דאָס אָבער ניט בלויז תירוצים „צו באַרעכטיקן דעם אומפאַרשעמטן ווילן צום לעבן?״ סוף כל סוף זיגט אָבער דער גלויבן, דער גלויבן סיי אין דער אייגענער רעטונג, סיי דערין, אַז זיי, די לעצטע עדות, וועלן נאָך זיין נויטיק פאַר דעם יידישן פאָלק, וואָס וועט אויפשטיין תחית המתים אין זיין אייגן לאַנד.

לייב ראַכמאַן פאַרמאָגט דעם כוח קינסטלעריש צו שילדערן דעם אונטערגאַנג פון פאַרשיידענע זיך אויסבאַהאַלטנדיקע יידן און זייער דער־שיטערנדיקע טראַגעדיע. דאָס טראַגישע פון זייער אונטערגאַנג ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דורך דעם גלייכגילט און נישט־פאַרשטענדעניש — אין בעסטן פאַל — פון דער פוילישער סביבה. צי מוז זיך ניט איינקריצן אין זכרון דאָס בילד פון די צוויי ראַדאָמער ברידער, וואָס בלאָנקען אַרום האַלב נאַקעטע (די מלבושים האָבן די פויערים פון זיי שוין לאַנג אַראָפּ־געצויגן) מיט באָרוועסע אָפּגעפרוירענע פיס — אין אַ וועלט פון שנאה און שפּאָט?

אַלע מאָל הערן די פאַרבאַהאַלטענע פרישע נייעסן וועגן געכאַפּטע יידן און זייער טרויעריקן סוף און אַלע מאָל ווערט עס איבערגעגעבן פון די פויערים מיט שאַדנפרייד און אָפּטמאָל מיט באַדויערן, וואָס זיי האָבן נישט געקענט אַליין זיין דערביי און אויך אָפּלעקן אַ ביינדל... און כאָטש עס הענגט די זעלבע שווערט אויך איבער די קעפּ פון מחבר און זיינע פריינט, הערן זיי נישט אויף צו וויטיקן אויף דעם טויט פון די געכאַפּטע, וויסנדיק וואויל, אַז נאָך זיי וועט שוין מסתמא נישט זיין ווער עס זאָל טרויערן...

לייב ראַכמאַן איז שטאַרק מסופק צי ער וועט איבערלעבן און צי

זיינע שורות וועלן דערגיין צו אונז. אויף יעדן פּאַל שרייבט ער אין זיין צוואה: „געדענקט, אַז די גאַנצע ערד דאָ, די דאָזיקע טמא ערד, איז אָנגעזאַפּט מיט אונזער בלוט, מיט יידיש בלוט! טמאים פרייען זיך מיטן גוטן גערעטעניש. געדענקט דאָס און ווייכט פון דאָזיקן טמאן לאַנד. ווייכט פון דעם און פון זיינע טמא איינוואוינער, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן להשמיד, להרוג ולאבד"... (ז. 91).

צי וואָלט מען געקענט פאַרוואַרפן ראַכמאַנען, אַז ער זעט די גאַנצע וועלט דורך דער קליינער שפּאַרע פון זיין בוידעם־באַהעלטעניש און דערפאַר קומט ער צו אַזעלכע אויספירן? סוף כל סוף גיט ער דאָך איבער נאָר וועגן אונטערגאַנג פון דעם יידישן מינסק־מאַזאָוויעצק און אַ פּאָר קלענערע אַרומיקע יידישע קהילות. אפשר מאַכט ער דאָ עפּעס אַ נישט באַרעכטיקטע פאַראַלגעמיינערונג?

עס וואָלט כדאי געווען אין דעם צוזאַמענהאַנג צו קאָנפראָנטירן לייב ראַכמאַנס בוך מיט טביה באָזשיקאָווסקיס בוך „צווישן פאַלנדיקע ווענט"[2]. טביה באָזשיקאָווסקי, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איז דאָך זיכער נישט פאַראינטערעסירט מיט עפּעס וואָס צו פאַרמינדערן די הילף, וואָס פּאָליאַקן האָבן געגעבן יידן. אָבער וואָס לייענען מיר אַרויס פון זיין בוך? „מיר האָבן באַקומען אַ גאָר אַנדערן ווערט ביי זיך, הערנדיק, אַז פּוילישע קעמפער זיינען גרייט געווען אַוועקצוגעבן זייער לעבן און זיינען געפאַלן אין שוץ פון יידישן געטאָ... די מאָמענטאַנע דערהויבונג איז אָבער פאַרשוואונדן אין דעם ווייטערדיקן פאַראייניזאַמטן געראַנגל, אָן דער ווייטערדיקער ממשותדיקער הילף מצד דער אויסערלעכער וועלט..." (ז. 90).

נאָך דייטלעכער זאָגט זיך באָזשיקאָווסקי אַרויס וועגן דעם איינדרוק, וועלכן עס האָט אויף אים געמאַכט די „אַרישע זייט", באַלד נאָך דעם ווי דער געטאָ־אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן. „דערשיטערנדיק ביז גאָר איז געווען פאַר מיר צו זען, אַז בלויז עטלעכע טריט ווייט פון אָרט, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע מענטשלעכע טראַגעדיע, דערקענט מען אַבסאָלוט נישט, איז נישטאָ קיין שום סימן, אַז דאָ אין דער שכנותדיקער גאַס (אָפּט אויך אין דעם ווייטערדיקן טייל פון דער

2) טביה באָזשיקאָווסקי: „צווישן פאַלנדיקע ווענט". וואַרשע 1949 (ז. 352).

זעלבער גאַס) האָט עפּעס פּאַסירט מיט די יידן״. (ז. 162).

אַ סך באַרירונגס־פּונקטן אין אַנאַלאָגישע איבערלעבונגען קען מען געפינען צווישן ראַכמאַנס בוך און ספּעציעל דעם צווייטן טייל פון באַזשיקאָווסקיס בוך „טאָג־בוך פון דער אַרישער זייט״. באַזשיקאָווסקי איז נישט קיין בעלעטריסט. אָבער פונדעסטוועגן איז זיין בוך נישט ווייניקער ווערטפול אַלס געשיכטלעכער מאַטעריאַל. ספּעציעל דער טייל, וואָס דער־ציילט וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אין צווייטן טייל, וואו ער דערציילט וועגן זיין באַהאַלטן זיך אויף דער „אַרישער זייט״ אין וואַרשע, גיט ער אַ כאַראַקטעריסטיק סיי פון די אידעלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער יידישער און פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג, סיי פון דעם דורכשניטלעכן פּאָליאַק, וואָס איז בדרך כלל געווען פיינטלעך געשטימט אפילו צו די איינצלנע יידן, וועלכע עס איז דערוויל געלונגען אויסצומיידן דעם טויט.

אויך באַזשיקאָווסקי האָט זיין פעלעק; דאָס איז פעלעק קיישטשאַק, וואָס „זיין ווילן צו העלפן יידן איז אין אַ גרויסער מאָס געווען באַווירקט פון זיין אידעאישער איינשטעלונג״. פעלעק קיישטשאַק איז בייגעשטאַנען אַלע נסיונות און אויך ביי דער געסטאַפּאָ זיך אויפגעפירט ווי אַן אמתער רעוואָלוציאָנער און איבערגעגעבענער פריינט. מען טאָר נישט פאַרשווייגן אַזעלכע קיישטשאַקס! מיר ווייסן, אַז זיי זיינען געווען, און מען באַדאַרף וועגן זיי אויך איבערגעבן דעם געדעכעניש פון אונזער פאָלק. מיר טאָרן אָבער דערביי נישט פאַרגעסן, אַז די קיישטשאַקס דאָס זיינען געווען איינציקע ליכטיקע אויסנאַמען אין אַ ים פון יידן־שנאה. זיי זיינען אייגנטלעך געשטאַנען אויסער די ראַמען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. און טאַקע נאָר דאָס האָט זיי דערמעגלעכט צו גיין קעגן דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַפּראָבירט און גוטגעהייסן די אויסראָטונג פון די יידן.

אַזוי אַרום קומען מיר צו די זעלבע רעזולטאַטן אויפן סמך סיי פון ראַכמאַנס בוך סיי פון באַזשיקאָווסקיס בוך, וועלכע זיינען זייער פאַרשיידן לויט זייער כאַראַקטער און לויט דעם צוגאַנג. כאָטש די טעמע איז די זעלבע: דער יידישער אומקום.

מיר הערן אַלע מאָל פון פאַרשיידענע זייטן פאָרוואורפן אויפן אַדרעס פון יידישן שרייבער, וועלכער האָט זיך — צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות

— אָפּגעריסן פון אָט דער פּוילישער ערד און דאָס זאָל פאַר אים כלומרשט זיין אַ שטערונג צו באַנעמען און צו געשטאַלטיקן דאָס, וואָס איז געשען. ד״ר א. בערמאַן פאָרמולירט עס בזה הלשון: „אַנשטאָט לעבעדיקע מענטשן, זעען מיר פאַפּירענע געשטאַלטן, אַנשטאָט פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען אָן פּרעצעדענטן, ווערן באַשריבן שאַבלאָנע געדאַנקען און געפילן. עס קומט נישט צום מינדסטן אויסדרוק דער שרעקלעכער טויט פון מיליאָנען״... (אָפּענער בריוו צו ש. אַש, ה. לייוויק און י. אָפּאַטאָשו). ד״ר בערמאַן האָט מסתמא נאָך ניט געלייענט ל. ראָכמאַנס בוך, ווען ער האָט געשריבן דעם דאָזיקן בריוו, אָדער ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק, ווייל לאָמיר זיין ערלעך: צי וואָלט ל. ראָכמאַן געקענט אַרויסגעבן זיין בוך אין היינטיקן פּוילן? צי וואָלט ער נישט געמוזט אומעטום אין זיין בוך פאַרשטעלן אַלע זיינע דאָרף־טיפּן אין גאָר אַן אַנדערן ליכט, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק, וואָס מיר באַקומען וועגן דער אויפפירונג פון דער פּוילישער באַפעל־קערונג לגבי די יידן? צי וואָלט ער נישט געמוזט — זייענדיק אין פּוילן — „אַנשטאָט לעבעדיקע מענטשן געבן דווקא פאַפּירענע געשטאַלטן״?

ד״ר בערמאַן קלאָגט זיך: „איז דען ביזן היינטיקן טאָג, שוין פיר יאָר נאָך דער מלחמה, דערשינען איין ראָמאַן, איין דראַמאַטיש ווערק, וואָס זאָל אויפטרייסלען״? אין פּוילן איז אַזאַ בוך טאַקע נאָך נישט דערשינען! אָבער אין פּאַריז האָט ל. ראָכמאַן אַרויסגעגעבן זיין בוך, וואָס מוז אויפטרייסלען יעדן איינעם, וועלכער גייט נישט צו דערצו מיט פאַרויס אָפּגעפּאַסטע פּאַרטייאישע פּניות.

מיר האָבן עס שוין געזאָגט: דער יידישער אומקום, וואָס באַקומט אַ תּיקון אין אַ קינסטלעריש ווערק, ברענגט אונדז נענטער די דאָזיקע צייט און לאָזט אונדז ניט פאַרגעסן דאָס, וואָס איז געווען. מיר ווייסן, אַז מיר טאָרן דאָס נישט פאַרגעסן, מיר מוזן קעמפן מיט דעם פאַרגעסן, וואָס איז אַ מענטשלעכע שוואַכקייט... דאָס זיינען מיר שולדיק נישט נאָר אונדזערע קדושים, נאָר אויך זיך אַליין און די קומענדיקע יידישע דורות, ווארום נישט פאַרגעסן הייסט לערנען פון דער געשיכטע.

.1949

אַ פּאָר טעאָריעס וועגן יידישן כאַראַקטער

קאָנפראָנטירט מיט די פאַקטן פון פאָלקס־אומקום 1939-45

נאָך דעם בלוט־מבול, וואָס האָט דערטרונקען אַ דריטל פון יידישן פאָלק שטעלט דאָס פאָלק די גורלדיקע פראַגע: וואָס וועט זיין ווייטער? — קיין שום ריכטונג אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן קאָן נישט און טאָר נישט אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדנונג איבער דעם חורבן פון 1939-45. עס קאָן אויך נישט אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדנונג נישט די ליטעראַטור און נישט די וויסנשאַפט. דער מאָטיוו פון חורבן און אומקום דאָמינירט און וועט נאָך אַ לאַנגע צייט דאָמינירן אין דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע היסטאָריאָגראַפיע האָלט אין איין זאַמלען דאָקומענטן פון יענער גרויל־צייט. די דיסטאַנץ איז נאָך אַ צו קליינע, אַז מיר זאָלן שוין קענען היינט צו טאָג דערוואַרטן פאַרענדיקטע, סינטעטישע ווערק אויף דעם אָדער אויף יענעם געביט. דאָס פעלן פון דיסטאַנץ איז אפשר אויך איינע פון די סיבות, וואָס ביז היינט איז נאָך נישטאָ קיין וויכטיקערע פסיכאָלאָגישע אַרבעט, וואָס זאָל באַלויכטן און אַנאַליזירן די גרויל־געשעענישן און זייער פסיכאָלאָגישן אַספּעקט.

אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג וועט זיין אינטערעסאַנט ווידער צו דערמאָנען איניקע טעאָריעס וועגן יידישן כאַראַקטער און — קאָנפראָנטירן זיי מיט דער ווירקלעכקייט פון די אומקום־יאָרן. לאָמיר נעמען איינע פון די פאַרשפּרייטסטע מיינונגען — צווישן יידן און נישט־יידן — וועגן יידישער נערוועזישקייט. דער דאָזיקער פראַגע האָט פראָפ. פישל שניאורסאָן געווידמעט זיין בוך „יידן און פעלקער־פסיכאָלאָגיע“, וואָס איז דערשינען אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה. שניאורסאָן האַלט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „יידישע נערוועזישקייט“. נישט סטאַטיסטיש און נישט אויף אַן אַנדערן אופן קען מען דערווייזן, אַז יידן זיינען מער נערוועזיש ווי נישט־יידן. די לעגענדע וועגן יידישער נערוועזישקייט איז אַנטשטאַנען נאָר אַ דאַנק דער „היסטאָרישער געהיימלעכקייט“ פון די יידן. יידן, וואָס זיינען תמיד און אומעטום געווען אַ מיעוט־פאָלק, זיינען געבליבן פרעמד פאַר די אַרומיקע פעלקער און אין זייערע אויגן זעט אויס די יידישע אייגנאַרטיקייט (דער יידישער אופן פון רעדן מיט הענט, שאָקלען זיך ביים דאַווענען, יידישע תנועות און לעבעדיקער אופן פון רעאַגירן) ווי

נערוועאישקייט. דאָס איז אָן ספק, אַ ריכטיקער געדאַנק, מיט וועלכן מען מוז מסכים זיין. אָבער לאָמיר ווייטער נאָכגיין שניאורסאָנס געדאַנקען־גאַנג: די יידישע טבע צו גיין ביי די ערשטע סימנים פון קראַנקייט צו דאָקטוירים (און דווקא נאָר צו די באַרימטסטע און טייערסטע) איז אַן אויסדרוק פון דעם „אינטים אַנטוויקלטן, עקספּלאָסיוון, שפּעפֿרישן לעבנס־געפֿיל" און פון דער מורא פאַר דעם טויט, וואָס איז ווידער אַנטשטאַנען אַלס „היסטאָרישע פּסיכישע אימוניטעט" ווי אַ רעזולטאַט פון די אייביקע רדיפות, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין. אָט די טעאָריע מוז אָבער נישט זיין קיין רעזולטאַט פון דער פריערדיקער.

אין די לעצטע אומקום־יאָרן, בשעת אַלע רדיפות האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אויף דעם קליינעם שטח פון די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן מיר געקענט אָבסערווירן דעם פאָלגנדיקן פענאָמען: וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן דער דרוק, וואָס מער אומדערטרעגלעך די פּיין — אַלץ זעלטענער זיינען געוואָרן זעלבסטמאָרדן און פּסיכאָזן.

ווי אַזוי זאָלן מיר אויסטייטשן דעם דאָזיקן פענאָמען? צי קענען מיר אים באַטראַכטן אַלס רעזולטאַט פון דעם שניאורסאָנישן „אינטים אַנטוויקלטן עקספּלאָסיוו־שפּעפֿרישן לעבנסגעפֿיל" און פון דער „היסטאָריש פּסיכישער אימוניטעט" ביי יידן? אָדער איז דאָס עפּעס אַנדערש? מיט דעם דאָזיקן פענאָמען האָט זיך די לעצטע צייט באַשעפטיקט פּראָפ. עיזשען מינקאָווסקי, וועלכער האָט פּסיכאָלאָגיש אויסגעפאָרשט אַ גאַנצע גרופּע פון יידישע געוועזענע קאַצעטניקעס[1]. מינקאָווסקי האָט אָנגערופן דעם דאָזיקן פענאָמען „פּסיכישע אַנעסטעזיע" (פּיל־לאָזיקייט). די אייגנשאַפט פון פּסיכישער פּיל־לאָזיקייט, וועלכע האָט געשטאַרקט די פּסיכישע ווידער־שטאַנדפעאיקייט פון די קאַצעטניקעס האַלט מינקאָווסקי נישט פאַר אַ ספּעציפיש יידישע אייגנשאַפט.

ווי ענלעך עס זאָל נישט אויסזען שניאורסאָנס „פּסיכישע אימוניטעט" צו מינקאָווסקיס „פּסיכישער אַנעסטעזיע", זיינען אָבער דאָך דאָ עיקרדיקע חילוקים. שניאורסאָנס „פּסיכישע אימוניטעט" איז אַ ספּעציפיש־יידישע געשיכטלעכע כאַראַקטער־אייגנשאַפט, וואָס מאַכט דעם ייד אימון ד. ה. ווידערשטאַנדפעאיק קעגן פאַרשיידענע פּסיכישע טראַוומעס. שניאורסאָן איז

1) Eugene Minkowski: The Psychology of the deportees Ose — Review 1947 Nr. 2-3.

דערגאַנגען צו זיין „פסיכישער אימוניטעט" אויף אַ ספּעקולאַטיוון אופן און נישט אויפן יסוד פון עקספּערימענט און אָבסערוואַציע, ווי מינקאָווסקי. אמת איז, מינקאָווסקי איז אויך אַזוי פיל אין אַ גינסטיקער לאַגע, אויף וויפל ער האָט אויפגעשטעלט זיינע באַטראַכטונגען שוין נאָך דעם שוידער־לעכן מאַסן־עקספּערימענט, וועלכן עס האָבן מיט אונז געמאַכט די דייטשן.

שניאורסאָן האָט דעם באַגריף „פסיכישע אימוניטעט" איבערגעטראָגן לעבעדיק פון דער סאָמאַטישער מעדיצין. דער דאָזיקער באַגריף קניפּט נישט אָן צו די ספּעציפישע געזעצן פון דער פסיכישער דינאַמיק. און דאָס איז זיין שוואַכע זייט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מורא פאַרן טויט שטייט די יידישע טבע פון „אָפּשרייען", אויף וועלכער שניאורסאָן שטעלט זיך אַזוי ברייט אָפּ (אַלס באַווייז פון נישט־נערוועאישקייט ביי יידן). אָבער דאָ איז זיך שניאורסאָן אַליין סותר. ווייל „אָפּשרייען" איז דאָך אַ פּרימיטיוו־נערווע־אישער סימפּטאָם; מעג דאָס „אָפּשרייען" אויך האָבן פאַר אַ ציל די דער־האַלטונג פון לעבן, הערט עס דאָך פונדעסטוועגן נישט אויף צו זיין אַ פּרימיטיוו־אַרכאַישער רעפלעקס. און די אַנדערע זייט פון דעם פענאָמען „אָפּשרייען"? דאָס איז די פאַרגליווערונג, סטופּאָר. ווייסן מיר דאָך, אַז „אָפּשרייען" קען זייער לייכט אַריבערגיין אין קעגנזאַץ — אין פאַר־גליווערונג, אין סיטואַציעס, וואו מען קען גאָרנישט דערגרייכן דורך „אָפּשרייען", קומט די פאַרגליווערונג. דאָס איז אויך אַ פּרימיטיוו־אַרכאַישער רעפלעקס („פון מאַכן זיך טויט"), וואָס האָט פאַר אַ ציל די דערהאַלטונג פון דעם מין. ווי מיר ווייסן, האָבן זיך נישט ווייניק יידן געראַטעוועט בשעת פאַרשיידענע דייטשע „אַקציעס" טאַקע אַ דאַנק דעם דאָזיקן רעפלעקס פון „מאַכן זיך טויט". אַז מיר האָבן עס צו טאָן מיט אַ פּרימיטיוון רעפלעקס (וועלכער קומט אויך פאָר אין דער חיות־וועלט) און נישט מיט אַ פּרעמעדיטירטער ציל־האַנדלונג, ווערט קלאָר פאַר יעדן פּסיכאָלאָגיש באַהאַוונטן לייענער, וואָס באַקענט זיך מיט די באַשרייבונגען פון די דייטשע מאַסן־אויסראָטונגס־אַקציעס.

עס איז שווער צו זאָגן, אַז אַזעלכע פּרימיטיוו־אַרכאַישע רעאַקציעס, ווי „אָפּשרייען" און סטופּאָר זיינען באַר יידישע אייגנשאַפטן. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אונזער ביטערער גורל האָט שוין צו אָפט געמאַכט נויטיק דאָס באַווייזן זיך פון די דאָזיקע פּרימיטיווע רעאַקציעס אין אַ

מאַסן־מאַסשטאַב. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס עס זיינען פאַרבליבן גאַנץ טיפע שפורן פון פרימיטיוו־אַרכאַישע רעאַקציעס אין דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער.

פון אַ גאַנץ אַנדערער זייט גייט צו צום פּראָבלעם פון יידישן כאַראַק־טער פּראָפ. טעאָדאָר לעססינג אין זיין בוך „דער יידישער זעלבסטהאַס" (דייטש 1933). פּראָפ. לעססינג (דערמאָרדעט דורך די נאַציס באַלד נאָך זייער קומען צו דער מאַכט) שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פענאָמען, וואָס איז געווען אַ גאַנץ אָפטע זאַך צווישן דייטשע יידן: די שנאה צו דעם אייגענעם פאָלק. די דאָזיקע שנאה דערקלערט לעססינג אַלס פּועל־יוצא פון דער טיף־פאַרוואָרצלטער יידישער אייגנשאַפט צו זוכן די סיבה פון יעדן אומגליק אין די אייגענע זינד. דערביי טראָגט דאָס שולד־געפיל אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער — „כל ישראל ערבים זה בזה". אויף אַ ריי געשטאַלטן, וואָס שטאַמען פון דייטשן יידנטום, ווערט דאָ געוויזן, ווי אַזוי שנאה צום אייגענעם פאָלק און שטאַם, פירט צו זעלבסט־פאַרניכטונג. פּראָפ. לעססינג שטעלט זיך אָפּ אויף די טרויעריק־באַרימטע יידישע אַנטיסעמיטן אָטאָ וויינינגער, אַרטור טרעביטש, מאַקסימיליאַן האַרדען און אויף זייער טרויעריקן סוף. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דער דאָזיקער זעלבסט־האַס איז גאָר אַ פּועל־יוצא פון אַ ווירדעלאָזער אַסימילאַציע. אָבער לעססינג האַלט, אַז די סיבות זיינען אַ סך טיפערע: אין דעם דאָזיקן זעלבסט־האַס אַנטפּלעקט זיך אַ שטיק פון דעם יידישן כאַראַקטער, וועלכער איז, דאַכט זיך, די דאָזיקע אָפּטריניקע שוין געווען אַזוי פרעמד און ווייט... עס זעט אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס: שטריכן פון יידישן כאַראַקטער (דאָס זוכן די סיבה פון די נגישות אין די אייגענע זינד) אין דער שאַפונג פון יידישע אַנטיסעמיטן! פאַר דעם פּסיכאָלאָג איז עס אָבער נישט קיין איבעראַשונג, ווען ער געפינט אין דער שאַפונג פון אומפּרייע מענטשן (יעדער יידישער אַנטיסעמיט איז אין אַ דאָפּלטן זינען אומפּריי) דווקא דאָס, וואָס זיי ווילן פאַר יעדן פּרייז אין זיך אונטערדריקן, פאַרשטויסן...

מאַטיוון פון זעלבסטפאַראַכטונג און אפילו פון שנאה צו זיך אַליין געהערן אַריין צו דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. געפינען מיר דאָך די דאָזיקע מאָטיוון אין זייער אַ סך יידישע וויצן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאָטיוון פון זעלבסט־באַשולדיקונג פון יידישן וויץ שטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם יידישן ציקלאָטימען טעמפּעראַמענט. דער ציקלאָ־

טימער, דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט אַ נייגונג פון איין זייט צו געהויבענע, אָפּטימיסטישע שטימונגען, געפּאָרט מיט אַן אומגעווײנלעכער לעבנס־ענערגיע און אויסדויער, נישט געקוקט אויף אַלע מיסדערפאָלגן (טיפּ מנחם־מענדל). פון דער אַנדער זייט גייט דער זעלבער טיפּ לייכט אַריבער אין אַ דעפּרעסיווער שטימונג מיט מעלאַנכאָלישע אידעען. אין דער דעפּרעסיווער פּאַזע נעמט דער ציקלאָטימיקער די גאַנצע שולד אויף זיך — פּאַר אַלץ און פּאַר אַלעמען (טיפּ: טוביה דער מילכיקער). דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל און די זעלבסט־פאַראַכטונג, אויסגעדריקט דורכן יידישן וויץ, פּאַסן מיר אויף אַלס נשמה־צושטאַנד פון דעם ציקלאָטימיקער אין זיין דעפּרעסיווער פּאַזע. דאָס געשטייגערטע זעלבסט־געפיל אין אַ צווייטער קאַטעגאָריע יידישע וויצן אַנטשפּרעכט דעם היפּאָמאַנישן אָדער מאַניאַקאַלישן צושטאַנד פון ציקלאָטימיקער. אין אַט דעם צושטאַנד האָבן מיר צו טאָן מיט אַן איבערקאָמפּענסירטן, געשטייגערטן זעלבסטגעפיל, וואָס פירט דירעקט צו דער אידעע פון יידישער בחירה, צו דעם אתה בחרתנו־קאָמפּלעקס.

דער מאָטיוו פון זעלבסט־האַס אין יידישן וויץ איז טאַקע אין אַ היפּשער מאָס אַ רעזולטאַט פון דעם ציקלאָטימען יידישן טעמפּעראַמענט אין זיין דעפּרעסיווער פּאַזע. אָבער, כדי מיר זאָלן נישט איינזייטיק פאַרשטיין די דאָזיקע דערשיינונג (ד. ה. אַלס כאַראַקטערשטריך) מוזן מיר נאָך צורעכענען אַהער אַ גאַנצע ריי קולטור־היסטאָרישע מאָמענטן. ווען מענטשן האָסן דאָס פאָלק, פון וועלכן זיי שטאַמען אָפּ און די דאָזיקע שנאה ווערט כמעט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג ביי אַ גאַנץ ברייטן שיכט פון פאָלק, מוזן מיר דאָס באַטראַכטן ווי אַ סיגנאַל פון אַ צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דאָזיקן פאָלקסטייל: די גאַלעריע טיפּן, וועלכע עס פירט פאַר אונז אַרויס לעססינג, שטאַמען אַלע פון דעם שיכט דייטשע יידן, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק און האָבן געהאַט נאָר איין זאָרג: וואָס בעסער און גרינטלעכער באַווייזן, אַז זיי האָבן נישט קיין שום שייכות צו יידן.

אָבער אויף דעם דאָזיקן וועג פון נעגאַציע האָבן טייל פון זיי אַנט־פלעקט יידישע אייגנשאַפטן. אפילו ווען מיר קוקן אויף דעם דאָזיקן זעלבסטהאָס, ווי אויף אַ סימפּטאָם פון צעפאַלונג, קענען מיר אָבער נישט לייקענען, אַז דער זעלבער מאָטיוו קומט ווידער צום אויסדרוק אין

יידישן וויץ — אין אַ פאַרפיינערנער, לייכטער און חנעוודיקער פאָלקס־טימלעכער פאָרם. און אפשר איז דער יידישער וויץ שוין אַ העכערע מדרגה — אַן אויסדרוק פון איבערווינדונג, פון גובר זיין די דאָזיקע זעלבסט־צעשטערערישע טענדענצן אין פאָלקס כאַראַקטער. ליגט דאָך אין דער זעלבסטבאַשולדיקונג פון יידישן וויץ אַן אָנקלאַגע, געווענדעט קעגן די אַרומיקע פעלקער, וועלכע האָבן גורם געווען דעם צושטאַנד פון שיפלות פון ייד. אונטער דער מאַסקע פון בעמען די שולד אויף זיך (אידענטיפיצי־רונג) ווערט דאָ אייגנטלעך אונטערגעשטראָכן די גראָבקייט פון דעם אונטערדריקער. פאַסן דאָך די מייסטע באַשולדיקונגען, וועלכע דער יידישער וויץ נעמט אויפן חשבון פון ייד, גיכער צו די אַרומיקע פעלקער, וועלכע האָבן גורם געווען אַזאַ צושטאַנד פון שולד.

אין צושטאַנד פון מעלאַנכאָליע נעמט דער מאַניש־דעפּרעסיווער אַלץ בייזע פון דער וועלט אויף אייגענעם חשבון. אָבער ביי אַ טיפערן אַנאַליז פון דאָזיקן נשמה־צושטאַנד וועלן מיר געפינען אַ היפּש ביסל פּאָזע און טעאַטראַלישקייט. נעגירט דאָך דער מעלאַנכאָליקער נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך די גאַנצע וועלט אַרום! און דאָך טוט און באַוועגט ער זיך אַזוי, ווי די וועלט וואָלט דווקא יאָ געווען. דער בעסטער באַווייז פון דער דערמאָנטער טעאַטראַלישקייט איז דאָס, וואָס דער מעלאַנכאָליקער האָט אויך בשעת דער טיפסטער דעפּרעסיע פריילעכע חלומות. מען האָט דעם איינדרוק, ווי ווען דער ציקלאָטימיקער (אין זיין מעלאַנכאָלישער פּאָזע) וואָלט געמוזט אַרויסווייזן זיין טרויער, ווי ווען ער וואָלט געמוזט אָפּשפּילן די מעלאַנכאָלישע ראָלע.

אָט די טעאַטראַלישקייט העלפט דעם ציקלאָטימיקער אַריבערטראָגן די ליידן אויך דעמאָלט, ווען זיי זיינען פּאַקטיש פאַראַנען. די טעאַטראַלישע זעלבסט־דערנידערונג שאַפט אַזאַ באָדן, אויף וועלכן די פּאַקטישע דער־נידערונג קען מער נישט אַרויסרופן קיין אומפאַרויסגעזעענע פּסיכישע רעאַקציעס. אַזוי אַרום איז מער נישטאָ דער עלעמענט פון טראַגעדיע אויך דעמאָלט, ווען די טראַגעדיע הויבט זיך פּאַקטיש אָן. די טעאַטראַלישע זעלבסט־דערנידעריקונג עלימינירט אויף אַ פּראָפילאַקטישן אופן דעם עלע־מענט פון טראַגישן קאָנפליקט, נאָך איידער דער קאָנפליקט האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס איז אָבער גאַנץ עפּעס אַנדערש ווי „היסטאָרישע פּסיכישע אימוניטעט", ווי עס נעמט אָן שניאורסאָן אַלס אַנאַלאָגאָן צו דער סאָמאַ־

טישער אימוניטעט. האָט דאָך די פּסיכישע דינאַמיק אירע אייגענע דיאַלעק־טישע געזעצן און אימוניטעט איז אין פּסיכישן לעבן אַן אומבאַקאַנטע זאַך! אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָבן מיר וויניק אָבסערווירט זעלבסט־מאָרדן און פּסיכאָזן ביי יידן אין די אומקום־יאָרן, מוזן מיר ענטפערן: איינע פון די סיבות, דאָס איז דער ציקלאָפּימער יידישער כאַראַקטער, וועלכן עס איז פרעמד דער אָנגעצויגענער טראַגישער קורצשלוס אויף דעמאָלט, ווען די סיטואַציע איז ביז גאָר טראַגיש, ווען טויט און אומקום לויערן אויף שריט און טריט.

אָבער דערמיט איז נאָך די פראַגע נישט אויסגעשעפּט, וויילע עס האָבן דאָ נאָך מיטגעווירקט אַנדערע מאָמענטן. אין דער פאָרשונגס־אַרבעט, וועלכע עס האָט געמאַכט פּראָפ. ע. מינקאָווסקי איבער דער גרופּע יידישע לאַגעריסטן פון בוכענוואַלד, שטרייכט דער אויטאָר אונטער, אַז כמעט אַלע דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען אָן אויפרעגונג און געריירטקייט, ווי ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גאַנץ געוויינטלעכער זאַך, אַ זאַך, וואָס האָט נישט געקענט זיין אַנדערש. מינקאָווסקי האַלט, אַז דאָס איז אויך אַ סימפּטאָם פון פּסיכישער פּיללאָזיקייט (אַנעסטעזיע). מינקאָווסקי שטיצט זיין טעזע אויף דעם פאַקט, וואָס עס לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ יסודותדיקער אונטערשייד אין דער נשמה־צושטאַנד פון לאַגעריסטן פון יאָר 1940 און די אַרעסטאַנטן פון די יאָרן 1941־43. אין יאָר 1940 האָבן די פּסיכישע ליידן געהאַט אַ שאַרפן, ברענענדיקן כאַראַקטער. אין יענעם יאָר זאָלן אַ סך אָפטער האָבן פאָרגעקומען פאַלן פון זעלבסטמאָרד, בשעת אין 1941־43 זיינען זעלבסטמאָרדן געוואָרן זעלטענער סיי אין געטאָ סיי אין לאַגער, כאָטש די ליידן זיינען געוואָרן אַ סך האַרבער און דער אומקום כמעט אומפאַרמיידלעך.

לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז פאַקטיש געווען אַזאַ גרויסער חילוק אין דער סטאַטיסטיק פון זעלבסטמאָרד אין די יאָרן 1940 און 1941־43. (אַנדערע אויטאָרן שטרייכן אונטער נאָר די זעלטנקייט פון זעלבסטמאָרד און פּסיכאָזן אומאָפּהענגיק פון יאָר) ווי אַזוי דאַרפן מיר פאַרשטיין אָט דעם פענאָמען? מינקאָווסקי האַלט, אַז אַ־אַ פאַרמינערונג פון פּסיכישער רעאַקציע דווקא אין דער צייט פון שטייגערונג פון די אָביעקטיווע ליידן, איז אַן אויסדרוק פון זעלבסטערהאַלטונג־אימפּעט. ווייל ווען די פּסיכישע רעאַקציעס וואָלטן געווען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אָנזאַמלונג פון ליידן,

וואָלט זיך דער מענטש געמוזט איינברעכן אונטער זייער לאַסט. און דעריבער זיינען די אַלע שוידערלעכקייטן, וואָס דער מענטש האָט געזעען און אַליין מיטגעמאַכט, אַזוי ווי נישט דערגאַנגען צו זיין באַוואוסטזיין. אויסער דעם פאַראורזאַכט די לאַנגע דויער פון פסיכישע ליידן אַ פאַר־מינערונג פון דער פסיכישער שפּאַנונג, אָבער אויך גלייכצייטיק אַ טיפע דעסטרוקציע פון דער פערזענלעכקייט.

ווילן מיר אָבער דערקלערן דאָס פעלן פון פסיכישער אַדעקוואַטער רעאַקציע אויף גרויסע ליידן מיט דעם זעלבסטדערהאַלטונג־אימפּעט, באַדאַרפן מיר נישט אַריינפירן קיין נייעם באַגריף — „פסיכישע אַנעסטע־זיע". מיר קענען עס דערקלערן מיט דעם אַלט־באַקאַנטן פענאָמען פון פסיכישן סטופּאָר (פאַרגליווערונג). איז דאָך דער סטופּאָר אַ פּרימיטיווע, אַרכאַישע רעאַקציע, וואָס איז אין תוך אַ שוץ־מעכאַניזם. מיר טרעפן אַ סך מאָל אין די זכרונות פון לאַגעריסטן דעם אויסדרוק „מיר זיינען געווען ווי פאַרשטיינערט, ווי פאַרגליווערט". דער צושטאַנד פון סטופּאָר ברענגט עס מיט זיך, וואָס עס ווערט געשאַפן אַזאַ מין באַריער, וואָס דערלאָזט נישט צום באַוואוסטזיין דאָס אַלץ, וואָס עס קאָן צו שטאַרק טראַוומאַטיזירן און דעריבער זיינען פאַקטיש די ליידן אין אַזאַ צושטאַנד קלענער. אָבער דער דאָזיקער אומקער צו דער ארכאַיק (ווערן דאָך דערביי באַזייטיקט אַ סך העכערע פסיכישע צענטרען) שלעפּט מיט טיילמאָל דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּרימיטיווע ארכאַישע אינסטינקטן, וואָס קומען אויף פון די טיפע שיכטן פון דער פסיכיק און שטויסן אַרויס די העכערע נטיות, וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פון קולטור און דערציאונג. אויף אַזאַ אופן קען אין אַ קורצער צייט אָפּגעמעקט ווערן דער גאַנצער פסיכישער באַגאַזש פון מענטש, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן אין לויף פון לאַנגע יאָרטויזנטער.

עס וועט אונז דעריבער אויך נישט וואונדערן, וואָס פּראָפ. ע. מינקאָווסקי האָט געפונען ביי אַ סך געוועזענע לאַגעריסטן אַן איבער־וועגן פון פּרימיטיווע, אימפּולסיווע אינסטינקטן און רעאַקציעס. און עס וועט אויך נישט וואונדערן, וואָס ביי אַ סך פון זיי זיינען צייטווייליק פאַרבליבן אַסאָציאַלע אָדער אפילו אַנטיסאָציאַלע נטיות (ווי עס האָט באַוויזן די שפּעטערדיקע פּראַקטיק). דאָס איז אַ מאָמענט, אויף וועלכן מינקאָווסקי שטעלט זיך נישט אָפּ. אונז אינטערעסירט אָבער דווקא דער עטישער מצב פון דער שארית הפליטה!

פראָפ. מינקאָווסקי שטעלט זיך אָפּ אויף איינצלנע פאַלן פון פּסיכישע קאָמפּליקאַציעס, (פסיכאָזן און זעלבסטמאָרדן), וועלכע האָבן זיך באַוויזן ביי די לאַגעריסטן אַ שטיקל צייט נאָך דער באַפרייאונג. די דאָזיקע פאַלן קען מען דערקלערן אויף אַזאַ אופן: עס קומט דער מאָמענט, ווען עס פאַלט אַוועק דער סטופּאָר — נאָך דער באַפרייאונג. אַ טייל פון די פּסיכישע טראַומעס, וועלכע האָבן נישט געווירקט אין די באַדינגונגען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, הויבן אָן צו ווירקן אויף דער פריי. אַט דער מאָמענט (אַוועקפאַלן פון פּסיכישן באַריער, פון סטופּאָר) איז שוין געוואָרן פאַר איינצלנע די אוממיטלבאַרע סיבה פון אַ פּסיכישער קריזע מיט אַ טראַגישן פינאַל. עס זיינען געווען פאַלן פון זעלבסטמאָרד ביי לאַגעריסטן, וואָס האָבן זיך גענומען דאָס לעבן אַ צייט נאָך דער באַפרייאונג. אַזאַ זעלבסטמאָרד קאָן זיין אַ רעזולטאַט פון אַ דעפּרעסיע, וועלכע באַוויזט זיך נאָך דער באַפרייאונג, ווען עס ווירקט מער נישט די פּסיכישע באַריער און עס קומט דעם געוועזענעם לאַגעריסט קלאָר צום באַוואוסטזיין, וואָס ער האָט פאַרלוירן און ווי אַזוי ער איז געבליבן. צומיינסטן ענדיקט זיך אַזאַ פּסיכישע קריזע מיט אַ פאַראיבערגייענדיקער דעפּרעסיע (איינצלנע אַזעלכע פאַלן פון דעפּרעסיע ביי געוועזענע לאַגעריסטן איז אויך דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען צו באַמערקן אין דער פּסיכיאַטרישער אַנשטאַלט „קאָכאַנוואָוקע" לאָדזש 1946־48). אָבער פּראָפּאָרציאָנעל גענומען האָבן מיר געהאַט גענוג זעלטן אַזעלכע פאַלן פון פאַרשפּעטיקטן פּסיכאָז און נאָך זעלטענער זעלבסטמאָרד. ווען מיר וואָלטן אָנגענומען מינקאָווסקיס טעזע וועגן „פּסיכישער אַנעסטעזיע" אַלס סיבה (אָדער הויפּט סיבה) פון דער זעלטנקייט פון פּסיכאָזן און זעלבסטמאָרד ביי יידן בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע, וואָלטן מיר דאָך באַדאַרפט האָבן אַ גאַנצע כוואַליע פון פּסיכאָזן און זעלבסטמאָרדן צווישן יידן נאָך דער באַפרייאונג. און אַזעלכעס איז צום גליק נישט געווען. אין דער אמתן זיינען זעלבסטמאָרדן און פּסיכאָזן געווען אַ זעלטענע דערשיינונג אויך נאָך דער באַפרייאונג, ווען עס האָט אויפגעהערט צו ווירקן די „פּסיכישע אַנעסטעזיע". דער פענאָמען, אַז סיי אין די געטאָס און לאַגערן, סיי נאָך דער באַפרייאונג איז זעלבסטמאָרד און פּסיכאָז געווען אַ רעלאַטיוו זעלטענע דערשיינונג, פאַרלאַנגט אַנדערע, מער באַגרינדעטע דערקלערונגען.

איך גלויב, אַז מיר וועלן נישט מאַכן קיין טעות, ווען מיר וועלן

פעסטשטעלן, אַז דער פאַקטאָר וואָס האָט אַקעגנגעווירקט דעם זעלבסטמאָרד און דעם פּסיכאָז האָט אַ מער דויערנדיקע ווירקונג און איז פון ענדאָגענער נאַטור. דער דאָזיקער פאַקטאָר ליגט אין דעם יידישן ציקלאָטימען כאַראַק־טער. און דאָס איז אויך איינע פון די סיבות, פאַרוואָס דער סטופּאָר צושטאַנד איז נישט קיין טיפער און ווערט פאַרשוואונדן אין דעם מאָמענט, ווען ער איז מער נישט נויטיק. וויסן מיר דאָך, אַז דער ציקלאָ־טימיקער טראָגט לייכט אַריבער דעם סטופּאָר, וועלכער רופט אויך נישט אַרויס ביי אים (ביי דעם ציקלאָטימיקער) קיין שום ערנסטערע, דויערנדע פאַרענדערונג פון דער פּערזענלעכקייט. און דאָס איז אויך אַ סיבה, פאַרוואָס עס איז נישט געקומען צו אַ כוואַליע פון פּסיכאָזן און זעלבסטמאָרדן ביי דער שארית־הפליטה נאָך דעם אויפהערן פון סטופּאָר־צושטאַנד, אָדער „פּסיכישער אַנעסטעזיע״, ווי מינקאָווסקי וויל אָנרופן דעם דאָזיקן ספּעצי־פישן נשמה־צושטאַנד פון אַ גרויסער מענטשן־מאַסע.

מיר וואָלטן דאָס פּראָבלעם באַלויכטן איינזייטיק, ווען מיר וואָלטן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף נאָך איין מאָמענט. עס האַנדלט זיך דאָ אין די אָבסערוואַציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בשעת דער לעצטער מלחמה אויף גייסטיק קראַנקע יידן. ווי אַזוי האָט געווירקט אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע יידן די קאָנקרעטע לעבנסגעפאַר? עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז דערגאַנגען צום באַוואוסט־זיין אפילו פון גייסטיק קראַנקע יידן, אין וואָס פאַר אַ געפאַר זיי געפינען זיך סיי, דערפאַר וואָס זיי זיינען גייסטיק־קראַנקע, סיי דערפאַר וואָס זיי זיינען יידן. אויף דעם צווייטן אַלפּוילישן פּסיכיאַטרישן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1947 אין לאָדזש, האָבן זיך אַ גאַנצע ריי אויטאָרן געטיילט מיט די אָבסערוואַציעס, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף גייסטיק־קראַנקע, הויפּטזעכלעך אין טוואָרקי — (נעבן וואַרשע) און קראָקע. וואָס זשע זעען מיר דאָ? כראָניש־גייסטיק קראַנקע הויבן אָן אַרויסצווייזן סימנים פון בעסערונג. זיי רעדן מער נישט וועגן זייערע קראַנקהאַפטע אידעען, נאָר אַרבעטן פלייסיק... אָבער צום בולטסטן קאָן מען באַמערקן אַזאַ בעסערונג ביי פּסיכיש קראַנקע יידן. עס קומט אויס, ווי ווען די בעסערונג וואָלט געווען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער געפאַר, וואָס דראָט דעם אָדער יענעם קראַנקן! און פונקט ווי די געזונטע יידן, גלויבן אויך די גייסטיק־קראַנקע, אַז ראַטעווען קען זיי פלייסיקע אַרבעט און וואָס ווייניקער

אַרויסווייזן סימנים פון גייסטיקער קראַנקייט. ווי מען פאַרזיכערט אונז, האָבן מיר עס דאָ צו טאָן נישט מיט דיסימולאַציע, וואָס קומט אַמאָל פאָר ביי כראָנישע פּסיכאָזן, נאָר מיט אַ פאַקטישער בעסערונג און אַמאָל אפילו היילונג. אַזאַ אַרבעטסטעראַפּיע, וועלכע קומט פון אינערלעכע מאָטיוון און איז נישט קיין אָנגעוואָרפענע פון דרויסן, איז דאָך אַ זייער ערנסטער סימן פון היילונג.

מורא פאַר דעם טויט אַלס היילפאַקטאָר פון גייסטיק־קראַנקע איז אָבער גאָרנישט אַזאַ גרויסע נייעס אין דער פּסיכיאַטריע. איז דאָך שיון מיט יאָרהונדערטער צוריק באַנוצט געוואָרן די שרעק אַלס היילמעטאָד פון גייסטיק־קראַנקע. און צי זיינען מיר מיט אונזערע מאָדערנע הייל־מעטאָדן שוין אַזוי ווייט אַוועק פון יענע פּאַרצייטיקע ברוטאַלע מיטלען? מיר ווייסן נישט גענוי, פון וואָס עס איז אָפּהענגיק די היילווירקונג פון דעם עלעקטרישן שאָק, צי פון אינסולין־שאָק. מיר ווייסן אָבער, אַז דער קראַנקער לעבט איבער ביי דער דאָזיקער היילונג זייער אַן אינטענסיוו געפיל פון טויט־שרעק. אַט די טויט־שרעק איז מסתמא אויך איינע פון די פאַקטאָרן פון היילונג.

ווען מיר וואָלטן גענומען אַנאַלאָגיעס פון דער סאָמאַטישער מעדיצין, וואָלטן מיר באַלד דאָ געקענט פעסטשטעלן: אויב טויט־שרעק ווירקט ווי אַ הייל־פאַקטאָר ביי פּסיכישע קראַנקייטן, ווירקט זי דאָך מסתמא אויך פּראָפילאַקטיש ד. ה. זי לאָזט לכתחילה נישט אויפקומען קיין גייסטיקע קראַנקייטן. און אַזוי אַרום, וואָלטן מיר געקענט זייער לייכט פאַרענטפערן דאָס גאַנצע פּראָבלעם: וואָס שטאַרקער און רעאַלער די טויט־שרעק, אַלץ שטאַרקער ווירקט זי פּראָפילאַקטיש (פאַרהיטנדיק) קעגן דעם אויפקומען פון פּסיכאָזן און זעלבסטמאָרד...

ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט נישט תמיד אַזוי. די זעלבע טויט־שרעק, וואָס קען ווירקן אויף דעם קראַנקן אַלס היילפאַקטאָר, ווירקט אויף דעם געזונטן נעגאַטיוו און קען ביי באַשטימטע אומשטענדן זיין די סיבה פון אַ פּסיכאָז. עס איז אין דעם פאַל אַלץ אָפּהענגיק פון די געירשנטע דיספּאָזיציעס פון מענטש, פון זיין טעמפּעראַ־מענט און כאַראַקטער.

עס קען אויסזען ווי אַ ווידערשפּרוך: דער פּסיכישער צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג אין די געטאָס

און קאַצעטן, איז צו פאַרגלייכן מיט אַ צושטאַנד פון סטופּאָר; עס זיינען אָבער דערביי נישט געווען קיין פסיכאָזן. מיר מוזן געדענקען, אַז סטופּאָר איז דער ספּעציפישער פסיכישער צושטאַנד פון גרויסע מענטשן־מאַסן, וואָס שטייען אונטער דער שטענדיקער ווירקונג פון טויט־שרעק, וועלכע ווערט אָבער פאַרטויבט אַ דאַנק דעם קליינלעכן טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ. די ספּעציפישקייט פון דאָזיקן צושטאַנד ווערט אונטערגעשטראָכן דורך דעם, וואָס ער נעמט אַרום גרויסע מאַסן, דורך וואָס עס ווערן ניוועלירט אינדיווידועלע אונטערשיידן און באַיגנציקט דאָס באַווייזן זיך פון פרימיטיוו־אַרכאַישע רעאַקציעס. (זע די געזעצן פון דער מאַסן־פסיכאָלאָגיע!) אפילו, ווען מיר נעמען אָן, אַז דער דאָזיקער צושטאַנד פאַרשווינדט נאָכדעם, ווען עס הערט אויף צו ווירקן די פּערמאַנענטע טויט־שרעק, בלייבן אָבער דאָך צוריק געוויסע טיפע נאָכווייען. מיר האָבן דאָ אין זינען די אַסאָציאַלע פאַרענדערונגען פון כאַראַקטער, וואָס דערגייען אין טייל פאַלן ביז צו אַ דעסטרוקציע פון דער פריערדיקער פּערזענלעכקייט און צו אַן אַלגעמיינער עטישער דעגראַדאַציע. אַט די מאָראַלישע שאָדנס, וואָס די דייטשע אָקופּאַציע האָט אָנגעמאַכט אויך אויף דעם יידישן אָפּשניט, באַדאַרפן נישט פאַרשוויגן ווערן.

דאָס איז אָבער שוין אַ טעמע פאַר זיך און מוז באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

◆

געשיכטלעכער און פסיכאָלאָגישער אַנאַליז

(אַ וואָרט אין דעם וויכוח אַרום י. עפּרויקינס „קדושה און גבורה ביי יידן)

כמעט אַלע אַרטיקלען און רעצענזיעס, וואָס האָבן זיך ביז איצט באַוויזן וועגן י. עפּרויקינס בוך, מיידן אויס דעם סאַמע תוך פון די פּראָבלעמען, וואָס ווערן אין אים באַרירט. טייל פון זיי ווילן קוועסטיאָנירן דאָס רעכט פון מחבר צו געבן אַן אַנאַליז פון די וויכטיקסטע געשעענישן פון אונזער לעצטן חורבן, מחמת ער איז אַליין „אין טרעבלינקע נישט געווען". זיי האַלטן, למשל, אַז ווער עס האָט אַליין נישט איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע, וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין „די איינמאַליקייט פון דער דייטשער פּסיכאָלאָגישער מאַשין" (י. וואָלף) און גיבן צו איראָניש, אַז „די יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט יענע יאָרן, זיינען עפּעס וויניקער זיכער און פאַרשטייען אָפּט אַ סך וויניקער פון דעם גרויל, ווי אַ סך פון די, וואָס האָבן שפּאַצירט ווי פרייע מענטשן". טייל ווידער קומען גאָר צו דעם אויספיר, אַז דאָס איז „אַ בוך, וואָס האָט נישט באַדאַרפט דער־שיינען", אַז עס קומט דאָ צום אויסדרוק אַ „נאַציאָנאַליסטישער און רעאַקציאָנערער צוגאַנג"... (כ. ניימאַן, אַלעקסאַנדער א. א. וו.).

אויף דעם אַרגומענט, אַז „מען טאָר נישט משפּטן, אויב מען האָט זיך נישט געפונען אין דער זעלבער לאַגע", האָט דער מחבר שוין אַליין געגעבן זיין ענטפער, וואָס איז נישט מער ווי זאַכלעך און ריכטיק. פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט קען מען נאָך צוגעבן, אַז דער דאָזיקער „סוגעסטיווער" אַרגומענט רעדט גאָר דווקא קעגן די, וואָס זיינען „אין טרעבלינקע יאָ געווען". דאָס, וואָס זיי דערציילן אונז, איז טאַקע זייער וויכטיק, דאָס איז דער מאַטעריאַל, אויף וועלכן מיר בויען. צי זיינען אָבער די אַלע, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט זייערע קאַטאַסטראָפאַלע איבער־לעבונגען, אויך פעיק דערצו, צו געבן אַן אָביעקטיוון און אַלגעמיין־גילטיקן אַנאַליז פון אָט די איבערלעבונגען? צי מוזן נישט, פּונקט ווי זייערע איבערלעבונגען, אויך זיי גופא ווערן אַן אָביעקט פון פּסיכאָלאָגישער פאַרשונג?

איך וויל דערמיט בשום אופן נישט באַצווייפלען זייער קאָמפּעטענץ אויך צו געבן זייער אַנאַליז דאָרט, וו זיי קענען עס באמת טון. ווען מען

גיט אָבער אָנשטאָט אַן אַנאַליז אַזעלכע אַפּאָדיקטישע זאַצן, אַז אויך „גאַנדי וואָלט (אין לאַגער) אויסגעזען ווי אַן אידיאָט", איז עס נישט שטאַרק איבערצייגנדיק. סוף כל סוף איז עס זייער שווער זיך צו דערהויבן איבער די אייגענע איבערלעבונגען און איבער זיך אַליין. און אָן אַזאַ דיסטאַנץ צו זיך אַליין און צו די אייגענע איבערלעבונגען איז נישט מעגליך צו קומען צו אַלגעמיינע און אָביעקטיווע מסקנות.

י. וואָלף האַלט, למשל, אַז צוליב דער דייטשער טאָטאַלער צוגע־גרייטקייט איז בדרך כלל נישט מעגלעך געווען קיין שום ווידערשטאַנד: נישט קיין גייסטיקער און נישט קיין פיזישער. די דייטשע „פּסיכאָלאָגישע מאַשין" איז געווען אַזאַ פּערפעקטע, אַז זי האָט ביז דערלאָזט קיין שום דעמאָנסטראַציע פון פּסיכישן ווידערשטאַנד, פון פיזישן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. מיט די זעלבע אַרגומענטן האָט זיך מ. באָרוויטש נאָך פריער באַנוצט. אילוסטרירנדיק אויך מיט ביישפּילן פון לאַגער, וואָס באַדאַרפן באַווייזן, ווי ווייט די קאַצעטלער זיינען אויך פּסיכיש באַהערשט געוואָרן דורך די דייטשן.

פאַרפאָלגנדיק ווייטער אָט דעם געדאַנקנגאַנג קומט אויס, אַז אַלע אַקטן פון ווידערשטאַנד אויף וויפל זיי זיינען באמת געווען, זיינען נישט מער ווי אַ צופאַל, וועלכן מען קאָן מיט גאָרנישט דערקלערן. לויט י. וואָלפן זיינען עס געווען נאָר איינצלנע „שטאַרקע יחידי־סגולה", וואָס „האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דייטשן קלעם". און אָט די איינצלנע „זיינען דאָס בילד פון אונזער פאָלקסמאָראַל"...

די סתירה אין דעם געדאַנקנגאַנג פון י. וואָלף ליגט פון אויבנאויף: אויב ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן — סיי גייסטיקער סיי פיזישער — איז בדרך כלל געווען אַן אוממעגלעכע זאַך, טאָ וויאַזויזשע רעפּרעזענטירן די איינצלנע, אויסערגעוויינטלעכע פאַלן פון ווידערשטאַנד דאָס גאַנצע פאָלק? י. וואָלף וויל אונז איינריידן, אַז „קיין שום רעוואָלוציע און קיין שום אויפשטאַנד איז נישט געוואָרן אויסגעפירט דורכן גאַנצן פאָלק". איז דערפון געדרונגען, אַז מען קען ריידן פון אַ פאָלקסאויפשטאַנד, אויב עס מאַכן אים נאָר עטלעכע הונדערט יחידים, וואָס זיינען אָפּגעריסן אָדער אפילו אין קעגנזאַץ צו דער גאַנצער פאָלקסמאַסע: פונקט ווי די הנחה איז דאָ פאַלש, אַזוי זיינען אויך פאַלש אַלע אויספירן, וואָס י. וואָלף מאַכט פון איר. ווייל עס זיינען נישטאָ אין דער געשיכטע קיין פאָלקס־

אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס (אויסער פּאַלאַץ־רעוואָלוציעס), וואָס זאָלן נישט ווערן געשטיצט פון אַ גאַנץ אַנזעעוודיקער פאָלקסמאַסע. וואָס נוגע דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, קענען מיר לייענען ביי טוביה באַזשיקאָווסקין און ביי אַנדערע דירעקטע אַנטיילנעמער פון אויפשטאַנד, אַז ער האָט געהאַט די פולע, אַקטיווע אונטערשטיצונג פון דעם רוב פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

י. עפּרויקינס אָפּאַנענטן ווייזן אויף, אַז מען באַדאַרף האָבן נישט נאָר אַ געשיכטלעכן, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער גרויל־צייט. געוויינטלעך בלייבט מען אָבער ביי דער דאָזיקער דעקלאַראַציע. מ. באַרוויטש פּאָלעמיזירט זייער שטאַרק („קיום״ נ. 13) מיט עפּרויקינס פעסטשטעלונג, אַז וואַרשעווער יידן האָבן שוין אין יאָר 1941 געקענט וויסן וועגן די ענדצילן פון די דייטשן בנוגע זיי. (גרוסן פון פּאָנאַר א. א.). מ. באַרוויטש וויל אונז באַווייזן, אַז וואַרשעווער יידן האָבן נאָך אפילו אין יאָר 1943 נישט גענוי געוווּסט, וואָס די דייטשן זיינען אויסן מיט די „אויסזידלונגען״ והראיה די „דיסקוסיעס״, וואָס די וואַרשעווער ייד. קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט פירן מיט דער דייטשער מאַכט, כדי אויפצוקלערן די יידן, אַז מען פירט זיי קיין טרעבלינקע נישט אויף „אַרבעט״ נאָר צום פאַרטיליקן.

צי האָט מען נאָך באמת אין יענער צייט געמוזט ספקן וועגן אַ ווידער־שפּרוך, וועלכן מיר וועלן אָן אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז נישט פאַרשטיין? עס זיינען טאַקע שוין אָנגעקומען ידיעות אין יאָר 1941 וועגן די דייטשע אויסראָטונגסאַקציעס אין אַנדערע געטאָס. אַזעלכע ידיעות און לעבעדיקע עדות פון אַנדערע שטעט זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע זייער אָפט. און אויך די גאַנצע טאַקטיק אין וואַרשע גופא ביז צו דער גרויסער אויסראָטונגס־אַקציע אין יאָר 1942 האָט נישט געקענט אַרויסרופן קיין שום ספק וועגן די דייטשע ענדצילן.

וויאַזוי זשע קומט עס, אַז אין יאָר 1943 האָט די ייד. קאַמף־אָרגאַני־זאַציע נאָך געמוזט פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן די צילן פון די דייטשן בנוגע די אַרויסגעשיקטע יידן? ביי אַ טייל כראָניקער פון יענע יאָרן געפינען מיר אָנווייזן אויף אַ פּסיכישן פענאָמען, וואָס מוז אַרויסרופן פאַרוווּנדערונג: דער רוב יידן האָט נישט געוואָלט גלויבן אין אַט די אַלע ידיעות, כאָטש אַלץ, די איגענע טרויעריקע געטאָ־ווירקלעכקייט,

וואָ'ט געמוזט — לאָגיש געגומען — שטויסן דערצו דווקא יאָ צו גלויבן אָט יענע שרעקלעכע ידיעות וועגן דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג, וואָס די דייטשן גרייטן צו. און דאָך האָבן די יידן נישט געגלויבט. עס איז, ווי זיי וואָלטן געוואָלט, אַז מען זאָל זיי אָפּנאַרן. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אַן יעדן גוטן, באַרויקנדיקן וואָרט און זאָל עס קומען אפילו פון דעם בלוטיקן שונא! צו אָט דעם פענאָמען און וויאַזוי דאָס איז צו דערקלערן וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער — אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג — אומקערן.

מיט אַ סךביישפּילן פון דער געשיכטע באַווייזט אונז י. עפּרויקין, אַז וואָס נאָענטער יידן זיינען צו זייער שטאַם און וואָס ענגער זיי זיינען פאַרבונדן מיט די יידישע טראַדיציעס, אַלץ שטאַרקער איז דער גייסטיקער — און אַמאָל אויך פיזישער — ווידערשטאַנד, וואָס זיי שטעלן די שונאים. אַ סך אָפּאָנענטן זיינען שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דעם מחבר פאַר זיינע געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס, מיינענדיק, אַז גזרות ת״ש־תש״ח (שוין דעם טערמין גזירה האַלטן זיי פאַר נישט אַדעקוואַט) איז אַן איינמאַליקע, איינציקאַרטיקע דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין שום אַנאַלאָגיעס אין דער געשיכטע.

איך גלויב, אַז אין אָט דער פראַגע זיינען י. עפּרויקינס געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס דווקא זייער ריטכיקע. צי איז נישט גענוג צו פאַרגלייכן די אויפפירונג פון די גאַנץ אַסימילירטע דייטשע און טשעכישע יידן מיט דער אויפפירונג פון אונזערע מזרח־יידן (ווי שלעכט זי זאָל אויך אין אַלגעמיין נישט זיין אין יענער צייט), כדי אָנצונעמען די אַלגעמיינע גילטי־קייט פון עפּרויקינס זאַץ: וואָס ווייטער אַוועק פון שטאַם, אַלץ שפּלדיקער די אויפפירונג און אַלץ נישטיקער דער ווידערשטאַנד קעגן דייטש.

י. עפּרויקין גייט אָבער נאָך ווייטער. ער ווייזט אַן דערויף, אַז עס איז דאָ אַ גאַנץ באַשטימטער צוזאַמענהאַנג צווישן יידישן גורל און ייד גופא. די „אָביעקטיווע״ באַדינגונגען דערקלערן נאָך נישט אַלץ און קענען נישט אַלץ פאַרענטפערן. דער מחבר נעמט אַריבער פון דער אַלטער יידישער אידייען־וועלט דאָס מיטשולדיקייטסבאַוווסטזיין אַלס איינעם פון די עטיש־קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן. עס באַקומט דאָ אַ נייעם תיקון אַן אַלט־יידישער געדאַנק: עס איז נישטאָ קיין פּאַטוס, אַלץ האָט אַ פאַרוואָס.

צי איז אָבער דער צוזאַמענהאַנג צווישן יידישן גורל און ייד גופא נאָר דער, וועלכן עס ווייזט אונז דער מחבר?

י. עפרויקינס אָפּאָנענטן, פאַרוואָרפנדיק אים זיינע אַנאַלאָגיעס פון דער יידישער געשיכטע, ברענגען זייערע... אַנאַלאָגיעס, פאַרגלייכנדיק די יידן צו די אַרומיקע פעלקער, (באַרוויטש, אַלעקסאַנדער), וועלכע האָבן בשעת אַקציעס צווישן דער ציוויל־באַפעלקערונג אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין גרעסערן ווידערשטאַנד ווי די יידן. זיי פאַרגעסן, אַז אין דעם פאַל איז יעדער פאַרגלייך באמת זינלאָז. אויב פאָליאַקן האָבן זיך געקענט מאַכן אילוזיעס וועגן דער דייטשער „גוטסקייט און גערעכטיקייט״ (זע ראָכמאַנס: „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן״), אויב אוקראַיִנער האָבן געקענט פאַרהערלעכן היטלערן ווי זייער „באַפרייער״, האָבן יידן נישט געטאָרט און נישט געקענט זיך מאַכן די מינדסטע אילוזיע בנוגע די דייטשן.

די יידן האָבן אויך נישט געטאָרט זיך מאַכן אילוזיעס בנוגע די אַרומיקע פעלקער און זייער רעאַקציע אויף די דייטשע יידן־מערדערייען.

דאָ קערן מיר זיך אום צו דער פריערדיקער, נישט־פאַרענטפערטער פראַגע: פון וואַנען האָבן זיך פאָרט גענומען די אילוזיעס — כאָטש זייער שוואַכע — אויך צווישן די יידן סיי בנוגע די דייטשן, סיי בנוגע די אַרומיקע פעלקער?

וואָלט י. עפרויקין געהאַט נישט נאָר אַ געשיכטלעכן, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן, וואָס קומען אויף אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנאַליז פון דער יידישער הנהגה בשעת דער גרוילצייט, וואָלט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם אויסטערלישן, פריער שוין דערמאָנטן פענאָמען, אַז אייגנטלעך האָבן די יידן אין יענער צייט געוואָלט זיין אָפּגענאַרט... דער דאָזיקער פענאָמען האָט זיין סיבה אין אַ גאַנצער ריי יידישע כאַראַקטעראייגנשאַפטן, וואָס זיינען אַליין און פאַר זיך גענומען, זייער פּאָזיטיוו, וואָס האָבן אָבער אין די באַדינגונגען פון דער דייטשער אָקופּאַציע געגעבן פאַטאַלע רעזולטאַטן. כמעט אַלע כראָניקער פון דער געטאָ צייט ווייזן אָן דערויף (רחל אויערבאַך, מ. דוואָרזשעצקי), אַז די יידן האָבן זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון די דייטשן — קעגן יעדער לאָגיק און קעגן יעדער דערפאַרונג, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט. האָבן די דייטשן אנולירט איין מין „לעבנסשיינען״ און דעפּאָר־טירט זייערע באַזיצערס און אַרויסגעגעבן אַנדערע „לעבנסשיינען״, האָבן זיך די איבערגעבליבענע יידן באַמיט צו באַקומען די אַנדערע מיט דעם

זעלבן איפּער, ווי דאָס ערשטע מאָל א. א. ר. וויאַזוי קענען מיר דאָס דערקלערן? אין דער אָפּהאַנדלונג „יידישער כאַראַקטער און יידישער גורל" („יידישע שריפטן", זאַמלבוך, לאָדזש 1948) מאַך איך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער דערשיינונג פאָלגנדיקע אויספירונג „דער ציקלאָטימער כאַראַקטער פון די יידן האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער יידישער האַרציקייט, אוממיטלבאַרקייט, אין דער פעיקייט זיך אַריינצולעבן אין יענעמס לאַגע, אין דעם באַרימטן יידישן רחמנות־געפיל. דער יידישער מענטש קען נישט קיין בלוט פאַרגיסן. ער איז נישט גרויזאַם. די זעלטנקייט פון בלוט־פאַרברעכנס צווישן יידן איז נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון יידישער דערציונג און טראַדיציע, נאָר איז אויך באַדינגט דורך ענדאָגענע, ציקלאָטימע ירושה־פאַקטאָרן. נישט זייענדיק אַליין פעאיק צו מאָרדן, זיינען מיר נישט חושד אַנדערע פעלקער, אַז זיי זאָלן אונז קענען מאָרדן פאַר גאָר נישט אין דער וועלט... די בלוטיקע בעסטיע האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אירע מאָרדפּלענער און מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, ווייל נישט קוקנדיק אויף אַלע שרעקלעכע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט בשעת די שחיטה איז געווען אין פולן גאַנג, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צוצושרייבן אַט דער בעסטיע מענטשלעכע אייגנשאַפטן".

דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, אויף וועלכן נישט עפּרויקין און נישט זיינע אָפּאָנענטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פּאַסט זיך אַריין אין עפּרויקינס קאָנצעפּציע וועגן דער יידישער מיטשולדיקייט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל די יידן זיינען לויט זייער כאַראַקטער נישט געווען פעאיק זיך פאָרצושטעלן, אַז אפילו דער בלוטיקסטער שונא זאָל זיין קאַפּאַבל אויסצומאָרדן אַ גאַנץ פאָלק. אָבער אין אַט דעם איז שולדיק נישט ספּעציעל דער „שוואַכער דור", וועלכער האָט געהאַט דאָס אומגליק זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט דעם ערגסטן שונא, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ווען ס'איז געהאַט. האָט זיך דאָך דער יידישער כאַראַקטער נישט געקענט וועזנטלעך ענדערן אין די באַדינגונגען פון גלות אין משך פון 2־3 דורות (און עלטער איז דאָך נישט די יידישע וועלטלעכקייט, וועלכע עפּרויקין מאַכט פאַר אַלעמען פאַראַנטוואָרטלעך). י. עפּרויקין ווייזט אונז אָבער אָן אויף אַנדערע, זייער וויכטיקע מאָמענטן, וואָס האָבן פאַקטיש אוממעגלעך געמאַכט אַ גרעסערן יידישן ווידערשטאַנד: דאָס איז די יידישע איזאָלירט־

קייט, וועלכע איז באַגרינדעט געווען נישט נאָר אין דעם שלעכטן ווילן פון די אַרומיקע פעלקער, נאָר דערהויפּט אין דער פאַרשיידנקייט פון געשיכטלעכן גורל און אין דעם פעלן פון אַ צוקונפט־געמיינזאַמקייט. דער לאָזונג פון די געטאָ־קעמפער „פאַר אונזער און אייער פרייהייט״ האָט פאַקטיש געהאַט נאָר אַ צייטווייליקע און פאַריבערגייענדיקע גילטיקייט. אויב די יידן האָבן שוין געמוזט מאַכן דעם אויפשטאַנד, ווייל אַנדערש וואָלט עס צו שפּעט געווען, האָבן די פּאָליאַקן נאָך געקענט און געמוזט וואַרטן, ווייל פאַר זיי איז די סיטואַציע נאָך ווייט נישט געווען רייף פאַר אַן אויפשטאַנד.

עפּרויקין ווייזט אויף אָט דעם ביישפּיל, ווי אילוזאָריש און פאַלש עס זיינען די אַלע פראַזן וועגן „געמיינזאַמען קאַמף״ פון אונזערע „דאַאיסטן״ און אינטערנאַציאָנאַליסטן. (און פון דאַנען נעמט זיך אויך זייער כעס קעגן דעם מחבר און זיין בוך, וועלכעס זיי פאַרשרייען אַלס אַ „קלעריקאַל און נאַציאָנאַליסטיש ווערק״). ער ווייזט אויך אָן דערויף, אַז דיזעלבע יידן, וואָס האָבן אויף אַ פרעמדער ערד נישט געשטעלט קיין ווידער־שטאַנד, זייענדיק אויף אייגענעם באָדן, האָבן זיי געוויזן אַ מוסטער פון מוט און העלדישקייט.

▽

מען מוז מסכים זיין מיט עפּרויקינס קאָנצעפּציע, אַז עס איז נישטאָ קיין גבורה אָן קדושה. נישטאָ קיין פיזישער ווידערשטאַנד אָן אַ גייסטיקן ווידערשטאַנד. דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז גייסטיקער ווידערשטאַנד איז גלייכוואַרטיק מיט פיזישן ווידערשטאַנד. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז גייסטיקער ווידערשטאַנד באַקומט זיין פולן אויסדרוק ערשט דעמאָלט, ווען ער פירט און גייט אַריבער צו טאָטן.

אַזאַ אַריבערגיין פון גייסטיקן ווידערשטאַנד צו קאַמף־אַקטן און אויפשטאַנד איז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. טוביה באָזשי־קאָווסקי, אַ מיטגליד פון דער ייד. קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אָנטיילנעמער פון אויפשטאַנד, שילדערט זייער פּלאַסטיש דעם איבערגאַנג אין דער שטימונג פון די מאַסן פון דעמאָראַליזאַציע און געפאַלנקייט צו מוט און באַגייסטערונג — אונטער דער השפעה פון די ערשטע און ווייטערדיקע קאַמף־אַקטן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

וואָלט דאָך אויך פאַר י. עפּרויקין, אין הסכם מיט זיין אייגענער

קאָנצעפּציע, באַדאַרפט זיין דער דאָזיקער אויפשטאַנד דער העכסטער אויסדרוק פון קדושה און גבורה אין יענער צייט. אָבער עפּרויקן דערזעט נישט דעם איבערברוך אין דער שטימונג און אין דער מענטאַליטעט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, וואָס אָן דעם וואָלט דאָך דער אויפשטאַנד געווען אַן אוממעגלעכקייט. איז דאָך דער אויפשטאַנד נישט געווען און האָט נישט געקענט זיין קיין אַקט פון פאַרצווייפלטע, ווייל פון פאַר־צווייפלונג ווערט נישט געבוירן קיין העראָאיזם. און ער איז געקומען אַזוי שפּעט נישט ווייל עס האָט געמוזט אַזוי לאַנג דויערן, ביז עס זיינען „פון לאַנגיאָריקן טויטשרעק אָפּגעטעמפּט געוואָרן די נאָרמאַלע לעבנס־חושים, די נאָרמאַלע רעאַקציעס" א. א. וו. עס האָט געמוזט אַזוי לאַנג דויערן ביז עס איז געקומען צו אַזאַ אָנזאַמלונג פון פּסיכישע קלעפּ, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם דיאַלעקטישן פּסיכישן איבערברוך. די אַפּאַטיע און ווילנלאָזיגקייט זיינען שוין בשעת דער צוגרייטונג צום אויפשטאַנד איבערגעגאַנגען אין זייער קעגנזאַץ: אין שטורמישער ענערגיע און עקשנות, אין ווידערשטאַנד פאַר יעדן פּרייז.

אויב עס האַנדלט זיך אין די פירער פון אויפשטאַנד, ווייסן מיר ווויל, אַז אַ היפּשער טייל פון זיי וואָלט זיך געקאָנט ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. זיי האָבן עס נישט געטון, ווייל זיי האָבן געהאַט העכערע צילן, ווי ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן. אָבער אויך די גרויסע מאַסע פון דער געטאָ באַפעלקערונג איז געוואָרן באַהערשט פון דער געהויבענער אויפשטאַנד־שטימונג (זע באַזשיקאָווסקיס „צווישן פאַלנדיקע ווענט"; רחל אויערבאַך: „דער יידישער אויפשטאַנד אין וואַרשע"). פאַרשטייט זיך, דער פּסיכישער איבערברוך האָט געקענט קומען ערשט אין דעם מאָמענט, ווען די יידן האָבן זיך באַפרייט פון אַלע אילוזיעס בנוגע די צילן פון די דייטשן.

עס איז אמת, אַז די פרומע יידן זיינען געגאַנגען ווירדיקער צום טויט — בדרך כלל. עס קען אויך קיינער נישט לייקענען, אַז די פרומע האָבן אָפּגעגעבן אַ קלענערן פּראָצענט טמאים מכל המינים. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך אַ פאַקט, אַז די רעליגיעזע יידן זיינען די גאַנצע צייט געווען קעגן פיזישן ווידערשטאַנד און האָבן אין אויפשטאַנד קיין אָנטייל נישט גענומען. צי ווייל די היינטיקע פרומע יידן זיינען נישט מער דיזעלביקע ווי אַמאָל, צי זיינען די באַשריבענע פאַקטן פון ווידער־

שטאַנד פון רעליגיעזע יידן אין די אַלטע צייטן איבערגעטריבן, איז איצט שווער פעסטצושטעלן.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז דאָס קאַפּיטל וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד געהערט צו די שוואַכסטע און נישט אויסגעהאַלטנסטע אין דער אין אַלגעמיין אַזוי אָריגינעלער און ערנסט־אַנאַליטישער אַרבעט פון י. עפּרויקין.

מען מוז אָבער מסכים זיין מיט עפּרויקינס צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער „אַרישער זייט״. אַ היפּשער טייל פון די, וואָס זיינען אַריבער אויף דער אַרישער זייט, און זיינען דאָרט פאַרבליבן עד היום, האָבן עס געוויס נישט פאַרדינט די שבחים, וואָס מען מאַכט זיי לאחר המעשה.

עס קען נישט זיין קיין שום ספק: די נאַציס האָבן געוואָלט אויסראָטן אין ערשטער ריי דעם יידישן גייסט. דער זיכערסטער וועג דערצו איז געווען די פאַרטיליקונג פון דעם יידישן פאָלק. זיי האָבן זיך פאַר גאָר נישט אָפּגעשטעלט און ווי באַוווסט, האָבן זיי זיך גרינטלעך און לאַנג צוגעגרייט צו דער דאָזיקער אויפגאַבע. אַ גאָר חשובן פּלאַץ אין דער פּלאַנירונג און צוגרייטונג פון גענאָסיד האָבן פאַרנומען די דייטשע וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן קודם טעאָרעטיש „באַגרינדעט״ די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אויפגאַבע פאַר די דייטשן (זע מ. ווײַנרייכס „היטלערס פּראָפעסאָרן״). דער דייטשער מאַקסימאַלער צוגעגרייטקייט צו אונזער פאַרניכטונג האָבן מיר גאָרנישט געהאַט וואָס אַנטקעגנצושטעלן. מיר זיינען געווען נישט צוגעגרייט.

דער שונא האָט צוגעגרייט קאַדרען וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן זייער גוט געקענט אַלע אונזערע פּראָבלעמען: פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן, פון פּאָליטישן, פון רעליגיעזן און פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ער האָט געקענט אַלע אונזערע שטאַרקע און שוואַכע זייטן. מיר האָבן דעם שונא נישט געקענט. קענענדיק דעם שונא און זיינע כוונות, וואָלטן די יידן באַלד געמוזט איבערגיין צו די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון ווידערשטאַנד — אָפּהענגיק פון אָרט און באַדינגונגען. דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיקייט.

און איצט קומט די הויפּטפראַגע: פאַרוואָס זיינען מיר געווען אַזוי נישט צוגעגרייט? צי איז באמת אַזוי שווער געווען צו וויסן, וואָס די דייטשן גרייטן צו פאַר אונז? דייטשן זיינען בטבע נישט קיין אימפּראָוויזאַ־

טאָרן און זיי האָבן אויך ניט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז זיי האָבן בנוגע אונז עפּעס גאָר באַזונדערע פּלענער. שוין אין 1933, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז דאָך דער אַנטיסעמיטיזם געוואָרן די מלוכה־רעליגיע. אין אַלע גרעסערע אוניווערסיטעט־שטעט זיינען אַנטשטאַנען ספּעציעלע אינסטיטוטן צו פאָרשן די יידישע ראַסע, די ראָל פון די יידן אין דער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, ליטעראַטור, קונסט, פּרעסע א. א. וו. אין די דאָזיקע אינסטיטוטן האָבן, ווי באַוווּסט, מיטגעאַרבעט די אָנגעזעענסטע דייטשע געלערנטע אויף אַלע געביטן. שפּעטערצו זיינען אַרומגעפאָרן איבער פּוילן, ליטע און רומעניע דייטשע געלערנטע און געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן מזרח־יידנטום. אייניקע האָבן זיך מטריח געווען אפילו קיין ארץ ישראל.

דאָס אַלץ איז געשען נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פאַר 1939. וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די מלחמה, אַלץ אינטענסיווער זיינען געוואָרן די צוגרייטונגען. צי האָט עמיצער פון אונז געקענט מיינען — ווען ער וואָלט זיך דעמאָלט דעריבער פאַרטראַכט, — אַז די דייטשע מלוכה פינאַנסירט דעם דאָזיקן גרויסן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט צוליב דער „ריינער וויסנשאַפט״? ווער עס האָט געלייענט די שטודיעס פון די דייטשע וויסנשאַפטלער, האָט געקענט פאַרשטיין, אַז זיי פאַרפאָלגן זייער און זייער אַ פּראַקטישן ציל: רעדט זיך דאָך שוין אין די דאָזיקע ווערק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ צוואַנג־סטעריליזאַציע פון אַלע יידן. און אַנדערע דייטשע וויסנשאַפטלער האַלטן, אַז סטעריליזאַציע איז נאָך ווייניק, עס מוזן לויט זיי אָנגענומען ווערן נאָך אַ סך דראַסטישערע מיטלען „ביז דער לעצטער ייד וועט פאַרלאָזן אייראָפּע!״

און דאָס אַלץ איז געשריבן געוואָרן דורך דייטשע וויסנשאַפטלער נאָך פאַר 1939! וויאַזוי האָט רעאַגירט דעמאָלט די יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט פון דעם גרעסטן יידישן ישוב — אין פּוילן? די יידן אין פּוילן, דאָס איז דאָך נישט געווען קיין אומאָרגאַניזירטע מאַסע! מיר האָבן געהאַט פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַ גרויסע יידישע פּרעסע, וויסנשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. צי איז געפירט געוואָרן עפּעס אַ קעגנאַקציע קעגן די דייטשע צוגרייטונגען? צי האָבן אונזער פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער ווייניק־סטנס עפּעס געוווּסט דערפון, וואָס די דייטשן גרייטן צו פאַר אונז? מען

האָט נאָר באַדאַרפט געווי לייענען, וואָס די דייטשן (איך לאָז אין דעם פאַל שוין אינגאַנצן אַרויס די דייטשע אָפיציעלע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע און באַגרענעץ זיך מיט דער „ערנסטער" דייטשער ווייסנשאַפט) שרייבן. ווי ווייט אונזער אומוויסנקייט איז געגאַנגען, קען אילוסטרירן פאָלגנדיקער פאַקט: אין יאָר 1937 איז געקומען קיין ווילנע אין „ייוואָ" דער געלערנטער יידן־פרעסער, היינץ פעטער זעראַפים, וואָס האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסן בוך וועגן מזרח־יידנטום. די אָנפירער פון „ייוואָ" האָבן עס געהאַלטן פאַר מעגלעך צו ווייזן דעם דאָזיקן געלערנטן יידנפרעסער אַלץ, וואָס אים האָט אינטערעסירט אין „ייוואָ", אַז ווייסנשאַפט, איז דאָך ניט שייך...

איך מיין, אַז אויב מען וויל רעדן פון יידישער מיטשולדיקייט, איז דאָ אונזער שולד די גרעסטע. איך האָב דאָ אין זינען אונזער לייכט־זיניקן אָפּטימיזם און נישט צוגעגרייטקייט. וואָלטן מיר אין יענע עטלעכע יאָר געהאַט אַ גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אויפרודערן דאָס גאַנצע יידישע לעבן און אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער טויט־געפאַר, וואָס רוקט זיך אָן, וואָלטן מיר גאַנץ אַנדערש רעאַגירט און אויך גאַנץ אַנדערש אויסגעזען בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע. אָבער די גרויסע פּערזענלעכקייטן זיינען נישט קיין צופעליקייט און נאָר אַ גרויסער דור קען אַרויסגעבן גרויסע פּערזענלעכקייטן. אין דעם זינען מוז מען אינגאַנצן מסכים זיין מיט י. עפּרויקינען, אַז מיר זיינען טאַקע אַ שוואַכער דור.

די שוואַכקייט פון אונזער דור נעמט זיך אָבער נישט נאָר פון דעם אָפּשוואַכן פון דער יידישער טראַדיציע (אַ פאַקטאָר, וואָס אויך „פרייע" קענען און טאָרן נישט לייקענען). די דאָזיקע שוואַכקייט נעמט זיך אויך דערפון, וואָס די יידישע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן (אָפּטימיזם, דער יידישער בטחון) וועלכע האָבן זיי געשיצט און צוגעגעבן לעבנסמוט אין משך פון גאַנצן גלות, האָבן זיך אין די באַדינגונגען פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אַנטפּלעקט אַלס שטערנדיקער פאַקטאָר. אין אָט די באַדינגונגען האָט זיך דער יידישער אָפּטימיזם אַרויסגעוויזן אַלס שעדלעכע נייגונג צו אילוזיעס. נעמט די פּאַרטייען און גרופּירונגען, וועלכע האָבן לויט זייער אויפפאַסונג פון דער צוקונפט פון די יידן אין גלות נישט געקענט און נישט געווען פּאַסיק אַקעגנצווירקן אָט דער יידישער נייגונג צו אילוזיעס. אָט די אַלע דאַאיקייט־פּאַרטייען (וועלכע האָבן אין די גרויסע ייד. צענטערן

פאַר 1939 געהאַט אַן אַבסאָלוטע מערהייט) האָבן דאָך געשטיצט זייער גאַנצע עקזיסטענץ און פּראָגראַם אויף דער אילוזיע פון אומבאַדינגטן פּראָגרעס, אויף דער אילוזיע פון געמיינזאַמקייט פון יידישן און נישט־יידישן קאַמף אין די באַדינגונגען פון גלות א. א.

און עס איז אַבסאָלוט נישט קיין צופאַל, וואָס די קליינע מינדערהייט אין דעמאָלדיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז געווען פריי פון די דאָזיקע אילוזיעס, האָט פריער פון אַלע אַנדערע געקענט שטעלן די פראַגע פון ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן. דאָס זיינען געווען די גרופּן פון „החלוץ", „דרור" און „השומר", וועלכע האָבן אַדאַנק אָט דער בעסערער פּסיכישער באַוואָפנטקייט געקענט נעמען אין זייערע הענט די איניציאַטיוו פון אויפשטאַנד. איך וויל דאָ אַבסאָלוט נישט פאַרקלענערן דעם אַנטייל פון די בונדישע און פּעפּערישע גרופּן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. עס בלייבט אָבער אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די איניציאַטיוו קומט פון די ציוניסטישע גרופּירונגען און אַז אָט די גרופּירונגען האָבן סיי לויט זייער צאָל, סיי לויט אידעאָלאָגישער און מיליטערישער צוגעגרייטקייט געהאַט אַן אַבסאָלוטע איבערוואָג. ווי געזאָגט, איז דאָס נישט קיין צופאַל, נאָר אַ דירעקטער רעזולטאַט פון זייער פּסיכישער צוגעגרייטקייט.

∇

איינע פון די סיבות פון אונזער שוואַכקייט איז געווען די אָפּוועזנהייט פון אַ פאָטערלאַנד. נאָר בלינדע, אומפאַרבעסערלעכע „דאַאיסטן" קענען פרווון דאָס אָפּצולייקענען. דאָס פאָטערלאַנד, די ערד, וועלכע מען האָט ליב און צו וועלכער מען איז צוגעבונדן, דאָס איז אַ פאַקטאָר, וואָס געבוירט העראָאיזם. עס איז אויך פון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט אַ פאַקטאָר, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרטרעטן מיט קיין שום אַנדער זאַך. די יידן אין די געטאָס האָבן דאָס נישט געהאַט.

י. עפּרויקינס בוך איז אַ מוטיקער אַנאַליז פון דער יידישער הנהגה אין די אומקום־יאָרן. עס ליגט אין די אינטערעסן פון פאָלק אויפצודעקן די סיבות פון אונזער שוואַכקייט און אפילו געפאַלנקייט דאָרט, ווו זי איז באמת געווען. מיר יידן מוזן שטיין אויף דער הויך פון קענען מאַכן אומברחמנותדיקע זעלבסטקריטיק. וויל ווי זאָגט עפּרויקין: „אויב מיר וועלן נישט זיין בעסער פון יענע, וועלן מיר בכלל נישט זיין". מיר מוזן אָבער דערביי זיין געוואָרנט און נישט זיין אומגערעכט לגבי זיך אַליין.

אַלע באַקאַנטע פֿאַלן פֿון יחידישן און קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד וואָלטן ביי אַזאַ אַנאַליז געמוזט דערמאָנט און געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן. מיט אַ ריין־היסטאָרישן צוגאַנג וועלן מיר דאָ אַ סך זאַכן נישט דערזען. עס איז דערצו נויטיק אַן אַנאַליז פֿון יידישן כאַראַקטער בכלל און פֿון דער געטאָ־פּסיכאָלאָגיע בפרט. מען מוז נישט מסכים זיין מיט אַלע אויספֿירונגען פֿון מחבר: מען קען אָבער נישט לייקענען, אַז דאָס בוך איז זייער אַן ערנסטער פּרווו צו געבן אַן ענטפֿער אויף די ווײַכטיקסטע פֿראַגן, וואָס באַאומרואיקן היינט יעדן דענקענדיקן יידן. עס גיט אַן אָנרעגונג זיך טיפֿער צו פֿאַרטראַכטן איבער אָט די אַלע פֿראַגן און עס גיט אויך אַן ענטפֿער אויף די גרונטפֿראַגן, וואָס באַוועגן אונזער היינטיקן יידישן דור.

.1950

די קרבנות פון טויטן־לאַגערן און געטאָס

(אַ טראַנסקולטורעלע שטודיע)

צוויי און דרייסיק יאָר זענען אַריבער זינט די אַליאירטע חיילות האָבן אַריבערגעשפרייזט די טויערן פון די נאַציש טויטן־לאַגערן. טייל פון דער שארית־הפליטה, וואָס זענען נאָך דאָ צווישן אונדז, ווייזן אַרויס אַ סימפטאָמען־קאָמפּלעקס פון פסיכישע שטערונגען, וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ באַזונדערע פּסיכישע קאַטעגאָריע. די איבערלעבונגען פון דער שארית־הפליטה זענען געווען אַזוי גרויליק, אַזוי אומגעווייינלעך, אַז זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין אונדזערע נאָרמאַלע קלאַסיפיציר־סיסטעמען. מען דאַרף געפינען נייע טערמינען כדי די דאָזיקע ספּעציפישע איבערלעבונגען פון די געראַטעוועטע און די סימפּטאָמען, וועלכע זיי ווייזן אַרויס, ווי געהעריק אָפּצושאַצן.

איך האַלט, אַז די סכיזאָפרעניע־טעאָריע פון גרעגאָרי בייטסאָן און זיינע מיטאַרבעטערס[1] איז חל נישט נאָר אויף סכיזאָפרענישע פּראָצעסן, נאָר אויך אויף אַ צאָל אַנדערע פּסיכישע שטערונגען. די דאָזיקע טעאָריע קען זיין זייער נוצלעך ביים אויסטייטשן דעם אויפקום און דעם לאַנגן געדויער פון די סימפּטאָמען־קאָמפּלעקסן, וואָס עס ווייזן אַרויס די געראַטעוועטע פון די טויטן־לאַגערן. לאָמיר טאַקע דאָ גלייך קלאָר מאַכן, אַז דאָס גילט נישט בלויז אויף קאַצעטניקעס, נאָר אויך אויף די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. די לעצטערע האָבן זיך געראַנגלט מיט ענלעכע פּראָבלעמען ביים איבערלעבן אין אַ פיינטלעכער סביבה, זיי האָבן שטענדיק געמוזט באַהאַלטן זייער אידענטיטעט, געלעבט אין אַ כסדרדיקן פּחד, אַז זייער אמתע אידענטיטעט וועט אויפגעדעקט ווערן און זיי וועלן פאַרלירן דאָס לעבן.

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מין עקספּערימענט וואָס די נאַציס האָבן לגמרי נישט אין זינען געהאַט. זיי האָבן דאָך געגלייבט, אַז ס'וועט קיינער נישט איבערלעבן די טויטן־לאַגערן. אָבער אַזוי ווי אַ טייל פון זייערע קרבנות האָבן יאָ איבערגעלעבט און טראָגן זיך איצט אַרום מיט

---

1) די דאָזיקע טעאָריע האָט דעם ענגלישן נאָמען: "The Double-Bind Theory" אויף יידיש וועלן מיר זי רופן: „די טעאָריע פון סתירותדיקע סיגנאַלן". דער ווייטערדיקער אינהאַלט פון דער דאָזיקער אַרבעט וועט באַרעכטיקן דעם דאָזיקן נאָמען.

זייערע ספּעציפֿישע סימפּטאָמען, קומט אויס, אַז די נאַציס האָבן אויפֿן אכזריותדיקסטן און געמיינסטן אופֿן בייגעטראָגן צו דער וויסנשאַפֿט פֿון פּסיכיאַטריע.

דער קרבן איז בדרך־כּלל געווען אויסגעשטעלט אויף אַ באַראַזש פֿון סתירותדיקע סיגנאַלן. אַ גוטער משל פֿון סתירותדיקע סיגנאַלן, וואָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, איז געווען די איבערלעבונג פֿונעם ניי־געקומענעם אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ, ווען ער האָט ביים אַריינגאַנג דערזען דעם ריזיקן פּלאַקאַט „אַרבייט מאַכט פֿריי״. אָט דער פּלאַקאַט האָט אָנגעזאָגט עפּעס אַנדערש די מיזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס זענען אַהער געקומען אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז אַ סך זענען נאָך אויפֿן וועג געשטאָרבן; און די יידן פֿון האָלאַנד, וואָס זענען געקומען אין באַקוועמע פּולמאַן־וואַגאַנען און האָבן מיטגעפֿירט זייער גאַנצן לוקסוס־באַגאַזש, האָבן אַנדערש רעאַגירט.

פֿאַר די לעצטע האָבן די פּלאַקאַטן געבראַכט אַן אָנזאָג פֿון דעם אין וואָס זיי האָבן שטאַרק געוואָלט גלייבן. אָבער די וויטערדיקע איבער־לעבונגען וואָס זענען געקומען תּיכף נאָכן אָנזאָג זענען געווען אַ דירעקטע אָפּלייקענונג פֿון דעם. אינעם לאַגער איז דער קאַצעטניק אויך דורכ־געגאַנגען אַ גיכן פּראָצעס פֿון צעשטערונג. אפֿילו דעם נאָמען האָט מען אים צוגענומען; אַנשטאָט זיין נאָמען האָט מען אים איינטאַטואירט אַ נומער אויפֿן אָרעם. ער האָט זיך גיך געכאַפּט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן (אין די אויוונס) אויף אייביק אַלע זיינע משפּחה און קרובים. ער האָט געוואוסט, אַז טויט אָדער לעבן איז געווענדט אין זיין נוצלעכקייט צום רייך און צו מאָל סתּם אינעם קאַפּריז פֿון זיינע פּייניקער.

לויט די נאַצישע חשבונות האָט דער קרבן געדאַרפֿט זיין אַזוי אויסגעשעפּט פֿון איבעראַרבעט, פֿון הונגער און קעלט, אַז ער האָט אין משך פֿון 10 ־ 12 וואָכן שוין געדאַרפֿט זיין גרייט פֿאַר דער גאַזקאַמער.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז דער מענטשלעכער מוח נוטה אָדער צו אַן אָפּגעטעמפּטן אונטערוואַרפֿן זיך דעם נישט־פֿאַרמיידלעכן גורל, אָדער צום גלויבן אין ניסים. פֿונדעסטוועגן איז ער קיין מאָל נישט מיד געוואָרן צו זוכן וועגן זיך צו ראַטעווען. איין אופֿן איז געווען דאָס אידענטיפֿיצירן זיך מיטן פּאַרטיליקער, אים נאָכצומאַכן, געווינען זיך צוטרוי דורך זיין אכזריות צו די מיטאַרעסטאַנטן. טייל האָט זיך דאָס

איינגעגעבן און זיי זענען געוואָרן קאַפּאָס. אָבער די דאָזיקע מעגלעכקייט איז געווען אָפּן בלויז פאַר געציילטע; דער גרעסטער טייל איז נישט בכוח געווען דאָס צו טאָן. ווייזט אויס, אַז אפילו אין די באַדינגונגען פון אוישוויץ אָדער אַנדערע טויטן־לאַגערן, האָבן אַ סך אויפגעהיט מענטשלעכע געפילן און נישט געקוקט אויף אַלץ האָבן זיי געקענט אָנהאַלטן זייער איך־אידענטיטעט. זיי האָבן עס געקענט באַווייזן דער עיקר אַדאַנק זייער שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו זייער פאָלק, צום יידישן פאָלק און זיין היסטאָרישן גורל.

פאַרן רוב קאַצעטלערס איז פאַראַן געווען בלויז איין אויסוועג: באַפרייען זיך פון אַלע פּסיכישע רעאַקציעס. ווי אַ פּועל־יוצא דערפון זענען זיי געבליבן ווי אין אַ הינערפּלעט, צייטווייליק אָן קיין שום מענטש־לעכע געפילן, אין זינען האָבנדיק נאָר עסן, קליידער, אַ דאַך איבערן קאָפּ און דאָס אויסמיידן די שטראָף. דאָס אַלץ האָט געפירט צו אַ דעוואַלואירונג פון די פריערדיקע מאָראַלישע ווערטן. אָפטמאָל איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אַזעלכע געפילן ווי רחמנות אָדער מיטגעפיל.

ווי שטאַרק דאַרף זיין די איך־אידענטיפיצירונג פון אַ מענטש, כדי ער זאָל בכוח זיין זיך אומצוקערן צו אַ ציוויליזירטער נאָרמאַלער עק־סיסטענץ, נאָך דעם ווי ער איז אַ סך יאָרן געווען אויסגעשטעלט אויף דער ווירקונג פון אַזעלכע באַדינגונגען. ווי קענען מיר זיך ריכטן, אַז עמעצער, וואָס זיין כאַראַקטער־פורעמונג איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט (אַ סך פון דער שארית־הפליטה, וואָס מיר גיבן זיך היינט מיט זיי אָפּ, זענען דעמאָלט געווען אין זייערע צענער־יאָרן) זאָלן נאָך דעם קענען פונקציאָנירן אין אַ נאָרמאַלער, ציוויליזירטער וועלט?

דאָס רוב קאַצעטלערס האָבן טיף אין זייערע הערצער געוואוסט, אַז זיי איז באַשערט צו שטאַרבן, אַז זיי קענען נישט געווינען דעם קאַמף, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זאָלן נישט טאָן. אָבער נאָך אַ נייער קוואַל פונעם איך־כוח האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר יענע, וואָס האָבן געגלייבט, אַז זייער טויט וועט באַקומען אַ תיקון, אַז היטלער וועט האָבן אַ מפּלה און אַז די טראַגעדיע פון די אייראָפּעאישע יידן וועט דינען ווי אַ סטימול פאַר אַנדערע יידן, זיי זאָלן מאַכן אַ גרעסערן אָנשטרענג צוריק אויסצולייזן זייער יידיש היימלאַנד.

אײדער מיר אַנטוויקלען ווייטער אונדזער צוגאַנג צום מעכאַניזם

פונעם סימפּטאָמען־קאָמפּלעקס, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די טויטן־לאַגער־איבערלעבונגען, האַלט איך, אַז ס׳וואָלט כדאַי געווען צו פּרעזענטירן עטלעכע כאַראַקטעריסטישע קראַנקן־געשיכטעס.

איך וועל אָנהייבן מיט אַ שטודיע וועגן אַ געראַטעוועטער פרוי, וועמעס טראַוומאַטישע איבערלעבונגען האָבן זיך אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען זי איז געווען אַ קינד פון אַן ערך צוויי און אַ האַלבן יאָר. די דאָזיקע איבערלעבונגען האָבן אָנגעהאַלטן דורך די קינדעריאָרן ביז די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, און דערנאָך ווייטער ביזן היינטיקן טאָג. די פרוי האָט פּאַקטיש אַדורכגעלעבט אַלע מעגלעכע סיטואַציעס פון די „סתירות־דיקע סיגנאַלן״ נאָך זייענדיק אַ קינד. פר״ל צ. ב. ליידט פון אַ ציכטיקייט־קאָמפּלעקס און אַ באַנעמעניש צו וואַשן די הענט. ס׳איז אַ מין קאָמפּולסיווע ציכטיקייט מיט אַן עקסטרעמער פּעדאַנטישקייט. אין דער צייט ווען מ׳האָט זי אויפגענומען אין פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, האָט זי זיך באַקלאָגט דער עיקר אויף דעם, אַז זי ווערט צו שטאַרק דאָמינירט פון איר מוטער. זי האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון מרה־שחורה און פּאַראַנאָיאַס.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן דער פּאַציענטקעס טראַוומאַטישע איבער־לעבונגען זיך אָנגעהויבן אין די פריע קינדער־יאָרן, ווען זי איז געווען אויסבאַהאַלטן מיט איר מוטער אין קעלערן. ליידנדיק פון דער קעלט און פון פינצטערניש, האָט זי דאָרט כסדר געוויינט. ווי אַ רעזולטאַט דערפון האָבן די באַלעבאַטים פון די קעלערן זי אַרויסגעטריבן פון דאָרט מיט איר מוטער. איין מאָל האָט אַ דאָקטער אָנגעבאָטן דער מוטער פון דער פּאַציענטקע אַ דאָזע סם פאַרן קינד, כדי אַזוי אַרום נישט אויסגעגעבן צו ווערן דורכן קינדס געוויין. ס׳איז קלאָר, אַז אין דעם פריען עלטער האָט די פּאַציענטקע אָנגעהויבן צו באַקומען די סאַמע קלאַסישע „סתירות־דיקע סיגנאַלן״. פון איין זייט פלעגט די מוטער קושן דאָס קינד, זיך אַליין גאָרנישט פאַרגינען און אַלץ אַוועקגעבן דעם טעכטערל; פון דער אַנדערער זייט, האָט זי גרייט געהאַט סם, טאָמער וועט ווערן צו געפערלעך זי צו האַלטן.

דאָ האָט זיך איינגעשטעלט אַ פאַרעם פון „סתירותדיקע סיגנאַלן״ וואָס האָבן זיך איבערגעחזרט אין די באַציאונגען פון מוטער און טאָכטער אומצאָליקע מאָל אונטער פאַרשידענע אומשטאַנדן. נאָך אַ פּאָר חדשים אויסבאַהאַלטן זיך אין קעלערן, האָט די מוטער איינגעזען, אַז זי קען נישט

מער אַרומשלעפּן דאָס קינד מיט זיך אָן געכאַפּט צו ווערן. דאָס מיידעלע האָט געפונען אַ היים אין אַ מאָנאַסטיר, וואו זי איז פאַרבליבן צוויי יאָר ביז דאָס שטעטל איז באַפרייט געוואָרן. די מוטער האָט דורכגעלעבט די גאַנצע אָקופּאַציע־צייט אין באַהעלטענישן און נאָך דער באַפרייאונג האָט זי אָפּגענומען דאָס קינד פונעם מאָנאַסטיר און דערנאָך מיט איר אַוועק אין אַ שארית־הפליטה־לאַגער אין דייטשלאַנד.

אין עלטער פון פיר און אַ האַלבן יאָר, ווען די מוטער האָט אָפּ־גענומען די פּאַציענטקע פון מאָנאַסטיר, האָט דאָס קינד נישט געוואָלט צוריקגיין צו איר מוטער. די פּאַציענטקע איז געווען צו איר מוטער פיינטלעך געשטימט און האָט זי נישט אָקצעפּטירט. ביים סוף פון דער מלחמה האָט די מוטער נישט געהאַט וואוהין צו גיין. איר היים איז געווען חרוב און אַלע אירע קרובים אויסגעהרגעט. זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו פאַרלאָזן אויף אייביק דאָס לאַנד, וואו אַלע שרעק־לעכע פּאַסירונגען האָבן זיך מיט זיי געטראָפן.

נאָכן אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט די פּאַציענטקע געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים צופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה. דער פּאַציענטקעס מוטער האָט דערוויל ווידער חתונה געהאַט. אין שטוב איז כסדר געווען אַן אָנגעצויגענע און טרויעריקע שטימונג, אַ כסדר דערמאָנען די רדיפות און פּיין, וואָס אירע טאַטע־מאַמע האָבן געליטן אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן. אי דער טאַטע אי די מאַמע האָבן געמוזט אַרבעטן. זעלטן האָבן זיי הנאה געהאַט פון אַ יום־טוב, און די טעג פריי פון דער אַרבעט האָבן זיי פאַרבראַכט מיט אַנדערע פּליטים פון זייער אָדער פון די שכנישע שטעט.

קלאָרע פּסיכישע סימפּטאָמען ביי אונדזער פּאַציענטקע האָבן זיך באַוויזן אין עלטער פון עלף אָדער צוועלף יאָר. זי האָט אָנגעהויבן גנבענען געלט פון דער היים און שפּעטער — ביכער און אַנדערע זאַכן פון דער שול. זי האָט אויך אָנגעהויבן זיך חברן מיט אַנדערע חברה, וואָס האָבן ביי טאַטע־מאַמע נישט נושא־חן געווען. דאָס האָט געבראַכט צו אַ צאָל קריגערייען אין שטוב, און צום אַוועקשיקן די פּאַציענטקע אויף אַ פּסיכישער עוואַלואַציע, ווען זי איז אַלט געווען אַן ערך זעכצן יאָר. זי האָט אָנגעהויבן אַמבולאַטאָרישע טעראַפּיע, איז אָבער נישט געווען פאַר־אינטערעסירט. אין יענער צייט האָט מען דער מוטער אָנגעוויזן, אַז זי

אַליין וואָלט אויך געדאַרפט פּסיכיאַטרישע הילף.ביידע האָבן נישט געפאָלגט די פּסיכיאַטרישע רעקאָמענדאַציעס.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער סאַמע לעצטער קאָמוניקיר־ריס צווישן דער פּאַציענטקע און אירע טאַטע־מאַמע. אונדזער פּאַציענטקעס שווערי־קייטן אין שול האָבן זיך פאַרגרעסערט, ווען איר אויפפיר איז געוואָרן אַ פּראָבלעם און זי האָט אָנגעהויבן זיך צו בונטעווען קעגן דער אויטאָריטעט. אין דער היים איז זי געוואָרן אַלץ מער אומפאָלגעוודיק, זי פלעגט אויפ־בלייבן ביז שפּעט ביינאַכט און ווען מען האָט צו איר געהאַט טענות, פלעגט זי ברעכן טעלער, אַנטקעגנרעדן ניבול־פּה רייד און זיך אָפּזאָגן פון עסן. ביסלעכווייז איז איר קענטיקע אויפפיר־געשטערטקייט פאַרביטן געוואָרן אויף דעם פריער דערמאָנטן סימפּטאָם־קאָמפּלעקס.

וואָס שייך די צווישנפּערזענלעכע באַציאונגען, זענען זיי פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן נאָך דעם ווי די פּאַציענטקע האָט אויפגעהערט זיך צו טרעפן מיט דער אומפּאַסיקער גרופּע חברים. איר גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט קערט זיך צו חיות און זאַכן. עס זענען פאָרגעקומען עטלעכע אינצידענטן בעת זי איז געווען 15־16 יאָר אַלט. זי האָט זיך געפילט שולדיק אינעם טויט פון אירע פייגעלעך. לויט איר געפיל איז תמיד אויסגעקומען, אַז פיזישער קאָנטאַקט איז מיאוס, צו מאָל האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז איר גוף איז בלויז אַ „קאַנאַל״ אַריינצונעמען עסן און עס אַרויסצוגעבן. די פּאַציענטקע האָט זיך אַלץ מער פאַרנומען מיט אירע סעקס־ און אויסשייד־אָרגאַנען. וואָס ס׳האָט אין אָנהייב אויסגעזען ווי אַן אויפפיר־געשטערטקייט איז ביי אונדזער פּאַציענטקע ביסלעכווייז דערגאַנגען צו אַ צושטאַנד ענלעך צו סכיזאָפרעניע מיט קאָמפּולסיוו־אָבסעסיווע שטריכן.

ווי אַ פּועל־יוצא פון די פריער דערמאָנטע סיטואַציעס פון סתירות־דיקע סיגנאַלן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן בעת זי איז צוויי יאָר אַלט געווען און גייען ביז הייַנט, קען מען זיך ריכטן אויף אַ קאָמוניקיר־ריס מיט דער דרויסנדיקער וועלט. ס׳טרעפן זיך ביי איר מאָמענטנווייז גרויס־צוגיקע אידעען זיך מקריב צו זיין און העלפן אַפריקאַנער זיך באַפרייען. אויך נוצט זי אירע פאַרבינדונגען מיט נעגערס ווי אַ מיטל זיך אָפּצורעכע־נען מיט איר מוטער און שטיפפאָטער, וואָס זענען טראַדיציאָנעלע אָר־טאָדאָקסישע יידן און וואָס לעבן זיך אויס אין דער סביבה פון מענטשן,

וואָס האָבן דורכגעלעבט דאָס אייגענע וואָס זי.

ס׳איז גאַנץ קלאָר, אַז פון דער פּאַציענטקעס הין־און־צוריק צווישן איר מוטער און די באָנעס, האָט נאָר געקענט אַרויסקומען אַ סתירה פון אַ ספּעציעלן טיפּ. בעת זי איז געווען ביי די מאַנאַשקעס איז זי דערצויגן געוואָרן אין קאַטוילישן גייסט און האָט אין זיך איינגעזאַפּט די קריסטלעכע מאָראַלישע ווערטן. נאָך דעם ווי מען האָט זי אומגעקערט צו איר מוטער, איז זי געשטאַנען פאַר גאָר אַנדערע מאָראַלישע ווערטן. און וואָס שייך דעם שטיפפאָטער איז ער קיין מאָל נישט געווען בכוח צו מאַכן אויף דער פּאַציענטקע דעם רושם פון אַ ווירקעוודיקער מאַן־ און פאָטער־געשטאַלט. אויך דאָ האָט די מוטער געשיקט סתירותדיקע סיגנאַלן וועגן אים ווי אַ פאָטער, פון איין זייט הייבנדיק אים ווי דעם פּרנסה־געבער פון דער משפּחה, און פון דער צווייטער זייט אָנווייזנדיק אויף זיינע חסרונות ווי אַ נעבעך און אַ קנאַפּער פאַרדינער. אויך פלעגט די מוטער, בעת זי פלעגט פון איין זייט זאָרגן פאַר אַלע מאַטעריעלע באַדערפענישן פון דער פּאַציענטקע, איר פירהאַלטן, אַז זי האָט זיך פאַר איר געדאַרפט מקריב זיין.

ס׳איז גאַנץ קלאָר, אַז דעם מיידלס גייסטיקע צרות נעמען זיך פון אַנהייב אָן ועד־הנה, דירעקט און אומדירעקט פון די נאַצישע רדיפות. מיר דאַרפן דאָ פונאַנדערטיילן צוויי פאַזעס:

1. די געשעענישן פונעם חורבן אַליין, פול מיט סתירותדיקע סיגנאַלן און סיטואַציעס;

2. סתירהדיקע סיטואַציעס, אין וועלכע די פּאַציענטקע האָט זיך געפונען נאָכן חורבן, וואָס דאַרפן אָבער באַטראַכט ווערן ווי אַ דירעקטער רעזולטאַט פון חורבן.

די פּאַציענטקע האָט בולטע עלעמענטן פון סכיזאָפרעניע, כאָטש אין דער אמתן איז זי נישט קיין סכיזאָפרעניקערין. מיר וואָלטן זי באַצייכנט ווי אַ פּסעוודאָנעוראָטישע סכיזאָפרעניקערין. אָבער אויך דאָס וואָלט נישט געווען אַקוראַט. כאָטש די פּאַציענטקע אַליין איז קיינמאָל נישט געווען אין קיין טויטן־לאַגער, איז זי אָבער אויפגעוואַקסן אין זייער שאָטן. די באַדינגונגען פון איר מוטערס אויסבאַהאַלטן זיך בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע פון פוילן האָט די מוטער געמאַכט פאַר אַ קוואַל פון סתירות־דיקע סיגנאַלן פאַרן קינד.

ס׳איז נייטיק צוצוגעבן עטלעכע פּרטים וועגן דער פּאַציענטקעס עלטערן:

באַלד נאָך דער דייטשער אינוואַזיע, האָט מען איר טאַטן אָוועקגענומען אין אַ שכנישן לאַגער און אים דערשאָסן. זיי פלעגן וואוינען אין אַן עלעגאַנטן געגנט. די יידן האָט מען קודם צוגעזאָגט, אַז מען וועט זיי גאָרנישט טאָן, אויב זיי וועלן זיך אַריבערציִען אין געטאָ און בלויז יענע מחוץ דעם געטאָ וועט מען דערשיסן. דריי וואָכן שפּעטער האָבן די נאַציס אָרגאַניזירט זייער ערשטע „אַקציע״. פינף אַזייגער פּאַרטאָג זיינען זיי באַפאַלן די געטאָ און נאָך דער „אַקציע״ האָבן זיי יעדן, וואָס זיי האָבן געטראָפן, באַפוילן צוריקצוגיין אין געטאָ מיט דעם זעלביקן צוזאָג, אַז קיין „אַקציעס״ וועלן מער נישט פאָרקומען.

אין געטאָ, פּונקט ווי אין יעדן אַנדערן פּאַרטיליקונג־אָרט, זענען די קרבנות געוואָרן אויסגעשטעלט אויף אַ באַראַזש פון סתירותדיקע סיגנאַלן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ גוט מיטל צו צעדרודערן די קרבנות און זיי מאַכן אומבאַהאָלפן. אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די נאַציס אַנטוויקלט אַט די טאַקטיק: „אַרבעטס־קאַרטלעך״, וואָס היינט האָבן זיי געמיינט „לעבן״, האָבן מאָרגן באַדייט „טויט״. ס׳איז דערגאַנגען צו דעם, אַז די איבערגעבליבענע יידן אין וואַרשע האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און געקעמפט נישט געקוקט אויף די קאָנסעקווענצן. אין אַנדערע ערטער האָבן הונדערטער טויזנטער געשטעלט אַ גייסטיקן ווידערשטאַנד, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שטעלן אויך אַ פיזישן ווידערשטאַנד.

ס׳וואָלט גאָר נישט געווען קיין חידוש, ווען אונדזער פּאַציענטקעס מוטער ליידט פון שלאָפלאָזיקייט און קאָשמאַרן. נאָכן טויט פון איר מאַן האָט זי פון איר באַהעלטעניש געמוזט צוזען דעם מאָרד פון אירע טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטערקינדער א״א. זי האָט ווידער חתונה געהאַט אין אַן אומזיסטיקן פּרוּוו זיך צו ראַטעווען פון עלנט און איינזאַמקייט. זי האָט געמיינט, אַז זי דאַרף ווידער חתונה האָבן, כדי איר על־פּי־נס ניצול געוואָרענעם עופעלע צו געבן אַ היים. איר מאַן, ווידער, האָט געהאַט ענלעכע סיבות: ייאוש און אַנטרינונג פון עלנט. ער אַליין ליידט פון קאָשמאַרן וואָס ברענגען צוריק זיינע שרעק־איבערלעבונגען. אין טויטן־לאַגער האָט מען אים אָוועקגעשטעלט צו גראָבן גריבער פאַר די

געהרגעטע. אַ סך מאָל האָט מען די באַגרעבערס אַליין אויך דערשאָסן און זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם זעלבן גרוב. די נאַציס האָבן דאָס אָנגערופן „אויסצייכענונג פאַר גוטער אַרבעט״. זיין משפחה איז אויסגעהרגעט געוואָרן אין אַן „אַקציע״ אין געטאָ. אי דער מאַן אי דאָס ווייב זענען נערוועז און פול מיט שולדגעפילן דערפאַר, וואָס זיי זענען געבליבן לעבן, בעת אַלע נאָענטע זענען אומגעקומען.

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע זייערע איבערלעבונגען איז זייער איך־אידענטיטעט געבליבן גאַנץ. אָט דאָס פּאָרל איז נאָר אַ מוסטער פון די רעשטלעך פון דער מיזרח־אייראָפּעאישער יידישער וועלט, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ הויך־אָריגינעלע קולטור. (דאָס מיזרח־אייראָפּעאישע יידנטום איז געווען דער הויפּטקוואַל פון יידישער קולטור ביזן חורבן). זייער נאַציאָנאַלע אידענטיפיצירונג איז פאַר זיי אַ פאַקט. אָט די אידענטיפיצירונג האָט זיי געהאָלפן איבערצולעבן די אומגלייבלעכע מניעות. דאָס שטעטל עקסיסטירט שוין נישט מער, אָבער די רעשטלעך פון יעדן שטעטל שטעלן צונויף אַן ענגן קרייז, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון זייערע אומגעקומענע משפחות.

אונדזער צווייטער ביישפּיל האָט צו טאָן מיט אַ מיידל, וואָס איז געווען צען יאָר אַלט ווען מ׳האָט זי געבראַכט אין טויטן־לאַגער אוישוויץ. איר מוטער האָט איר געהייסן זיך שטעלן אויף די שפּיץ־פינגער, כדי זי זאָל אויסזען העכער ווי זי איז געווען און אָנגעבן איר עלטער אויף 15 יאָר. דאָס האָט זי גלייך אויפן אָרט געראַטעוועט פון דער גאַזקאַמער. אירע זכרונות וועגן אוישוויץ זענען מאַגער און זעען אויס שטאַרק פאַרנעפּלט. ווען מיר האָבן זי באַטראַכט איז זי געווען 34 און אַ תונה־געהאַטע. איר מאַן האַלט, אַז זי איז אפשר סעקסועל אַטאַקירט געוואָרן אין לאַגער, אָבער זי וויל קיינמאָל דערפון נישט רעדן. זי איז פריגיד און פילט זיך שולדיק אין כמעט אַלץ, וואָס ס׳איז מיט איר געשען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ביים אָנקומען אַהין זענען אירע שוועסטער און צוויי ברידער געשיקט געוואָרן אין דער גאַזקאַמער.

אין משך פון די ערשטע צוויי חדשים האָט איר מוטער געפּרוּווט צו אַרבעטן, אָבער זי איז אַריין אין אַ טיפער מרה־שחורה צוליבן טויט פון אירע דריי קינדער און דעם מאַן. ביי דער סעלעקציע האָט מען זי דריי מאָל אויסגעקליבן צום פאַרגאַזן, אָבער צוויי מאָל האָט זיך דער פּאַציענטקע

ווי ס׳איז אײַנגעגעבן זי צו ראַטעווען. ביים דריטן מאָל האָט מען די מוטער אַוועקגענומען און זי האָט גערופן די פּאַציענטקע. אָבער די פּאַציענטקע איז מער נישט געגאַנגען נאָך איר. זי פילט זיך צוליב דעם גוואַלדיק שולדיק.

די פּאַציענטקע האָט קודם געאַרבעט אין דרויסן און ס׳זענען איר אָפּגעפרוירן געוואָרן די פיס. אָבער ס׳האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו באַקומען אַרבעט אינעווייניק, וואו זי האָט איבערגעקליבן קליידער פון די מענטשן פון די פרישע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן (די פּאַציענטקע איז אײַנגאַנצן בלאָקירט, ווען מען פרעגט זי, צי זי האָט געדאַרפט צאָלן אַ פּרייז פאַר קריגן און אָנהאַלטן די אַרבעט). זי איז געבליבן לעבן אַדאַנק דעם עסנוואַרג, וואָס זי האָט געפונען אין יענע קליידער. נאָך דער באַפרייאונג האָט מען די פּאַציענטקע גע־בראַכט קיין ישראל (1947), וואו זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן זייער ערנסטע סימפּטאָמען פון צעררודערטקייט, כאָטש מ׳האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט און אויפמערקזאַמקייט. זי איז געווען אין אַ גרופּע, וואָס האָט געלעבט צוזאַמען ווי אַ קיבוץ. זי האָט געאַרבעט פאַר אַ לערערס משפּחה און בייטאָג איז זי געגאַנגען אין שול אַריין. די טאָכטער אין דער משפּחה איז געשטאָרבן און די פּאַציענטקע האָט זיך געפילט שולדיק אינעם קינדס טויט. לויט איר איז אויסגעקומען, אַז זי איז שולדיק דערמיט, וואָס זי און דאָס טויטע מיידל האָבן געהאַט דעם זעלביקן נאָמען: לויטן ייִדישן דין טאָרן קינדער פון איין משפּחה נישט האָבן דעם זעלביקן נאָמען, האָט איינע פון זיי געמוזט שטאַרבן.

זי איז אַוועק וואוינען אין אַ מיידל־אינטערנאַט אין ירושלים און איז דאָרט געגאַנגען אין מיטלשול. זי איז ספּעציעל פאַראינטערעסירט געווען אין ייִדישער געשיכטע און אין העברעאיש. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול איז זי אַוועק לערנען אויף אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט זיך אָבער דאָרט געפילט זייער עלנט. זי האָט נישט געהאַט קיין חברים און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַנדערש פון די אַרומיקע. זי האָט אָנגעהויבן צוצונעמען וואָג און האָט זיך אַליין געמאַכט אַן אײַנשפּריצונג, צוליב וועלכער זי האָט אין אַ קורצער צייט פאַרלוירן אַ סך וואָג. זי איז אַריין אין אַ פּאַניק און האָט זיך דערפילט שטאַרק קראַנק. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ווי אַ פּועל־יוצא פון דער אײַנשפּריצונג האָט זיך איר

גאַנצער גוף געביטן און אַז זי טויג שוין נישט מער. זי האָט פון צייט צו צייט געהאַט ראַנדקעס, אָבער די ייִנגלעך האָבן זי קיינמאָל נישט געבעטן מער אויף אַ צווייטער זעאונג.

אין 1953 האָט איר פעטער פון אַמעריקע זי געבעטן צו קומען און וואוינען מיט זיין משפחה. דאָרטן זענען פאָרגעקומען אַמפּערנישן מיט דער מומען און זי האָט געמוזט זיך אַרויסציען. אין יענער צייט האָט זי באַקומען אַ שטעלע ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט זי געקענט אַליין זיך אויסהאַלטן. דערנאָך האָט זי זיך באַקענט מיט איר איצטיקן מאַן.

איר ערשטער פסיכישער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דער חתונה. ס'האָבן אָנגעהויבן אויפקומען ביי איר פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַראַנאָאישער סכיזאָפרעניע. איר ערשטער אַטאַק איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליב איר שוואַנגערשאַפט פאַר דער חתונה. פאַראַן אין דעם אַ געוויסע סתירה, נעמענדיק אין באַטראַכט די „מאָראַל" ווייל די פּאַציענטקע האָט אַלע מאָל פאַרטיידיקט צניעות. אירע אַלע וויטערדיקע יאָרן זענען געווען געצייכנט מיט אַ פּראָגרעס פון איר קרענק מיט טיילמאָליקע אַקוטע אַטאַקעס („מע טאָר נישט האָבן קיין באַציאונגען פאַר דער חתונה, אויב מען איז אַ צניעותדיק מיידל"). לויט די באַריכטן פון אַנדערע מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל צו איינע־וויניקסטער אַרבעט, איז צניעות געווען איינע פון די לעצטע דאגות.

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט איין אַספּעקט פון דער „פאַרשוויג־קאָנספּיראַציע", וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אַן אידענטיפיצירונג פונעם געפייניקטן מיטן פייניקער.

און איצט אַ דריטער פאַל, וועמעס טראַוומאַטיזירונג איז געווען, אַזוי צו זאָגן, „מילד", אויב מיר פאַרגלייכן עס מיט דער תקופה פון די טויטן־לאַגערן. דאָ זענען פסיכישע שטערונגען אַ פּועל־יוצא דער עיקר פון סתירותדיקע סיטואַציעס.

דאָס איז געווען די צייט, ווען די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און די פּאַציענטקע, אַ יידיש קינד אין איינער פון די מיטלגרויסע שטעט אין דייטשלאַנד, איז פּלוצים אויסגעשטעלט געוואָרן צו דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע. די פּאַציענטקע איז אויפגעוואַקסן מיטן געפיל פון צוגעהעריקייט צום דייטשן פאָלק און האָט זיך געפילט גלייך מיט אַלע, ביז די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט. פּלוצים האָט דאָס

עלף־יאָריקע קינד דערפילט די דיסקרימינאַציעס, צו וועלכע זי איז געווען אויסגעשטעלט. ווי זי האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, איז איר גאַנצע וועלט פּלוצים איינגעפאַלן.

בסוד האָט זיך אויך איר געגלוסט זיך צו לאָזן וואוילגיין מיט די זעלבע עקסצעסן פון מאַכט און העכערקייט ווי די אַנדערע דייטשע קינדער, אָבער זיי האָבן איר באַלד געגעבן צו פילן, אַז זי איז אַנדערש. סיי לערערס און סיי תלמידים האָבן אָנגעהויבן זי צו פאַררעכענען פאַר אַ שונא פונעם דייטשן פאָלק. דאָס לעבן איז געוואָרן אַ קאָשמאַר. מיט אַ מאָל האָט מען אַ סך יידן אַרעסטירט אָן קיין שום ספּעציעלער סיבה. ס׳איז געווען די צייט פון דער גרויסער כוואַליע זעלבסט־מאָרדן. טויזנטער דייטשן פון יידישן אָפּשטאַם, וועמען מ׳האָט פּלוצעם געזאָגט, אַז זיי זענען יידן און שונאים פונעם דייטשן פאָלק, האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן. דעמאָלט (1933) האָבן זיי דאָס נישט געקענט אָננעמען און נישט געקענט עס איבערטראָגן. באַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידן וואָלטן קיינמאָל נישט גע־קענט זיין אין אַזאַ קלעם. זיי האָבן רעאַגירט אויף היטלערן ווי מען דאַרף רעאַגירן אויף אַ דם־שונא. זיי האָבן זיך דורך דער גאַנצער צייט פון די רדיפות קיינמאָל נישט געפילט דערנידעריקט.

דער פּאַציענטקעס פאָטער איז געווען אויסבאַהאַלטן. זי דערמאָנט זיך קלאָר דעם פּחד ביי יעדער נאַכט־אַבלאַווע פון די עס־עס־לייט, וואָס האָבן געזוכט איר טאַטן. ווי אַ רעזולטאַט דערפון פלעגט דאָס קילנגען פון טירגלעקל שטענדיק אַרויסרופן גרויסן פּחד. אַן אַבסעסיווע מורא פאַרן קלינגען פון טירגלעקלעך און פון טעלעפאָנען האָלט נאָך אָן ביז איצט. שפּעטער צו, ווען די פּאַציענטקע איז דערגאַנגען צו אַ פּסיכאָנעוראָטישן מצב, אין וועלכן זי האָט גענומען ניצן אַן איבערמאָס פון באַרואיקונג מיטלען, האָט זי שטענדיק געפילט אַ באַדערפעניש אויסצושליסן דאָס טירגלעקל, ווען זי האָט גענומען צופיל פאַרטויבעכץ.

ווען די פּאַציענטקע איז אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז זי געווען צוועלף יאָר אַלט. שוין דעמאָלט איז זי געווען אַ נעוראָטיש קינד, אָן אַ צוגעהעריקייט־געפיל, מיט אַטאַקעס פון שרעק און אומעט. אונטער דער השפּעה פונעם גינסטיקן אַרום זענען אירע סימפּטאָמען געוואָרן פאַרבאַהאַלטן אויף אַ צייט. אָבער זייער גיך — אין אירע צענער־יאָרן, האָט זי אָנגעהויבן צו באַקומען מיגרען־קאָפּווייטיק און ס׳איז פון

איר געוואָרן נישט אויסצוהאַלטן אין דער היים.

די פּאַציענטקע פּירט אַ לעבן פון אַ כראָניש געשטערטן נעוראָטיקער מיט טיילמאָליקע פּרואוון פון זעלבסטמאָרד, וואָס פּאָדערן לענגערע פּעריאָדן אין שפּיטאָל. במילא האָט איר צוזאַמענלעבן מיטן מאַן און איר משפּחה־לעבן צוליב דעם שטאַרק געליטן.

די פּסיכאָלאָגיע פון די לעבן־געבליבענע פון די טויטן־לאַגערן ציט צו אַלץ מער די אויפמערקזאַמקייט פון באַוואוסטע פּסיכיאַטערס. דער אַמעריקאַנער פּסיכאָאַנאַליטישער פאַרבאַנד האָט זיך אויף זיינע צוזאַמענ־פאָרן אַ מאָל זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון דער „סאָציאַלער קאַ־טאַסטראָפע" פון דער נאַצי־צייט. אָבער אין זייער אַנאַליז פונעם חורבן האָבן די לעקטאָרן אין גאַנצן פאַרזען דעם טראַנסקולטורעלן אַספּעקט. די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות זענען קולטורעל באַטראַכט געוואָרן ווי איין האָמאָגענע מאַסע. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן דעם גרעסטן טייל פּובליקאַציעס אויף דער טעמע, וואָס זיינען דערשינען ביז היינט. אַ גאַנץ אַנדער בילד, פאַרשטייט זיך, פּרעזענטירן די פּובליקאַציעס פון נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידן אויף העברעאיש אָדער יידיש.

די רעדנערס פון די פּסיכיאַטרישע קאָנגרעסן האָבן איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז דער גרעסטער טייל פון דער מאַסע זענען געווען נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידן, בשעת די אַנדערע זענען אַ סך מאָל געווען יידן, וואָס האָבן נאָר געטראָגן דעם נאָמען יידן. ביים אַנאַליזירן דעם געדאַנקען־גאַנג פון די קרבנות האָבן זיי זיך גערעכנט מערסטנס מיט די אַסימילירטע יידן. אַזוי אַרום זענען זיי געקומען צום אויספיר, אַז די נאַציס זענען אין גאַנצן מצליח געווען אין ברעכן דעם גייסט פון די קאַצעטלערס. ווי אַ ביישפּיל אויף דעם, אַז עס איז אינגאַנצן געבראָכן געוואָרן דער גייסט פון דער שארית־הפליטה, ברענגען זיי דעם כלומרשטן פאַקט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שום אָרגאַניזאַציעס פון אַמאָליקע קאַצעטלערס. וויסן מיר אָבער, אַז אין די פ"ש עקסיסטירן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זינט 1948, ווען די ערשטע פון דער שארית־הפליטה זענען אַהער געקומען. פאַראַן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אויך אין ישראל. די אַלע אָרגאַניזאַציעס גיבן אַרויס מאַטעריאַלן, ביכער און זשורנאַלן, וואָס באַהאַנדלען חורבן־טעמעס. זיי האַלטן אָפּ יערלעך געטאָ־אַקאַדעמיעס, העלפן אויפשטעלן מאָנומענטן לזכרון די קרבנות אאַז"וו.

די אַלע אַקטיוויטעטן האָבן די פסיכיאַטערס ווי ניט איז פאַרזען. קיינער האָט נישט דערמאָנט דעם באַגריף פון אייביקייט און אומצע־שטערלעכקייט פונעם יידישן פאָלק, אַ באַגריף וואָס האָט אַ סך פון די קרבנות געגעבן כוח צו ־גיין צום טויט מיט ווערדע, אויסצוהאַלטן די פיין און איבערצולעבן, אויב עס איז נאָר געווען די מינדסטע שאַנס ניצול צו ווערן.

די קלאַסישע אויסדרוקן „עם ישראל חי" און „נצח ישראל", אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק, האָבן באַקומען אַ נייעם מיין בשעת און נאָכן חורבן. זיי האָבן צוגעגעבן בטחון און גלויבן, אַז די פייניקערס וועלן סוף־כל־סוף האָבן אַ מפלה און דאָס יידישע פאָלק וועט מנצח זיין, ווי גרויס די אבדות זאָלן נישט זיין. דעם זעלבן אָפּטימיזם דריקט אויס דער „פאַר־טיזאַנער־הימן", אַנגענומען פון אַלע געראַטעוועטע, וואָס ער הייבט זיך אָן מיט „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"...

1970.

דער מאַראַנאָ־סינדראָם

(די געשיכטע און דער גורל פון אַ יידיש קינד בשעת און נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פוילן)

דער יידישער לייענער ווייסט מסתמא גאַנץ גוט, ווער עס זענען געווען די מאַראַנען. דאָס זענען געווען די יידן אין שפּאַניע און אין פּאָרטוגאַל, וועלכע זענען אין מיטלאַלטער, בשעת דער אינקוויזיציע געצוואונגען געוואָרן זיך צו שמדן אָדער גיין צום טויט אויף קידוש־השם. אַ גרויסער טייל פון די יידן האָט אויסגעקליבן אַ דריטע, הגם זייער געפערלעכע מעגלעכקייט: זיי האָבן לפי־פּנים אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי פאַרלאָזן דעם איבעריש האַלב־אינדזל און זיך באַזעצט אין האָלאַנד, טערקיי (אָדער אַנדערע מוסולמענישע לענדער), וואו מען האָט זיי דערלויבט זיך אומצוקערן צו יידישקייט און אַראָפּוואַרפן די מאַסקע פון אַרויפגעצוואונגענעם קריסטנטום.

נאָך דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען אין פּוילן אַ סך גערעדט וועגן די „מאָדערנע מאַראַנען". דאָס זענען געווען יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט היטלערס ממשלה אין באַהעלטעניש און אויפן סמך פון פאַלשע „אַרישע פּאַפּירן". נאָך דער מפּלה פון די דייטשן האָבן אַ טייל פון די דאָזיקע יידן נישט אַוועקגעוואָרפן זייערע פאַלשע „אַרישע" פּאַפּירן און נעמען און זענען פאַרבליבן אויף זייערע שטעלעס אָדער האָבן אָנגענומען אַנדערע פּאָסטנס אַלס „פּאָליאַקן". זיי האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן אָדער קולטורעלן לעבן אין פּוילן, וואָס האָט דעמאָלט ווידער אויפגעבליט אין משך פון 2 ביז 4 יאָר. זייער צאָל איז געוואָרן פאַרגרעסערט דורך אַ גאַנצער ריי פון יידישע אינטעלעגענטן, וואָס האָבן איבערגעלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואוהין זיי זענען אַנטלאָפן פון היטלערן, ווייל זיי זענען געווען באַקאַנט אין פּוילן צוליב זייערע פּראָ־קאָמוניסטישע שטימונגען און טעטיקייטן.

אָט די פון ראַטנפאַרבאַנד געקומענע יידישע אינטעליגענטן האָבן באַלד פאַרפּוילישט זייערע אָריגינעלע יידישע נעמען און צוזאַמען מיט דער ערשטער גרופּע פון „אַריער" פון בימי־היטלער האָבן זיי איבערגענומען די העכסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס און פּאָזיציעס

אין דער רעגירונג פון דעם נייעם און „באַפרייטן״ פוילן.

די קליגערע יידן (פּאָליאַקן „בלעז״) און די סאָוועטן האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקע דערשיינונג. די פשוטע סיבה איז געווען, אַז די פּאָליאַקן (כמעט 100 פּראָצענט) האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט ווערן „באַפרייט״ דורך די סאָוועטן. איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דער מעשה־קאַטין אין 1940, ווען די סאָוועטן האָבן אויס־געפירט מאַסן־עקזעקוציעס איבער 10,000 פוילישע אָפיצירן און גע־וועזענע הויכע פוילישע מלוכהלייט, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין סאָוועטישע הענט נאָכן היטלער־סטאַלין אָפּמאַך. איך בין נישט קיין היסטאָריקער און איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף די אַלע באַרעכטיקטע צי נישט־באַרעכטיקטע סיבות, צוליב וועלכע די פּאָליאַקן האָבן באַלד אין אָנהייב געפילט און פאַרשטאַנען, אַז פוילן איז אין פאַקט געוואָרן אָקופּירט דורך די סאָוועטן און בדרך־כלל האָט יעדער פוילישער אינטעליגענט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען וועלכן עס איז פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין אַ רעגירונג, געשאַפן דורך די סאָוועטן. פון דער אַנדערער זייט האָבן אויך די סאָוועטן פאַרשטאַנען, אַז אין יענער צייט האָבן זיי ניט געטאָרט אַנפאַרטרויען וועלכן עס איז באַדייטנדיקן מלוכה־אַמט צו די פוילישע אינטעליגענטן (מיט קליינע אויסנאַמען).

זענען געבליבן נאָר די יידן מיט די „אַרישע״ נעמען און פאַלשע פוילישע פּאַפּירן, וועלכע די סאָוועטן האָבן, באין ברירה, געמוזט אויס־ניצן אין אָט דער לאַגע.

נאָר, ווי געזאָגט, געשיכטע איז נישט מיין געביט. איך פאַרנעם זיך מיט פּסיכיאַטריע. אָבער ווען איך וואָלט נישט געוואוסט און פאַרשטאַנען אָט די געשיכטלעכע פאַקטן, וואָלט איך זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דעם פאַל, וואָס איך גיי באַשרייבן און מיט די אויספירונגען וואָס איך פּרוּוו צו מאַכן.

אין דעם יאָר 1942, ווען אין נאַצי־אָקופּירטן פוילן זענען די דייטשן געווען אויף זייער הויכפּונקט פון „ליקווידירן״ די יידן און דעם גאַנצן יידישן ישוב אין פוילן, האָט אַ יידישע פרוי נישט ווייט פון וואַרשע געבוירן אַ מיידעלע אין אַ נישט־יידישן שפּיטאָל. די דאָזיקע יידישע פרוי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט איר קינד. זי האָט דעריבער געבעטן דעם פוילישן דאָקטער, וואָס האָט

אָפּגענומען דאָס קינד, איבערצוגעבן דאָס דאָזיקע מיידעלע צו אַ קריסטלעך פּאַרפּאָלק, וואָס האָט נישט קיין אייגענע קינדער און אַזוי אַרום אָפּראַטעווען דאָס לעבן פון איר קינד. דער פּוילישער דאָקטער האָט איר דאָס צוגעזאָגט. די דאָזיקע פרוי האָט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל ווי באַלד איר געזונט־צושטאַנד האָט עס איר דערלויבט. האָט זיך פאַראייניקט מיט איר מאַן און צוזאַמען האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער אַרום וואַרשע. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן זיי די דייטשן געכאַפּט און דערשאָסן.

דער פּוילישער דאָקטער האָט נישט געקענט האַלטן אין שפּיטאָל דאָס דאָזיקע קינד אַ סך לענגער ווי די פאַרגעשריבענע צייט (אַרום 8־10 טעג). ער האָט דאָס קינד איבערגעגעבן צו אַ פּוילישער פרוי, וואָס ער האָט געקענט. זי האָט ווייטער איבערגעגעבן דאָס קינד צו איר שוועסטער, וועלכע האָט געפונען אַ קינדערלאָז פּויליש פּאַרפּאָלק, וואָס האָבן איבערגענומען דאָס קינד, כדי עס צו דערציען ווי זייער אייגן קינד — אַ פּויליש מיידעלע.

איך מוז דאָ איבעררייסן די דערציילונג, כדי צו באַשרייבן ווי אַזוי איך בין געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם דאָזיקן „פאַל" כמעט 28 יאָר שפּעטער אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

אין קוני־איילאַנד־שפּיטאָל, וואו איך אַרבעט אַלס אַ פּסיכיאַטער, איז דעם 25 אויגוסט 1967 געקומען צו דער „עמוירדזשענסי"־אָפּטיילונג אַן 28־יאָריקע פרוי, שלאַנק, בלאַס און זייער צערודערט. זי האָט זיך געקלאָגט, אַז זי קען נישט שלאָפן, זי האַלט אין איין וויינען און זי פילט ווי דאָס האַרץ וואָלט אָט־אָט געפּלאַצט... מען האָט אונטערגעזוכט איר פיזישן צושטאַנד, זי האָט געהאַט אַן עלעקטראָ־קאַרדיאָגראַם, רענטגען פון איר ברוסטקאַסטן מיטן האַרץ, פאַרשיידענע בלוט־טעסטן, אָבער מען האָט גאָרנישט געפונען, וואָס זאָל אָנווייזן, אַז זי האָט עפּעס אַ פיזישע קראַנקייט. צום סוף האָט מען גערופן אַ קאָנסולטאַנט פון מיין קליניק, וועלכער איז געווען אַן איטאַליענישער פּסיכיאַטער. די פּאַציענטקע האָט איבערגעגעבן, אַז זי איז געקומען פון פּוילן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ יידישן בחור און מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט זי געבוירן אַ ייִנגעלע, וועלכן מען האָט מל געווען 8 טעג נאָכן געבוירן ווערן (אין אַ שול) לויטן יידישן דין. נאָך דעם ווי מען האָט מל געווען איר זון, איז זי שטאַרק צערודערט געוואָרן, האָט אויפ־

געהערט צו שלאָפן נאָרמאַל, האָט נישט געקענט אויפהערן צו וויינען און האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז איר האַרץ וועט סוף־כל־סוף פּלאַצן... זי האָט אויך צוגעגעבן, אַז אין פּוילן פלעגט מען מל זיין נאָר יידישע יינגעלעך, אָבער קיינמאָל נישט קיין קריסטלעכע. דער איטאַליענער האָט נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט איר קאָנ־פליקט, ווייל דאָ אין אַמעריקע איז „סירקומסישאָן״ אַ רוטין־פּראָצעדור פאַר אַלע יינגעלעך ניי־געבוירענע, אָן אונטערשייד צו וועלכן גלויבן זיי געהערן. ער האָט איר פאַרשריבן אַ באַרואיקונגס־מיטל און איר געהייסן קומען צו דער פּסיכיאַטרישער קליניקביים קוני־איילאַנד שפּיטאָל, וואו זי וועט קענען ריידן צו אַ פּסיכיאַטער, וואָס וועט אפשר בעסער פאַרשטיין איר פּראָבלעם. ער האָט מיך געבעטן איבערצונעמען דעם דאָזיקן פאַל.

די דאָזיקע פרוי איז נישט געקומען צו דער פּסיכיאַטרישער קליניק, ווי דער איטאַליענישער פּסיכיאַטער האָט איר געהייסן. מיך האָט די גאַנצע זאַך זייער פאַראינטערעסירט. די קליניק האָט איר באַלד אַרויס־געשיקט אַ בריוו מיט אַ באַשטימטער דאַטע און שעה, ווען זי וועט מיך קענען זען. זי איז נישט געקומען. דער בריוו איז צוריקגעקומען צו דער קליניק מיט דעם שטעמפּל: „די דאָזיקע פּערזאָן געפינט זיך נישט אויף דעם געגעבענעם אַדרעס״. זי האָט געגעבן אין דער קליניק נישט איר אייגענעם אַדרעס, אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן איר נאָמען אין טעלעפאָן־בוך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טעלעפאָן־נומער, וואָס זי האָט אָנגעגעבן, איז אַ ריכטיקער. ווען אונדזער סעקרעטאַרשע האָט צו איר געפּרואווט ריידן, האָט זי נישט געענטפערט, זי האָט געזאָגט „וראָנג נאָמבער״ און האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל. דעמאָלט האָב איך אַליין גערופן דעם זעלבן נומער, איך האָב באַלד גערעדט צו איר פּויליש, האָב איר געזאָגט, אַז איך בין אַ יידישער פּסיכיאַטער, וואָס שטאַמט פון פּוילן און אַז איך וואָלט איר גערן געהאָלפן, ווען זי וואָלט געקומען און מיר געזאָגט וואָס עס צערודערט זי אַזוי שטאַרק. זי איז מסכים געווען און איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט.

ווען זי איז געקומען, איז זי שוין געווען אַ ביסל רואיקער, אָבער נאָך אַלץ זייער דעפּרימירט. מיר האָבן גערעדט פּויליש און זי האָט מיר איבערגעגעבן איר געשיכטע: זי איז אויפגעוואַקסן אין וואַרשע נאָך דער מלחמה ווי אַ קריסטלעך פּויליש מיידל אין דעם גלויבן, אַז אירע עלטערן

זענען אירע אייגענע עלטערן, אָן וועלכן עס איז חשד, אַז זי האָט עפּעס אַ שייכות צו יידן. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּוילישן בחור, וואָס האָט געוואוינט בשכנות, ווען זי איז אַלט געווען 18 יאָר. זי האָט זיך אַריבער־געצויגן צו איר מאַנס עלטערן, ווייל צו קריגן אַן אייגענע דירה אין וואַרשע איז געווען פאַר דעם דורכשניטלעכן בירגער אַן אוממעגלעכע זאַך (ווי עס איז נאָך היינט). קיין זאַך האָט זי נישט צוריקגעהאַלטן צו פאַרלאָזן אַזוי גיך דאָס הויז פון אירע עלטערן, צווישן וועלכע עס זענען שטענדיק אַנגעגאַנגען קריגערייען. איינע פון די סיבות איז געווען וואָס נאָך בימי־היטלער האָט מען פאַרשיקט איר „פאָטער" אויף צוואַנגס־אַרבעט און איר „מוטער" האָט זיך נאָך דעם אויסגעזוכט אַ געליבטן. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איר „טאָכטער" ווי ווייט זי האָט נאָר געקענט. זי האָט זי אָבער געמוזט איבערלאָזן אויף גאַנצע טעג אין דעם פינצטערן שטיבל אין וועלכן זיי האָבן געוואוינט, בשעת זי אַליין האָט געמוזט גיין צו דער אַרבעט, אָפּרייניקן די פאַרברענטע וואַרשע פון די חורבות, וואָס האָבן בלאָקירט די געוועזענע גאַסן.

עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה, בשעת אונדזער פּאַציענטקע האָט געמאַכט אַ באַזוך צו איר „מוטער", איז אַ שכנה איר נאָכגעגאַנגען אויפן וועג אַהיים און האָט איר מודיע געווען, אַז אייגנטלעך איז זי נישט די נאַטירלעכע טאָכטער פון אירע עלטערן, נאָר אַ יידיש קינד, וואָס אירע „עלטערן" האָבן דערצויגן אַלס אַ קריסטלעך פּויליש מיידל. אונדזער פּאַציענטקע איז קודם דערשיטערט געוואָרן פון אַזאַ בייס, זי איז צוריק־געגאַנגען צו איר „מוטער" און געפרעגט צי דאָס איז אמת. איר „מוטער" האָט עס באַשטעטיקט ווי אַן אמת, נאָר זי האָט געוואָרנט קיינעם דערפון נישט צו זאָגן.

אונדזער פּאַציענטקע האָט עס דערציילט איר מאַן און שוויגער, מיט וועלכער זי האָט זיך גוט פאַרטראָגן. אָט די נייס האָט זי אָבער נישט געלאָזט רוען: זי האָט אָנגעהויבן צו לייענען ביכער וועגן דעם גורל פון די יידן בימי־היטלער. זי האָט געמאַכט אַן אויספלוג צו דעם מוזעאום אין אוישוויץ, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט. צווישן די באַזוכערס דאָרט האָט זי געקענט באַמערקן אַ היפּש ביסל יידן. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די צווי שוועסטער, וואָס האָבן זי איבערגעגעבן צו אירע „עלטערן", האָבן פון צייט צו צייט באַקומען פּעקלעך פון אירס אַ מומע

(דעם טאַטנס שוועסטער), וואָס האָט איבערגעלעבט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און איז באַלד געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער באַפרייאונג. די מומע האָט געשיקט די דאָזיקע פּעקלעך, כדי זיך פון די שוועסטער צו דערוויסן, וואו עס געפינט זיך אירס אַ ניכטע, וואָס איז אַלס אַ קליין מיידעלע איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פּויליש פּאָרל, כדי אַזוי אַרום צו ראַטעווען דאָס דאָזיקע מיידעלע פון אַ זיכערן טויט.

די צוויי פּוילישע שוועסטער האָבן צוגענומען די פּעקלעך פון אַמעריקע, זיי האָבן אָבער גאָרנישט געענטפערט און האָבן גאָרנישט געטון, כדי מעגלעך צו מאַכן, אַז אונדזער פּאַציענטקע זאָל קומען אין קאָנטאַקט מיט איר מומע אין אַמעריקע, מורא האָבנדיק, אַז אַזוי אַרום וועלן די פּעקלעך פון אַמעריקע אויפהערן צו קומען צו זיי.

נישט קענענדיק פּטור ווערן פון דעם געדאַנק, אַז זי איז אַ יידיש קינד און אַז עס איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן, אַז עמעצער פון איר משפחה איז לעבן געבליבן ערגעץ וואו אין דער וועלט, איז אונדזער פּאַציענטקע געגאַנגען צו דעם „רויטן קרייץ״ אין וואַרשע (דאָס איז געווען נאָך פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה פון 1967 אין מיטעלן מזרח), וואו זי האָט איבערגעגעבן וואָס זי האָט געוואוסט וועגן איר אייגענער געשיכטע און האָט געבעטן איר צו העלפן אויסזוכן וועמען עס איז נאָר געלונגען צו בלייבן לעבן פון איר אייגענער משפחה ערגעץ־וואו אין דער וועלט.

איר מומע אין ניו־יאָרק האָט פון איר זייט געהאַלטן אין איין שרייבן צום רויטן קרייץ, בעטנדיק מען זאָל איר העלפן געפינען אירס אַ ניכטע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן (אין 1942), נישט לאַנג נאָך איר געבורט, צו אַ פּויליש פּאָרפּאָלק, וואָס וועט זי דערציען ווי זייער אייגן קינד, און אַזוי אַרום ראַטעווען דאָס מיידעלע פון אַ זיכערן טויט. דעם פּאַציענטס מומע איז אויך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אַ יידישן מאַן אין וואַרשע, וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער און געוואָרן באַפרייט נאָך היטלערס מפּלה.

צום סוף האָט דער רויטער קרייץ אין וואַרשע צוזאַמענגעבראַכט אונדזער פּאַציענטקע מיט דעם דאָזיקן מאַן. פון אים האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איר טאַטנס שוועסטער לעבט אין ניו־יאָרק. זי האָט געקראָגן איר מומעס נאָמען און אַדרעס אין ניו־יאָרק און נישט וואַרטנדיק לאַנג האָט זי צו איר געשריבן קיין ניו־יאָרק. עס האָט נישט לאַנג גענומען און

אונדזער פּאַציענטקעס מומע האָט איר געשיקט אַ בילעט פאַר איר און איר 6־יאָריקער טאָכטער מיט אַ ציטווייליקער וויזע אויף 3 חדשים צו קומען קיין אַמעריקע. אונדזער פּאַציענטקעס מאַן איז מיט איר מיטגע־גאַנגען אומעטום. ער איז גאָר געווען צופרידן פון דער גאַנצער זאַך, האָפנדיק, אַז ווען זיין פרוי און קינד וועלן קומען קיין אַמעריקע, וועט זיין פרוי אויספועלן, אַז זיי זאָלן דערלויבן צו בלייבן אויף שטענדיק אין אַמעריקע און דערנאָך וועט עס שוין זיין אַ פראַגע פון צייט ביז עס וועט איר געלינגען אים אויך אַרויפצוברענגען קיין אַמעריקע.

אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך די זאַך אַנטוויקלט גאַנץ אַנדערש. די פּוילישע מלוכה־אָרגאַנען האָבן פאַרבאָטן איר מאַן צו פאַרלאָזן פּוילן און זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע זיינע בקשות פאַר אַ פּאַספּאָרט קיין אויסלאַנד.

אונדזער פּאַציענטקע האָט זיך דערווייל איינגעשריבן אין אוניווער־סיטעט. זייענדיק אַ סטודענטקע אין קאָלעדזש האָט אונדזער פּאַציענטקע באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע ביז זי וועט ענדיקן קאָלעדזש. אין קאָלעדזש האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יידישן יונגן־מאַן, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איר און מיט איר גורל. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן רעגלמעסיק אין משך פון 2 יאָר. דער דאָזיקער יונגער־מאַן האָט שוין אַלץ געוואוסט וועגן איר מצב און ער האָט איר דערקלערט, אַז דאָס קאָמוניסטישע פּוילן וועט קיינמאָל נישט דערלויבן איר מאַן צו פאַרלאָזן פּוילן, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט איר אין אַמעריקע. ער האָט איר געראָטן זי זאָל אָפּגטן איר מאַן און זיין פריי נאָכצוגיין אירע אייגענע פּלענער אין אַמעריקע. איר מאַן אין פּוילן איז מסכים געווען איר צו שיקן אַ גט אין דער האָפענונג, אַז דאָס וועט פאַרגרעסערן זיינע שאַנסן אויף צו קריגן אַ פּאַספּאָרט קיין אַמעריקע.

בשעת דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען איז אונדזער פּאַציענטקע און דער יונגער־מאַן, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען, געוואָרן אַלץ נענטער און היימישער און זיי האָבן חתונה געהאַט נישט לאַנג נאָך דעם ווי זי האָט באַקומען איר גט פון איר פּוילישן מאַן. די חתונה האָט מען איינגעאָרדנט אויפן אַמעריקאַנער שטייגער — אין אַ סינאַגאָגע. בשעת מעשה האָט זי זיך געפילט זייער מאָדנע: אירע געפילן זענען געווען געמישטע: פאַר און קעגן אין דער זעלבער צייט.

פון איין זייט זענען געווען די פּאָזיטיווע געפילן פאַר אירע „עלטערן״, וואָס האָבן זי דערצויגן און פאַר דער גאַנצער פּוילישער סביבה אין וועלכער זי איז אויפגעוואַקסן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט פאַרראַטן איר ערשטן פּוילישן מאַן, וואָס האָט זיך גוט באַצויגן צו איר און האָט אויך צוגענומען זיין קינד פאַר זיך.

פון דער אַנדערער זייט האָט זי געפילט, אַז זי קען נישט און טאָר נישט אַנטלויפן פון איר יידישן גורל. וויפל יידישע קינדער זענען דאָס לעבן געבליבן פון צווישן דעם מיליאָן יידישע קינדער, וואָס היטלער האָט באַוויזן אויסצוקוילען און צו פאַרברענען? זי אַליין, איינע פון די אויסנאָמען, ווייסט דאָך גאָרנישט וועגן אירע אמתדיקע עלטערן, אויסער דעם וואָס איר מומע, איר טאַטנס שוועסטער דערציילט איר וועגן זיי. עס זענען געווען צייטן, ווען זי האָט נישט געוואוסט וואוהין זי געהערט: צו דער פּוילישער סביבה, וואו זי איז אויפגעוואַקסן, צו אירע פּוילישע עלטערן און איר פּוילישן מאַן מיט וועלכן זי האָט געהאַט אַ קינד — אָדער צו איר איצטיקן יידישן מאַן און צו דער יידישער סביבה, אין וועלכער זי לעבט איצט.

שוין נאָך דער חתונה מיט דעם יידישן מאַן אין ברוקלין האָט זיך איר פּראָבלעם אָנגעהויבן מער און מער צו פאַרפּלאָנטערן. זי האָט פאַר־בעטן איר פּוילישע „מאַמע״ צו זיך קיין אַמעריקע. איר האָט מען יאָ דערלויבט אַרויסצופאָרן אויף אַ באַזוך צו איר „טאָכטער״. זי האָט פאַר־בראַכט מיט אונדזער פּאַציענטקע 3 חדשים אין איר הויז. בשעת־מעשה האָט איר פּוילישע „מאַמע״ אָפן אויסגעדריקט איר אומצופרידנקייט, וואָס אונדזער פּאַציענטקע האָט זיך אומגעקערט צום יידנטום. זי האָט געזאָגט, אַז „אַלע דאָ לעבן אין אַ געטאָ״... (אָשען עוועניו), ווייל אָרום און אַרום וואוינען דאָך נאָר יידן...

אין אָט דער צייט פון ערשטן אינערלעכן קריזיס האָט אונדזער פּאַציענטקעס מומע (וואָס האָט זי געבראַכט קיין אַמעריקע) איר אַ סך געהאָלפן, אויפקלערנדיק איר די פאַקטן, וועלכע זי האָט נישט פאַרשטאַנען, ווייל אויפוואַקסנדיק אין דער פּוילישער סביבה האָט זי געהאַט די נטיה צו זען אַלץ אין אַזאַ ליכט ווי די פּוילישע „מאַמע״ האָט עס געזען.

אונדזער פּאַציענטקע איז פון דעם אַלעם געוואָרן מער פאַרווירט און צעררודערט. די קעגנזאַצן צווישן די אידעען פון דער פּוילישער וועלט

אין וועלכער זי איז אויפגעוואַקסן און די אידעען פון דער קעגנוואַרטיקער יידישער סביבה, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, האָבן זי אָנגעהויבן אַלץ מער צו צערודערן. אָבער דער הויכפּונקט פון אָט דער צערודערונג איז געקומען ערשט נאָך דעם ווי זי האָט געבוירן אַ זון צו איר יידישן (צווייטן) מאַן, וועלכן מען האָט מל געווען בדרך רוטינע און אויך לויטן יידישן דין. זי האָט זיך נאָך אַלץ געפילט צוגעבונדן צו איר ערשטן פּוילישן מאַן מיט וועלכן זי האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס איז דעמאָלט שוין אַלט געווען קרוב צו 8 יאָר. זי האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס זי האָט אים איבערגעלאָזט און דערצו נאָך צוגענומען זיין טאָכטער... בנוגע איר ניי־געבוירענעם זון האָט זי געהאַט אַ טיף שולד־געפיל, וואָס מען האָט אים מלע געווען און אַזוי אַרום „געמאַכט פון אים אַ ייד". אמת, דאָ אין אַמעריקע האָט מען בכלל פון דער באַשניידונג נישט געמאַכט קיין גרויסן פּראָבלעם, אָבער אין פּוילן האָט מען גאַנץ אַנדערש געקוקט אויף אָט דעם: צו זיין באַשניטן האָט פּשוט געהייסן צו זיין אַ ייד. וויפל יידן האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס צוליב אָט דעם פאַקט! אויב עס איז געווען אַ חשד, אַז דער אָדער יענער „פּוילישער" יונגערמאַן, מיט די בעסטע „אַרישע" פּאַפּירן, איז אפשר סוף־כל־סוף אַ באַהאַלטענער ייד, איז דאָך געווען גאָר נישט פּשוטער ווי זיך צו איבערצייגן, צי ער איז באַשניטן אָדער נישט.

אָט דער געדאַנק, באַוואוסטזיניק אָדער נישט באַוואוסטזיניק, האָט זי נישט געלאָזט רוען, ווייל אין איר טראַכטן איז זי מיינסטנס נאָך אַלץ געווען אין פּוילן און איר אינערלעכער ריס איז געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער — ביז זי האָט איינגעזען, אַז זי קען ווייטער אַזוי נישט אָנגיין און איז געקומען זוכן הילף אין קוני־איילאַנד קליניק. אָבער שוין דער אופן אַליין פון איר זוכן הילף איז זייער כאַראַקטעריסטיש און איך האָב עס געהאַלטן פאַר וויכטיק אָנצוּואַוויזן דערויף.

אין אונדזערע זיצונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַציענטקע האָלט נאָך אָן אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט איר געוועזענעם פּוילישן מאַן, וואָס האָט דערווייל נאָך נישט גענומען קיין צווייטע פרוי, כאָטש ער האָט געהאַט דאָס פולע רעכט דאָס צו טון. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָך נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז זי וועט אים, ווי עס איז, העלפן קומען קיין אַמעריקע. אָבער דערווייל האָט ער פאַרלאַנגט געלט

— און מיט יעדן בריוו אַלץ גרעסערע סומעס. אונדזער פּאַציענטקע האָט נאָך נישט געאַרבעט און איז געוואָרן אויסגעהאַלטן דורך איר יידישן מאַן. איר מצב האָט אויסגעזען פֿאַר איר זייער פאַרפּלאָנטערט. פון איין זייט האָט זי געפילט, אַז זי איז עפּעס שולדיק איר ערשטן פּוילישן מאַן, פון וועלכן זי איז אַוועק און מיטגענומען דאָס קינד. פון דער אַנדערער זייט האָט זי זיך נישט געפילט גוט צו גיין צו איר איצטיקן מאַן און פאַרלאַנגען געלט, כדי עס צו שיקן איר פּוילישן אָפּגעגטן מאַן. זי האָט געהאַט אירע אייגענע קליינע פאַרדינסטן פון „בעיבי־סיטינג״, פון שטריקן סוועטערס און אַט דאָס געלט האָט זי געשיקט צו איר געוועזענעם מאַן אין פּוילן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געקענט אָנגיין און צום סוף איז זי צוזאַמענגעבראָכן און אירע עמאָציעס האָבן איבערגענומען דעם קאָנ־טראָל איבער איר פאַרשטאַנד און אַלע אירע קאָנפליקטן האָבן באַקומען אַ סאָמאַטישן כאַראַקטער. און דאָס איז דער מאָמענט ווען איך האָב איבערגענומען איר היילונג.

איך רוף אַט דאָס יידישע מיידל „מאַראַן״, כאָטש זי אַליין איז געווען נאָך צו אַ קליין קינד, כדי שוין זיין פעאיק עפּעס צו טון, וואָס וואָלט פאַרלייקנט איר אידענטיטעט און אַזוי אַרום ראַטעווען איר לעבן. אַנדערע האָבן עס פֿאַר איר געטון. אָבער דאָס איז נישט דער וויטכיקסטער פּונקט. וויכטיק איז, אַז זי איז געוואָרן דערצויגן ווי אַ קריסטלעך מיידל און פון דעם מאָמענט ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אירע נאַטירלעכע עלטערן זענען געווען יידן, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן צו זוכן וועגן, כדי זיך אומצוקערן צו יידן און צו יידישקייט. אָט דער וועג צוריק איז געווען פול מיט איבערלעכע קאָנפליקטן און סוף־כל־סוף האָט עס דערפירט צו אַ נערוון־צוזאַמענבברוך, וועלכן איך רוף „מאַראַנען־סינדראָם״.

כדי צו שאַפן אַ נייעם איינס אין דער פסיכיאַטרישער נאָמענקלאַטור, קען מען זיך אָבער נישט שטיצן נאָר אויף איין פאַל. דאָך, ווי אַ סך פון אונדז ווייסן, זענען אַ סך ענלעכע פאַלן פאַראַן און אפילו נישט אַלע שטאַמען פון פּוילן (איך האָב אין מיין שרייב־קעסטל די „טשאַרט״ פון אַ מאַן, וואָס זיין גאַנצע קראַנקייט איז דער „מאַראַנען־סינדראָם״ און ער איז דווקא אַ געבוירענער אין אַמעריקע...). דער תמצית פון דעם „מאַראַנען סינדראָם״ איז די גאַנצע אָנשטרענגונג פון יחיד (צי ער טוט עס אַליין אָדער אַנדערע טוען עס פאַר אים) צו פאַרלייקענען זיין יידישע אָפּשטאַמונג,

אַ זאַך, וואָס גיט זיך אים נישט איין און פירט צו אַ גאַנצער ריי פּסיכישע קאָנפליקטן.

איך האָב געהאַט מיט מיין פּאַציענטקע בסך־הכל 19 שעה פון פּסיכיאַטרישע זיצונגען („סעסיעס"). אין אָט דער צייט האָט זי מיר איבערגעגעבן, אַז זי וואָלט זייער געוואָלט מאַכן אַ באַזוך קיין פּוילן — כאָטש נאָך איין מאָל אַ קוק געבן... זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז נאָך אַזוי שטאַרק אין איר... זי האָט געוואוסט, אַז איר ערשטער פּוילישער מאַן האָט שוין ווידער חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער און זיין פאַרלאַנג, אַז מיין פּאַציענטקע זאָל אים שיקן געלט איז געוואָרן שטאַרקער מיט יעדן בריוו, וואָס ער האָט איר געשריבן, ער אַליין האָט ניט געשיקט אפילו אַ קליינינקע מתנה צו זיין מיידעלעס געבוירנטאָג...

אפילו נאָך 2 חדשים פון טעראַפּיע איז זי געווען זייער גענייגט אָנצוהייבן צו וויינען, ספּעציעל ווען זי האָט געהערט אָדער געלייענט אַ טרויעריקע מעשה וועגן קינדער. איינמאָל האָט זי געפילט, אַז זי מוז טעלעפאָנירן צו איר געוועזענעם מאַן. ווען דער טעלעפאָן־„אָפּערעיטאָר" האָט שוין אַלץ דורכגעפירט, האָט זי אין לעצטן מאָמענט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל... אַן אמתער דורכברוך איז ערשט געקומען, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איר ערשטן מאַנס איצטיקע פרוי איז פאַרשוואַנגערט געוואָרן. באַלד זענען פאַרשוואונדן אירע שולד־געפילן וועגן דעם, וואָס זי האָט מיטגענומען איר טאָכטער מיט זיך קיין אַמעריקע. מיט אַמאָל איז פּוילן געוואָרן זייער, זייער ווייט... זי האָט זיך אומגעקערט צו דער איצטיקער, אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, צו איר מאַן און יונגן זון און צו איר גייער יידישער משפחה.

איך האָב זי נאָך איין מאָל געזען מיט 6 חדשים שפּעטער. זי האָט באַזוכט קאָלעדזש און האָט זיך נישט געקלאָגט אויף גאָרנישט. פּוילן איז שוין געווען אַ פאַרמאַכט בוך.

.1972

דער דריטער חורבן און די פּסיכאָ־אַנאַליטישע אינטערפּרעטאַציעס

עס זענען שוין פאַרגאַנגען עטלעכע און דרייסיק יאָר, זינט אונדזער גרויסער חורבן האָט זיך געענדיקט. בשעת דעם חורבן האָבן די היטלער־בעסטיעס און זייערע משרתים באַוויזן צו פאַרטיליקן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און דערצו זיין סאַמע לעבעדיקסטן טייל — דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום, וואָס איז געווען דער סאַמע שעפערישסטער טייל, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר׳ן שאַפן דעם אָנהייב פון אַ יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע און דערנאָך ישראל, וואו יידישע קולטור אין אַלע אירע שאַטירונגען האָט געבליט און וואו ס׳איז געשאַפן געוואָרן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור וואָס דערהאַלט אונדז נאָך אַלץביים לעבן.

דער יידישער לייענער ווייסט דאָס אַלץ, אָבער עס איז וויכטיק עס צו דערמאָנען אין שייכות מיט דעם ענין, מיט וועלכן איך גיי זיך פאַרנעמען: ווי אַזוי שאַצן אָפּ די פּסיכיאַטערן פון דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער שול די פּסיכאָלאָגיע פון די געראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום?

זייער אָפּשאַצונג פון דער פּסיכאָלאָגיע פון די אָפּגעראַטעוועטע („סאַרוויוואָרס״) שטיצט זיך, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אויף אָפּגע־בליאַקעוועטע פּסיכאָ־אַנאַליטישע שאַבלאָנען, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות צו די איבערלעבונגען פון די געראַטעוועטע און צו זייערע ליידן. ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ געקענט געשען?

איך באַשולדיק אָט די פּסיכאָ־אַנאַליטיקער ניט אין בייזוויליקייט. אַ סך פון זיי זענען מיינסטנס יידן, אַליין פּליטים פון דייטשלאַנד, ווען עס איז נאָך געווען מעגלעך צו פאַרלאָזן היטלערס דייטשלאַנד און זענען דאָ געוואָרן פּראָפעסאָרן פון פּסיכיאַטריע. אַ היפּשער טייל פון זיי האָבן פּאַקטיש געהאָלפן היטלערס קרבנות צו באַקומען עפּעס אַ קאָמפּענסאַציע פון דער דייטשער רעגירונג.

עס האַנדלט זיך אָבער דאָ נישט וועגן געלט־קאָמפּענסאַציעס. קיין שום געלט אין דער וועלט קען נישט קאָמפּענסירן („ווידערגוטמאַכן״) נישט די איינצלנע יחידים, וואָס האָבן באַוויזן איבערצולעבן, און נישט די מיליאָנען יידן וואָס זענען אומגעקומען.

דאָס געלט, וואָס די דייטשן האָבן באַוויליקט צו געבן, איז נאָר

אַ טייל פון די פּאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן צוגערויבט ביי די יידן.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי אַזוי עס זעען אויס שאַצן אָפּ די פּסיכאָ־אַנאַליטישע פּראָפעסאָרן דעם גייסטיקן צושטאַנד און די פּסיכאָ־לאָגיע פון די, וואָס האָבן באַוויזן איבערצולעבן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע פּראָפעסאָרן זענען געפאַנגענע פון זייערע אייגענע טעאָריעס און זיי פּרוּווּן בגעוואַלט צוצופּאַסן זייערע פּרווידיאַנישע סטערעאָטיפּן צו די פאַרשיידענע עקזיסטירנדיקע אָדער „אינטערפּרעטירטע" סימפּטאָמען — (פּשוט גערעדט: אויסגעטראַכטע אין הסכם מיט אַלגעמיין־אָנגענומענע פּסיכאָ־אַנאַליטישע פאָרמולעס, לויט דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער שיטה). פון דער אַנדערער זייט איז גוט צו וויסן, אַז דאָ אין אַמעריקע ווערן די רייען פון די „אָרטאָדאָקסישע" פּסיכאָ־אַנאַליטיקער אַלץ שיטערער און שיטערער, ווייל אפילו אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען האָט דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער היילונג־מעטאָד גאָר אַ קנאַפּע ווירקונג אפילו אויף נישט־ערנסט קראַנקע.

ווען די אַלע יידיש־דייטשע פּסיכיאַטערן זענען אַנטלאָפן פון היטלערן און אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט מען זיי זייער פיין אויפגענומען און זיי האָבן אַפילו נישט באַדאַרפט מאַכן די אַלע אָפיציעלע עקזאַמענס (ווי די דאָקטוירים פון דער שארית־הפליטה וואָס זענען אָנגעקומען נאָך דער מלחמה). זיי זענען אַלע געוואָרן פּרווידיאַנער, ווייל די באַדינגונגען זענען געווען דעמאָלט פונקט צוגעפּאַסט פאַר אָט דעם מעטאָד. שפּעטער האָבן זיך זייערע פּאַציענטן אַרומגעזען, אַז נאָך 10 יאָר פאַרברענגען יעדן טאָג אַ שעה אויפן „קאָוטש" זענען זייערע סימפּטאָמען געבליבן די זעלביקע ווי פריער. דער גאַנצער חילוק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז נאָך 8־10 יאָר פּסיכאָ־אַנאַליזע האָבן זיי שוין געוואוסט „פאַרוואָס" זיי האָבן די אָדער יענע סימפּטאָמען און דערמיט האָט זיך געענדיקט די גאַנצע טעראַפּיע...

דייטשלאַנד איז געוואָרן (כאָטש לפּי־פּנים) דעמאָקראַטיש און קאָנראַד אַדענאַוער האָט זיך שטאַרק באַמיט, אַז מערב־דייטשלאַנד זאָל אָננעמען אַ געזעץ וועגן פאַרגיטיקן די קרבנות פון די נאַציס. אַ היפּשער טייל פון אָט די קרבנות האָט זיך געקלאָגט אויף גייסטיקע שטערונגען. עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז אָט די יידיש־דייטשע פּסיכיאַטערן האָבן באַקומען די אויפגאַבע פון דער דייטשער רעגירונג צו אונטערזוכן די

אַלע געליטענע מיט פּסיכישע שטערונגען.

ווען די (יידיש) דייטשע פּסיכיאַטערן האָבן אָנגעהויבן צו אונטערזוכן די קרבנות, וואָס האָבן זיך געקלאָגט אויף גייסטיקע שטערונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך דעם ווי אָט די קרבנות האָבן איבערגעגעבן די געשיכטע פון זייערע ליידן און האָבן זיך כמעט אַלע באַקלאָגט אויף שלאָפלאָזיקייט און אויף אַ שולד־באַוואוסטזיין, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, ווען אַלע אין זייער משפחה זענען אומגעקומען האָט זיך דערמיט דער פּראָצעס פאַרענדיקט. כמעט אַלע האָבן אין דער אמתן געהאַט קאָשמאַרן, אין וועלכע זיי האָבן ווידער אַמאָל איבערגעלעבט דעם טויט־שרעק, פּרואוונדיק אַוועקצולויפן און פילנדיק, אַז זייערע פיס זענען ווי געליימט. (דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס די פאַנטאַזיע אין חלום איז זעלטן אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל האָבן אַ ממשותדיקע השפּעה אויף דעם גוף, וואָס ליגט אומבאַוועגלעך בשעתן שלאָף).

די פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, וואָס זייער הויפּט־עובדה איז צו „אינטער־פּרעטירן" (אויסטייטשן, לויט פרוידס „שולחן־ערוך"), האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין יעדן וואָרט און אַריינגעטייטשט אין אים זאַכן, וואָס האָבן אפשר אַ שייכות צו די קאָנפליקטן אין אַ משפחה אין אַ נאָרמאַלער צייט, אָבער קיינמאָל נישט צו דעם עבר און די איבערלעבונגען פון אַ געוועזענעם קאַצעטלער, וואָס איז געגאַנגען טאָג נאָך טאָג אויף אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן לעבן און טויט.

ס׳רוב האָט דער קאַצעטלער איינגעזען, אַז ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן און האָט אָנגעהויבן צו שווייגן — שוין מיד צו הערן די נאַריש־קייטן („אינטערפּרעטאַציעס" בלע״ז), וואָס דער דייטשער דאָקטער האָט אים צו זאָגן. פּראָפ. ניעדערלאַנד, איינער פון די הויפּט־פּסיכיאַטערן, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון די געוועזענע קאַצעט־לער, האָט אויך אָן „אינטערפּרעטאַציע" פאַר דעם שווייגן. ער רופט דאָס: „קאָנספּיראַציע פון שווייגן", וואָס דאַרף באַדייטן, אַז סיי דער פּסיכיאַטער און סיי דער פּאַציענט זענען — אָן ווערטער — געקומען צו אַ הסכם צו שווייגן בעסער, איידער ריידן, ווען איינער פאַרשטייט ניט וואָס דער אַנדערער זאָגט אָדער מיינט.

איך מוז אָבער דעם לייענער שוין דאָ אויסזאָגן אַ סוד: דאָס לעצטע וואָרט בנוגע דער „קאָנספּיראַציע פון שווייגן" געהערט צו מיר און נישט

צו פּראָפ. ניעדערלאַנד... לויט פּראָפ. ניעדערלאַנד קומט אויס, אַז דאָס דאָזיקע שווייגן האָט אַ סיבה אין דעם פאַקט, אַז אי דער פּאַציענט אי דער דאָקטאָר ווילן אויסמיידן דעם ווייטיק פון אויפלעבן דעם זכרון פון די אומדערהערטע גרויזאַמקייטן, וואָס דער פּאַציענט האָט געמוזט אויסשטיין...

די דאָזיקע אויסטייטשונג קלינגט אַ סך שענער, דער גאַנצער חסרון איז, וואָס זי איז פאַלש... ווען דער פּסיכיאַטער וואָלט זיך אַזוי שטאַרק אידענטיפיצירט מיט יעדן פון זיינע פּאַציענטן, וואָלט ער לאַנג נישט אַנגעהאַלטן... און עס איז אַ „כלל גדול בפּסיכיאַטריע": „עמפּאַטי" — יאָ, אידענטיפיצירן זיך — נישט. ד. ה. דער פּסיכיאַטער, כדי ער זאָל קענען פונקציאָנירן, דאַרף זיך טאַקע אַריינפילן אין דעם פּאַציענטס לאַגע, כדי אים צו פאַרשטיין, אָבער מער קען ער זיך נישט דערלויבן, ווייל באַלד קומט אַן אַנדערער פּאַציענט מיט אַ ניי פּעקל צרות.

פּראָפ. ניעדערלאַנד, איינער פון די הויפּט־אויטאָרן פון דעם בוך „פּסיכישע מאַסן־טראַומאַ",[1] אַ בוך פון 360 זייטן, וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ „וואָרקשאָפּ" און אַ ריי לעקציעס בשעת אַ צוזאַמענקום אין דער מלוכה־אוניווערסיטעט אין דעטראָיט, אַרום 1966. דאָס בוך איז דערשינען אין 1968. דער אייגנטלעכער אַרויסגעבער פון בוך איז פּראָפ. הענרי קריסטאַל, פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אויף דער זעלבער אוניווערסיטעט, פּראָפ. ראָבערט ליפטאָן פון יעיל א. א. די אַלע דער־מאָנטע זענען יידן און אַזוי זענען אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען. אין דער ביבליאָגראַפיע זענען דערמאָנט מער ווי 300 ביכער און אַרטיקלען. אָבער עס איז נישט דערמאָנט אפילו איין בוך אָדער אַרטיקל, וואָס זאָל שטאַמען פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון „יד־ושם" אין ירושלים אָדער פון „ייווא" אין ניו־יאָרק. דאָס אַליין זאָגט שוין עפּעס. מיר וועלן דערצו צוריקקומען. אין קעגנזאַץ צו די דאָזיקע „יידן" וויל איך דערמאָנען דאָס בוך „דהי סאָרוויוואָר" (דער געראַטעוועטער), אָנגעשריבן דורך דעם נישט־ייד טערענס דעס פּרעס.[2] אַט דער אויטאָר

1) Massive Psychic Trauma. Edited by Henry Krystal, M.D. International Universities Press, Inc. New York, 1968.

2) The Survivor: An Anatomy Of Life In The Death Camps, by Terrence Des Pres. New York 1976, Oxford University Press.

איז נישט קיין פּסיכיאַטער, נאָר אַ פּראָפעסאָר פון ענגליש און אַ היס־טאָריקער. ער באַנוצט זיך מיינסטנס מיט די היסטאָרישע מאַטעריאַלן, אַרויסגעגעבן פון „יִוואָ״ און מיט ביכער־זכרונות פון מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט דאָס נאַצי־גיהנום. מען מעג יאָ אָדער נישט מסכים זיין מיט אַלע זיינע אויספירן. אָבער דאָ האָבן מיר אַ מענטש פאַר זיך, וואָס האָט אַוועקגעגעבן 4 יאָר פון זיין לעבן, כדי ערנסט צו שטודירן די געשיכטע פון יידישן אומקום. לאָמיר אים אָפּגעבן כבוד שוין דערפאַר.

אונדזערע דייטשע פּסיכיאַטערן האָבן בדרך כלל נישט געמאַכט קיין אונטערשיד אין זייערע אָפּשאַצונגען צווישן די לעבנגעבליבענע קרבנות פון די נאַציס, וואָס זענען מיינסטנס געווען מזרח־אייראָפּעאישע יידן (זיי זענען דאָך געווען די גרויסע מערהייט פון היטלערס קרבנות) און צווישן די לעבן־געבליבענע דייטשע יידן און אַסימילירטע יידן פון אַנדערע לענדער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויב זיי האָבן עפּעס פאַרשטאַנען וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די געליטענע, האָט עס זיך באַצויגן צו דער פּסיכאָלאָגיע פון די דייטשע יידן און אַנדערע אַסימילירטע יידן און דאָס, וואָס זיי האָבן געמיינט; וואָס זיי האָבן אַרויסגעפונען וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די דייטשע יידן קרבנות, האָבן זיי פאַראַלגעמיינערט פונקט ווי ס׳וואָלט געהאַט אַ שייכות צו אַלע יידן. וועגן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן זיי לכתחילה גאָרנישט געוואוסט, ווייל זיי האָבן כמעט גאָרנישט געוואוסט וועגן יידישער קולטור און יידישער טראַדיציע. מיט איין וואָרט — זיי האָבן כמעט גאָרנישט געוואוסט וועגן אונדזער גאַנצן קולטור־אוצר, אין וועלכן כמעט יעדער מזרח־אייראָפּעאישער ייד איז אויסגעוואַקסן. זיי זענען געווען אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט און האָבן אויך כמעט גאָרנישט געוואוסט וועגן יידישע ענינים פון דער איצטיקער צייט.

אַזוי אַרום זענען זיי דערגאַנגען, מיט דער הילף פון פּסיכאָ־אַנאַלי־טישע אינטערפּרעטאַציעס, אַז די קרבנות פון די נאַציס האָבן זיך אידענ־טיפיצירט מיט זייערע דייטשע פּייניקער. וועמען האָבן זיי דאָ געהאַט אין זינען? די פרומע און חסידישע יידן אָדער די אויפגעקלערטע מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס זענען שטאָלץ געווען אויף זייער מאָדערנער יידישער קולטור, אין וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעלעבט, זענען אַקטיוו געווען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, יידישע פּאַרטייען א. אַ. וו. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּסיכיאַטרישע פּראָפעסאָרן האָבן זיך גענומען

פּאַר אַ מוסטער די דייטשע און אַנדערע פּאַראַסימילירטע יידן, וועלכע היטלער האָט דערקלערט אַלס „יידן‟, אפילו ווען אַ טייל פון זיי זענען געווען „האַלב־יידן‟ אָדער „פערטל־יידן‟ (אַ זיידע אָדער אַ באָבע זייערע זענען געווען יידיש). עס האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע צי זיי זענען געווען געשמדט אָדער נישט. ווי ווייט די דאָזיקע דייטשע „יידן‟, וועמענס ביידע עלטערן זענען געווען יידן, האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט די דייטשן, וועלן עדות זאָגן צוויי זייער כאַראַקטעריסטישע פאַקטן:

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין אָנהייב 1933, זענען אַכט טויזנט פון די דאָזיקע דייטשן, וועמען היטלער האָט דערקלערט אַלס „יידן‟ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיי האָבן געטון פּונקט דאָס, וואָס היטלער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן טון: זיי זענען פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. און נאָך אַ פאַקט: עפּעס אַ ד״ר ניימאַן איז געקומען צו דער „אָריגינעלער‟ אידייע צו שאַפן אַ באַזונדערע נאַצי־פּאַרטיי, וואָס וועט באַשטיין נאָר פון דייטשע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד פון דור־דורות. ער און זיינע מיטאַרבעטער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ מאַני־פעסט, אין וועלכן זיי האָבן דערקלערט, אַז היטלערס ראַסן־טעאָריעס זענען שייך נאָר צו די מזרח־אייראָפּעאישע יידן... ער האָט אָנגעהויבן צו־צוציען אַלץ נייע מיטגלידער: איבערגעגעבענע דייטשן, אַ סך צווישן זיי מיט „אייזערנעם קרייץ‟־מעדאַלן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָבן נעבעך געהאַט דאָס אומגליק צו האָבן איינעם אָדער צוויי יידישע עלטערן... די דאָזיקע פּאַרטיי האָט נישט געדויערט מער ווי עטלעכע חדשים. היטלערן איז נישט געפעלן געוואָרן, אַז עפּעס אַ יידישער דאָקטער זאָל אויסטייטשן זיינע ראַסיסטישע טעאָריעס אַנדערש ווי ער אַליין וויל זיי אויסטייטשן... די יידישע נאַצי־פּאַרטיי איז געוואָרן אויפגעלייזט. די געסטאַפּאָ האָט אַרעסטירט ד״ר ניימאַנען און זיינע מיטאַרבעטער און עס איז נישט שווער זיך פאַרצושטעלן, וואָס פאַר אַ סוף זיי האָבן געהאַט.

מען קען נישט לייקענען: אין 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז פאַראַן געווען אַ „סימביאָזיס‟ צווישן דייטשן און יידן אין דייטשלאַנד. דער דאָזיקער אויסדרוק, וואָס איז גענומען פון דער ביאָלאָגיע, ווערט זייער אָפט באַנוצט אין פסיכיאַטריע. עס באַטייט, אַז צוויי פאַרשיידענע מינים (אַ געוויקס און אַ באַקטעריע) קענען לעבן צוזאַמען. זיי פּאַראַזיטעווען, קעגנזייטיק, איינער אויפן אַנדערן און ביידע האָבן אַ נוצן דערפון.

דער יידיש־דייטשער סאָציאָלאָג אַדאָלף לעשניצער האָט פאַרעפנט־לעכט אין 1969 אַ פּרעכטיק בוך וועגן אַלע סטאַדיעס פון דער יידיש־דייטשער סימביאָזיס. היטלערס פאַרכאַפּן די מאַכט אין דייטשלאַנד האָט געמאַכט אַ סוף צו דער דאָזיקער סימביאָזיס, וואָס האָט געבראַכט אַ געוואַלדיקן שאָדן צו דער דייטשער וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קולטור. היטלערן איז טאַקע געלונגען צו פאַרטיליקן 6 מיליאָן יידן, אָבער די דייטשע קולטור וועט מער ניט זיין דאָס וואָס אַמאָל — אפשר אויף תמיד. די דייטשע יידן האָבן זיך פאַרגעשטעלט די דייטשן אין אַ גאַנץ פאַלשער ליכט: זיי זענען געווען פאַרליבט אין די דייטשן און אין דייטשלאַנד. מענטשן, וואָס זענען פאַרליבט, זעען נאָר פּאָזיטיווע זייטן און מאַכן זיך בלינד צו די נעגאַטיווע זייטן פון דעם „ליבע־אָביעקט". מיט די דייטשן איז געווען פונקט פאַרקערט: מיט היטלערס קומען צו־דער מאַכט איז יידן־האַס געוואָרן אַ „וויסנשאַפט", פאַר וועלכער עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן קאַטעדרעס אין אַלע דייטשע אוניווערסיטעטן.

איינער פון די וויכטיקסטע פאַרוואורפן וואָס די דייטשע פּסיכיאַטערס מאַכן די קרבנות איז, אַז זיי, די קרבנות, וועלכע מען האָט געשיקט אין די גאַז־קאַמערן, האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. ד"ר ניעדער־לאַנד ציטירט פון דעם בוך, אָנגעשריבן דורך דעם היסטאָריקער ראַול הילבערג. אין דאָזיקן בוך וועגן דעם אונטערגאַנג פון אייראָפּעאישן יידנטום זאָגט הילבערג, אַז די סיבה פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך איז דער פאַקט פון „די יידנס 1500־יאָריקע געטאָ־עקזיסטענץ", וואָס האָט זיי געלערנט, אַז ווען עס איז געווען אַ סכנה פאַרן לעבן, איז די בעסטע סטראַטעגיע געווען נישט זיך אַנטקעגנצושטעלן, נאָר צו זוכן אויסצומיידן די סכנה און צו זוכן אַ קאָמפּראָמיס. די דאָזיקע איינשטעלונג, וואָס איז געווען די ריכטיקסטע טאַקטיק אין פריערדיקע סכנות, איז מכלומרשט געווען די סיבה, וואָס יידן האָבן זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט איצט.

די צרה מיט דעם דאָזיקן געדאַנק איז, וואָס ער האָט נישט קיין שום באַדייטונג אין די באַדינגונגען פון טרעבלינקע אָדער אושוויץ, וואו די פאַרניכטונגס־מאַשין איז געווען אַזוי פּרעציז און אויסגעאַרבעט מיט דייטשער פּינקטלעכקייט — אַ קאָמבינאַציע פון אָפיציעלע ליגנס און אַ גוט־טרענירטן אַפּאַראַט, אַז עס איז נישט געבליבן די קלענסטע מעג־לעכקייט פון אויסמיידן און זיך אַנטקעגנשטעלן. דער פּסיכיאַטער פּראָפ.

וויקטאָר פראַנקל באַשרייבט דעם דאָזיקן פּראָצעס פון פאַרניכטונג אין אַן אויטאָביאָגראַפישן בוך וועגן אוישוויץ. דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר פראַנקל פעלט ניט אין אפילו צו שטעלן די פראַגע וועגן ווידערשטאַנד. ער אַליין איז דאָך דאָס אַליין אַדורכגעגאַנגען.

צווייטנס, נישט נאָר יידן זענען געוואָרן פאַרגאַזט אין אוישוויץ און מאַידאַנעק. דער שרייבער מרדכי שטריגלער באַשרייבט אין זיין בוך „מאַידאַנעק" ווי די דייטשן האָבן געטריבן צענדליקער טויזנטער ווייס־רוסישע פּויערים הונדערטער קילאָמעטערס צופוס צו די גאַז־קאַמערן פון מאַידאַנעק. פאַרשטייט זיך, די דייטשן האָבן זיי ניט געזאָגט וואוהין מען טרייבט זיי. אָבער אַז עס איז געקומען דערצו, זענען זיי געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן פּונקט אַזוי ווי די יידן זענען געגאַנגען. די ווייס־רוסישע פּויערים האָבן דאָך נישט געהאַט „אַ געשיכטע פון 1500 יאָר געטאָ־עקזיסטענץ". אָבער די דייטשע פּסיכיאַטערן פאַרלאַנגען פון די קרבנות (די יידישע), אַז זיי האָבן זיך באַדאַרפט אַנטקעגנשטעלן (מיט וואָס?) אין די גרויסע פאַרניכטונגס־לאַגערן. זיי וויסן אָבער גאָרנישט און דערמאָנען נישט די פּלעצער, וואו די יידן האָבן זיך טאַקע אַנט־קעגנגעשטעלט, און טיילמאָל מיט גאַנץ גוטע רעזולטאַטן, אויב עס איז נאָר געווען די קלענסטע מעגלעכקייט.

די יידיש־דייטשע פּסיכיאַטערס, וואָס האָבן זיך גענומען צו דער באַשרייבונג פון דער פּסיכאָלאָגיע פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט, האָבן עס געטאָן מייַנסטנס נישט צוליב אַ טיפערן אינטערעס אין גאַנצן ענין. זיי האָבן עס געטאָן, ווייל דער דייטשער קאָנסולאַט האָט אָנגעהויבן זיי צוצושיקן אַלץ מער קרבנות, וואָס האָבן זיך באַקלאָגט אויף גייסטיקע שטערונגען אין שייכות מיט די ליידן און דעם רעאַלן טעגלעכן שרעק פאַרן טויט. זיי האָבן דאָס באַדאַרפט באַשטימען, ווי ווייט דעם געוועזענעם קאַצעטניקס גייסטיקע שטערונגען שטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע ליידן אין היטלערס גיהנום און דערנאָך איז יעדער פאַל געוואָרן איבער־געקוקט באַזונדער דורך אַ פּסיכיאַטער אין דייטשלאַנד, וואָס האָט גע־אַרבעט פאַר דער דייטשער רעגירונג. עס זענען פאַראַן פאַלן, וואו די דייטשן האָבן אָפּגעוואָרפן, און די היגע פּסיכיאַטערס האָבן געקענט העלפן אין דעם קרבנס אַפּעלאַציע. אַ טייל פון די פּסיכיאַטערס זענען נישט געווען קיין פּסיכאָ־אַנאַליטיקער. פאַר דעם געוועזענעם קאַצעטלער איז

דאָס נישט תמיד געווען בעסער. דער פּסיכיאַטער, וואָס האָט באַשריבן דעם קראַנקנס ליידן אַזוי ווי ער זעט עס („דיסקריפּטיוו״), אויב ער האָט געוואָלט זיין ערלעך, האָט ער זיך געהיטן צו באַשרייבן זאַכן, וואָס שטימען מיט אַ פּסיכאָ־אַנאַליטישער טעאָריע, אָבער נישט מיטן קראַנקן... די פּסיכיאַטערס פון דער דאָזיקער שיטה האָבן זיך אין אַלגעמיין באַצויגן צו דעם געליטענעם מיט סימפּאַטיע און געהאָלפן ווי ווייט מעגלעך.

פאַר די פּסיכאָ־אַנאַליטיקער איז דאָס אָבער געווען אַ געלעגנהייט צו פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען, און וואָס מער זיי האָבן איבערגעטריבן, אַלץ גרעסער דער אָנזען... צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן, אַז גלאָט זיך האַלטן ביי דער פּסיכאָלאָגיע איז ניט גענוג... מען מוז טאָן עפּעס וואָס זאָל אַרויסרופן אַן אמתע סענסאַציע. אויף דעם „וואָרקשאָפּ״ וואָס איך האָב פריער באַשריבן, האָבן זיי פאַרבעטן פּראָפ. ראָבערט י. ליפטאָן, וואָס ער אַליין איז נישט קיין פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, נאָר אַ ספּעציאַליסט אויף מאַסן־אומגליקן („דיזאַסטערס״). צווישן אַנדערע האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די יאַפּאַנער, וואָס האָבן איבערגעלעבט היראָשימאַ. פּראָפ. ליפטאָן האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין יאַפּאַן, האָט זיך אויסגעלערנט די יאַפּאַנישע שפּראַך, כדי צו קענען ריידן צו די, וואָס האָבן איבער־געלעבט דאָס באָמבאַרדירן פון היראָשימאַ, און האָט באַשריבן זייערע קערפּערלעכע און פּסיכישע ליידן אין אַ ספּעציעלן בוך.

פּראָפ. ליפטאָן גיט אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם פּסיכישן צושטאַנד פון די יאַפּאַנער וואָס האָבן איבערגעלעבט די באָמבאַרדירונגען פון היראָשימאַ, מיט דער ערשטער באָמבע וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אַראָפּגעוואָרפן צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך גלויב, אַז אַלע לייענער קענען די וויכטיקסטע פאַקטן וואָס ריגלען אַרום דאָס שאַפן פון דער ערשטער אַטאָמישער באָמבע און דעם פאַקט, וואָס פּרע־זידענט טרומאַן האָט דאָס געטון, כדי צו צווינגען די יאַפּאַנישע מילי־טאַריסטן זיך אונטערצוגעבן שוין נאָך דעם ווי דייטשלאַנד האָט קאַפּיטו־לירט. עס איז דאָ נישט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף די פּרטים. די גאַנצע אַקציע איז געוואָרן דורכגעפירט מיט דער הילף פון איין איינציקן פּליער, וואָס איז דורכגעגאַנגען ספּעציעלע צוגרייטונגען, כדי ער זאָל וויסן ווי אַזוי אַראָפּצולאָזן די דאָזיקע באָמבע אויף היראָשימאַ און זיך דערנאָך באַצייטנס דערווייטערן פון היראָשימאַ, כדי נישט צו ווערן אַליין

אַריינגעצויגן אין דער עקספּלאָזיע.

פון אַפּריל 1962 ביז סעפּטעמבער 1962 האָט פּראָפ. ליפּטאָן דורכ־געפירט אַ גאַנצע ריי פון פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונגען פון די לעבן־געבליבענע קרבנות פון הירא־שימאַ. ער איז געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די אַלגעמיינע רעאַקציע פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט, איז געווען אַ געפיל, אַז זיי זענען גלייכגילטיק צו דעם אַלעמען, וואָס קומט פאָר. און אַז אַ מענטש איז גלייכגילטיק, פילט ער גאָרנישט, ווי ווען אַלץ דאָס שרעקלעכע אַרום אים וואָלט נישט פאָרגעקומען. ער האָט דאָס גערופן „אַן אופן פון פאַר־שליסן זיך" אַנטקעגן דער אויסנוועלט („קלאָוזינג אָף"). פאַקטיש האָט דאָס געהייסן, אַז די לעבנגעבליבענע זענען אַזוי גוט ווי מתים, וועלכע גייען אַרום...

די פּסיכאָ־אַנאַליטיקער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין פּראָפ. ליפּטאָנס טעאָריעס און האָבן באַלד דערקלערט, אַז זיינע רעזולטאַטן זענען אידענטיש (און כמעט די זעלבע) מיט די רעזולטאַטן צו וועלכע זיי זענען געקומען ביי די פּסיכאָ־אַנאַליטישע אונטערזוכונגען פון היטלערס קרבנות. האָבן זיי דאָך געהאַלטן אין איין טענהן, אַז די, וואָס האָבן איבערגעלעבט היטלערס רדיפות זענען אַזוי גוט ווי טויט אין אַ פּסיכישן זין. זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין אין איינציקע אָרגאַניזאַציע פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט היטלערס רדיפות — אַ סימן ווי טיף זיי זענען פּסיכיש געשעדיקט...

דעם יידישן לייענער באַדאַרף מען נישט באַווייזן, ווי ווייט די דאָזיקע פּסיכאָ־אַנאַליטישע פּראָפעסאָרן האָבן זיך לעכערלעך געמאַכט מיט אַזעלכע „באַאָבאַכטונגען". זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי ווייסן אַבסאָלוט גאָר־נישט וועגן די מענטשן, וועלכע זיי „שטודירן", וואָס האָבן איבערגעלעבט היטלערס קאַצעטן. נישט זיי ווייסן, נישט זיי גיבן זיך די מי עפּעס זיך צו דערוויסן.

דאָס ווייזט זיך אַרויס צום בולטסטן אין זייערע טעאָריעס וועגן „יידישן נישט־רעזיסטאַנץ" (נישט־אַנטקעגנשטעלן זיך). ד"ר ניעדערלאַנד, איינער פון די „הויפּט־ספּעציאַליסטן" אין דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער פאָר־שונג פון דעם גייסטיקן לעבן פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט, באַנוצט זיך הויפּטזאַכלעך מיט דעם בוך פון ראַול הילבערג „דהי דעסטראַקשאָן אָוו יוראָפּיען דזשורי", 1962). פּראָפ. ראַול הילבערג און זיינע פּסיכאָ־

אַנאַליטישע תלמידים האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, אַז אין די גרויסע פאַרניכטונגס־לאַגערן איז די דייטשע מאַשין פון פאַרניכטונג געווען געבויט מיט אַזאַ פּרעציזן מעטאָד, אַז אַלע פאַזן פון דער פאַרניכטונג זענען געווען גענוי אויסגערעכנט. די קרבנות האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, וואוהין מען פירט זיי, ביז זיי זענען געווען אינעווייניק, אין די גאַז־קאַמערן.

פּראָפ. ניעדערלאַנד און די אַנדערע פּסיכאָ־אַנאַליטיקער האָבן אָבער נישט דערמאָנט די לאַגערן, וואו די יידן האָבן יאָ געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אַ מאָל דווקא אַ ווידערשטאַנד וואָס האָט זיך איינגעגעבן, ווי למשל אין „סאָביבאָר", וואו עס איז געוואָרן גלענצנדיק אָרגאַניזירט און דורכגעפירט אַן אויפשטאַנד, אַנגעפירט דורכן יידיש־סאָוועטישן געפאַנגענעם אָפיציר פּעטשערסקי. עס האָט זיך איינגעגעבן די אויפשטענדלער צו דערהרגענען זייערע דייטשע ס. ס.־וואַכן. די יידן האָבן פאַרכאַפּט זייער געווער און די אוקראַאינישע וואַכן זענען זיך צעלאָפן און דערנאָך זענען די יידישע אַרעסטאַנטן אַרויס פון לאַגער מיט געווער אין זייערע הענט און זענען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער, וואו עס איז אַ היפּשן טייל פון זיי געלונגען זיך צו פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אויסגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקציעס קעגן די דייטשע פאַרבינדונגס־ליניעס.

„סאָביבאָר", ווי מיר וויסן, איז נישט געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו יידן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די דייטשע מערדערס. אָבער ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָבן די יידיש־דייטשע פּסיכאָ־אַנאַליטיקער נישט געהאַט אפילו קיין אַנונג, אַז עס איז פאַראַן אַ זייער גרויסע ליטעראַטור וועגן יידישן ווידערשטאַנד אין די אַרכיוון פון „ייוואָ" און נאָך אַ סך מער אין די אַרכיוון און אין דער ביבליאָטעק פון „יד־ושם" אין ירושלים. די דאָזיקע לייט האָבן אפילו נישט געוואוסט וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. צום סוף האָט זיך דערמאָנט ד״ר גוסטאַוו ביכאָווסקי, וואָס שטאַמט דאָך פון וואַרשע, אַז עס איז יאָ געווען אַן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אָבער לויט אים איז דער דאָזיקער אויפשטאַנד געוואָרן אָרגאַניזירט און דורכגעפירט נאָר דורכן „בונד". דאָס אַליין ווייזט אַן וויפל ער האָט געוואוסט וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

יעדער קען פאַרשטיין, אַז דער בעסטער ווידערשטאַנד קעגן דער

נאַצי־בעסטיע איז געווען אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד. אָבער דאָס איז דאָך ניט מעגלעך געווען אויסער אין די דערמאָנטע געציילטע פּלעצער. בכלל קען זיך אַ ציווילע באַפעלקערונג נישט אַנטקעגנשטעלן אַן אַרמיי און ספּעציעל נאָך ווען די אַרמיי קריגט די מיטאַרבעט פון אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע באַנדעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

איז געבליבן נאָר דער גייסטיקער ווידערשטאַנד, וואָס די יידן האָבן געשטעלט, ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען די טעטיקייט פון „עונג־שבת", ווי די מיטאַרבעטער פון רינגל־בלום־אַרכיוו האָבן זיך גערופן. אפשר ווייניקער באַקאַנט פאַרן יידישן לייענער איז די גרופּע פון 40 יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן באַשלאָסן, אַז זיי קענען געבן אַ צושטייער צו דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, אויס־פאַרשנדיק די פאַרשיידענע פאָרמען פון פּאַטאָלאָגיע, וואָס די הויפּט־סיבה אירע איז הונגער. אין די יאָרן 1942־43 איז דער הונגער אין וואַרשעווער געטאָ געווען ווייט פאַרשפּרייט און די אויסגעהונגערטע קינדער און דערוואַקסענע האָבן געגעבן אַזעלכע פּאַטאָלאָגישע בילדער, וואָס מען האָט פון זיי פריער אפילו נישט געוואוסט. אָט די 40 יידישע דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן צו ווייזן דער וועלט, אַז זייער גייסט איז נישט געבראָכן געוואָרן און אַז אפילו אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון געטאָ־לעבן קענען זיי אָנגיין מיט זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און איבערלאָזן דער וועלט און דער צוקונפט אַ דאָקומענט, וואָס וועט זיין אַ באַווייז פון זייער נישט־געבראָכענעם גייסט. אַליין ליידנדיק פון הונגער, האָבן זיי באַשלאָסן צו אַרבעטן אומדערמידלעך, כדי צו פאַרענדיקן באַ־צייטנס זייער פּראָיעקט, „די שטודיע פון דער הונגער־קראַנקייט", אַ ווערק, וואָס וועט האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. זיי האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט, ווען זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער סוף איז נאָענט. מען האָט אַרויסגעשמוגלט די גאַנצע אַרבעט אויף דער „אַרישער" זייט און עס איבערגעגעבן צו דעם פּוילישן פּראָפעסאָר וו. אָרלאָווסקי, וועלכער האָט געפונען אַ פּלאַץ, וואו ער האָט עס געקאָנט אויסבאַהאַלטן. אַלע 40 יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דעם דאָזיקן פּראָיעקט, זענען אומגעקומען.

נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט און עס האָבן זיך ווידער באַוויזן אַ ביסל יידן אין וואַרשע און אַ יידישער קאָמיטעט, האָט פּראָפעסאָר

וו. אָרלאָווסקי אַרויסגענומען די אַרבעט וועגן דער „הונגער־קראַנקייט״ פון דער באַהעלטעניש און עס איבערגעגעבן די יידן. דער „דזשאָינט״ האָט פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין וואַרשע, אין יאָר 1946.

1976.

פאַקטן פון מאַרטירערטום און אומקום פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער

אָנגעהויבן האָט עס זיך בגנבה. אין יאַנואַר 1948 איז שלמה מיכאָעלס, רעזשיסער פון יידישן מלוכהשן טעאַטער אין מאָסקווע, אָריגינעלער גרויסער אַקטיאָר און יידישער קולטור־טוער, געוואָרן אַרויסגערופן אויף אַ זיצונג קיין מינסק. אין מיטן פון דער „זיצונג" האָט אים „עמעצער" גערופן טעלעפאָניש, אַז אַ הויכע מלוכה־פּערזענלעכקייט באַדאַרף זיך מיט אים זען וועגן עפּעס אַ וויכטיקן ענין. אַן אויטאָמאָביל איז באַלד געקומען צו דער „זיצונג" און אַוועקגענומען מיכאָעלסן מיט אַ באַגלייטער. דעם אַנדערן מאָרגן האָט מען געפונען די טויטע גופים פון מיכאָעלסן און זיין באַגלייטער נעבן די רעלסן פון דער מינסקער באַן־סטאַנציע.

אַ פּחד איז באַפאַלן די „יידישע" יידן אין מאָסקווע און אין אַנדערע גרויסע שטעט אין ראַטנפאַרבאַנד, וואו עס זענען נאָך פאַרבליבן רעשטלעך פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער מאָרד פון מיכאָעלסן איז געוואָרן געפּלאַנט און אויסגעפירט פון בעריאַ און זיינע משרתים פון דער ק. ג. ב. (געהיים־פּאָליציי) מיט סטאַלינס פולער הסכמה. די יידן האָבן אָבער דעמאָלט נאָך נישט געוואוסט, ווי ווייט און וואוהין די דאָזיקע „אַקציע" וועט זיי פאַרפירן. אין דער זעלבער צייט האָט די אויפגעבראַכטקייט פון די יידן כמעט נישט געהאַט קיין גרענעצן, זי האָט זיך פאַרשפּרייט אויך צווישן די אַסימילירטע רוסישע יידן, פאַר וועמען מיכאָעלס איז געווען אַ פּאָפּולערע און גוטבאַקאַנטע פּערזענלעכקייט. עטלעכע הונדערט טויזנט יידן זענען געקומען צו מיכאָעלס לוויה אין מאָסקווע.

ביז צום סוף פון 1948 איז שוין געווען קלאָר, אַז סטאַלינס פּלאַן איז צו ליקווידירן אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס ביז צום שורש און צו דערמאָרדן אַלע אירע פאַרשטייער, יידישע שרייבער און קולטור־טוער, אַלע יידישע אַרטיסטן פון די יידישע מלוכה־טעאַטערס, אַלע וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אויף אַ טייל אוניווערסיטעטן מיט יידישער לינגוויסטיק. מיט איין וואָרט: סטאַלין האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו פאַרטיליקן פיזיש אַלע קעפּ פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור. אומאָפּהענגיק דערפון, צי זיי זענען סופער־לאָיאַלע סאָוועטישע ליטעראַטן, וואָס האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס געזונגען לויב־געזאַנגען צו סטאַלינען

(איציק פעפער) אָדער שרייבער און אַרטיסטן, וואָס האָבן רואיק געטון זייער אַרבעט, נישט פּראָוואָנדיק זיך אונטערצוחנפענען סטאַלינען, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער אָפיציעלער פּאַרטייאישער „ליניע" (דוד בערגעלסאָן). מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זענען געבליבן גלייכגילטיק צו דער טראַגעדיע פון די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די נאַצישע הענט און צו דעם פאַקט, אַז היטלער האָט זיך איינגעגעבן אָפּצומעקן פון דער מאַפּע טויזנטער יידישע שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן אויסגעגאָסן זייער צער און צאָרן אין זייערע שאַפונגען. אָבער דאָס זעלבע האָבן דאָך אויך געטון רוסישע שרייבער, כאָטש אין אַ סך אַ שוואַכערער מאָס. וואו איז דאָ געווען אַ סימן פון אַנטי־סאָוועטי־שער טעטיקייט?

אָבער סטאַלינען האָט דאָס אַלץ זייער ווייניק אינטערעסירט. ער האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן די יידישע קולטור און די געשעענישן, וואָס האָבן דערצו געפירט, זענען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער.

דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט און זיין אָרגאַן „די איינִיקייט" זענען געוואָרן פאַרמאַכט און אַלע זיינע מיטגלידער, די גרויסע יידישע סאָוועטישע שרייבער זענען געוואָרן אַרעסטירט צווישן סוף פון 1948 און אָנהויב 1949. צווישן זיי זענען געווען פּרץ מאַרקיש (וואָס האָט מיט יאָרן צוריק באַקומען דעם אָרדן פון לענין, די העכסטע סאָוועטישע אויסצייכענונג פאַר ליטעראַרישער שאַפונג), דער גלענצנדיקער נאָוועליסט דוד בערגעלסאָן, וואָס איז געווען דער שאַפער פון אַ גאַנצער ריי קינסט־לערישע ראָמאַנען וועגן יידישן לעבן און שטייגער פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע, דער פיינער פּאָעט לייב קוויטקאָ, וועמענס קינדער־לידער זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין כמעט אַלע שפּראַכן פון די פאַרשיידענע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, די פיינע און אָריגינעלע יידישע פּאָעטן דוד האָפשטיין און שמואל האַלקין — אַלץ מחברים פון אומצאָליקע ביכער פון יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע און דראַמעס, די ליטעראַטור־קריטיקער יחזקאל דאָברושין און יצחק נוסינאָוו. אהרן קושניראָוו איז געשטאָרבן נאָך איידער מען האָט אים אַרעסטירט. עס איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער דירעקטאָר פון יידישן מלוכה־טעאַטער בנימין זוסקין. דעם טעאַטער האָט מען נאָך געלאָזט קעזיסטירן אַ פּאָר חדשים, כדי אויסצוגעפינען, ווער עס זענען די יידן, וואָס קומען אין יידישן טעאַטער, כדי אויך זיי דערנאָך

צו אַרעסטירן. די משפּחות פון די אַרעסטירטע שרייבער האָט מען פאַר־שיקט קיין סיביר — אויף צוואַנגס־אַרבעט.

איליאַ ערענבורג, דער רוסישער שרייבער, אַ זון פון יידישע עלטערן, האָט מען נישט אַרעסטירט, כאָטש ער איז געווען אויסגעקאָכט אין אַלע טעטיקייטן פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. ער איז ווייטער אָנ־געגאַנגען מיט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. נישט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן דערויף, פאַרוואָס איליאַ ערענבורג איז נישט אַרעסטירט געוואָרן. מיר האָבן נישט אַלע פאַקטן און פאַר דער צוקונפט פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד איז נישט אַזוי וויכטיק צו וויסן, צי איליאַ ערענבורג איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט געדינט בעריאַן און סטאַלינען אין זייער פּלאַן צו פאַרטיליקן די יידישע קולטור און ליטעראַטור, צי ער איז גאָר אומשולדיק און אַלעם דעם.

אין איצטיקן מאָמענט איז כדאי זיך צו דערמאָנען אין יענער צייט. ווען סטאַלין („דער זשעני פון דער מענטשהייט") איז געווען אויף גרויסע צרות, נאָך דעם ווי זיין „פאַרבינדעטער" היטלער איז אָנגעפאַלן אין זומער 1941 אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד. דער גאַנצער רוסישער מערב־פראָנט האָט זיך מיטאַמאָל איינגעבראָכן און סטאַלין האָט שוין געהאַט „אויסגערייניקט" די גענעראַלן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען זייער פאַך און ער איז געבליבן מיט טימאָשענקאָן, וואָס האָט בכלל נישט פאַרשטאַנען מלחמה־סטראַטעגיע. מיליאָנען פון רוסישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד אונטערגעגעבן (ספּעציעל די אוקראַינער) און היטלער האָט אין אַ קורצער צייט פאַרכאַפּט כמעט גאַנץ אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד און איז שוין געווען 20 קילאָמעטער פון מאָסקווע. עס האָט סטאַלינען אָפּגעראַטעוועט אַן אויסערגעוויינלעך קאַלטער רוסישער ווינטער, בעת היטלערס מאָטאָ־ריזירטע אַרמייען האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט צוליב דער גרויסער קעלט. דערצו האָבן היטלערס אַרמייען נישט געהאַט די ווינטער־מונדירן, וואָס האָבן זיך געפאָדערט פאַר אַזאַ קלימאַט.

סטאַלין האָט דאָס אויסגענוצט און האָט געבראַכט די סיבירישע אַרמייען פון וויטן מזרח, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן די דייטשן פון אונטער מאָסקווע. אָבער דאָס איז נאָך ווייט געווען פון אַ סוף צו דער סכנה פאַרן ראַטנפאַרבאַנד. אין זומער 1942 זענען די דייטשן פאַרקראָכן ביז צו סטאַלינגראַד ביי דער וואָלגע און האָבן פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן

קאַווקאַז. ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן געשיקט הילף דורך מורמאַנסק אין צפון און דורך איראַן אין דרום. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך נישט געווען גענוג לגבי די גרויסע פאַרלוסטן, וואָס די רוסן האָבן געליטן באַלד פון אָנהויב.

אין אַט דעם מצב האָט זיך סטאַלין געכאַפּט, אַז ער קען אויסנוצן די יידן, כדי צו קריגן פון די מערב־דעמאָקראַטיעס נאָך מער הילף און בכלל העלפן צו שאַפן אַ גינציקע שטימונג אין אַמעריקע, וואו די יידן האָבן שוין געהאַט אַ גרויסע השפעה אין דער פּרעסע, ראַדיאָ א. א. וו. ער האָט געשיקט אַ יידישע דעלעגאַציע קיין אַמעריקע אין 1943, וועלכע איז באַשטאַנען פון איציק פעפער און שלמה מיכאָעלס — די הויפּט־פירער פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. אַט דער יידישער דע־לעגאַציע האָט מען נישט באַדאַרפט אָנזאָגן, אַז דער קאַמף קעגן היטלערן איז דער קאַמף אויף לעבן און טויט. זיי האָבן אויסגעפירט זייער שליחות בשלמות.

אַט די שליחות פון די יידישע שרייבער איז געווען נישט נאָר אַ שליחות צו די אַמעריקאַנער יידן, אַז זיי דאַרפן עפענען זייערע קעשענעס, כדי צו שטיצן דעם קאַמף קעגן היטלערן. זיי האָבן אויך באַדאַרפט זען, אַז די אַמעריקאַנער יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ השפעה פאַרן שאַפן אַ גינציקע אַטמאָספער פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, זאָלן דאָס טאָן מיט אַלע כוחות.

רוזוועלטס לאַגע איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע. ער האָט געהאַט גענוג שונאים, וואָס האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער שלעפּט אַריין אַמעריקע אין דער מלחמה, נישט האָבנדיק קיין שום סיבה דערצו. צווישן זיינע קעגנער איז אויך געווען דער פליער טשאַרלס לינדבערג, וואָס איז געווען אַ פאָלקסהעלד פאַר גאַנץ אַמעריקע (ווי עס ווייזן אָן זיינע נישט־לאַנג פאַרעפנטלעכטע טאָגביכער, איז ער געווען אַ פאַרביסענער שונא־ישראל און אַ ראַסיסט).

ווי עס האָבן אַרויסגעוויזן די באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן מאַרקישן, פעפערן און מיכאָעלסן זיינען זיי גאָר נישט געפאָרן קיין אַמעריקע, כדי צו מאָביליזירן אַלץ פאַר דער הילף אין דעם קאַמף קעגן היטלערן. דער פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 11טן יולי 1952 און האָט גע־דויערט ביז דעם 18 יולי 1952, האָט געדאַרפט „דערווייזן" אַז די באַשול־דיקטע האָבן אָנגעקניפּט קאָנטאַקטן מיט אַנדערע יידישע שרייבער (וועלכע

זענען לכתחילה געווען פראָ־סאָוועטיש געשטימט) מיטן פּלאַן אויסצופירן אַנטי־סאָוועטישע סאַבאָטאַזש־אַקטן. איינער פון די „באַווייזן" איז געווען דער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך אויף יידיש, אין וועלכן עס וועלן אָנטיילנעמען סאָוועטישע יידישע שרייבער און פּראָ־סאָוועטישע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער.

אַלע די פאַנטאַסטישע און לעכערלעכע באַשולדיקונגען האָבן צווישן אַנדערע געהאַט „אויך דעם פּלאַן צו שאַפן אַ יידישע מלוכה אין קרימער האַלבאינדזל, זי אָפּרייסן פון ראַטנפאַרבאַנד און דאָרטן שאַפן אַן אימפּעריאַליסטישע באַזע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד". פון 1949 ביזן „פּראָצעס" אין יולי 1952 האָבן די באַשולדיקטע שרייבער געהאַט אויסצושטיין די שרעקלעכסטע טאָרטורעס, אַז זיי זאָלן זיך „מודה זיין" אין דעם, וואָס זיי האָבן נישט געטון. דעם 12 אויגוסט 1952 האָט די ק. ג. ב. דערשאָסן אַלע 24 באַשולדיקטע אין די קעלערן פון דער לוביאַנקער תפיסה.

עס וואָלט געפירט צו ווייט זיך איצט אָפּצושטעלן אויף די אַלע ליגנס פון סאָוועטישע פאַרשטייער צו די אָנפראַגן וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען מיט די פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער. מייסטנס האָבן זיי בכלל איגנאָרירט אַזעלכע פראַגעס און בכלל אויסגעמיטן יעדן ענטפער. ווען עס איז געלונגען צו פּאַקן אַ סאָוועטישן רוסישן שרייבער ערגעץ אויף אַן אויפנאַמע אין ניו־יאָרק, איז דער געוויינטלעכער ליגן געווען, למשל, „אַ, ער וואוינט נישט ווייט פון מיר, ער איז געזונט און שרייבט". טייל פון זיי האָבן אפילו אָנגענומען מתנות פאַר לייב קוויטקאָן אָדער פּרץ מאַרקישן (וואָס זענען שוין לאַנג געווען טויט) און האָבן צוגעזאָגט עס זיי איבערצוגעבן... מיט דעם האָט זיך דער ענין געענדיקט, ביז כרושטשעוו איז געקומען צו דער מאַכט און אין זיין רעדע וועגן סטאַלינס פאַרברעכנס האָט ער אויך דערמאָנט די דערמאָרדעטע יידישע שרייבער, וועלכע ער האָט „רעהאַביליטירט" (נאָכן טויט). די אלמנות האָט מען באַפרייט פון דער פאַרשיקונג און מען האָט זיי געגעבן קליינע פּענסיעס.

אָבער אין דער אמתן האָט זיך גאָרנישט געענדערט. די יידישע קולטור און ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען ליקווידירט ביז צום שורש און זי ליגט אַ געקוילעטע. נאָר איינצלנע, ווייניקער באַקאַנטע יידישע שרייבער האָבן זיך געראַטעוועט און זיי געפינען זיך היינט כמעט אַלע אין ישראל.

און דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט פון טאָג צו טאָג אין דעם לאַנד „וואו דער סאָציאַליזם איז געקומען צו דער מאַכט אין 1917״.

די איינזאַמקייט פונעם געראַטעוועטן פון חורבן

ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די געראַטעוועטע פון דריטן חורבן זענען צומיינסט די איינציקע פון אַ גאַנצער משפחה, וואָס האָבן איבערגעלעבט היטלערס גיהנום. זעלטן זענען דאָס צוויי אָדער דריי געראַטעוועטע פון דער זעלבער משפחה. לייב עיטינגער, וואָס איז פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אויף דעם אוניווערסיטעט אין אָסלאָ, נאָרוועגיע, האָט אָנגעשריבן אַ בוך, אין וועלכן ער פאַרגלייכט די געראַטעוועטע, וואָס שטאַמען פון נאָרוועגיע מיט די געראַטעוועטע יידן, וואָס שטאַמען פון מזרח־אייראָפּע און זענען איצט אין ישראל. ער אַליין איז צוזאַמען מיט טויזנט אַנדערע יידן פאַרשיקט געוואָרן פון נאָרוועגיע קיין אוישוויץ. פון די טויזנט נאָרוועגישע יידן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן, זענען געבליבן לעבן אַרום צען יידן.

דער גרעסטער חילוק צווישן נאָרוועגישע געוועזענע קאַצעטלער און די געראַטעוועטע יידן איז געווען דער, אַז נאָך דער באַפרייאונג זענען די נאָרוועגיער צוריקגעקומען קיין נאָרוועגיע צו כמעט נאָרמאַלע באַדינגונגען. זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צו זייערע היימען, וואו עס האָבן אויף זיי געוואַרט זייערע משפחות. עס איז אויך פאַר זיי מיינס־טנס געווען מעגלעך זיך אומצוקערן צו דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר דער מלחמה אָדער צו אַן ענלעכער אַרבעט. פאַר די יידן איז נישט געווען וואוהין זיך אומצוקערן. עס איז אויך נישט געווען צו וועמען צוריקצוקומען. בכלל איז עס געווען אַזוי, אַז נאָר 10 ביז 20 פּראָצענט פון די געראַטעוועטע האָבן געהאַט נאָך עמעצן אין דער משפחה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט. פאַר די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע טעריטאָריע, איז געווען פון נאָך גרעסערער וויכטיקייט צו געפינען משפחה, אַ סביבה פון אייגענע מענטשן, וואו זיי וואָלטן געקענט באַקומען מאַטעריעלע הילף און זיך אויסלעבן געזעלשאַפטלעך. אָבער דער דייטשער רוצח האָט פולשטענדיק צעשטערט די היימישע סביבה, די משפחות און די קהילות און דער געראַטעוועטער האָט גוט געוואוסט, אַז ער האָט נישט וואוהין און צו וועמען זיך אומצוקערן. עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז דער געראַטעוועטער איז צו מיינסט געווען דעפּרימירט. מען האָט אָנגעהויבן אָנצורופן דעם דאָזיקן ספּעציפישן צושטאַנד „דעפּ־רעסיע פון אויסגעוואָרצלטקייט". אָבער דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון די געראַטעוועטע יידן.

דער מענטש איז אַ סאָציאַל באַשעפעניש און ער דאַרף האָבן פריינט, כדי ער זאָל קענען עקזיסטירן, אפילו ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען. ווער איז געווען זיין פריינט נאָך אין דעם קאַצעט, ווען ער איז געוואָרן פלוצעם אָפּגעשניטן פון זיין פאַמיליע און פון אַלע, וואָס ער האָט פריער געקענט? וואָס געשעט אין אַזאַ פאַל מיט די אַלע געפילן פון רחמנות, סאָלידאַריטעט און צוטרוי צו אַנדערע מענטשן, מיט וועלכע ער טיילט דעם זעלבן ביטערן גורל? דוכט זיך, אַז אָט די אַלע געפילן זענען געוואָרן ווי אויס־געמעקט אין עטלעכע שעה, פון ווען דער קאַצעטלער איז אָנגעקומען אין דעם לאַגער.

אָבער נישט אַלע האָבן זיך אונטערגעגעבן. די גרויזאַמע ווירקלעכקייט און די טאָגטעגלעכע ליידן האָבן אויסגעלערנט דעם קאַצעטלער, אַז אויב ער האָט נישט קיין ברודער, מיט וועלכן ער וואָלט געקאָנט זיך טיילן מיט זיינע ליידן און פריידן, האָט ער נאָך אַלץ געקאָנט געפינען אַן אַנדערן קאַצעטלער, מיט וועלכן ער וואָלט זיך באַפריינדעט צו דער מדרגה, אַז ער זאָל אים פאַרטרעטן אַ ברודער. אין אַזאַ פאַל וואָלטן זיך ביידע קעגנזייטיק אַרויסגעהאָלפן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזעלכע שטענדיקע „פּאָרלעך" האָבן געהאַט אַ סך בעסערע שאַנסן אויף איבער־צולעבן. אַ מאָל האָט זיך אַזאַ „פּאָרל" פאַרברייטערט און אַריינגענומען נאָך איין אָדער צוויי קאַצעטלערס, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק אַרויסגע־האָלפן, וואו זיי האָבן נאָר געקאָנט.

אין די באַדינגונגען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט יעדע קלייניקייט געהאַט אַ ווערט. זיי האָבן זיך אויך אַרויסגעהאָלפן מאָראַליש. ס'האָט געקאָנט זיך אָנהייבן פון פּשוטער טרייסט, אַריבערגיין אין אויפקלערונג און טיילן זיך מיט גוטע ידיעות פון דעם פראָנט וועגן מפּלות פון די דייטשן. דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט די האָפענונג אויף אַ באַפרייאונג. אַזאַ פריינטשאַפט האָט זיך זייער אָפט נישט געענדיקט מיט דעם קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, נאָר האָט זיך ווייטער געצויגן אויך נאָך דער באַפרייאונג. דעמאָלט זענען צוגעשטאַנען אויך געראַטעוועטע, וואָס האָבן איבערגעלעבט אויף פאַלשע פּאַפּירן, אָדער אין די וועלדער מיט די פּאַרטיזאַנען, אָדער אין רוסלאַנד. די איינצלנע געראַטעוועטע פון אַ שטעטל האָבן זיך קעגנ־זייטיק אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי מיטגלידער פון איין משפּחה, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרטרעטן זייער אייגענע משפּחה, וואָס איז אומגעבראַכט

געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

נישט תמיד איז דאָ אַלץ אָנגעקומען זייער גלאַטיק און אָן שטערונגען. איינזאַמע געראַטעוועטע מענער האָבן חתונה געהאַט מיט פרויען, וואָס האָבן פּונקט ווי זיי פאַרלוירן זייערע פריערדיקע פאַמיליעס. אַ סך מאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזעלכע פּאָרלעך זענען אַנטשטאַנען נאָר צוליב זייער ביידנס באַגער צו אַנטלויפן פון דער איינזאַמקייט און אויסער דעם האָט זיי קיין זאַך פאַרבונדן.

איידער מיר גייען ווייטער, לאָמיר זיך אויך אָפּשטעלן אויף אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט זיינע וואָרצלען נישט אין איינעם פון די יידישע שטעטלעך אין פוילן אָדער אונגאַרן, נאָר אין דער שטאָט ווין, וואו ער איז געווען פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אין דער ווינער אוניווערסיטעט. פּראָפעסאָר וויקטאָר פראַנקל באַשרייבט זיינע געפילן ביים אַהיימקומען פון אוישוויץ אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: „עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעפונען, אַז קיינער האָט אויף זיי נישט געוואַרט... ווי צו דעם, וואָס האָט אויסגעפונען, אַז די פּערזאָן, וועמענס זכרון האָט אים צוגעגעבן מוט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, עקזיסטירט מער נישט!... אפשר האָט ער גענומען אַ טראַמוויי און איז אַרויסגעפאָרן צו דעם הויז, וועלכעס ער האָט געזען יאָרנלאַנג אין זיין פאַנטאַזיע, האָט אָנגעקלונגען, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן אין טויזנטער טרוימען פאַר דעם, נאָר כדי אויסצוגעפינען, אַז די פּערזאָן, וואָס האָט באַדאַרפט עפענען פאַר אים די טיר, איז דאָרט נישט געווען און וועט שוין קיינמאָל מער נישט זיין...

אָט דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש מיט דער דרויסנדיקער וועלט פון אַ פּסיכיאַטער, וואָס איז שוין געווען באַקאַנט אויף דער וועלט און וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צוריק צו באַקומען זיין פּאָזיציע ווי פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אויף דער ווינער אוניווערסיטעט.

אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי אַזוי זאָלן מיר אָפּשאַצן די באַשיידענע פיגור פון מיין פּאַציענט, וועלכער איז געווען נאָר 17 יאָר אַלט, ווען די דייטשן האָבן אים צוזאַמען מיט זיין פאָטער אַוועקגענומען פון זיין משפחה אין דעם קליינעם אונגאַרישן שטעטל? ער איז געווען נאָך „גליקלעכער״ פון אַנדערע, ווייל ער איז געווען די גאַנצע צייט פון זיין פאַרשקלאַפונג צוזאַמען מיט זיין פאָטער (וועלכער איז געשטאָרבן 6 טעג נאָך דער באַפרייאונג). זייענדיק אַזוי יונג, האָט ער נאָך געקענט צוריק־

קומען צו זײַנע כוחות, אָבער פֿאַר זײַן פֿאָטער איז די באַפֿרייאונג געקומען שוין צו שפּעט. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט ער אָבער זײַנע ערשטע יוגנט־יאָרן פֿאַרבראַכט אין שקלאַפֿערײַ און עס איז נישט געווען ווען זיך אויסצולערנען אַ מלאכה אָדער עפּעס צו שטודירן. נאָך דער באַפֿרייאונג איז ער נישט פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם שטראָם פֿון באַגײַסטערונג פֿאַר אַן אייגענער ייִדישער מלוכה, נאָר ער איז צוריקגעגאַנגען צו זײַן שטעטל, כּדי אויסצוגעפֿינען, אַז זײַן מוטער און זײַן שוועסטער זענען אומגעקומען און די גאַנצע ייִדישע קהילה פֿון דאָזיקן שטעטל איז געוואָרן אויסגעמעקט.

מיטאַמאָל האָט ער דערפֿילט, אַז ער איז איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. ער איז געווען דער איינציקער ייִד אין דעם דאָזיקן אונגאַרישן שטעטל און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער קען דאָ ווײַטער נישט בלײַבן. ער איז געקומען קיין בודאַפּעשט, וואו ער האָט געפֿונען אַנדערע אָפּגעראַטעוועטע ייִדן, וואָס זייער גורל איז געווען ענלעך צו זײַנעם. ווי אַ סך אַנדערע אונגאַרישע ייִדן, האָט ער באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג, אָבער קיין נאַציאָנאַל־ייִדיש באַוואוסטזײַן האָט ער נישט געהאַט. ער איז טאַקע אָנגעקומען קיין ארץ ישראל מיט אַ מחנה אַנדערע אונגאַרישע ייִדן. די אידעע פֿון אַן אייגן ייִדיש לאַנד איז פֿאַר אים געווען אַ נײַע, די לעבנס־באַדינגונגען אין ישראל זענען געווען נישט לײַכט און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט צוויי קוזינען אין קאַנאַדע, האָט ער פֿאַרלאָזט ישראל און איז געפֿאָרן צו זײַנע קוזינען.

זײַנע קוזינען האָבן עמיגרירט קיין קאַנאַדע אַ היפּשע פֿאַר יאָר נאָך פֿאַר דער מלחמה און האָבן זיך דאָרטן גאַנץ פֿײַן אײַנגעאָרדנט. זיי האָבן געהערט, אַז זייער גאַנצע משפּחה אין אונגאַרן איז אומגעקומען און זיי האָבן מיין פּאַציענט זייער פֿײַן אויפֿגענומען. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. זיי האָבן גערעכנט, אַז ער וועט זיך באַלד נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט, וועט זיך אײַנאָרדענען, חתונה האָבן און אַזוי ווײַטער. מיין פּאַציענט האָט נישט געוואוסט צו וואָס ער זאָל זיך נעמען, ער האָט נישט געקענט קיין ענגליש און ער האָט נישט געהאַט קיין פֿאַך. די איינציקע זאַך, צו וואָס ער וואָלט זיך געקענט נעמען, איז געווען שוואַרצע אַרבעט. ער האָט זיך געפֿילט זייער איינזאַם אין קאַנאַדע און ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿער מרה־שחורה. זײַנע קוזינען זענען מיט אים

געגאַנגען צו אַ דאָקטער, וועלכער האָט אים געשיקט אין אַ פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל. דאָ האָט מען אים געגעבן שאָק־טעראַפּיע (עס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין ווירקזאַמע מעדיקאַמענטן קעגן גייסטיקע קראַנקייטן, ווי מיר האָבן איצט). זייענדיק אין דעם פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל האָט ער באַקומען דאָס געפיל, אַז די דאָרטיקע פּסיכיאַטערס באַמיען זיך אפילו נישט צו פאַרשטיין די באַזונדערע באַדינגונגען פון זיינע איבערלעבונגען און פון זיינע ליידן. זיי האָבן אים געגעבן דעם דיאַגנאָז פון סכיזאָפרעניע שוין פאַר דעם אַליין, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע פּאַציענטן. זיין אָפּגעזונדערטקייט האָט געהאַט גאַנץ אַנדערע סיבות, ווי עס האָבן געמיינט זיינע דאָקטוירים. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז ער קומט פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, פון אַ וועלט, וואו דאָס לעבן פון אַ יידן איז געווען הפקר, און אַז זיין מרה־שחורה קען נישט ווערן געמאָסטן מיט די מאָסן פון אַ נאָרמאַלער ציוויליזירטער געמיינשאַפט.

די עלעקטרישע שאָק־טעראַפּיע האָט אים קיין סך נישט געהאָלפן, אויסער דעם, וואָס עס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אויף אַ געוויסער צייט זיינע אַנגסטן (עלעקטרישער שאָק שוואַכט אָפּ דעם זיכרון אויף אַ געוויסער צייט) און צרות. ווען זיין זיכרון האָט אָנגעהויבן צוריקצוקומען, האָט עס אויסגעזען, אַז ער פילט זיך בעסער און מען האָט אים אויסגעשריבן פון דעם שפּיטאָל. אין דער אמתן אָבער האָט זיך גאָרנישט געביטן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין מאָנטרעאָל. זיינע קוזינען האָבן אים דערוויל אַרויסגעהאָלפן אויף אַ מאַטעריעלן אופן. זיי האָבן געהאַט זייער אייגן געשעפט, אָבער זיי האָבן פאַר אים נישט געהאַט קיין אַרבעט, ווייל ער האָט נישט געקענט די שפּראַך. דאָ און דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט אונגאַרישע יידן, אָבער יעדער פון זיי האָט שוין געהאַט אַ משפּחה און אַן אייגן ווינקל און ער האָט זיך געפילט ווי אַן איבעריקער מענטש. עס איז אים געוואָרן נמאס זיך אַזוי אַרומצודרייען אין מאָנטרעאָל.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין לאָנדאָן געפינען זיך עטלעכע פון זיינע בני־עיר, וואָס זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון היטלערס האַק אין גאָר אַן אַנדערן לאַגער. ער האָט זיי געשריבן ווי פאַרלוירן ער פילט זיך אין קאַנאַדע. זיי האָבן אים געענטפערט, אַז זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, לעבנדיק דערוויל אויף אַ צייטווייליקער וויזע. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און ער איז צו זיי געפאָרן קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע ווי אין מאָנטרעאָל. נאָך דער ערשטער פרייד פון געפינען אַלטע באַקאַנטע און פריינט איז אים ווידער אָנגעקומען זיך וועגדן מיטן פּנים צו דער ניכטערער דרויסנ־וועלט, וועלכע איז געווען לחלוטין פרעמד צו אים. ער האָט זיך נישט געהאַט צו וואָס צו נעמען און אויך נישט צו וועמען זיך צוצושעפּען. ער איז ווידער אַריין אין אַ טיפער מרה־שחורה און זיינע פריינט האָבן אים געמוזט איינגעבן אין אַ פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט. דאָ האָבן אים די דאָקטוירים ווידער געגעבן דעם דיאַגנאָז סכיזאָפרעניע און ער האָט ווידער באַקומען אַ סעריע פון עלעקטרישן שאָק און אינסולין־היילונג. צו דעם תוך פון זיינע ליידן זענען די ענגלישע דאָקטוירים נישט דערגאַנגען. ווען מען האָט אים אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, איז זיין ציטווייליקע וויזע שוין אויסגעגאַנגען. ער האָט באַוויזן צו באַקומען אַ וויזע צו אימיגרירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און מיט דער הילף פון יידישע אָרגאַניזאַציעס איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אינצווישן האָט מערב־דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ וועגן רעפּאַראַציע־צאָלונגען צו די לעבן־געבליבענע קרבנות פון היטלערן. מיין פּאַציענט איז שוין אין אַמעריקע געגאַנגען צו אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אים געהאָלפן צו באַקומען אַ קליינע פּענסיע. שפּעטער האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ וועגן פאַרגיטיקונג פאַר די קרבנות, וואָס ליידן פון גייסטיקע שטערונגען, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון זייערע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס. מיין פּאַציענט האָט אַרויסגענומען ציַיגענישן פון די פּסיכיאַטרישע אַנשטאַלטן אין מאָנטרעאָל און לאָנדאָן, אָבער די דייטשע דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט אויפן סמך פון דעם דיאַגנאָז „סכיזאָפרעניע״, וואָס זיי באַטראַכטן ווי אַ ירושה־קראַנקייט און אַזוי אַרום האָט עס גאָרנישט צו טון מיט זיינע ליידן אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער און מיט אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן... (ריין־וויסנשאַפטלעך גענומען איז עס ווייט נישט אַזוי, אָבער מיר קענען זיך דאָ אין דעם ענין נישט אַריינלאָזן).

ווען ער איז געקומען צו מיר, האָט מען אים שוין צוויי מאָל אָפּגעזאָגט און ער האָט איצט געוואָלט אַפּעלירן צו דעם העכסטן געריכט אין דייטשלאַנד. ווען איך האָב אים אויסגעפרעגט, האָב איך באַשריבן זיין ליידנס־געשיכטע און געפרואווט באַווייזן, אַז דער דיאַגנאָז סכיזאָפרעניע

איז נישט קיין ריכטיקער און ליידן ליידט ער פון כראָנישער דעפּרעסיע, וואָס האָט אַ סך צו טאָן מיט זיינע איבערלעבונגען אונטער היטלערן און מיט זיינע איצטיקע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס האָט מסתמא יאָ גע־האָט אַ פּעולה און מען האָט אים באַוויליקט אַ פּענסיע.

און איצטער וויל איך נאָך קורץ דערציילן וועגן צוויי געראַטעוועטע יידן, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי גייען אָפּנאַרן די דייטשע רעגירונג, ווען זיי זענען צו מיר געקומען, אַז איך זאָל זיי אָנשרייבן אַ בריוו, אַז זיי זענען גייסטיק נישט נאָרמאַל אַלס אַ רעזולטאַט פון זייערע איבערלעבונגען.

לאָמיר זיי אָנרופן ראובן און שמעון.ביידע האָבן איבערגעלעבט דורך עפּעס אַ נס. ביידע זענען געווען איינציק־געראַטעוועטע פון אַ גרויסער משפּחה. ביידע האָבן געשטאַמט פון צוויי שכנותדיקע שטעטלעך אין מזרח־גאַליציע. זיי האָבן זיך באַקענט ערשט נאָך דער באַפרייאונג ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דעם זעלבן די. פּי. לאַגער אין דייטשלאַנד.

ביידע זענען נאָך געווען זייער יונג, מיט אַ חילוק פון צוויי יאָר אין זייער עלטער. ווען זיי האָבן פאַרגליכן זייערע איבערלעבונגען, האָבן זיי באַלד דערקענט, אַז זייערע גורלות זענען געווען זייער ענלעך, כאָטש די פּאַסירונגען, וואָס זיי זענען אַדורכגעגאַנגען זענען געווען היפּשלעך פאַרשידן. פאַר ראובנען האָט זיך צומיינסט איינגעקריצט דאָס בילד פון זיין דריי־יעריק זונדל, וועלכן ער האָט געפונען אַ געהאָנגענעם נאָך אַן „אַקציע" אין שטעטל, בשעת ער האָט געאַרבעט אויסער דער שטאָט פאַר די דייטשן. ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז אין דער שטוב שוין קיינער נישט געווען, ווייל מען האָט זיי אַוועקגעפירט צום טויט, אָבער דעם געהאָנגענעם זון האָבן זיי אים איבערגעלאָזט...

שמעון איז צוזאַמען מיט אַנדערע יידן געוואָרן אַרויסגעפירט אונטער דער שטאָט. מען האָט זיי געהייסן אויסגראָבן גריבער פאַר זיך. דערנאָך האָט מען זיי געהייסן זיך אויסטאָן אין רייען און אָנגעהויבן זיי אויסצושיסן מיט פּולעמיאָטן. שמעונען האָט נישט געטראָפן קיין קויל און ער איז אין דער נאַכט אַרויסגעקראָכן פון צווישן די מתים און זיך אָנגעטון דעם מונדיר פון אַ יידישן פּאָליציאַנט, וועלכן מען האָט אויך געשאָסן. עס וואָלט צו וויט געפירט צו דערציילן ווי אַזוי יעדער פון זיי האָט זיך אויסבאַהאַלטן נאָך אַט די געשעענישן ביז צו דער באַפרייאונג.

יעדער פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואָס איז אויך געווען

אַ געראַטעוועטע און זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען שוין נאָך דעם, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ווי געזאָגט, האָבן ביידע נישט געגלויבט, אַז זיי האָבן פּסיכישע שטערונגען, כאָטש ביידע האָבן געהאַט קאָשמאַרן, אין וועלכע זיי האָבן ווידער איבערגעלעבט די אַלע גרוילן, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען אונטער די דייטשן. מיטאַמאָל איז ראובן געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. עס איז געווען דער יאָרצייט־טאָג, ווען ער האָט געפונען זיין זונדל אַ געהאָנגענעם. זיין חבר שמעון איז אַריין אין אַ טיפער דעפּרעסיע. ער האָט געהאַלטן אין איין וויינען און זאָגן, אַז ער וויל שטאַרבן אַזוי ווי זיין חבר ראובן. איך האָב פאַר אים פאַרשריבן פּילן קעגן דעפּרעסיע און עס האָט אויסגעזען, אַז ער פילט זיך שוין בעסער. איינמאָל אין אַ זונטיק איז זיין פרוי אַרויסגעגאַנגען איינקויפן שפּייז, זייער טאָכטער איז נישט געווען אין דער היים. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי אים געפונען אַ געהאָנגענעם.

פערטער חלק

עסייען רעצענזיעס ארטיקלען

די גרויסע טעמע אין דער דיכטונג

עס איז אַ באַקאַנטע דערשיינונג: דער דיכטער־אָנפאַנגער, פּונקט ווי דער האַלב־און פערטל־דיכטער כאַפּן זיך אינסטינקטיוו פאַר טעמעס גרויסע, וואָס זיינען שוין אָנגעזאַפּט מיט עמאָציאָנעלן אינהאַלט און עס איז נישט שווער דערפון „עפּעס צו מאַכן". עס פאָדערט זיך ביי אַזעלכע טעמעס שוין נאָר אַ ביסל קאָמבינאַציע און שרייבערישע טעכניק, כדי צו מאַכן פון אַזעלכע „האַלב־פאַבריקאַטן" מער אָדער ווייניקער דרוקפעיקע פּראָדוקטן.

דאָס איז גילטיק פאַר אַלע ליטעראַטורן און אויך פאַר אונזער יידישער ליטעראַטור, כאָטש מיר און אונזער ליטעראַטור לעבן אין גאַר באַזונדערע באַדינגונגען. דער גורל פון יידישן פאָלק האָט, דוכט זיך, איבערגעלאָזט אַ גאַר באַגרענעצטע פרייהייט פאַר דעם יידישן דיכטער אין דעם אויס־וואַל פון דער טעמע און ער קאָן גאָרנישט שרייבן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן אומקום פון זיינע נאָענטע און פון זיין פאָלק! און דאָך... אין דער ראַם פון דער איינער טעמע איז ווידער פאַראַן אַ גאַנצער קאָמ־פּלעקס פון טעמעס: דאָס אַלגעמיינע „גרויסע" (עמאָציאָנעל אָנגעזעטיקטע), וואָס „בעט זיך" ממש אונטער דער פען, און מאָמענטן, דוכט זיך, זייטיקע, וואָס האָבן בלויז אַן אומדירעקטן שייכות צו דעם, וואָס מען וויל אַרויס־ברענגען.

דעם בעסערן דיכטער באַפעלט אָפט זיין אינטואיציע, זיך צו נעמען גראָד פאַר אָט דעם זייטיקן, אָפט וואָכעדיקן. ער נעמט נאָר איין מאָמענט פון גאַנצן קאָמפּלעקס און געשטאַלטיקט אים. דורך אַ דעטאַל, גיט ער אונז דאָס גאַנצע. טוענדיק אַזוי, גייט נאָך דער דיכטער אַ גאַנץ באַשטימטן פּסיכאָלאָגישן געזעץ.

די פּסיכישע רעאַקציעס פון מענטש מעסטן זיך נישט אויס מיט קיין אריטמעטישער מאָס. אויבנאויפיק גענומען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז וואָס מאַסיווער, וואָס גרעסער און שטאַרקער עס איז דאָס געשעעניש, אַלץ טיפער און שטאַרקער מוז זיין די פּסיכישע רעאַקציע. אין דערווירקלעכקייט איז עס אָבער נישט תמיד אַזוי. מיר ווייסן, אַז קלענערע געשעענישן האָבן, פאַרהעלטנישמעסיק גענומען, זייער אָפט אַ טיפערע און

אַנזעעוודיקערע ווירקונג, ווי די גאָר גרויסע. דער טויט פון אַ יחיד — אפילו ווען דער מענטש איז אונז פרעמד — קאָן ביי געוויסע אומשטענדן מאַכן אַ סך אַ גרעסערן איינדרוק, ווי דער טויט און אומקום פון גרויסע מענטשן־מאַסן. און אין דער קונסט איז דאָס שוין ממש אַ געזעץ: עס ווירקט נישט דאָס מאַסנהאַפטע, דאָס פילצאָליקע, דאָס מאַסיווע, נאָר דאָס איינצלנע און דאָס דינע. עס ווירקט די ליניע און דער ניואַנס און נישט די אָנהויפונג פון ליניעס און פאַרבן.

עס איז פאַר אונזערע קינסטלער און שרייבער קיינמאָל נישט לייכטער געווען געשטרויכלט צו ווערן, ווי דווקא איצט, ווען די הויפּט־טעמע פון זיין שאַפן איז, און וועט בלייבן אויף לאַנגע יאָרן — די טראַגעדיע פון גאַנצע שטעט און ישובים. און לאָמיר עס באַלד זאָגן: עס זיינען שוין נישט ווייניק געשטרויכלט געוואָרן, וועלנדיק איבערגעבן די גאַנצע טראַ־געדיע, דעם גאַנצן גרויל פון אונטערגאַנג פון אַ גאַנצער גענעראַציע, פון אַ גאַנץ פאָלק. וועלנדיק געבן דעם אַלץ אַן אויסדרוק — דעם אייגענעם צער און צאָרן אויף דער געמיינקייט און געפאַלנקייט פון שונא, — פאַלט אַריין דער דיכטער זייער לייכט אין שאַבלאָן, אָדער לאָזט זיך אויף דעם גליטשיקן וועג פון וואָרט־אַקראָבאַטיק, וואָס איז זייער ווייט פון אַן אמת־נייער פאָרם. ווי לאַנג אָבער דער דיכטער באַוועגט זיך אויף דעם באָדן פון דער אינדיווידועל־פּערזענלעכער איבערלעבונג, קאָן ער אייביק זיין ניי און אייגנאַרטיק. דער דיכטער, וואָס וועט נישט פאַרלאָזן זיין היימישן באָדן, וועט אַזוי לייכט נישט בלאָנדזשען. דער פאַרמעסט וועט תמיד פיל־ווייניק אַנטשפּרעכן זיינע מעגלעכקייטן. און עס איז נאַטירלעך, וואָס אַ סך פון אונזערע דיכטער באַוויינען דעם חורבן פון פאָלק דורך שילדערן דעם חורבן פון זייער אייגענער היים און דורך באַוויינען דעם אומקום פון זייערע נאָענטסטע. אָט דער „גליקלעכער" אומשטאַנד, וואָס די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון דיכטער איז צוגלייך די טראַגעדיע פון גאַנצן פאָלק, האָט זיין אויפגאַבע פאַראיינפאַכט און לייכטער געמאַכט.

פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אָט דער זעלבער אומשטאַנד די סיבה דערפון, וואָס עס האָט נאָך אין אונזער דיכטונג קיינער נישט געזאָגט דאָס גרויסע וואָרט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער מאָס פון דער קאַטאַסטראָפע. פּסיכאָלאָגיש מוז מען עס דערקלערן אַזוי: די גרויל־געשעענישן האָבן, לויט זייער כאַראַקטער, אַרויסגערופן אומעטום די פּסיכישע רעאַקציע פון

סטופאָר (פאַרשטיינערט ווערן). די פסיכישע רעאַקציע פון טסופאָר דריקט זיך אויס אין אַ פאַרגליווערט ווערן אין אַ באַשטימטער פּאָזע, וואָס סימבאָליזירט אָפּוועך אויך דעמאָלט, ווען די געפאַר איז שוין לאַנג אַריבער. די זעלבע אָפּווער־רעאַקציע מאַניפעסטירט זיך אָבער אַן אַנדערש מאָל נישט אין סטופאָר, אין פאַרגליווערט ווערן, נאָר אין זיין קעגנטייל — אין דעם „שטורעם פון באַוועגונגען“. אויך דער שטורעם פון באַוועגונגען קומט צום אויסדרוק אין דער צייט, ווען די געפאַר איז שוין לאַנג מער נישטאָ. אויב סטופאָר הייסט דאָס פעלן פון אדעקוואטן אויסדרוק, פון פּאַסיקן וואָרט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער אקטועלער געשעעניש (וואָס האָט אַ פּסיכיש־טראַוומאַטישן כאַראַקטער) איז דער „שטורעם פון באַוועגונגען“ אין דער דיכטונג — דער ווערטער־מבול, וואָס האָט זיך אַזוי ברייט צעגאָסן אין דער גרויסער טעמע. אָט דער ווערטער־מבול באַווייזט דאָך נאָר, אַז עס פעלט אַן אַדעקוואַטער אויסדרוק פאַר אונזערע טיף־טראַוומאַטישע איבערלעבונגען. סיי די פאַרגליווערטקייט ביי איין טייל שרייבער (דאָס אַנטלויפן צו ווייטער געשיכטע איז אויך אַן אויסדרוק פון פאַרגליווערטקייט) סיי דער ווערטער־מבול ביי אַנדערע — און טיילמאָל זיינען עס שרייבער אפילו מיט גאָר אַ גרויסער פּאָעטישער קולטור — באַווייזן, אַז מיר זיינען נאָך נישט אַרויס פון סטופאָר.

כדי עס זאָל זיך אויפלעזן דער צושטאַנד פון סטופאָר, איז פאַר אַלעמען נויטיק, — צייט. עס מוז פאַרגיין אַ היפּש ביסל צייט, ביז דער, וואָס האָט איבערגעלעבט די גרויסע קאַטאַסטראָפע — און אַזעלכע זיינען מיר דאָך אַלע — הויבט אַן זיך פאַנאַדערצוקלויבן אין אומפאַנג פון אומגליק און הויבט אַן צו רעאַגירן אַדעקוואַט, ד.ה. די גרויס פון דער רעאַקציע אַנטשפּרעכט דער מאָס פון דער געשעעניש.

אָבער ביז מיר וועלן אָנהויבן צו רעאַגירן אַדעקוואַט, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז עס לויערט פון אַלע זייטן די געפאַר פון שאַבלאָן. די געפאַר פון שאַבלאָן איז דערפאַר אַזוי גרויס, ווייל מיר האָבן אזוי פיל אַנאַלאָגיעס, סיי אין אונזער געשיכטע, סיי אין אונזער ליטעראַטור, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די אַנטשפּרעכנדיקע צייט־אָפּשניטן פון קאַטאַסטראָפעס און פאָלקס־אומקום.

די אינדיווידועלע איבערלעבונג פון דיכטער איז נייע און אינטערעסאַנט — מעגן אויך האָבן מיליאָנען מענטשן פאַר אים דאָס זעלבע איבערגעלעבט

— דערפאַר, ווייל מיר זעען זי דורך דער פּריזמע פון זיין פּערזענלעכקייט. נישט ווייניקער ניי און אייגנאַרטיק מוז אויך זיין דער דיכטערישער אויס־דרוק פאַר אונזער פאָלקס־טראַגעדיע.

און פּונקט אַזוי, ווי דער דיכטער, ראַנגלט זיך צו געפינען דעם אויסדרוק פאַר זיין ענג־פּערזענלעכער איבערלעבונג, טוט ער עס אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי בראשית, ווי עס וואָלט פאַר אים קיינער אַזוינס נישט איבערגעלעבט, מוז עס אויך טון דער דיכטער, וואָס וויל זאָגן דאָס גרויסע וואָרט פון אונזער פאָלקס־אומקום, ווייל דער פאָלקס־אומקום פון 1939 — 45 איז דאָך עפּעס אַנדערש, ווי די שפּאַנישע אינקוויזיציע אָדער די פּאָגראָמען פון מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד, גזירת ת״ח א. א. וו.

נעמענדיק די גרויסע טעמע, מוז דער דיכטער, פּונקט אַזוי ווי דער מאָלער, פון גאַנצן אָנפאַנג פון פאַרבן און ליניעס אַרויסגעפינען דעם פאַרבטאָן און די ליניע, אין וועלכער עס טרעפן זיך צוזאַמען דער אמת פון דער אינדיווידועלער קינסטלערישער וויזיע מיט דער געזעצמעסיקייט פון פּסיכישער אַפּערצעפּציע. די חשיבות פון דער טעמע טאָר אין קיין פאַל נישט פאַרבייגן די עלעמענטאַרע כללים פון דיכט־קונסט.

.1946

פ.ס. אַ היפּשטע פאָר יאָר נאָכן חורבן האָט מען זייער זעלטן דערמאָנט אונזער חורבן אין דער אַלגעמיינער, ענגלישער פּרעסע. קיין שום בוך אויף אָט דער טעמע אין דער ענגלישער שפּראַך האָט נישט אַרויסגערופן קיין גרעסערן אינטע־רעס ביי דעם נישט־יידישן לייענער. מיטאַמאָל, נאָך פאַרן אייכמאַן־פּראָצעס, האָט זיך באַוויזן אין אַמעריקע „דאָס טאָגבוך פון אננע פראַנק״, וואָס איז באַלד געוואָרן אַ „בעסטסעלער״ און איבערזעצט אין אַנדערע שפּראַכן. ס׳איז געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע פּיעסן און מען האָט אויך געמאַכט דערפון אַ מואווי. פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם גורל פון דעם 14־יעריקן יידישן מיידל, וואָס די דייטשן האָבן דערמאָרדעט אַזוי ווי הונדערטער טויזנטער אַנדערע? דעם ענטפער קען מען געפונען אין מיין עסיי פון 1946. דער מענטש קען זיך אידענטיפיצירן נאָר מיט דעם גורל פון אַן אַנדערן יחיד. די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז נישט ביכול אויפצונעמען די טראַגעדיע פון מיליאָנען — עס פאַרבלייבט אַ סטאַטיסטיק.

מנחם־מענדל און דאָן קישאָט

„מנחם־מענדל איז דער יידישער דאָן־קישאָט" — אָט דעם טריוויאַלן שטות קען מען אָפט הערן און, צום באַדויערן, אויך לייענען אין וואָגיקע ביכער וועגן שלום־עליכמען. אָבער מנחם־מענדל און דאָן־קישאָט האָבן מער קעגנזעצלעכעס ווי בשותפותדיקס, כאָטשביידע זענען זיי קאָמישע פיגורן. נישט נאָר די סביבה און די צייט איז אַן אַנדערע, נישט נאָר די פעלקער, וועמען זיי רעפּרעזענטירן, זענען פאַרשיידן. אונזערע צוויי טיפּן זענען גופא צוויי פאַרשיידענע, מען קען זאָגן, אַנטקעגנגעזעצטע פּסיכאָפיזישע פּערזענלעכקייטן.

אין דער הקדמה פון דער צווייטער אויסגאַבע פון „מנחם־מענדל" שרייבט שלום־עליכם:

„מנחם מענדל איז נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור, דאָס איז נעבעך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פּאַרפאַסער איז פּערזענלעך און נאָענט באַקאַנט". אָט די ווערטער שלום־עליכמס באַדאַרף מען נעמען פּשוט, נישט אַריינטייטשנדיק אין זיי גאָרנישט. וועלנדיק געבן אַן אַנאַליז פון דער פּסיכאָפיזישער פּערזענלעכקייט מנחם־מענדל, וואָלט אונז זייער אינטערעסירט, ווי האָט אייגנטלעך אויסגעזען אונזער העלד. אָבער אין גאַנצן בוך „מנחם־מענדל" קענען מיר נישט געפינען קיין רמז אויף מנחם־מענדלס אויסערלעכן אויסזען. אונזער נייגיריקייט קען באַפרידיקט ווערן ערשט דורך אַ פאַרטיפן זיך אין דעם רוסישן מנחם־מענדל־וואַריאַנט, וועלכן שלום־עליכם האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1892, ד. ה. נאָך פאַר דער ענדגילטיקער אָפּפאַסונג פון מנחם־מענדל־בוך אין יידיש. (דער דאָזיקער מנחם־מענדל־וואַריאַנט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַלס דערציילונג אין יידיש־רוסישן „אָדעסקי ליסטאָק", איבערזעצט אויף יידיש פון האָדעס אין „פאָרויס" (נ. 6, 7־ 1938, וואַרשע).

מיר לייענען דאָ:

...„אַלזאָ, אונזער העלד איז געווען אַ נידריטשקער, אַ גראָביטשקער, מיט אַ שטאַרק באַוועגלעך פּנים, שוין נישט קיין יונגער, אַ בחור פון אַ יאָר 40 אָדער 50 — עס איז געווענדעט אין די אומשטענדן, אויב זיינע געשעפטן זענען געגאַנגען גוט, פלעגט ער ווערן אויף 10 יאָר יונגער; ווען עס האָט אים אָבער נישט געגליקט, פלעגט ער שוין נישט אויסזען

אַזוי יונג, כאָטש דאָס פּנים זיינס איז שטענדיק געווען לעבעדיק און אויף זיינע ליפּן האָט שטענדיק געשפּילט אַ לעבנסלוסטיקער שמייכל״...

פון דער דאָזיקער באַשרייבונג זעען מיר, אַז מנחם־מענדל אַנט־שפּרעכט לויט זיין קערפּערלעכן אויסזען דעם קאָנסטיטוציאָנעלן טיפּ פון אַזוי גערופענעם פּיקניקער, ווי עס האָט אים באַשריבן דער מאַגדעבורגער פּסיכיאַטער, פּראָפ. ערנסט קרעטשמער. לויט קרעטשמערס טעאָריע איז דאָ אַ וועזנטלעכער צוזאַמענהאַנג צווישן קערפּערלעכן אויסזען און כאַראַק־טער פון מענטש: פון אַ פּאָר אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע זאַכן וועגן מנחם־מענדלס אויסערלעכן אויסזען קענען מיר אַ סך אָפּלערנען אויך וועגן זיין פּסיכישער קאָנסטיטוציע. קענענדיק מנחם־מענדלס כאַראַקטער פון בוך „מנחם מענדל״ און איצט אויך זיין אויסערלעכן אויסזען, ווערן מיר זיך קענען לייכט איבערצייגן, ווי ווייט עס דעקט זיך דאָס ליטעראַרישע ווערק מיט דער וויסנשאַפטלעכער כאַראַקטעראָלאָגישער פאָרשונג און ווי ווייט זיי באַשטעטיקן זיך קעגנזייטיק.

דאָס קערפּערלעכע פון פּיקניקער קען מען רעדוצירן צו די פּאָר הויפּט־שטריכן: ברייטער און נישט צו הויכער קערפּער, קורצע גלידער, דאָס פּנים ברייט, ווייך רונדיק און באַוועגלעך. דער קאָפּ איז גענוג גרויס, מער רונד. דער דאָזיקער טיפּ קריסטאַליזירט זיך אויס צום דייטלעכסטן אין די מיטעלע לעבנס־יאָרן.

דער פּיקניקער איז אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש; ער נעמט אָנטייל אין אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים, ער רעאַגירט באַלד אויף אַלץ. די געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג פון פּיקניקער קומט צום אויסדרוק אין זיין מענטשן־פריינטלעכקייט און צופּאַסונגס־פעאיקייט. דאָס איז דער אָפּטימיסט, וואָס קיין שום קלעפּ פון לעבן שרעקן אים נישט אָפּ, מיט איין וואָרט — מנחם־מענדל...

צום פּיקנישן טיפּ געהער אָבער אויך דער דעפּרעסיווער כאַראַקטער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט זינדיקייטס־אידעען, שולד־ און מינדערווער־טיקייטס־געפילן. אָבער אויך דער דאָזיקער טיפּ איז נישט קיין פּעסימיסט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. זיין פּעסימיזם איז מער אַ טעאַטראַלישער, אַ דעמאָנסטראַטיווער און נישט קיין טיפער, ער מוז אַזוי צו זאָגן, אָפּ־שפּילן די פּעסימיסטישע ראָלע... דער דעפּרעסיווער טיפּ גייט לייכט אַריבער אין אַ צושטאַנד, וואָס איז צווישן טרויעריק און פריילעך, ד.ה.

סינטאָניש.

דאָ דערקענען מיר טוביה דעם מילכיקן, וועלכער איז אייגנטלעך אויך אַן אָפּטימיסט, כאָטש פון אַ גאַנץ אַנדערן מין, ווי מנחם־מענדל.

ווען מען פאָלגט נאָך ווייטער די כאַראַקטעריסטיק פון דעם פּיקניקער, קען מען האָבן דעם איינדרוק, אַז דער דייטשער פּראָפעסאָר פון מאַגדעבורג האָט געלייענט שלום־עליכמען... (פאַרשטייט זיך, אַז אויך שלום־עליכם האָט נישט געקענט האָבן קיין אַנונג וועגן קרעטשמערס בוך „קערפּערבוי און כאַראַקטער", וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1920).

הכלל, מנחם־מענדל איז דער היפּאָמאַנישער פּיקניקער מיט אַלע ברעקעלעך: גאָרנישט זעט אים אויס צו זיין שווער און אוממעגלעך. אָט, אָט ווערט ער רייך... און כאָטש עס פירט זיך אים גאָרנישט, פאַלט ער ביי זיך נישט אַראָפּ; ער פּרוווט אַלץ אויפסניי זיין גליק, זייענדיק פעסט איבערצייגט, אַז סוף כל סוף וועט ער זיינס דערגרייכן... און כאָטש ער פּרוווט אַלץ מעגלעכע און אוממעגלעכע, רייסט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּ איינגאַנצן פון דער ווירקלעכקייט. טאַקע אויף דעם באָדן פון דער ווירקלעכקייט וויל ער מאַכן זיין גליק... די צרה איז נאָר, וואָס עס פירט זיך אים נישט, אָבער ער פאַרלירט קיינמאָל נישט דעם גלויבן.

אויך דאָן־קישאָט ווירקט קאָמיש. מיר האָבן אָבער דאָ פאַר זיך אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ. שוין דאָס אויסערלעכע אויסזען פון דאָן־קישאָט איז דער קעגנזאַץ צו מנחם־מענדל. דאָן־קישאָט איז לאַנג און דאַר, אַ שמאָלע געשטאַלט מיט לאַנגע הענט און פיס. לויט קרעטשמערס טערמינאָלאָגיע באַדאַרף מען אָנרופן דעם דאָזיקן קערפּערלעכן טיפּ אַסטעניקער אָדער לעפּטאָסאָמיקער. דער אַסטעניקער איז אינזיכיסטיש און נעמט נאָר אַ שוואַכן אָנטייל אין דעם, וואָס ס'קומט פאָר אַרום אים. נישט ער פּאַסט זיך צו צו דער ווירקלעכקייט, נאָר ער באַמיט זיך, די ווירקלעכקייט צוצופּאַסן צו זיינע אידעען (פאַרשטייט זיך, אַז די ווירקלעכקייט וויל זיך נישט צופּאַסן צו זיינע ווילדע אידעען). דערפון בעמט זיך די אַנגעצויגנקייט און די שפּאַנונג צווישן אים און דער סביבה. וואָס ווייטער זיינע אידעען זענען פון דער ווירקלעכקייט, אַלץ גרעסער די שפּאַנונג און דער קעגנזאַץ.

אַזאַ טיפּ איז דאָן־קישאָט, וועלכער קען זיך נישט געבן קיין עצה מיט דעם ווירקלעכן לעבן... צוליב זיין אומדרייסטקייט דעראָבערט ער

נישט די פרוי, וועלכע ער האָט ליב. ער בויט זיך אויס אין זיין פאַנטאַזיע אַן אַנדערע וועלט. אין דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער וועלט געוועלטיקט ער אומבאַשרענקט און זעט אַלץ אַזוי, ווי עס דיקטירן אים זיינע ווונטשן און זיינע אויסגעטראַכטע אידעען...

ס׳איז דאָ אַ טיפער און גרונטזעצלעכער חילוק אין דער באַציונג פון דאָן־קישאָט און מנחם־מענדל צו דער ווירקלעכקייט און יעדער זעט זי אַנ־דערש ווי זי איז. דאָן־קישאָט זעט בכלל נישט די ווירקלעכקייט מיט דעם אויסנאַם פון צוויי מאָמענטן: ווען ער וויל זען די דולטשינעאַ דווקא אין דער געשטאַלט פון זיין יוגנט־אידעאַל אדאָנצאַ (ער לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן פון סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, וואָס רוקט אים אונטער אַ פּראָסטע דינסט־מויד) אין די לעצטע רגעס פאַר דעם טויט. אַלזאָ, נאָר אַזעלכע שטאַרקע טרייב־קראַפטן, ווי ליבע און טויט זענען אימשטאַנד אויף רגעס דורכצוברעכן די וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער ווירקלעכקייט.

ביי מנחם־מענדל איז נישטאָ אַזאַ וואַנט צווישן אים און דער ווירק־לעכקייט. ווי שטאַרק עס זאָל אויך נישט זיין זיין קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט — אינגאַנצן רייסט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון דער רעאַליטעט. דאָ האָבן מיר עס צו טון מיט אַ קאָנסעקווענטער אָפּטימיסטי־שער לעבנס־איינשטעלונג פון אָנהויב ביזן סוף. אַזוי זעט ער די וועלט — זוניק און פאַרביק ביז גאָר! נאָך יעדער ביטערער דערפאַרונג איז ער מסכים, אַז ער האָט זיך די זאַך צו לייכט פאָרגעשטעלט, אָבער דאָס שטערט אים נישט, מיט דעם זעלבן גלויבן צו דערוואַרטן דאָס גליק פון די אַנדערע געשעפטן, ביי וועלכע ער האַלט. דעם דאָזיקן אימינענטן גלויבן קען ביי אים נישט צונעמען קיין שום דערפאַרונג.

דאָן־קישאָט איז איינזאַם; אַ גייסטיקן קאָנטאַקט וואָלט ער געקענט האָבן נאָר מיט די, וועלכע עס וואָלט אים געלונגען צו „אינדוצירן״ מיט זיינע אידעען, אָבער אַפילו מיט סאַנטאָ־פּאַנשאָ איז דער קאָנטאַקט נישט קיין פולשטענדיקער, ווייל סאַנשאָ־פּאַנשאָ גלויבט דאָן־קישאָטן נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס איז נוגע זיין קומענדיקע קאַריערע. ווי געזאָגט, קען דאָן־קישאָט נישט געפינען קיין קאָנטאַקט מיט קיינעם נישט, ווייל צווישן אים און די אַרומיקע איז דאָ אַ וואַנט, פונקט ווי עס איז דאָ אַ וואַנט צווישן אים און דער גאַנצער רעאַלער ווירקלעכקייט.

אַרום מנחם־מענדלען זענען תמיד דאָ מענטשן. אַנדערע האַנדלען

מיט „פּאַפּירלעך״ — האַנדלט ער אויך. אַנדערע מיינען, אַז זיי וועלן היינט־מאָרגן רייך ווערן, און ער אויך „בתוכם״. דער „און איך אויך בתוכם״ חזרט זיך איבער רעפּרען־אַרטיק כמעט אין יעדן בריוו מנחם־מענדלס. אומעטום, אויף יעדן שריט באַמיט זיך מנחם־מענדל צו זיין און צו טון אַלץ אַזוי, ווי אַלע אַנדערע.

דאָס, פאַרוואָס עס גיט זיך אים נישט איין, איז אַ פראַגע פאַר זיך.

דאָן־קישאָט טראַגט זיך אַרום מיט אידעאַלן פון מענטשן־ליבע און העלפן די שוואַכע. אָבער די דאָזיקע אידעאַלן זענען אַבסטראַקט און האָבן נישט קיין שום אָנהאַלט אין דער ווירקלעכקייט. ער קוקט זיך נישט אום, צי זענען די מענטשן, וועלכע ער וויל העלפן, אומשולדיקע אָדער פאַר־ברעכער. ער גייט צו צו זיין אויפגאַבע פאָרמעל־סכעמאַטיש: אויב זיי זענען געבונדענע, מוז ער זיי באַפרייען. דאָן־קישאָט לאָזט זיך פירן אין זיינע האַנדלונגען פון אַ שטייפן, ווירקלעכקייטס־פרעמדן פּרינציפּ.

מנחם־מענדלס מענטשן־ליבע איז אַ קאָנקרעטע און אַ נאַטירלעכע. נישטאָ דאָ קיין שום סכעמאַטישקייט און צוגעטראַכטקייט. די דאָזיקע מענטשן־ליבע פאַרפירט אים טאָקע צו לייכט־גלויביקייט און ער פאַלט לייכט אַ קרבן פון פאַרשיידענע שווינדלערס. מנחם־מענדלס לייכט־גלוי־ביקייט איז אַן אוניווערסאַלע און ציט איר יניקה פון גוטסקייט און אָפּטימיזם. דאָן־קישאָטס לייכט־גלויביקייט באַשרענקט זיך נאָר אויף דעם געביט, וואָס האָט אַ שייכות צו זיינע קראַנקהאַפטע אידעען.

דאָן־קישאָט איז טראַגיש, ווי קאָמיש ער זאָל אויך נישט ווירקן. דער דאָזיקער טראַגיזם ווערט אונטערגעשטראָכן דורך איינזאַמקייט, דורך זיין העלדן־פּאָזע, דורך דעם פאַרנאַכלעסיקן פון אַלע נאַטירלעכע און מענטש־לעכע באַדערפענישן.

מנחם־מענדל איז ווייט פון טראַגיזם, אים איז פרעמד יעדע אָנגע־צויגנקייט און יעדע פּאָזע. אויב דאָן־קישאָט איז ווייט פון אונזער דענקען און מיר קענען זיך בשום אופן אין אים נישט אַריינפילן, איז אונז אָבער דער געדאַנקען־גאַנג פון מנחם־מענדל נאָענט און מיר פאַרשטייען אים.

די דאָזיקע נאָענטקייט צו מנחם־מענדל איז נישט ספּעציעל דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ יידישער טיפּ און אַ יידישע סביבה. מיר פילן זיך זייער לייכט אַריין אין זיינע ספּעקולאַציעס און האָפנונגען; ווייל ווי אומוואַרשיינ־לעך עס זאָל דאָ אַלץ אויך נישט זיין, איז עס דאָך אָבער נישט אוממעגלעך.

צוויי פאַרשיידענע פעלקער האָבן געשאַפן צוויי באַזונדערע טיפּן פון קאָמישע פיגורן. די געשטאַלטן מנחם־מענדל און דאָן־קישאָט זענען אין זייער אמתדיקייט מאָנומענטאַל. און היינט קען די וויסנשאַפט באַשטעטיקן דאָס, וואָס עס האָבן מיט אַ צייט פריער אינטואיטיוו געפילט און געוויזן די צוויי געניאַלע זעער — סערוואַנטעס און שלום־עליכם. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס שטאַרק־פּיקנישע יידישע פאָלק האָט אַרויס־געגעבן אַלס דעם פולקומענסטן טיפּ — מנחם מענדלען און דאָס לעפּטאָ־סאָמע שפּאַנישע פאָלק — דאָן־קישאָטן.

◈

פסיכאָלאָגישע מאָמענטן אין דער געטאָ־ליטעראַטור

ווען מען לייענט די דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון דער אָקופּאַציע־צייט, מוז מען זיך צו זיי באַציִען מיט אַ געוויסער פּאָרזיכטיקייט, כדי צו אונטערשיידן אמתע פאַקטן פון ביליקער בעלעטריסטיק. ווייל ווי אָפט באַשרייבן מענטשן פאַקטן, וואָס זיי האָבן אָדער אַליין איבערגעלעבט, אָדער געזען, נישט אַזוי ווי עס איז געווען, נאָר אַזוי, ווי עס דאַכט זיך זיי אויס, אַז עס וואָלט באַדאַרפט זיין... איך האָב דאָ אין זינען די קאָמענטאַרן, וואָס עס גיבן צו די זכרונות־שרייבער, אויב זיי ווילן איבערגעבן דעם פסיכישן צושטאַנד פון די לאַגעריסטן, אָדער פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. מיט גאָר אַ גרעסערער פאָרזיכטיקייט מוז מען צוגיין צו ליטעראַרישע ווערק, וואָס באַהאַנדלען געטאָ־מאָטיוון, ווייל דאָ איז נאָך אַ סך לייכטער אַריינצופאַלן אין אַ „ליטעראַרישן" פּסיכאָלאָגיזם און איבערטרייבונגען, אויב עס האַנדלט זיך אין פאַרפיקסירן די פסיכישע שעדיקונגען, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען.

▽

אויף איין געביט האָבן מיר אָבער ביז היינט נישט געטראָפן קיין איבערטרייבונגען, גיכער פאַרשעמטע אָנווייזונגען דאָ און דאָרט... עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם נידעריקן מאָראַלישן ניוואָ פון גרויסע מענטשן־מאַסן, וואָס האָבן אין ביטערן קאַמף פאַר דעם נאַקעטן לעבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אַ סך עטישע און סאָציאַלע פּאָסטולאַטן. וועגן אָט דער עטישער דעגראַדאַציע שרייבט מען ביי אונדז שוין פיל צו ווייניק! זי האָט אויך אין דער ליטעראַטור נאָר דאָ און דאָרט איבערגעלאָזט אַ שפּור. אָבער שרייבנדיק דערפון, מוזן מיר צו דעם פּראָבלעם צוגיין ווי פּסיכאָ־היגיענישקער, וואָס קענענדיק די סיבה פון אָט דער דערשיינונג (די דייטשע אָקופּאַציע) באַמיען מיר זיך נישט נאָר אַרויסצוברענגען אַלע אירע שטריכן, נאָר אויך פאַרהיטן איר ווייטערדיקע פאַרשפּרייטונג.

אַזעלכע שטריכן ווערן יאָ אַרויסגעבראַכט אין אַ טייל געטאָ־דערציילונגען. עס ווערט געשילדערט נישט נאָר די אכזריות פון דייטש, נאָר אויך דאָס נייע, וואָס איז אויפגעקומען אין אונזער סביבה אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער אכזריות. עס רעדט זיך דאָ וועגן עפּעס אַ גאַנץ נייער אַטמאָספער. עפּעס זענען דאָ די באַציאונגען צווישן מענטשן, צווישן ברודער און ברודער נישט אַזוי ווי געוויינטלעך... ווען מען טראַכט זיך טיפער אַריין

אין אַט דער דערשיינונג, קומען אויף אַנאַלאָגיעס פון פאַרהיסטאָרישע צייטן, ווען עס האָט ערשט אָנגעהויבן צו אַנטשטיין די מענטשלעכע געזעל־שאַפט און אפילו אין די באַציאונגען צווישן איינצעלנע משפחה־מיטגלידער האָט נאָך געהערשט דאָס וועלפישע געזעץ...

אַט שילדערט אונז, למשל, רבקה קוויאַטקאָווסקאַ אין דער געטאָ־דערציילונג „צווישן צוויי ראַציעס" („ייד. שריפטן" נ. 4, 5 — 6 לאָדזש 1947) ווי אַזוי עס פאַרטיילן צווישן זיך די ראַציע, מיטגלידער פון איין משפחה. דאָס ברויט, די מאַרמעלאַדע און אַנדערע, ווערט פאַרטיילט דורך דער מוטער — יעדן גלייך — לויט וואָג! אָבער ווען דער קראַנקער פאָטער קאָן זיך נישט איינהאַלטן און וויל פאַר דעם פאַרטיילן פאַרזוכן אַ לעפעלע מאַרמעלאַדע, קומט עס צוליב דעם שיער נישט צו אַ געשלעג צווישן דעם פאָטער און זיין זון שלמה, וועלכער זאָגט בזה הלשון: „היינט איז אַלץ איינס... יעדער וויל איבערלעבן..." אָבער ביז צו דער צווייטער ראַציע שטאַרבט דער פאָטער (פון הונגער־געשווילעכץ) און נאָך אים די מוטער. אויפן טיש זענען צעלייגט די פּראָדוקטן, אָבער עס איז שוין דאָ ווייניקער מיט צוויי עסערס... ערשט אין אָנבליק פון טויט קומט אויף די זין עפּעס ווי חרטה, און שלמה זאָגט: „אפשר האָבן מיר נישט באַדאַרפט פאַרטיילן די ראַציעס?" די דערציילונג ענדיקט זיך מיט אַ בילדל: „אויפן טיש איז געשטאַנען די וואָג. דורכן האַלב־אָפענעם פענצטער האָט אַריינ־געבלאָזן דער ווינט, געשפּילט זיך, געוויגן מיט די שאָלן".

אַן ענלעכן מאָמענט באַשרייבט י. שפּיגל אין זיין געטאָ־דערציילונג „ברויט" (פון ביכל „מלכות געטאָ", לאָדזש). דאָס מאָל עסט דער טאַטע אויף דאָס ברויט פון זיינע צוויי קינדער. „עס זענען גאָרנישט געווען זיינע הענט, וואָס האָבן די קינדערס פאַרציעס ברויט אין דער טונקלקייט פון קעמערל געשטופּט צו זיך אין מויל אַריין... ניין ניין... ס'איז שוין דעמלט נישט געווען דער טאַטע... ס'איז נישט געווען שימעלע, נאָר עפּעס אַ פאַרכישופטע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיינע הענט און פיס, עפּעס אַ פאַרשאָלטענער דיבוק, וואָס האָט מיטן טאַטנס הענט און מיטן טאַטנס פינגער געריסן דאָס טונקעלע ברויט... פונעם מויל זענען אַרויסגעפאַלן נאַסע, צעקייטע שטיקער און געבליבן אויף זיינעביידע האַנט־פלאַכן. פונדאַנען זענען זיי ווידער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם מויל, וואָס האָט זיי פאַרצערט אין אַן אימה־

דיקער האַסטיקייט״.

פלאַסטיש ביז גאָר, ווייזט אונז דאָ י. שפּיגל, ווי עס זענען אויפ־געקומען אין די באַדינגונגען פון געטאָ פּרימיטיווע, אַרכאַאישע רעאַק־ציעס ביי אַ מענטש, וואָס איז דאָך בטבע געווען אַן איידעלער און וואוילקענעוודיקער... דער עגאָאיסטישער, פּרימיטיווער אינסטינקט האָט דורכגעבראָכן אַלע אָפּהיטונגען פון לאַנגע יאָרטויזנטער קולטור. אָט דער מאָמענט איז פון י. שפּיגל פּסיכאָלאָגיש אינגאַנצן פאַרענטפערט געוואָרן. אין דער ציטירטער שילדערונג ווערט אָנגעוויזן אויף אַ צושטאַנד, ביי וועלכן עס איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט פון שימעלע. עס ווערט געוויזן, ווי אַזוי עס קומט אַרויף אויף דער אויבער־פלאַך פון דער פּערזענלעכקייט דאָס פּרימיטיווע, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן ליגט עס טיף פאַרבאָרגן אויף דעם דנאָ פון דער נשמה. און די מאַמע גליקע — פון דער זעלבער דערציילונג — האָט עס אויך אין דעם זיבען אָפּגעשאַצט, ווען זי זאָגט: „איצט פעלט נישט מער, רבונו של עולם, ער זאָל אָפּשניידן אַ שטיק פלייש פון די קינדער און אָפּקאָכן...״ צום סוף, ווען די דייטשן נעמען אַוועק שימעלען, עסן זיך אָן די קינדערלעך און גליקע מיט דעם טאַטנס ברויט... „און דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך, אַ סך חדשים, האָבן זיך די קינדער פריידיק אָנגעזעטיקט און אויך די מאַמע גליקע. דעם שלאָף, וואָס זיי האָבן די נאַכט געשלאָפן, איז געווען אַ רואיקער און אַ זאַטער...״

ווי גרויזאַם עס זאָל נישט זיין דער דאָזיקער פינאַל, איז ער דאָך אמתדיק און עכט, ווייל ער ברענגט אַרויס מיט דער גאַנצער בולטקייט, ווי ווייט עס איז באַהערשט געוואָרן די פּסיכיק פון גאַנץ פּרימיטיווע און אַרכאַאישע רעאַקציעס.

▽

עס וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג, ווען מיר וועלן פעסטשטעלן, אַז דער פּסיכישער צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די געטאָס און קאַצעטן, איז צו פאַרגלייכן מיט דעם צושטאַנד פון סטופּאָר (פאַרגליווערטקייט). סטופּאָר, דאָס איז אַ פּרימיטיווער רעפלעקס, וואָס מיר געפינען אים שוין אפילו ביי נידעריקע חיות, דאָס איז דער רעפלעקס פון „מאַכן זיך טויט״, מיט וועלכן עס פּרוווט זיך ראַטעווען דאָס חיהלע, ווען עס האָט מער נישט

קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן, אגב, האָבן זיך טאַקע נישט ווייניק יידן געראַטעוועט בשעת אַן אַקציע אָדער עקזעקוציע טאַקע אַדאַנק דעם דאָזיקן רעפלעקס („מאַכן זיך טויט״). סטופּאָר־צושטאַנד קומט פֿאָר ביי אַ טייל גייסטיקע קראַנקייטן, וועלכע זענען אין תוך אויך אַ טיילווייז אומקערן זיך צו דער אַרכאַיק.

אָבער אין די געטאָס באַגעגענען מיר דעם סטופּאָר־צושטאַנד נישט אַלס סימפּטאָם פון גייסטיקער קראַנקייט. איז עס דאָך אַן אַלגעמיין באַוואוסטע זאַך, אַז גייסטיקע קראַנקייטן, פּונקט ווי זעלבסטמאָרד, זענען געווען אין די געטאָס און לאַגערן אַ זעלטנקייט. סטופּאָר אין די געטאָס און לאַגערן, דאָס איז דער פּסיכישער צושטאַנד, אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען גרויסע מענטשן־מאַסן, וואָס שטייען אונטער דער שטענדיקער שאָק־ווירקונג פון טויט־שרעק, וואָס ווערט ווידער אָפּגעטעמפּט דורך דעם קליינלעכן, טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ. די דינאַמיק פון פּסיכישן מעכאַניזם איז אין אַלע פֿאַלן פון סטופּאָר אַן ענלעכע. אויף אַ דיאַלעקטישן אופן פירט זי צוריק צו דער אַרכאַאיק און צו פּרימיטיווע פּסיכישע רעאַקציעס. פּאַראַלעל דערצו פֿאַרשווינדן די העכערע עטישע געפילן און אפילו דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט צווישן די מיטגלידער פון איין משפּחה. עס הויבט אָן ווידער צו דאָמינירן דאָס וועלפישע געזעץ.

די בעסטיאַלישע דייטשע פֿאַרניכטונג לגבי די יידן האָט געבראַכט אויסער דירעקטער פֿאַרטיליגונג, אויך אַ גאַנצע ריי מאָראַלישע שאָדנס פֿאַר די לעבן־געבליבענע. אָט די מאָראַלישע שאָדנס (פּרימיטיווע רעאַקציעס) זענען אַ באַגלייט־דערשיינונג פון סטופּאָר. דער סטופּאָר איז אָבער אין תוך אַ שוץ־מעכאַניזם, וועלכער דערמעגלעכט דעם אינדיווידואויסצוהאַלטן אַלע פּסיכישע קלעפּ — אַ דאַנק דער פֿאַרגליווערטקייט. פון סטופּאָר אַלס מאַסן־פּסיכאָז, קאָן זיך דער איינצלנער נאָר זייער שווער באַפֿרייען, סיידן ער שטייט אויף אַ באַזונדערס הויכן עטישן ניוואָ. ווייסן מיר דאָך ווי שווער עס איז צו באַפֿרייען זיך פון אַלע איינווירקונגען פון מאַסן־פּסיכאָז. יעדער נערוועאישער און פּסיכישער רעפלעקס האָט פֿאַר אַ ציל צו דערהאַלטן דעם מין בשעת אַ סכנה. דער סטופּאָר איז דערפֿאַר אַ שוץ־מעכאַניזם, ווייל ער דערלאָזט נישט צום באַוואוסטזיין די פּסיכישע טראַומעס, וואָס אונטער זייער לאַסט וואָלט זיך דער נאָרמאַלער מענטש

איינגעבראָכן. אָט דער דאָזיקער פאַרגליוורטקייט האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס דער גרעסטער טייל יידן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַלע שוידערלעכקייטן פון געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועלכע האָבן פאַרלוירן אַלץ און אַלעמען, זענען דאָך פאַרבליבן פסיכיש־געזונט. עס איז, ווי ווען דאָס איך וואָלט זיך אַרומגעפּאַנצערט מיט אַ וואַנט, וואָס לאָזט נישט צו אַלע שעדיקונגען צו דעם קערן פון דער פּערזענלעכקייט. עס קומען דערביי אָבער אין באַוועגונג פאַרשידענע פסיכישע מעכאַניזמען, וואָס שטאַמען פון דער פרע־היסטאָרישער אורצייט.

◈

דער פּרצוף פון דער דייטשער וויסנשאַפט¹

אין דער אויספאָרשונג פון די דייטשע פאַרברעכנס שענקט מען צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט דעם אַנטייל און דער ראָל פון דער דייטשער וויסנשאַפט. עס איז אויך די ליטעראַטור אויף דעם דאָזיקן געביט אַן אומפולשטענדיקע און אָרעמע. דעם דאָזיקן בלויז פילט אויס אין אַ געוויסער מאָס די אַרבעט פון ד״ר מ. ווײַנרײַך, וואָס האָט זיך דאָ געשטעלט די אויפגאַבע נישט נאָר אַרויסברענגען אין אַלגעמיינע שטריכן די ירידה פון דער דייטשער וויסנשאַפט, נאָר דער עיקר איר אַנטייל אין דער פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק. דער אויטאָר האָט אין דער דאָזיקער אַרבעט געפּרואווט אויך געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַ גאַנצער רײַ דייטשע געלערנטע פון די פאַרשיידנסטע געביטן און אַנגעוויזן אויף זייער ירידה אַלס געלערנטע און אויף דער וויכטיקער ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט בײַ דער פּלאַנירונג, צוגרייטונג און אפילו בײַ דער אָרגאַניזירונג און אויספירונג פון היטלערס טייוולאָנישן פּלאַן: אויסראָטן דאָס יידישע פאָלק אַלס פּרעלודיום צו דער אויסראָטונג פון אַנדערע פעלקער, וועלכע שטערן דער דייטשער עקספּאַנסיע.

ד״ר מ׳ ווײַנרײַך האָט אין זיין אַרבעט פאַר אַלעמען אונטערגעשטראָכן איין וויכטיקן פאַקט: די דייטשע געלערנטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער היטלעריסטישער אידעאָלאָגיע — און זיי זיינען דאָך געווען אין דייטשלאַנד די גרויסע מערהייט — דאָס זיינען נישט קיין כמו־געלערנטע, (כאָטש אויך אַזעלכע האָבן נישט אויסגעפעלט), נאָר טאַקע אמתדיקע אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרן און מיטגלידער פון וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, וואָס האָבן צומיינסט פאַרנומען זייערע הויכע שטעלונגען נאָך פון פריער. אַ סך פון זיי — דאָס זיינען געלערנטע מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס זיינען נאָך פריער נישט איינמאָל אַרויסגעטראָטן מיט זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אויף וועלט־קאָנגרעסן פון זייער ספּעציאַל־געביט.

זינט 1933 י. איז אין דייטשלאַנד נישטאָ קיין איין וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין, וואָס זאָל נישט האָבן מיטגעווירקט אידעאָלאָגיש צו צעמענ־

1) ד״ר מאַקס ווײַנרײַך: „היטלערס פּראָפעסאָרן" דער חלק פון דער דייטשער וויסנשאַפט אין דייטשלאַנדס פאַרברעכנס קעגן דעם יידישן פאָלק. „איוואָ"־בלעטער באַנד 27, נומ. 2 — 1 (פרילינג נומער).

טירן און וויסנשאַפטלעך צו פונדירן דעם היטלעריזם.

אַ באַזונדערס גרויסן אָנטייל אין דער אידעאָלאָגישער באַגרינדונג פון היטלעריזם און אַנטיסעמיטיזם האָבן אָבער די דייטשע פּסיכאָלאָגן, אַנטראָפּאָלאָגן און ביאָלאָגן. שוין אָפּגערעדט פון די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. איינער פון די נאַצישע גדולים האָט פאָרמולירט דעם זאַץ: נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז אָנגעווענדעטע ביאָלאָגיע״. ווי באַקאַנט, האָבן זייער ענערגיש „אָנגעווענדט ביאָלאָגיע״ די ס. ס. און ס. ד., וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אָרגאַניזירן און אויספירן די מאַסן־מאָרדן איבער דער יידישער באַפעלקערונג. און עס איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס אַ בוך־אינסטרוקציע, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן הימלער פאַר דער עליטע פון דער עס־עס (פאַר דעם אינערלעכן געברויך), ווערן ברייט ציטירט די ווערק פון די דייטשע אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרן — ערנסט רידין (פּסיכיאַטער פון מינכענער אוניווערזיטעט), ערווין באור, אויגען פישער א. אַנד. דאָס זיינען אַלץ געווען געלערנטע און אויטאָריטעטן נישט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר ווייט איבער אירע גרענעצן.

די דייטשע ביאָלאָגיע האָט אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער מעדיצינישער קאָנסטיטוציע־פאָרשונג און אַנטראָפּאָלאָגיע פאָרסירט דעם באַגריף סעלעקציע און פאַרטיליקונג און אינטערפּרעטירט לויט די באַדערפעניש‍ן פון דער נאַצישער דייטשער מלוכה. דעם דאָזיקן געפּילדער אַרום דער „פּאָליטישער ביאָלאָגיע״. האָבן די דייטשע וויסנשאַפטלער גענומען טויט־ערנסט! האָט עס זיך דאָך געהאַנדלט דערין נישט מער און נישט ווייניקער, ווי וויסנשאַפטלעך צו סאַנקציאָנירן די אויסראָטונג פון גאַנצע פעלקער!

ד״ר ווייַנרייך ווייזט אָן גאַנץ ריכטיק אויף דעם פאַקט, וואָס די טאַקטיק פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק אין דער יידן־פראַגע איז אַ טייל פון דער באַקאַנטער טאַקטיק לגבי אַלע אַנדערע אָביעקטן פון דער דייטשער אַגרעסיע. דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זינען אויסצופירן, האָבן זיי קודם למעשה האַרטנעקיק אָפּגעלייקנט. אַ סך פון די דייטשע וויסנשאַפטלער שטרייכן אונטער ביים סוף פון זייערע אויספירונגען, אַז זיי זיינען קעגן אויסמאָרדן די יידישע באַפעלקערונג אַלס לייזונג פון דער יידן־פראַגע. (כאָטש פון זייערע ווערק מוז מען דרינגען דוקא דעם היפוך). נישט חלילה צוליב וועלכע ס׳איז מאָראַלישע סקרופּולן זיינען זיי קעגן מאָרד, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האַלטן, אַז אָט דער מעטאָד וועט נישט געבן

דעם געוווּנטשענעם עפעקט... און דעריבער מיינט למשל דער קאַטוילישער געלערנטער קיטעל, (פראָפ. פון טעאָלאָגיע אין טיבינגער אוניווערזיטעט און דערנאָך אין ווין), אַז אויסראָטן דאָס יידנטום מיט געוואַלד איז נישט כדאי ערנסט צו דיסקוטירן. אָבער דעמאָלט איז ערשט געווען דאָס יאָר 1933 און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן זיך די זעלבע געלערנטע מיט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט קעגן מאָרד פון יידישן פאָלק, נאָר געטראַכט, עס וואָס מער וויסנשאַפטלעך צו באַגרינדן... ביי אַ טייל פון זיי האָבן מיר שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט געפונען אַ דירעקטן אָנזאָג פון די אַלע שוידערלעכע מערדערייען. וואָלטן מיר שוין דעמלט אויפמערקזאַם געלייענט די ווערק פון די נאַצי־זירטע דייטשע וויסנשאַפטלער, וואָלטן מסתמא היפשע טויזנטער פון אונזער פאָלק זיך נאָך באַצייטנס אויסגעהיילט פון די אילוזיעס, אַז די דייטשן זיינען אַ קולטור־פאָלק.

נישט לאַנג נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט איז שוין געווען אַ געוווּנג גרויסער קרייז נאַציזירטע דייטשע וויסנשאַפטלער, וואָס האָט זיך פאַרגענומען אַדורכצופירן די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע״ אין דער וויסנשאַפט. ערווין באור (ד״ר. פון קייזער ווילהעלם־אינסטיטוט) האָט נאָך אין יאָר 1934 זיך אַרויסגעזאָגט נישט נאָר פאַר דער צוואַנגסמעסיקער סטעריליזאַציע פון אַלע „מינדערווערטיקע״ ראַסן, כדי זיי אוממעגלעך צו מאַכן זייער ווייטערדיקע פאַרמערונג. ער האָט דירעקט אָנגעוויזן דערויף, אַז די סטעריליזאַציע־געזעצן זיינען נישט מער ווי אַן אָנהייב פון אַ גאַנצער ריי מאָסמיטלען, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרטיליקן פעלקער און ראַסן, וועלכע די דייטשע געלערנטע באַטראַכטן פאַר מינדערווערטיק. אין דעם זאַמלווערק, אין וועלכער עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַזעלכע געדאַנקען, האָבן אויך אָנטיילגענומען די באַקאַנטע פראָפעסאָרן אויגען פישער (רעקטאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט) און פראָפ. פרידריך לענץ.

די נייע יידן־קענטעניש איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון פראָפעסאָרן פון פאַרשידענע ספּעציאַליטעטן. פון איין זייט ביאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און מעדיצינישע קאָנסטיטוציע־פאָרשונג, פון דער אַנדערער זייט — געשיכטע, פילאָזאָפיע און יוריספּרודענץ האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אין דער דאָזיקער נייער דיסציפּלין, וואָס האָט זיך גערופן „יידן־קענטעניש״ אָנשטאָט דעם פריערדיקן טערמין „וויסנשאַפט־

לעכער אַנטיסעמיטיזם". דער היטלעריזם האָט עס באַטראַכט פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, אַז אַנטיסעמיטיזם זאָל ווערן אַן ענין פאַר די פּראָפעסאָרן און די אַקאַדעמיעס און, ווי מיר ווייסן שוין, האָט ער טאַקע אויסגעפירט זיינס.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי פאָרשונג־אינסטיטוטן פאַר יידן־קענטעניש. ביי דעם „רייך־אינסטיטוט פאַר דער געשיכטע פון נייעם דייטשלאַנד" איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע אָפּטיילונג אין בערלין און אין מינכען. עס זיינען פאַרלייגט געוואָרן אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפטלעכע זשור־נאַלן, וואָס האָבן באַהאַנדלט די יידן־פראַגע פון אַלע שטאַנדפּונקטן. אין דאָזיקן רייך־אינסטיטוט איז געווען אָנפירער (זינט 1935) וואַלטער פראַנק, אַ תלמיד פון אַנטיסעמיטישן היסטאָריקער — קאַרל אַלעקסאַנדער פאָן מיללער, פּרעזידענט פון דער ביירישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן. צו די מיטגלידער האָט אויך געהערט ערנסט קריק און דער ראַסאָלאָג האַנס פ. ק. גינטער. עס איז באַלד געווען קלאָר, אַז די אָפּטיילונג פאַר יידן קענטעניש קאָן זיך נישט באַגרענעצן מיט ריין געשיכטלעכע פאָרשונגען און עס זיינען דעריבער צוגעצויגן געוואָרן נאַטור־וויסנשאַפטלער. צווישן אַנדערע אויך פּראָפ. פאָן פערשוער און פּראָפ. לודוויק שיימאַן אַלס ספּע־ציאַליסטן פון ראַסע און ירושה־פאָרשונג. די אַלע אינסטיטוציעס און זשורנאַלן זיינען, פאַרשטייט זיך, אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון דער מלוכה און האָבן געהאַט אַלס אַפּאָטראָפּסים אָדער אַלס מיטאַרבעטער יוליוס שטרייכער, רודאָלף העסס א. אַנד. עס באַדאַרף אונז נישט אַראָפּפירן פון וועג דאָס, וואָס די איינצלנע אינסטיטוטן האָבן צווישן זיך געפירט אַ שטילע מלחמה. זיי האָבן אַלע, פאַרשטייט זיך געדינט דעם זעלבן ענד־ציל, „ראַדיקאַל צו פאַרענטפערן די יידישע פראַגע". עס איז אָבער צווישן די איינצעלנע אינסטיטוטן געגאַנגען אַ קאַמף וועגן מאַכט.

עס איז געווען געבעלסעס אינסטיטוט צו שטודירן די יידן־פראַגע אין בערלין און ראָזענבערגס „אינסטיטוט צור ערפאָרשונג דער יידן־פראַגע", וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק כמעט באַיקאָטירט. עס איז אויך געווען אַ באַזונ־דערער אינסטיטוט צו פאָרשן די יידישע השפעה אויפן דייטשן קלויסטע־רישן לעבן. אין אַלע די אינסטיטוטן האָבן געאַרבעט באַזונדערע געלערנטע, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן זשורנאַלן און ביכער. זיי האָבן געאַרבעט, פאַרשטייט זיך, נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט

די פּאַדערונגען פון דער צייט. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס מיט'ן דערנענטערן זיך פון יאָר 1939 איז אין צענטער פון אַלע פאָרשונגען געשטאַנען דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום. די נאַצישע געלערנטע האָבן געוווסט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. אין דעם מזרח־אייראָפּעאישן רוים, וועלכן היטלער האָט זיך געקליבן צו פאַרכאַפּן, האָט דער יידישער קיבוץ פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן און אַנזעעוודיקן אָרט. ער איז אויך געווען דער גרעסטער, שעפערישסטער און ביאָלאָגיש דער צומיינסט לעבעדיקער. עס איז דעריבער קלאָר, אַז די דייטשע געלערנטע האָבן נישט געשפּאָרט קיין געלד און קיין מי, כדי זיך גענוי צו באַקענען מיט דעם לעבן און שאַפן, מיט דער אייגנאַרטיקייט פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. אַ סך איניציאַטיוו האָט אויף דעם געביט אַרויסגעוויזן פּעטער היינץ זעראַפים, פּראָפ. פון קעניגסבערגער און ברעסלאַוער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט נאָך גרויסע נסיעות איבער גאַנץ מזרחח־אייראָפּע אָנגעשריבן אַ בוך „דאָס יידנדום אין מזרח־אייראָפּעישן שטח״ (ספּעציעל אויפמערקזאַמקייט האָט ער אָפּגעגעבן די פּוילישע יידן און זייערע קולטור־אינסטיטוציעס). ד״ר מ. וויינרייך ווייזט אָן דערויף, אַז דאָס דאָזיקע ווערק האָט דערנאָך געבראַכט אַ סך נוצן די דייטשן, וואָס זיינען געווען אוממיטלבאַר פאַרנומען מיט דער ליקווידאַציע פון פּוילישן יידנטום.

ד״ר וויינרייך טיילט איין זיין אַרבעט וועגן היטלערס פּראָפעסאָרן אין דריי גרויסע אָפּטיילונגען: 1) פּלאַנירונג און צוגרייטונג, 2) עקספּערימענטן אויף אַ גרויסן שניט, 3) דורכפירונג פון דעם פּראָגראַם. אין דער ערשטער אָפּטיילונג גיט ער אונז אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער נייער יידן־קענטעניש, פון די דייטשע געלערנטע, וואָס האָבן זי געשאַפן, פון די אינסטיטוטן און וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס, וואָס זיינען געווידמעט דער „פאָרשונג״ פון דער יידן־פראַגע. מיט אָט דער אַרבעט האָבן די דייטשע געלערנטע צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אויסמאָרדונג פון יידישן פאָלק. אין דער צווייטער אָפּטיילונג רעדט זיך וועגן דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָכדעם ווי עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די מלחמה, ווען די דייטשן שלינגען איין אויף מזרח און מערב אַלץ מער טעריטאָריעס, און אַזוי אַרום געפינען זיך אַלץ גרעסערע יידישע מאַסן אונטערן דייטשן שטיוול. היטלערס נבואה, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין 30 יאַנואַר 1939, אַז די איצטיקע מלחמה „וועט זיך ענדיקן מיטן אונטערגאַנג פון דער

יידישער ראַסע אין אייראָפּע״ — אָט די נבואה ווערט אַלץ אָפּטער איבער־געחזרט פון היטלערס דיפּלאָמירטע און נישט דיפּלאָמירטע יוצר משרתים. אָבער ערשט אין יאָר 1941, נאָך דעם ווי היטלער האָט שוין געהאַט אָנגענו־מען „דעם שווערסטן באַשלוס פון זיין לעבן״, אָנצופאַלן אויף ראַטנפאַרבאַנד, הויבט זיך אָן די אמתע אַרבעט! עס ווערן געמאַכט אַלע צוגרייטונגען בסוד סודות. צווישן אַלע פּלענער פאַרנעמט אַ גאַר בכבודיקן אָרט די צוגרייטונג „צו דער אַנטגילטיקער לעזונג פון דער יידנפראַגע״. איצט איז אַלפרעד ראָזענבערג דער מאַן, וואָס וועט האָבן דאָס דעצידירנדיקע וואָרט. ראָזנ־בערג האָט שוין געגרינדעט זיין „אינסטיטוט צו פאָרשן די יידן־פראַגע״ אין פראַנקפורט אַם מיין. אָט דער אינסטיטוט מיט זיינע ביבליאָטעקן (יודאַיקאַ און העברעיקאַ), וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער און אויסגאַבן, האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע ענלעכע אינסטיטוטן, וואָס זיינען געווען ביז דעמאָלט. מיט ראָזענבערגס אינסטיטוט האָבן מיטגעאַרבעט אַלע דייטשע אוניווערזיטעטן און די באַדייטענדיקסטע דייטשע געלערנטע אויפ׳ן געביט פון יידן־שנאה. עס איז געוואָרן אָרגאַניזירט ביי דעם אינסטיטוט אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ (סוף מערץ 1941) ווייל, ווי עס האָט דער־קלערט פּראָפ. ווילהעלם גרוי, „מאַכט די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע סיטואַציע היינט מעגלעך, אָנצונעמען גרויסע באַשלוסן וועגן דעם יידישן פּראָבלעם״.

נאָך דייטשלאַנדס אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד איז די יידן־פראַגע אַריין אין דער סטאַדיע פון „אַנטגילטיקער פאַרענטפערונג״. סיי די דייטשישע וויסנשאַפט, סיי די אַרמיי האָט אַלץ געכשרט מיט דעם אויס־רייד, אַז יידן זיינען די טרעגער פון באָלשעוויזם און שפּעטער, אַז זיי זיינען דאָס בינדע־גליד צווישן די מערבדיקע דעמאָקראַטיעס און דעם באָלשעוויזם, וועלכע האָבן זיך פאַרייניקט קעגן דייטשלאַנד.

ווי באַקאַנט, ווערן אין אָט דער צייט (ביז מיטן 1942) אויסגעהרגעט הונדערטער טויזנטער יידן דורך דער דייטשער אַרמיי, ס. ס. און ס. ד. ד״ר וויינרייך גיט ווייטער איבער די געשיכטע פון דער אויסמאָרדונג פון מיליאָנען יידן אין די טויט־לאַגערן. אויך בשעת דער דאָזיקער הורט־אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג שוויגט נישט די דייטשע וויסנשאַפט און באַגלייט דעם אָביעקט פון איר פאָרשונג אין די טויט־לאַגערן אַריין, ווו עס ווערן דורכגעפירט די שוידערלעכסטע „וויסנשאַפט־

לעבע״ עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע מענטשן!

ד״ר ווײַנרייך שטעלט די פראַגע: פאַרוואָס האָבן די דייטשן ווייטער אויסגעפירט זייערע מערדערייען שוין אַפילו דעמאָלט, ווען פאַר די אָנפירנדיקע קרייזן האָט שוין געמוזט זיין קלאָר, אַז דייטשלאַנד וועט די מלחמה פאַרשפּילן; צי האָבן זיי נישט אַמאָל איבערגעטראַכט, אַז נאָך אַ מפּלה וועט מען זיך קאָנען אָפּרעכענען מיט דער דייטשער באַפעלקערונג אויף אַזאַ אופן, ווי זיי זיינען זיך, למשל, באַגאַנגען מיט די יידן? די דייטשע מלוכה־מענער האָבן אָבער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז קיינער אין דער וועלט, אויסער זיי, איז נישט פעיק צו אָרגאַניזירן און אויסצופירן אַזעלכע מעשים. און ווייטער האָט זיי ווידער אונטערגעזאָגט די דייטשע ווילסנשאַפט, אַז אויב אַפילו די מלחמה וועט זיין פאַר דייטשלאַנד פאַרשפּילט, וועלן די אַרומיקע זיגנדיקע פעלקער זיין אַזוי ביאָלאָגיש אָפּגעשוואַכט, אַז די דייטשן וועלן נאָך אַלץ זיין דאָס שטאַרקסטע פאָלק פון אייראָפּע. בנוגע יידן איז דאָך קלאָר, אַז יעדער לעבנגעבליבענער ייד וועט אין דער דריטער וועלט־מלחמה שטיין אויף דער זייט פון דייטשלאַנדס שונאים. און דעריבער איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָס אין יאָר 1944, קנאַפּ פאַר דייטשלאַנדס מפּלה, האָט ראָזענבערג אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אַנטי־יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען אין דער רעזידענץ פון האַנס פראַנק אין קראָקע. דאָס, וואָס דער קאָנגרעס איז נישט צושטאַנדגעקומען, איז שולדיק נישט אַלפרעד ראָזענבערג און האַנס פראַנק, נאָר די רויטע אַרמיי...

ד״ר ווײַנרייך באַגלייט זיין אַרבעט מיט אַ גאַנצער ריי פאַקסימיליעס פון דייטשישע דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן צום איבעריקן מאָל דאָס, וואָס מיר ווייסן שוין הײַנט אַלע: אין דעם שרעקלעכן אומקום פון 6 מיליאָן יידן, זיינען שולדיק דייטשלאַנדס פירנדיקע און קליינע פּאָליטיקער, גענעראַלן און סאָלדאַטן, און אפשר צוממערסטן פון אַלע, זיינען שולדיק דייטשלאַנדס געלערנטע פון גרויסן צי פון קליינעם קאַליבר.

לייענדיק ד״ר ווײַנרייכס אַרבעט, וועגן היטלערס פּראָפעסאָרן קומט אויף די פּיינלעכע פראַגע: און ווי זיינען געווען אונזערע פּראָפעסאָרן? עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם פּעריאָד פון פּלאַנירונג און צוגרייטונג פון פאַר דער מלחמה. שוינזשע האָבן יידישע ווילסנשאַפטלער געמעגט זיך דערלויבן אַזאַ זאַך, ווי איגנאָרירן די אַלע אינסטיטוטן פון יידן־קענטעניש

און זייער גאַנצע טעטיקייט? אָדער האָבן מיר געמיינט, אַז די ירידה פון דער דייטשער וויסנשאַפט גיט אונז אַ רעכט, זיך מיט איר נישט צו באַשעפטיקן, ווייל עס איז דאָרט נאָר הוילע פלאַפּלערייען? צי האָבן מיר געמעגט פאַרגעסן דעם פונדאַמענטאַלן זאַץ, אַז עס איז אַ חוב צו קענען דעם שונא?

די דאָזיקע פראַגן זיינען געווענדעט צו דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע ביז 1939 און צו זיין דירעקטאָר, דעם ד״ר מ. ווײַנרייך. וויפיל אַרבעטן האָבן געווידמעט די ייוואָ־בלעטער די דייטשישע אינסטיטוטן פון יידן־קענטעניש (פאַר דער מלחמה)? יאָר־יערלעך זיינען געווען אין „ייוואָ" אַ 20 אַספּיראַנטורן. וויפיל אַספּיראַנטן האָבן באַקומען אַלס טעמע כאָטש עפּעס אַ צווייג פון דער דייטשישער אַנטי־יידישער וויסנשאַפט? אויף וויפיל איך געדענק — קיין איינער נישט! איך וויל דאָ נישט זאָגן, אַז די אַרבעט, וואָס דער ייוואָ האָט די גאַנצע צייט געטאָן פאַר דער מלחמה, איז געווען נישט וויכטיק. אָבער ווי האָט מען עס געקענט פאַרגעסן אין דעם סאַמע וויכטיקסטן?

עס איז קלאָר, אַז איין אָדער צוויי אַרבעטן אין ייוואָ־בלעטער וואָלטן אונז נאָך נישט געראַטעוועט. עס האַנדלט זיך דאָ אין דער איינשטעלונג. ווען אַזאַ חשובע און אָנגעזעענע אינסטיטוציע ווי עס איז געווען דער ייוואָ, וואָלט זיך, ווי עס געהער צו זיין, באַשעפטיקט מיט דער גאַנצער אַנטי־יידישער וויסענשאַפט, וואָלט עס אָן ספק געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויך אויף אַנדערע אינסטיטוציעס, אויף יידישע פּאַרטייען, זייערע אויסגאַבן א. א. וו. דער רעזולטאַט וואָלט געווען, אַז די עלאַבאָראַטן, פון די דייטשישע וויסענשאַפטלער וואָלטן רעכטצייטיק געוואָרן פּאָפּולאַריזירט צווישן יידישן עולם. און ווייטער וואָלט אַזאַ אויפקלערונג און פּאָפּולאַריזאַציע פון דער דייטשישער וויסנשאַפט געקענט האָבן אַזעלכע רעזולטאַטן, וואָס עס איז היינט שווער אָפּצושאַצן. סיי פאַר די יידן, וואָס זיינען געבליבן אונטער דייטשישער אָקופּאַציע אין זייער האַלטונג און קאַמף־גרייטקייט, (זיי וואָלטן זיך אין אַזאַ פאַל קיינמאָל נישט געלאָזט אַזוי שענדלעך אָפּנאַרן פון די דייטשן, ווי דאָס איז, ליידער, זייער אָפט געשען) סיי פאַר די, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען אויף די ווייטע שטחים פון רוסלאַנד און האָבן עס נישט געטאָן, ווייל זיי זיינען נאָך נישט געווען אויסגעהיילט פון אַלע אילוזיעס בנוגע די דייטשן אַלס קולטור־פאָלק.

איך וויל דערמיט דעם אויטאָר נישט מאַכן קיין פאָרוורף, ער וויטיקט

גלייך מיט אונז אַלע אויף דעם גרויסן חורבן, אָבער, ווען ער פרעגט זיך, צי עס איז כדאי זיך „צו גראַבלען אין די קופּעס נאַצי־ליטעראַטור״, זעען מיר, אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצן איבערצייגט, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז נויטיק, כאָטש ער טוט זי איצט, לאחר המעשה. מיר, וואָס לעבן איצט אין פּוילן, אויף די חורבות פון פּוילישן יידנטום, האַלטן, אַז אַזאַ אַרבעט איז ניט נאָר כדאי, נאָר אַ לעבנס־נויטווענדיקייט אפילו שוין איצט, שוין לאחר המעשה. איז דאָך דער היטלעריזם געוואָרן צעשטערט נאָר דורך אַ דרויסנדיקן כח! מיר האָבן ביז איצט נאָך נישט באַמערקט קיין שום אָנזעעוודיקן אויסדרוק פון חרטה אויף די מיליאָניקע, אומדערהערטע מערדערייען. די דייטשן און זייערע איצטיקע פירער (פּאָליטישע און גייסטיקע) האַלטן נאָר אין איין קלאָגן אויף דעם אומרעכט, וואָס עס געשעט זיי. וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, איז נאָך נישט דערגאַנגען צו זייער באַוואוסטזיין און וועט שוין מסתמא נישט דערגיין. מיר מוזן אַלץ טאָן, אַז דאָס, וואָס עס איז געשען, זאָל זיך מער נישט איבערחזרן, נישט אין אונזער דור, און נישט אין די קומענדיקע דורות. און אין דער דאָזיקער אַרבעט איז ד״ר ווײַנרײַכס „היטלערס פּראָפעסאָרן״ אַ גאַנץ אָנזעעוודיקער צושטייער.

1947

די אַקטועלסטע אויפגאַבע פון דער יידישער וויסנשאַפט אין אונזער צייט

פון דער יידישער ליטעראַטור מאָנט מען פון אַלע זייטן, אַז זי זאָל נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם אַלעמען, וואָס קומט לעצטנס פאָר אַרום אונז, נאָר רעאַגירן און נעמען שטעלונג. אונזער מאָנען וועט אָבער מסתמא אַזוי לאַנג בלייבן אומדערפילט, ביז עס וועט זיך נישט געפינען דער דיכטער, וואָס וועט זיין בכוח אַרויסצושרייען דעם גאַנצן צער און צאַרן, וואָס עגבערט אין אונז און געבן אַ תיקון צו אַלץ, וואָס באַוועגט אונזער היינט.

אָבער נאָך מער באַרעכטיקונג האָבן אַזעלכע פאָדערונגען צו דער יידישער וויסנשאַפט. מוזן מיר דאָך דאָ נישט וואַרטן אויף דעם גאָט־געבענטשטן יחיד! האַנדלט עס זיך דאָך דאָ אין אַ קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג; צו נעמען שטעלונג צו דער גאַנצער „וויסנשאַפטלעכער" קאַמפּאַניע, וואָס ווערט געפירט קעגן אונז. מיר מעגן ווי גוט פאַרשטיין דעם פּאָליטישן אונטערשלאַק פון די ראַסיסטישע טעאָריעס — דאָס טאָר אונז אָבער נישט אָפּהאַלטן דערפון, צוגיין פון אונזער זייט צו די אַלע פּראָבלעמען פון יידישער ראַסע און יידישן כאַראַקטער דווקא מיט די מעטאָדן פון וויסנשאַפט.

אויף אָט דער נויטווענדיקייט האָבן זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע רעדנער אויף דער לעצטער סעסיע פון דער פאַרוואַלטונג פון ייוואָ. (ה׳ גיטערמאַן, ד״ר רינגעלבלום, ד״ר בראָס), דאָס פּראָבלעם איז אָבער נישט באַהאַנדלט געוואָרן מיט דער מאָס ערנסטקייט, וועלכע עס קומט אים לויט זיין וויכטיקייט. עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין פּאָליטיזירן די וויסנשאַפט (ווי עס האָט געמיינט ד״ר מ. ווײַנרייך און אין דעם זינען געענטפערט די קריטיקער), נאָר אין אַרויסרוקן אויף דעם ערשטן פּלאַן די דיסציפּלינען וואָס זענען צוממיינסטן מסוגל צו געבן אַן ענטפער אויף אונזערע נויטן.

עס איז קלאָר, אַז די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט קאָן נישט געבן קיין דירעקטן ענטפער טאָקע אויף אונזערע מאַטעריעלע נויטן. דאָס קאָנען מיר נישט דערוואַרטן אפילו פון דער עקאָנאָמישער סעקציע. עס איז אָבער די אויפגאַבע פון אַ צענטראַלער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע, צו קאָנצענטרירן די גאַנצע ענערגיע אויף די אָפּשניטן, אויף וועלכע מיר ווערן צוממיינסטן אַטאַקירט. אין פּונקט, ווי עס האָט זיך

אין די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט די עקאָנאָמישע סעקציע, וואָלט זיך אויך געמוזט אַנטוויקלען די ביאָלאָגיש־אַנטראָפּאָלאָגישע סעקציע, ווען זי וואָלט בכלל עקזיסטירט...

איך וויל דאָ נישט אויספאָרשן אָדער אָנווייזן, וועמענס שולד דאָס איז, וואָס אַזאַ סעקציע איז נאָך עד־היום ביים ייוואָ נישטאָ. עס איז אָבער קלאָר, אַז אַזאַ סעקציע מוז וואָס גיכער געשאַפן ווערן. עס איז ממש נישט צו פאַרשטיין, וואָס ביז צום היינטיקן טאָג איז נאָך נישט געגרינדעט געוואָרן קיין קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע פון יידן, מיט זייער אַנטראָפּאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס דער ייוואָ וואַרט, ביז די יידישע אַנטראָפּאָלאָגן, ביאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן וועלן זיך צו אים ווענדן וועגן מיטאַרבעט, און זיי ווידער וואַרטן, אַז אַ צענטראַלע יידישע אינסטיטוציע זאָל זיך צו זיי ווענדן וועגן דעם?

ווי עס זאָל נישט זיין — דער ייוואָ מוז קומען מיט דער איניציאַטיוו. קיין אַנדערע צענטראַלע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן מיר דאָך נישט. אמת איז, אַז דער גרעסטער טייל פון די אין באַטראַכט קומענדיקע וויסנשאַפטלער קען נישט קיין יידיש און איז בכלל ווייט פון דעם יידישן לעבן. די אַלע, וואָס ווילן צו אונז קומען, מוז דער ייוואָ אַנטקעגנקומען. די באַדינגונגען פאַר אַ מאַסן־אומקער פון דער פאַרפרעמדטער יידישער אינטעליגענץ זענען רייף. לאָמיר אָנהויבן פון דער דיסציפּלין, אין וועלכער די יידישע וויסנשאַפט נויטיקט זיך צוממיינסטן!

די נויטיקע געלט־מיטלען פאַר דער ביאָלאָגיש־אַנטראָפּאָלאָגישער סעקציע וועלן זיך געפינען. דווקא היינט מוזן מיר זיך דערלויבן דעם „לוקסוס" פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויף דעם געביט פון ביאָ־פּאַטאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע ביי יידן. די דאָזיקע דיסציפּלינען זענען אַזוי וויכטיק נישט צוליב אַפּאָלאָגעטישע טעמים: מיר ווילן זיך פאַר קיינעם נישט פאַרענטפערן אָדער באַווייזן אונזער פול־ווערטיקייט, מיר טאָרן זיך אָבער נישט פּאַסיוו צוקוקן, ווי עס „פאָרשן" די יידישע ביאָלאָגיע די גינטערס, קלויס און יענשס (דייטשע ראַסיסטן). די יידישע וויסנשאַפטלער פון אַלע דיסציפּלינען מוזן איינזען די וויכטיקייט פון אונזער פּלאַן! אַרבעט וועט מסתמא נישט אויספעלן.

עס איז שוין צייט אָנצוהויבן אַ קאָלעקטיווע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט

אויף דעם געביט פון יידישער ביאָ־פּאַטאָלאָגיע. דאָס, וואָס איז ביז איצט געטון געוואָרן דורך יחידים, טראָגט אויף זיך דאָס חותם פון צופעליקייט און טיילמאָל אויך — דילעטאַנטישקייט. היינט קאָנען און טאָרן מיר מער זיך דערמיט נישט באַנוגענען. עס מוז אויך געשאַפן ווערן אַ היים פאַר דער גאַנצער אַנטראָפּאָלאָגישער און ביאָ־פּאַטאָלאָגישער ליטעראַטור איבער יידן.

די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט און דערהויפּט די אינטעליגענץ (די יידישע דאָקטוירים!) מוזן זיך אָנשטרענגען און שאַפן דעם אינסטיטוט פאַר אַנטראָפּאָלאָגישער און ביאָ־פּאַטאָלאָגישער פאָרשונג. דאָס געהערט היינט צו די ערשטע אויפגאַבן פון דער יידישער וויסנשאַפט.

1938. („ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע).

לאָמיר פאָדערן אַ שטראָף אויך פאַר די טעאָרעטיקער פון פעלקער־מאָרד!

נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער נירענבערגער פּראָצעס קעגן די דייטשע מלחמה־פאַרברעכער, איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייט צווישן די געלערנטע יוריסטן, צי קאָן מען בכלל צוציען מלוכה־מענער צו גע־ריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייערע מעשים. אַזאַ מין געריכט האָט נישט געהאַט קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פון יוריספּרודענץ. אָבער דער געזונטער אינסטינקט פון די פעלקער האָט גובר געווען אַלע טיפזיניקע חקירות. מען האָט אָרגאַניזירט דעם נירנבערגער טריבונאַל, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט האָט נאָך נישט פאָרויסגעזען אַזאַ געריכט, וואָס זאָל משפטן מלוכה־מענער פאַר זייערע פאַרברעכנס.

אַ טייל פון די היטלעריסטישע מלוכה־מענער האָט שוין באַקומען די פאַרדינטע שטראָף. זיי האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דעם שוידערלעכן פעלקער־מאָרד, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען. אויך אַ גאַנצע ריי צווייט־ און דריט־ראַנגיקע דייטשע סאַטראַפּן האָט שוין באַקומען, אָדער דערוואַרטן אין די תפיסות, דעם עונש, וואָס קומט זיי פאַר זייער בלוטיקער אַרבעט. אָבער אַ גאַנצע קאַטעגאָריע דייטשן, וואָס געהערן צו די הויפּט־שולדיקע — אַלס אינספּיראַטאָרן פון דעם מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן איבער דעם יידישן פאָלק, דרייט זיך נאָך אַרום אויף דער פריי. אַ סך פון זיי פאַרנעמען נאָך אפילו איצט זייערע פריערדיקע פּאָסטנס.

עס האַנדלט זיך דאָ אין די דייטשע וויסנשאַפטלער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אונטער היטלערס ממשלה צו טעאָרעטיקער פון פעלקער־מאָרד. זיי, די דייטשע וויסנשאַפטלער האָבן אויסגענוצט זייער וויסן און זייער קענטעניש, כדי צו באַגרינדן און צו באַרעכטיקן דעם מאָרד איבערן יידישן פאָלק און דערנאָך איבער אַנדערע פעלקער! אין אָט דעם ווערק האָבן מיטגעאַרבעט דייטשע פּסיכאָלאָגן, אַנטראָפּאָלאָגן, קאָנסטיטוציע־פאָרשער, ביאָלאָגן, יוריסטן א. א. פון דער גאַנצער גאַלעריע פאַרברעכע־רישע דייטשע וויסנשאַפטלער איז דערווייל צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנט־וואָרטלעכקייט נאָר דער קליינער טייל, וועלכן מען האָט געקאָנט נאָכווייזן, אַז זיי האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער דורכפירונג פון נישט־דער־לויבטע מעדיצינישע עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע מענטשן אין די

קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און טאַקע נאָר זיי משפּט מען דערוויַיל פאַר זייערע „וויסנשאַפטלעכע" אַרבעטן.

וואָס נוגע די עקספּערימענטאַטאָרן אויף לעבעדיקע מענטשן, לאָזט זיך די שולד פון יעדן איינעם פון זיי קאָנקרעטיזירן מיט אַ באַשטימטער צאָל מענטשן, פאַרמוטשעטע צום טויט. אָבער די דייטשע וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן אַליין דירעקט אפשר נישט אָנטיילגענומען אין דעם מאָרד, אָבער דערפאַר צוגעשטעלט „וויסנשאַפטלעכע" טעאָריעס, וואָס באַרעכטיקן דעם מאָרד איבער גאַנצע פעלקער, טראָגן אויף זיך נאָך אַ סך גרעסערע שולד.

טייל וועלן מיינען, אַז „פאַר געדאַנקען קאָן מען נישט באַשטראָפן". אין אונזער פאַל איז דאָס נישט ריכטיק. די דייטשע געלערנטע האָבן נישט סתם אַזוי זיך, אומאָפּהענגיק איינער פון אַנדערן, טעאָרעטיזירט. עס האַנדלט זיך דאָ אין אַן אָרגאַניזירטער אַרבעט פון דער דייטשער וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער פאַרברעכערישער היטלערישער מלוכה. אין אָט דער אַרבעט איז געווען סיסטעם און ציל־באַוווסטזיניקייט. כמעט אין יעדער דייטשער אוניווערזיטעט־שטאָט איז געווען אויך אַן אָפּטיילונג, אָדער אַ ספּעציעלער אינסטיטוט אויף צו „פאָרשן די יידן־פראַגע". אין די דאָזיקע אינסטיטוטן האָבן מיטגעאַרבעט אָנגעזעענע דייטשע אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן און געלערנטע. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פּעריאָדישע זשורנאַלן און אַ היפּש ביסל ווערק, וואָס זייער איינציקע טעמע איז געווען דער ייד. עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרשידענע טעאָריעס, וואָס האָבן באַדאַרפט באַווייזן די ביאָלאָגישע און ראַסישע מינדערווערטיקייט פון יידישן פאָלק („פּאָליטישע ביאָלאָגיע"). די דייטשן האָבן געלאָזט אין גאַנג דעם גאַנצן אַרסענאַל פון דער וויסנ־שאַפט, אַלע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען האָבן זיך געמוזט איינשפּאַנען אין דעם רייטוואָגן פון אַנטיסעמיטיזם.

די דייטשע געלערנטע האָבן זיך געפילט גאַנץ גוט ביי אָט דער אַרבעט און האָבן געליפערט ווערק, וואָס באַווייזן באותות ומופתים, אַז יידן זיינען ניש קיין מענטשן, נאָר עפּעס כמו־מענטשן („אבארט דעס מענטשנטום"), נישט קיין פאָלק, נאָר אַ כמו־פאָלק, אַ „קעגן־פאָלק". די דייטשע טיפּאָלאָגיע (ע. ר. יענש) האָט אויסגעפונען, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ „קעגנטיפּ" (געגענטיפּוס). צו דעם ביאָלאָגיש־מינדערווערטיקן „קעגנטיפּ"

געהערן ייִדן, גייסטיק־קראַנקע, צום טייל אויך לונגען־קראַנקע, ציגיינער און פראַנצויזן... אָט האָט איר אייך אַ פּאַרטיקע טעאָריע, וואָס באַרעכטיקט די אויסראָטונג פון די אַלע קאַטעגאָריעס מענטשן, (אָדער כמו־מענטשן...), וואָס געהערן צום „קעגנטיפּ" אָדער עפּעס אַ „קעגנפאָלק"!!

אַזעלכע געלערנטע און אַזעלכע און ענלעכע טעאָריעס זיינען געווען אַ סך און אויף אַלע געביטן פון דער דייטשער וויסנשאַפט. עס האָבן דאָ מיטגעאַרבעט; דער פּסיכיאַטער ערנסט רידין און דער אַנטראָפּאָלאָג אויגען פישער, דער ראַסאָלאָג ה. ק. פ. גינטער און דער פּסיכאָלאָג־טיפּאָלאָג ע. ר. יענש. ווען מיר וואָלטן געוואָלט אַלע אויסרעכענען, וואָלטן מיר באַקומען אַ גאַר לאַנגע רשימה פון דייטשע געלערנטע און מיטגלידער פון וויסנשאַפטלעכע אקאַדעמיעס, צווישן זיי נישט ווייניק געלערנטע מיט אַ וועלט נאָמען...

מיר מוזן זיך שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז וואָס באַדייטנדיקער דער געלערנטער, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער היטלער־מלוכה, אַלץ גרעסער די שטראָף, וואָס ער האָט פאַרדינט. די געלערנטע, וואָס האָבן צוגעשטעלט טעאָריעס, וועלכע באַרעכטיקן דעם פעלקער־מאָרד, זיינען נישט ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעך פון די, וואָס האָבן אים אָרגאַניזירט און אויסגעפירט. זייערע נעמען מוזן ווערן באַקאַנט פאַר דער וועלט־עפנטלעכקייט — דווקא פון דער דאָזיקער זייט. זיי מוזן זיך געפינען אין איין רשימה מיט די נעמען פון די אינזשיניערן, וואָס האָבן פּראָיעקטירט און אָנגעפירט מיט דעם בוי פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס אין די טויט־לאַגערן.

אַלס אינספּיראַטאָרן פון דעם מאָרד איבערן ייִדישן פאָלק, מוזן מיר באַטראַכטן נישט נאָר די דייטשע מלוכה־מענער, נאָר אויך די דייטשע געלערנטע. די שטראָף, וואָס יעדער פון די דאָזיקע געלערנטע האָט פאַר־דינט, מוז זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין חשיבות אַלס געלערנטער און אויס־געמאָסטן לויט דעם איינפלוס, וואָס זיין ווערק האָט געהאַט אויף די אויספירערס פון זיינע „אידעען". צו פאַרלאַנגען דעם קאָפּ פון די פריער־דערמאָנטע געלערנטע וואָלט געוועזן נישט צופיל פאַרלאַנגט.

דער ייִדיש־היסטאָרישער אינסטיטוט באַדאַרף זאַמלען די ווערק פון די דאָזיקע דייטשע געלערנטע. אויסער דעם אינהאַלט פון די איינצעלנע ווערק, באַדאַרף אויך ווערן אויסגעפאָרשט, וואָסער איינפלוס יעדעס פון

זיי האָט געהאַט אַלס לייען־ און לערן־מאַטעריאַל אין די שולן פון עס־עס, אין היטלערס פּאַרטיי־שולן, אין דער אַרמיי א. א. וו. און אויף אָט דעם אַלעמען מוז זיך שטיצן דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די אויטאָרן.

דערמיט וואָלטן, פאַרשטייט זיך, פאַרברייטערט געוואָרן די ראַמען פון אַרבעט פון יידיש־היסטאָרישן אינסטיטוט. עס וואָלטן באַדאַרפט אנגאַזשירט ווערן נייע אַרבעט־כוחות, וועלכע וואָלטן זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט דער אויספאָרשונג פון די דייטשע וויסנשאַפטלעכע ווערק און פון דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף די פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם יידישן פאָלק.

עס איז נישט קיין שום ספק, אַז אַזאַ אַרבעט איז נויטיק און כדאי. אין דער צייט, ווען עס הויבן זיך אָן צו הערן קולות (פון דער אנגלאָ־זאקסישער זייט), אַז מען וואָלט שוין באַדאַרפט מאַכן אַ סוף צו די פּראָצעסן קעגן די נאַצישע פאַרברעכערס, וואָלטן מיר דווקא באַדאַרפט באַווייזן, וויפיל שולדיקע — און דאָס דווקא פון די גדולים — עס דרייען זיך נאָך אַרום אויף דער פריי.

דורך דער אָרגאַניזירונג פון פּראָצעסן קעגן די דייטשע געלערנטע וואָלט אינגאַנצן געוואָרן אַרויסגעבראַכט זייער אַנטייל און מיטשולד אין די פאַרברעכנס, וואָס דאָס דייטשע פאָלק איז באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק. דורך אַזעלכע פּראָצעסן וואָלט קלאָר געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי טיף עס איז דעגראַדירט געוואָרן דער דייטשער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק און ווי נידעריק עס איז געזונקען דווקא די דייטשע עליטע. עס וועט אַזוי אַרום אָפּגענומען ווערן דער חשק ביי די פאַרטיידיקער פון די דייטשן צו טענהן, אַז אין די אַלע שוידערלעכע מערדערייען זיינען שולדיק נאָר די אויסוואורפן פון עס־עס, אָדער עס־דע. לאָמיר קלאָר מאַכן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז שולדיק איז די דייטשע עליטע, נישט ווייניקער פון די דייטשע אויסוואורפן פון עס־עס!

עס מוז דעריבער אַלץ אָנגעווענדעט ווערן, אַז עס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן אַזעלכע פּראָצעסן קעגן די דייטשע געלערנטע. מיט דעם דאָזיקן ענין וואָלט זיך אויך באַדאַרפט באַשעפטיקן דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, וואָס וועט — פריער צי שפּעטער — צושטאַנד קומען.

.1950

די דיאַלעקטיק פון דער געטאָ־פּסיכאָלאָגיע

כמעט אַלע, וואָס האָבן ביז איצט געשריבן וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן אַנגעוויזן דערויף, אַז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פּראָבלעמען פון אויפשטאַנד, זיין פּסיכאָלאָגישע דינאַמיק, איז נאָך ביז איצט כמעט ווי נישט באַרירט געוואָרן. און עס וואָלט שוין באמת געוועז צייט זיך גענויער אָפּצושטעלן אויף אַ טייל פון די אַלע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, וועלכע עס רוקט אַרויס דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

עס איז ביז איצט נאָך פּסיכאָלאָגיש נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, וויאַזוי עס איז צושטאַנד געקומען די גראַנדיעזע מעטאַמאָרפאָזע אין דער שטימונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, פון ווידערשטאַנדלאָזער אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע ביז העראָישן ווידערשטאַנד און אויפברויז — דווקא ביי די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען פון אַן אויפשטאַנד. ווייסן מיר דאָך, אַז דער אויפשטאַנד איז געקומען נישט דעמאָלט, ווען דאָס געטאָ האָט נאָך געשפּרודלט מיט לעבן און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געוואַלדיקן רע־זערוואַר פון מענטשן און מאַטעריעלע רעסורסן, נאָר דווקא צום סוף — שוין נאָך דעם, ווי עס האָט זיך איינגעגעבן דעם שונא צו פאַרטיליקן אַן וועלכן ס׳איז ערנסטן ווידערשטאַנד ניין צענטל פון וואַרשעווער געטאָ.

עס ווייזט זיך אַלזאָ אַרויס, אַז די „פּסיכישע אימוניטעט״ אַלס אַנאַלאָגיע צו דער קערפּערלעכער אימוניטעט, קען אונז דאָ גאָרנישט אויפקלערן. ווייל די פּסיכישע דינאַמיק האָט אירע אייגענע געזעצן. זי איז פאַר אַלעמען אַ דיאַלעקטישע: אויף אַ באַשטימטער אָנזאַמלונג פון ליידן וועט דער מענטש תמיד רעאַגירן „נאָרמאַל״, ד. ה. אויף מער ליידן וועט ער רעאַגירן שטאַרקער א. אַ. וו. עס קאָן אָבער קומען אַ מאָמענט, ווען די ליידן גייען אַריבער אַלע געוווינטע גרענעצן. און וואָס זעען מיר דעמאָלט? דער מענטש הערט אויף צו רעאַגירן, ער ווערט ווי פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט. ביי אַ סך ליידן שרייט מען, אָבער ביי אַן איבערמאָס פון ליידן שוויגט מען שוין. די קוואַנטיטעט גייט אַריבער אין קוואַליטעט. די אַלגעמיינע געזעצן פון דער דיאַלעקטיק הערשן אין דער פּסיכאָלאָגיע פּונקט ווי אויף יעדן אַנדערן געביט פון נאַטורוויסנשאַפט. דער מאָמענט, ווען דאָס מענטשלעכע געשריי ווערט פאַרוואַנדלט אין פאַרגליווערונג, אַנטשפּרעכט דעם שפּרונג פון אַ סך ליידן — צו דער איבערמאָס פון ליידן.

און אָט דער סטופּאָר־צושטאַנד מאַכט עס מעגלעך איבער־צוטראָגן אַזוי פילליידן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט זיך דער מענטש געמוזט איינברעכן אונטער זייער לאַסט. אַמאָל האָבן יידן זיך באַנוצט מיט דעם „אָפּשרייען”. מען האָט „אָפּגעשריען” אַ גזירה אָדער אַן אָנפאַל. אָבער אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן יידן נישט „אָפּגעשריען” גאָרנישט.

דער סטופּאָר קען ווידער דיאַלעקטיש איבערגיין אין זיין קעגנזאַץ — אין אויפבּרויז. דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז, רייך־פּסי־כאָלאָגיש גענומען, אַזאַ איבערגאַנג פון פאַרגליווערונג צו אויפבּרויז — אויף אַ העכערער מדרגה. דאָ האָבן מיר אַ ווייטערדיקן שפּרונג פון קוואַליטעט צו קוואַנטיטעט. די ליידן האָבן שוין אָנגענומען אַזעלכע די־מענסיעס, אַז די פאַרגליווערונג האָט מער נישט געקענט זיין קיין אַדעקוואַ־טע רעאַקציע און נישט קיין שוץ־מעכאַניזם. די פאַרגליווערונג מוז נויט־ווענדיק אָפּטרעטן און אויף איר אָרט קומט אַ נאָך אַ העכערע פאָרם פון רעאַקציע — אויפשטאַנד. אָבער דאָס איז אַן אויפשטאַנד, וואָס שטייט איינציק און אַליין אין דער געשיכטע פון אויפשטאַנדן, וואָס אַ מענטש־לעכער קיבוץ האָט ווען עס איז אַמאָל געמאַכט. סיי לויט זיין פּסיכישער לאַדונג, סיי לויט די דערהויבענע עטישע קוואַליטעטן, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט. די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ האָבן נישט געקענט האָבן די אילוזיע, אַז זיי קעמפן פאַר פרייהייט אָדער פאַר דעם גליק און פרייהייט פון זייערע באַגענטע, פון זייערע קינדער און עלטערן. זיי האָבן געקעמפט פאַר אַזאַ דערהויבענער און אַבסטראַקטער זאַך ווי דאָס איז דער כבוד פון פאָלק. די געטאָ־קעמפער זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער דערקענטעניש, אַז מיט זייער טאָט געבן זיי אַ זין אונזער לעבן און אונזער ווייטערדיקער געשיכטלעכער עקזיסטענץ. אָט די אידעע האָט באַשטימט אַלע זייערע האַנדלונגען, פאַר אָט דער אידעע האָבן זיי אַוועק־געגעבן זייערע יונגע לעבנס און נישט געזוכט זיך צו ראַטעווען אויף דער „אַרישער זייט”, וואָס אַ סך פון זיי האָבן געוויס געקענט. עס האָבן אַ טעות די, וואָס מיינען, אַז די געטאָ־קעמפער האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן און פון דאַנען נעמט זיך זייער העראָיזם. (וועגן די פירער פון אויפשטאַנד ווייסן מיר, אַז זיי וואָלטן דווקא יאָ געהאַט פאַרשיידענע מעגלעכקייטן זיך פערזענלעך צו ראַטעווען). פון פאַרצווייפלונג ווערט

נישט געבוירן קיין הערויזם. די קוואַלן פון הערויזם פון די געטאָ־קעמפער, דאָס איז דער יידישער אָפּטימיזם און דער טיפער יידישער גלויבן אין קיום־האומה.

.1950

דער קינסטלער און זיין מאַסקע

צום אַלטן רעקוויזיט פון אַ סך ליטעראַטור־קריטיקער געהער נאָך דער פּאָסטולאַט: „יעדער קינסטלער טראָגט אַ מאַסקע״, דער קינסטלער אַנטפּלעקט זיך נישט אַזוי לייכט אין זיין מהות; גאָר אַ גרויס (און אפשר דאָס וויכטיקסטע) שטיק פון זיין איך באַהאַלט זיך אויס פאַר דעם אויג פון נייגיריקן פּובליקום און דעריבער אאַז״וו. אַנדערע האַלטן ווידער פאַרקערט: דער אמתדיקער קינסטלער באַדאַרף נישט קיין מאַסקע, ער מעג זיך אַנטפּלעקן מיט אַלע זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן און ער וועט נאָך דעריבער נישט אַראָפּפאַלן אין אונזערע אויגן; נאָר דער פאַלשער, דער געקינסטלטער מוז זיך מאַסקירן...

באַטראַכט מען די דאָזיקע פראַגע פון אַ כאַראַקטעראָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישן קוק־ווינקל, קומט מען צו דער מסקנה, אַזביידע שיטות זענען גערעכט און גלייכצייטיק אומגערעכט. יעדע פון די צוויי שיטות פאַר־אַלגעמיינערט באַשטימטע דערקענטעניש, וואָס שטאַמען פון אַן אַנאַליז פון איין קינסטלערישן טיפּ און פּאַסן טאַקע נאָר פאַר דעם דאָזיקן טיפּ. עס זענען דאָ קינסטלער, וואָס טראָגן אַ מאַסקע. נישט ווייל זיי ווילן אַזוי, נאָר דערפאַר, וואָס זיין מוזן אַזוי און נישט אַנדערש. דאָס זענען מענטשן, ביי וועלכע עס קאָן נישט אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך דאָס, וואָס געהער צו זייער אייגנטלעכן מהות.

אַזעלכע מענטשן זענען דאָ נישט נאָר צווישן שרייבער און קינסטלער. אָבער דער שעפערישער מענטש, וואָס געהער צום דאָזיקן טיפּ איז אַ סך אינטערעסאַנטער און קאָמפּליצירטער. ווען מיר לייענען למשל, אַז אויגוסט סטרינדבערג איז אין פּריוואַטן לעבן געווען ברוטאַל און עגאָאיסטיש, זענען מיר גאָר נישט איבערראַשט. איז דאָך די דאָזיקע ברוטאַלקייט און האַס (צו פרויען) אויך פאַראַן אין זיין שאַפונג. ווען מיר הערן אָבער עפּעס ענלעכס וועגן לעוו טאָלסטאָי, פרעגן מיר זיך: צי איז נישט צומאָל דאָס, וואָס דער דיכטער ווייזט דער סביבה, נאָר אַ מאַסקע?

ביי אַ טייל יאָ און ביי אַ טייל אויך נישט. עס ווענדט זיך דעריך, וואָס פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער טיפּ דער קינסטלער שטעלט מיט זיך פאָר: צי געהערט ער צו דער קאַטעגאָריע, וואָס רעאַגירט אויף אַלץ באַלד, אומ־מיטלבאַר און דירעקט אָדער געהערט ער צו די, ביי וועלכע עס איז דאָ אַ ווייטער מהלך צווישן איינדרוק און רעאַקציע.

עס ווענדט זיך אויך דעריך, ווי אַזוי דער קינסטלער שטעלט זיך צו דער וועלט. די אַלע, וועלכע שטעלן זיך מיט דעם פּנים צו דערווירק־לעכקייט, באַצייכענען מיר אַלס עקסטראַווערטירטע, דאָס זענען מענטשן, וואָס לעבן און גייען אויף אין זייער סביבה; דער קעגנשטאַנד פון זייער דענקען איז דער אָביעקט. זיי נעמען אָנטייל אין אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום זיי און האָבן די פעיקייט זיך אַריינצופילן אין אַלץ און אין אַלעמען (ער אַליין איז פאַר זיין דענקען אויך — אַן אָביעקט)

דער עקסטראַווערטירטער לעבט בשלום מיט זיין נאָענטסטער סביבה. ער זעט נישט אויס אַלס עמעץ אַנדערש... נישטאָ אין דעם דאָזיקן סיסטעם קיין פּלאַץ פאַר טראַגיש־דראַמאַטישע קאָנפליקטן און אויך נישט פאַר קיין מאַסקעראַדע... קינסטלער פון דאָזיקן מין זענען פּראָזאַיקער־רעאַליסטן און גוטע פאַמיליע־פאָטערס... זיי זענען נישט קיין וועלט־פאַרבעסערער, האָבן אָבער אַ שטאַרק רחמנות־געפיל, זיי האָבן נישט אַזוי ליב די מענטשהייט, ווי די מענטשן...

אין די אויגן פון עקסטראַווערטירטן זעט אויס דער קעגנזעצלעכער טיפּ, ווי אַ מאַסקירטער. איז ער דאָך אַזוי ווייט פון דעם רויקן, זאַכלעכן צוגאַנג. דעם צווייטן טיפּ רופן מיר אינטראָווערטירט*) דאָס מיינט: געווענדט צו זיך, אַריינגעטון זיין אין זיך, מיט דעם פּנים צו זיך.

דער אינטראָווערטירטער לעבט זיך אויס אין זיך. פאַר דער דרויסנ־וועלט טראָגט ער אַ פאַרשטאַרצטע מאַסקע. מען קאָן מיט אַזאַ מענטש נישט ווערן היימיש, עס איז דאָ עפּעס, ווי אַ גלעזערנע שויב צווישן אים און די מענטשן. עס איז זייער שווער צו באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט אַזאַ מענטש און ווען עס דוכט זיך, אַז מען האָט אים שוין, איז מען נאָך ווייט דערפון צו פאַרשטייך, פאַרוואָס ער רעאַגירט פּלוצים אַזוי און נישט אַנדערש...

אַהער געהערן די אַלע „שווערע מענטשן", מיט וועלכע מען מוז זיך באַגיין ווי מיט אַ ווייך איי און מען איז קיינמאָל נישט זיכער, צי מען האָט זיי נישט מיט עפּעס באַליידיקט. אַליין קענען זיי אָבער זיין אַקעגן

---

*) די אויסדרוקן „אינטראָווערטירט" און „עקסטראָווערטירט" שטאַמען פון דעם שווייצאַרישן פּסיכאָלאָג ק. ג. יונג, וועלכער ווייזט אויף אין זיין ווערק "Psychologische Typen" אַז אומעטום, אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלע־כער קולטור־געשיכטע קאָנען מיר באַגעגענען די דאָזיקע אַנטקעגנגעזעצטע טיפּן.

דער סביבה דווקא גענוג ברוטאַל און נישט איבערקלויבעריש אין זייער אויסדרוק. אַזוי האָט אויך פּרווינדבערג זיך אַליין כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער: „איך בין האַרט ווי אייז און געפּיל־פול ביז איבערשפּירעוו־דיקייט".

צו אַט דער גרופּע געהערן די פיין־פּיליקע, דינע־ליריקער, די פאַרבן און טענער פון לעבן, דער רעש און רויש, וואָס איז פאַר דעם עקסטראַ־ווערטירטן אַזוי נויטיק אַזוי ווי לופט צום אָטעמען, טוען ווי דעם אינ־טראָווערטירטן. ער פאַרמאַכט די לאָדנס פון די פענצטער, אַז עס זאָל צו אים דערגייען נאָר אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון דעם רויש און ליכט. ער זוכט די איינזאַמע נאַטור, פאַרטיפט זיך אין פאַרגאַנגענע צייטן, אין ווייטע לענדער.

ווי געזאָגט, קאָנען פיין־פּיליקע ליריקע זייער גראָב זיך באַציען צו זייערע נאָענטע. מיר וואָלטן געוועזן אומגערעכט, ווען מיר וואָלטן געוואָלט אָפּשאַצן זייער שאַפן נאָר לויט זייער אויסערלעכן רעאַגירן. מיר קענען אין דעם פאַל ריידן פון אַ מאַסקע, וועלכע עס טראָגט אַזאַ קינסטלער אין טאָגטעגלעכן לעבן. די דאָזיקע מאַסקע קאָן אָבער אָננעמען פאַרשידענע פאָרמען. טיילמאָל האָבן מיר פאַר זיך אַ מאַסקע פון נישט־דרייסטקייט און טיילמאָל די מאַסקע פון אַריסטאָקראַטישן שטאָלץ און פאַריסנקייט.

איןביידע פאַלן האָבן מיר עס צו טון מיט איבערגעטריבענער פיין־פּיליקייט. יעדער נייער מענטש, יעדע נייע סיטואַציע ווערט אויפגענומען, ווי אַ שטאַרקער רייץ, צו וועלכן מען איז נישט צוגעוווינט. דער אינ־טראָווערטירטער ענטפערט דערויף מיט אַ נאָך שטאַרקערן פאַרמאַכן זיך און אָפּשליסן זיך פון דער דרויסנוועלט. אין איין פאַל קאָן אַנטשטיין די מאַסקע: נישט דרייסטקייט און אין אַנדערן — די שטאָלצע, אַריסטאָקראַ־טישע פּאָזע.

מיר טרעפן צווישן קינסטלער זייער אָפט ליבהאָבער פון חיות, זאַמלער פון אַנטיקן און זעלטענע ביכער, אויך דאָ האָבן מיר פאַר זיך מאַסקעס, אָבער נישט תמיד איז דער חיה־פריינט אַן אינטראָווערטירטער, דאַמאָלט איז זיין ליבשאַפט צו די חיות נאָר אַ מאַסקע פאַר דעם גלייכגילט, אָדער האַס צו מענטשן. ווען ער איז אַן עקסטראַווערטירטער, דאַמאָלט איז די ליבשאַפט צו חיות נאָר אַן אויסדרוק פון דער ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס לעבט און איז אַרום אים.

אָבער דאָס אייגנטלעכע געביט פון דער מאַסקע איז די דראַמאַטישע שאַפונג. דאָ האָבן מיר די מאַסקע נישט נאָר פון דעם לעבן פון די שעפער נאָר טאַקע אין דער שאַפונג. דאָס מוראַדיקע פאַרברעכן און דאָס טראַגישע ראַנגלען זיך מיט איבערנאַטירלעכע כוחות איז מעגלעך נאָר ביי אַן אָפּוועגדיקן פון דעם סאָציאַלן, פון דעם פּשוט־מענטשלעכן, דאָס קראַפטיקע, דאָס אָנגעצויגענע און שטייפע געהער צום וועזן פון דער טראַגעדיע, און דעריבער איז די טראַגעדיע נישט מעגלעך אָן דער מאַסקע.

פּונקט ווי עס זענען דאָ צווייערליי קינסטלער, זענען אויך דאָ צווייערליי קונסטן: די עקסטראַווערטירטע און אינטראַווערטירטע קונסט, די קונסט פון אָביעקט און די קונסט פון סוביעקט. די קונסט פון אויסער זיך און די קונסט פון אין זיך. די קונסט פון אָביעקט איז אין הסכם מיט דער סביבה און אין הסכם מיט זיך, אָבער די קונסט פון סוביעקט איז אין הסכם נאָר מיט זיך... דעריבער באַדאַרף די קונסט און אויך דער קינסטלער פון סוביעקט אַ מאַסקע.

נישט יעדער קינסטלער טראָגט אַ מאַסקע און נישט יעדער באַדאַרף זי. ווער עס טראָגט אָבער אַ מאַסקע, דעם קאָנען מיר נישט הייסן, אַז ער זאָל זי אויסטאָן, ווייל זי געהער דאָך צו זיין וועזן! די מאַסקע, דאָס איז דער קאָמפּראָמיס, אויף וועלכן עס גייט איין דער דיכטער און קינסטלער פון אינזיך מיט דער אויסנוועלט. דאָס, וואָס מאַניפעסטירט זיך ביי דעם אינטראַווערטירטן קינסטלער, מוז זיין מאַסקע, ווייל דאָס טיפע און עמ־פּינדלעכע, דאָס „אינזיך" מוז ווערן געשיצט. און דאָס איז די מאָראַל פון קינסטלער מיט דער מאַסקע...

1938.

די איך־דיכטונג און די מאַסן־קונסט

זינט יאָרן קומט פאָר אַ שטרייט אין דער ליטעראַטור־קריטיק צווישן דער סתם עסטעטישער און דער געזעלשאַפטלעכער אויפפאַסונג. די צעטייל־ליניע, וואָס איז אויפגעקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פּאָליטיש־עסטעטישע נויטווענדיקייט און איז באַרעכטיקט פון יעדן שטאַנדפּונקט. מען האָט אָבער געמאַכט דעם פעלער, וואָס די דאָזיקע טיילונגס־ליניע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויך אויף געביטן, ווו זי איז נישטאָ און אין אַ פלאַך, וואָס האָט זי אויסגעקרימט.

דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער צוגאַנג צו די ליטעראַרישע פּראָבלעמען איז געווען בלויז אַ פּאָליטיש־עסטעטישער. צום פּאָליטיש־עסטעטישן מוז נאָך צוקומען אַ פּסיכאָלאָגישע קריטעריע און ערשט דאַן קאָן די טיילונגס־ליניע געפירט ווערן פון דער טיף אַרויס.

מען האָט ביז איצט שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט די פּסיכאָלאָגיש־פּאָליטישע טיילונגס־ליניע צווישן צוויי פאַרשידענע מינים דיכטונג. מען קאָן, למשל, באַמערקן, אַז מענטשן מיט אויסגעאַרבעטע סאָציאַל־עסטעטישע אָנשויונגען, לייענען ביי זיך אינדערהיים מיט פאַרגעניגן, למשל, רילקע אָדער וועלכן עס איז אַנדערן דיכטער־אינדיווידואַליסט. און פאַרקערט: „פיינפילנדע" עסטעטן, וואָס אָנערקענען נישט די דיכטונג וועגן „ברויט און ברויט", ווערן מיטגעריסן ביים געזאַנג פון אַ געווייגלעכן קאָמפּליד, אויב זיי געפינען זיך נאָר אין דער מאַסע, וואָס זינגט עס. דאָס געזאַנג וועגן קאַמף איז אין דעם מאָמענט מער נישט קיין מליצה, נאָר רעאַלעווירקלעכקייט, וואָס ווערט איבערגעלעבט. די דינע און פיינע איבערלעבונגען פון דעם דיכטער־אינדיווידואַליסט זעען דעמאָלט אויס אומרעאַל און רוקן זיך אָפּ ערגעץ ווייט.

צו דעם זעלבן פענאָמען געהערט די באַקאַנטע דערשיינונג, וואָס די אידעען־און סימבאָלן־דראַמעס פון אַ מעטערלינק אָדער איבסען וואָס קומען אַרויס אויף דער בינע, נעמען ניט תמיד דעם עולם. דערפאַר נעמען אָבער דעם עולם די פרימיטיווערע דראַמעס, וואָס ווייזן אויף פיל אַקציע און געבונג „טעאַטראַלישקייט". עס איז שווער צו דערקלערן, וואָס דאָס איז אַזוינס טעאַטראַלישקייט, ביז מען וואַרפט נישט אונטער די פּסיכיק פון מאַסן־צושויער אַ גענויעם אַנאַליז.

ווען מיר זאָגן, אַז טעאַטראַלישקייט באַשטייט דערין, וואָס עס איז דאָ געגנוג אַקציע, האָבן מיר דערמיט אָבער נאָך נישט אויפגעקלערט, פאַרוואָס די בינע נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אַקציע. בשעת מיר לייענען די זעלבע דראַמע פאַר זיך, קאָנען מיר זיך מיט איר באַגייסטערן און זיין איבערצייגט, אַז זי וועט ווערן אַ נייע אַנטפּלעקונג. און נישט זעלטן טרעפט, אַז די זעלבע דראַמע האָט אויף דער בינע דעם אמתן דורכפאַל. אפילו פאַר אַ געניטן טעאַטער־פאַכמאַן איז אָפט שווער פאַר־אויסצוזאָגן, צי אַ נייע דראַמע וועט האָבן דעם געוווּנטשענעם בינע־דערפאָלג, צי נישט.

און נישט נאָר דאָ. צו וועלכן געביט פון דיכטונג און קונסט מיר זאָלן זיך נישט צורירן, וועלן מיר תמיד קאָנען באַמערקן, אַז עס זענען דאָ צווייערליי מאָסן: די עסטעטיק פון יחיד און די עסטעטיק פון דער מאַסע. ווען עס קומט דער זעלבער יחיד אַריין אין דער מאַסע, אין דעם מאָמענט זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין יחידישער עסטעטיק צוליב דער מאַסן־עסטעטיק. מעג ער אויך האָבן די איבערצייגונג, אַז די דראַמע איז אַ גוטע; אין דעם מאָמענט ווען ער קומט אין טעאַטער און ער זעט, אַז די דראַמע לאָזט קיל דעם עולם, דעמאָלט פאַרלירט זי אויך די ווירקונג אויף אים. ער רעווידירט זיין פריערדיקן שטאַנדפּונקט. געוויינלעך טרייסט ער זיך דערמיט, אַז די דראַמע איז נישט „טעאַטראַליש". ער פאַרגעסט אָבער, אַז פריער האָט ער געמיינט, אַז דאָ וועט קומען דער אמתער בינע־דערפאָלג.

אַן ענלעכע דערשיינונג קאָן מען אָבסערווירן שוין אין דער רעלי־גיעזער דיכטונג. די רעליגיעזע דיכטונג און קונסט, וואָס האָט דאָך אַמאָל געהאַט די זעלבע באַדייטונג, וואָס קונסט און דיכטונג בכלל, האָט אויך געמוזט זיך רעכענען מיט די צווי פאַלוסן פון דער מענטשלעכער נשמה: דאָס אינדיווידועל־פּסיכישע און דאָס מאַסן־פּסיכישע. פון אַ גאַנץ אַנדערן מין זענען די תפילות, וואָס מען זאָגט זיי פאַר זיך, די תפילות פון מענטש צו גאָט, וואָס זענען השתפכות־הנפש פון יחיד און קאָנען דערגרייכן די העכסטע מדרגות פון לירִיק. און אַנדערש זענען די תפילות, וואָס מען זאָגט זיי בציבור. דאָס רעדן צו גאָט איז אין דעם פאַל אַ קאָלעקטיווער ענין; אויב דער יחיד איז אפילו נישט אין דער תפילה־שטימונג, מאַכט אויך נישט אויס. ער וועט די שטימונג שוין באַקומען, זי וועט זיך אים איבערגעבן פון דער גאַנצער דאַוונענדיקער עדה.

שוין די פּאָר ביישפּילן ווייזן אָן דערויף, אַז דער מענטש האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַ פאַרשיידענע אפּערצעפּיע און אַן אַנדערע עסטעטיק. מיר וויסן היינט שוין עפּעס וועגן מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. אָבער, ווי מיר זעען, איז דאָס נוגע נישט נאָר דעמאָנסטראַציעס און מאַסן־אויפ־מאַרשן. און נישט נאָר דער פּרימיטיווער און ווייניק־קריטישער, נאָר אויך דער דיפערענצירטער יחיד איז באַהערשט פון דער זעלבער פּסיכאָלאָגיע.

ווען דער מענטש איז מיט זיך אַליין, איז זיין קלערן און פילן אינדיווידואַליסטיש. מעג דער קעגנשטאַנד פון זיין קלערן אויך זיין דער קאָלעקטיוו — דער אויסגאַנגס־פּונקט איז ער אַליין און זיין געדאַנק. דער געדאַנק איז אין דעם פאַל די ריינסטע עמאַנאַציע פון דער פּערזענלעכ־קייט; ער ווייזט אויף אַלע אירע אייגנטימלעכקייטן, איר טיף און אייגנ־אַרטיקייט. ווי שטאַרק עס זאָל אויך נישט זיין די השפעה פון דעם אַרום — אַלץ, וואָס דער יחיד קלערט און פילט, געהערט צו אים, גייט פון אים אַרויס.

אין דער מאַסע הויבן אָן צו הערשן אַנדערע געזעצן; בייע פּסיכישע קוואַלן עפענען זיך. ער איז אין דער מאַסע מער נישט קיין אָפּגעשלאָ־סענער איינס, נאָר אַ טייל פון אַן אַנדער גאַנצקייט — פון דער מאַסע. זיין פּסיכיק האָט איצט נאָר טייל־פונקציעס, זיין געפיל איז נאָר אַ טייל פון דעם מאַסן־געפיל. עס קאָן שוין נישט זיין קיין רייד וועגן קאָמפּליצירט־קייט פון דעם טייל־געפיל, ווייל דאָס איז דאָך אַ „קאָנטראַדיקציאָ אין אַדיעקטאָ״ (וואָס איז זיך אַליין סותר).

דער דיאַלעקטישער כלל וועגן איבערגיין פון קוואַנטיטעט אין קוואַ־ליטעט באַשטעטיקט זיך אַזוי אַרום אויך אין דער פּסיכאָלאָגיע. דער קעגנזאַץ פון אינדיווידואַל־פּסיכע און מאַסן־פּסיכע נעמט זיך דערפון, וואָס פון דער צוזאַמענגעזעצטער, קאָמפּליצירטער אינדיווידואַל־פּסיכע רייסן זיך אַרויס איינצלנע עלעמענטן. אָט די עלעמענטן ברענגט דער יחיד אַלס צושטייער צו דער מאַסן־פּסיכע, וועלכע באַקומט אַן עלעמענטאַרן כוח דורך דעם, וואָס זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון ענלעכע, גלייכגעריכטעטע עלעמענטן, וועלכע פאַרפילפאַכן זיך אין זייער ווירקונג ווי אַ גאָמעטרישע שטייגערונג. און הגם דאָס טייל־געפיל, וואָס דער יחיד ברענגט אור־שפּרינגלעך אַריין, איז אַ טייל פון זיין אייגענער אינדיווידואַל־פּסיכע, באַקומט זיך אין רעזולטאַט עפּעס גאַנץ אַנדערש דורך דער באַקרעפטיקונג

פון אַט דעם טייל־געפיל מיט פיל אַנדערע גלייכוועדטיקע, גלייכגעריכטעטע טייל־געפילן. דורך דעם קעגנזייטיקן באַווירקן זיך שטאַרקן זיך די דאָזיקע גלייכע געפילן ביז צו אַ מאַקסימום. אין דער מאַסע שטייט איצט דער יחיד איינגאַנצן אונטער דעם איינפלוס פון זיין אַזוי אַרום פאַרשטאַרקטן טייל־געפיל, וואָס קאָן זיך געפינען אין אַ שאַרפן קעגנזאַץ צו זיין נאָרמאַלער אינדיווידואַל־פּסיכע.

מיר וואָלטן דאָס לייכט געקאָנט אילוסטרירן דורך אַ פאַרגלייך פון די איבערלעבונגען פון דעם הונגעריקן, ווי עס קומט צום אויסדרוק אין האמסונס „הונגער״, מיט דער מאַסן־פּסיכיק פון אַ הונגער־מאַרש. דער הויפּט־מאָטיוו איז דאָך דער זעלבער, אָבער גאַנץ אַנדערש קומט ער צום אויסדרוק דורך דער פּריזמע פון יחידס פאַרטיפונג, בשעת ער גייט דורך אַ גאַנצע סקאַלע פון דיפערענצירטע איבערלעבונגען. ביים הונגער־מאַרש קומט צום אויסדרוק דאָס געפיל פון באַעוולטקייט און אומרעכט מיט אַזאַ קאַלאָסאַלער קראַפט, אַז עס מוז באַלד איבערגיין אין דעם שטאַרקן געפיל פון קאַמף.

אַט די צוויי מעגלעכקייטן אין דעם מענטשנס פּסיכיק קלערן אונז אויף אַ סך כלומרשטע קעגנזאַצן אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט. דאָס פאָלקסליד רעדט צום פּרימיטיוון־געפיל פון פאָלקסמענטש און צו דעם טייל־געפיל פון דעם פּראָלעטאַריש־געבילדעטן מענטש, אָבער וואָס עס איז פאַר דעם מאַסן־מענטש אַלץ — איז פאַר דעם אינטעליגענט נאָר אַ טייל־ווירקונג, ווייל עס געפינט אַן אָפּקלאַנג נישט בלויז אין דעם איינפאַכן טייל־געפיל, נאָר עס באַקומט אַן עכאָ אין די זייטיקע קאָרידאָרן פון זיין פאַרצווייגטן נשמה־לעבן. דער הויפּט־מאָטיוו ווערט אָבער דערביי אָפּ־געשוואַכט און דערפון נעמט זיך אויך דאָס, וואָס דער אינטעליגענט קאָן זיך נישט אַזוי טיף־עלעמענטאַר דורכנעמען מיט אַ פּרימיטיוון קונסט־ווערק, ווי עס קומט פאָר ביים מאַסן־מענטש. איז אָבער דער אינטעליגענט אין דער מאַסע, דאָן אונטערשיידט ער זיך נישט אין זיין עסטעטיק פון יעדן אַנדערן מאַסן־מענטש.

מאַסן־דיכטונג איז דאָס ליד, מיט וועלכן מען גייט אין שלאַכט; עס ווייזט תמיד אַרויס דעם זעלבן שטאַרקן ריטם, די זעלבע איינפאַכקייט און עלעמענטאַרן הערויזם. דאָס וואָרט פון אַזאַ ליד איז געגליכן צו אַ טאַט, ווייל זיין ווירקונג אויף דער מאַסן־פּסיכע איז אַ געקרעפטיקטע. די

ווערטער פון דעם ליד זענען אַקטועל, ווי די כסדר זיך באַנייענדיקע פאַקטן פון לעבן און קאַמף. מעגן אויך די אויטאָרן פון אָט די מאַסן־לידער זיין אומבאַקאַנט, אָדער מעגן זיי זיין מיטלמעסיקייטן — עס איז שוין זייער פיל, ווען מען האָט אָנגעשריבן נאָר איין ליד, וואָס איז געוואָרן דאָס געזאַנג פון מיליאָנען. אָפט אַנטשטייט אָבער אַ מיספאַרשטייעניש, אַז אַלץ, וואָס איז מאַסן־דיכטונג, ווערט אידענטיפיצירט מיט פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, און פאַרקערט. אין דערווירקלעכקייט האָבן מיר אין דער פּראָלע־טאַרישער פונקט ווי אין דער בירגערלעכער ליטעראַטור אַ מאַסן־דיכטונג און אַ איך־דיכטונג. די מאַסן־דיכטונג אין דער בירגערלעכער ליטעראַטור איז אַ גאָר יונג געוויקס און ווערט מיט אַלע כוחות פאַרשפּרייט פון די פאַשיסטן. די פאַשיסטישע מאַסן־דיכטונג איז אַ נעבעכדיקע, ווייל די פאַשיסטישע „„אידעאָלאָגיע" קאָן צו אמתער דיכטונג נישט אינספּירירן, די פאַשיסטישע און קאָמוניסטישע מאַסן־דיכטונג קאָן נישט גיין ווייטער פון געשיקט־פאָרמולירטע שלאָג־ווערטער, וועלכע זענען געווענוג גוט פאַר אויסרעזשיסירטע מאַסן־אויפמאַרשן. ביי אַן אַנטוויקלונג פון די פאַשיסטישע און קאָמוניסטישע לאָזונגען מוז זיך דער דיכטער אָנשטויסן אויף זייער אמתן אינהאַלט און ער שטייט פאַר דעם אַלטערנאַטיוו צו שרייבן ליגנעריש און מיט געמאַכטער איבערצייגונג, וואָס איז זיך באַלד נוקם אין דעם שלעכטן ווערק, אָדער ער ווערט גאָר אַ קאַריקאַטור פון אַ שרייבער... עס איז די נאַציס קיין מאָל נישט געלונגען צו שאַפן די פאַשיסטישע מאַסן־קונסט — אויף קיין איין געביט נישט. אויב דער פאַשיזם האָט אין דער פּאָליטיק פיל דערגרייכט מיט נאָכמאַכן די קאָמוניסטן און פּאָלסיפיקאָט, האָט דאָך אין דער קונסט דער פאַלסיפיקאַט געמוזט בלייבן דאָס, וואָס ער איז!

די איך־דיכטונג און די מאַסן־קונסט זענען דער אויסדרוק פון די צוויי מעגלעכקייטן אין דעם מענטשנס פסיכיק. ווי פאַרשידן זיי זאָלן נישט זיין איז דאָך צווישן זיי בישטאָ קיין סתירה. דער זעלבער דיכטער קאָן זיין פערזענלעך אינדיווידועל און אויך אַ וואָגיקער מאַסן־דיכטער;ביידע מינים קאָנען זיין אַנטפּלעקונגען פון דער זעלבער דיכטערישער פּער־זענלעכקייט. „איך" און מאַסע זענען טאַקע פאַרשידן, אָבער נישט קיין קעגנזאַצן — דערפון ווערט פאַרשטענדלעך די בויטוועגדיקייט און די באַזונדערקייט פון די צוויי מינים דיכטונג. זיי זענען שפּראַכלעך און אויך

עמאָציאָנעל פֿאַרשידן. אַנדערש מוז מען רעדן צום אינדיווידואום און אַנדערש צו דער מאַסע, אָדער צום אינדיווידואום אין דער מאַסע. און דאָך מוז דער תּוך בלייבן דער זעלבער — עס זענען דאָס די צוויי פּאָלוסן פֿון דער פּסיכע, וואָס ציִען זיך צו און שטויסן זיך אָפּ און האַלטן סוף־כּל־סוף אין דאָס גלייכגעוויכט.

1938.

מעדיצינישע טעמאַטיק אין דער דיכטונג

עס איז היינט מער קיין נייעס נישט, ווען מען זאָגט, אַז ליטעראַטור און מעדיצין האָבן אַ שייכות איינע צו דער אַנדערער. מיר קענען פון דער וועלט־ליטעראַטור שוין אַ פּאָר גענעראַציעס דאָקטוירים־שרייבער. די נעמען טשעכאָוו און שניצלער פון דער עלטערער ליטעראַטור און דיהאַמעל און סעלין רעדן שוין פאַר זיך אַליין, דעריבער קוקן מיר אויף דעם פענאָמען דאָקטאָר־שרייבער נישט ווי אויף אַ צופאַל, נאָר ווי אויף אַ דערשיינונג, וואָס מוז אַלזייטיק באַלויכטן און דערקלערט ווערן.

עס ווערן אין דער ליטעראַטור זייער אָפט געשילדערט קראַנקע אָדער נערוועזע טיפּן־פּסיכאָפּאַטן און נייראַטיקער, סיפיליטיקער און לונגען־קראַנקע. טאָמאַס מאַן האָט אונז געגעבן אין זיין „צויבערבאַרג" אַן עפּאָפּייע, וואָס איר פאַן איז די וועלט פון די טובערקולאָז־קראַנקע. אָט דער ביישפּיל באַווייזט אונז, אַז די שרייבער, וואָס שילדערן די וועלט פון דעם קראַנקן, מוזן נישט תמיד זיין דווקא מעדיצינער, זיי מוזן אָבער האָבן דאָס נויטיקע וויסן וועגן דער קראַנקייט, וואָס זיי באַשרייבן, פון דער אַנדערער זייט, זעען מיר, באַהאַנדלען דאָקטוירים־שרייבער נישט תמיד מעדיצינישע טעמעס, אויף וואָס עס זאָגט עדות די שאַפונג פון א. דעבלין אָדער א. שניצלער, ווי. ווערעסאַיעוו, טשעכאָוו א. אַנד.

דאָס פּראָבלעם „דיכטונג און מעדיצין" פאַראינטריגירט אונז מער פון דער טעמאַטישער, איידער פון דער פּערזאָנעלער זייט, די מעדיצין איז היינט־צו־טאָג אַן עקספּאַנסיע־געביט פאַר דער ליטעראַטור — וואָס ווייטער אַלץ מער. דאָס באַווייזן אונז די ראָמאַנען פון טאָמאַס מאַן און פון אַקסעל מונטע („דאָס בוך פון סאַן מישעל") די ביכער פון סעלין אין דוהאַמעל. (פון די אויסגערעכנטע זענען די דריי לעטצע — דאָקטוירים). די וועלט פון דעם קראַנקן איז פאַר דעם געזונטן טיילמאָל גאַנץ פרעמד און דאָס אַריינדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די אומהיילבאַר־קראַנקע רייצט די פאַנטאַזיע. דורך דער פּריזמע פון דעם קראַנקן זעען מיר די זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלויכטונג. עס ווערט פאַרענדערט דאָס פאַרהעלטניש און די פּראָפּאָרץ: דאָס וויכטיקע פון דעם טאָג־טעגלעכן ווערט דאָ מיטאָמאָל אומוויכטיק און דאָס, וואָס איז פאַר אונז אַ קלייניקייט, באַקומט דאָ וואָג און איז פאַר דעם קראַנקן — אַלץ.

די וועלט פון די קראַנקע איז פאַר דעם געזונטן טיילמאָל עקזאָטיק,

אָבער ווי פרעמד די דאָזיקע וועלט זאָל אים נישט אויסזען, איז אָבער נאָך תמיד דאָ אַן איבערגאַנג צו איר, אַ מעגלעכקייט זיך איינצופילן. דאָס איז נוגע די פיזיש־קראַנקע, וועלכע זענען נאָך, אַזוי צו זאָגן, גייסטיק נאָרמאַל. ביי די נערוועישע און פסיכאָפּאַטן זענען די מאָסן שוין פון אָנהויב אַן אַנדערע. שוין אָפּגערעדט פון די גייסטיק־קראַנקע. אָבער אויך דאָ קענען מיר זיך איינפילן, ווייל עס איז נישטאָ קיין געזונטער, וועלכן עס זאָלן זיין לגמרי פרעמד די איבערלעבענישן פון די נערוועישע. אין דעם נשמה־לעבן איז נישטאָ קיין פעסטע גרענעץ צווישן געזונט און קראַנק. נאָך מער פיקטיוו ווערט וועלכע עס איז גרענעץ, אויב עס האַנדלט זיך אין שרייבער אָדער קינסטלער, מענטשן, וואָס רייכן אָפּ שוין פון אָנהויב פון דעם, וואָס מיר רופן „נאָרמאַל״.

עס איז שוין כמעט באַנאַל איבערצוחזרן (צום וויפלסטן מאָל) לאָמ־בראָזאָס זאַץ, אַז זשעני און משוגעת קערן זיך אָן. נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין דער טיף פון דער פראַגע, לאָמיר זיך באַגנוגענען אונטערצושטרייכן, אַז עס איז נישט מער, ווי אַ געשמאַק־זאַך, ווען מיר באַטראַכטן דאָס אומנאָרמאַלע אין קינסטלער אַלס אייגנאַרטיקייט אָדער אַלס נערוועישקייט. די קראַנקע פערזענלעכקייט פון דעם קינסטלער האָט שוין אָפּגעגעבן אַ סך שטאָף פאַר די פסיכיאַטערס, וועלכע האָבן געשריבן די פּאַטאָגראַפיעס פון די באַרימטע פערזענלעכקייטן. (ניטשע, סטרינדבערג, העלדערלין) אפילו דער „געזונטער״ געטע האָט געגעבן אַ זייער דאַנקבאַרן שטאָף פאַר אַ פּאַטאָגראַפיע, וועלכע עס האָט געשריבן דער פסיכיאַטער קרעטשמער.

▽

עס איז דאָ אַ סך קרובהשאַפט אין דער דיכטונג און אין דער מעדיצין. ביידע פאַרטיפן זיך אין דעם אינערלעכן פון מענטש. עס איז אויך דאָ אַן ענלעכקייט אין דעם צוטרוי, מיט וועלכן עס באַציען זיך די מענטשן צו די דאָקטוירים און צו שרייבער. דער ליידנדיקער מענטש, וואָס קומט צום דאָקטאָר, גלויבט, אַז ער וועט אים העלפן, ווייל ער ווייסט מער פון אים און ער קאָן אים זאָגן, וואָס ער האָט צו טון. פונקט אַזוי זוכט דער לייענער אַן ענטפער ביי דעם שרייבער, צו וועלכן ער האָט צוטרוי. ספּעציעל אויפפאַלנדיק איז די אַנאַלאָגיע אין ענין דערפאָלג: סיי דער דאָקטאָר, סיי דער שרייבער האָבן דערגרייכט זייער נאָענטסטן ציל, ווען זיי האָבן

דערפאַלג. פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־באַדינג איז אין בײדע פאַלן צו קענען דאָס פאַך, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דערפאָלג איז אין בײדע פאַלן נישט קיין אַבסאָלוטער באַווייז פון פעיקייט און טאַלענט, אָבער עפּעס באַווייזט עס יאָ: דער דיכטער און דער דאָקטאָר, וואָס האָבן דערפאָלג, זענען לכל־הפחות גוטע פּסיכאָלאָגן, ווייל זיי רופן אַרויס ביי זייערע קליענטן די איבערצייגונג, אַז זיי באַקומען דאָס, וואָס זיי איז נויטיק.

נאָר לאָמיר זיך אַביסל אָפּשטעלן אויף זשאָרזש דיהאַמעל און אַקסעל מונטע. בײדע האָבן געהאַט דערפאָלג סיי אַלס דאָקטוירים, סיי אַלס שרייבער. מונטעס „בוך פון סאַן מישעל" איז די לעבנסגעשיכטע פון דעם דאָקטאָר מונטע. דאָס איז אַ בוך פון אַ געוואַלדיקן אימפּעט און דורשט צום לעבן. מונטע האָט גרויס דערפאָלג אַלס דאָקטאָר, אָבער דאָס איז ביי אים אַ טפל, ווייל ער פאַרבינדט זיין מעדיצינישן באַרוף מיט העכערע אינטערעסן.

דער דאָקטאָר מונטע וויל באַקעמפן דעם טויט, און, ווי יעדער ענטוזיאַסט, פאַרגעסט ער אָפט, ווי נישטיק עס מוזן זיין די אויפטועו פון דעם יחיד אַקעגן אַ וועלט פון נויט און פּיין. ער האַלט עס נישט לאַנג אויס אין דער ראָל פון מאָדע־דאָקטאָר, וואָס נעמט גרויסע האָנאָראַרן ביי די רייכע פּרויען דערפאַר, וואָס ער נעמט ביי זיי נישט צו זייער איינגע־רעדטע קרענק. ווען עס ברעכט אויס אַן עפּידעמיע אין נעאַפּאָל, איז ער באַלד דאָרט. דאָ, ביי די שווידערלעכסטע באַדינגונגען איז ער אין זיין עלעמענט, דאָ קאָן ער ווידער נאָכגיין זיין לעבנס־אויפגאַבע: קעמפן מיט דעם טויט.

מונטע האָט ליב די מענטשן; דערהויפּט די איינפאַכע און נישט „פאַרדאָרבענע" דורך בילדונג. אָבער נאָך מער האָט ער ליב די חיות. זיין אידעאַל איז פראַנציסקוס פון אַסיז און ענלעך ווי צו פראַנציסקוס, בינדן זיך אויך צו אים צו די מענטשן און חיות, וואָס פילן זיין גרויסע ליבשאַפט. אַזוי הויבט זיך אָן ביים סוף פון בוך אַלץ מער צו פאַרפלעכטן פאַנטאַזיע מיטווירקלעכקייט און עס פאַרקלינגען די לעצטע אַקאָרדן פון אַ וויזיאָ־נערישן דערהויבענעם לעבנסגעפיל.

דיהאַמעל איז בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ מיליטער־דאָקטאָר אויפן פראָנט. די איבערלעבונגען פון פראָנט האָבן איבערגעלאָזט אויף דיהאַמעלן טיפע שפּורן: ער ווערט אַ פרעדיקער פון פּאַציפיזם. די

ביכער „דאָס לעבן פון מאַרטירער״ און „ציוויליזאַציע״ זענען אָנגעפילט מיט דעם גייסט פון פּאַציפיזם. די העלדן פון די דאָזיקע ביכער, דאָס זענען זיינע פּאַציענטן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט אַלס דאָקטאָר. ער גיט זיי דאָס וואָרט. און די דאָזיקע פאַרקריפּלטע יונגע מענטשן זענען אַ לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן דעם גרעסטן אָרגאַניזירטן פאַרברעכן פון אונזער צייט — מלחמה צווישן די פעלקער.

עס וואָלט כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויך דערויף ווי עס זעט אויס דאָס פּראָבלעם „דיכטונג און מעדיצין״ אין דער יידישער און אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן. נישט אין דער יידישער און נישט אין דער פּוילישער ליטעראַטור האָבן מיר אַזעלכע ווערק ווי „צויבערבאַרג״ אָדער „בוך פון סאַן מישעל״, כאָטש דאָקטוירים־שרייבער פעלן בישט אויס נישט אין דער פּוילישער ליטעראַטור (באָי־זיעלענסקי, קאָרטשאַק) און נישט אין דער יידישער (שניאורסאָן, כמעלניצקי) אָבער ווי געזאָגט: מעדיצין איז פאַר דער ליטעראַטור אין דער לעצטער צייט געוואָרן אַן עקספּאַנסיע־געביט. עס איז נאָך דאָ זייער אַ סך צו דערוואַרטן.

.1938

וואָס קען אונדז געבן דער סאָציאָגראַפיש־סינטעטישער מעטאָד?

דער פעריאָד פון זאַמלען מאַטעריאַלן פון נאָענטן עבר איז נאָך לאַנג נישט פאַרענדיקט. אָבער שוין איצט שטייט פאַר יעדן דענקענדיקן ייד דאָס פּראָבלעם: וועלכע זענען עס די מעטאָדן, מיט וועלכע מען באַדאַרף באַאַרבעטן דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל? דאָס איז אַ פראַגע נישט נאָר פאַר היסטאָריקער, ווייל די געשיכטע פון אומקום פון אַ פאָלק קען נישט באַהאַנדלט ווערן מיט די אָנגענומענע מעטאָדן, ווי וועלכער ס׳איז אַנדערער געשיכטלעכער מאַטעריאַל. כדי צו באַקומען אַ קוואַר־שניט פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט אויף דעם אָדער יענעם אָפּשניט (סיי אין שטח, סיי אין צייט) מוז מען אַרומנעמען אַלע געביטן פון לעבן. דער מעטאָד פון רעקאָנסטרוּאירן די געטאָ־ווירקלעכקייט מוז זיין נויטווענדיק אַ סינטעטישער, ער מוז זיך שטיצן נישט אויף איינער, נאָר אויף אַ סך דיסציפּלינען.

פון דעם געזאָגטן קען מען דרינגען, אַז מיט דעם בלויזן איבערגעבן די געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דעם אָדער יענעם געטאָ פון אָנהויב ביזן סוף, קענען מיר אונדזער ציל ניט דער־גרייכן. פאַרשטייט זיך, עס איז וויכטיק, אַז מען זאָל אויפדעקן דעם גאַנצן אמת פון די געשעענישן, היטנדיק זיך פון וועלכער עס איז טענדענץ, וואָס קען דערגיין — ווי מען קען עס אָבסערווירן אין אַ טייל לענדער — ביז צו פעלשן געשיכטלעכע פאַקטן. דאָס זענען אַלץ עלעמענטאַרע זאַכן, פאַר וועלכע מען מוז נאָך היינט, ליידער, קעמפן. אָבער די געטאָ־ווירקלעכקייט, דאָס זענען נישט נאָר די געשעענישן, ווי דער (זאָל זיין אָביעקטיווער און אמת־זוכנדיקער!) היסטאָריקער פאַסט זי אויף. דאָס זענען אויך אַן אַ צאָל פאַקטן פון פסיכאָלאָגישער און עקאָנאָמישער נאַטור, וואָס האָבן באַגלייט די געשעענישן און זענען געווען צווישן די געשעענישן און האָבן זיך מיט זיי פאַרקניפּט זייער אָפט אין אַ קאַוזאַלן צוזאַמענהאַנג.

שילדערנדיק די געשעענישן מוז מען זיך היטן דערפאַר, ניט צו דערשאַצן דעם נשמה־צושטאַנד פון דעם געפייניקטן יידישן קאָלעקטיוו אַלס פאַקטאָר, וואָס האָט אויך געהאַט אַ השפּעה אויף די געשעענישן.

דער היסטאָריקער וועט, געווייינטלעך, ניט וועלן לייקענען די באַ־דייטונג, סיי פון דעם סוביעקטיוון פאַקטאָר (די פסיכאָלאָגיע), סיי פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. מיר קענען זיין זיכער מיט זיין וווערבאַלער הסכמה

אויף אַט די באַמערקונגען. דער היסטאָריקער קען אָבער פון זיין הויט נישט אַרויס און ער וועט תמיד, צי ער וויל, צי ער וויל נישט, שענקען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט די געשעענישן, נישט קענענדיק פאַרשטיין, אַז אַ פסיכאָלאָגישער פאַקט קען האָבן פונקט אַזאַ באַדייטונג — און אַמאָל נאָך אַ גרעסערע — פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן גופא.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז דער אומקום פון גאַנצן פאָלק ביי די באַדינגונגען, ווי עס האָט זיי געשאַפן דער היטלער־רעזשים, דאָס איז אַן איינציק־אַרטיקער פענאָמען אין דער געשיכטע. שילדערן דעם אומקום, ד״ה שרייבן געשיכטע איז אין דעם פאַל אַזוי שווער נישט נאָר דערפאַר, וואָס דער שונא, דורכפירנדיק זיין טאָטאַלע פאַרניכטונגס־אַרבעט, האָט אויך פאַרניכטעט דאָקומענטן און ווי ווייט מעגלעך — אַלע עדות. אָבער ווי באַוווסט, זענען דאָך געבליבן אַ היפּש ביסל דאָקומענטן און אויך לעבעדיקע עדות — נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען פון שונא, אַז דאָס זאָל נישט געשען.

און דערפאַר מוז מען די געבליבענע דאָקומענטן אויסנוצן ביז צו אַ מאַקסימום. און אויך אַזוי אַלע לעבעדיקע עדות. לאָמיר זיך נישט איינ־רעדן, אַז דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט מער אַרויסלייענען פון די דאָקומענטן ווי מיר! פאַר דעם קומענדיקן היסטאָריקער וועלן פאַר אַלעמען פאַרלוירן גיין די פסיכאָלאָגישע פאַקטן, אויב מיר וועלן זיי נישט אויסשיילן פון צווישן די געשעענישן און זיי פאַרפיקסירן לדורות. . .

אין וואָס פאַראַ ריכטונג באַדאַרף גיין די פאָרש־אַרבעט? נישט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען נישטאָ אין דער געשיכטע קיין שום אַנאַלאָגיעס צו אונדזער חורבן, קענען מיר דאָך אַנווענדן פאַרשיידענע פאָרשונגס־מעטאָדן, וואָס זענען אָנגעווענדט געוואָרן בשעת גרויסע פאָלקס־קאַטאַסטראָפעס. געוויסע ענלעכקייטן — אין פסיכאָלאָגישן זינען — וויזט אויף די לעצטע גרויסע וועלט־ווירטשאַפט־קריזיע, אין יאָר 1931־32. אין צוויטן און דריטן יאָר פון גרויסן וועלט־קריזיס האָט אַ גרופּע ווינער סאָציאַל־פסיכאָלאָגן זיך גענומען פאָרשן די ווירקונגען פון לאַנגדויערנ־

*) ד״ר לאַזאַרפעלד: „אַרבעטסלאָזע פון מאַריענטאַל״ אַ סאָציאָגראַפישער פּרווו, (ווין 1932).

דיקער אַרבעטסלאָזיקייט. אַ ספּעציעלע עקספּעדיציע איז אַרויסגעפאָרן אין אַן אינדוסטרי־דאָרף נעבן ווין*). די איינוווינער פון דאָרף (מאַריענטאַל) זענען אַלע געווען אַרבעטסלאָז פון דעם יאָר 1929, ווייל דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פון דאָזיקן דאָרף איז געווען אָפּהענגיק פון אַ מאַנו־פאַקטור־פאַבריק, וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָנהויב 1929. אַלע אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע האָבן זיך באַמיט צו קומען מיט דער באַפעלקערונג אין נאָענטן קאָנטאַקט, וואָס זאָל זיי דערלויבן צו דערגיין אַלע פרטים, וואָס האָבן אַ פּסיכאָלאָגישן ווערט. די פאָרשונגס־גרופּע איז געווען אין דעם דאָרף 120 טעג און האָט אַרויסגעפירט אַ רייכן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל בנוגע אַלע משפחות, פון וועלכע עס באַשטייט דאָס דאָרף, אַ סך אַנקעטעס בנוגע דער צייט־פאַרווענדונג פון די אַר־בעטסלאָזע, ביאָגראַפישע און טאָג־ביכער.

אויפן סמך פון אָט די מאַטעריאַלן האָט דער פירער פון דער עקספּעדיציע (ד״ר לאַזאַרספעלד) געגעבן אַ בילד, ווי עס זעט אויס דאָס לעבן פון דעם „מידן קיבוץ״ — פון כראָניש־אַרבעטסלאָזע, וואָס פאַר אַ פּלענער און האָפענונגען זיי האָבן און ווי אַזוי עס זעט אויס דער פּסיכישער קעגנשטעל־כוח פון די כראָניש אַרבעטסלאָזע. עס האָט זיך פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן אַרויסגעוויזן, אַז עס איז דאָ אַ געוויסע קאָ־רעלאַציע צווישן עקאָנאָמישן מצב פון אַרבעטסלאָזן און זיין פּסיכישן קעגנשטעל־כוח. ד״ר לאַזאַרספעלד האָט אויפגעשטעלט פיר גרופּעס פון פּסיכישער האַלטונג: 1) נישט געבראָכן; 2) רעזיגנירט; 3) פאַרצווייפלט; 4) אַפּאַטיש. מען קען זיך אָנשטויסן, אַז צו די ערשטע געהערן די עקאָנאָמיש בעסער געשטעלטע אַרבעטסלאָזע און צו די לעצטע גרופּעס — די אָרימסטע. גלייכצייטיק האָט זיך אָבער פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן אַרויס־געוויזן, אַז נישט תמיד איז גילטיק אָט דער כלל. אַ היפּשער טייל פון די, וואָס וואָלטן לויט זייער עקאָנאָמישן מצב באַדאַרפט געהערן צו דער גרופּע פון די פאַרצווייפלטע אָדער רעזיגנירטע, זענען אין דער אמתן פּסיכיש נישט געבראָכן. דאָס זענען אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן פּסיכישע עלאַסטישקייט און איינגעבוירענעם אָפּטימיזם. דער קעגנשטעל־כוח האָט אין די פאַלן באַזונדערע פּסיכישע קוואַלן.

ברענגענדיק דעם ביישפּיל פון כראָנישער אַרבעטסלאָזיקייט פון גאַנצן שטעטל און דעם סאָציאָגראַפיש־סינטעטישן מעטאָד, מיט וועלכן עס איז

געפּאַרשט געוואָרן דער קאָלעקטיוו פון די כראָניש אַרבעטסלאָזע, מיין איך נישט דערמיט צו זאָגן, אַז דער פּסיכישער צושטאַנד פון די כראָניש־אַרבעטסלאָזע אַנטשפּרעכט דעם צושטאַנד פון די געפאַנגענע פון געטאָ. ביי דער גאַנצער פאַרשיידנקייט איז אָבער דאָ עפּעס געמיינזאַמעס: די כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט און אירע פּסיכישע אויסווירקונגען אַלס קאָלעקטיווע דערשיינונג אין דעם עסטרייכישן אינדוסטרי־שטעטל מאַ־ריענטאַל ווייזט אויף ענלעכקייטן צו דעם צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינען זיך די געפאַנגענע פון געטאָ, (אין די ״רעלאַטיוו״־״סטאַבילע״ צייטן פון געטאָ), אויף וויפל זיי זענען אויך כראָניש אַרבעטסלאָז, און וועלכע ס׳איז אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט.

לאָמיר זיך נישט לאָזן פירן פון עמאָציעס (ווי קען מען דאָס פאַר־גלייכן כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט — מיט געטאָ? קען באַלד פרעגן עמעצער אַן אויפגערעגטער...) און לאָמיר באַטראַכטן, צי איז מעגלעך צו שרייבן די געשיכטע פון יידישן אומקום נישט רעקאָנסטרואירנדיק אַלע דעטיילן פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט? (אין אַ היפּשן טייל געטאָס האָט דאָס ״לעבן״ דאָך געדויערט אַ פּאָר יאָר!) און כדי צו רעקאָנסטרואירן אָט די געטאָ־ווירקלעכקייט, כדי צו געבן דעם וואָכעדיקן טאָג פון געטאָ (אָן באַזונדערע געשעענישן און ״אַקציעס״), מוז מען זיך באַנוצן מיט דעם סאָציאָגראַפישן מעטאָד, וועלכער נעמט אַריין אַלע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען.

אַ הסכמה אויף אָט דעם געדאַנק קענען מיר געפינען ביי די אָר־גאַניזאַטאָרן פון דעם ״צענטראַלן היסטאָרישן אַרכיוו״ (רינגעלבלום־אַרכיוו), איז דאָך די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון דעם רינגעלבלום־אַרכיוו געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פאַרפיקסירן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם וואָכעדיקן טאָג פון דעם געטאָ־איינוווינער.

מיר ווייסן, אַז נישט אַלע פאָרשונגען, וואָס זענען געוואָרן פּראָיעקטירט פון די מיטאַרבעטער פון רינגעלבלום־אַרכיוו, זענען געוואָרן אויסגעפירט. אָבער אַ טייל וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זענען דאָך געוואָרן אויסגעפירט, הויפּטזעכלעך אין די יאָרן 42־1941.

און צו פאָרשן איז געווען וואָס. נאָך קיינמאָל האָט אַ מענטשלעכער קאָלעקטיוו נישט געקענט אויפווייזן אַזעלכע ענדערונגען אין אַזאַ קורצער צייט, סיי אין זיין סאָציאַלער סטרוקטור, סיי אין דער פיזישער און פּסי־

כישער סטרוקטור פון די, וואָס האָבן צו אים געהערט. די מיטאַרבעטער פון רינגעלבלום־אַרכיוו דערקלערן אויך די נויטווענדיקייט פון די אַלע פאַרשונגען מיט די דערמאָנטע פאַרענדערונגען, אויף וועלכע זיי ווייזן אָן. אויף דעם עקאָנאָמישן געביט קען מען פאַרצייכענען נישט נאָר די אַל־געמיינע פאַראָרימונג און פרנסהלאָזיקייט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ טייל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך עס איינגעגעבן צו שאַפן גאָר נייע פרנסה־צווייגן, וואָס זייער הויפט־אַפנעמער איז געווען דער קריסטלעכער סוחר אויף יענער זייט געטאָ־מויער.

וועגן פיזישן צושטאַנד פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָבן די יידישע דאָקטוירים אין יענער צייט געפירט אַ פאָרשונגס־אַרבעט, וואָס שטייט איינציק און אַליין אין דער געשיכטע פון דער מעדיצין און פון דער מענטשהייט. די קלינישע פאָרשונגען פון הונגער אַלס מאַסן־דערשיינונג זענען צוליב דעם גרויסן מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכע זיי האָבן אַרומגע־נומען, זייער ווערטפול: סיי פאַר אונדז, אַלס צושטייער צו דעם סאָציאָ־גראַפיש־סינטעטישן בילד, סיי פאַר דער מעדיצין אַלס זאַמלונג פון באַשרייבונגען פון פאַרשידענע זעלטענע דערשיינונגען, וועלכע עס קען געבן די הונגער־קראַנקהייט. אָבער אויך אויף דעם פּסיכאָלאָגישן געביט האָט מען געקענט פעסטשטעלן אַ סך אויסטערלישע פאַרענדערונגען. די מיטאַרבעטער פון רינגעלבלום־אַרכיוו פלעגן זיך נישט איינמאָל אָפּשטעלן אויף דער „פולשטענדיקער אַטראָפּירונג פון דעם רחמנות־געפיל אין געטאָ". יעדן איינעם, וואָס איז נישט אַרונטערגעפאַלן דעם געטאָ־פּסיכאָז, האָט געמוזט שאָקירן, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט זענען אָפּגעווישט געוואָרן אַ סך עטיש־מאָראַלישע מניעות, וואָס אָן זיי איז, דוכט זיך, באַלד אוממעגלעך צו לעבן אין אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. מוז מען געדענקען, אַז אַלע „מעשים טובים" פון דעם יידישן „אָרדנונגס־דינסט", פון דעם „יודען־ראַט", זענען נישט געווען קיין אָפּגעריסענע דערשיינונג, נאָר האָבן האַרמאָניזירט מיט דעם אַטראָפּירן פון די עטיש־סאָציאַלע געפילן, וועלכעס האָט געמאַכט מעגלעך איין טייל, צו לעבן אין לוקסוס, איינאָרדנען פאַרוויילונגען אין קאַבאַרעטן און נאַכט־לאָקאַלן, בשעת אַנ־דערע זענען געפאַלן פון הונגער אין די גאַסן.

אַלע די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַרענדערונגען, וואָס זענען פאַר־פיקסירט געוואָרן, שטייען אין צוזאַמענהאַנג נישט נאָר מיט דעם גאַנצן

מאָרד־רעזשים, וועלכן עס האָט אויפגעשטעלט דער דייטשער אָקופּאַנט (אַלס אוממיטלבאַרע סיבה). עס איז אויך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז סאָמאַטישע פאַרענדערונגען, אַלס רעזולטאַט פון דער הונגערקראַנקהייט, האָבן פון זייער זייט אַ דירעקטע השפּעה אויפן פּסיכישן צושטאַנד פון די געליטענע. און אָט דער פּסיכישער צושטאַנד קען זיך אַריבערטראָגן אויך אויף יחידים, וואָס האָבן פון הונגער דווקא גאָר נישט אַזוי שטאַרק געליטן אין אָט דעם פּעריאָד... מענאָפּויזע ביי די נישט־הונגעריקע יונגע פרויען.

אַ פּראָבלעם פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג איז די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד מיר וועלן קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין אָן אַ גרינטלעכער פּסיכאָלאָגישער פאָרשונגס־אַרבעט. אויך אין דעם פאַל איז, דוכט זיך, קלאָר די גרויסע באַדייטונג פון דעם סאָציאָגראַפיש־סינטעטישן מעטאָד.

◈

קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען און די ליטעראַטור

אַ סך פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע האַלטן, אַז די גרויל־פאַקטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך טאָג־טעגלעך באַגעגנט און אַליין איבערגעלעבט, האָבן באַשאַפן עפּעס אַ באַזונדערע מאָראַלישע אַטמאָספער, וועלכע וועט קיינמאָל נישט זיין פאַרשטענדלעך פאַר דעם, וואָס האָט עס נישט איבערגעלעבט. אַנדערע גייען נאָך ווייטער און זאָגן, אַז היינט־צו־טאָג, ווען זיי דערמאָנען זיך, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויפגעפירט אין געטאָ אָדער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָבן זיי דעם איינדרוק ווי דאָס וואָלט געווען עמיץ אַנדערש און נישט זיי.

פון וואַנען נעמט זיך די דערשיינונג און וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט זי?

לאָמיר זיך אַביסל צוקוקן צו די דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון יענער צייט. מיט וואָס פאַר אַ רויקייט, כמעט גלייכגילטיקייט עס ווערן דאָ איבערגעגעבן די שוידערלעכסטע מאַקאַברישע פאַקטן! צי איז פאַר ל. וועליטשקער*), למשל, גלייכגילטיק, ווען ער גיט איבער די אַלע איינ־צלהייטן פון דער פאַרניכטונג פון טויזנטער יידן מיט אַ פּרטימדיקער באַשרייבונג, ווי אַזוי ער אַליין מיט אַלע אַנדערע פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ נר. 1005“ האָבן נאָך יעדער „ליקווידאַציע“ באַקומען דאָס עסן און די זאַכן פון זייערע טיילמאָל גוטע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע זיי האָבן באַלד נאָכדעם פאַרברענט? אָדער איז עס די טעמפּקייט פון מענטשן, וועלכע ווייסן, אַז אויך זיי דערוואַרט דער זעלבער גורל און זיי האָבן שוין דערמיט שלום געמאַכט?

מיר האָבן דאָ, פאַרשטייט זיך, צו טאָן נישט מיט גלייכגילטיקייט. דער בעסטער באַווייז דאָס איז דאָך דער פאַקט פון אָנשרייבן די זכרונות, וועלכע וועליטשקער האָט אין די געפערלעכסטע סיטואַציעס מיט זיך מיטגענומען, ווי זיין גרעסטן אוצר. אָבער די זעלבספאַרשטענדלעכקייט, מיט וועלכער עס ווערט דאָ דערציילט וועגן די אַלע גרויל־פאַקטן, איז

---

*) ל. וועליטשקער איז געווען איינער פון די עדות אויף דעם אייכמאַן פּראָצעס אין ירושלים. נאָך דער מלחמה האָט ער אויסשטודירט מעדיצין און ער פּראַקטיצירט היינט אין נעוו־יערסיי אַלס דאָקטאָר. ער האָט אַרויסגעגעבן זיינע זכרונות אין דער ענגלישער שפּראַך. זיינע ערשטע זכרונות האָט די ייד. היסטאָרישע קאָמיסיע אַרויסגעגעבן אויף פּויליש אין לאָדזש (1945).

אַן אַנטפּלעקונג פון עפּעס אַן אויסטערלישער אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז געקומען נישט נאָר צו אַ פולשטענדיקער איבערוווערטונג פון אַלע מאָראַלישע ווערטן, נאָר צו אַ בפירושער נעגאַציע פון אַלע באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס, אַנשטענדיק און געמיין.

דער פּסיכיאַטאָר פּראָפ. ע. מינקאָווסקי האַלט, אַז דאָס איז אַ נייע דערשיינונג אין דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע און האָט זי אָנגערופן „פּסיכישע אַנעסטעזיע״ (פּסיכישע פּיל־לאָזיקייט).

זיי האָבן דערציילט אויף אַ מאָנאָטאָנעם אופן, אָן אויפרעגונג און געררירטקייט, ווי ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גאַנץ פּשוטער זאַך, אַ זאַך, וואָס האָט נישט געקאָנט זיין אַנדערש... פּראָפ. מינקאָווסקי שטיצט זיין טעזע וועגן דער „פּסיכישער אַנעסטעזיע״, אויף דעם, וואָס עס לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ גרויסער נישט־פאַרשטענדלעכער אונטערשיד אין דעם נשמה־צושטאַנד פון אַרעסטאַנטן פון יאָר 1940 און אַרעסטאַנטן פון די יאָרן 43 — 1941. אין די יאָרן 40 — 1939 האָבן די פּסיכישעליידן פון די לאַגעריסטן געהאַט אַ שאַרפן ברענענדיקן כאַראַקטער. אין יענעם יאָר זיינען געווען גענוג אָפט פאַרגעקומען פאַלן פון זעלבסטמאָרד ביי יידישע לאַגעריסטן. אין די יאָרן 43 — 1941 זיינען די פאַלן פון זעלבסט־מאָרד געוואָרן אַ סך זעלטענער סיי אין געטאָ, סיי אין לאַגער, כאָטש די ליידן זיינען געוואָרן, אָביעקטיוו גענומען, אַ סך האַרבער און דער אומקום — כמעט אומפאַרמיידלעך.

אַזאַ פאַרמינדערונג פון אַקטיווער פּסיכישער רעאַקציע דווקא אין פּעריאָד פון שטייגערונג פון די אָביעקטיווע ליידן האַלט מינקאָווסקי פאַר אַן אויסדרוק פון זעלבסטדערהאַלטונגס אינסטינקט ווייל, ווען די פּסיכישע רעאַקציע וואָלט געווען אַדעקוואַט צו דער אָנהויפונג פון ליידן, וואָלט דער מענטש — אין דורכשניט — זיך געמוזט איינברעכן. מען קאָן נאָך ווייטער גיין אין אָט דער ריכטונג. מיר מוזן זיך אָבער באַלד זאָגן, אַז בלויז „פּסיכישע אַנעסטעזיע״ קאָן נישט פאַרענטפערן אַלץ דאָס נייע, וואָס מיר האָבן אָבסערווירט אין רעזולטאַט פון די קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען. דאַקעגן קאָן אַ סך אויפקלערן דער פענאָמען פון פּסיכישן סטופּאָר ((פאַרגליווערטקייט), וואָס איז אין דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע שוין גענוג באַקאַנט.

מיר טרעפן אויך אַ סך מאָל אין די זכרונות און באַשרייבונגען פון

געטאָ און לאַגער דעם אויסדרוק „מיר זיינען געווען ווי פאַרשטיינערט, פאַרגליווערט”. דער צושטאַנד פון סטופאָר ברענגט עס מיט זיך, וואָס עס ווערט געשאַפן אַ מניעה, אַזאַ מין באַריער, וואָס דערלאָזט נישט צום באַוווסטזיין דאָס אַלץ, וואָס איז אים ביכולת צושטאַרק צו טראַוומאַטיזירן. און דעריבער זיינען אויך די לייַדן אין אַזאַ צושטאַנד קלענער. אָבער דער דאָזיקער אומקער צו דער ארכאיק שלעפּט מיט טיילמאָל דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּרימיטיווע ארכאישע אינסטינקטן, וואָס קומען אויף פון די טיפע שיכטן פון דער פּסיכיק און שטויסן אַרויס ד העכערע נטיות, וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פון קולטור און דערציונג. אויף אַזאַ אופן קאָן אין אַ קורצער צייט אָפּגעמעקט ווערן דער גאַנצער פּסיכישער באַגאַזש פון מענטש, וואָס איז געוואָרן דערוואָרבן אין לויף פון לאַנגע יאָרטויזנטער.

אָט דער פאַקט פון דעגראַדאַציע און דעסטרוקציע פון דער מענטש־לעכער פּערזענלעכקייט איז בלי־ספק אַ באַגלייט־דערשיינונג פון סטופּאָר. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער דאָס אויפקומען פון פּרימיטיווע בראשיתדיקע אינסטינקטן אַ געווער אין קאַמף פאַרן דאָזיין, וואָס מוז פּלוצלינג — אין דער מיט פון 20טן יאָרהונדערט — געפירט ווערן אין באַדינונגען, וואָס שטייען מיט גאָרנישט אָפּ פון דער עפּאָכע פון קאַניבאַ־ליזם. ווייל נאָר פון אַזאַ קוק־ווינקל קען מען פאַרשטיין די אַלע גרויל־געשיכטעס, וועגן דעם אויפפירן זיך פון מענטשן אין געטאָ און אין לאַגער (מאַמעס שטעלן נישט קיין ווידערשטאַנד, ווען מען נעמט ביי זיי צו די קינדער אָדער וואַרפן זיי אַליין אַוועק. קינדער זיינען מקריב זייערע עלטערן, כדי זיך אַליין צו ראַטעווען א. אַ.) און דעריבער מוזן אין אָט אַזאַ סביבה גאַנץ אַנדערש אָפּגעשאַצט ווערן אַלע אַקטן פון קאָלעקטיוון אָדער אינדיווידועלן ווידערשטאַנד, פון אויפשטאַנד און בונט קעגן די מערדער. אַלנפאַלס טאָרן מיר אָבער נישט צוגיין מיט אונזער געוויינלעכער מאָס צו די געשעענישן אין געטאָ און אין לאַגער, אויב מיר ווילן עפּעס דערפון פאַרשטיין.

עס איז נישטאָ קיין ערגערער שונא פון דער קונסט, ווי די איבער־טרייבונג, די ביליקע פאַראַלגעמיינערונג. למשל אַזאַ פענאָמען: די יידן אין די געטאָס און אין די לאַגערן האָבן מוראַדיק געליטן, אָבער דווקא אין דער צייט פון די גרעסטע לייַדן זיינען זעלבסטמאָרדן און פּסיכאָזן געווען אַ זעלטנקייט. מיר האָבן שוין געגעבן אַ פּסיכאָלאָגישן

אַנאַליז פון דאָזיקן פענאָמען. עס איז נישט שווער זיך צו איבערצייגן, ווי מען הויבט שוין היינט אָן — פאַר אונזערע אויגן — צו פעלשן און צו פאַרפלאַכן אָט די דערשיינונג, אַנשטאָט זי צו געשטאַלטיקן און פּסיכאָלאָגיש צו פאַרטיפן. אפילו צו די דאָקומענטן פון יענער צייט מוז מען זיך באַציען פאַרזיכטיק, כדי צו אונטערשיידן אמתדיקע פאַקטן פון ביליקער בעלעטריסטיק. ווייל ווי אָפט באַשרייבן עדות פאַקטן, וואָס זיי האָבן אַליין געזען נישט אַזוי, ווי זיי זיינען געווען, נאָר אַזוי ווי עס דוכט זיך זיי אויס, אַז זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין... דאָס געשעט צומיינסט דעמלט, ווען די פאַקטן שפּרייזן אַריבער דאָס, אויף וואָס עס קאָן זיך ריכטן דער פּשוטער בשר־ודם... עס מוז דאָ נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז סטופּאָר (די פאַרגליווערונג) איז נישט קיין אוסנאָם־דערשיינונג, נאָר אַנטשפּרעכט דעם אַלגעמיינעם פּסיכישן צושטאַנד פון דער באַפעל־קערונג אין די געטאָס און אין די לאַגערן. דער סטופּאָר פּילט טאַקע אויס די פונקציע פון פּסיכישן שוץ, גלייכצייטיק ברענגט ער אָבער מיט זיך צו אַ דעסטרוקציע פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס אַנטשפּרעכט דער אַלגעמיינער עטישער דעגראַדאַציע. מיר טאָרן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָנצווייזן אויף די מאָראַלישע שאָדנס, וואָס עס האָט אָנגעמאַכט די דייטשע אָקופּאַציע צווישן דער שארית־הפליטה. עס וואָלט געווען אומ־זיניק דאָס אָפּצולייקענען.

ערשט אַן אָביעקטיווער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז וועט מעגלעך מאַכן צו פאַרשפּאַרן דעם וועג יעדן ליטעראַריש־דילעטאַנטישן פּסיכאָלאָ־גיזם און זען די פאַקטן אין זייער ריכטיקער פּראָפּאָרץ. אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג באַקומט דאָס פּראָבלעם פון העלדישקייט אַ גאַנץ נייעם אַספּעקט. עס שטייגט אומגעהויער די ספּעציפישע וואָג פון אַלע אונז באַקאַנטע פאַקטן פון אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן אַן איבער־מעכטיקן טייוולאָניש־אָרגאַניזירטן שונא. ווייל אָט די פאַקטן האָבן די באַדייטונג פון אַ געוואַלטיקן פּסיכאָלאָגישן איבערברוך דווקא דערפאַר, ווייל זיי קומען פאַר אויף דער פאָן פון מאַסן־ווידערשטאַנדלאָזיקייט, דעזאָרגאַניזירטקייט, פאַראַט און געפאַלנקייט.

.1948

חלום און גלעכטער

חלום און שלאָף.

די פיזיאָלאָגיע פון חלום און שלאָף געהער נאָך היינט צו די טונקלסטע קאַפּיטלעך. דער בעסטער באַווייז, ווי ווייניק מיר וויסן — איז די צאָל טעאָריעס, וואָס זענען זיך סותר אָפּט אין די גרונדפּרינציפּן (וואַזאָמאָטאָרישע, דערמידונגס־טעאָריע א. א.). ענלעך איז עס מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון חלום. איינע פון די פּאָפּולערסטע חלום־אויפקלערונגען איז די טעאָריע פון פרויד, וועלכע האָט אָבער אויך וויכטיקע קעגנער.

מיר וויסן היינט, אַז אַבסאָלוטע רו איז נישט פאַראייינבאַר מיט דעם באַגריף פון לעבן. דער מענטש רוט בשעת דעם שלאָף. אָבער סיי דער קערפּער, סיי דער גייסט טוען עפּעס בשעת דעם שלאָף, נאָר די אַרבעט איז אַן אַנדערע, ווי בשעת דעם וואַך־זיין. דערמיט זענען היינט אַלע מסכים. די גאַנצע פראַגע איז נאָר, וואָס עס האָט צו באַדייטן דער חלום פאַר דעם מענטש און פאַר זיין נשמה־לעבן. וואָס פאַרא פונקציעס האָט דער חלום אין דעם נשמה־לעבן פון מענטש?

די שפּראַך פון חלום.

די שפּראַך פון חלום איז אַן אַנדערע, ווי די שפּראַך פון דער וואָר. אַט דעם גרונדפאַקט וועט היינט קיינער נישט אָפּלייקענען. מיר האָבן דאָ זייער אַ סך געלערנט ביי פרוידן, וועלכער האָט דער ערשטער אויפגעדעקט די אייגנטימלעכקייטן פון דער חלום־שפּראַך. די חלום־שפּראַך איז אַ בילדערישע און פּלאַסטישע, דער חלום רעדט אין סימבאָלן. דערפון נעמט זיך די געפּרעסטקייט און שפּאָרעוודיקייט פון סטיל. איך וואָלט געזאָגט, דער חלום רעדט אין אַ טעלעגראַם־סטיל. דער חלום דערמאָנט מיט זיין בילדערישער און סימבאָלישער שפּראַך די שפּראַכן פון דער פּרעהיסטאָריע. אַדאַנק דער דאָזיקער אַרכאַאישקייט און אַדאַנק דעם סימבאָליזם באַקומט דער חלום זיין כאַראַקטעריסטישע צווידייטיקייט. אַזוי קען געשען, אַז די אויפקלערונג פון אַ חלום, וואָס באַשטייט פון אַ פּאָר שורות, זאָל אַמאָל פאַרנעמען אַ פּאָר זייטלעך אָדער אַ גאַנץ ביכל.

די שפּראַך פון וויץ.

ענלעך איז עס מיט דער שפּראַך פון וויץ. דער וויץ איז לאַקאָניש.

דער וויץ באַנוצט זיך מיט סימבאָלן, זיין אויסדרוקאופן איז אַ געפּרעסטער. (סימבאָלן געפינען זיך לרוב אין אַלע פאַרנאָגראַפישע וויצן, אָבער אויך אין אַנדערע), אויך די אויפקלערונג פון אַ וויץ (אָפט איז אַזעלכע נויטיק), פאַרנעמט אַ סך מער פּלאַץ, ווי דער וויץ גופא. אויב דער וויץ באַנוצט זיך מיט די זעלבע כלי־זין ווי דער חלום, דעמאָלט מוז זיין אַן ענלעכע סיבה. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, באַנוצט זיך דער וויץ מיט דעם סימבאָל, כדי אויף אַזאַ אופן דורכצושמוגלען די צענזור פון דעם אינדיווידועלן איבעראיך, (פּונקט אַזוי, ווי דער סימבאָל פון חלום), וועלכעס איז דאָך אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס די געזעלשאַפט האַלט פאַר גוט און ריכטיק. דער סימבאָל שטעלט פאַר די געשלעכטס־אָרגאַנען, די צווייידייטיקייטן — סעקסועלע האַנדלונגען, וועגן וועלכע מען מעג רעדן אין געזעלשאַפט, אָבער נאָר אין דער פאָרם פון וויץ. דער פאַרבאָטענער סעקסועלער אינהאַלט ווערט באַוווסטזיינספּעאיק ערשט דורך דעם סימבאָל און דורך דער צווייידייטיקייט.

דאָס אונטערבאַוווסטזיניקע אין חלום און אין וויץ.

אין זיין קריטיק פון דער פרוידישער חלום־טעאָריע פאַרזיכערט אונז פּראָפ. שניאורסאָן[1], אַז מיר באַדאַרפן גאָרנישט זוכן דעם באַהאַלטענעם אינהאַלט פון חלום, ווייל דער חלום ברענגט נאָר צום אויסדרוק מיט אַ באַזונדערער פּלאַסטישקייט אונזערע, ביי טאָג קוים באַמערקטע, געפילן. פּראָפ. שניאורסאָן פאַרענטפערט אָבער נישט, פאַרוואָס עס קומען דווקא אין חלום באַזונדערס דייטלעך צום אויסדרוק די געפילן, וועלכע ווערן בייטאָג „נישט באַמערקט". און דאָס איז דאָך דער טשוואָק פון דעם גאַנצן פּראָבלעם. פּראָפ. שניאורסאָן שטעלט אַקעגן פרוידס וווּנטש־דערפילונגס־טעאָריע זיין „געפיל רעאַליזירונגס־טעאָריע", לויט וועלכער דער חלום ווערט אויפגעפאַסט אַלס אַ בילדלעכע רעאַליזירונג פון בייטאָג פאַראַנענע געפילן. שניאורסאָנס געפיל־רעאַליזירונגס־טעאָריע דערקלערט אונז אָבער נישט, פאַרוואָס עס רעדט דער חלום אין בילדער און סימבאָלן. עס איז אויך שווער עמיצן צו איבערצייגן, אַז אַן וועלכער ס׳איז סיבה זאָלן ווערן אין חלום קלאָר געפילן און געדאַנקען, וועלכע זענען בייטאָג פאַרנעפּלט. אויסערדעם זענען דאָך דאָ אַזויפיל חלומות, וועלכע ווייזן

---

1) „חלום און שפּיל".

נישט קיין שום ענלעכקייט מיט דעם טעגלעכן געפיל־אינהאַלט פון פאַקטיש־איבערגעלעבטע סיטואַציעס.

פראָפ. שניאורסאָן באַווייזט איבערצייגנדיק, אַז דאָס חלום־באַוווסטזיין איז אַנדערש ווי דאָס וואַך־באַוווסטזיין. עס אינטערעסירט אונז אָבער אויך צו וויסן, ווו עס איז די בריק צווישן איינעם און צווישן אַנדערן. וואָס פאַר אַן עלעמענטן קומען צו און וועלכע קומען אַוועק פון דעם וואַך־באַוווסטזיין, אַז עס זאָל דערפון אַנטשטיין דאָס חלום־באַוווסטזיין? דערויף איז ניטאָ קיין אַנדערער ענטפער, ווי דער; פון אַלע דערינערונגען, פון אַלע איינדרוקן, וואָס דערגייען אויך צו די שלאָפנדיקע חושים, נעמט אויף דער שלאָפנדיקער בלויז דאָס, וואָס פאַרקערפּערט זיינע ליבלינגס־דערינערונגען און וואונטשן. דאָס חלום־באַוווסטזיין נעמט נאָר די עלעמענטן, וואָס זענען נויטיק צום אויפבוי פון דעם „אויסגעטרוימטן" איבערלעבעניש. עס איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס מיר זענען געוווינט צו זאָגן ביי דער דערפילונג פון אונזערע אינטימסטע וווּנטשן: „דאָס איז מיר אפילו אין טרוים נישט איינגעפאַלן!". די וווּנטש־דערפילונגס־טעאָריע קלערט אויף דעם צוועק און די באַדייטונג פון די חלום־סימבאָלן און בילדער; די דאָזיקע טעאָריע גיט אונז אַ פאָרשטעלונג וועגן דער דינאַמיק פון אונזערע געפילן, וועלכע ווערן — צוליב צענזורעלע טעמים — „נישט באַמערקט" בייטאָג, נאָר דווקא אין חלום.

באַקענענדיק זיך מיט די שפּראַך־ענלעכקייטן פון חלום און וויץ, קענען מיר זיך נישט אָפּזאָגן צו זוכן נאָך טיפערע ענלעכקייטן צווישן ביידע. לאָמיר זיך פאַרגעגנווערטיקן דאָס געשטאַלט פון דאָן־קישאָט, וואָס גילט אַלס פּראָטאָטיפּ פון לעכערלעכקייט. אין וואָס באַשטייט אייגנט־לעך דאָס קאָמישע פון דאָן קישאָט? מיר וואָלטן עס געקענט אויסדרוקן אין איין זאַץ; דאָן־קישאָט פּאַסט צו אַלץ אַרומיקע צו זיינע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען און נישט די פאָרשטעלונגען און באַגריפן — צו דער רעאַלער סביבה. דערביי לאָזט ער זיך נישט קאָריגירן פון דערווירקלעכ־קייט, וועלכע לייקנט אָפּ זיין אויספאַנטאַזירטע וועלט. אין זיין איינגע־שפּאַרטן, פאַרשטייפטן אָפּלייקענען די ווירקלעכקייט ליגט דער קוואַל פון הומאָר. אָבער דאָן־קישאָט פּאַסט צו צו דער אויספאַנטאַזירטער וועלט ניט נאָר די סביבה, נאָר אויך זיך אַליין. ער פאַרלייקנט זיין איך צוליב דעם איך־אידעאַל, וואָס ער בויט זיך אויף. ער ווערט נישט־ער. (אַ דער־

שיינונג, וואָס מיר באַגעגענען אַזוי אָפט אין חלום). דער אופן, אויף וועלכן דאָן־קישאָט בויט זיך אויף זיין איך־אידעאַל, איז אַ נאַרציסטישער. דאָס האָזיקע איך־אידעאַל אַנטשטייט דורך דעם צוריקציען זיך פון די אָפעקטיווע כוחות אויף זיך אַליין (דורך מאַגגל אין אַ פאַסיקן אָביעקט). ער ווערט אויף אַזאַ אופן צוריקגעוואָרפן אין אַ טיף־אינפאַנטילער פאַר־גאַנגענהייט מיט איר קינדלעכן אַלמעכטיקייטס־טרוים.

אין חלום האָבן מיר בעיקר דאָסזעלבע; דער נאַרציסטישער (אין זיך פאַרליבטער) בעל־חלום נעמט פון דער דרויסנוועלט נאָר דאָס, וואָס דינט אים צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע ווונטשן. דער מאָטאָר — דאָס זענען די אַפעקטן און ווונטשן, וואָס ווערן אויף דער וואָר נישט דורכגעלאָזט צום באַוווסטזיין. אין שלאָף טראַנספאָרמירט דער מענטש אַלע איינדרוקן, וואָס דערגייען צו אים. עס איז עקספּערימענטעל־פּסיכאָלאָגיש דערוויזן געוואָרן, אַז מען קען אַרויסרופן מיט איין און דעמזעלבן סטימול ביי פאַרשידענע שלאָפנדיקע — פאַרשידענע חלומות. דאָס וואָיען פון ווינט וועט ביי איינעם טראַנספאָרמירט ווערן אין אַ קלינגען פון גלאָקן און עס וועט זיך אים חלומען, אַז עס איז געשטאָרבן אַ באַשטימטע פערזאָן (אַמאָל ער אַליין), ביי אַן אַנדערן בעל־חלום קען ווערן אויס דעם וואָיען אַ געבילעריי פון הינט, פאַרבונדן מיט אַ שרעק־חלום. ענלעך ווערן פאַרוואַנדלט אַלע אָפּטישע און טאַקטילע איינדרוקן בשעת דעם שלאָף. אַלע איינדרוקן, וואָס שטאַמען פון דער דרויסנוועלט, ווערן באַנוצט נאָר אַלס בוישטיינער פאַר דעם חלום, וואָס האָט אַ גאַנץ באַשטימטע כוונה. די בילדער זענען אַ פאַרקערפּערונג פון עמאָציאָנעלע כוחות, וואָס מוזן זיך אויסלאָדן. אויך די איבערלעבענישן פון פריערדיקע טעג שפּילן נאָר די ראָל פון אַ רעזערוואַר, פון וועלכן דער חלום קלויבט זיך אויס, וואָס עס פאַסט אים. אַזוי ווי די עמאָציאָנעלע כוחות זענען ביי יעדן אַנדערע, ווערן אַנדערש אויסגענוצט די אַקוסטישע און אָפּטישע איינדרוקן. יעדער בעל־חלום איז אַ דאָן־קישאָט, וואָס נעמט פון דער ווירקלעכקייט נאָר דאָס, וואָס איז אים נויטיק צום אויפבויען פון זיינע פאַנטאַזיעס. די פּסיכישע דינאַמיק איז די זעלבע אין חלום און אין געלעכטער. אַמאָל רופט אויך דער חלום אַרויס געלעכטער. (דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ערשט מעגלעך אויף דער וואָר, ביים דערציילן דעם חלום, ווען דער בעל־חלום האָט די נויטיקע דיסטאַנץ צום חלום).

די אַנאַלאָגיע איז אַ פולשטענדיקע אויך אין דער באַציאונג צום אייגענעם איך. דער שלאָפער זעט, ווי ער אַליין גייט, רעדט, אַרבעט; ער קוקט זיך דערצו צו, ווי אַ צווייטע פערזאָן. אָפט חלומט זיך איינעם, אַז ער אַליין איז געשטאָרבן, ער איז דעריבער טרויעריק, אָבער די דאָזיקע סתירה שאָקירט אים נישט. אויך דאָן־קישאָט האָט זיך אַנטפרעמדעט פון דעם אייגענעם איך. דער זעלבער מאָטיוו באַווייזט זיך אין אַ טייל הומאָרעסקעס ווו עס ווערט געשטעלט די פראַגע: „צי בין איך — איך" (דער „משוגענער בטלן" — פרץ). אַנרי בערגסאָן האָט דער ערשטער אָנגעוויזן אויף דעם געמיינזאַמען, וואָס איז דאָ אין חלום און אין וויץ: „דער קאָמישער אַבסורד איז פון זעלבן כאַראַקטער, ווי דער אַבסורד פון חלומות", אָבער וואָס פאַר בערגסאָנען איז אַן אַבסורד, האָט פאַר דעם פסיכאָאַנאַליטיקער אַ זין, ווייל ער באַגנוגנט זיך נישט מיט דער דעסקריפּטיוו־פסיכאָלאָגישער אונטערזוכונג פון אַ דערשיינונג. דאָס „אַבסורדאַלע" ווערט אין ליכט פון דער פסיכאָלאָגיע פאַרשטענדלעך אַלס נויטווענדיקייט פון דער פסיכישער דינאַמיק און פסיכישער עקאָנאָמיע.

חלום און געלעכטער אַלס פאַקטאָרן פון פסיכישער אַנטשפאַנונג.

סיי אין חלום סיי אין געלעכטער רוקט זיך אַרויס דער מאָמענט פון אַנטשפּאַנונג, און אָפּרו. מיר קענען דעריבער גאַנץ פריי אָננעמען פראָפ. שניאורסאָנס דעפיניציע וועגן חלום: „וואָס שפּיל איז פאַר דער וואַך־רו, דאָס זענען חלומות פאַר דער שלאָף־רו". עס איז שוין ריכטיק, אַז אין שפּיל קען זיך די פּערזענלעכקייט פרייער אַנטוויקלען, ווייל דער מענטש קען דאָ טון דאָס, וואָס ער וויל, אין קעגנזאַץ צו דער אַרבעט, ווו ער טוט דאָס, וואָס ער מוז. דער חלום איז אַ נויטווענדיקייט, פונקט ווי דאָס שפּיל. אין ביידע פאַלן אַנטפּלעקט זיך די אמתע פּערזענלעכקייט, ווייל זי ווערט דאָ נישט באַגרעניצט דורך די ראַמען פון לעבנסקאַמף, דורך דעם צופּאַסן זיך צו דער רעאַליטעט. אין חלום און אין שפּיל דאָמינירט דאָס עלעמענט פון פאַנטאַזיע. זייער כאַראַקטעריסטישער צייכן איז די „פרייע" פאַנטאַזיע. דאָס געפיל פון אָפּרו אָדער „קומען צו זיך" נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס „איך" באַדאַרף מער נישט מאַכן קיין קאָנצעסיעס פאַר דעם „אויבער־איך". עס פאַלט אַוועק יעדער „מוז" פון צופּאַסן זיך צו דער אויסנוועלט. דאָס שפּיל פון דער וואַך־רו, וואָס האָט אַלע אַטריבוטן פון דער דאָזיקער

פרייהייט — איז דער געלעכטער.

דער אָפּרו און אָנטשפּאַנונג, וואָס עס גיט דער חלום, נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבן נישט קיין קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט און עס איז אַלץ אַזוי, ווי מיר ווילן. מיר באַפרייען זיך פון „געזונטן פאַרשטאַנד", וועלכער הייסט אונז אַלץ איבערקאָנטראָלירן און צופּאַסן צו דער ווירקלעכקייט. און געזונטער פאַרשטאַנד איז דאָך נישט מער, ווי די אָנשטרענגונג, די אַרבעט, וואָס ווערט געטון מיט דעם, וואָס מיר קאָנטראָלירן שטענדיק, צו אונזערע גלוסטונגען און געדאַנקען זענען אין הסכם מיט די פּאָסטולאַטן פון דער רעאַלער אויסנוועלט. די בילדער, וואָס מיר זעען אין חלום, אונטערליגן נישט דעם צוואַנג פון דער ווירק־לעכקייט. די צענזור שלאָפט. ערשט איצט קענען קומען צום וואָרט ביי טאָג אונטערדריקטע טענדענצן. דאָס פריי־ווערן פון געבונדענער פּסיכי־שער ענערגיע גיט דאָס געפיל פון רו און אָנטשפּאַנונג. (פון דער אַנדערער זייט איז מער נישטאָ קיין אָנשטרענגונג, וועלכע איז נויטיק צום דורכפירן די קאָנטראָל).

אויף דעם זעלבן פּרינציפּ שטיצט זיך דאָס באַפרייענדיקע אין הומאָר. די קאָמישע פּערזאָן קאָנטראָלירט נישט, וויאַזוי עס פאַרהאַלטן זיך אירע האַנדלונגען צו דער ווירקלעכקייט. דערפון נעמען זיך אַלע אירע צוזאַ־מענשטויסן און קאָנפליקטן מיט דער רעאַלער אויסנוועלט. די כסדרדיקע צוזאַמענשטויסן פון דאָן־קישאָטס אויספאַנטאַזירטער וועלט מיט דער ווירקלעכקייט — פאַרשאַפן אונז תענוג. דער תענוג נעמט זיך דערפון, וואָס דאָ געשען זאַכן, וועלכע זענען נישט שייך אין דעם „ערנסטן" לעבן. דער קוואַל פון געננוס ליגט אין דעם, וואָס מיר זענען מבטל די צענזור. צו אַ גאַר שטאַרקער אויסלאַדונג פון סאָציאַל־פאַרווערטע טענדענצן קומט עס אין די פּאָרנאָגראַפישע וויצן. די דורכזיכטיקע איינטייטשיקע „צוויי־טייטשיקייט" — דאָס איז דער לעצטער רעשט פון אָנשטעל, מיט וועלכן מען נאַרט אָפּ די צענזור. דאָס שפּילערישע פון דער צווייטייטשיקייט איז דאָ שוין פאַר זיך אַליין אַן עלעמענט פון פאַרווײַלונג און תענוג. הומאָר איז שפּיל און אין שפּיל לאָדן זיך אויס די פּסיכישע כוחות, וועלכע קענען צוליב סאָציאַלע סיבות נישט קומען צום אויסדרוק אין דעם רעאַלן לעבן. אין דער עקאָנאָמיק פון דעם נשמה־לעבן האָבן געלעכטער און חלום אַנאַלאָגישע אויפגאַבן; זיי זענען אַ ווענטיל פאַר פּסיכישע ענערגיעס, וואָס

מוזן זיך אויסלאָדן. פאַרמאַכט מען דעם ווענטיל, קען עס קומען צו ערנסטע שטערונגען אין דער פּסיכישער באַלעבאַטישקייט. די דאָזיקע שטערונגען מאַניפעסטירן זיך דאָן פאַר אונז אַלס נייראָזן און היסטעריע.

פראָפ. שניאורסאָנס קאָנצעפּציע פון שפיל און חלום.

פראָפ. שניאורסאָן האָט אונז געוויזן די אַנאַלאָגיע צווישן חלום און שפיל און זייערע באַדייטונג פאַר דעם נשמה־לעבן פון מענטש. שלאָף, אויסגעליידיקט פון אָרגאַנישן שפּיל־אינהאַלט (חלום) גיט נישט קיין אַנטשפּאַנונג, נאָר האָט אַ נערוועז־מאַכנדיקע ווירקונג. פונקט אַזוי מאַכט נערוועז די פרייע צייט, וואָס ווערט נישט אויסגעפילט מיט אַן אַנטשפּרע־כיקן אינהאַלט, מיט שפּיל. אין שפּיל לעבט זיך ערשט אויס די פולע פערזענלעכקייט, ווייל דער מענטש טוט נישט דאָס, וואָס ער מוז, נאָר דאָס, וואָס ער וויל. דער צוואַנג פון דעם לעבנסקאַמף, די קאָנטראָל פון דער באַגרעניצנדיקער ווירקלעכקייט פאַלט אַוועק. שפּיל איז פאַר דעם מענטש אַ נויטווענדיקייט. און פונקט אַזוי ווי שפּיל, איז אויך חלום אַ נויטווענדיקייט. אין דעם פאַנטאַזיע־שפּיל פון חלומות האָט די פּערזענ־לעכקייט פולע מעגלעכקייט זיך צו אַנטפּלעקן אין איר גאַנצער פילזייטיקייט. ערשט אין חלום טוט דער מענטש דאָס, וואָס ער וויל.

עס מוז דעריבער וווּנדערן, וואָס שניאורסאָן טרעט אַרויס קעגן פרויד׳ס קאָנצעפּציע, אַז אין חלום ווערן דערפילט אונזערע ווינטשן. שוין גאָר אומגערעכט איז פראָפ. שניאורסאָן, צורעכענענדיק פרויד׳ס חלום־טעאָריע צו די „חיסר־טעאָריעס", וועלכע זעען אין חלומות אַן אומזיניקן מיש־מאַש פון בילדער און איינפאַלן. אויב עס קומען אין חלום צום אויסדרוק, לויט פרוידן, קינדעריש־פּרימיטיווע ווינטשן, איז עס נאָך נישט קיין באַווייז, אַז ער געהער צו דער קאַטעגאָריע טעאָרעטיקער, וועלכע זעען נישט קיין זין אין חלום. ביי אונזער גאַנצער אַכטונג פאַר פּראָפ. שניאורסאָנס וויסנשאַפטלעכע אויפטועז מוזן מיר דאָ אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער סתירה אין זיין קאָנצעפּציע. אויב שפּיל האָט די זעלבע באַ־דייטונג פאַר דער וואַך־רו, ווי חלום פאַר דער שלאָף־רו, טאָ פאַרוואָס זאָל זייער פּסיכישע דינאַמיק זיין אַ פאַרשידענע? אויב מיר בינדן אויף אונזער פאַנטאַזיע אין דער שפּיל־צעשטרייאונג, וועלכע איז דאָך געבונדן פון דרויסן דורך מעגלעכקייט און סיטואַציע, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט

קענען טון דאָסזעלבע אין חלום, וועלכער איז דאָך פון דרויסן דורך גאָרנישט געבונדן? אויב מיר זענען ערשט אין שפיל דאָס, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט זיין, אויב מיר רעאַליזירן ערשט אין שפיל אונזערע ווונטשן און בענקשאַפטן, וואָס בלייבן אין דערווירקלעכקייט נישט דערפילט, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט קענען כאָטש דאָס זעלבע אין חלום, וועלכער האָט דאָך לויט פראָפ. שניאורסאָנס מיינונג די זעלבע אויפגאַבן ווי דאָס שפיל? דערצו קומט נאָך דאָס, וואָס „דאָס טרוימערישע פאַנטאַזיע־שפיל באַהערשט דאָס שלאָף־באַוווסטזיין, וואָס ווייסט נישט פון גרעניצן פון מעגלעכקייט און סיטואַציע״[2]. אויב עס איז אַלץ מעגלעך, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך טאַקע נישט דערפילן אונזערע ווונטשן? דערהויפּט, ווען טרוימבילדער ווערן איבערגעלעבט ווי ווירקלעכקייט; „טרוימבילדער ווערן איבערגעלעבט בשעתן חלום נישט ווי אַן איינבילדונג, נאָר ווי ווירקלעכע דערשיינונגען״[3].

געלעכטער און שפיל.

די שפילן, מיט וועלכע דער מענטש פילט אויס זיין פרייע צייט, זענען אַזוי פאַרשידן, ווי פאַרשידן עס זענען די מענטשן. מיר ווייסן הייַנט, אַז דאָס שפיל האָט גאַנץ באַשטימטע אויפגאַבן פאַר דער אויסבאַלאַנסירונג פון דעם נשמה־לעבן. איינס פון די שפילן, וואָס דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע פאַר־עקסעלאַנס — איז דער געלעכטער. געלעכטער און שפיל זענען אין קעגנזאַץ צום חלום אַ קאָלעקטיוויסטישער ענין; זיי האָבן אָבער דאָס געמיינזאַמע, וואָס עס קומען אין זיי צום אויסדרוק די כוחות, וועלכע קענען זיך אין דער רעאַל־וועלט נישט אויסלאָדן. שפיל געפונען מיר אויך ביי חיות, געלעכטער — נישט. און ווי איז עס מיט דעם חלום? צי האָבן אויך די חיות חלומות? דאָס וועט אונז ערשט פאַרענטפערן די פּסיכאָלאָגיע פון דער צוקונפט.

---

2) „חלום און שפיל״, שניאורסאָן.
3) דאָרט.

ישראל אשענדאָרפ׳ס „ווי און וואַנדער״*

ישראל אַשענדאָרף איז אין דער יידישער דיכטונג נישט קיין פּנים חדשות. ער האָט נאָך פאַר דער מלחמה (ביזן יאָר 1941) אַרויסגעגעבן 3 לידער־זאַמלונגען און 1 פּאָעמע. די איצטיקע לידער־זאַמלונג באַשטייט פון לידער, געשריבענע אין דער מלחמה־צייט און נאָך דער מלחמה און פון אַ צאָל אָפּגעקליבענע לידער פון פריער.

אַשענדאָרף געהערט צו די דיכטער, וואָס זענען דורכאויס אייגנאַרטיק. אַזאַ דיכטער וועסטו דערקענען לויט זיינעם אַ ליד, אפילו ווען דו וואָלסט עס געטראָפן ערגעץ אין אַ זשורנאַל, אָן דער אונטערשריפט פון מחבר. ווען מען וואָלט מיך געפרעגט, וויאַזוי דערקען איך אַשענדאָרפס אַ ליד, וואָלט איך געענטפערט: איך דערקען עס אין דעם רעגלמעסיקן און קלאָרן אויפבוי, אין דעם האַרמאָנישן באַלאַנס צווישן בילדערישקייט און עפּיגראַמישער פּוענטע, וועלכע ווערט באַזונדערס דייטלעך אין סוף פון ליד. דערצו קומט נאָך די ספּעציפישקייט און קערנדיקייט פון זיין קולטיווירטן, גאַליציש־פּאַראַלישן יידיש.

אין די זעקס ציקלען פון דער לידער־זאַמלונג אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַשענדאָרפס דיכטערישע פּערזענלעכקייט אין אַ קווערשניט פון די 20 יאָר פון זיין שאַפן. דער דיכטער האָט איינגעטיילט זיינע לידער לויט צוויי פּרינציפּן: לויט דעם כראָנאָלאָגישן און לויט דעם טעמאַטישן. מען מוז זאָגן, אַז די איינטיילונג איז אַ געראָטענע און מאַכט נאָך בולטער אַלע מעלות פון זיין ליד.

ווי יעדער עכטער דיכטער איז אויך אַשענדאָרף טיף פאַרוואָרצלט אין דער שוואַרצערד פון זיין היים. די בויט און די פריידן פון זיין היים און פון זיי קינדהייט ווערן די טעמע פון זיין ליד.

י. אַשענדאָרף, וואָס איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ באַזינגער פון דער נויט פון דער פּאַראָעמטער, קליינבירגערלעכער יידישער היים, איז אַ לאַנגע צייט באַטראַכט געוואָרן אַלס דורכאויס סאָציאַ־

---

*) ישראל אַשענדאָרף: „ווי און וואַנדער״ (לידער). ביכער פון יידישן פּען־קלוב, פּאַריז 1950.

לער דיכטער. מען פּלעגט, דוכט זיך, זען, אַז עס האָבן אויסגעפּעלט אין די ערשטע 10 יאָר פון זיין שאַפן די נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

דאָס איז אָבער אַ טעות. ווייל אויך אין די ערשטע צייטן פון זיין שאַפן, איז די סאָציאַלע נויט, וועלכע ער שילדערט, אַ ספּעציפיש־יידישע, אַ פּראָדוקט פון דעם פּויפּעריזירונגס־פּראָצעס, אין וועלכן עס איז געוואָרן אַריינגעטריבן דאָס יידישע קליינבירגערטום דורך דער אַנטי־יידישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דעם פאַרמלחמהדיקן פוילן.

אָבער אויסער דעם וואַרפן זיך שוין דעמאָלט איבער דירעקט נאַציאָנאַלע טענער און עס מערקן זיך אַן אפילו לידער, וואָס ווערן געטראָגן פון דער פּאַראַנונג פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, וועלכע לויערט אויף דעם פוילישן יידנטום. (דאָס „ליד פון פּאַרן״, 1937). אין דעם פּרט איז אַשענדאָרף נישט אָפּגעשטאַנען פון אונזערע בעסערע דיכטער, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער וויזיאָנעריש פאַרויסגעפּילט און פאַרויסגעזאָגט אין זייערע פאַרמלחמהדיקע שאַפונגען דעם קומענדיקן חורבן. (הלוואי וואָלטן עס ניט ווייניקער פאַרויסגעפּילט אונזערע פּאָליטיקער וויפל קרבנות וואָלטן מיר זיך איינגעשפּאָרט!).

שוין פון די ערשטע שריט, וואָס אַשענדאָרף האָט געשטעלט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אַרויסגעוויזן זיין טיפע פּאָלקסטימלעכקייט (די פּאָעמע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״) און עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס שפּעטער צו האָט ער זיך גענומען צו געשטאַלטיקן אין דער דראַמאַטישער פאָרם די יידישע קיניגן שאול און דוד, וועלכע זענען דאָך אויך אַ שטיק פּאָלקסטימלעכקייט. די לידער „אותיות״, און „בערד״ זענען ווייטער נאָר אַן אויסדרוק פון דיכטערס געשטייגערטן נאַציאָנאַלן געפיל נאָך דעם חורבן.

די וואָס פאַרפּאָלגן אַשענדאָרפס שאַפן אין משך פון 20 יאָר, מוזן פעסטשטעלן די אויפשטייגנדיקע ליניע אין זיינע ווערק: די אַנטוויקלונג פון סטיל, וואָס דערגייט צו שלימות מיט זיין קאָנדענסירטקייט און גע־פּרעסטקייט („האַרבסט״ און דאָס קליינע ליד „ווי בין פליט צו״) און עפּיגראַמישער געשליפנקייט. עס פילט זיך אַ קרובהשאַפט מיט אונזער משלים־מייסטער א. שטיינבאַרג, וועלכער איז סיי מיט זיין יידיש און אָפּ־שטאַמונג (בוקאָווינע) און סיי מיט זיינע גלייכווערטלעך זייער נאָענט אַשענדאָרפן. מיר קענען אויך ביי אַשענדאָרפן געפינען לידער, וואָס

דערנענטערן זיך שוין זייער שטאַרק צום משל מיט זייער בוי און כאַראַקטער („דאָס קעצל און די מילב״), כאָטש דער דיכטער האָט קיינמאָל נישט געהאַט, דאַכט זיך, בדעה ספּעציעל צו שרייבן משלים.

אַשענדאַרף האָט אויך געשריבן וועגן חורבן. ער האָט דאָ באַוויזן זיין טאַקט און דיכטערישן חוש און האָט זיך נישט פאַרמאָסטן אויף דאָס אוממעגלעכע: געבן אויסדרוק דעם גאַנצן חורבן, דעם אומקום פון גאַנצע קהילות און אַ גאַנץ פאָלק. ער האָט זיך באַגנוגנט צו ריידן נאָר וועגן אומקום פון זיינע נאָענטסטע. ער האָט דערמיט במילא גערעדט וועגן אַלעמענס נאָענטסטע, וועלכע עס האָט פאַרשניטן די דייטשע האַק.

אַזאַ ליד וועגן חורבן פון זיין היים ווילן מיר דאָ ציטירן:

דאָס הויז וועט זיין מסתמא דאָסזעלבע.
איך וועל דעם טויער טון אַ עפן:
אַקעגנקומען וועלן שכנים,
נאָר מיינע נאָענטע כ׳וועל נישט טרעפן.

איך וועל אויך זען דאָס אַלטע מעבל,
די מענטשן אָבער — זענען פרישע.
עס שלאָפן פרעמדע אין די בעטן
און פרעמדע עסן פון די טישן.
ווען איך וועל צוגיין צו דעם פענצטער,
וועל איך זען דאָרטן אַ וואַזאָנע.
און אויף דער וואַנט וועט שטיל זיך הענגען
אַ פרומע, שטומע די איקאָנע.

און דער דיכטער ענדיקט:

נאָך וורשט מיט קרויט און שטאַרקן בראָנפן,
זיי שלאָפן רואיק זיך אינצווייען
נאָר וועקט זיך נישט אַמאָל דאָס קינד אויף
פון חלום זיינעם מיט געשרייען?

קוים וועקט זיך נישט דאָס קינד אַפילו,
דאַן ווערט דער פויגל נאָך אַ ווראַנע.
ווען אָנזאָגן דעם טויט און אומקום
די צווי, דעם קינד און דער איקאָנע!

י. אַשענדאָרף האָט זיך אין דער לעצטער צייט מער געוואָנדן צו דער דראַמע און צו דער פּראָזע, כאָטש ער האָט אויך דאָס לידער שרייבן נישט אַוועקגעוואָרפן... אַט די עוואָלוציע צו דער דראַמע און פּראָזע איז נישט קיין צופאַל, נאָר אַ זאַך, וואָס מען האָט געקענט פאָרויסזען אויפן סמך פון אַן אַנאַליז פון אַשענדאָרפס סטיל אין דער פּאָעזיע נאָך פון פריער.

די קלאָרקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס אַשענדאָרפס סטיל — אַליין און פאַר זיך אַ מעלה — ווערט אין דער פּאָעזיע טיילמאָל די גרענעץ, וואָס האַמעוועט דעם שוווּנג און פאַרמאַכט דעם וועג פאַר די אַלע נישט דערזאָגטקייטן, וואָס אַן דעם פאַרלירט די דיכטונג איר כישוף... עס קען דאָ אַנטשטיין אַ געפיל פון אומבאַפרידיקטקייט, וואָס איז ענלעך צו דעם, וואָס אַ מענטש פילט, ווען ער קומט צו צו אַן אורוואַלד און ער באַמערקט, אַז עס זענען דאָרט שוין אַדורכגעהאַקט גלייכע סטעזשקעס און שטעגלעך מיט אַנטשפּרעכנדיקע אויפשריפטן...

אָבער דאָס איז שוין אַ געשמאַק־זאַך און אַשענדאָרפס קלאָרקייט און דערזאָגטקייט זענען אַבסאָלוט נישט קיין חסרונות. דאָס איז זיין סטיל און זיין דרך.

דאָס בוך איז זייער שיין אַרויסגעגעבן. די שפּראַך איז קאָרעקט און אָפּגעהיטן. צו דעם גוטן, געקליבענעם אינהאַלט איז צוגעפּאַסט די אויסער־לעכע פאָרם. בסך־הכל איז דאָס זייער אַ שיינע און זאָרגפעלטיק אָפּגע־קליבענע לידער־זאַמלונג. צו יעדן ציקל לידער זענען דאָ פיין־צוגעפּאַסטע אילוסטראַציעס פון קינסטלער י. בען.

1950.

אברהם זאַק'ס וואָגל־ און וואַנדער־לידער

דאָס נייע בוך*) פון א. זאַק, וואָס איז ניט לאַנג דערשינען ביים פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום" אין אַרגענטינע, איז שוין דאָס צווייטע, וואָס דער מחבר גיט אַרויס נאָך זיין אומקערן זיך פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער האָט פאַרבראַכט די גאַנצע מלחמה־צייט, זינט נאָך דעם פאַלן פון וואַרשע אין יאָר 1939. די טעמאַטיק פון בוך איז טאַקע אינגאַנצן געווידמעט אָט דער צייט פון גלות, פאַרשיקונג און נע־ונד (מיט אַן אויסנאַם פון די לעצטע צוויי ציקלען, וואָס שטאַמען נאָך פון פאַר דער מלחמה — געזען מיט די אויגן פון אַ פיינפילנדיקן און צאַרטן דיכטער). אין דעם דאָזיקן בוך איז דער דיכטער געבליבן געטריי זיך אַליין, נישט געקוקט אויף דער נייער און גרויזאַמער טעמאַטיק, וואָס עס האָט אונטערגערוקט די מלחמה צייט.

אברהם זאַק האָט זיך קיינמאָל נישט געיאָגט נאָך ספּעציעל אויס־געזוכטע מאָטיוון. עס זיינען אים תמיד נאָך גוט געווען די „אַלטע" (און אין תוך אייביק נייע) מאָטיוון פון ליבע און טויט, פון היים און פון לאַנדשאַפט. ער האָט געדיכטעט וועגן די יונגע יאָרן, וואָס פאַרגייען אַזוי שנעל, וועגן האַרבסט, וואָס איז אַן אָנזאָג פון טויט אין דער נאַטור און פון טרויער אין מענטשלעכן האַרצן. זאַק האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע ווערק נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אָבער דער וויכטיקסטער צייט־אָפּשניט פון זיין שאַפן, דאָס איז דער פּעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווען עס זיינען אויפגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור דער פוטוריזם און עקספּרעסיאָניזם א. א. וואָס האָבן געשעפּט זייער יניקה אין דעם סאָציאַלן אויפברויז פון יענע יאָרן. זאַק האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט מיטרייסן מיט די אַלע רעשנדיקע און רוישנדיקע „כאַליאַסטרע"־עקסטראַוואַגאַנצן. ער איז געבליבן ביי זיין שטילן, באַשיידענעם, עכטן טאָן סיי אין זיינע לידער און סיי אין זיינע נאָוועלן און דערציילונגען.

א. זאַק האָט קיינמאָל נישט געוואָלט איבעררעשן נישט מיט געוואָגטע פאַרגלייכן און נישט מיט אויסגעזוכטע ווערטער און ווערטער־נייבילדונגען... דאָס עקספּערימענטירן אין דער דיכטונג איז אים תמיד געווען פרעמד און

*) „יאָרן אין וואַנדער", 244 זייטן. ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס, 1949.

דערווידער. האָט ער דאָך פאַר אַלעמען געוואָלט זיין קלאָר און פאַר־שטענדלעך. און דעריבער איז אַיעדעס בייִע ווערק זיינס פון אָט דעם פעריאָד — אַזוי פּאָעזיע ווי אויך פּראָזע — געווען אַ המשך אין דער ליניע פון פשטות און עכטקייט. מען האָט תמיד געפילט פון א. זאַקס ווערק דעם אַראָמאַט פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט און פון דעם יידישן ליטווישן שטעטל מיט זיין שטייגער און מיט זיינע פּערסאָנאַזשן.

עס איז אָבער א. זאַקן נישט געווען באַשערט צו בלייבן ביי זיינע באַליבטע, טיילמאָל ביז גאָר אידילישע טעמעס. דאָס בוך „יאָרן אין וואַנדער״ איז נאָך דעם בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ״ (לאָדזש 1947) טאַקע אַ רעזולטאַט פון די יאָרן פון אומקום, פון פּיין און פון בלוט. דער ערשטער טייל פון בוך איז אַ בולטע לירישע אָפּשפּיגלונג פון די געשעענישן: פון דעם דייטשן אָנפאַל אויף וואַרשע (דער לירישער רעפּאָרטאַזש „וואַרשע אין פייער״) ביז דעם מחברס אַריבערגיין אויף דער סאָוועטישער זייט פון אָקופּירטן פּוילן און זיין פאַרשיקונג אין די טייגעס פון ווייטן צפון.

אין דער פאַרשיקונג, אויף דעם ראַנד פון אומקום, הערט א. זאַק נישט אויף צו שרייבן. דאָ אַנטשטייען זיינע לידער פון „ווייטן צפון״:

ווער וועט וויסן גאָר ווו יענע קאַלטע הימלען,
ווו עס שפּרייטן זיך די ווייסע ימים־שניי?
ווו עס ווייזט זיך נאָר די זון ווי צו להכעיס?
ווו דער חלל פול מיט זיפצן און מיט וויי?

אויב כ׳וועל אויסגיין דאָ אין מרחקים ווייטע,
אין דער שטומער טייגע־עלנטקייט אַליין, —
ווער וועט וויסן ווו עס איז די שטילע יאַלקע,
וואָס וועט תהילים זאָגן איבער מיין געביין?...

מיט זיין געפּרעסטקייט, קורצקייט און פשטות איז דאָס ליד אַ מוסטער פון א. זאַקס בעסערע, לירישע לידער. עס דערמאָנען זיך דאָ האָפּשטיינס סטראָפן:

אין ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער —
ווו קען מען זיין עלנטער, ווו קען מען זיין עלנטער?

דער מענטש ווערט דאָ דערדריקט פון דער רחבות און ברייטקייט פון רוסישן סטעפּ. אַט דער מאָמענט איז אויך דאָ אין זאַקס לידער פון „ווייטן צפון", אָבער ביי זאַקן איז נישט סתּם רחבות פון דער אומענדלעכער טייגע, וואָס דערדריקט דעם יחיד. צו דעם געפיל פון פאַרלאָזנקייט און איינזאַמקייט אויף די אומענדלעכע שטחים קומט נאָך דאָס געפיל פון זיין אַ פאַרשיקטער, פון זיין פאַרמשפּט צו טון שווערע קאַטאָרגע־אַרבעט.

אַט דער שווערער גורל פון דיכטער פאַרשטעלט אויך די שיינקייט פון דער נאַטור אין דער טייגע און ער זאָגט אויך אויף אַן אַנדער אָרט:

נאָר איך האָס איר שיינקייט,
נאָר איך האָס איר חן. („טייגע").

▽

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט א. זאַק איבערגעלעבט אַלס רוסישער פראָנט־סאָלדאָט.

דאָס פּראָזע־ווערק, וואָס איז אַנטשטאַנען אויפן יסוד פון יענע מלחמה־איבערלעבונגען „אונטער די פליגל פון טויט", לאָזט אונז אַריינקוקן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דיכטער. דער אופן פון אויפנעם און די מיטלען, מיט וועלכע ער אָפּערירט, בלייבן אין זיינע בעסערע ווערק פון דער לעצטער מלחמה אויך דיזעלבע. שוין דעמאָלט זעען מיר, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם גאַנצן גרויל פון דער מלחמה, איז דער דיכטער ווייט דערפון, צו געבן נאַטוראַליסטישע באַשרייבונגען פון דעם פראָנט און מלחמה. די סאַמע דראַסטישע סצענעס גייט ער צניעותדיק פאַרביי. אויך אין דעם פּראָזע־ווערק איז זאַק מער דיכטער ווי שילדערער. עס אינטערעסירט אים דער מאָראַליש־עטישער אַספּעקט פון דער מלחמה און אירע פּסיכאָלאָגישע אויסווירקונגען. אַ סך אַ קלענערן אינטערעס האָט ער פאַר דעם גרויזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישן מאָמענט פון דער מלחמה.

א. זאַק געפינט זיך דערנאָך — נאָך דער באַפרייאונג פון פאַרשיקונג — ווייט פון פראָנט. אָבער אויך דאָ זיינען די באַדינגונגען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה, זייער שווערע פאַר די געוועזענע פאַרשיקטע. א. זאַק שילדערט זייער מצב אין אַ ריי לידער („גוזאַר", „עוואַקאַפּונקט"). מיר זעען אַפילו, ווי ער הויבט זיך אָן איינצולעבן און ליב צו באַקומען די לאַנדשאַפט און די מענטשן. און כאָטש ער אַליין איז עלנט און ווערט

אויפגעפרעסן פון בענקשאַפט, פונדערסטוועגן שילדערט ער מיט אַ סך וואַרימקייט די רוסישע פּויערים, זייערע מנהגים און שטייגער. אָטאָ דאָס געפיל פון וואַרימקייט און סאָלידאַריטעט מיט דיליידן און אָנשטרענגונגען פון רוסישן מענטש בשעת דער מלחמה קומט צום בולטן אויסדרוק אין דער פּאָעמע „אין די אָרענבורגער סטעפּעס״.

אין איינער פון די דיגרעסיעס וועגן זיך זאָגט א. זאַק אין דער דאָזיקער פּאָעמע:

כ׳האָב דאָרט געטרונקען דעם אומעט,
כ׳האָב דאָרט געטרונקען דעם צער;
כ׳פלעג דאָרטן אויך גיין צו „סטאַנציע״,
פלעג דאָרט אויך גיין צום באַזאַר.

כ׳פלעג דאָרטן אָפּנעמען גרוסן,
גרוסן פון חרובער היים...
ס׳איז דאָרט געוואַקסן מיין טרויער
אין די קיביטקעס פון ליים. („אָרענבורגער סטעפּעס״)

עס האַלטן זיך אין איין מערן און מערן „די גרוסן פון חרובער היים״. דער דיכטער ווייסט שוין דעם גאַנצן אמת, וואָס עס האָבן אָפּגעטון די דייטשן מיט אַלע זיינע און אַלע אונזערע באַענטע... און א. זאַק דער ליריקער, דער שטענדיק ראָמאַנטיש-פאַרחלומטער, וויל ברענגען צום אויסדרוק זיין גאַנצן צער און צאָרן. אָבער דער גרעסטער טייל פון די לידער פון אָט דעם מין זיינען מער נישט זאַקיש, זיי זיינען אַבסטראַקט און אַלגעמיין און אָנשטאָט דיכטעריש-געפאָרמטן פּראָטעסט באַקומט זיך אָפט געגראַמטע פּובליציסטיק.

פאַרוואָס איז דאָ א. זאַק געוואָרן אומגעטריי זיך אַליין? (פון די דאָזיקע אָבל- און פּראָטעסט-לידער זיינען גאָר איינצלנע אריין אין דער זאַמלונג „יאָרן אין וואַנדער״ — דער גרעסטער טייל פון זיי געפינט זיך אין דער זאַמלונג „מיט אַש אויפן קאָפּ״). דער דיכטער האָט אין זיין טיפן צער געוואָלט געבן אַן אויסדרוק זיינע געפילן, וואָס זיינען אין דעם מאָמענט אויך געווען אונזער אַלעמענס געפילן. ער האָט געוואָלט אויס-

דריקן דעם גאַנצן צער און דעם גאַנצן פּיין פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ שרעקלעכן טויט, דעם אונטערגאַנג פון גאַנצע גאַסן און גאַנצע שטעט.

אָבער כדי דאָס צו דערגרייכן, וואָלטן ערשט געמוזט געשאַפן ווערן נייע באַגריפן און ווערטער. ווירקט דאָך דער טויט פון אַ יחיד אויף אונז שטאַרקער ווי דער טויט פון גרויסע מענטשן־מאַסן. ווייל נאָר אין די איבערלעבונגען פון יחיד קענען מיר אַרויסברענגען אַלע פּעריפּעטיעס פון זיין ליידן און געראַנגל. צי קען מען זיך וווּנדערן, וואָס א. זאַק, דער אינדיווידואַליסט, האָט נישט געפונען די אַנטשפּרעכנדיקע אויסדרוקמיטלען פאַר דעם שוידער פון מאַסן־טויט, ווען עס האָבן זיי אויך נישט געפונען די דיכטער, וואָס האָבן יאָרנלאַנג עקספּערימענטירט, זוכנדיק נייע פאָרמען און שטעלנדיק זיך פאַר אַ טעמע נישט דעם יחיד און זיינע אינדיווידועלע איבערלעבונגען, נאָר דווקא די מאַסע אין איר קאַמף און ווידערשטאַנד ?

אָבער אין דער זאַמלונג „יאָרן אין וואַנדער" געפינט א. זאַק דעם וועג צוריק צו זיך. די לידער באַשטעטיקן ווידער אונזער טעזע, אַז א. זאַק איז עכט און אינטים דאָרט, וווּ ער באַהעפט זיך מיט דעם באָדן פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן: די יחידיש־לירישע איבערלעבונג און די לאַנדשאַפט.

אַ נײַ בוך וועגן יידישער פּיין און גבורה*

רחל אויערבאַכס „יידישער אויפשטאַנד אין וואַרשע״ איז נישט קיין געשיכטלעך ווערק, כאָטש עס גיט אונז איבער די געשיכטע פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ 1943. דאָס דאָזיקע בוך באַלאַנגט גיכער צו דער שיינער ליטעראַטור, אויב איר ווילט, וועלן מיר דאָס אָנרופן „געשיכטלעכער רעפּאָרטאַזש״. ווייל כאָטש די קאַנווע איז דאָ אַ געשיכטלעכע און די אויטאָרין האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איבערצוגעבן אַ גאַנצע ריי געשיכטלעכע פאַקטן, איז עס דאָך אַ דערציילונג, געזען דורך דער פּריזמע פון אַ דיכטעריש געמיט. פאַקטן, שוין באַקאַנטע פון געשיכטלעכע ווערק, ווערן דאָ איבערגעגעבן גאַנץ אייגנאַרטיק, ווייל מיר זעען זיי נאָכאַמאָל מיט די אויגן פון דער שריפטשטעלערין. און די דאָזיקע אויגן, מוז מען צוגעבן, האָבן דערזען דווקא דאָס וועזנטלעכע, דאָס עמאָציאָנעלע און אייביקע אין דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. און דעריבער לייענען מיר דאָס דאָזיקע בוך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, כאָטש די אַלע פאַקטן זיינען אונז שוין לאַנג באַקאַנט.

מיר געפינען דאָ פאַר אַלעמען נייע און טרעפלעכע פאָרמולירונגען פאַר זאַכן, וועלכע מיר האָבן שוין אייגנטלעך ערגעץ אַנדערש־ווו געלייענט. עס איז באמת, ווי עס זאָגט די אויטאָרין: „טאָ לאָמיר זי נאָכאַמאָל דערציילן פון אָנהויב — די מעשה פון יענע גרויסע און שרעקלעכע וואָכן, לאָמיר אויפציילן די פאַקטן נאָכאַנאַנד... ווי אַ מגילה, וואָס ווערט יעדעס יאָר געליינט אויפסניי״.

די טיפע איבערלעבונג, מיט וועלכער דאָס בוך איז אָנגעשריבן, דער שיינער, געטאָקטער יידיש, דער ריינער, ציכטיקער סטיל — אָט דאָס זיינען די אייגנשאַפטן, מיט וועלכע די אויטאָרין נעמט אונז און מיר לאָזן זיך פירן פון טעאַפּ צו טעאַפּ פון דער גרויסער יידישער עפּאָפּייע, וואָס הייסט אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. מיר געפינען דאָ אויסער געשיכטלעכע פאַקטן, פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז: „די טראַגישע דערשיטערונג „טרעבלינקע״ האָט באַפרייט אין געטאָ מעכטיקע ענערגיעס... אויף די חורבות פון אַ לעבן, אויפן ראַנד פון אַן אומקום, מאַכט דורך דער קליינער

*) רחל אויערבאַך: דער יידישער אויפשטאַנד, וואַרשע 1943. צ. ק. פון די יידן אין פוילן, וואַרשע.

רעשט פון קיבוץ אַ ממש וווּנדערלעכע רעוואָלוציע און באַנייונג". איינער פון די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער באַנייונג איז אויך די וואָפנברידער־שאַפט צווישן די יידישע פּאַרטייען. אַ קוואַל פון מוט און פּאַטאָס.

אין לאפּידאַרע, קורצע זאַצן גיט איבער די אויטאָריך די שטימונג.

„די נייע וואַרשעווער טאַנדייט, די מלחמה־גאַלאַנטעריע פון נאַלעווקעס און שווינטאָ יערסקע, די קריגס־אינדוסטרי פון יידישע כאַלופּניקעס אין געטאָ — זי האָט באַוויזן, אַז זי טויג צו עפּעס. די קוואַליטעט איז שוין געוואָרן אויסגעפּרוווט..."

די סימבאָליק פון יום־טוב פּסח און די סימבאָליק פון יידישן אויפשטאַנד אין די ערשטע פּסח־טעג 1943! נאָך קיינמאָל האָט זיך די קעגנוואָרט נישט איבערגערופן אַזוי לעבעדיק מיט אונזער וויטן אַמאָל. אין יענער ערשטער אויפשטאַנד־נאַכט האָבן יידן נאָך געפּראַוועט סדרים אין די בונקערס פון געטאָ. אין אַ פּאָר קורצע שורות גיט אונז די אויטאָרין איבער די שטימונג פון יענער סדר־נאַכט:

„די בענקשאַפט זייערע צו גאולה איז געווען אין לשער.

„אַלטער ניגון, ווערטער אַלטע.

„זיי האָבן געוווּסט, אַז זייער גורל איז אומצוקומען ביי דער שוועל פון אויסלייזונג,

„און זיי האָבן געזונגען און געוויינט.

מיר ווייסן, אַז די יידן האָבן אין דאָזיקן אומגלייכן, אויסזיכטלאָזן קאַמף געהאַט צו פּאַרצייכענען דערפאָלגן, און עס איז געווען ווערט, כאָטש אַ מאָמענט „דערקוויקן זיך מיט נחת פון נצחון אויף אַ קורצער אייביקייט"...

דאָס געטאָ האָט, דוכט זיך, נישט קיין מעגלעכקייט צו קעמפן „ווי איינציק אין איר מין עס איז די לאַגע פון די יידן, אַזוי אייגן־אַרטיק, וווּנדערלעך ווערט איצט זייער האַלטונג. ווידערשטאַנד פּאַסיווער און אַקטיווער ביז צום סוף. אפילו — נאָכן סוף".

ווער עס האָט דאָס בוך נאָך נישט געלייענט, וועט עס לייענען מיט אַ פּאַרכאַפּטן אָטעם. און ווער עס האָט עס שוין געלייענט, וועט עס לייענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. מעג אויך דער היסטאָריקער נישט באַשטעטיקן טייל איינצלהייטן, מעג אויך יענע אָדער די פּאַרטיי האַלטן, אַז זייער באַטייליקונג און אויפטו איז נישט גענוג געוואָרן אונטערגעשטראָכן (פון זייער שטאַנדפּונקט געוויס אַ באַרעכטיקטע פאָדערונג), בלייבט אָבער

רחל אויערבאַכס בוך אַלס גאַנצעס אַ ווערטפולער צושטייער, וואָס פאַר־פיקסירט געשיכטלעכע פאַקטן פון אונזער גרעסטער טראַדיציע. אָבער נישט נאָר דאָס. מיר האָבן דאָ פאַר זיך די דערציילונג פון אַן עד־ראיה, וואָס איז מיט זיין טיפן נאַציאָנאַלן געפיל און גרויסן האַרץ נאָכגעגאַנגען אַ יעדן טריט פון אונזערע העלדישע געטאָ־קעמפער און פון דער פיינפולער גסיסה פון דער גרויסער יידישער וואַרשע.

1948.

קרעפטיקע, בילדערישע, פראָזע*

עס ליגט פאַר אונז אַ בוך, וואָס אַנטהאַלט דריי דערציילונגען פון יידישן לעבן. צוויי פון זיי („אַ בוים אין ווינט", „אַ לעבן") שילדערן די איבערלעבונגען פון פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך בשעת דער מלחמה געראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד, דאָרט געאַרבעט און געלעבט. די גרעסטע דערציילונג (די שטאַרקסטע) „וואָלקנס אין פענסטער" גיט אַ שטיק יידישן שטייגער פון פאַר מלחמהדיגן לאָדזש.

עס מוז באַלד געזאָגט ווערן, אַז י. אַקרוטני האָט זיין אייגענעם סטיל. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט פון סטיל נעמט זיך פון אַ שפּעדיקער בילדע־רישקייט און רייכקייט פון שפראַך.

די בילדערישקייט איז ניט קיין צוגעטראַכטע, נאָר איז אַדעקוואַט מיט דעם עמאָציאָנעלן אינהאַלט פון דער באַשריבענער סיטואַציע. אַקרוטני זאָגט, למשל, אין דער דערציילונג „אַ בוים אין ווינט" „אַנגעגאָסענע, כמאריקע, נאָר וואָרעמע ווי זומער־רעגן זיינען געווען זיינע רייד. זיי האָבן מיך אַ דערמונטערט, אַ געפּאַטשט איבערן פּנים ווי זאַוויערוכע" (ז. 17) עס האַנדלט זיך דאָ אין רייד, פון וועלכע דער העלד פון דער דערציילונג ווערט עפּעס געוויער וועגן דעם גורל פון זיינע נאָענטע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, פון וועלכער ער איז אַנטלאָפן. עס איז דאָ פאַראַן אַ חרטה דערויף, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט די נאָענטע אויף גאָטס באַראָט, אַ פרייד, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט זיך מיט זיי צו קאָנטאַקטירן. אָדער ווען ער באַשרייבט די שיינקייט פון רוסישן מענטש: „אין די פראָסטע אָפענע פּנימער האָט דער הימבלוי זיך געשפּיגלט" (ז. 14) „גייענ־דיקער גרויער שינעל און גרויער הימל זיינען זיך אַנטקעגנגעגאַנגען" (ז. 15).

י. אַקרוטני איז זייער סענסיטיוו, איבער שפּירעוודיק, ער זאָגט למשל: „אַלץ האָט מיר ווי געטאָן איצט: סיי די וועלט, אַן אַרויסגעשטעלטע אין הוילן דרויסן אויף בלוטיקן פּיין, סיי די היים, אַ פאַרבליבענע אויף הפקר", (ז. 14) באַזונדערס שאַרף ווערן די דאָזיקע איבערלעבונגען, ווען עס „קלאַפּט ווידער אָן די היים אין דעם געמיט" און ער ווייסט וויל, אַז ער האָט איבערגעלאָזט זיינע נאָענטע אויף הפקר (ווער פון אונז האָט עס דען נישט איבערגעלאָזט?). זיין איינציקער ציל איז צו שיקן אַ בריוו

*) יוסף אקרוטני „אַ בוים אין ווינט", פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש 1948.

צו זיינע נאָענטסטע, אַז זיי זאָלן אויך אַריבערקומען אויף דער סאָוועטי־שער טעריטאָריע און ערשט דעמאָלט וועט ער זיך קענען איינאָרדענען. דערווייל אָבער איז ער „אַ בוים אין ווינט".

אין דער דערציילונג „וואָלקנס אין פענצטער" האָבן מיר שטייגער שילדערונגען. אַ שטיק פון דעם יידישן איינגעפונדעווטן שטייגער אין לאָדזש און לאָדזשער פּראָווינץ. די סביבה — אַ בירגערלעכע. דאָס אַלטע מישט זיך מיטן נייעם. דער טעמפּ פון דער דערציילונג איז דאָ אַ מער איינגעהאַלטענער. עס ווערן אונז געוויזן טיפּן פון אַ מוכר־ספרים און פון אַ רייכן סוחר, אַ דאָזאַר אין קהל מיט זיין הויזגעזינט. באַזונדערס בולט איז געצייכנט פישל יונה, וואָס יעדער האָט אין אים אַ מצווה געטאָן מיט דעם, וואָס מ׳האָט זיך מיט אים באַדינט — איינער פון די פּאַרשוינען, וואָס מיר האָבן זיי געהאַט לרוב אין די קליינע שטעטלעך. אויך די דאָזיקע דערציילונג איז אָנגעזעטיקט מיט פּלאַסטישער בילדערישקייט. (בילד פון טויט ז. 43־41).

„לעבן" איז אַ פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפטע דערציילונג. עס האַנדלט זיך וועגן די איבערלעבונגען פון אַ פּוילישן ייד, וואָס איז בשעת דער מלחמה ערגעץ וויט פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ שטאָט פון ראַטנפאַרבאַנד אויפן פּאָן פון די מלחמה־שוועריקייטן און זיין אייגענער היימלאָזיקייט און אויסגעוואָרצלקייט; קומט מיט אים פאָר אַ וווּנדערלעכע מעטאַמאָרפאָזע. ער איז מער נישט דער, וואָס אַמאָל. „אין דעם פיינלעכן האַרמידער, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף דער וועלט, האָט ער זיך נישט געפונען — דעם פריערדיקן, אומרויקן מאַן".

און ווייטער: „נישט דער אקער פון אומרו איז איבער אים אַדורך מיט זיין שאַרף, נאָר פאַרקערט, אַ גליווער האָט אים פאַרשטייפט די באַוועגונגען" (ז. 86).

אין דעם דאָזיקן צושטאַנד פון פאַרגליווערטקייט ווערט תנחום מאַ־ביליזירט אין דעם בוי־באַטאַליאָן, וווּ ער איז אַ דיסציפּלינירטער אַרבעטס־זעלנער. אָבער דאָס האָט אַלץ געטאָן „דער אַנדערער, דער וואָס איז אָנגעטאָן געווען אין אַ היטל מיט אַ פינף־עקיקן רויטן שטערן" (ז. 87).

פון פינאַל פון דער דערציילונג וואָלט מען געקענט דרינגען, אַז פון תנחומען טוט זיך אָפּ די פאַרגליווערטקייט מיט אַמאָל, ערשט דעמאָלט, ווען ער באַקומט אַ בריוו פון דער שוועסטער פון זיין חבר. אין דער

ווירקלעכקייט הויבט אָבער שוין אָן אויסצוּוועפּן די פּאַרגליווערטקייט אין דעם מאָמענט, ווען ער ווערט פּאָטשטאַר, שרייבט פאַר אַנדערע בריוו און פאַרבינדט זיך אויף אַזאַ אופן מיט די נאָענטע. אין דער אַרבעט פאַר דעם כלל געפינט תנחום אַ היילונג פון דער פאַרגליווערטקייט.

עס וואָלט געווען נישט אויפריכטיק, ווען מיר וואָלטן נישט אָנגעוויזן אויך אויף די חסרונות פון דעם בוך, פאַר אַלעמען די שפּראַך: מען האָט טיילמאָל דעם איינדרוק, אַז אָקרוטני ווערט פאַרכליניעט פון דעם שפּראַך־שטראָם און נישט ער דיריגירט מיט די ווערטער, נאָר די ווערטער מיט אים... עס זיינען דאָ אַ סך פּראָווינציאַנאַליזמען, וועלכע זיינען נאָך דערלאָזבאַר, אויב מען גיט זיי אין דיאַלאָג. דער מחבר וואָלט זיי אָבער באַדאַרפט אויסמיידן, ווען ער דערציילט. דער סטיל ווערט נישט שענער פון אַזעלכע ווערטער ווי „זשגייען רייד״ „פאַדעט אַוועק״ „אומגעהאַרישטע״ (אומגעהייערע ?) עס איז אויך נישט ריכטיק צו זאָגן „רוחישער שטערן״ (פון רוח — גייסט) און עס קלינגט מליצהדיק „חנהלע — די בלום פון דיין יוגנט״ (ז. 20) אויך קאָמפּאָזיציאָנעל הינקען טיילמאָל אונטער די דערציילונגען, נישט תמיד זיינען זיי געבויט דורכזיכטיק און מיט אַ פּלאַן. און דערפאַר ליידט די פאַבולע, די נאַראַציע. און דאָס איז אַ שאָד. ווייל אין תוך זיינען דאָס קרעפטיקע פּראָזע־ווערק, וואָס ברענגען אַריין אַ גאַנץ נייעם טאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. י. אָקרוטני האָט שוין געהאַט זיין פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. איצט זעען מיר, אַז די דאָזיקע פּאָזיציע ווערט אַלץ מער און מער געפעסטיקט.

.1948

גרונט-שטריכן פון דער יידישער פילאָזאָפיע

דאָס אונטערקעפּל פון דאַזיקן בוך הייסט „פון פילאָ יודעוס ביז משה מענדעלסאָן״, דורך וואָס עס ווערט פאַר יעדן, וואָס אָריענטירט זיך נאָר אַביסל, אונטערגעשטראָכן, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך בישט קיין אייגנט־לעכע געשיכטע פון דער יידישער פילאָזאָפיע, נאָר גיכער אַ סקיץ (127 זייטן!). געבנדיק אָבער נאָר אפילו די גרונט־שטריכן, מוז מען זיך אַנטשיידן, צי זאָל מען אויף דעם קליינעם שטח זיך אָפּשטעלן אויף אַלע מער־ווייניקער באַקאַנטע יידישע פילאָזאָפן (דורך וואָס מען דערנענטערט זיך צום פילאָזאָפישן לעקסיקאָן) אָדער קאָנצענטרירן דאָס גאַנצע ליכט אויף די פאַר עמינענטע שעפער פון ייד. פילאָ.אָפישן געדאַנק. לעאָ פינקלשטיין האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג און אַזוי־אַרום האָט זיך באַקומען אַ קאָנדענסירט בילד פון די פילאָזאָפישע סיסטעמען פון די פאַר באַדייטנדיקסטע יידישע פילאָזאָפן. אַלע אַנדערע ווערן דערמאָנט אין דעם כראָנאָלאָגישן סדר נאָר מיט אַ פּאָר זאַצן.

פינקלשטיין אונטערשיידט דריי עטאַפּן פון מענטשלעכער פילאָזאָפישער דערקענטעניש: מיטאָס, אַלעגאָריע און מעטאַפיזיק. דער פרימיטיווער מענטש דערקלערט זיך דאָס לעבנס־רעטעניש אויף אַזאַ אופן, וואָס ער שטעלט זיך פאָר די נאַטור־כוחות אַלס דעמאָנישע וועזנס — געטער. די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע פון דעם נאַטור־געשעען פירט צום אויסבוי פון אַ פאַנטאַסטישער געטער־וועלט מיט אייגענע פירונגען און געזעצן (מיטאָס). ביסלעכווייז ווערן די געטער־געשטאַלטן אויפגעפאַסט אַלס סימבאָלן און עס אַנטשטייט די אַלעגאָריע, וואָס „באַצייכנט די שייכותן צווישן דעם באַדינגטן און אומבאַדינגטן״. צום סוף אַבסטראַהירט אויך די אַלעגאָריע פון די אַנטראָפּאָמאָרפישע עלעמענטן און אַזוי אַרום ווערט געשאַפן דער איבערגאַנג צו דער מעטאַפיזיק.

צום אונטערשיד פון די גריכישע פילאָזאָפן, וועלכע וואַרפן אינגאַנצן אָפּ די נאַציאָנאַלע מיטאָלאָגיע אָדער טאָלערירן זי נאָר אַלס פּאָעטישע באַפּוצונג פון זייערע ווערק (פלאַטאָן) באַמיען זיך די ערשטע יידישע פילאָזאָפן אַריינצוטייטשן אין דעם ביבל־טעקסט פאַרשידענע פילאָזאָפישע

*) לעאָ פינקלשטיין „גרונט-שטריכן פון דער יידישער פילאָזאָפיע״, פאַרלאַג „ליט. בלעטער״, וואַרשע 1937).

קאָנצעפּציעס. אויף אַזאַ אופן וואַרפן זיי נישט אָפּ דאָס אַלץ, וואָס שטאַמט פון דער יידישער מיטאָס־עפּאָכע נאָר באַמיען זיך דורך אַלעגאָריע עס צו דערנענטערן צום שכל. דאָס קלאַמערן זיך אָן דער אַלעגאָריע מאַכט די יידישע פילאָזאָפן היגטערשטעליק לגבי די גריכן. אַזוי האָבן פילאָ פון אַלעקסאַנדריע, סעדיה גאון, שלמה אבן גבירול א. אַ. ביי זייער גאַנצער שאַרפזיניקייט נישט באַוויזן צו שאַפן פילאָזאָפישע ווערק פון אַ בלייבנדיקן ווערט. אָבער אויך די שפּעטערדיקע האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער אַלעגאָריע (רמב״ם), וואָס דאָס האָט פאַרטונקלט זייער פילאָזאָפישן אַספּעקט. ערשט שפּינאָזע האָט זיך פולשטענדיק באַפרייט פון דעם אַלעגאָרישן באַלאַסט, וואָס האָט אים דערלויבט צו שאַפן אַ ווערק פון פולקאָמער מעטאַפיזישער רייפקייט.

די „גרונט־שטריכן" סקיצירן טאַקע די איינצלנע פילאָזאָפישע סיסטעמען (רמב״ם, רלב״ג, קרשקש א. אַ.) אָבער דער אויסבליק — דאָס איז שפּינאָזע. אַלע יידישע מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפן שטייען מער אָדער מינדער אונטער אַריסטאָטעלעס השפּעה, וועלכער האָט מיט זיין טעאָלאָגישער וועלט־אַנשויונג געגעבן אַזויפיל אָנקניפּונג־פּונקטן סיי פאַר דער יידישער, סיי פאַר דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק. דעריבער האָט אויך שפּינאָזע זיך געמוזט אַנטקעגנשטעלן סיי אַריסטאָטעלעסן און סיי זיין געשווירענעם תלמיד — דעם רמב״ם.

פינקלשטיין ווייזט אונז, ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען שפּינאָזעס פילאָזאָפיש סיסטעם — אין קאַמף מיט דעם רמב״ם סכאָלאַסטיק. מיר זעען די גייסטיקע קוואַלן, פון וועלכער עס שעפּט שפּינאָזע, מיר זעען אָבער נישט דעם באָדן, פון וועלכן ער וואַקסט אַרויס. דאָס זעלבע קאָנען מיר אָבער אויך זאָגן בנוגע אַלע אַנדערע פילאָזאָפן, וואָס ווערן דאָ פאַרגעשטעלט. און דאָ מוזן מיר דערמאָנען אָן די ווערטער פון פ. א. לאַנגע (אויטאָר פון דער „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם"): „עס איז נישטאָ קיין פילאָזאָפיע, וואָס זאָל זיך אַנטוויקלען אויס זיך אַליין, צי דירעקט, צי אין קעגנזאַצן, נאָר עס זענען דאָ פילאָזאָפירנדיקע מענער, וואָס זענען פונקט, ווי זייער לערע, קינדער פון זייער צייט".

פינקלשטיינס „גרונט־שטריכן" ווייזן אָבער כמעט גאָרנישט אָן אויף דער צייט, פון וועלכער די פילאָזאָפן און די פילאָזאָפישע סיסטעמען וואַקסן אַרויס — און דאָס איז אַ וויכטיקער סטרוקטורעלער פעלער. מען קאָן

נישט פאַרלאַנגען פון אַ פילאָזאָפישן סקיץ אַ גענוי אָפּשטעלן זיך אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן אין יעדן פאַל, ווען עס ווערט פאַרגעשטעלט אַ נייער פילאָזאָף אָדער פילאָזאָפיש סיסטעם. אָבער עפּעס אַ רמז האָט דאָך געמעגט זיין — ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך אין אַ נייער עפּאָכע, וועלכע האָט איר באַדייטונג צוליב דער אַנטשטייונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב דאָ אין זינען די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין האָלאַנד אין דער צייט פון שפּינאָזע.

ווי מיר וועלן באַלד זען, איז דאָס אַ פאַקטאָר פון ערשט־ראַנגיקער באַדייטונג און האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט אין דער אַנטשטייונג פון שפּינאָזעס פילאָזאָפישן סיסטעם. וואָלט ל. פינקלשטיין מער אַכט געלייגט אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע מאָמענטן, וואָלט ער זיך אויך נישט געמוזט וווּנדערן, אויף דעם רעגרעס, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאָר משה מענדלסאָן אין פאַרגלייך מיט שפּינאָזע: „דערביי איז באמת מאָדנע, וואָס גראָד אין דער צייט, ווען יידן האָבן געבראָכן אין דייטשלאַנד די מויערן פון געטאָ און געפּרוווט זיך צונויפגיסן מיט דער ברייטער וועלט, איז זייער פילאָזאָפישער אויסבליק געווען אַ סך קאָנסערוואַטיווער, איידער די אַלטע יידישע פילאָזאָפיע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די ענגע געסלעך פון קאָרדאָוואַ און סאַראַגאָסאַ, שוין אָפּגערעדט פון אַמסטערדאַם (ז. 101). און באמת, נישט געבנדיק קיין שום אַנאַליז פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמיע פון די באַהאַנדלטע עפּאָכן, קאָן מען אויך נישט דערקלערן דעם רעגרעס פון דער פילאָזאָפיע, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאָר מענדעלסאָנס סיסטעם אין פאַרגלייך מיט שפּינאָזעס.

אין 17טן י. ה. אין דער צייט פון שפּינאָזעס אויפטרעטן, איז האָלאַנד שוין אַן אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט, אין וועלכן דאָס ביר־גערטום האָט שוין די גאַנצע צייט דאָס אידעאַל־בילד פון חכם, וועלכעס עס מאָלט שפּינאָזע — צי איז דאָס נישט אַן אידעאַליזירט בילד פון יענער בורזשואַזיע, וואָס איז אין איר יוגנטלעכן אָפּטימיזם געגאַנגען באַהערשן די וועלט? (נאַטור אַלס עקספּאַנסיע־געביט פאַר דעם מענטש און וויר־קונגס־פעלד און נישט אַלס קוואַל לויט מיטלאַלטערלעכע קאָנצעפּציעס). אין דייטשלאַנד איז אין דער ווירקונגס־צייט פון מענדעלסאָן (סוף פון 18טן י. ה. נאָך נישט געווען אַזוי וויט. ביי דער עקאָנאָמישער און גייסטיגער אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט אין די צייטן

פון פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט שפּינאָזע געזאָגט און געמוזט ווירקן רעוואָלוציאָניזירנדיק. משה מענדעלסאָן איז דאַן נאָר געווען אַ קינד פון דער עפּאָכע און סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט. ער האָט דעריבער געמוזט זיין הינטערשטעליק לגבי שפּינאָזען, וואָס האָט געלעבט אין אַ פאָרגעשריטענער כאָטש צייטלעך — פריערער סביבה.

אויפן סמך פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן קאָן מען אויך דער־קלערן דאָס.

אין אַלגעמיין זענען אָבער די „גרונט־שטריכן" אַ סאָלידע אַרבעט. עס אימפּאָנירט דער לאַפּידאַרער סטיל און די געפּרעסטקייט פון אויסדרוק. די שפּראַך איז רייך און יידישלעך. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס אין דעם פאַל, וויל אונזער פילאָזאָפישע טערמינאָלאָגיע איז דאָך נאָך אין די ווינקעלעך.

.1938

„דער זין פון לעבן״ — אַדלערס לעבנסווערק

„דער זין פון לעבן״ דאָס איז דאָס לעצטע ווערק, וואָס אַדלער האָט אָנגעשריבן. עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעז פון זיין גאַנצער לערע און דער לעצטער אויסדרוק פון דעם נעווראָלאָגיש-פּסיכאָלאָגישן סיסטעם, וואָס ער האָט געשאַפן.

פאַרוואָס האָט אַדלער אָנגערופן זיין פּסיכאָלאָגישע שיטה „אינדיווידואַל פּסיכאָלאָגיע״? נעמט דען נישט אויך יעדע אַנדערע פּסיכאָלאָגיע אַלס פאָרשונגס-אָביעקט דעם יחיד און זיינע איבערלעבענישן? אַ פאַרגלייך מיט אַנדערע פּסיכאָלאָגישע שטרעמונגען וועט קלאָר מאַכן דעם חילוק: אַלע פּסיכאָלאָגישע סיסטעמען פאַר אַדלערן, בתוכם אויך פרוידס פּסי־כאָאַנאַליז, האָבן זיך באַנוצט מיט אַ רייך-נאַטורוויסנשאַפטלעכן מעטאָד: מען האָט אַנאַליזירט פּסיכישע דערשיינונגען, מען האָט אַנטדעקט און באַשטימט פּסיכישע כוחות און באַוועגונגס-געזעצן — און מיט אָט דעם גאַנצן וויסן איז מען צוגעגאַנגען צום יחיד און אים פּסיכאָלאָגיש קוואַ־ליפיצירט. אפילו פרויד, וואָס האָט זיך אַ סך מאָל געשטעלט די פראַגע: „וואָס באַצוועקט דער נערוועישער מיט זיין נערוועישקייט״, האָט נישט געצויגן די ווייטערע קאָנסעקווענצן פון אָט דעם צוגאַנג. פאַר פרוידן איז דאָס פּסיכישע לעבן — ביים געזונטן און ביים נערוועישן — געוועזן אַן איבעריקער געראַנגל פון פרימיטיווע כוחות (ליבידאָ) מיט די פּאָסטולאַטן פון מענטשלעכער געמיינשאַפט. אָבער ביי פרוידן זעען מיר נישט, ווער עס שטייט הינטער דעם גאַנצן גערעַנגל, מיר זעען נישט דעם צענטער פון פּסיכישן לעבן, דעם איך.

פאַר אַלפרעד אַדלער איז דער „איך״ דער אויסגאַנגס-פּונקט. סוף־כל-סוף שעפּן מיר דאָך אונזער וויסן וועגן פּסיכישע פּראָצעסן אין ערשטער ריי פון דער אייגענער אינערלעכער דערפאַרונג. וועגן דעם פּסיכישן לעבן פון מיט-מענטש קענען מיר געוואָר ווערן נאָר דורך אַנאַלאָגיע. פון דער מימיק און פון די רייד פון אַ מיטמענטש נעמען מיר זיך אַרויס, אַז ער האָט פּסיכישע איבערלעבונגען — ענלעך צו אונזערע.

אַדלער איז, ענלעך ווי פרויד, געקומען צו זיינע אָנשויונגען אויפן

*)אַלפרעד אַדלער: „דער זין פון לעבן״ אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון דאָדיוק און ר. ליכטנשטיין. רעד. וו. לעווין. פאַרלאַג „טאָמאָר״. 1938.

יסוד פון די אָבסערוואַציעס, וואָס ער האָט געמאַכט איבער נערוון־קראַנקע. די פראַגע, וועלכע פּרויד האָט געשטעלט נאָר אזוי אגב אורחא: „וואָס וויל דערגרייכן דער נערוועישער מיט זיין נערוועישע סימפּטאָמען", איז אָבער געשטאַנען פאַר אַדלערן אין איר גאַנצן פאַרנעם. די גאַנצע אינ־דיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז אייגנטלעך אַ פאַרטיפטער און אַלזייטיק אויס־געבויטער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, וואָס איז אויך געוואָרן אַריבערגעטראָגן אויף דעם נאָרמאַל־פּסיכאָלאָגישן.

עס איז דאָ אַ געזעצמעסיקייט און אַ זין אין אַלץ דעם, וואָס איעדער טוט און טראַכט. די געזעצמעסיקייט באַשטייט דערין, וואָס יעדער איינער האָט אַ באַשטימטן לעבנספּלאַן און סטיל. יעדע אייַנצעלנע האַנדלונג איז נאָר אַ דעטייל פון דעם אינדיווידס לעבנס־פּלאַן און אזוי אַרום קען זי נישט זיין צופעליק. אויב דער נערוועישער טוט זאַכן, וואָס זענען, דוכט זיך, זינלאָז, וויל ער דערמיט נאָר עפּעס דערגרייכן, וואָס שטייט אין הסכם מיט זיין לעבנס־פּלאַן. די נערוועישע האַנדלונג איז אַלזאָ זינלאָז נאָר דעמאָלט, אויב מען מעסט זי מיט אַ געזעלשאַפטלעכער מאָס, אָביעק־טיוו. און אַדלער שטעלט אויף אַ געזעץ: אויב דער ציל פון עמיצענס האַנדלונגען איז זיך סותר מיט דער לאָגיק פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און זיינע פּאָסטולאַטן, (אַרבעט, ליבע און געמיינשאַפט) דעמאָלט איז דער אינדיוויד קראַנק, נערוועיש.

דערפאַר, וואָס דאָס פּסיכישע לעבן האָט אַ ציל, האָט עס אויך אַ זין. אַדלער זעט אין דער פּסיכיק — באַוועגונג, אַזוי ווי די נאַטורוויסנשאַפט זעט עס אין יעדער זאַך פון אונזער וועלט. דער ציל פון דער פּסיכישער דינאַמיק איז — ווערן עפּעס מער ווי מען איז. („ווילן צו מאַכט"). דער טרייב־כוח איז דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל, וואָס איז דאָ אין יעדן קינד צוליב זיין שוואַכקייט און קליינקייט. (אין פאַרגלייך צו דער סביבה). די פּסיכישע אַנטוויקלונג פון מענטש איז אַזוי אַרום אַן אומאויפהערלעך שטרעבן־אַרויף, אַ לאַנגע קייט פון נצחונות איבער דעם אייגענעם מינ־דערווערטיקייט־געפיל.

אַדלערס אויסגאַנגס־פּונקט איז דער אינדיוויד, אָבער דער ציל איז די געמיינשאַפט, דער ציבור. די מענטשלעכע אַנטוויקלונג איז פאַרגעקומען אַ דאַנק דער אַרבעטס־טיילונג. די אַנטוויקלונג פון אינדיוויד טאָר דעריבער נישט שטיין אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון דער מענטשלעכער געזעל־

שאַפט. אויב דער אינדיווידוּאום וויל ווערן עפּעס מער, („זיין אויבן״), אויסמיידנ־דיק די הויפּט־אויפגאַבן פון לעבן, איז זיך עס באַלד נוקם אַן אים אַליין — ער ווערט נערוועיש. דער פּסיכאָטעראַפּעווט דערקלערט דעם קראַנקן, פון וואַנען עס נעמען זיך זיינע נערוועישע סימפּטאָמען און ער גיט אים צו מוט, איבערצואַנדערשן זיין לעבן־סטיל.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז אָבער מער ווי אַ היילמעטאָד, זי איז אַ וועלט־אַנשויונג, וואָס שטיצט זיך אויף נאַטורוויסנשאַפטלעכע און צום טייל אויך אויף דיאַלעקטישע יסודות. (טראָגט אָבער נישט אַריבער אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע די נאַטורוויסנשאַפטלעכע מעטאָדן). נאָך פּאָר אַדלערן האָבן דאַרווין — לאַמאַרק און העגעל — באַוויזן, אַז דאָס לעבן (אין ברייטעסטן זין פון וואָרט) האָט אַ זין. אַן דער עוואָלוציע־טעאָריע פון דאַרווין און לאַמאַרק וואָלטן מיר אין דער נאַטור געזען נישט מער ווי אַן ענדלאָזן, זינלאָזן קאַמף פון אַלע קעגן אַלע, אַ זינלאָז אונטערגיין און אויפקומען פון פאַרשידענע לעבנס־פאָרמען. העגעל האָט געוויזן, אַז די מענטשלעכע געשיכטע איז מער ווי אַן אָנהויפּונג פון פאַרברעכנס: איבער מלחמות און קאַטאַסטראָפעס, איבער נויט און פּיין גייט דאָס מענטשלעכע געשלעכט צו אַ העכערער אַנטוויקלונג און צו אַזאַ פאָרם פון מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס וועט דעם גאַנצן קאַמף אַרויספוואָרפן אויפן דרויסן — מיט דער נאַטור.

אַדלער האָט אויך פאַר דער פּסיכאָלאָגיע אויפגעשטעלט דאָס אויבערשטע געזעץ פון דער נאַטורוויסנשאַפט: צופּאַסונג. דער מענטש דערגרייכט זיינע צילן אין די ראַמען פון דער געזעלשאַפט, צופּאַסנדיק זיך צו איר. ער איז גובר זיין מינדערווערטיקייט־געפיל אויף אַ געזעלשאַפטלעך נוצלעכן אופן. אַזוי אַרום אַנטשטייט אין מענטש אין לויף פון דער אַנטוויקלונג דאָס געמיינשאַפטס־געפיל. ביי וועמען דאָס געמיינשאַפטס־געפיל איז שוואַך אַנטוויקלט, דער זוכט צו דערגרייכן די מאַכט, נישט דערפילנדיק די פּאָסטולאַטן פון דער געזעלשאַפט. אָבער דאָס איז זיך נוקם אין אים אַליין — ער איז נערוועיש אָדער גייסט־קראַנק.

די נויט איז דער פאַקטאָר, וואָס צווינגט צו צופּאַסונג אין דער נאַטור.

די ריכטיקע קאָמפּענסאַציע פון דעם מינדערווערטיקייט־געפיל איז אָפּהענגיק פון די ערשטע איינדרוקן אין דער קינדהייט און פון אַ ריכטיקער דערציונג. לויט אַדלערן און אויך לויט אַלע אַנדערע מאָדערנע פּסיכאָלאָגן

זענען די דאָזיקע ערשטע איינדרוקן דעצידירנדיק אין דעם אַנטשטיין פון לעבנס־סטיל און כאַראַקטער. מיט אַ גוטער פּעדאַגאָגיק קען מען דערגרייכן געזעלשאַפטלעך־נוצלעכע מענטשן און פאַרמיידן אַסאָ־ציאַלע נעוראָטיקער. גוטע פּעדאַגאָגיק אין מאַסן־מאַסשטאַב איז אָבער מעגלעך נאָר ביי אַ גערעכטער געזעלשאַפטס־אָרדענונג.

▽

די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן זאָרגפעלטיק און מיט אַ סך פּיעטעט, אָבער די שפּראַך ליידט שטאַרק פון די העברעיזמען, וואָס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן אָן מאָס און אָן שיעור. דאָס זאָל כלומרשט הייסן, אַז מען „לייטערט" די יידישע שפּראַך. וועגן טערמינאָלאָגיע קען מען נאָך דיסקוטירן. פּחיתות־געפיל אָדער מינדערווערטיקייט־געפיל (די איבערזע־צערס באַנוצן אָן אַנדערש מאָל אויך „מינערקייט־געפיל") אָבער אַזאַ וואָרט ווי „יתרון" (מערווערטיקייט) איז שוין לגמרי נישט יידיש און נישט פאַרשטענדלעך. דער יידיש־לייענער קען אויך נישט אַראָפּשלינגען אַזעלכע ווערטער, ווי „טירדות", „מושפּעדיקייט", אָדער „מאַכן דעם צווייטן צו מס" (אונטערטעניק) און א. וו. זייער נוצלעך איז פאַרן יידישן לייענער דער אַריינפיר אין דער ווערטער־אַפּטייטש פאַר פרעמד־ווערטער. ווען עס געפינט זיך דאָרט אויך אַ טייטש פאַר די אַלע העברעאישע און תרגום־ווערטער, וואָלט נישט געשאַדט. דאָס בוך איז זייער שיין אַרויסגעגעבן: גוט פּאַפּיר, שיינער, ריינער דרוק. דער פאַרלאַג „טאָמאָר" האָט דערמיט ווידער אַמאָל באַוויזן, ווי ערנסט ער באַציט זיך צום יידישן וויסנשאַפטלעכן בוך.

פ.ס. די יידישע שפּראַך האָט אפשר מער ווי 10 פּראָצענט ווערטער, וואָס שטאַמען פון העברעאיש. די דאָזיקע ווערטער האָבן אין יידיש זייער אָפט אַן אַנדערע באַדייטונג ווי אין העברעאיש. מיר וואָלטן זיי באַדאַרפט אָנרופן העברעאיק, כדי אונטערצושטרייכן, אַז זיי זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון יידיש און נישט מער העברעאיש.

.1938

אַ בריוו פון לאָדזש — 1948

אין די זומער חדשים פון יאָר 1946, ווען עס איז צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד ביי אַ 150,000 פוילישע יידן און מיט זיי די גרופּע יידישע שרייבער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש, איז לאָדזש געוואָרן דער יידיש ליטעראַרישער צענטער פאַר פוילן, אַ בלאַסע דערמאָנונג פון דעם, וואָס איז געווען אַמאָל אין וואַרשע. דער יידישער ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָדזש, דאָס איז איצט געוואָרן דער אַדרעס — דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן די יידישע פּען־מענטשן, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד און די פּאָר ניצול געוואָרענע יידישע שרייבער, וואָס האָבן איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע.

דאָס „נייע לעבן", וואָס איז דערשינען איין מאָל אין דער וואָך, און די פּאָר פּאַרטיי־צייטונגען האָבן שוין פון פריער — פון צייט צו צייט — פאַרעפנטלעכט קלענערע ליטעראַרישע ווערק, אָבער צום פולן אויסדרוק איז דאָס ליטעראַרישע „לאָדזש" געקומען ערשט אין דעם אַלמאַנאַך „יידישע שריפטן". זינט דעמאָלט איז אַוועק שוין מער ווי אַ יאָר. פון די רעפּאַטריאירטע יידן איז מער ווי אַ העלפט געפאָרן ווייטער און צוזאַמען מיט זיי אויך אַ היפּש ביסל יידישע שרייבער (א. סוצקעווער, גראַדע, באַמזע, רחל ה. קאָרן, ל. פינקלשטיין, מ. רובינשטיין א. אַ.) עס איז שווער פאַראויסצוזאָגן, וויפל שרייבער עס וועלן נאָך אַוועקפאָרן אין די נאָענטסטע חדשים — אַלנפאַלס אַ גאַנץ אַנגעזעענער טייל. עס זיינען אָבער אויך דאָ איינציקע, וואָס האַלטן, אַז דער יידישער ישוב אין פוילן וועט זיך האַלטן און עס איז דעריבער דער חוב פון יידישן שרייבער צו בלייבן דאָ און צו העלפן בויען דעם יידישן ישוב. דאָס איז אָבער אַ זאַך פון וועלט־אַנשויאונג און פּאָליטישער איבערצייגונג — מיט וואָסער לאַנד עס רעכנט ווער צו פאַרבינדן זיין צוקונפט.

דערווייל דערשיינט — ניט שטאַרק רעגלמעסיק — דער חודש־זשורנאַל „יידישע שריפטן". מען מוז זאָגן, אַז דער דאָזיקער זשורנאַל שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך. דאָס האָבן אויך מודה געווען אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון ליטעראַרן־פאַראיין (אָקטאָבער 1937 אין לאָדזש) זיינע רעדאַקטאָרן ד. ספאַרד, א. קאַגאַנאָוו־

סקי, א. זאַק. די רעדאַקטאָרן פון די „יידישע שריפטן" האָבן אַרויפגעלייגט די גאַנצע שולד אויף אונדזער גרופּע יידישע שרייבער (צווישן וועלכע זיי אַליין פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט) הערפאַר, וואָס מען שטעלט נישט צו פאַר דעם זשורנאַל דעם פּולוורטיקן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל... די שרייבער ווידער האָבן געהאַלטן, אַז דער זשורנאַל איז שלעכט רעדאַקטירט. לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג איז אָבער דאָ נאָך אַ סיבה, וואָס די „שריפטן" זיינען אַזוי אַנעמיש און טיילמאָל אוםאינטערעסאַנט. די סיבה איז דאָ אונדזער „אויטאַרקיע", דאָס, וואָס מיר באַגענוגענען זיך נאָר מיט היימישער פּראָדוקציע ד. ה. מיט דעם, וואָס עס ווערט צוגעשטעלט דורך דער גרופּע יידישע שרייבער, וואָס געפינט זיך היינט אין פּוילן. אָבער ווי באַקאַנט, ענדיקט זיך נישט די יידישע ליטעראַטור ביי די גרעניצן פון פּוילן...

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויסלענדישע יידישע שרייבער ווערן דערמאָנט נאָר אַמאָל אין דער כראָניק, אָבער זייערע ווערק אָדער אָפּהאַנדלונגען איבער זיי ווערן געדרוקט נאָר אין אַ יובל...

אַ זעלטענע אויסנאַמע איז געמאַכט געוואָרן מיט דאָרע טייטלבוים. אמת איז, זי איז געקומען קיין פּוילן אַלס גאַסט, וועלכן מען איז מחויב אַרויסצואווייזן אויפמערקזאַמקייט. עס זיינען אָבער געוועזן נאָך געסט און מיט קיין שום גאַסט האָט מען דאָ נישט געמאַכט אַזאַ טומל, ווי מיט דאָרע טייטלבוים. די אינספּיראַטאָרן פון דעם גאַנצן טומל זיינען געוועזן ד. טייטלבוימס פּאַרטיי־חברים, די קאָמוניסטן (דאָ הייסן זיי פּ. פּ. ר.) מיר האָבן זיך דאָ ווידעראַמאָל געקענט איבערצייגן, וואָס עס קומט אַרויס, ווען מען הויבט אָן צו באַהאַנדלען דיכטונג פון אַ פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט.

באַלד ווי דאָרע טייטלבוים איז געקומען קיין פּוילן האָט דער הויפּטאָרגאַן פון די יידישע פּ. פּ. ר. „די פאָלקסשטימע" אָנגעהויבן צו דרוקן לידער, אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען פון און וועגן דאָרע טייטלבוים. עס האָבן זיך געגעבן אַ שאָט אָוונטן, קבלת־פּנימס, באַגעגענישן אין לאָדזש, וואַרשע, נידערשלעזיע א. א. וו. בכבודיקע פּאַרזיצערס פון וואָיעוואָדישע און אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן האָבן זיך מטריח געווען און זיינען אַרומגעפאָרן מיט דאָרע טייטלבוים אויף אירע טורנעס אַלס רעפערענטן. קיין שום דיכטער — סיי די וואָס זיינען דאָ, סיי די, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן, האָבן נאָך נישט זוכה געווען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און כבוד. דאָרע

טייטלבוימס אָוונט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין איז טאַקע געווען אַ גרויסער דורכפֿאַל. אָבער אירע פּאַרטיי־חברים האָבן זיך דערמיט נישט איבער־גענומען און מיט נאָך מער ענערגיע גענומען באַאַרבעטן דעם עולם... הכלל, ביים יידישן עולם דאָ האָט זיך שוין געשאַפֿן דער איינדרוק, אַז די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — דאָס איז דאָרע טייטלבוים...

ווי מיר זעען, האָבן דאָ די יידישע קאָמיטעטן די מעגלעכקייט צו פּאָפּולאַריזירן יידישע שרייבער. אַ שאָד איז נאָר, וואָס אַזאַ כבוד פֿאַלט ניט צו די ווירדיקערע רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער אויך אין די אימפּרעזעס פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין קומט נישט תמיד צום אויסדרוק אין ערשטער ריי דאָס גוטע און געלייטערטע פּאָע־טישע וואָרט. עס זיינען אין דער גאַנצער צייט שוין געוואָרן אָרגאַניזירט ליטעראַרישע אָוונטן פֿאַר א. קאַגאַנאָווסקי, א. זאַק, א. וואָגלער, ל. אָליצקי, י. שפּיגעל. מען קען גאַרנישט האָבן קעגן די דאָזיקע שרייבער. אָבער צי זיינען די אויסגערעכנטע שוין דאָס סאַמע בעסטע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן היינט אין פּוילן? און אויב נישט, טאָ פֿאַרוואָס האָט מען ביז איצט נישט געמאַכט קיין אָוונטן פֿאַר רייזל זשיכלינסקי, יצחק יאַנאַסאָוויטש, ישראל אַשנדאָרף? אַן ענלעכע דערשיינונג קען מען אָבסערווירן אין דער טעטיקייט פֿון פֿאַרלאַג „דאָס נייע לעבן". מען קען נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס, פֿאַרוואָס עס איז אַזוי ווייניק דערשינען. זיינען דאָך נאָך ביז היינט נישט באַזייטיקט געוואָרן אַלע טעכנישע שוועריקייטן (זאַץ, דרוקמאַשינען, פּאַפּיר...) אָבער ווען מען קוקט אַדורך די רשימה פֿון די פּאָר דערשיינענע ביכלעך, מוז מען צוגעבן, אַז אויך דאָס מאָל איז נישט געגאַנגען אויפֿן ערשטן פּלאַץ דאָס בעסטע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן.

די אָנהענגער פֿון דער טעאָריע, אַז עס וועט זיין און וואַקסן דער יידישער ישוב אין פּוילן, זיינען שטאַרק ברוגז, ווען עס פֿאָרט אַוועק פֿון פּוילן אַ יידישער שרייבער. די שרייבער, וואָס זיינען שוין אַוועק־געפֿאָרן, האָט מען באַהאַנדלט כמעט ווי דעזערטערן און קיין איינער פֿון זיי האָט ניט זוכה געווען, מען זאָל אים כאָטש מאַכן אַ געזעגענונגס־אָוונט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין. פֿון זייער שטאַנדפּונקט זיינען זיי אפֿשר גע־רעכט. ווי קאָן מען דאָס אָבער פֿאַרשטיין, ווען דיזעלבע, וואָס האָבן אַ פֿול מויל רייד וועגן שטאַרקן און בויען די יידישע קולטור אין פּוילן, פֿירן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס איז על־פּי אומצוברענגען די יידישע קולטור?

איך האָב דאָ אין זינען דעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פוילישע יידן, אַריבערצופירן „דאָס נייע לעבן״ קיין וואַרשע. ווער עס קען נישט די באַדינגונגען דאָ ביי אונדז, קען מיינען, אַז דאָס איז דווקא אַ גרויסער אויפטו. ווייל וואָס קען זיין שלעכטס אין דעם אַריבערטראָגן „דאָס נייע לעבן״ קיין וואַרשע און מאַכן דערפון אַ טאָג־צייטונג?

דער ענטפער דערויף איז, אַז ביי אונדזער אָרימקייט אין שרייבער און קולטור־טוער היינט־צו־טאָג אין פוילן קענען מיר זיך נישט דערויבן אַזאַ לוקסוס ווי 2 קולטור־צענטערן. דער רעזולטאַט פון דער צעשפּלי־טערונג פון די קולטור־כוחות וועט זיין נאָר דער, אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין קולטור־צענטער, ניט אין לאָדזש, און ניט אין וואַרשע. ווייל וואַרשע, ווי טרויעריק עס זאָל ניט זיין אָט דער פאַקט, פאַרמאָגט היינט ניט קיין יידישע מאַסן.

אפילו די צוויי אָדער דריי טויזנט יידן, וואָס געפינען זיך היינט אין וואַרשע, זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער שטאָט. עס זיינען אויסער זיי נאָך פאַראַן אַביסל א. ג. „מאַראַנען״, וואָס לעבן אויף „אַרישע״ פאַפּירן און האָבן אייגנטלעך גאָר אַ קנאַפּן קאָנטאַקט מיט יידן און יידישע אינסטיטוציעס. אויף זיי קען מען דאָך אוודאי ניט בויען! מיט דעם אַריבערפירן „דאָס נייע לעבן״ און מיט אים אַ געוויסע צאָל יידישע שרייבער קיין וואַרשע שטייט אין געפאַר לאָדזש אַלס יידישער קולטור־צענטער.

אַלס ביישפּיל קען אונדז דינען די היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעפירט פון לאָדזש און האָט זיך באַזעצט אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, אויף טלאָמאַצקי 5 (דאָס איינציקע גאַנצע הויז אין דער גאַנצער געגנט). עס איז אפילו זייער סימבאָליש, וואָס די היסטאָ־רישע קאָמיסיע געפינט זיך צווישן די חורבות פון דעם, וואָס איז געווען... אָבער כדי צו פאַרשן דאָס פאַרגאַנגענע, טאָר מען אויך נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיקן לעבן! די צענטראַלע היס־טאָרישע קאָמיסיע האָט אַלנפאַלס פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן. די נעגאַטיווע פאָלגן פון אָט דעם פאַקט וועלן אויף זיך ניט לאָזן לאַנג וואַרטן. מיר האָבן שוין באַקומען אַזעלכע גרוסן. אַלנפאַלס איז דאָס אויך געווען אַ קלאַפּ פאַר לאָדזש אַלס קולטור־צענטער. צי וואַרשע וועט עפּעס דערפון געווינען, איז אַ גרויסער ספק. אַז די היסטאָ־

רישע קאָמיסיע (וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אינסטיטוט...) האָט דורך דעם אָפּרייסן זיך פון די יידישע מאַסן זייער אַ סך פאַרלוירן, דאָס איז שוין אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט.

אומקערנדיק זיך צום אַריבערפירן „דאָס נייע לעבן״ קיין וואַרשע, מוז מען פעסטשטעלן, אַז אויב עס וועלן פון לאָדזש נאָך אַרויספאָרן אַ 4־5 יידישע שרייבער (און אַ פּאָר וועלן דאָך נאָך זיכער אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד), וועט זיך אין לאָדזש מסתמא מער ניט קענען דערהאַלטן דער יידישער ליטעראַטן־פאַראיין. און אויב עס וועט אונטערגיין אַזאַ קולטור־פּאָזיציע, ווי עס איז אין לאָדזש דער ליטעראַטן־פאַראיין, טאָ וואָס וועט נאָך בלייבן? דאָס לאָדזשער יידישע טעאַטער? אָבער אויך דאָס טעאַטער קלייבט זיך ערגיץ אין וועג אַריין. נאָר וועגן דעם אַ צווייט מאָל.

▽

פּ.ס. דעמדאָזיגן בריוו האָב איך פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „עפּאָכע״ אין אָנהויב 1948 אין ניו־יאָרק, נאָך בשעת איך בין געווען אין פּוילן. די אַמעריקאַנער יעווסעקציע האָט באַלד אַריינגעשיקט דעם אַרטיקל צו דער יעווסעקציע אין פּוילן און ווען נישט בערל מאַרק ע״ה, ווער ווייסט, צי עס וואָלט מיר געלונגען זיך אַרויסדרייען. מילא, וואָס עס איז געשען מיט דעם „נייעם״ ייד. ישוב אין פּוילן, ווייסן מיר דאָך. די וואָס האָבן מיך דערנאָך אַזוי שטאַרק קריטיקירט און געדראָט איבער־צוגעבן דעם אַרטיקל צו דער „בעזפּיעטשענטוואָ״, האָבן פריער אָדער שפּעטער דערנאָך געמוזט אַנטלויפן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אָנפאַלן ש. לאַסטיק און מיין אַרטיקל „די יידישע ליטעראַטור מוז זיין איינהייטלעך״ איז איינע פון מיינע ענטפערן ש. לאַסטיקן.

◈

די יידישע ליטעראַטור מוז זיין אַן איינהייטלעכע
(אויפן סמך פון פרייער דיסקוסיע)

אויף דער ליטעראַטור פון יידיש־לאַנד, אויף אונזער יידישער ליטעראַטור לויערן פון אַלע זייטן פאַרשידענע געפאַרן. די דאָזיקע געפאַרן זיינען ענג געקניפּט און געבונדן מיט די גורל־פראַגן פון יידישן פאָלק, מיט דער פראַגע פון המשך, מיט דעם פּראָבלעם פון זיין אָדער נישט־זיין פון יידישן פאָלק. אָבער אויסער די דאָזיקע געפאַרן, וועלכע זיינען אונז געקומען צום באַוווסטזיין אין זייער גאַנצן פאַרנעם ערשט נאָך דעם אומקום פון דעם לעבעדיקסטן טייל פון יידנטום, זיינען דאָ נאָך אַנדערע געפאַרן, וואָס זיינען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון אונזער צעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט איבער אַלע שבעה־ימים. מיר רעדן און שרייבן לעצטנס זייער אַ סך וועגן דער איינהייט פון דער יידישער קולטור־בויונג, וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַן איינהייטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. און עס דוכט זיך, אַז מען באַדאַרף שוין היינט מער קיינעם נישט באַווייזן, אַז עס איז דאָ און עס קאָן זיין נאָר איין איינהייטלעכע יידישע ליטעראַטור.

אין דערווירקלעכקייט זיינען אָבער די זאַכן גאָר אַנדערש. יעדער יידישער קיבוץ האָט זיך זיין יידישע ליטעראַטור און דער קאָנטאַקט צווישן די איינצלנע יידישע ליטעראַטורן איז טיילמאָל ביז גאָר אַ שוואַכער... די רעזולטאַטן פון אַזאַ מין צושטאַנד זיינען פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַלס גאַנצע טיילמאָל גאָר נישט קיין פריילעכע. ביי אַזאַ מין פּאַרטיקולאַריזם (נישט צו פאַרבייטן מיט רעגיאָנאַליזם!) פּראָוועןאַ טייל לענדער טיש פאַר זיך, האָבן זייערע אייגענע גאונים און האַלב־גאונים, וואָס אַ טייל פון זיי וואָלטן ביי אַן איינהייטלעכער ליטעראַטור גאָרנישט געוואָרן אָנערקענט אַלס שרייבער...

איז דעריבער לאָמיר טאַקע אָנהויבן פון זיך אַליין. דוכט זיך, ווער ווער, אָבער מיר, פּוילישע יידן, ווייסן דאָך גאַנץ גוט דעם ווערט און דעם טעם פון איינהייט! און קנעלן מיט יידישע שרייבער פון פּוילן, אַז די יידישע ליטעראַטור מוז זיין אַן איינהייטלעכע, וואָלט אפשר געהייסן אויפהאַקן אָפענע טירן... אָבער ווען מיר בלעטערן אַדורך די יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין פּוילן פאַר דעם לעצטן יאָר, וועלן מיר זען, אַז עס חזרן זיך דאָרט איבער נאָר די נעמען פון דעם קליינעם הייפל יידישע שרייבער, וואָס געפינען זיך היינט אין פּוילן. אפילו די

שרייבער, וואָס זיינען ערשט נישט לאַנג געווען מיט אונז צוזאַמען און אַוועקגעפאָרן ווערן שוין באַטראַכט ווי אויסלענדער און עס ווערט נישט דערמאָנט זייער נאָמען...

דאָס איז אַזוי סיי אין די „יידישע שריפטן" סיי אין די ליטעראַרישע ביילאַגעס פון כמעט אַלע יידישע צייטונגען, וואָס דערשיינען אין פוילן. איך וויל דאָ נישט האָבן קיין טענות וואָס אונזערע זשורנאַלן און צייטונגען דרוקן אין ערשטער ריי אונזערע אָרטיקע שרייבער. די זאַך הויבט אָבער אָן צו ווערן אומגאַטירלעך, ווען מען באַמערקט, אַז אייגנטלעך האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו באַשרענקען אויסשליסלעך אויף „היימישער פּראָדוקציע". די דאָזיקע אויסשליסלעכקייט דערגייט אזוי ווייט, אַז עס ווערט זעלטן ווען דערמאָנט עמיצער פון אונזערע לעבעדיקע גרויסע שרייבער. פון דרוקן זייערע ווערק, אָדער אָפּהאַנדלונגען איז שוין אָפּגערעדט, איבער זיי קאָן זיין די רייד נאָר אַמאָל אין אַ יובל...

עס איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דער טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום: מיר קאָנען מער נישט האָבן די פּרעטענזיע צו זיין איינער פון די הויפּט־צענטערן פון דער יידישער ליטעראַטור. מיר זיינען היינט שוין בבחינת־פּעריפעריע. און הלוואי זאָל זיך אונז איינגעבן צו דערהאַלטן די דאָזיקע פּאָזיציע! אָבער פונדערסטוועגן האָבן מיר נישט באַדאַרפט דערלאָזן דערצו, אַז אין אונזערע אויסגאַבן זאָל אַזוי שטאַרק שמעקן מיט פּראָווינץ!

אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן איז טאַקע באַרירט געוואָרן די פראַגע פאַר־וואָס די „יידישע שריפטן" זיינען אַזוי אומאינטערעסאַנט און איינטאָניק. אויף אַלע פאָרווורפן האָט געענטפערט ד"ר דוד ספארד, אַז שולדיק זיינען אונזערע שרייבער אַליין, וואָס שטעלן נישט צו דעם רעדאַקטאָר אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. דער רעדאַקטאָר, הייסט עס, איז נישט שולדיק און ער קאָן גאָרנישט אויפטון, אויב ער האָט נישט צו קלויבן... מיר דוכט, אַז דאָס איז אַ פאַלשער שטאַנדפּונקט. ערשטנס, שעפּט זיך דאָך נישט אויס די אויפגאַבע פון רעדאַקטאָר דערמיט, צו וואַרטן ביז עס וועט זיך אָנקלויבן אַ געוויסער סכום מאַטעריאַל און עס דערנאָך אַרויסגעבן, דאָס קאָן נאָך געמאַלט זיין ביי אַ זאַמלבוך, אָבער נישט ביי אַ פעריאָדישן זשורנאַל. אויב מען וויל אַרויסגעבן אַן אינטערעסאַנטן זשורנאַל, מוז מען אַרויסווייזן אַ סך

איניציאַטיוו. מען מוז דעם מאַטעריאַל אָרגאַניזירן, באַשטעלן און סטימולירן גאַנץ באַשטימטע אַרבעטן און אָפּהאַנדלונגען לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן פאַר דעם, אָדער יענעם נומער פון זשורנאַל. פאַרשידענע נומערן זיינען געווידמעט אַ באַשטימטער טעמע, אַ באַשטימטן לאַנד אין אונזער ליטעראַטור (אַמעריקע, ארץ ישראל, ראַטנפאַרבאַנד) און לויט דעם ווערן דאָס באַשטעלט די אַרבעטן און דער בעלעטריסטישער מאַטעריאַל.

ביי אַזאַ מין צוגאַנג וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט קאָנען באַשרענקען נאָר אויף אונזערע היגע שרייבער. און דערפון וועלן אונזערע אויסגאַבעס נאָר געווינען. און לאָמיר זיך צוקוקן, ווי מען מאַכט עס ביי לייטן. עס דערשיינט אין פאַריז דער זשורנאַל „אויפסניי״, וועלכער באַגנוגנט זיך נישט מיט „היימישער פּראָדוקציע״, כאָטש די יידישע שרייבער־גרופּע אין פאַריז איז אָן אַן ערך שטאַרקער און רייכער פון אונזערער. און דוכט זיך מיר, אַז אויך אין ביידע אַמעריקעס וועט מען נישט געפונען קיין יידישן זשורנאַל, וואָס זאָל זיך אַזוי שטרענג האַלטן אין „אויטאַרקיע״, ווי מיר דאָ. און אויך די אַמעריקאַנער טאָג־פּרעסע דרוקט איבער פון אונזערע אויסגאַבעס, ווי נאָר זי געפינט אין זיי עפּעס אינטערעסאַנטעס. עס זיינען אויך דאָרט דאָ פעלערן, אָבער וואָס נוגע עקסקלוזיוויטעט — אין אַ סך אַ קלענערער מאָס ווי ביי אונז. עס איז ממש אַ פאַראַדאָקסאַלע לאַגע: מיר, וואָס זיינען אזוי אָרעם אין כוחות, האַלטן עס גאָרנישט פאַר נויטיק, עפּעס צו נעמען ביי דער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אויך פון ארץ ישראל נעמען מיר גאָרנישט.

איין זאַך איז קלאָר: אויב די יידישע ליטעראַטור זאָל בלייבן אין גאַנצקייט, איין אָרגאַניזם, מוז זיין אַ לעבעדיקער אויסטויש צווישן אַלע אירע טיילן. עס טאָר אויך נישט זיין קיין איינזייטיקייט אין די באַציונגען. פונקט ווי פאַריזער און אַמעריקאַנער זשורנאַלן און צייטונגען דרוקן איבער אונזערע שרייבער, מוזן מיר זיי אָפּגעבן אַ פּלאַץ אין אונזערע אויסגאַבעס. און נישט נאָר לשם קורטואַזיע. עס איז פאַר אונז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט.

לאָדזש, 1948.

▽

פּ.ס. דאָס איז איינער פון די אַרטיקלען, אין וועלכן איך פּרוּוו אָפּ־צוענטפערן — אומדירעקט — אויף ש. לאַסטיקס אָנפאַלן אויף מיר.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָ געמוזט זיין זייער איינגעהאַלטן און האָב זיך נישט געקענט דערלויבן אַרויסזאָגן פריי אַלע מיינע געדאַנקען — דערהויבט מיין אומגלויבן און עפּעס אַ צוקונפט פאַר אַ נייעם יידישן ישוב אין פוילן מיט אַ יידישער קולטור. זייענדיק אין ראַטנפאַרבאַנד האָב איך געקענט זען ווי עס „בליען״ די יידישע קולטור אינסטיטוציעס נאָך אַ צענדליק יאָרן פאַר דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור און דעם מאָרד פון אירע שעפער.

◈

י. ל. פרץ דער הומאַניסט

אין דעם ווונדערלעכן און רעשיקן פונאַנדערבלי פון דער יידישער ליטעראַטור, אין דעם יאָרהונדערט פון דעם יידישן רענעסאַנס פאַרנעמט י. ל. פרץ די סאַמע צענטראַלסטע פּאָזיציע. באַטראַכטנדיק איצט רעטראָספּעקטיוו דעם דאָזיקן שעפערישן אויסברוך פון פאָלקס־זשעני, די אַלץ נייע און נייע כוואַליעס פון גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן, וואָס זענען געקומען איינס נאָך דעם אַנדערן פון די פאָלקס־טיפענישן, קען מען נישט אַנדערש ווי איינטיילן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין דריי גרונט־פּעריאָדן: דער פאַר־פּרצישער פּעריאָד, י. ל. פרץ און אַלע, וואָס זענען אויפגעקומען צוזאַמען מיט אים און אַ דאַנק אים, און יידישע ליטעראַרישע שאַפונג נאָך פרצן.

י. ל. פרץ פאַרנעמט די דאָזיקע צענטראַלע פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור מכמה טעמים. אָבער איינע פון די גרעסטע פאַרדינסטן פון י. ל. פרץ פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דעם יידישן פאָלק איז דאָס, וואָס ער איז געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דעם פאָלקס־זשעני. פרץ האָט אונז ערשט באַוויזן די אייביקע און אוניווערסאַלע ווערטן פון אַזאַ פאָלקס־באַוועגונג, ווי עס איז געוועזן דער חסידיזם. ער האָט פאַרמאָגט די בויטיקע מאָס פון דיסטאַנץ, כדי צו דערזען און שעפעריש צו געשטאַלטיקן דאָס אַלמענטשלעכע, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין דעם חסידישן שטייגער און איז אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון אַ דורותדיקן, איינגעפונדאַוועטן יידישן סטיל.

דער זין פון לעבן איז אָפּהענגיק פון אונז אַליין, פון אונזער געמיט און פון אונזער געפיל. דאָס רעליגיעזע און צוגלייך טיף־מענטשלעכע וועלט־געפיל, וואָס באַקומט זיין בולטסטן אויסדרוק אין חסידיזם, האָט דעם כוח פון זין־געבונג. ווייל ווי זאָגט דאָרט פּרצעס אַ חסיד: „גלויבט מיר, ווען נישט קידוש־לבנה, ווען נישט דאָס ליכט, וואָס מיר שיקן אַרויף צו דער לבנה — וואָלט זי אויסגעזען נאַריש, גאָר נאַריש, אַזוי נאַריש ווי אַ ציינערנער הקדש־טעלער!" („שהשמחה במעונו").

„אין זכות פון די צדיקים באַשטייט די וועלט". דער זין פון דאָזיקן יידישן זאַץ איז אין תוך אַ טיף־מענטשלעכער. איבערגעזעצט איז אַ מאָדערנער שפּראַך הייסט דאָס, אַז די פרייד, וואָס עס קען אונז געבן דאָס לעבן איז אָפּהענגיק פון אונזער הנהגה און פון אונז אַליין. דער

פאַרמרהשחורהטער בן־מלך פון פרצעס מעשהלע האָט דערזען די פרייד און די שיינקייט פון דער וועלט און פון דעם לעבן ערשט דעמאָלט, ווען אַן עפּל פון זיין גאָרטן האָט דערקוויקט אַ צדיק...

און אַזוי גייט עס ביי פרצן כסדר, סיי אין זיינע חסידישע, סיי אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטעס. דער אויבערשטער פּרינציפּ פון דינען גאָט איז טאַקע דער מענטש אַליין. ווייל עס איז נישטאָ עפּעס העכערס ווי ליבע און רחמנות צום מענטש („אויב נישט נאָך העכער"). די באַציִונג „בין אדם לחברו" שטייט אויף דעם סאַמע ערשטן אָרט. און ווען דער פּשוטער פאָלקסמענטש, בערל דער שניידער, פאַרשטרייקט און וויל מער נישט דינען גאָט, ווייל ער פילט זיך פון אים באַוווּלהט, קען ר' לוי בערדיטשעווער נישט אָנהייבן זאָגן „כל־נדרי", ביז ער הערט נישט אויס זיינע טענות און ברענגט זיי נישט פאַר דער פּמליא של מעלה. („בערל דער שניידער").

פרצעס הומאַניזם נעמט טיילמאָל אָן ביז גאָר רעוואָלוציאָנערע און שטורמישע פאָרמען. ווען ר' שלמה אין דער „גאָלדענער קייט" וויל נישט מאַכן קיין הבדלה, האָט ער נישט בדעה עפּעס ביי גאָט אָפּצודינגען, כדי עפּעס צו פאַרבעסערן אָדער עפּעס צו פאַרשענערן. ער וויל מיטאַמאָל דערגרייכן די גאולה. ער וויל נישט קיין פּאַליאַטיוון. דאָס איז אפשר גוט פאַר אַנדערע, אָבער נישט פאַר די גרויסע יידן פון דעם שניט פון ר' שלמה...

פרצעס הומאַניזם איז ריינע יומטובדיקייט און דערהויבנקייט. די דאָזיקע יומטובדיקייט איז געווען נישט נאָר דער מאָטיוו פון זיין שאַפן, נאָר אויך זיין גאַנצער לעבנס־סטיל. ער איז אַליין געווען דער טרעגער פון אָט דער יומטובדיקייט און האָט זי אויסגעשטראַלט אויף זיין גאַנצער סביבה. און דעריבער וועט זיין אָנדענק בלייבן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט זיין אַ יידישע ליטעראַטור, אַזוי לאַנג ווי עס וועלן זיין יידן.

דער גייסט פון יידישן סאָלדאַט

יעדעס פאָלק איז ווי אַ באַשטימטער מין ביימער, וואָס געדייען צום בעסטן אין אַ גאַנץ באַזונדערן קלימאַט, אויף אַ גאַנץ באַשטימטער ערד. דעריבער קען מען קאָנסטאַטירן נישט נאָר די פּאָזיטיווע ווירקונג פון דער צוגעפּאַסטער ערד אויף דעם באַשטימטן בוים נאָר אויך פאַרקערט: די ערד ווערט איידעלער און בעסער אַ דאַנק די צוגעפּאַסטע געוויקסן, וואָס ווערן אויף איר קולטיווירט.

אין לאַנד כנען איז מיט יאָרטויזנטער צוריק אויפגעקומען אַן אייגנ־טימלעך פאָלק, ישראל, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַלס קולטור־שעפערישער איינס אין ארץ־ישראל. ווי לאַנג פאָלק און לאַנד זיינען געווען פאַרבונדן, האָבן ביידע געבליט. ווען מען האָט מיט געוואַלד אָפּגעריסן איינס פון דאָס אַנדערע, איז דאָס לאַנד געוואָרן וויסט און פּוסט. אָבער דאָס פאָלק איז נישט אונטערגעגאַנגען. דאָס פאָלק האָט זיך צעוואָקסן אין אַ נייער סביבה אין דער ברייט און אין דער הויך און אויך דאָ אין דער פרעמד האָט דער פאָלקס־בוים געגעבן פּרעכטיקע פּירות.

עס איז אַנטשטאַנען די מאָדערנע אידעע אומצוקערן דאָס יידישע פאָלק אין זיין אַלטער היים אַריין. מיט פופציק יאָר צוריק האָט אָט די אידעע אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע. אָבער נישט דאָס פאָלק האָט געוואָלט אונטערגיין און נישט די ערד האָט געקענט זיך באַנייען אָן דעם פאָלק ישראל. און דעריבער איז די אידעע געוואָרן ווירקלעכקייט — ביז זי האָט זיך מאַניפעסטירט שוין פאַר דער גאַנצער וועלט אַלס געשעענער פאַקט — די מלוכה ישראל.

אָט די פּאָליטישע געשעעניש האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם באַ־וווסטזיין פון די ברייטסטע יידישע מאַסן. אויף דעם פאַקט פון דעם יידישער מדינה און איר ביישפּיללאָזער העלדישער פאַרטיידיקונג זעען מיר בחוש, צו וואָס פאַר אַ רעאַלן כוח עס קאָן אויסוואַקסן אַן אידעע, ווען זי באַהערשט די מאַסן.

אָבער לאָמיר געבן אַ קוק אויף אַ ווײַלע צוריק — ווי איז דאָס געוואָרן מעגלעך, אַז אַ פאָלק, זאָל אין אַזאַ קורצער צייט קענען אויפ־שטעלן אַן אייגענע אַרמיי — ביי די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען, — וואָס זאָל זיך אַקעגנשטעלן דער אינוואַזיע פון אַזוי פיל מלוכות, וואָס

ווערן נאָך דערצו געשטיצט פון אַ וועלט־מאַכט? ווער זיינען עס די דאָזיקע העלדישע יידישע סאָלדאַטן און פון וואַנען נעמען זיי זיך?

עס איז שוין כמעט געוואָרן אַ באַנאַליטעט דער זאָץ, אַז אין ארץ־ישראל ווערן אונזערע יידן אַנדערש, ווי דער מיטישער אנטעוס, וואָס באַקומט נייע כוחות, ווען ער קומט אין קאָנטאַקט מיט דער ערד. אין סאָציאָלאָגישע קאַטעגאָריעס הייסט דאָס: „דער מענטש, וואָס פאַרענדערט די נאַטור, פאַרענדערט זיך אַליין". מיר זיינען געווען עדות דערפון, ווי עס איז דערצויגן געוואָרן אין ארץ־ישראל אַ נייער דור יידן, אַ דור, וואָס האָט זיך שוין לכתחילה באַטראַכט פאַר דעם באַלעבאָס פון אָט דער ערד, אין וועלכער ער לייגט אַריין זיין בלוט און שוייס, פון אָט דער ערד, וועלכע ער פאַרעמט און גיט אַ ניי און בליענדיקן אויסזען, פון אָט דער ערד, אויף וועלכער עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ ניי לעבן אויף די פונדאַמענטן פון אונזער העלדישן אַמאָל קען מען נישט אָפּטרעטן, וואָס עס זאָל נישט פאַרקומען.

און צו אָט דעם דור נייע יידן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין פרייהייט און פאַר פרייהייט זיינען צוגעקומען די אַנטרינענע פון דעם גרויסן מבול, די עדות פון טיפסטער קנעכטשאַפט און פאַרטיליקונג. זיי, די מעפּילים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַלע גיהנומס און איבער אַלע גרענעצן און ימים, האָבן געבראַכט מיט זיך אַהער די צוואה פון דעם אויסגע־הרגעטן פאָלק אין גלות. זיי, וואָס האָבן נאָך אַזוי פיל וואָגלענישן און איבערמענטשלעכער פיין דערגרייכט דעם האָפן פון אַן אייגן לאַנד, זיי וועלן נישט אָפּטרעטן, פאַר זיי איז קיין צוריק נישטאָ.

דער דור פון פרייהייט און די אַנטרינענע פון דעם גרויסן אומקום בילדן צוזאַמען אַן אַמאַלגאַם. (געמיש פון מעטאַלן), וואָס צעשמעלצט זיך נישט אין די העכסטע טעמפּעראַטורן. אָט דער געמיש פון איינגעבוירענער פרייהייט און דאָס באַוווסטזיין, אַז קנעכטשאַפט באַדייט טויט, איז די סיבה דערפון, וואָס העלדישקייט איז אין דער נייער יידישער אַרמיי נישט קיין אויסערגעוויינלעכע זאַך, נאָר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַ טאָג־טעגלעכע און מאַסן־דערשיינונג. און עס קאָן אויך אַנדערש נישט זיין, אַזאַ אַרמיי מוז זיגן, ווי שטאַרק עס זאָל אויך נישט זיין דער שונא. אַזאַ אַרמיי קען נישט מנצח זיין.

אַ באַגעגעניש מיט יידישע „פריטצעס"
אין רוסלאַנד אין יאָר 1943

אַ וואָך נאָך דעם דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד אין יאָר 1941 בין איך אַוועק פון מיין היים־שטאָט קאָלאָמיי צוזאַמען מיט אַ גרופע רוסן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט אַלס דאָקטער. ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קיעוו, האָט מען זיך שוין דאָרט אויך אָנגעהויבן צו פּאַקן און מיר זענען געפאָרן ווייטער קיין מזרח ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַזאַן — די הויפּט־שטאָט פון דער טאַטאַרישער רעפּובליק. איך האָב זיך אָפּ־געשטעלט אין קאַזאַן, וואו איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס דאָקטער־פּסיכיאַטער. דער דאָזיקער אַנשטאַלט האָט אַ ספּעציעלן אינטערעס דער־מיט וואָס צוזאַמען מיט גייסטיק קראַנקע זענען דאָרט אויך געווען „פּאָליטיש־קראַנקע", ד"ה פּאָליטישע „פאַרברעכער" וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס „גייסטיק קראַנקע".

מיין אַרבעט אין דעם דאָזיקן אַנשטאַלט האָט מיר געגעבן אַ מעג־לעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע טראַנספּאָרטן פון מלחמה געפאַנגענע. פון צייט צו צייט בין איך צוזאַמען מיט אַ פּאָר רוסישע דאָקטוירים געשיקט געוואָרן צו אַ גרויסער באַן סטאַנציע הינטער קאַזאַן וואו מיר האָבן אַדורכגעקוקט די געפאַנגענע. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו סעפּאַרירן די שווער־קראַנקע און זיי שיקן אין שפּיטאָל. די אַנדערע געפאַנגענע האָט מען געשיקט ווייטער — קיין סיביר. אַלע טראַנספּאָרטן זענען געווען פאַרלייזיקט און אַ היפּשע צאָל מלחמה גע־פאַנגענע האָבן שוין געהאַט פלעק־טיפוס ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין קאַזאַן.

איך געדענק איצט נישט גענוי דעם טאָג, עס איז געווען ערגעץ אָנהויב אָדער אין דער מיט פון חודש מאַי 1943. מען האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז איך וועל אָנטיילנעמען אין אַ בריגאַדע פון דאָקטוירים, וואָס וועט באַגעגענען אַ טראַנספּאָרט פון געפאַנגענע „„פּריטצעס" (די רוסן האָבן אַלע דייטשן געגעבן דעם צונאָמען פריץ). דאָס איז געווען נאָך דעם ווי די אונגאַרישע דיוויזיעס האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה אונטער וואָראָניעזש, זיי האָבן זיך אַלע אונטערגעגעבן.

ווען איך האָב דערזען דעם נייעם טראַנספּאָרט פון „פּריצעס" בין איך פאַרציטערט געוואָרן. איך האָב דערזען צווישן די געפאַנגענע הונ־

דערטער און הונדערטער פון אונדזערע יידן פון פּאָדקאַרפּאַטסקאַיאַ רוס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום מונדירן, זענען געווען אין זייערע אייגענע מלבושים: פּעלצלעך און מאַנטלען ווי יידן האָבן געטראָגן אין דער היים, אין קאָלאָמיי און אויך אין דער אַנדערער זייט פון די קאַרפּאַטן, אין אַלע שטעטלעך אַרום מונקאַטש און כוסט. זיי האָבן מיך אַלע אַרומ־גערינגלט און אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר יידיש. איך האָב קודם נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי האָבן זיי געוואוסט, אַז זיי קענען רײדן צו מיר יידיש. און דאָ האָב איך דערזען, אַז איך האָב דאָך איינגעוויקלט אַ שטיקל ברויט אין דער יידישער צייטונג „איינקייט״ (אַרויסגעגעבן דעמאָלט דורכן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט). זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זענען געווען אַרבעטס־בריגאַדעס, וואָס האָבן געטאָן צוואַנגס־אַרבעט פאַר דער אונגאַרישער אַרמיי. זיי האָבן געמוזט גראָבן טרענטשעס און בויען באַפעסטיקונגען פאַר די מאַדיאַרן אויף דעם רוסישן פראָנט. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט זייערע פייניקער. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען באַהאַנדלט זיי פּונקט אַזוי ווי די מונדירטע אונגאַרישע סאָלדאַטן. יעדער האָט דאָך געקאָנט זען, אַז זיי האָבן נישט געקעמפט קעגן דער רויטער אַרמיי, נאָר זענען געווען צוואַנגס־אַרבעטער.

אין זייער נאַאיוון גלויבן, אַז מען קען אויפקלערן זייער מצב ביי דער קאָמאַנדע (אָנפירונג) האָבן זיי זיך געמוזט אַנטוישן. עס האָט גאָר־נישט געהאָלפן, עס איז נישט געווען צו וועמען צו רײדן — זיי זענען „פריצעס״ און שוין!

איך געדענק, אַז איינער פון די רוסישע דאָקטוירים האָט אָנגעוויזן פאַרביי־גייענדיק, אַז דאָ האָבן מיר דאָך ציווילע לייט. ער איז אַליין געווען אַ „געזעסענער״ און האָט מיך געוואָרנט נישט צו רײדן צו פיל.

דאָס מאָל האָט מען די סעפּאַרירטע קראַנקע נישט געשיקט אין קיין שפּיטאָל. מען האָט זיי איינפאַך אַריינגעפּאַקט אין באַזונדערע וואַגאָנען און דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז ווייטער געגאַנגען צו די קוילן־שאַכטעס פון ניזשניטאַגיל אין אוראַל.

10 טעג נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש בין איך אַליין קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס. איך בין מסתמא צו נאָענט געשטאַנען צו די יידישע „פריצעס״ און אַזוי ווי אַלע זענען געווען פאַרלייזיקט, איז געווען גענוג,

אַז איין קראַנקע לויז זאָל אַריבערקריכן צו מיר.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אַ סך בייגעטראָגן צו מיין קעגנערשאַפט צו דעם סאָוועטישן סיסטעם שוין דעמאָלט. איך האָב זיך שפּעטער דער־וואוסט, אַז די סאָוויעטן האָבן באַפרייט אַ סך געפאַנגענע, וואָס האָבן גע־שטאַמט פון אלזאַציע־לאָטרינגע און זענען געוואָרן אָנערקענט אַלס פראַנ־צויזן. זיי האָבן אויך באַפרייט פּאָליאַקן פון שלעזיע, וועלכע די נאַציס האָבן מאָביליזירט אַלס דייטשן. אין די דאָזיקע פאַלן האָבן זיך שוין די סאָוויעטן יאָ געמאַכט ווּיסנדיק, אפילו ווען די געפאַנגענע האָבן געטראָגן דייטשע מונדירן.

אָבער ווער האָט זיך געקאָנט אָננעמען פאַר די יידן? די יידישע שרייבער פון „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט"? זיי האָבן געוואוסט פון דער גאַנצער זאַך, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אָדער נישט געוואָגט עפּעס צו טאָן.

איידער איך האָב פאַרלאָזט רוסלאַנד בין איך געווען אַ פּאָר טעג אין טשערנאָוויץ. אין אָנהויב 1946 איז אין טשערנאָוויץ געווען אַ גרויסער יידישער קולטור־צענטער. דאָס מאָסקווער יידישער קונסט טעאַטער איז געקומען, יידישע שרייבער האָבן זיך באַזעצט דאָ (בלאָשטיין), און איך האָב זיך פון זיי דערוואוסט, אַז אַ טייל פון די יידישע מלחמה־געפאַנגענע האָט מען שפּעטער געשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין קיעוו און אַרטיקע יידן האָבן זיי צוגעוואָרפן שטיקלעך ברויט בגניבה. שוין דאָ אין אַמעריקע האָב איך באַגעגנט אין אַ פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל אַ פּאַציענט, וואָס איז געווען צווישן די יידישע מלחמה־געפאַנגענע פון אונטער וואָראָניעזש. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ערשט נאָך 12 יאָר האָט מען באַפרייט די, וואָס זענען לעבן געבליבן. עס זענען לעבן געבליבן ווייניקער ווי 10 פּראָצענט.

◈

אויסטערלישע און פסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע עלעמענטן אין באַשעוויסעס ווערק

אַריינפיר

עס איז אַ כלל גדול, אַז פסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע אָבסערוואַציעס קענען אַ סך צוהעלפן בעסער צו פאַרשטיין די פסיכאָלאָגיע פון פאַרשיידענע געשטאַלטן, מיט וועלכע עס באַגעגנט זיך דער פסיכיאַטער אין זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט און אויך אין לעבן. אַן ענלעכע זאַך קומט פאָר אין דער אימאַגינאַציע פון דעם שרייבער, ווען ער שאַפט זיינע געשטאַלטן אויף דעם סמך פון אָבסערוואַציעס, וואָס ער מאַכט, ווען ער באַגעגנט זיך מיט פאַרשיידענע „נאָרמאַלע״ מענטשן און ער פורעמט זיי דערנאָך איבער אין זיין פאַרשטעלונג בשעת דעם שאַפן אַ ווערק פון קונסט. וואָס גרעסער עס איז דער שרייבער, אַלץ מער אמתדיק זענען זיינע געשטאַלטן און אַלץ מער נאָענט צו דער ווירקלעכקייט אין אַ קאָנצענטרירטן און פאַרטיפטן פּסיכאָלאָגישן זין.

יצחק באַשעוויס־זינגער, וואָס איז אַ גאָט־געבענטשטער דערציילער, האָט זיך אין אַלע שאַפונגען באַנוצט מיט דעם דאָזיקן מעטאָד. דערצו האָט ער נאָך געשעפּט מיט ביידע הענט פון אונדזער רייכן פאָלקס־אוצר, פון די אַלע יאָרהונדערטער יידיש־העברעאישער פאָלקס־קולטור פון דעם אשכנזישן פעריאָד אין דער יידישער געשיכטע, וואָס איז כמעט שוין געקומען צו אַ סוף. (איך רעד דאָ וועגן דער „„יידיש־העברעאישער״ קולטור, וואָס איז אַ טייל פון יידיש, ווייל דער העברעאישער אשכנזישער טייל פון יידיש איז גאַנץ פאַרשיידן פון דעם ספרדישן מאָדערנעם העברעאיש, כאָטש איינס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם אַנדערן).

באַשעוויס האָט אויך געשעפּט פון דער חסידיש־לומדישער סביבה, אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן, באַזונדערס פון דער קבלה און מקובלים, פון די פשוטע פאָלקס־גלויבנס און אָבערגלויבנס. אַ סך האָט אים געהאָלפן זיין איינגעבוירענער חוש פאַר אָבסערוואַציע און היסטאָרישן אַנאַליז. ער אָבסערווירט מענטשן פון אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן. מיט זיין היסטאָריש־קריטישן בליק איז ער ווייט צוריקגעגאַנגען ביז צו די שחיטות פון כמעלניצקיס באַנדעס, ביז צום פיבער פון פאַלשן משיחיזם פון שבתי־צבי, די שבתי־צביניקעס און

פראַנקיסטן. באַשעוויס האָט מיט זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען געשאַפן אַזאַ ברייטע עפּאָפּייע פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אָנשרייבן עטלעכע גרויסע ביכער, כדי דאָס אַלץ צו אַנאַליזירן. אַזוי ווי אָבער איך האָב זיך פאַרגענומען אָנצושרייבן נאָר אַן אַרטיקל, מוז איך זיך באַגנוגענען מיט אָפּשטעלן זיך נאָר אויף אַ פּאָר געשטאַלטן. איך האָב אָבער נישט קיין ספק, אַז אַ סך אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען און ביכער וועלן נאָך קומען אין דער נאָענטער צוקונפט.

די געשטאַלטן, אויף וועלכע איך וועל זיך אָפּשטעלן, וועל איך אַרויסנעמען, דער עיקר, פון זיינע דערציילונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן צוטריטלעך פאַרן יידיש־לייענער אין עטלעכע זאַמלונגען אין דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער באַשעוויס האָט זיי געשריבן. דאָ קענען מיר אויך הנאה האָבן פון דעם ספּעציפישן יידישן לשון, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט זיינע העלדן אין דער לומדישער סביבה פון וואַרשע און אַרום וואַרשע פאַר דעם חורבן. אַזוי ווי באַשעוויס גייט נאָך זיינע טיפּן פון דער שארית־הפליטה, וואָס באַזעצן זיך אין אַמעריקע, ישראל און דרום־אַמעריקע, פאַרפעלט ער נישט זיי צו לאָזן ריידן מיט די אַמעריקאַניזמען, ראָמאַניזמען און מיט די מאָדערן־העברעאישע אויסדרוקן. טייל פון די דאָזיקע דערציילונגען זענען געשריבן אין דער פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג. די שפּראַך פון דעם מאָנאָלאָג איז פון איין זייט צוגעפּאַסט צו דער פּערזאָן און צו דער עפּאָכע פון דעם יידישן לעבן; פון דער אַנדערער זייט עפנט עס נאָך אַ פענצטער, דורך וועלכן מיר קענען זען דעם טיפערן באַטייט פון אַ סיטואַציע אָדער אַ געשעעניש.

ס'איז פאַראַן אַ היפּשער מהלך צווישן איינער פון די פריערדיקע זאַמלונגען פון דערציילונגען און איינער פון די לעצטע זאַמלונגען פון דערציילונגען „אַ קרוין פון פעדערן". ס'איז אַ מהלך נישט נאָר אין צייט, נאָר אויך אין ראַפינירטקייט און מייסטערשאַפט פון געשטאַלטיקן דעם מאַטעריאַל, און בפרט זיינע אויסטערלישע און פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע עלעמענטן.

גימפּל תם איז דער מאַזאָכיסט, וועלכער שטעלט זיך נישט אַנטקעגן די אַלע, וואָס חוזקן אָפּ פון אים, נאַרן אים אָפּ און מאַכן זיך פריילעך אויף זיין חשבון. נישט נאָר שטעלט ער זיך נישט אַנטקעגן, נאָר ער באַמיט זיך צו באַרעכטיקן זיינע פייניקער און טראַכט אַלעמאָל וויאַזוי צו

געפינען פאַר זיי אַ זכות. דאָס איז אַ גאַנצע קייט פון דערנידערונגען, וואָס הויבן זיך אָן נאָך אין די קינדער־יאָרן, ווען ער איז געווען אין חדר, ביז ער איז געוואָרן אַ חתן בחור און די „שטאָט״ אים געהייסן חתונה האָבן מיט אַ זונה, וואָס איז שוין שוואַנגערדיק אין פערטן חודש. ווען דאָס קינד ווערט געבוירן פינף חדשים נאָך דער חתונה גיט אים זיין ווייבל פאַרשיידענע נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע תירוצים און ער נעמט דאָס אַלץ אָן באהבה, כאָטש ער אַליין האָט זי קיינמאָל נישט מזנה געווען..

ווען ער פאַקט זי איינמאָל אין בעט מיט אַ מאַן, גייט ער צום רב, וועלכער הייסט גימפלען זי אָפּגטן, אָבער ווען דער רב רופט זי, לייקנט זי אָפּ די גאַנצע מעשה. גימפל האָט חרטה און ער זאָגט, אַז עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט... זיין „צוזאַמענלעבן״ מיט אָט דער זונה גייט אָן ווייטער אויף דעם זעלבן שטייגער: ווידער פאַקט ער זי — צופעליק — מיט דעם געזעלן פון דער בעקעריי, און זיי ריידן אים איין, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט און ער לאָזט זיך אָפּנאַרן, ווייל „אויב מען גלייבט נישט קיין מענטשן, קען מען דאָך אין גאָט אויך נישט גלייבן״...

ער „לעבט מיט איר״ ביז זי ווערט קראַנק און איז זיך צו אים מודה, אַז אַלע „זיינע״ זעקס קינדער זענען נישט „זיינע״ נאָר פון פאַר־שיידענע מענער. אַ נאָרמאַלער מענטש וואָלט נישט באַדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטן, ווייל אין דער אמתן האָט זי דאָך אים קיינמאָל צו זיך נישט צוגעלאָזט און ער האָט זי קיינמאָל נישט מזנה געווען.

דאָ מישט זיך שוין אַריין דער טייוול, וועלכער עצהט גימפלען משתין צו זיין אין דעם ברויט, וואָס ער באַקט אויס פאַר דער שטאָט, און אויף אַזאַ אופן זיך אָפּרעכענען מיט זיינע פייניקער און אָפּנאַרער. לכתחילה טוט גימפל דאָס, וואָס דער טייוול עצהט אים, אָבער נאָך אַ ווילע באַרעכנט ער זיך, אַז דורך אַזאַ שטות וועט ער פאַרלירן עולם הבא.

דער סוף איז, אַז גימפל באַשליסט צו באַגראָבן דאָס גאַנצע געבעקס אין וועלכער ער האָט אַריינגעגאָסן השתנה, ער צעטיילט זיין גאַנץ געלט צווישן די „קינדער״ זיינע, נעמט אַ זאַק אויף די פלייצעס און לאָזט זיך איבער דער מדינה אַפּריכטן גלות. ער וואַנדערט אַזוי פון קהילה צו קהילה, בעטלט, און יידן, רחמנים־בני־רחמנים לאָזן אים נישט הונגערן. און אַזוי גייט ער פון איין הקדש צו אַן אַנדערן, וואו ער פאַרברענגט

זיינע נעכט. ער נעמט אָן באהבה דאָס אָפּריכטן גלות, און ווען ער פילט, אַז דער סוף איז שוין נאָענט, דערציילט ער, אין דער פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג, זיין לעבנס־געשיכטע צו די אַנדערע תושבים פון דעם הקדש, אין וועלכן ער פילט, אַז עס וועט שוין קומען אַ סוף צו זיינע וואָגלענישן. ער איז גרייט; נאָר קודם וויל ער זיך אַראָפּריידן פון האַרץ.

די פאָרם פון מאָנאָלאָג האָט אַ גרויסע טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. דער ערשטער, וואָס קומט מיר אויפן געדאַנק איז אונדזער גרויסער קלאַסיקער שלום־עליכם. „טוביה דער מילכיקער" און „מאָטל פּייסי דעם חזנס" דריקן אויס זייערע געפילן און איבערלעבונגען אין דער פאָרם פון אַ גאַנצער ריי מאָנאָלאָגן. מנחם־מענדלס בריוו צו זיין ווייב שיינע־שיינדל זענען אין תוך אויך מאָנאָלאָגן.

אומקערנדיק זיך צו דער פּסיכאָלאָגיע פון גימפּל תם און זיין באַשלוס איבערצולאָזן פּריאַמפּאָל מיט זיין אייגענער בעקעריי מיט „זיינע" קינדער, איז כדאי אָנצוּווענדן „די טעאָריע פון סתירותדיקע סיגנאַלן" — „דהי דאָבל־ביינד טעאָרי" — (זע: „צוקונפט", אַפּריל 1977). גימפּל איז גאָר נישט אַזאַ תם, ווי עס וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטן (די ענגלישע איבערזעצונג אויף „גימפּל דהי פאָול" פאַרווישט אינגאַנצן די ניואַנסן פון דעם יידיש־העברעאישן וואָרט „תם", וואָס קען אָננעמען פאַרשיידענע באַטייטן — אָפּהענגיק פון דער סיטואַציע). ער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון פון אַלץ, וואָס די פּריאַמפּאָלער חברה־לייט טוען אָפּ צו אים און, ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, איז דער רב אויך אויף זייער זייט...

אין לויף פון די יאָרן האָט ער אָנגעזאַמלט אין זיך אַ גרויסע מאָס פון פאַרביטערונג, וועלכע ער האָט אָבער נישט געוואָגט אַרויסצוּווייזן. ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין דער גאַנצער שטאָט, נאָר ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי, ביז עס איז צו אים אין חלום געקומען דער שטן און האָט אים געזאָגט, ווי אַזוי ער קען זיך נוקם זיין... אַזוי ווי ער האָט זיך אָבער געפילט שולדיק פאַר אָפּטון אַזאַ זאַך, האָט ער געהאַט אַן אַנדערן חלום, אין וועלכן עס האָט זיך באַוויזן זיין טויט ווייב, די זונה, און האָט אים געזאָגט, אַז אויף יענער וועלט דאַרף מען ענטפערן און אָפּקומען פאַר אַלע שלעכטע מעשים, וואָס מען האָט געטאָן אויף דער וועלט. ער פילט ווי צוויי כוחות רייסן אים אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען, און כדי אויף ווייטער צו פאַרמיידן אַזאַ קאָנפליקט, גייט ער

פראַוועץ גלות ביז צום סוף פון זיין לעבן.

מען וואָלט זיך נאָך געקענט ווייטער אָפּשטעלן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון גימפּל תם, עס זענען אָבער דאָ נאָך אַ סך אַנדערע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס זענען פול מיט פּסיכאָלאָגישע און פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע מאָמענטן און עס וועט אין די ראַמען פון איין אַרטיקל זיין אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע.

וואָס איך וואָלט שוין דאָ געוואָלט אונטערשטרייכן איז, אַז מיט גלאַט פּסיכיאַטרישע אַנאַליז קען מען זיך נישט דערגרונטעווען צו דעם מהות פון באַשעפעניסעס שאַפן. לאָמיר נעמען, למשל, די דערציילונג „אַ קרוין פון פעדערן". מיר האָבן דאָ אַ שלל פון אויסטערלישע מאָמענטן, וואָס באַשעוויס האָט גענומען פון יידישן פאָלקלאָר, פון גלייבעכצן אין די טועכצן פון דער סיטרא־אחרא, פון לילית און די אַלע שדים, שרעטעלעך א. א. וו. דאָס איז ווידער פאַרפלאָכטן מיט די קולות פון אַסיאָס טויטן זיידן און פון טויטער באָבען, וואָס זי הערט זייער דייטלעך און זיי פאַר־טומלען זי, ווייל וואָס דעם טויטן זיידנס קולות הייסן איר יאָ טון, הייסן איר דער טויטער באָבעס קולות נישט טון. די דאָזיקע קולות זענען זיך סותר אַלע מאָל. דאָס אַלץ קומט פאָר אויפן פאָן פון דעם אַמאָליקן יידישן שטעטל אין פוילן, מיט דער שול, מקווה און הקדש, מיט דעם פריצישן הויף און דעם פריצס יידן, וואָס נעמען אין אַרענדע זיין לאַנד, פאַרוואַלטן דערמיט און פאַרזאָרגן דעם פריץ מיט מזומן; מיט די פאַרשיידענע יידן און יידענעס, ישיבה־בחורים א. א. וו.

דער דורכשניטלעכער פּסיכיאַטער, פאַר וועלכן עס איז אומבאַקאַנט די גאַנצע סביבה פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין די פּוילישע שטעטלעך און דערפער, וואָלט געהאַט ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר די אַלע פאָרמען פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע און די אַלע „קוראַציעס" וואָס די דעמאָלטיקע יידן האָבן גענוצט קעגן זיי. אַזאַ פּסיכיאַטער וואָלט מער נישט געקענט זען אויסער דעם פאַקט, אַז די הויפּט־פּערזאָן פון דער דערציילונג איז גייסטיק־קראַנק, ווייל זי ליידט פון האַלוצינאַציעס (די קולות), וועלכע זי באַטראַכט אַלס בשורות פון יענער וועלט. ער וואָלט געמאַכט דעם דיאַגנאָז פון סכיזאָפרעניע און דערמיט וואָלט די זאַך פאַר אים געווען פאַרענדיקט. עס איז אָבער דאָ אַ צווייג פון פּסיכיאַטריע, וואָס רופט זיך עטנאָ־פּסיכיאַטריע („עטנאָס" איז דאָס גריכישע וואָרט

פאַר פאָלק). אָט די עטנאָ־פּסיכיאַטריע לייגט דווקא גרויס אַכט אויף די גלויבנס פון יעדן שבט און פאָלק און ווי אַזוי זיי פּרוּווּן צו פאַרשטיין פאַרשידענע נישט־נאַטירלעכע אָדער אומגעוויינטלעכע פּסיכישע דער־שיינונגען. פאַר אַ יידישער עטנאָ־פּסיכיאַטריע זענען באַשעוויסעס ווערק ממש אַ גאָלד־גראָבן, ווייל עס זענען היינט צו טאָג כמעט מער נישטאָ די פּרימיטיווע יידישע אשכנזישע פאָלקסמאַסן, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעוואַקסן זיינע ווערק.

אָט דערציילט אונדז באַשעוויס, אַז דער פריץ פון פּיליצע איז געווען אַ סעקסועלער פּערווערט, ער ווייסט, אַז זיין ווייב טערעזע שלאָפט מיט אַנדערע מענער. אָבער דאָס הויבט אים נישט אָן צו אַרן: פאַרקערט, ער האָט הנאה דערפון. און כדי צו שטייגערן זיין הנאה און אַזוי אַרום וועררן אַליין סעקסועל סטימולירט, הייסט ער איר איבערגעבן אים אַלע פּרטים פון אירע סעקסועלע איבערלעבונגען און מעשים מיט אַנדערע מענער און אויב עס לאָזט זיך אויס איר מאַטעריאַל פון אָט דעם סאָרט, הייסט ער איר אויסטראַכטן, ווייל דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס העלפט אים בייקומען זיין אייגענע סעקסועלע אימפּאָטענץ מיט איר און מיט אַנדערע פרויען (ז׳ 176, אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן „דער קנעכט״). פאַר אַ פּסיכיאַטער איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ פאַרבאָרגענע פאָרם פון האָמאָסעקסואַליזם. (אַן ענלעכע זאַך קומט פאָר אין דער דערציילונג „דער דריטער״).

אין דער דערציילונג „צייטל און ריקל״ (אַ מאָנאָלאָג), ווערט איבער־געגעבן וועגן אַ האָמאָסעקסועלער פאַרהעלטעניש צווישן צוויי פרויען (לעסביאַנישע באַציאונגען). די גאַנצע געשיכטע זעט אויס דער דערציילע־רין אַליין אומגלויבלעך, ווען נישט דער פאַקט, וואָס דאָס אומגעוויינטלעכע אויפפירעכץ פון אָט די צוויי פרויען זעט אויס וואָס ווייטער אַלץ מער אויסטערליש און אומגעוויינטלעך צו אַלע מענטשן פון דעם שטעטל, אין וועלכן קיין זאַך קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן פאַר די פאַרשעריש בליקן פון אַלע תושבים. דער סוף איז, אַז אי ריקל אי צייטל נעמען זיך דאָס לעבן, איינע נאָך דער אַנדערער. מסתמא איז דער דרוק פון דער סביבה געוואָרן צו שטאַרק פאַר זיי און זיי האָבן געמאַכט אַ פאַקט, אַז בײדע זאָלן זיך נעמען דאָס לעבן („סואיסידאַל פּאַקט״).

אָט האָבן מיר אַ געשיכטע פון אַ גראַטעוועטן ייִד, וואָס באַגעגנט

זיך מיט אַ פרוי, וואָס האָט אויך איבערגעלעבט היטלערס גיהנום און אין וועלכער ער פאַרליבט זיך באַלד אויפן אָרט. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? האָט אָבער די דאָזיקע פרוי אַ שוועסטער, וואָס האָט זיך אָפּגעראַ־טעוועט און לעבט ערגעץ אין טיף־רוסלאַנד, אין אַ משוגעים־הויז אין קוּיבישעוו. עס איז ערגעץ אין יאָר 1946, אין שטשעצין, וואָס די סאָוועטן האָבן עס „געגעבן" צו דעם נייעם פוילן. אָט די פרוי, אַ טאָכטער פון רייכע וואַרשעווער חסידישע עלטערן, וואָס זענען אומגעקומען צוגלייך מיט אַלע וואַרשעווער יידן, האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף דעם דער־ציילער פון דעם מאָנאָלאָג, אַז ער האָט אויפגעגעבן זיין פּלאַן זיך צו לאָזן גיין קיין פּאַלעסטינע אויף אַן אומלעגאַלן וועג, נאָר טון דאָס, וואָס אָט די פרוי, דאָרע, האָט פון אים פאַרלאַנגט: גנבענען די גרענעץ קיין ראַטנ־פאַרבאַנד און לאָזן זיך גיין צוריק קיין מזרח, כדי צו געפינען איר שוועסטער אין קויבישעוו... דער דערציילער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אַזאַ זאַך איז פאַרבונדן נישט נאָר מיט אויסערגעוויינטלעכע סכנות, נאָר פּראַקטיש גענומען, האָבן זיי נישט די קלענסטע אויסזיכטן צו געפינען אָט די שוועסטער. דער דערציילער איז ווי פאַרהיפּנאָטיזירט פון דער דאָזיקער האַלב־מטורפער פרוי. ער שמוגלט זיך דורך אַלע גרענעצן צוזאַמען מיט איר, געפינט די שוועסטער, וואָס איז נאָך מער מטורף, און זאַלבעדריט קומען זיי אָן אין פּאַריז, וואו זיי באַזעצן זיך אין איין וואוינונג („אַ געשיכטע פון צוויי שוועסטערן"). מיט דער ערשטער שטעלט ער אַ חופּה נאָך אין דייטשלאַנד, נאָר עס לאָזט זיך אויס, אַז די אַנדערע וויל אויך נישט פון אים אָפּטרעטן... אָבער דאָס דאָזיקע דריי־עק קען לאַנג נישט אָנהאַלטן, ער פאַרלירט די גלוסטונג צו זיי ביידן און זיי צו אים — ביז עס מישט זיך אַריין אַ שד און ער פאַרלאָזט ביידע שוועסטערן אין מיטן פון אַ קאַלטער פרילינג־נאַכט...

אַזעלכע דערציילונגען זעען מער נישט אויס אַזוי אויסטערליש, ווען מען דערציילט זיי אויפן פאָן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער צערודערונג אין דעם נאָך־מלחמהדיקן אייראָפּע, נאָך דעם ווי „שיקל־גרובער און דזשוגאַשווילי האָבן צוריקגערוקט דעם זייגער פון דער געשיכטע מיט צען טויזנט יאָר..."

די פּערסאָנאַזשן פון באַשעוויסעס ראָמאַנען און דערציילונגען זענען די פּוילישע יידן פון אַמאָל און פון דער שארית־הפליטה פון היינט צו

טאָג. ער איז אַ רעאַליסט אין דעם טיפערן זין פון וואָרט. ער האָט אַן אויג נישט נאָר פאַר דעם רעאַלן, ווירקלעכן לעבן פון וועלכער עס איז עפּאָכע, נאָר אויך פאַר דעם מיסטעריעזן, מיט וועלכן זיי האָבן געלעבט, און אויך פאַר דעם סעקסועל־פּאַטאָלאָגישן, וואָס אונדזערע קלאַסיקער זענען נישט געווען דרייסט גענוג עס צו באַשרייבן.

= ◍ =

אין דעם „אידישן קעמפער״ פון 13 אַפּריל, 1979, איז אָפּגעדרוקט אַ טייל פון מיין אַרבעט: **„די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון קאַרל מאַרקס״** מיט דער פאָלגנדיקער באַמערקונג פון רעדאַקטאָר:

„דאָס געשטאַלט פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט באַקומען השפעה אויף אַ האַלבער וועלט, אינטריגירט כסדר; ובפרט נאָך ווען מיר, אידן, האָבן מיט „אים״ אַ מין אייביקן חשבון. מיר דרוקן דערפאַר קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן אים, געשריבן פון **ד״ר יצחק קאַנטער**. דער מחבר, אַ יידישער שרייבער און קריטיקער נאָך פון פאַר־מלחמהדיקן פוילן, איז אַ פּסיכיאַטער פון באַרוף. דער המשך פון זיין אַרבעט, וועלכע פאַרנעמט ביי אים אַ גאַנץ בוך, וועט קומען אין אַ ווייטערדיקן נומער.

אגב: די ישראלדיקע צייטונג „על המשמר״ האָט לעצטנס געדרוקט אַ לאַנגע סעריע עסייען (פון ישראל רינג), אין וועלכע דער מחבר איז געקומען צו די זעלביקע אויספירן — הגם זי איז פאַרעפנטלעכט אין אַ „מאַרקסיסטיש־געשטימטער״ אויסגאַבע. מיר מוזן דערפאַר באַוואָרענען, אַז די אַרבעט אין אונזער זאַמלבוך איז נאָך געווען אין אונזער האַנט איידער דער ישראלדיקער מחבר האָט פאַרעפנטלעכט זיינע״.

אינהאַלט

אריינפיר 5
די כאַראַקטעראָלאָגישע באַדייטונג פון שלום עליכמס טיפּן 17
יידישער כאַראַקטער און יידישער גורל 33
אַ באַמערקונג צו חיים ליבערמאַנס אַרטיקל 47
די ביאָלאָגישע און טראַדיציאָנעלע פאַקטאָרן פון דער יידישער עטיק 53
טיפּן-פּסיכאָלאָגיע און ראַסן-פּסיכאָלאָגיע 66
אויף וויפל געהערט די „יידישע נערוועזישקייט" צום פאָלקס-כאַראַקטער 79
די קאָנסטיטוציאָנעלע טיפּן אַלס טרעגער פון ביאָ-פּאַטאָלאָגישע אייגנשאַפטן בײַ יידן 91
דער יידישער פאָלקס-כאַראַקטער 102
פאָלקס-כאַראַקטער און פאָלקס-שאַפונג 115
די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון יידישן וויץ 126
„פידלער אויפן דאַך" האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט די יידישע נשמה 133

צווייטער חלק
פאַלשע משיחים בײַ יידן

די „פּאַטאָגראַפיע" פון שבתי-צבי: אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם פאַלשן משיח 143
די פּסיכאָ-פּאַטאָלאָגיע פון קאַרל מאַרקס 155
„דאַס קאַפּיטאַל" — מאַרקסיזם און זײַנע יורשים: לעניניזם און סטאַליניזם 196
מאַרקס און ענגעלס פון אַ קליניש-פּסיכיאַטרישן קוק-ווינקל 208

דריטער חלק
דער חורבן פון 1939-45

די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַנטיסעמיטיזם 215
דער וויסנשאַפטלעכער יידן-פרעסער ע. ר. יענש און זײַן געדאַנקען-וועלט 225
לאָמיר לערנען פון דער געשיכטע ! 237
דער מענטש און די דײַטשע פאַבריקן פון טויט 243
די חורבן-ליטעראַטור און די גרונט-פּראָבלעמען פון יידישן קיום 259
אַ פּאָר טעאָריעס וועגן יידישן כאַראַקטער 266
געשיכטלעכער און פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז 278
די קרבנות פון טויטן-לאַגערן און געטאָס 291
דער מאַראַנאָ-סינדראָם 305

דער דריטער חורבן און די פּסיכאָ-אַנאַליטישע אינטערפּרעטאַציעס 316
פֿאַקטן פֿון מאַרטירערטום און אומקום פֿון די סאָוועטיש-יידישע שרייבער 329
די איינזאַמקייט פֿונעם גרעסטעוועטן פֿון חורבן 335

פערטער חלק

עסייען, רעצענזיעס, אַרטיקלען

די גרויסע טעמע אין דער דיכטונג 345
מנחם-מענדל און דאָן קישאָט 349
פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן אין דער געטאָ-ליטעראַטור 355
דער פּרצוף פֿון דער דייטשער וויסנשאַפֿט 360
די אַקטועלסטע אויפֿגאַבע פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט אין אונזער צייט 369
לאָמיר פֿאָדערן אַ שטראָף אויך פֿאַר די טעאָרעטיקער פֿון פֿעלקער-מאָרד! 372
די דיאַלעקטיק פֿון דער געטאָ-פּסיכאָלאָגיע 376
דער קינסטלער און זיין מאַסקע 379
די איך-דיכטונג און די מאַסן-קונסט 383
מעדיצינישע טעמאַטיק אין דער דיכטונג 389
וואָס קען אונדז געבן דער סאָציאָגראַפֿיש-סינטעטישער מעטאָד ? 393
קאַטאַסטראָפֿאַלע איבערלעבונגען און די ליטעראַטור 399
חלום און געלעכטער 403
ישראל אשענדאָרפֿ׳ס „ווײ און וואַנדער“ 411
אברהם זאַק׳ס וואָגל און וואַנדער לידער 415
אַ ניי בוך וועגן יידישער פּיין און גבורה 420
קרעפּטיקע, בילדערישע פּראָזע 423
גרונטשטריכן פֿון דער יידישער פֿילאָזאָפֿיע 426
„דער זין פֿון לעבן“ — אַדלער׳ס לעבנסווערק 430
אַ בריוו פֿון לאָדזש — 1948 434
די יידישע ליטעראַטור מוז זיין אַן איינהייטלעכע 439
י. ל. פּרץ, דער הומאַניסט 443
דער גייסט פֿון יידישן סאָלדאַט 445
אַ באַגעגעניש מיט יידישע „פּריטצעס“ אין רוסלאַנד אין יאָר 1943 447
אויסטערלישע און פּסיכאָ-פּאַטאָלאָגישע עלעמענטן אין אַבֿשעוויסעס ווערק 450